STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01146

SHRAYBER FUN MAYN DOR

Shlomo Bickel

Permanent preservation of this book was made possible
by daughters, Ruth & Sadie
in memory of
Bessie Feinstein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרייבער
פון
מיין דור

שרײַבער פון מײַן דור

פון

שלמה ביקל

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „מתנות"
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט.

SHREIBER FUN MEIN DOR

WRITERS OF MY GENERATION

Copyright, 1958
by
SHLOMO BICKEL
New York, N. Y.

שער־בלאַט געצייכנט פון מ. ע. וויינער

Published by
FARLAG MATONES
41 Union Square
New York 3, N. Y.

Printed in U.S.A., by
Futuro Press, New York, N. Y.

200

ש ל מ ה   ב י ק ל

אינהאַלט

זייט

אַריינפיר — 7

איידער כ'הייב אָן

מיינע עיקר אידייען (ביי אַ יום־טוב מסיבה) — 11
אַ תפילה פאַר וואָרט־זאָגער — 16
פעטראַרקאָס ליד — 19

I

יוסף ראָלניק — 29
משה לייב האַלפּערן — 35
אליעזר שטיינבאַרג — 45
ישראל שטערן — 52
א. לוצקי — 58
מיכל ליכט — 63
ה. לייוויק — 68
א. לעיעלעס — 84
אפרים אויערבאַך — 98
יעקב גלאַטשטיין — 108
אהרן צייטלין — 121
איציק מאַנגער — 133
אליעזר גרינבערג — 144
ל. פיינבערג — 148
שמואל יעקב אימבער — 152
ישראל אַשענדאָרף — 160
נחום באָמזע — 166
אריה שמרי — 170
יעקב פרידמאַן — 175
אברהם סוצקעווער — 181

II

חיים זשיטלאָווסקי — 195
א. קאָראַלניק — 203
מנחם באָריישאָ — 208
ד"ר א. מוקדוני — 215

נ. ב. מינקאָוו — 222
יעקב שאַצקי — 231
ש. ניגער — 239
חיים גרינבערג — 256

III

אברהם רייזען — 269
25 יאָר יידישע פּראָזע אין אַמעריקע — 278
נאַציאָנאַלע מאָמענטן אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור 287
יוסף אָפּאַטאָשו — 304
י. י. זינגער — 317
ש. מיללער — 327
ברוך האַגער — 334
ש. בערלינסקי — 339
ב. רעסלער — 345
י. מעצקער — 349
רחל קאָרן — 354
י. באַשעוויס — 358
חיים גראַדע — 366

פאַרצייכענונגען

שלום אַשס סטיל — 377
דער יידיש־שרייבער ז. שניאור — 382
לייוויקס מהר״ם געשטאַלט — 386
נבואה און ליריק — 388
פרידריך שילער און אונדזערע יידישע מאַמעס — 390
סיבורג, קראַוז און היינע — 397
וועגן פּאַמפלעט־שרייבער — 405
דער זיידענער עדות — 407
פריד וויינינגער — 410
גראָסבאַרטס רעציטאַציעס — 412
קללה און ברכה — 414
שעפערישער מענטש און געשיכטע — 414

דער נאָמען פֿונעם בוך איז „שרייבער פֿון מיין דור״ אָן דער ה׳ הידיעה. דאָס מיינט אַז דאָס בוך גייט ניט אַריין אין רשות פֿון ליטעראַטור־געשיכטע און איז אויסן צו בלייבן בלויז אין גדר פֿון ליטעראַטור־קריטיק.

מיין כוונה איז נישט געווען צו פֿאַרבינדן די שרייבער־געשטאַלטן אין בוך דורך אַ סיפּור המעשׂה, וואָס זאָל אַרויסברענגען די היסטאָרישע שייכותן צווישן זיי, כ׳מיין, דעם עפּאָס פֿון זייער קרובהשאַפֿט און די דראַמע פֿון זייער ווידעראַנאַנדיקייט (אין אַ געוויסער מאָס איז דער היסטאָרישער סיפּור המעשׂה דאָך פֿאַראַן אין דעם סדר פֿון די „שרייבער פֿון מיין דור״, וואָס איז כמעט אַ כראָנאָלאָגישער).

איך האָב אינזינען געהאַט איבערצוגעבן נישט מער ווי דאָס דיכטעריש, בעלעטריסטישע און עסייאיסטישע קול פֿון אַ טייל פֿון מיינע ברי־דער־שרייבער, ווי איך האָב עס דערהערט און פֿאַרצייכנט מיט מיינע אייגענע מוזיקאַלישע צייכנס. איך שטרייך אונטער אַז בלויז פֿון אַ טייל פֿון מיינע ברידער, וואָרים נישט אַלעמאָל איז אין דעם הור־האָ פֿון האַוועניש און פֿון פֿאַרטועניקייט און אַרבעטן, וואָס מוזן געמאַכט ווערן, געלונגען צו פֿאַר־צייכענען אַ קול פֿון אַ ברודער, וואָס איז וואָך אין מיין געמיט און רייסט זיך ממש צו דער פּעדער.

איך באַדויער באַזונדער, וואָס עס פֿעלן צווישן די פּאָעטן מאַני לייב ז״ל, און חיים גראַדע יבדל לחיים, ווייל זייערע קולות זיינען פֿון די נאָענטע צו מיין געמיט און איך פֿיל אין מיר אַ מאָנונג וועגן זיי. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע פּאָעטישע און בעלעטריסטישע שטימען, וואָס איך האָב דווקא יאָ פֿאַרצייכנט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט אַז איך זאָל זיי קענען לאָזן הערן אין מיין איצטיקן בוך, וואָס איז שוין געווען אויסגעפּלאַנירט און אָפּגעשלאָסן זינט חדשים.

זיי אַלע וועלן געפֿינען פּלאַץ אין אַ דריטער זאַמלונג ליטעראַרישע עסייען, וואָס וויפֿיל מען זאָל אויף איר נישט דאַרפֿן וואַרטן, וועט זי זיין געניגט פֿרי און צו דער צייט, אויב עס וועט דערהערט ווערן אונדזער תּפֿילה פֿאַר יאָרן פֿון לעבן און פֿאַר אַביסעלע געזונט אויף צו קענען איבער־טראָגן ס׳לעבן.

אַ דריטע זאַמלונג, האָב איך געזאָגט? יאָ! ווייל דאָס איצטיקע בוך איז דאָס צווייטע אין דער ריי נאָך מיין ערשטער זאַמלונג ליטעראַרישע עסייען, וואָס איז אַרויס מיט איבער פופצן יאָר צוריק אונטערן נאָמען „דעטאַלן און סך־הכלען". און, לדידי, באַטראַכט איך די „שרייבער פון מיין דור" נישט בלויז פאַר אַ צווייטער זאַמלונג, נאָר אויך פאַר אַ צווייטן באַנד פון „דעטאַלן און סך־הכלען". אַ צווייטער באַנד דערפאַר, ווייל ווי יענער ערשטער פון 1943 איז אויך דער איצטיקער פון 1958 אַ פּרואוו פון צונויפצוברענגען אין איין בוך אי סך־הכלדיקע פּאָרטרעטן פון שרייבער און אי אַנגעוואָרפענע אַנאַליטישע דעטאַלן וועגן ווערק און מחשבה־פראַגמענטן אַרום ליטעראַטור, וואָס אַלע אינאיינעם ווערן זיי פונדעסטוועגן ערגעצוואו אַ גאַנצקייט, נישט בלויז אין דעם געמיט פונעם מחבר, נאָר אפשר אויך פונעם לייענער, ווען ער דערשפּירט אַז סיי די סך־הכלען און סיי די דעטאַלן אין בוך זינגען איין און דעמזעלביקן ניגון, דעם עסייאיסטישן ניגון, וואָלט איך געזאָגט, פון גלויביקן צווייפל און פון דיסטאַנצירטער נאָענטקייט.

* * *

איך וויל אָפּשליסן מיינע אַריינפיר־ווערטער מיט אַ דאַנק צו מיין נאָענטן חבר ליפע לעהרער (אידענטיש מיטן פאַרלאַג „מתנות") פאַר זיין געטרייער הילף ביים צוגרייטן און אַרויסגעבן דאָס בוך.

נאָוועמבער 1958

ש. ב.

איידער כ׳הייב אָן...

מיינע עיקר אידייען

(ביי אַ יום־טוב־מסיבה)

עס ליגט אין דער מענטשלעכער נאַטור זיך צו דערפילן פרייער נאָכן דאַנק, אַפילו ווען דער דאַנק ווערט אָפּגעצאָלט בלויז אין ווערטער. אַפילו אַט דער סאַמע לייכטסטער דאַנק אין ווערטער מאַכט פריי דעם מענטשנס וועג צו זיך.

איז, אַז איך האָב אָפּגעדאַנקט מיינע חברים דאָ אויף דער טריבונע, פיל איך די פריישאַפט צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די עיקר־אידייען, אָדער בעסער געזאָגט, פיקסע אידייען, וואָס האָבן מיך באַהערשט ווי אַ שרייבער. ווען דאָס פאָלקס־ווערטל זאָגט: יעדער שגעון האָט זיך זיין מענטש, האָט עס אין ערשטער ריי געמיינט דעם מענטש, וואָס פּראָוווט זיך מיט זיין וואָרט פון געדאַנק, פון דמיון, אָדער מיט זיין פּינזל, מיט זיין דאַלאָטע און מיט מוזיקאַלישע צייכנס נאָכצוטאָן דעם געטלעכן בראשית ברא.

די הויפּט־אידייע, וואָס איז קיינמאָל נישט אָפּגעטראָטן פון מיין פּען, סיי ווען איך האָב געפּראָוווט עפּעס דערציילן און סיי ווען כ׳האָב געפילט דאָס באַדערפעניש פון השתפכות־הנפשדיקער נאָכטראַכטעניש אין דער עסיי, אָדער ווען כ׳האָב געמאַכט קריטישע באַמערקונגען איבער ביכער און שרייבער, צי גאָר ווען איך בין געגאַנגען אויף די באַריקאַדעס פון פּובליציסטישן קאַמף — ביי אַלע די דאָזיקע „ווענס" מיט מיין פּעדער איז אַלעמאָל געווען מיין הויפּט־ציל צו שאַפן אין זיך אָרדענונג צווישן דעם יחידישן שטאַלץ און דער צוגעבונדנקייט צום כלל. מ׳קאָן די אידייע באַצייכענען נישט בלויז ווי יחיד און כלל, נאָר אויך ווי די אידייע פון פרייען געדאַנק פון איין זייט און פון אַריינגעטוענקייט אין דעם עול פון כלל־מצוות און פון פילן זיך זיכער אין דער וואָרעמער נעסט פון מיין פאָלק און מיין לאַנד, פון דער אַנדערער זייט.

די יחידיש־פרייע מחשבה בונטעוועט זיך קעגן דער אומקריטישער כללישקייט פון געדאַנק, קעגן דעם המונישן, ביי אַלעמען גלייכן און ביי אַלעמען דער זעלבער „מע" פון טראַכטן און פילן, שוין אָפּגערעדט פון דעם זעלבן „מע" פון דרויסנדיקער ציוויליזאַציע.

מיינער אַן עלטער־זיידע האָט מיט זיבעציק יאָר צוריק אין קאָלאָמיי

אָפּגעגעבן זיין שטימע פאַרן אַסימילאַטאָר ד״ר עמיל ביק פון לעמבערג און נישט פאַרן ווינער רב ד״ר יוסף שמואל בלאָך, ווייל — בלאָך איז געווען די היסטעריע פון אַלע יידן. פאַר בלאָכן האָבן מתפלל געווען די מאַנצבילן אין די קלויזן און די ווייבער האָבן געלייגט קנייטלעך און געמאָסטן די קברים, וואָרעם אויב דער פאַרלאַמענט־דעפּוטאַט וועט חלילה זיין ד״ר ביק, „וועט מען נישט טאָרן מל זיין די קינדער״.

איז דער זיידע אַרויסגעטראָטן קעגן דער היסטעריע, קעגן אָט דער, ווי ער האָט עס אָפּן גערופן, טשערעדע פון מחשבה און רגש און ער האָט אָפּן געזאָגט, אַז ער וועט שטימען פאַר ביקן, ווייל — אדרבא, מען וועט נישט לאָזן יידן מקיים זיין אַ יסודותדיקע מצווה, וועט דאָך זיין אַ שעת הכושר פאַר מסירות נפש, פאַר באַנייען די קראַפט פון יידישער גבורה, יעדער ייד פאַר זיך אַליין און מיטן אייגענעם כוח. און דער זיידע האָט דערנאָך דערפאַר זיך היפּש אָנגעליטן פונעם המון.

אָבער אָן אַ שטיק כלל־היסטעריע אין זיך — טראַכט איך — באַוועגט זיך דעם יחידס לעבן אין אַ חלל. עס באַפרידיקט אפשר דעם יחיד די אילוזיע פון אַ פרייען פויגלישן געדאַנקען־פלי, אָבער ס׳פעלט אים די בענקשאַפט, די ליבשאַפט; עס פעלט אים די אָן־קשיותדיקע פאָלקס־ממשות און פאָלקס־נשמה, וואָס אָן איר איז נישטאָ קיין בענקשאַפט, קיין ליבע, קיין גייסטיקע טעמפּעראַטור, און אָן איר הערט אויף די דערגרייכונג פון מאָראַל און שיינ־קייט צו האָבן אַ זין.

ווי זייער האָט דאָס געפילט מיין יחידיש־קאַפּריזנער, געדאַנקלעך־שטור־מישער זיידע, ווען ער האָט זיך, אַ פאַררוקטער אין דעם ווינקל פון זיין מרידה קעגן כלל, געבעטן ביי הערשל, דעם רוסישן, ער זאָל אים אַריינזינגען אין האַרץ אַ פייערדיקן נוסחדיקן נעילה־קדיש. דאָ־אָ, האָט דער זיידע צע־כראַסטעט די ברוסט און געמאָנט ביי הערשלען דווקא דאָס געזאַנג, וואָס איז ביי אַלעמען אָנגענומען און איז אַלעמענס געפילס־היסטעריע.

אין לעבן איז שווער צו דערגרייכן די האַרמאָנישקייט פון יחידישער און כללישער איבערלעבונג. עס איז שווער צו פאַרלאָטען דעם ריס ביי די, וואָס ווערן באַוואוסטזיניק פון דעם ריס. און דער ריס ענדיקט זיך אָפט טראַגיש, אַזוי טראַגיש ווי ער האָט זיך פאַרענדיקט ביי מיין זיידן.

איך, דעם זיידנס אייניקל, האָב אויף וויפל מיינע כוחות האָבן געגרייכט, געפּרואווט מיט מיין יידיש וואָרט אין מיינע עסייען, אין מיינע דערציילערישע עסייען, אין מיין ליטעראַטור־קריטיק און אויך אין מיינע פובליציסטישע מאמרים, צו פאַרלאָטען דעם ריס און צו שאַפן האַרמאָניע צווישן יחיד און כלל אין זיך און אין די געשטאַלטן, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט.

מיינע יידן פון „אַ שטאָט מיט יידן״, מיינע דאַוונענדיקע יידן אין ניו־

יאַרק, מיינע יידן אין דאָרף און אַלע מענטשן פון די עסייען פון יידישן טרויער — זיי זיינען צו דער זעלבער צייט אי מיט דער שטאָט און מיטן דאָרף און אי קעגן אַ שטאָט מיט יידן און קעגן אַ דאָרף מיט יידן. די זיינען יידן פון געזעלשאַפטלעכער הכנעה אָן קשיות און גלייכצייטיק יידן פון ברויזנדיקער יחידישער רעבעלישקייט.

אַזוי האָב איך געזען אַלע מיינע יידן אין אַ שטאָט מיט יידן און אויך די יידן אין דאָרף און אַזוי האָב איך געוואָלט זען מיך אַליין וואַנדלען אויף דער שאַרף נישט פון אַ מעסער, נאָר פון אַן איינשטילנדיקן סקעפּטישן שמייכל צווישן יחיד און כלל, צווישן פרייען געדאַנק און עול פון כללישע געבאָטן.

איך זאָג סקעפּטישער שמייכל, ווייל דאָס איז איבער דער לענג פון די עטלעכע ביכער מיינע דער הויפּט־כלי־זין, מיט וועלכן איך האָב געפּרואווט באַרואיקן זיך און די אַלע געשטאַלטן, וואָס וועגן זיי האָב איך נאָכטראַכטעריש דערציילט אין מיינע עסייען.

דעם דאָזיקן סקעפּטישן שמייכל האָט, דאַכט זיך, צום בעסטן פאָרמולירט מיינס אַ גימנאַזיע־לערער, ווען ער האָט געזאָגט: מיינע טייערע תלמידים, גלויבט נישט אַז ס׳זיינען דאָ גנבים אויף דער וועלט, די מענטשן אַליין גנבענען.

אָט דעם אמת טראָג איך אין מיין געמיט אין משך פון מיין גאַנצן באַוואוסטזיניקן לעבן און — ער העלפט נישט בלויז זיך אַרויספּלאָנטערן פון מאָראַלישע און געדאַנקלעכע ריסן, נאָר ער העלפט אויך ברענגען רו, די רו פון קענען אַ מינוט לאַנג אַ קילן שמייכל טאָן איבער זיך אַליין, נאָכדעם ווי מען האָט זיך אַ מעת־לעת און מעת־לעתן לאַנג מיט ברען געדרייט אין דעם קאַרוסעל פון מאַנעקענען, וואָס מיר רופן עס לעבן. אַזעלכע מינוטן זיינען לויט מיין דערפאַרונג די שענסטע אין לעבן.

און איצט אַ צווייטע פיקסע אידייע, די אידייע פון אַ כלומרשטן ריס צווישן יידישן אַלקער און דער ברייטער וועלט.

ווי די מייסטע פון מיין דור האָב איך אויך, מן־הסתם, געזינדיקט מיט אידייאישע זיגזאַגן פון געזעלשאַפטלעכער גאולה, אָבער איין געפיל איז פאַר מיר און פאַר מיין געמיט תמיד געווען איינס און דאָס זעלביקע און דאָס זיכער־סטע. איך האָב אין משך פון די צענדליגער יאָרן פון מיין באַוואוסטזיניקן לעבן אַלעמאָל געפילט נשמהדיקע רחבות אין יידישן אַלקער און ענגשאַפט אין דער ברייטער וועלט. עס איז דערפאַר בפירוש נישט, ווי זאָגט מען דאָס, אַ טוגנט מיינע (אַ נאַציאָנאַלע אָדער פערזענלעכע) וואָס איך האָב זיך גע־טוליעט צו יידיש און העברעאיש און האָב קיינמאָל נישט געהאַט דעם גלוסט אַריבערצושפּרינגען דעם פּלויט אין דער ווייטער וועלט אַריין.

איך האָב פון ייִנגלוויין אָן געפילט, אַז אויב אוניוורסאַלקייט, איז דער

יסוד פון מיין אוניווערסאַלקייט ייִדיש און העברעאיש און נישט די מאָדערנע און אַנטיקע שפּראַכן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לערנען און צו קנעלן. כ'האָב געפילט מיטן גאַנצן לייב און לעבן, אַז מיין אוניווערסאַלקייט איז דער תנ"ך און אַ בלאַט גמרא מיט מיין מלמד ר' יאָסעלע באַראַדטשינער ז"ל און דערנאָך פּרץ און ביאַליק און אחד־העם און הערצל, אָבער נישט אָווידיוס נאַזאָ און נישט יאָהאַן וואָלפגאַנג געטע און אַפילו נישט אַדאַם מיצקעוויטש.

און נישט בלויז דאָס! איך האָב זיך אין מיין גאַנצן באַוואוסטזייניקן לעבן נישט אַ וואַקל געטאָן צו צווייפלען דערין, אַז מיין דעכעוויטשנע־קראַנקער זיידע, וואָס די ייִדן פון ר' איציקל־שולעכעץ האָבן אים געצערטלט מיטן נאָמען מרדכי מענטש — אַז אָט דער פרומער, גאָטפאַרכטיקער זיידע מיינער, וואָס האָט זיך געבעטן ביי איינגאַנץ טרעגער אויפן מאַרק: „איינגאַנץ, זיי מיך מהנה און נעם ביי מיר אַ שמעק טאַבאַק" — כ'האָב נישט געצווייפלט, אַז אָט דער זיידע איז דער אידעאַל פון אוניווערסאַלקייט.

ווייל וואָס קאָן זיין אוניווערסאַלער ווי די געשטאַלט פון מיין דערמאָנטן זיידן, דעם ירא שמים, וואָס איז געגאַנגען אין פּראַקטיקע נעכט אין קלויז אַריין און איבער אים אָן אויסגעשטערנטער הימל און אין אים, לעבעדיק און וואַך, דער גאַנצער טעקסט פון די עשרת הדברות, אַלע לאָו'ס און הן'ס, נישט אַרויפגעצוואונגענע פון באַרג סיני, נאָר קוואַלנדיקע פון זיין אייגן ייִדיש־מענטשלעך געמיט, פון זיין וואַכער ליבשאַפט צו גאָט און פון זיין נישט ווייניקער וואַכער אהבת הבריות?

איז געמאָלט אַ מער דערהויבנדיקע, אַ מער אמת אוניווערסאַלע געשטאַלט, אומאָפּהענגיק אין גייסט און אין געפיל פון אַלע אַרומיקע מאָראַלישע בייזקייטן, ווי אָט דער פרומער זיידע, אונדזער אַלעמענס פרומע זיידעס, וואָס האָבן מקיים געווען דעם קאַנטישן רעצעפּט — דער אויסגעשטערנטער הימל איבער מיר און דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו אין מיר?

אַוודאי בין איך ווי יעדער פון אונדז נישט בלינד צו דער טראַגישקייט פון אונדזער ייִדישן אַלקער אויף די כוואַליעס פון אַזויפיל רשעות און אויך אויף די כוואַליעס פון אַזויפיל פרייהייט. מיר דאָ אין דער גרויסער פרייהייט פון אַמעריקע פילן ווי ס'ווערט קלענער אונדזער ייִדיש־שעפערישער שטח און מיר זעען דעם רויטן גלאַנץ פון אַן עפּאָכע, וואָס גייט אַרונטער אין גרויסן ים פון אונדזער טויזנטער יאָריקער געשיכטע.

אַוודאי איז גרויס דער אומרו אין אונדז, אָבער קאָן דער דאָזיקער אומרו מינערן אונדזער באַגער צו שעפערישקייט, מינערן אונדזער אמונה אין דעם אייביקייט־ווערט פון אונדזער ייִדיש־וואָרט?

איך בין אַנומלט אין אַ זונטיק אַרויס אין דער פרי פון מיין שטוב קויפן צייטונגען, נעמט מיך איבער אויפן וועג אַ ייִד מיט דער בקשה, אַריינ־

צוקומען דאָ נישט ווייט אין אַ שול, זיין דער צענטער צו אַ מנין, וואו צוויי יונגעלייט זאָגן קדיש.

כ׳בין געגאַנגען אומווילִיק, ווייל אינדערהיים האָט מען מיך דערוואָרט און מען האָט געקאָנט זיך שרעקן: וואו בין איך פּלוצעם פאַרפאַלן געוואָרן, אָבער דערנאָך — דערנאָך בין איך געווען דאַנקבאַר דעם ייד, וואָרום ס׳האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ בילד פול מיט הייסער סימבאָליק און אָנזאָג.

אין שול זיינען קיין ניין יידן נישט געווען, נאָר בלויז זיבן און איך דער אַכטער. זעקס פון זיי זיינען געשטאַנען אין טלית און תפילין און האָבן גע־דאַוונט.

איך פרעג מיט די אויגן: סטייטש? אָבער דער סטייטש איז באַלד פאַר־ענטפערט געוואָרן. דער גבאי האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין עמוד און געזאָגט אַרויף צו דער עזרת נשים: איך הער אייער שטים, לערער, איר זענט דער ניינטער און דער אָפענער אָרון־קודש איז דער צענטער.

די אַכט זיינען געוואָרן אַ מנין. די יונגעלייט האָבן געזאָגט קדיש.

אַז איך בין אַרויס פון שול, האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, אַז דאָס איז ס׳בילד פון אונדזער יידיש־שעפערישער טראַגיק און גרויסקייט. די שטים פונעם מלמד תינוקות של בית רבן און דער אָפענער אָרון־קודש, דער שטענדיק אָפענער באַגער צו לערנונג און צו שעפערישער אינספּיראַ־ציע — דאָס איז אונדזער צענטער צום מנין. ער מאַכט אונדז פאַר אַ מנין, וויפיל עס זאָלן נישט פעלן און וויפיל עס זאָלן נישט אָפּפאַלן.

און איך האָב דערפילט די גוטסקייט און די פרייד פון מיין יידיש־עקשנות. ס׳איז אין מיר אויפגעגאַנגען די פרייד פון מיין, פון אונדזער אַלעמענס, אייביקייט אין און דורך דעם שעפערישן יידיש־וואָרט.

1956

אַ תפילה פאַר וואָרט־זאָגער

א

דערהויבן מיט זייער רעליגיעזן געדאַנק און דורכנעמענדיק מיט זייער נטישער ליידנשאַפט און מיט זייער הייסער גאולה־בענקשאַפט זיינען אַ סך פון אונדזערע ימים־נוראימדיקע תפילות.

אָבער קיינע פון זיי ציטערט נישט אויף מער דאָס געמיט און ווייעט נישט אָן מער פאַרכט אויף אונדזער אָרעם מענטשלעך געוויסן ווי די תפילה, וואָס עס מורמלט בלחש דער שליח ציבור ביים אָנהייב מוסף, און דערנאָך די תפילה, וואָס ס׳איז מתפלל דערזעלביקער ייד פאַרן עמוד ביים זאָגן די הויכע שמונה־עשרה.

מען ווייסט נישט ווער עס האָט מחבר געווען די תפילה, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „הנני העני ממעש״ (איך בין אָרעם אין מעשים). אָבער איינס איז זיכער: דער אַנאָנימער אויטאָר האָט באַוויזן אַריינצו־אָטעמען אין די ווערטער און אין דעם נוסח פון דער תפילה אַזאַ שווער געפיל פון אחריות פאַר קהל און אַזאַ גוואַלדאָוונע פאַרכטיקייט פאַר דער שליחות, אַז זי מוז אויפטרייסלען ביז אין די סאַמע טיפענישן נישט בלויז דעם ייד פאַרן עמוד, נאָר אויך די יידן אויף די „שטעט״, וואָס הערן זיך צו צו דער זאָגעניש פונעם בעל־תפילה.

ווען דער ייד ביים עמוד בעט זיך, יאָמערנדיק און מיט ציטערניש: „און דו זאָלסט זיי נישט באַשולדיקן פאַר מיינע זינד, און זיי זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן פאַר מיינע חטאים״ (ואל תחיבם בעוונותי, ואל יכלמו בפשעי), איז, דאַכט זיך, קיין איינער צווישן עולם דאַוונערס נישט מקנא דעם בעל־תפילה מיטן שווערן עול פון שליחות ציבור אויף זיינע פלייצעס, און אַלע ציטערן מיט מיט דעם ייד ביים עמוד די שרעק פון דער ממש אומדערטרעגלעכער אחריות וואָס ער האָט אויף זיך גענומען.

וואָרים וואָס קאָן זיין מער אומדערטרעגלעכע לאַסט פון אחריות ווי דאָס געפיל, אַז — לא די איך, שליח ציבור, וועל נישט בעסער מאַכן מיט מיינע תפילות, וועל איך נאָך ערגער מאַכן מיט מיינע אייגענע זינד דעם גורל פון די וואָס האָבן מיר אַרויסגעשטעלט ווי זייער שליח?

און וואָרטער, גוט־געזאָגטע, גוט־געזונגענע, העלפן דאָ נישט. דער שליח ציבור, דער פאַרטרעטער פון קהל, מוז מפשפש זיין אין זיינע מעשים, מוז זיך בודק זיין און אָבעראַמאָל בודק זיין און זען צי ער איז ראוי צו זיין דער וואָרטזאָגער פון דער עדה, וואָרים ער קאָן דאָך, חלילה, קאַליע מאַכן, אַנשטאָט העלפן.

דער שליח ציבור מוז זיין מאָראַליש ריינער און העכער פון אַלע, און

ער מוז זיין רייכער אין מעשים טובים ווי די אַנדערע, אויב ער נעמט אויף זיך די וואגעניש און דעם עול צו זיין דער וואָרטזאָגער פאַר קהל.

דאָס איז דער זין פון דער תפילה פונעם שליח ציבור אין שול פאַרן עמוד, ווען ער נעמט זיך קאָרטשען אין עניוות און מורמלען: איך בין דער אָרעמער אין מעשים.

און דאָס איז נישט בלויז חל אויפן ייד פאַרן עמוד אין שול, נאָר עס האָט אין אין אַלע צייטן געגאָלטן פאַר אַלע יידן ביי אַלע עמודן אין יידישן לעבן.

עס האָט געגאָלטן פאַרן געזעלשאַפטלעכן שתדלן און פאַרן גייסטיקן פירער, פאַרן רב און פאַרן חזן, פאַר די וואָרטזאָגער בעל־פה און פאַר די וואָרטזאָגער בכתב. אַלע האָבן געמוזט האָבן אַ באַזונדערן מאָראַלישן שיעור קומה, כדי צו קענען „שטיין און בעטן פאַרן פאָלק ישראל, וואָס האָט מיך געשיקט".

און ווי זיכער עס זאָל נישט זיין דער מאָראַלישער סטאַטוס פונעם שליח ציבור, איז ער אומזיכער און מען טאָר אים נישט געטרויען, אויב אין וואָרטזאָגער איז נישט וואָך די מורא און די אחריות פון טאָמער בין איך זינדיק און פאַר מיינע זינד קאָנען ליידן די, וואָס האָבן מיר געגעבן דאָס שליחות צו רעדן אין זייער נאָמען.

דער אַנאָנימער מחבר פון „הנני העני ממעש" האָט מיט זיין תפילה פאַרן שליח־ציבור אין שול בלא יודעים, אָדער אפשר טאַקע ביודעים, געשריבן דעם מאָראַלישן רעצעפּט פאַר דער געשטאַלט פון אַ וואָרטזאָגער אין אַלע יידישע צייטן.

ב

אַחוץ דעם „הנני העני ממעש" ביים סאַמע אָנהויב פון מוסף, האָט דער מחזור, ווי שוין דערמאָנט, נאָך אַ צווייטע תפילה פאַר וואָרטזאָגער, וואָס דער שליח ציבור זאָגט ביי דער הויכער שמונה עשרה.

די תפילה, וואָס הויבט זיך אָן מיט דער בקשה צו גאָט ער זאָל „ביישטיין די וואָרטזאָגער פון דיין פאָלק, פון דעם הויז ישראל" (היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל) לייגט שוין וויניקער דעם טראָפּ אויף דער מאָראַלישער פאַרכטיקייט און מער אויף דער קלוגשאַפט און אויף די נייטיקע געזעלשאַפטלעכע באַוואָרענישן פאַר די פירער און וואָרטזאָגער.

אין אָט דער תפילה, וואָס ווערט געבראַכט ביים באַוואוסטן וואָרמייזער ראש־ישיבה און פוסק פון פערצענטן יאָרהונדערט, ר' יעקב מולין (מהרי"ל), דאָמינירט שוין מער נישט דעם שליח ציבורס געפיל פון איבער־געשראָקנ־קייט פאַר דער גרויס פון דער שליחות, און עס קומט דאָרט אויף וויניקער שאַרף צום אויסדרוק די פיינפולע מורא פון אחריות פאַר די, וואָס האָבן אים די שליחות געגעבן.

די תפילה פון „היה עם פיפיות" האָט וויניקער אינזינען דעם מאָראַ־לישן ניווא פונעם שליח ציבור און מער די דרויסנדיקע מיטלען פאַר דער געלינגשאַפט פון זיין שליחות.

דער בעל־תפילה בעט זיך ביי גאָט, אַז ער זאָל זיי „לערנען וואָס זיי זאָלן זאָגן און פאַר זיי קלאָר מאַכן וואָס זיי זאָלן רעדן". און די מורא וואָס די דאָזיקע תפילה דריקט אויס האָט וויניקער צו טאָן מיט די מעגלעכע מאָראַלישע דעפיציטן פונעם שליח ציבור, נאָר מער און קודם כל — אַז די וואָרטזאָגער זאָלן „נישט געשטרויכלט ווערן מיט זייער צונג און זאָלן נישט וואַקלען אין זייערע רייד".

און אין דער דאָזיקער תפילה פון „היה עם פיפיות" ווערט אויך אָנ־געוואונקען, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי וויכטיקע פּרינציפּן, וואָס האָבן אַלעמאָל דעם כוח צו באַפעסטיקן די פּאָזיציע פון יידישן פירער און וואָרטזאָגער.

די פּרינציפּן ווערן אין דער תפילה פאָרמולירט אַזוי: א) דיין פאָלק וועלן זיי פאַר דיר פאַרבייפירן און זיי וועלן זיין אין דער מיט (עמך לפניך יעבירון, והם בתוך יעבורון) און ב) דיין פאָלק רינגלט זיי אַרום ווי אַ מויער (ועמך מסביבים אותם כחומה).

אַוודאי האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ תפילה, וואָס דער שליח ציבור זאָגט פאַרן עמוד און נישט וועגן אַ טאַקטישן פּראָגראַם פון געזעלשאַפטלעכע פירער און וואָרטזאָגער.

אָבער די שול און די געזעלשאַפטלעכקייט זיינען אין יידישן לעבן אין משך פון דורות און צום טייל ביז אויפן היינטיקן טאָג געווען פאַרקניפּט איינס מיט ס'אַנדערע און צומאָל טאַקע געווען איינס און דאָסזעלבע, אַזוי אַז ס'איז פאַרשטענדלעך, וואָס תפילות אין שול זיינען אין אַ געוויסער מאָס אויך די פּרינציפּן־פאָרמולירונגען פאַרן יידיש־גייסטיקן לעבן בכלל און פאַרן קאַמף פונעם עם ישראל מיטן פרעמדן אַרום.

צי דער מחבר פון „היה עם פיפיות" האָט עס טאַקע אינזינען געהאַט אָדער נישט, איז אין תוך נישט מער ווי אַ פראַגע פאַר היסטאָרישער פאָרשונג.

זיכער איז, אַז די דאָזיקע תפילה שטעלט צו עטלעכע פּרינציפּן פאַר יידישער וואָרטזאָגעריי, וואָס דערגאַנצן די עיקרים, וואָס ווערן פאָרמולירט אין „הנני העני ממעש".

אין „הנני העני ממעש" ווערט פאַרלאַנגט פונעם וואָרטזאָגער אויס־נעמלעכע מאָראַלישע סטאַטור; אין „היה עם פיפיות" ווערט געפאָדערט אַ ספּעציעל סענסיטיווע און ציטערדיקע באַוואָרנטקייט פון וואָרט, ווען מען רעדט אין נאָמען פון און צום יידישן כלל, און עס ווערט געפאָדערט פון די וואָרטזאָגער צו לעבן אין מיטן פון דעם פאָלק, וואָס זאָל „זיי אַרומ־רינגלען ווי אַ מויער".

פּעטראַרקאַס ליד

צווישן די אַן אַ שיעור גרויסע און גרעסערע, רייכע און נאָך רייכערע צימערן פון דעם דאָזשען־פּאַלאַץ אויפן סאַן־מאַרקאָ־פּלאַץ אין ווענעציע איז פאַראַן איינער אַ רחבותדיקער זאַל, וואָס וואָלט געקענט באַצייכנט ווערן ווי דער זאַל פון אומשטערבלעכקייט.

עס שטייען אין דער סאַליע איינס לעבן ס׳אַנדערע די מערמלשטיינערנע ביוסטן פון צענדליקער דאָזשען, וואָס האָבן רעגירט איבער דער מעכטיקער רעפּובליק פון ווענעציע. אין אַ יעדן פון די שטיינערנע דאָזשען־גלייכענישן האָט מען אַריינגעקריצט דעם נאָמען פון דעם הערשער, דעם געדויער פון זיין רעגירונג און דעם גרעסטן פון זיינע אויפטועז פאַרן לאַנד און פאַר די בירגער.

די ווענעצישע רעגירער האָבן געהאַט פולע אמונה אין זיך און אין דער גרויס־היסטאָרישקייט פון זייערע מעשים. געספּקט האָבן זיי בלויז אין געדעכעניש פון דער מענטשהייט און אין איר דאַנקבאַרקייט. האָבן זיי דעם זכרון פון די קומענדיקע דורות באַוואָרנט מיט די מערמלשטיינער און — באַרואיקטע זיך איינגעזאַמלט צו זייערע עלטערן.

אויב ס׳איז טאַקע אמת ווי ס׳זאָגט זיך ערגעץ ביים דיכטער פּאָל וואַלערי, אַז די גרעסטע מענטשן זיינען די סקעפּטיקער, ווייל זיי צווייפלען אין אַלץ, און גלויבן נאָר אין דעם, וואָס קען זיי נאָך גרעסער מאַכן, איז דער גרעסטער דאָזשע געווען —

איך בעט ביי אים מחילה, וואָס איך האָב זיין נאָמען פאַרגעסן. ער האָט זיך עס בפירוש ניט פאַרדינט. מיט אַן ערך פופצן יאָר צוריק האָב איך אַרומגעשפּאַנט איבער יענעם „אומשטערבלעכקייט־זאַל״ פונעם דאָזשען־פּאַלאַץ, האָב זיך אַריינגעלייענט אין די אויפשריפטן פון די שטיינער, און — פון יענעם גרעסטן פון צווישן די דאָזשען איז געבליבן האַפטן אין מיין זכרון, נישט זיין נאָמען, נאָר בלויז זיין צווייפל, זיין גרעסטקייט.

ער האָט געספּקט, יענער דאָזשע, צי זיינע וויכטיקע און וויכטיקסטע רעגירונגס־מעשים זיינען בכוח צו באַוואָרענען זיין אָנהאַלט אין דעם גע־דעכעניש פון די דורות און — געגלויבט האָט ער, אַז „נאָך גרעסער״ קאָן ער ווערן בלויז דורכן ליד פון זיין מיטצייטלער און פריינט פראַנטשעסקאָ פּעטראַרקאַ.

האָט יענער וועוועצישער רעגירער פון פערצנטן יאָרהונדערט געלאָזט איינקריצן אין זיין מערמלשטיין די דערמאָנונג פון זיין פריינטשאַפט מיט דעם גרויסן באַזינגער פון דער ליבע צו לאַוראַן און — דער דאָזשע האָט זיך נישט טועה געווען.

והא ראיה, אַז איז דאָך דעם וועגעצישן רעגירערס פריינטשאַפט מיט פּעטראַרקאַן און מיט זיין ליד געווען דער איינציקער היסטאָרישער און מעמאָ־טעכנישער צייכן, אין וועלכן די געשטאַלט פון דעם מעכטיקן דאָזשע האָט זיך זעקס הונדערט יאָר שפּעטער געקענט פאַרטשעפּען אין זכרון פון אַ צופעליקן, פרעמדן פאַרבייגייער אין דעם „אומשטערבלעכקייט־זאַל" אויפן סאַן־מאַרקאָ־פּלאַץ.

איך האָב דאָ דערציילט וועגן דעם קלוגן וועגעצישן דאָזשע, וואָס זיין היסטאָרישע וויזיע האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער קאָן אַפּראַטעווען זיין ביסל אומשטערבלעכקייט ביי די קומענדיקע דורות בלויז דורך באַהעפטן זיך אין אַ דערמאָנונג פון פריינדשאַפט מיט פּעטראַרקאַס ליד, אַקעגן דעם, וואָס אין שייכות מיט דער פאַרפלאָסענער העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט, גייט איצט אָן אַ געיעג פון נביאותן וועגן די צוואַנציק, אָדער לכל הפחות די צען, וואָס האָבן משפיע געווען זייער צייט און האָבן זיך געזיכערט אומפאַרגעסלעכקייט אויך פאַר די קומענדיקע צייטן.

לויפן די נעמען אויף דער פילם־לייוונט פון די נביאותן און שטעלן זיך אויס אין אַזאַ מין מאָדנעם ווירוואַר פון געשטאַלטן און אידייען, אַז — איר מוזט אייך נישט ווילנדיק אומקערן צו יענעם דאָזשע פונעם פערצנטן יאָרהונדערט און זיך טראַכטן, אַז ער האָט שוין דערמיט אַליין פאַרדינט אומשטערבלעכקייט, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען און געוואוסט, אַז די אייבי־קייטס־אידיי פון זיין צייט איז געווען פּעטראַרקאַס ליד.

און דאָ קומען באַרימטע זשורנאַליסטן פון וועלט־צייטונגען און מלוכה־מענער, וואָס זאָגן אַ דעה אין דער וועלט־פּאָליטיק, און עס באַהעפטן זיך צו זיי ראַבאַיס, יידישע וואָרט־זאָגערס מיט אַזאַ גרויסער היסטאָרישער פאָלקס־דערפאַרונג ווי די יידישע און — ווער האָט משפיע געווען די ערשטע פופציק יאָר פון אונדזער יאָרהונדערט? און ווער האָט זיך באַוואָרנט מיט זיין אומפאַרגעסלעכקייט אויף דריי, אויף פינף הונדערט, אויף טויזנט יאָר אַרום?

עס מאַרשירן פאַרביי די מערמלשטיינערנע ביוסטן פון רוזוועלט און סטאַלין, פון טשוירטשיל און היטלער, פון ווילסאָן און לענין, פון פאָרד און מאַרקאָני און, לויטן ראַבאַיס ווילן, אויך טראָצקי און בלום און בראַנדייס און ראַטענאַו — איעדע פון די געשטאַלטן מיט אירע היסטאָרישע דאַטעס און מיט אירע היסטאָרישע מעשים און מע ווערט נישט אַנדערש ווי מבולבל.

האָט איעדער פון די אויסגערעכנטע טאַקע משפיע געווען זיין צייט אויף דורותדיקן געדעכעניש און איז איעדע פון זיי דער זינגער פון דעם ליד, וואָס וועט אונדזער האַלבן יאָרהונדערט דערטראָגן אויף זיינע פליגלען צום פאַנטעאָן פון מענטשלעכן זכרון?

איך קוק אויף די ביוסטן פון די „אומשטערבלעכע" געזעלשאַפט־פירער אין אונדזער צייט, וואָס מען האָט אונדז אָקאָרשט אַוועקגעשטעלט, און איך טראַכט: ס'איז זייער געמאָלט, עס איז מער ווי זיכער, אַז קיינער פון די אַזוי סטירהדיק צונויפגעבונדענע נעמען, האָט נישט יענעם געטעשן כוח צו זאָגן און צו איבערצייגן, אַז „אין טויזנט יאָר אַרום וועל איך דאָ ווידער זיין".

אויב עמעצער פון די אויסגערעכנטע געשטאַלטן זאָל זיך ווי יענער דאָזשע פון ווענעציע פּאַרמעסטן, אַז דער צופעליקער פאַרבייגייער פון מיט זעקס הונדערט יאָר שפּעטער זאָל זיך אָפּשטעלן ביי זיין ביוסט און אים וועלן פאַרגעדענקען, וועט ער צו דער דאָזיקער דערמאָנונג קאָנען דערגיין בלויז מיטן כוח פון „פּעטראַרקאַס ליד".

ווען איך זאָג „פּעטראַרקאַס ליד" מיין איך נישט דערמיט אונטער־צושטרייכן, אַז צום זיכערסטן מיט דעם ברעקל אומשטערבלעכקייט פון אונדזער צייט איז דאָס ליד פון דעם אָדער יענעם גרויסן דיכטער. עס איז נישט צו לייקענען אַז ליד און מחשבה (שעקספּיר און שפּינאָזאַ) האָבן בטבע דעם לענגסטן היסטאָרישן שפּאַן און זיינען די גבורהדיקסטע גייערס און דערגייערס צו דער מענטשהייטס אייביקייט פון זכרון, אויף וויפל זי איז פאַראַן און אויף וויפל זי געדויערט. אויך דעם אמת איז כדאי צו גע־דענקען און נישט צו פאַרגעסן, ווען מע גייט אַוועקשטעלן די „אומשטערב־לעכקייט־ביוסטן" פון אונדזער צייט. אָבער מיר דאָ האַנדלט זיך עס דערוויל וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן „פּעטראַרקאַ ליד" פון אונדזער האַלבן יאָר־הונדערט. איך מיין דעם ניגון פון געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, וואָס האָט אַרויסגעזונגען פון אונדזערע פופציק יאָר מיט מעשים און מיט ווילן צו מעשים. איך מיין די גרויסע מענטשלעכע אידיי וואָס האָט, ווי די איידעלע לאַוראַ פּעטראַרקאַן צו לידער, סטימולירט די צוויי דורות פון אונדזער יאָרהונדערט צו קאַמף, צו מסירות נפש און צו גרייטקייט פון מסירות נפש.

נאָר אויף וויפל דער און יענער פון דער „גאַלעריע פון אומשטערב־לעכע", וואָס מע האָט פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט, האָט אַ רעכט אַריינצו־קריצן אין זיין מערמלשטיין, אַז ער איז געווען „אַ פריינט פון פּעטראַרקאַן", ד. ה. אויף וויפל ער איז געווען אַ פירזינגער, אַ פירזאָגער און אַ פירקעמפער פון דעם „פּעטראַרקאַ־ליד" פון אונדזער צייט, בלויז אַזויפיל קאָן מען גלויבן און זיין געוויס, אַז דער אָנדענק פון זיין צווייטווייליקן קיום אויף דער ערד, וועט דערגיין צו אַ צופעליקן פאַרבייגייער אין דער ביוסטן־גאַלעריע מיט זעקס הונדערט יאָר שפּעטער און וועט פאַנגען זיין אויפ־מערקזאַמקייט און בלייבן האַפטן אין זיין זכרון.

וואָס־זשע איז געווען דאָס גרעזעלשאַפטלעכע „פּעטראַרקאַ־ליד" פון אונדזער פאַרפּלאָנטערטן האַלבן יאָרהונדערט? נישט קיין נייער ניגון איז דאָס געווען. דערזעלבער אַלטער זמר, וואָס טראָגט זיך שוין מער ווי צוויי הונדערט יאָר איבער אונדזערע קאָנטינענטן אַלץ שטאַרקער און אַלץ הייסער און מיט אַלץ אָפטע און אָפטערע שטערונגען.

אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון אונדזער צייט פאַר פאָלקישער און מענטשלעכער פרייהייט, פאַר מענטשלעכער ווערדע פונעם יחיד. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און דער אַמעריקאַנישער אומאָפּהענגיקייט־קריג זיינען קלימאַקסן פון קאַמף אין יענעם יאָרהונדערט. אין נייַנצנטן יאָרהונדערט האָט זיך דער גערანגל פאַר מענטשלעכער און פאָלקישער חשיבות מאַניפעסטירט אין די רעוואָלוציעס פון 1848 און אין די פאַנאַנדער־געפלאַמטע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס ביי די מייסטע פעלקער פון אייראָפּע.

אין די פופציק יאָר פון אונדזער יאָרהונדערט האָבן זיך די קליינע און קאָלאָניאַלע אומות פון אונדזער ערד־קיילעך געריסן צו נאַציאָנאַלער פרייהייט, צו מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט און זי צום טייל דערגרייכט.

און איך גלויב, אַז איך וועל ניט זינדיקן מיט נאַציאָנאַלער איבער־געמערישקייט, ווען איך וועל זאָגן, אַז אַ שפּיץ־באַרג־דערגרייכונג פונעם קאַמף פאַר פאָלקישער פרייהייט און פאַר מענטשלעכער ווערדע פונעם יחיד איז אין אונדזער יאָרהונדערט געווען דער אויפקום פון מדינת ישראל. אַ שפּיץ־באַרג אי דערפאַר, וואָס די פאָלקישע פרייהייט איז דערגרייכט געוואָרן פון אַ פאָלק אָן אַ לאַנד און אי, ווייל מענטשן, וואָס זעכציק דורות לאַנג האָט מען געטרעטן מיט די פיס זייער מענטשלעכע חשיבות, האָבן צוריק־באַקומען זייער יחידישע ווערדע.

אין די צוויי הונדערט יאָר פון דעם קאַמף פאַר יחידישער ווערדע און פאָלקישער פרייהייט, האָבן די קעמפער נישט איינמאָל פאַרלוירן פּאָזיציעס און געמוזט צוריקטרעטן אויף ברייטע שטחים גראָגראַפיש און אויף היפשע צייט־אָפּשניטן כראָנאָלאָגיש.

ראָבעספּיער און סטאַלין, מעטערניך און היטלער — אַזוי הייסן, דאַכט זיך, די הויפּט־אויפהאַלטער און הויפּט־צוריקשליידערער פון דעם קאַמף און פון די קעמפער פאַר מענטשלעך־יחידישער ווערדע אין אונדזער צייט. האָבן די דאָזיקע „גרויסע פיר" און זייערס גלייכן, און די קלענערע פון זיי, משפיע געווען די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער פון אונדזער געשיכטע? עס איז, גלויב איך, אַ גוזמא דאָס צו באַהויפּטן. די דערמאָנטע „גרויסע פיר" האָבן נישט משפיע געווען, זיי האָבן געראַנגעט, ביז בלוט פאַרוואונדיקט די היסטאָריע אין איר גאַנג פאַר די לעצטע צוויי הונדערט יאָר. זיי זיינען

די אויפרייסער פון משיחס וואונדן, וואָס מוזן אַלץ אויפסניי איבערגעבונדן און פאַרהיילט ווערן.

משפיע געווען, ד. ה. סטימולירט דאָס ליד פון מענטשלעכער חשיבות און פון פאָלקישער פרייהייט אין אונדזער צייט האָבן וואָלטער און מאַרקס, דזשעפערסאָן און לינקאָלן, קאָסציושקאָ און קאָסוט, מאַציני און הערצל. זייער אָנדענק וועט מיטן כוח פון זייער פריינטשאַפט מיטן „פעטראַרקאַ־ליד" אַריבערשפּאַנען יאָרהונדערטער.

און „פעטראַרקאַס ליד" וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס ברעקל אומ־שטערבלעכקייט פון דעם מעכטיקן ווענעציאַנער רעגירער, טראָגט אין זיך סימבאָליש נאָך איינעם אַ וויכטיקן אָנזאָג צו יענע וואָס איילן זיך אַוועק־צושטעלן ביוסטן פון אייביקער גלאָריע פאַר די, וואָס „האָבן משפיע געווען אונדזער צייט".

דער אָנזאָג איז, אַז נישט בלויז האָבן זיי פאַרמישט די געזאַנגען פון „אונדזער צייט" און נישט דערכאַפּט איר סאַמעראַדנע ליד, איר לעבנס־ליד, איר „ליד פון פעטראַרקאַן", נאָר די וואָרענונג איז אַ פיל טיפערע און אַ פיל פיינלעכערע, און דעריקרשט פאַר אונדזער האַלבן יאָרהונדערט פון כולו פּאָליטיק.

אין קיין שום אַנדערער צייט האָבן, דאַכט זיך, דער פּאָליטישער טומל און זיין פּראַקטישע צייטלעכקייט נישט אַראָפּגעקוקט אַזוי פון אויבן אַראָפּ אויף דער „בטלנות" פון תורה לשמה, ווי אין אונדזער האַלבן יאָרהונדערט פון אידעאָלאָגישע מלחמות.

אין אויפברויז פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן די פּאַריזער רעגירער געשיקט צו דער גילאָטינע פראַנקרייכס גרעסטן כעמיקער, דעם וויסנשאַפטלעכן אַנטפּלעקער פונעם פייער־סוד, אַנטאָען לאַוואָאַזיע. די רעוואָ־לוציע דאַרף נישט קיין כעמיקער, האָט איינער פון יענע מושלים אַ געשריי געטאָן דער וועלט און דער געשיכטע אין פנים אַריין, און זיך און זיינע מיטהערשער איבערגעענטפערט צום שפּאָט און צו שאַנד פון אַלע צייטן.

אָבער מע קאָן נישט לייקענען, אַז דער דאָזיקער משוגע־באַרבאַרישער זאָג פון „מע דאַרף נישט קיין כעמיקער" האָט פאַרמאָגט אַ היפּשע דאָזע פון אומפּראַקטישקייט. דער זשעסט האָט געהאַט די ריזיקע פון בטלנות, די ריזיקע פון ווי טאָן דעם אייגענעם קאָנפּאָרט און דעם אייגענעם געזעל־שאַפטלעכן ציל. מיט איינעם וואָרט: יענער רעוואָלוציאָנערער זשעסט קעגן לאַוואָאַזיען האָט דאָך געשמעקט מיט אַ פיינטעלע אידעאַליזם.

די פּראַקטישקייט, די צייטלעכקייט פון אונדזער צייט איז אָן אַ שיעור ברוטאַלער. זי ריזיקירט נישט די גילאָטינירונג פון דער וויסנשאַפט, ווייל

זי האָט אײנזינען דעם נוצן, וואָס אירע אַנטדעקונגען קענען ברענגען פאַר די צילן פון דער צייטלעכקייט און פאַר אירע פּאָליטישע מלחמות.

אונדזער צייט כאַפּט דווקא אויף ווי אַן אבן־טוב די תורה לשמה פון אַ איינשטיין, וואָרים זיין „אחד" פון שטאָף און ענערגיע ברענגט דאָך פאַר איר, פאַר דער צייטלעכקייט, דעם גרויסן „פּראַקטישן אויפטו" פון דער אַטאָמישער באָמבע.

אין אונדזער האַלבן יאָרהונדערט איז די „תורה לשמה" מיט אירע אייביקע ווערטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַסט־פערד פון דער פּראַק־טישער צייטלעכקייט און פון איר פּאָליטישן טומל.

קומט דער סימבאָל פון דעם „פּעטראַרקאַ־ליד" אויפן ביוסט פונעם ווענעציאַנער דאָזשע און רופט דעם פאַרקאַכטן געזעלשאַפטלעכן קעמפער פון אונדזער צייטלעכקייט־סדום צו באַזינונג. עס רעדט צו אים דאָס „ליד" אַזוי —

„איך קאָן לגמרי נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קאָן זיך אינגאַנצן אַריינלאָזן אין דעם געיאָמער פון טעגלעכקייט. גיב נאָר אַ טראַכט ווי־אַזוי אַ געטע איז געשטאַנען מיט קילן ישוב הדעת איבער די זאַכן. וואָס האָט ער נישט איבערגעלעבט: די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס געזען פון דער נאָענט, האָט זי זיכער אויסגעקוקט ווי אַ זינלאָזער פאַרס, און דערנאָך די נישט איבערגעריסענע קייט פון מלחמות צווישן 1793 און 1815... איך פאַרלאַנג נישט פון דיר, אַז דו זאָלסט שרייבן לידער ווי געטע, אָבער זיין קאָנצעפּציע פון לעבן — דעם אוניווערסאַליזם פון אינטערעסן, די אינעווייניקסטע האַרמאָניע — דאָס קאָן יעדער דערגרייכן אָדער לכל הפחות שטרעבן דערצו. און אַז דו וועסט זאָגן: געטע איז דאָך נישט געווען קיין פּאָליטישער קעמפער, ענטפער איך דיר: דווקא אַ קעמפער מוז פּרוּווּן שטיין איבער די זאַכן, אַנישט פאַרזינקט ער מיט דער נאָז אין זומפּ — פאַרשטייט זיך, אַז איך טראַכט וועגן קעמפער פון גרעסערן סטיל".

די דאָזיקע ווערטער האָט צוויי יאָר פאַר איר מאַרטירער־טויט געשריבן איינע פון די שענסטע קעמפער־געשטאַלטן פון אונדזער צייט, ראָזאַ לוקסעמ־בורג אין אַ בריוו צו אירער אַ סאָציאַליסטישער מיטקעמפערין.

ראָזאַ לוקסעמבורג האָט געבראַכט געטען ווי אַ משל פון באַזינונג צו האַרמאָניע און פון דערהויבונג איבער צייטלעכקייט הגם זי האָט בפירוש געהאַט אין איר אייגענער היים, אין דער יידישער פוילן אַ סך נענטערע משלים. דער סאַמע נאָענטסטער משל איז יענע פאַרשפּרייטע און מיט אַזויפיל ליבשאַפט פון יידן נאָכדערציילטע מעשה וועגן דעם קליינשטעטלדיקן רבֿ, וואָס איז געזעסן יומם ולילה און האָט געלערנט און זיך ניט צוגעהערט צום ליאַרם פון דער גאַס און איר פּאָליטיק. און דאָ ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָבן

דעם שונאס זעלנער אַריינגעמאַרשירט אין שטעטל. דער טומל אויף דער גאַס איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז דער לערנער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער גמרא און איבערגעפרעגט, וואָס ס׳איז געשען. און אַז מע האָט אים געענטפערט: מלחמה, רבי! האָט זיך דער רב תמימותדיק געחידושט: שוין ווידער די אדומים. און — ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט צו דער גמרא.

אַוודאי איז דער אָפּקער פון צייטלעכקייט אין דער מעשה מיטן רב אַ צו עקסטרעמיסטישער. אָבער פונקט ווי אין דער געשיכטע פון אַרכימעדעסן, דעם פיזיקער פון דער אַנטיקער צייט, וואָס זיין איינציקע בקשה צום שונאס זעלנער, וואָס האָבן אָקופּירט זיין שטאָט סיראַקיוז, איז געווען, אַז זיי זאָלן נישט צעשטערן זיינע געאָמעטרישע פיגורן, אַזוי איז אויך דער עקסטרע־מיזם אין דער מעשה מיטן רב נישט אַזוי פּראָגראַם, ווי רוף צו באַזינונג. אַ רוף נישט צו „פאַרזינקען אין דעם גייאָמער פון טאָג־טעגלעכקייט״ און צו דערקענען, און אויפצונעמען אין זיך די ווערטן פון אייביקייט אין דער סאַמע מיט פון רייסנדיקן שטראָם פון צייטלעכקייט.

I

„ווען איך זאָל פּונדאָסניי דאַרפֿן דורכ־
לעבן מיין לעבן, וואָלט איך עס מיר איינ־
געפירט צו לייענען פּאָעזיע און צו הערן
מוזיק... ווייל די טיילן פון מיין מוח, וואָס
זיינען איצט אַטראָפירט, וואָלטן אפשר
דורך באַנוץ געקאָנט בלייבן אַקטיוו. דער
אָנוווער פון אָט דעם טעם פאַר קונסט איז
אַן אָנוווער פון גליק און קאָן ברענגען
שאָדן דעם אינטעלעקט און נאָך מער דעם
מענטשנס מאָראַלישן כאַראַקטער.“

(טשאַרלס דאַרווין אויף די אַלטע יאָרן)

ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ולמדה
את בני־ישראל (און אַצינד שרייבט אויף
דאָס דאָזיקע געזאַנג און לערנט עס אויס
די בני־ישראל)

(דברים ל״א, י״ט)

יוסף ראָלניק

פרעגט און ענטפערט דער אינדישער חכם:

— וואָס איז דעם מענטשנס ליכט אויף זיין וועג?

— די זון.

— און אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען?

— די לבנה.

— און אַז די לבנה האָט זיך באַהאַלטן?

— דאָס פייער.

— און אַז דאָס פייער האָט זיך אויסגעלאָשן?

— דעם חברס שטים.

— און אַז די שטים איז אַנטשוויגן געוואָרן?

— ער אַליין.

אין יוסף ראָלניקס לידער האָט עס פּאַסירט. עס איז גלייך אַלע ליכטער פֿינעם אַרום זאָלן האָבן אונטערגעגאַנגען, גלייך אַלע קלאַנגען פונעם אַרום אַלן האָבן אַנטשוויגן געוואָרן, און פאַרבליבן איז ווי דאָס איינציקע ליכט און ווי די איינציקע שטים פון ראָלניקס ליד — ער אַליין.

און כדי דאָס פּאָעטישע ליכט פון „אים אַליין" זאָל אַרויסקומען וואָס אייגענער און וואָס קאָנצענטרירטער און עס זאָל נישט געשטערט ווערן פון די זעענישן אין דעם אַרום פון שטח און פון צייט

„האָב איך זיך אין האַרצן פאַרקליבן,
„אין טיף פון געמיט.
„האָב אויפגעשאַרט אַלץ וואָס געבליבן
„פון אַ פריערדיקן ליד."

דער „אַלץ וואָס געבליבן פון אַ פריערדיק ליד" — די דערמאָנונג פון די יוגנט־יאָרן אַרום דער וואַסער־מיל אין דעם ווייס־רוסישן היים־דאָרף זשוכאָוויץ — איז געוואָרן די זעאונג פון ראָלניקס פּאָעטישן ווערק. עס איז געוואָרן דער משל, וואָס ביי זיין שיין האָט ראָלניק דיכטעריש דורכגעשפּאַנט דעם נמשל פון לעבן, דעם נמשל, וואָס אויף דער שפּראַך פון ראָלניקס ליד הייסט ער — „פון אַ חלום אַרויס, אין אַ חלום אַריין".

ראָלניקס ליד פון דערמאָנונג איז נישט דער רעזולטאַט פון נאָסטאַלגיע,

פון סענטימענטאַלער בענקשאַפט צום אַמאָל. ראַלניקס געזאַנג פון דעריינערונג מיט דער וואונדערלעכער בעלי־בתישקייט פון פּרטים (וואָס קאָן זיין אויס־טערלישער ווי די פּאַעטישע גאַב צו געדענקען, אַז צו דער ווייסקייט פונעם זשוכאָוויצער וועג געווען „איז צוגעמישט אַ קווינטל בלוי, מערער נישט ניט״) איז פאַרקערט, אַ קינסטלעריש־ניכטערער פּרוּוו צו אָרגאַניזירן פאַר זיך אַ וועלט־זעאונג, וואָס זאָל דיכטעריש און פילאָזאָפיש העלפן באַצווינגען די עלעגישע אומצופרידנקייטן און ווייכע סענטימענטאַלקייטן פון אייגענעם לעבן.

ראַלניקס ליד איז נישט קיין אַנטלויף־פּאָעזיע, נאָר גיכער אַ דיכטע־רישער כּלי־זין אויף צו באַגעגענען ס'לעבן אָן צופיל דערוואַרטונגען און אָן איבעריקע געפיל־סיורפּריזן. מיטן פונאַנדערגעוועבטן חלום פון די זשו־כאָוויצער יאָרן פּרוּווט זיך ראַלניק פאַרפּאַנצערן קעגן דער וואָר פון די יאָרן אין ניו־יאָרק און זיך אַליין באַווייזן אַז ער איז „פון חלום אַרויס״, און „אין חלום אַריין״:

„גרינג און לופטיק איז דאָס לעבן
„און דער טויט — אָן איבערשוועבן
„פון אַ צווייג, וואָס האָט פאַרדאַרט,
„צו אַ נייעם בוים וואָס וואַרט״.

די שייכות צו מענטש און געשעעניש וואָס דער דיכטער האָט פאַר זיך באַשאַפן דורך אָט דעם רעטראָספּעקטיוו אויפן חלום, פון וועלכן ער איז אַרויס, האָט אים עמאָציאָנעל געצוימט און פאַרהאַרטעוועט קעגן די בייז־קייטן פון דער טרוים־צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט.

די זשוכאָוויצער טרוים־וועלט וואָס ראַלניק ברענגט אַרויס אין זיין ליד, איז נישט בלויז דער „ער אַליין״, כ'מיין, דאָס לעבעדיקע ליכט, וואָס באַוואָפנט דעם דיכטערס אויג מיט קלוגער און תּמימותדיקער איראָניע צו דער וואָר פון די אַרומיקע געשעענישן, נאָר זי איז אויך אַ מין הרעבליע (איך נוץ אַ בילד פון דער זשוכאָוויצער וואַסער־מיל־סביבה) קעגן די געפילס־אימפּעטן פון דעם דיכטערס אייגענעם הארץ.

ווען מען האָט אים — דערציילט ראַלניקס אַ ליד אין דער זאַמלונג „אַ פענצטער צו דרום״ — אין איינעם אַ טאָג פון זיין ניו־יאָרקער וואָר „דערלאַנגט אַ בריוו — גלייך פון שיף״ מיט דער טרויער בשורה וועגן פאָטערס טויט —

„מיינע אויגן זיינען ניט געווען נאַס
„און אין מיר האָט דאָס האַרץ ניט געוויינט,
„נאָר אויפגעגאַנגען זיינען דאָרטן
„מיין טאַטנס פּנים און רייד.״

דער דיכטער הדושט זיך אַפילו פאַרדראָסיק למאי אָנשטאָט געוויין איבערן טאַטנס טויט זיינען אין אים אויפגעגאַנגען „טאַטנס פנים און רייד" —

„און איך האָב זיך געשעמט
„וואָס מען האָט נישט געזען
„אויף מיין פנים די טרערן לויפן
„כאָטש דעם גאַנצן טאָג האָבן מיך באַגלייט
„מיין טאַטנס פנים און רייד."

איז דעם פּאָעטס „בושה" אפשר טאַקע באַרעכטיקט פונעם שטאַנדפּונקט פון דער אַרומיקער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל, וואָס צו איר איז יעדער מענטש אונטערגעוואָרפן ביודעים און בלא יודעים. אָבער וואָס שייך ראָלניקס דיכטערישער לעבנס־זעאונג — פּאַסט זיך, ווי מיר דאַכט, בעסער אין איר אַריין דעם טאַטנס אויפגעגאַנגען פנים ווי אַן אויפגעשטראָמטע טרער איבערן טאַטנס טויט.

וואָרום נישט בלויז פאַרן אָביעקט פון זיין זעאונג האָט ראָלניק אויס־געקליבן די וועלט פון זיינע זשוכאָוויצער טעג, נאָר ער האָט זיין דיכטערישע לעבנס־וויזיע בכיוון (און אפשר מיט היפּשער זעלישער אָנשטרענגונג) אַריינגעזעצט אויך סוביעקטיוו אין די ראַמען פון די זשוכאָוויצער יאָרן.

איך וויל דערביי זאָגן, אַז ראָלניקס דיכטערישער בליק אויף לעבן און וועלט איז אין תוך די זעאונג פון יענע זשוכאָוויצער פּויערים, וואָס זיינען געקומען אַפּמאָלן אַ זעקל מעל ביי זיין טאַטן אין מיל. ס'איז די לעבנס־זעאונג פונעם נאַטור־מענטש.

ס'איז פאַראַן אַ וויזיע, וואָס דערהויבט זיך צו פשטות און נאַטירלעכ־קייט דאַדורך, וואָס זי איז יסורימדיק גובר דעם אינטעלעקט און זיינע חקירות, זי דערקלעטערט צו געלייטערטער חושימדיקייט און — זי שמייכלט דערנאָך אַ באַרואיקטע איבער דער אינעווייניקסטער פּאַנאָראַמע פון זאַכן און געשעענישן, וואָס האָט זיך פאַר איר אַנטפּלעקט.

און פאַראַן אַ זעאונג, וואָס דערגייט צו רו און צו באַגיטיקטן שמייכל אַן דער ריזיקע פון דראַמאַטישער באַרג־קלעטערניש. פאַר איר איז גענוג דער דרויסנדיקער גלגל־החוזר פון זאַכן, גענוג דער שטענדיקער פּענאָמען פון „ויהי ערב, ויהי בוקר". זי באַנעמט די מאַכט פון דעם אייביקן שפּיל און די אָנמעכטיקייט פון אייגענעם ווילן און פאַרשטאַנד און זי גיט זיך אונטער מיט שטילקייט פון הכנעה און מיט אַ שמייכל פון אין־ברירהדיקייט.

די דאָזיקע צווייטע נאַטורהאַפטיקע לעבנס־זעאונג, וואָס ווערט דער־גרייכט אָן נסיונות פון געמיט אין אָן אומוועגן פון געדאַנק, אָט די טאָל־וויזיע, ווי איך וואָלט זי אָנגערופן, איז דאָס פעלד פון שטימונג און פון

געפיל, וואָס פון אים וואַקסט אַרויס יוסף ראָלניקס געזאַנג. איבער דער גאַנצער לענג פון זיינע לידער־ביכער, אָנהויבנדיק פון די לידער מיט פערציק יאָר צוריק איבער די „נייע לידער" (1935) און ביז צו „אַ פענצטער צו דרום" (1941) און „געקליבענע לידער" (1948), טראָגט זיך אָט דאָס געזאַנג.

עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער „טאָל־זעאונג" זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן, וויל זיי באַציכענען, ווי מיר דאַכט, די בולטסטע געמיט־מאָמענטן פון ראָלניקס פּאָעטישן ווערק.

צום אונטערשייד פון דער „זעאונג פונעם באַרג", וואָס איר בליק איז טיף און איר פּאַטאָס איז ערנסט און פּראַקטיקייט, שיינט דאָס אויג פון דער „טאָל־וויזיע" מיט קלוגשאַפט און איר אינעווייניקסטער ניגון איז פרומקייט און איראָניע.

יענע „פונעם באַרג" איז פיינפול־שטעכיק און ראַנגלט זיך מיט אויפגעטרייסלטקייט און מיט געוויין; די „פונעם טאָל" איז באַהעמיעניש־גוטמוטיק און מילד און — פאַרפאַנצערט קעגן סענטימענטאַלער ווייכקייט.

דאָס געזאַנג „פון באַרג" איז גרויס ווען עס דערהערט זיך אין אים דער מיסטישער „ויקרא", דער העכערער רוף צום דיכטערס נאָמען; דאָס ליד „פון טאָל" איז וויכטיק ווען עס הויכט פון אים אַרויס ס'שליחות אַריינצושרייבן זיין נאָמען אין גאַנג פון די זאַכן אין רוים און פון די געשעענישן אין צייט — אין גאַנג פונעם דיכטערישן וואָרט וועגן זיי.

דאָס דאָזיקע שליחות האָט צום בעסטן און מיט אַ זעלטענער פּאָעטישער בילדערישקייט פאָרמולירט טאַקע ראָלניק אַליין אין זיין ליד „אַ דערינער־רונג", וואו ער דערציילט ווי אַזוי מען האָט אים, דעם צעניאָריקן יינגל, געשטעלט היטן דעם געלן ווייץ ביי דער טיר פון דער זשוכאָוויצער וואַסער־מיל —

„איך טו מיין אַרבעט פּראָסט און גוט
„איך פאָר מיט אַ לאַנגער, דינער רוט,
„איך היט די באַגאָלדיקטע זאָמען;
„און זעץ זיך דערנאָך ביים ליילעכס ראַנד
„און פיר מיט דעם רוט ווי אין געלן זאַמד —
„איך שרייב דאָרט אַריין מיין נאָמען."

דאָס שליחות פון „אַריינשרייבן זיין נאָמען" האָט ראָלניקס ליד, מעג מען זאָגן אָן דער מינדסטער מורא פאַר גוזמא, דורכגעפירט בשלימות.

דעם דיכטערס תפילה ביים אַריינגאַנג צו זיינע „נייע לידער" —

„גיב ווידער דעם ריח פון ערד צו דערפילן,
„דעם וואַרעמען פליעסק פון וואַסער דעם שטילן;
— — — — — — — — — — — — —
„דאָס זיפצן פון זאַנגען, וואָס ווערן געדראָשן —
„העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דעם דאָרפישן לשון"

איז פול און גאַנץ דערהערט געוואָרן.

ראָלניק האָט פאַרמאָגט דעם קינסטלערישן כוח איינצושטעלן אַ פולע האַרמאָניע צווישן דער נאַטורהאַפטיקייט פון זיין לעבנס־וויזיע און די פּאָעטישע אויסדרוקס־מיטלען, מיט וועלכע ער האָט זיין זעאונג אַרויסגע־בראַכט. די ווערטער, די אימאַזשן און דער ריטם פון ראָלניקס רייפע לידער זיינען קיינמאָל נישט אָפּגעשטאַנען פונעם פּאָעטישן מאָטיוו אין פּרט פון נאַטורהאַפטיקייט, פון פשטות און פון אייגנקייט.

דער גרעסטער אויפטו פון ראָלניקס פּאָעטישער שורה איז, דאַכט מיר, דאָס וואָס עס איז איר געלונגען אויפצובעמען אין זיך און אויפצוהיטן דעם נאַטור־קלאַנג — „דאָס זיפצן פון זאַנגען".

די ווערטער, די זאַצן און גראַמען ביי ראָלניקן זיינען איינפאַכע, פּראָסטע, עפּעס ווי נישט זאָרגעוודיק פאַרשפּילטע און פאַרפוצטע און אָן קינסט־לערישע עפעקטן, אָבער זיי אָטעמען אַלעמאָל מיטן ריח פון וואַקסן.

עס פּאַסירט מיטן לייענער פון ראָלניקס ליד וואָס ס'האָט פּאַסירט מיטן דיכטער גופא ביי די זשוכאָוויצער תבואה־לאַנעס, וואָס ווערן באַזונגען אין זיינע לידער.

ווי דער דיכטער, וואָס האָט אויפן זשוכאָוויצער זאַנגען־פעלד נישט „געהאַט קיין צייט" צו טראַכטן וועגן ווער און ווי אַזוי מען האָט פאַרזייט די קערנער, וואָרים זיין געמיט איז געווען פאַרנומען מיטן חושימדיקן איינהערן זיך אין גערויש פון דער תבואה און מיטן איינקוקן זיך אין דעם פאַרבן־שפּיל צווישן הימל און זאַנגען.

אַזוי האָט אויך דער לייענער פון ראָלניקס ליד נישט „די צייט" זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער קונסט פון די צונויפגעשטעלטע ווערטער און אויסגעמאָלענע בילדער. דעם לייענערס אויער הערט און זיין אויג זעט. דאָס ליד — זיינע פאַרבן און זיינע קלאַנגען — צווינגען אים צו קאָנצענט־רירטקייט פון די חושים.

אָט איז אַזאַ פּרעכטיק ליד ווי „אַ בורע":

„לויפט אַ קאָטש, ברייט און הויך,
„שוואַרץ ווי רויך,

„קערט די ערד
„מיט סוויסטש און הוק,
„גייט אויף דער מיל
און אויף די בריקן.
„וועט דערשטיקן
„בהמות, פערד.״

עס איז נישט נאָר דאָס בילד פון דער שטורעם־קאַטש, וואָס לאָזט נישט אָפּוועגדן פון זיך אַן אויג, נאָר דער געקלאַנג און דער געפּילדער און דער פּחד פאַר דער בורע, וואָס באַפאַלט דעם לייענער. ער איז אינמיטן דער בורע. קאָן ער עפּעס אַנדערש איבזינען האָבן ווי איינהאַלטן דעם אָטעם און זיך איינהערן און אייננקוקן אין דעם נאַטור־ספּעקטאַקל?

און געמאַכט איז דאָס סטראַשנע ליד וועגן דער בורע מיט פּראָסטע ווערטער, וואָס זיינען גאָר נישט אַזוי סטראַשנע. האָבן טאַקע נישט די ווערטער באַשאַפן דאָס ליד. באַשאַפן דאָס ליד האָט די נאַטור־פאַרב, וואָס שטראָמט פון זיי אַרויס און די סימפאָניע פון די נאַטור־קלאַנגען, וואָס די ווערטער שפּילן פאַר אונדז אויס.

און ראַלניקס אַ ליד קאָן אויך אַרויסבאַקומען עפּעס אַן אינעווייניקסטע מוזיק פון פּייזאַזש־פאַקטן און פון ווערטער, וואָס זיינען בטבע נישט קיין איבעריקע מאָדימס אויף מוזיקאַלישקייט. אַזאַ וואונדערלעכע פאַקטן־מוזיק האָט ראַלניק למשל אַרויסגעבראַכט מיט ניט קיין איבעריקס מוזיקאַלישע ווערטער אינעם ליד, וואו ער דערציילט, אַז ער איז אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק צו נאַכטס „אַרויס זען וואָס טוט די נאַכט״ און —

„אַ שפּעטע שעה,
„דער שניי איז שטייף,
„דער הימל — בלאָ,
„די לבנה — רייף.״

וויפיל פאַרב איז דאָ אין די פיר שורות! אָבער אויך וויפיל שטילע אינ־טענסיווע מוזיק.

בדרך כלל באַוועגן זיך נישט ראַלניקס געפילן אויף די העכערע שטאַפּ־לען פון דער סקאַלאַ. רעזיגנאַציע און איראָנישע קלוגשאַפט לאָזט נישט צו קיין שטורעמדיקייט, נישט אין ראַלניקס טרויער און נישט אין זיין פרייד.

אָבער אויב עס איז יאָ פאַראַן אין ראַלניקס לידער עפּעס וואָס קאָן כאַפּן דעם אָנבליק פון שטורמישקייט, איז עס די פרייד פון ליד גופא, וואָס צומאָל מורמלט זי אַ פאַרשעמטע הינטער די שורות און מייסטנס „שרייט״

זי אַפילו אַרויס מיט אָפענע ווערטער פון שורות, פון סטראָפעס און פון גאַנצע לידער.

פון דאַמאָלט אָן, ווען דער דיכטער איז נאָך געווען אַ ייִנגל פון זעכצן יאָר און מען האָט אים געפירט אויסהיילן זיך פון לידער צו „וואו נאָר אין שטאָט אַן אינטעליגענט" און —

„זיי האָבן מיך אַלע היילן געוואָלט
„אַפילו אַן אַ גראָשן געצאָלט.
„דאָס ליד אָבער איז נישט אַוועק פון מיר",

און איבער אַלע יאָרן פון זיין לעבן זינט דעמאָלט האָט ראָלניק נישט אויפ־געהערט צו טוליען זיך צו זיין ליד, זיך צו באַנוגענען מיט אים, זיך צו פרייען וואָס ס'איז נישט אַוועק פון אים, און תפילה צו טאָן אַז —

„צו די שפּעטע יאָרן,
„האָב איך צו גאָט נאָר צוויי פאַרלאַנגען :
„מיין קאָרן־פעלד זאָל ניט פאַרדאָרן.
„ניט אויסברענען דער ברויט פון געזאַנגען."

און גאָט האָט באַוויליקט די תפילה פונעם ייִדיש־דיכטער : ביז אין זיין טיפער עלטער און ביז אין טאָג פון זיין טויט האָט נישט אויסגעברענט דער ברונעם פון זיינע געזאַנגען.

◈

משה לייב האַלפּערן

I

קאָצקער געמיט

א.

אין די פינף און צוואַנציק יאָר, וואָס זיינען פאַרביי זינט יענעם ערשטן טאָג פון סעפּטעמבער, ווען די ייִדיש־שרייבערישע משפחה פון ניו־יאָרק האָט געטראָגן צו קבורה דעם פּאָעט משה לייב — אין אָט דער צייט פון אַ פערטל יאָרהונדערט האָט די ייִדיש־דיכטונג אויפגענומען אין זיך דעם גאַנצן שוידער פון פאַלקישן אומקום און די פרייד פון מדינהשן אויפקום און האָט קינסטלעריש דערקלערט צו גרויסע שלימותן פון געמיט־ און אויסדרוק־רייפקייט.

אין די פינף און צוואַנציק יאָר איז דערגאַנגען צו פולער צייטיקייט נישט בלויז דאָס ליד פון יענע דיכטער, וואָס האָבן געשטעלט זייערע ערשטע טריט אינאיינעם מיט משה לייבן, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אויך דאָס געזאַנג פון די פּאָעטן, וואָס זיינען געווען יונגער מיט אַן ערך אַ האַלבן דור און מערער פון די „יונגע".

אין דעם פערטל יאָרהונדערט פון אַזאַ גיכן, דרייסטן און שעפערישן באַרג־אַרויף, ווי עס איז געגאַנגען די יידיש־דיכטונג, איז נישט איין פּאָע־טישער היגעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָל און נישט איין גרויסע און גרעסערע קינסטלערישע דערגרייכונג איז פאַרבליבן הינטערשטעליק אין וועג.

ווען משה לייב, דער פּאָעט, האָט זיך אין סוף־טאָג פון חודש אויגוסט, 1932, פיזיש פון אונדז אָפּגעטאָן, האָט ער נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט קיין זיבן און פערציק יאָר לעבן און האָט געהאַט אַרויסגעגעבן בלויז צוויי לידער־זאַמלונגען. ער איז טאַקע שוין געווען אָנערקענט אין דער פולער מאָס און די קריטיק האָט אים, צום טייל מיט באַגייסטערונג און צום טייל בעל־כרחא, פאַררעכנט צווישן די סאַמע וויכטיקסטע פאַרשטייער פון דער יידיש־ליריק, אָבער עס איז פונדעסטוועגן געווען באַרעכטיקט דער איבער־קלער, ווי עס וועט אויסזען דאָס ווערק פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם דיכ־טער אין צען און אין פינף און צוואַנציק יאָר אַרום.

וואָרום די צייט לויפט און זי ברענגט צו טראָגן נייע געמיט־צושטאַנדן און נייע קינסטלערישע סענסיטיווקייטן. און די דיכטערישע באַגאַבונג גע־פּאָרט מיט אַריכות ימים — זי האָט דעם פאָרויס אין דעם געיעג פון צייט. פאַר איר שטייען אָפן טויערן, וואָס האָבן זיך פאַר אַנדערע פּריצייטיק פאַר־מאַכט.

ב.

יענעם טאָג, ווען דער טעלעגראַף האָט געבראַכט די וויסטע בשורה פון ניו־יאָרק וועגן משה לייב האַלפּערנס טויט, בין איך גראָד געווען אין ווין. איך געדענק מיך שפּאַצירן, אינאיינעם מיט דעם באַוואוסטן שרייבער משה גראָס־צימערמאַן, אויף איינעם פון די שיינע ווינער בולוואַרן און איך געדענק אויך ווי מיר, אפשר די איינציקע צוויי משה־לייב־אבלים אין דעם פרעמדן אַרום פון דער עסטרייכישער הויפּטשטאָט, האָבן גערעדט און נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם פאַרשניטענעם דיכטערס טרוים פון איי־ביקייט און וועגן זיינע ביטערע ספקות אין שייכות מיט אָט דעם טרוים, און עמעץ פון אונדזביידע (עס איז, מן הסתם, געווען משה גראָס, וואָס האָט אַזוי גוט און גרינטלעך געקענט האַלפּערנס לידער) האָט ציטירט עטלעכע געהאַמערטע שורות פון משה לייבס פרץ־פּאָעמע:

„איז דאָס דער טרויס פון אייביקייט אויף אונדזער טונקעלען גאַנג?
פאַרוואָס־זשע בייגט דער מענטש זיך טיף ביים בלויזן טויט־געדאַנק?
און וויינט פאַרוויטיקט, ווי אַ קינד אין טונקעלער נאַכט אַליין?

— —

„געבענטשט איז דער, פאַר וועמען ס'איז אַ יענע וועלט נאָך דאָ,
פאַר אים איז דאָ אַ טרייסט. פאַר מיר איז גאָרנישט, גאָר נישטאָ."

איז דער דיכטער פּסיכיש באַרעכטיקט געווען צו אַזאַ טרייסטלאָזער פאַרצווייפלונג? און וואָס איז דאָס נשמה־שוועבעלע, וואָס האָט אָנגעצונדן אין משה לייבן דאָס פינצטערע פייער פון „גאָרנישט, גאָר נישטאָ"?

ווען איך בלעטער היינט, נאָך פינף און צוואַנציק יאָר, משה לייבס לידער־ביכער („ניו־יאָרק", „די גאָלדענע פּאַווע" און די צוויי בענד אויפגעזאַמלטע ליטעראַרישע ירושה), ווערט מיר קלאָר דער ענטפער אויף די פראַגעס, וואָרום איך דערזע, דוכט מיר, דייטלעכער ווי דעמאָלט און ווי אַלע מאָל דעם דיכטערס פּסיכישע געשטאַלט, די געשטאַלט פון אַ מענדל קאָצקער אין דער יידיש־פּאָעזיע.

איך לייען משה לייבס לידער און מיין אויג פאַרהאַלט זיך ביי די פריער־דערמאָנטע פערזן פון דער פרץ־פּאָעמע, דאָס געמיט בלייבט הענגען אויף די פיבער־שורות:

„וואָס נאַרסטו זיך אָפּ מיט אַ מענטש אויף אַ שטיין,
ווען וויינען זיך הערסטו אַליין, זיך אַליין —
וואָס נאַרסטו זיך אָפּ?"

און אַלץ אין מיר הערט זיך איין צום דיכטערס פאַרעקשנטן און געביטערישן געמורמל אין „אַ נאַכט":

„דערטרוים זיך צו זיין, ווי דער ווינט אַזוי גיך.
„פאַרפאַלן, דו וועסט נישט אַנטלויפן פון זיך,
„עס וועלן די ערד און דער הימל פאַרגיין
„און דו וועסט דאָ בלייבן אַליין."

און איך טראַכט, ווי וואונדערלעך און ספּעקטאַקלדיק עס זיינען די גייסטיקע באַגעגענישן אויף די פליינען פון שעפערישקייט.

דער בעל־מלאכהשער זון פונעם קרוין־פּוילישן שטעטל גאָריי, וואָס איז געוואָרן דער קאָצקער רבי, און דער זון פון אַ שניט־קרעמער פון דער מזרח־גאַליצישער שטאָט זלאָטשעוו, וואָס איז געוואָרן אַ יידיש־דיכטער אין דער וועלט־מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק, האָבן זיך איבערן מרחק פון הונדערט יאָר אין צייט און איבער דער ווייטקייט פון צוויי קאָנטינענטן אין שטח באַגעגנט אין זייער שעפערישן געמיט.

עס איז נישט בלויז דאָס וואָס אַזוי פיל שורות פון משה לייבס לידער קלינגען אָפּ צו די שאַרפע אַפאָריסטישע זאָגענישן פון ר׳ מענדל קאָצקער, וואָס משה לייב האָט וועגן אים קוים געהערט און, אפשר, לחלוטין נישט געוואוסט.

משה לייבס „גאַרנישט, גאָר נישטאָ״ האָט אַ מאַוימדיקע אַסאָציאַציע צו ר׳ מענדל קאָצקערס „לית דין ולית דיין״ ביי יענער פרייטיק־צו־נאַכטיקער סעודה, וואָס וועגן איר — זאָגט מען — האָבן חסידים נישט ליב געהאַט צו רעדן. דער קאָצקער רבי שטעלט אויף זיין מאַראַליש געבאָט, אַז „אַפילו ווען עס וועלן זיך אַ וואַקל טאָן די הימלען און די ערד וועט זיך צעשטויבן, זאָל דער מענטש בלייבן שטיין און זיך נישט אָוועקרירן פון אָרט״, און דער פּאָעט פון ניו־יאָרק גיט אונדז זיין וויזיע וועגן „עס וועלן די ערד און דער הימל פאַרגיין און דו וועסט דאָ בלייבן אַליין״. און דער רבי און דער דיכטער קומען זיך צונויף אין זייער היפּשן ביטול צום לערנער, צום אינטעליגענט. דער דיכטער וואַרפט אַ קללה אויפן אינטעליגענט, און דער רבי פרעגט סאַר־קאַסטיש דעם לערנער פון תורה וואָס די תורה האָט א י ם אויסגעלערנט. און זיי גייען זיך צונויף, דער רבי פון קאָצק און דער יידיש־דיכטער, אין זייער אומגעדולד צו דער „יחוס־קייט״. משה לייב לעסטערט „זלאָטשעוו, מיין היים״ און ר׳ מענדל קאָצקער האָט נישט קיין מורא צו מאַכן אַזאַ, אין תוך ניט ווייניקער, שפּאָטישע דעקלאַראַציע ווי „ווען איך זאָל וויסן, אַז איך שטאַם פון אברהם, יצחק און יעקב, וואָלט איך מיר פאַררוקט ס׳היטל אויף אַ זייט און געטאַנצט אַ ׳קאַזאַק׳ אין מיטן גאַס״. און שותפים זיינען דער רבי און דער דיכטער אויך ערגעצוואו אין דער סקעפּטישער באַציאונג צו דער נויטווענדיקייט פון זייער אייגענעם שעפערישן וואָרט. משה לייב דער פּאָעט זאָגט אָן זיין איינציקן זון, אַז ער זאָל ליבערשט זיין „אַ בייגל־כאַפּער, אַ שינדער״ איידער ״שרייבן אַ ליד פון לבנה־שיין״, און ר׳ מענדל, דער קאָצקער, האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן קיין ספר, ווייל ווער וועט עס לייענען, אויב נישט איינער פון אנשי שלומנו נאָך דעם שבתדיקן מאָלצייט און דערביי אַנטשלאָפן ווערן? *)

אָבער נישט וועגן דעם גייט עס, וואָס די פּאָעטישע וויזיעס און תוכחה־רייד פון דעם יידיש־פּאָעט טרעפן זיך אָפט צונויף מיט די שאַרפע אַפאָ־ריזמען פון אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער פאָדערונג ביי דעם גאונישן צדיק פון קאָצק.

עס גייט וועגן איין און דערזעלביקער איבערלעבעניש פון איינזאַמקייט,

---

*) דעם קאָצקערס רייד ברענג איך לויט אליעזר שטיינמאַנס „ספר באר החסידות״, פאַרלאַג „כנסת״, תל־אביב.

וועגן דער זעלבער טיפער דראַמע פון וועלן, נייך, פון מוזן אויסהיטן דאָס אייגענע אינעווייניקסטע לעבן קעגן דעם אָרום פון בלינדער אומפּערזענ־לעכקייט, קעגן דעם אָרום פון קאָנווענציאָנאַליזם און צביעות.

ביידע, אי דער רעליגיעזער פילאָזאָף פון קאָצק און אי דער יידיש־דיכטער פון ניו יאָרק, זיינען געווען היפּער־סענסיטיוו צו אומעכטקייט פון קולטור און צו פעלשונג פון לעבן.

און פונקט ווי דאָס „קאָצקער געמיט״ פונעם רבין איז היינט, כמעט הונדערט יאָר נאָך זיין פּטירה, נישט ווייניקער גייסטיק־אַקטועל און קולטור־בויטוועדיק אין יידיש־רעליגיעזן לעבן ווי דעמאָלט, ווען ר׳ מענדל האָט אין דער פּיין פון איבערטראַכטענישן געמיינצט זיינע שפּיציקע, דעמאַסקירנ־דיקע זאָגענישן, אַזוי איז אויך היינט ברענענדיק אַקטועל אין דער יידיש־„וועלטלעכער״ וועלט דאָס „קאָצקער געמיט״ פון משה לייבן, דעם פּאָעט, פינף און צוואַנציק יאָר נאָך זיין טויט.

אַמאָל קען זיך דאַכטן, אַז אין אַ צייט, ווען דער קולטור־קאָנפאָרמיזם, דער דיקטאַטאָרישער און אויך דער דעמאָקראַטישער, האָבן אַרומגערינגלט דעם יחיד ווי די בינען פון אַלע זייטן — אַז אין אַזאַ צייט קען דער יחיד געפינען מער שוץ אין דער שטילער מוזיקאַלישער קאַמער־ליריק, וואָס שאַפט אַ מחיצה צווישן נשמה־אייגנקייט און דעם קולטור־ליאַרעם פון אַרום.

אָבער ווען איז דאָס געראַטן געוואָרן? עס איז געראַטן געוואָרן ווען דעם יחידס אָנשטעל פון אייגנקייט און פון איינגערעדטער צעקריגטקייט מיטן טשערעדע־גייסט פון אַרום זאָל אין תוך נישט זיין אַפּט, און זייער אָפט, נישט מער ווי עפּעס אַן אויטאָ־קאָנפאָרמיזם, אַ זעלבסט־צופרידנקייט און אַ פרעגלען זיך פון נחת איבער „מיין אַנדערשקייט״.

און קעגן דער מחלה פון „מיין אַנדערשקייט״ איז **א י י ן** רפואה — דאָס „קאָצקער געמיט״. ווי האָט געזאָגט דער קאָצקער צו איינעם אַ רב, וואָס איז געקומען זיך באַקלאָגן אויף מחלוקתן מיט קהל: דו לעבסט בשלום מיט דיר, האָסטו מחלוקתן מיט דער שטאָט?!

משה לייב, דער פּאָעט, האָט קיינמאָל נישט געלעבט בשלום מיט זיך אַליין, וואָרום ער האָט פאַרמאָגט די נויטיקע מאָס „בושהלאָזיקייט״ זיך צו דערגראָבן צו דער עכטקייט פון דער אייגענער איבערלעבעניש און זי אַרויס־צוברענגען דרייסט און אין סאַמע זאַט פון מאַראַלישן אויפברויז. און ווייל די איבערלעבעניש איז געווען עכט און פיינפול, האָט זי, ווי „אומגערעכט״ זי זאָל צומאָל נישט זיין, דערגרייכט דעם הויכן ציל פון טראַגיק אין דער קונסט. זי האָט געריניקט אונדזער געמיט פון קליינלעכקייט און האָט אונדז מאָראַליש און עסטעטיש באַשיצט און דערהויבן.

ג.

די פולע מאָס פון שנאה צו קולטור־אומעכטקייט און צו לעבנס־פּעל־שונג האָט געשאַפן ביי משה לייבן אַן איבערגעטריבענע נייגונג צו נאַטור־ראַליזם, כ׳מיין, צום נאַקעטן וואָרט און צום פּאָעטיש אַנטבלויזטן בילד. אָבער עס איז שוין, דוכט זיך, אָנגעוויזן געוואָרן, אַז משה לייבס ליד האָט מיינסטנס געווירקט מער מיט דעם ריטם פון מאָראַלישן אויפברויז, מיט דעם דורכדרינגנדיקן געשריי פון דער שורה איידער מיט מעטאַפאָר און אימאַזש. אין דעם פּרט זיינען זיינע פאָרגייער געווען נישט קיין אַנדערע ווי דער נביא־פּרינץ ישעיה און דער נביא־פּאַסטוך עמוס, וואָס רייסן זיך צום גרויסן טייל אַריין אין אונדזער געמיט אויך, קודם כל, מיט דער שטורעם־ווינטיקייט פון זייער שאַרפן פּאַמפלעטאַרישן וואָרט.

אָבער ווען איך טראַכט צי די רייד פון לעסטער און פּראָפאַנירונג, וואָס זיינען פאַראַן אין משה לייבס פיר לידער־זאַמלונגען, האָב איך דאָס געפיל, אַז זיי שטאַמען אויך דערפון, וואָס האַלפערן, דער דיכטער, האָט נישט פאַר־מאָגט דאָס, וואָס איינער אַ דייטשער פילאָזאָף האָט אַמאָל טרעפלעך אָנגע־רופן: דער פּאַטאָס פון דיסטאַנץ.

אויף פּשוט יידיש־לשון מיינט עס צו זאָגן, אַז משה לייב, דער פּיינ־פולער זעער פון דעם מענטשנס שפלדיקייט, דער שאַרפער אַנטבלויזער פון יחידישער און געזעלשאַפטלעכער אומעכטקייט פון קולטור און פון גע־פעלשטן לעבן — אַז אים, משה לייבן, האָט אין די קנאַפּע פינף און צוואַנציק יאָר פון זיין דיכטערישער שעפערישקייט פאַרפעלט דער פּאַטאָס אַריבער־צוקוקן אין דער ווייט איבער דעם פיליסטערישן עולם הזה פון מאָראַלישע סתירות און צביעותדיקע פאַרפוצן, און — צו דערזען גאָט.

אין משה לייבס לידער איז גאָט אַ שטייגעריש וואָרט, וואָס דריקט אויס אַ פאַרצווייפלטן געמיט־צושטאַנד פונעם דיכטער, ווי אין דער „תפילה פון אַ לומפּ", אָבער נישט קיין פּאָעטיש־געאָנטע מיסטעריע איבער אונדזער לעבן. בלויז אין אַ קליינעם טייל פון משה לייבס לידער דעראָנט דער לייענער די גאָט־מיסטעריע. צווישן אָט די לידער איז איינס פון די שענסטע און דורכנעמנדיקסטע „מעמענטאָ מאָרי", דאָס ליד פונעם דיכטערס באַגע־געניש מיטן טויט אויף די כוואַליעס „אין דער פרי גאָר, אַזוי אָרום צען".

אָבער בדרך כלל בלייבט משה לייבס ליד שטעקן „פון ד ע ר זייט טייך". זיין תפילה איז די תפילה פון דער גרויסער מענטשלעכער איינזאַמ־קייט צו זיך אַליין. זי דערגייט צו זעערישקייט, אָבער נישט צו העל־זעערישקייט.

משה לייבס ליד האָט אונדז ביי זיין לעבן מאָראַליש און עסטעטיש באַשיצט. און די באַשיצונג איז איצט, פינף און צוואַנציק יאָר נאָכן דיכ־

טערס טויט, נישט ווייניקער וואָך און ווירקעוודיק. דעם דיכטערס ליד האָט איבערגעלעבט אַ דור און עס איז געבליבן גייסטיק אַקטועל. די פּאָטעטישע איינזאַמקייט־דראַמע, וואָס ברענט אַזוי העל אין משה לייבס לידער, איז די דראַמע פון אַ גרויסן דיכטער, וואָס האָט זיינע נאָך גרעסערע דיכטערישע מעגלעכקייטן נישט דערגרייכט, ווייל ער האָט נישט באַוויזן אַריבערצו־שפּאַנען איבערן „קאַצקער געמיט" און איז מיט זיין צער און צאָרן געבליבן שטיין אויפן ביבלישן „הר עיבל".

זיין יונגער טויט איז אַזוי אַרום געווען טאָפּלט טראַגיש.

סעפּ. 1957

II

נאָכגעמאַכטער אמת

(אַ פּאָלעמיק וועגן משה לייבן)

קען מען דען דעם אמת נאָכמאַכן? „אַלע זאַכן אויף דער וועלט קען מען נאָכמאַכן", האָט דער רבי פון קאָצק איינגעטענהט מיט זיינע מקורבים און חסידים, „בלויז דעם אמת נישט — דער אמת איז נישט געשאַפן געוואָרן פאַר נאָכמאַכער".

ביים לעבן האָט דער קאָצקער רבי געטריבן פון זיך די אמת־נאָכמאַכער. ער האָט געשאָסן אויף זיי די שאַרפע פיילן פון זיינע סאַטירישע רייד, און אַז זיי האָבן אים צו פיל דערקוטשעט מיט זייער חסידישער טריישאַפט, האָט ער נישט געזשאַלעוועט אַפילו אַ ביטער וואָרט פון אומגעדולד און פון כעס־דיקן אויפברויז.

אָבער וויפל ער זאָל די אמת־נאָכמאַכער נישט האָבן געיאָגט פון זיך, האָט זיך דער קאָצקער רבי פון זיי נישט געקענט באַוואָרענען ביים לעבן, און אַ פשיטא שוין אַז ער איז דאָס נישט ביכולת איצט, הונדערט יאָר נאָך זיין פטירה.

איך האָב איבערגעלייענט דעם מאמר „קאָצק און... יידישע שרייבער", וואָס הרב אברהם זעמבע האָט אָפּגעדרוקט אין דער ניו־יאָרקער חודש־שריפט „דאָס יידישע וואָרט", און איך בין מיר משער, אַז אַזעלכע „געטרייע קאָצקער רייד" ווי הרב זעמבעס, האָט דער קאָצקער רבי געזוכט צו טרעפן און צונישט צו מאַכן מיט זיין שאַרפן, בריענדיקן אַפאָריזם וועגן נאָכגע־מאַכטן אמת.

אַזעלכע זעלבסט־זיכערע רייד ווי הרב זעמבעס, וואָס אַנשטאָט נאָכצו־

טראַכטן וועגן דער אייגענער אמתדיקייט, „גורטן זיי אָן די לענדן" און שרייען זיך אויס דעם האַלדז וועגן דעם שקר פון די „אַפּיקורסים" — אַזעלכע רייד און אַזעלכע רעדעס האָט דער רבי פון קאָצק נישט אַרויפגעלאָזט אויף דער שוועל פון זיין הויז.

דער קאָצקער רבי האָט גענוצט ביטערע ווערטער פון אומגעדולד און פון כעס אַקעגן די „גוטע און פרומע", וואָס ווילן איינרעדן זיך און אַנדערע, אַז זיי זיינען די היטער פון בית־המקדש.

וואָס איז דער „אומדערלאָזבאַרער סקאַנדאַל", וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ פּאָלעמישן גרימצאָרן ביי הרב אברהם זעמבע? דער „סקאַנדאַל" באַשטייט אין דעם, וואָס איך האָב אין מיין עסיי וועגן משה לייב האַלפּערן געשריבן, אַז „דער בעל מלאכהשער זון פונעם קרוין־פּוילישן שטעטל גאָריי, וואָס איז געוואָרן דער רבי פון קאָצק, און דער זון פון אַ שניט־קרעמער פון דער מזרח־גאַליצישער שטאָט זלאָטשעוו, וואָס איז געוואָרן אַ יידיש־דיכטער אין דער וועלט־מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק, האָבן זיך איבערן מרחק פון הונדערט יאָר אין צייט און איבער דער וויטקייט פון צוויי קאָנטינענטן אין שטח באַגעגנט אין זייער שעפערישן געמיט".

האָב איך דערמיט געלעסטערט דעם גאון פון קאָצק, ווען איך האָב זיך דערוועגט צו טראַכטן, אַז אין די פּאָעטישע וויזיעס און אין די פּאָעטישע תוכחה־רייד פונעם יידיש־דיכטער משה לייב איז פאַראַן עפּעס פון יענער טיף־דראַמאַטישער איבערלעבעניש פון איינזאַמקייט און פון יענעם פיינפולקריטישן ווילן אויסצוהיטן דאָס אייגענע אינעווייניקסטע לעבן קעגן דעם אַרום פון אומאייגנס און פון אומפּערזענלעכקייט, — מיט איינעם וואָרט: עפּעס פון דעם געמיט, וואָס איז געווען דער יסוד פון ר' מענדל מאָרגנשטערנס רעליגיעז־פילאָזאָפישער שיטה, און וואָס איך האָב עס אויפן נאָמען פונעם קאָצקער גדול אָנגערופן „קאָצקער געמיט?".

אויב עמעצער טוט יאָ אָן אומרעכט דעם „קאָצקער געמיט" און מינערט, ווי מיר דוכט, פון דעם קאָצקערס גרויס־טראַכטערישן שיעור קומה, דאָן איז דאָס זיכער דער, וואָס פּרוּווט צונעמען ביי ר' מענדל מאָרגנשטערן די אויפטרייסלענדיקע דראַמע פון זיינע איבערלעבענישן, פון זיין נשמהדיקער צעריסנקייט און צו מאַכן פון אים אַ מאַנעקען פון הייליקייט. גאָרנישט האָט דעם קאָצקער רבין געקאָנט זיין מער דערווידער און אַרויסרופן ביי אים מער אומצופרידנהייט... ווי דער שלום מיט זיך אַליין, די זעלבסטצופרידנקייט, וואָס קוויקט זיך מיט איר יראת שמים און מיט אירע מעשים טובים.

עס זיינען פאַראַן צווייערליי מינים הייליקייט — האָט געשטורעמט דער קאָצקער רבי — איינער איז הייליק מיט זיינע מעשים און דער אַנדערער מיט זיין מוח. אויך דער קריטישער פאַרשטאַנד גופא קען דערגרייכן די

מדרגה פון הייליקייט. ער דערגרייכט זי דערמיט, וואָס ער אַנטפּלעקט פאַר אונדז די קאָנוווענציאָנעלע צביעות פון דעם אַרום, דערמיט וואָס ער דע־מאַסקירט די אומעכטקייט פון קולטור און די פעלשונג פון לעבן ביי דעם מין מענטש, וואָס איז צופרידן מיט זיין לומדות, מיט זיין אינטעליגענץ און מיט זיינע מעשים טובים.

דער קאָצקער האָט גערעדט אין זיין אייגענער טערמינאָלאָגיע, ווען ער האָט געזען הייליקייט אין מוח, אין דעם קריטישן פאַרשטאַנד. אָבער וואַריאירנדיק דאָס באַוואוסטע וואָרט פון דעם קאָצקער וועגן בעש"ט, וואָס האָט, חלילה, נישט גוזר געווען, אַז די, וואָס קומען נאָך אים, טאָרן נישט זיין גרעסער פון אים, זיינען מיר אַוודאי באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז דער קאָצקער האָט נישט גוזר געווען, אַז מען טאָר נישט זיין אַנדערש פון אים. דעם קאָצקערס גזירה איז נישט געגאַנגען אויף דער אַנדערשקייט, נאָר אויף אומעכטקייט — די גזירה איז געגאַנגען אויף געזאָגטע און נישט איבער־געלעבטע רייד.

דער קאָצקער איז געווען הייליק דער עיקרשט מיט זיין מחשבה. און אַ שטיק פון דער דאָזיקער הייליקייט, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין דעם קאָצקערס אַפאָריזם, איז אויך געלעגן אין דעם קינסטלערישן טעמפּעראַ־מענט פונעם יידיש־דיכטער משה לייב האַלפּערן.

„וואָס האָט געוואָלט", שרייבט אליעזר שטיינמאַן אין זיין אויסגעצייכנ־טער אַרבעט וועגן קאָצקער (זע: „באר החסידות", ז' 290), „ר' מענדל דער עוקר הרים? אויף וואָס האָט ער געצאָרנט און גערוגזהט? צוליב וואָס האָט ער אויפגעשטורעמט די וועלט פון חסידים און צדיקים? און פאַרוואָס האָט ער אַראָפּגעריסן פון זיך מיט צאָרן דאָס פּורפּור־קלייד פון אַ רבי? ער איז אויפגעשטאַנען קעגן דער רבישאַפט, וואָס טיילט צו אויפן סמך פון נשמה יתירה כבוד־מדרגות צו בעלי גוף, קעגן דער רבישאַפט, וואָס בויט אויף עלית נשמה גרעסערע הייזער און פּאַלאַצן פאַר זיך".

די פיינפולע עכטקייט פונעם קריטישן פאַרשטאַנד און פון זיין רעליגיעז־פילאָזאָפישער זעאונג, וואָס איז אידענטיש מיט הייליקייט (איך האָב זי אָנגערופן מיטן שם הכולל „קאָצקער געמיט"), האָט ר' מענדל מאָרגענ־שטערנען געפירט צו ווערן דער אַנטי־רבישער רבי פון זיין דור.

די זעלביקע פיינפולע עכטקייט, נישט פון קריטישן פאַרשטאַנד, נאָר פון קינסטלערישער זעאונג, האָט משה לייב האַלפּערנען געבראַכט צו ווערן דער אַנטי־פּאָעטישער יידיש־פּאָעט פון זיין גענעראַציע.

קאָצקער הויף און דער יידיש־פּאַרנאַס אין ניו־יאָרק זיינען, פאַרשטייט זיך, גרינטלעך פאַרשיידענע יידישע סביבות. אָבער הרב זעמבע האָט גע־

מעגט וויסן, אַז דער חסד עליון איז נישט קיין פּריווילעגיע פון איין שיכט ייִדן און אַז גאָטס גנאָד ווי דער הימל שפּרייט זיך איבער אַלע ייִדן, איבער די וועלטלעכע גלייך ווי איבער די פרומע.

און „קאָצק", דער גייסט פון דער קאָצקער קולטור־עכטקייט, קען רוען נישט נאָר איבער דער רבישער קאָצק, נאָר אויך איבער דעם ייִדיש־טראַכ־טערישן און ייִדיש־דיכטערישן פּאַרנאַס. דער דיכטער משה לייב האַלפּערן איז אויף זיין שטייגער געווען אין קלעם פון „קאָצקער געמיט", וואָס איז צו דער זעלבער צייט אי גרויסע פּיין און אי געטלעכע אויסצייכענונג, נישט אַנדערש ווי דער גרויסער רבישער פּרוש פון קאָצק.

משה לייב האַלפּערנס דיכטערישע „גראָבע רייד" זיינען געווען אַ רע־זולטאַט פון דעם דאָזיקן געמיט, פּונקט ווי דעם קאָצקערס שאַרף־קריטישע אַפאָריזמען און דעם קאָצקערס ביטערע רייד פון אומגעדולד און רוגזה צו חסידים, וואָס האָבן געוואָלט באַהאַלטן זייער לעבנס־פעלשונג אונטערן קאָצקער בוים.

ס'איז בפירוש טאַקע אַ זכיה פון הרב אברהם זעמבע, אויב ער האָט באַוויזן צו זען אַ קאָצקער חסיד, וואָרים ר' מענדל מאָרגנשטערן ז"ל, איז נפטר געוואָרן מיט פולע אַכט און ניינציק יאָר צוריק. איך האָב דאָס נישט זוכה געווען. איך האָב אַפילו נישט געהאַט די זכיה צו קענען פּערזענלעך דעם ייִדיש־דיכטער מיטן „קאָצקער געמיט", וואָס איז אַוועק פון אונדז נישט מער ווי מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק.

משה לייב האַלפּערן האָב נישט איך און נישט הרב אברהם זעמבע גע־קענט פּערזענלעך. וואו־זשע קומט עס וואָס אַ מורה הוראה בישראל נעמט זיך אונטער צו משפּטן משה לייב האַלפּערן אויפן סמך פון געהערטע זאָגן און פון אַרויסגעלייענט פאַרעלטערטע ידיעות פון זלמן רייזענס לעקסיקאָן ?! אגב, וואָלט הרב אברהם זעמבע, אויב ער ציטירט זלמן רייזענען, געדאַרפט ברענגען נישט בלויז, אַז משה לייב האַלפּערן האָט געזוכט „צו דערשטיקן דעם צער און טרויער אין ווילדן טאַנץ פון אויפגעשטורעמטן בלוט", נאָר אויך דעם סוף פּסוק — „דער מיאוסער ווירקלעכקייט אויף צו להכעיס, אין הערלעכע, צאַרטע וויזיעס, אויסגעחלומט אין דער גרויער, אָרעמער סביבה".

ווען הרב זעמבע זאָל זיך מעשה קאָצקער ביים לייענען משה לייבס לידער און ביים אויספאָרשן זיין ביאָגראַפיע געווען פאַרלאָזן אויף זיך אַליין אַנשטאָט אויפן רבי זלמן רייזען און אויף צוויי ווערטער פונעם רבי ש. ניגער, וואָלט ער זיכער געקומען צו אַנדערע מסקנות. ער וואָלט רעווידירט זיין מיינונג פון „געהערטע זאָגן" וועגן משה לייבן, דעם דיכטער, און ער וואָלט אויך היפּש אַנדערש געזען אַ סך דעטאַלן פון משה לייב האַלפּערנס לעבן.

עס איז מיר באמת פּריקרע צו טראַכטן, אַז אַ קאָצקער חסיד ווי ר׳ אבֿרהם זעמבע האָט אַזוי ווייניק פאַרשטענדעניש פאַרן „קאָצקער געמיט" מחוץ פון קאָצקער הויף. עס איז פּריקרע, ווייל עס ווייזט, אַז די וואָרט־זאַגער פון פרום־יידישקייט פּרוּוון אויפשטעלן צווישן זיך און דעם „ישראל שחטא" אַ וואַנט פון טעאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע. אַזאַ מחיצה צעטיילט יידן, וואָס רעדן אין תוך איין און דאָס זעלבע לשון פון יידישן גאָט און פון יידישן פאָלק. אין שאָטן פון אַזאַ וואַנט מיט טעאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע נעסטן זיך קעגנזייטיקע אומפאַרשטענדעניש פון ווערטער און חשד פון כוונות; עס נעסטעט זיך דאָרט דער נאָכגעמאַכטער אמת.

דעצ. 1957

◈

אליעזר שטיינבאַרג

ביים לעבן האָט אליעזר שטיינבאַרג נישט זוכה געווען אַרויסצוגעבן קיין איין בוך זיינס. עס זיינען געבליבן אין כתבֿ־יד הונדערטער משלים, קינדער־לידער און טעאַטער־פּיעסן.

ערשט עטלעכע חדשים נאָכן דיכטערס פלוצימדיקן און פריצייטיקן טויט, אין פרילינג 1932, איז דערשינען אין טשערנאָוויץ אַ בוך משלים. אין דעם דאָזיקן ערשטן באַנד, וואָס שטיינבאַרג אַליין האָט געהאַט צונויפגעשטעלט און צוגעגרייט צום דרוק, האָט דער דיכטער איינגעזאַמלט דעם גרעסטן טייל פון זיין פאַבל־פאַרמעג.

מחוץ פון יענעם בוך זיינען פאַרבליבן אַ הונדערט משלים, וואָס עטלעכע פון זיי („דער הינטישער בונט", „די גוזמא", „ריינער פון גאָלד", „די זון און די לבֿנה" א. אַ.) האָט מען נישט איין מאָל געהערט רעציטירן ביי ליטעראַרישע אָוונטן און זיי זיינען געווען זייער פּאָפּולער ביים עולם.

וואָס עס זיינען געווען שטיינבאַרגס סיבות און כוונות ביים אויסלאָזן יענע משלים האָט מען, פאַרשטייט זיך, דעמאָלט נישט געקענט וויסן. אָבער איצט, פולע 24 יאָר שפּעטער, אַז מען האָט פאַר זיך די הונדערט פאַבלען (געגנויער: ביין און ביינציק) צווישן די טאָוולען פון אַ בוך און מען האָט אַ מעגלעכקייט זיי צו פאַרגלייכן מיט די משלים, וואָס זיינען אַריין אין די פינף אָפּטיילונגען פונעם ערשטן באַנד — איצט, זאָג איך, איז זיך נישט שווער משער צו זיין, אַז אַ טייל פון זיי האָט שטיינבאַרג פאַרבראַקירט דערפאַר, וואָס זיי זיינען שוואַכער אין דער פאָרעם, אָדער זייער מאָראַל איז נישט מער ווי אַן איבערחזרונג פון אַ פריערדיקן מוסר השכל, און אַן אַנדערן טייל

ווידער, דעם גרעסערן, האָט ער געהאַלטן אין רעזערוו ווי דעם יסוד פאַר אַ נייער זאַמלונג משלים, וואו דער עלעמענט פון מעשהלע און ליד זאָל נאָך בולטער קומען צום אויסדרוק ווי אין ערשטן בוך.

און אפשר האָט דניאל לייבל, דער צונויפשטעלער פון שטיינבאַרגס צווייטן באַנד משלים, טאַקע דאָס אין זינען געהאַט, ווען ער האָטביים אָנהייב און ביים סוף פונעם בוך אָוועקגעשטעלט די משלים־מעשהלעך און די משלים־לידער.

דניאל לייבל האָט אַזוי אַרום, אויב מיין סברה איז אַ ריכטיקע, גע־וואָלט אונטערשטרייכן די אַנדערשקייט פון שטיינבאַרגס משל.

די לעקסיקאָן־דעפיניציע פון דער פאַבעל, וואָס שענקט גאָטס באַ־שעפענישן, דעריקרשט די חיות, אַ זשמעניע פון מענטשלעכע תנועות און העויות און שטעלט זיי אַוועק מוסר זאָגן די מענטשן — די דאָזיקע דעפי־ניציע פּאַסט לגמרי נישט פאַרן פאַבוליסט אליעזר שטיינבאַרג.

ס'קען זיין, אַז אין אָט דער לעקסיקאָן־פאָרמולע האָט זיך לכתחילה נישט אַריינגעפּאַסט אויך ער, דער אַנגענומענער פאָטער פון דער אייראָ־פּעאישער פאַבל, עזאָפּ. איך זאָג, אַז דאָס קען זיין, וואָרים עזאָפּ איז דאָך אין אָריגינאַל כמעט נישט דערגאַנגען צו דער נאָכוועלט. דאָס וואָס מיר וויסן וועגן עזאָפּס פאַבלען איז דאָך בלויז זייער באַאַרבעטונג און פאַר־פלאַכונג דורכן לאַטייִנישן איבערזעצער פעדרוס, וואָס האָט עזאָפּן זעקס הונדערט יאָר נאָך זיין טויט אַרויסגעפירט אין דער וועלט־עפנטלעכקייט צו אומשטערבלעכקייט און גלאָריע. אויף אים, אויף פעדרוסן, איז די פאַבל־דעפיניציע פון אַלע לעקסיקאָנען ווי אָנגעמאָסטן.

אליעזר שטיינבאַרגס משל קער זיך ווייניק וואָס אָן קרובהשאַפט מיט עזאָפּ־פעדרוסן און מיט קרילאָוון. די גייסטיקע אבות פון שטיינבאַרגן, דעם פאַבל־דיכטער, זיינען אָן אָן ערך מער די אַלט־אינדישע און די אַלט־יידישע ממשלים אין אַלע היסטאָרישע שפּראַכן זייערע, אין לשון קודש, אַראַמעאיש און יידיש.

צום אונטערשייד פון דער עזאָפּיש־קרילאָווישער פאַבל, וואָס האָט גע־שמיסן די מענטשלעכע צביעות און נאַרישקייט און האָט מוסר געזאָגט דעם מענטש אין נאָמען פון אַ קלוגער, מיט אַלע דערפאַרונגען באַוואָרנטער, לעבנס־פילאָזאָפיע, רעדט שטיינבאַרגס משל צום גרעסטן טייל אין נאָמען פון אַ וועלט־אַנשויאונג, אין נאָמען פון אַן אייגענעם פּאָעטיש איבערגע־לעבטן וועלט־בילד.

וואָס־זשע איז די מענטש־וויזיע פון שטיינבאַרגן, דעם ממשל? שטיינ־באַרגס זעאונג פון בן־אדמן אויף גאָטס ערד קומט שאַרף און דורכנעמנדיק צום אויסדרוק אין דעם משל „אויפן צימבל".

ס׳איז דאָס בילד פון אַ מויז, וואָס טאַנצט אויף די סטרונעס פון אַ צימבל:

טאַנץ־זשעו! טאַנץ־זשעו! גיך, גיך, גיך!
אין דער מאַמעס גרינגע שיך!
וואָס? געפאַלן? ווידער? נאָך? —
ניט קיין בראָך!
שטייט אין פסוק: שבע יפול!
אָן סכנות, ווי ס׳דערציילט זיך:
ביז דער חתונה פאַרהיילט זיך...
און מויז זי גייט דעם טאַנץ
כאָטש אָן אבר שוין אין איר ניט גאַנץ
און דאָס חיות גייט איר אויס
נאָך אַ רגע רו, איין רגע בלויז,
נאָר דאָס זאָגט ניט קיינעם אויס!

איז דען דאָ נויטיק אַ מוסר־השכל? איז די זעאונג אַליין נישט די בעסטע מאָראַל פון דער געשיכטע? „עכבראָשל! דו דער נמשל — איך דער משל!״

דער מוסר־השכל איז נישט נויטיק, ווייל שטיינבאַרג אַפּעלירט נישט מיט אַ ליטעראַרישן זשאַנער, וואָס מוז צוגעשפּיצט ווערן צו אַ פּאָנטע. די פּאָעטיש־אינטענסיווע וועלט־זעאונג, וואָס מיט איר איז זיין פאַבל אָנגעלאָדן, הויבט זיך אַריבער איבער דעם באַריער פון אַ מוסר־השכל, פּונקט ווי דאָס ליד און דאָס מעשהלע, וואָס האָט אָן אָפענעם גלייכן וועג צום האַריזאָנט.

דער אייגנאַרטיקער שטיינבאַרגישער משל איז, אייגנטלעך, געצוימטע עפּיק פון לעגענדע, עס איז אָן אינהאַלטלעך קאָנדענסירט און מעטריש געצוימט מעשהלע.

דאָס גראָטעסקע בילד, וואָס ווערט באַשאַפן פון שטיינבאַרגס פאַנטאַסטישן פלי פון וויזיע און געדאַנק, איז שטאַרקער און עפעקטיווער ווי יעדער מוסר־השכל: —

מיט כמה יאָרן צוריק
האָט ערגעצוואו אין וואַלד אַ ניס געטאָן אַ פליג,
נו, מילא, ניסט זי — זאָל איר זיין צו גליק!
דערהערט דאָס אָבער די מכשפה פונעם וואַלד,

די קוקואווייקע, און זי מאַכט אַ רעש:
— קוקו! דצ"ך עד"ש!
— קוקו! גוואַלד!
— געהערט אַזוינס? גאָר פליגן ניטן?!
עפּעס נייעס!
קוקו! ס'שמעקט מיט מרידה ביי די חיות!

אגב, זאָל דאָ נישט פאַרזען ווערן דער „דצ"ך עד"ש", וואָס ווערט ביים דיכטער אַ מין צויבערשפּרוך, אַ מין פאַנטאַסטישער פויגלישער קאַראַאול־געשריי, ווייל אין די ווייטערע שורות וועט אונדז נאָך אויסקומען צו דער־מאָנען שטיינבאַרגס אומפאַרגלייכלעכע שפּראַך־עשירות, זיין מחיהדיקן אי־דיאָמאַטיש־יידישן הומאָר און די טיפע פאַרשפּונענקייט פון זיינע וואָרט־שפּילן אין די אוראַלטע געוועבן פון תנ"ך און גמרא.

די וועלט־זעאונג, וואָס קומט צום אויסדרוק אין שטיינבאַרגס משלים איז, ווי געזאָגט, די זעאונג פונעם מענטשנס עלנטקייט, די זעאונג פונעם מענטשן ווי „אַ יתום צווישן יתומים" און דאָס אומהיימלעכע בילד פון דעם גליק־באַרוישטן בן־אדם, וואָס טאַנצט אַ פאַרצווייפלטער און אַ גאַרנדיקער נאָך אַביסעלע רו אין טויט אַריין.

האָט עס אַ זין און האָט עס אַ טעם מוסר צו זאָגן דעם שטאַרבנדיקן און אים אונטערצוטראָגן מוסר השכלס? לאַכט טאַקע שטיינבאַרג סאַרקאַס־טיש אָפּ פונעם ממשל, דעם מוסר־זאָגער און פון זיין מאָראַל: —

רעדט עזאָפּ... ער וואָלט זיך ערשט צערעדט!
גרינג זיין האַנט, די לאַנגע באָרד זיך גלעט,
און זיין חכמה זיך אין רעגנבויגן פאַרבט,
נאָר דאָס אייזל וויס קיין חכמות נישט — און שטאַרבט!...

אָבער ווייל ס'איז אַזוי „טרויעריק ברודער אויף דער וועלט, דער בריי־טער, געראַמער", עפנט דער דיכטער זיין מויל מיט משל און — אין עצם־געמיט פון משל ליגט ערגעצוואו אַזוינס, וואָס קען זיך נישט באַנוגענען בלויז „מיט אַ משל זיך כאַטש קוויקן לאַמיר", נאָר עס יאָגט זיך צו נעמען אַ וואָרט אויף די באַריקאַדן פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף, כ'מיין, אין פראַגן פון שענער און בעסער צו מאַכן דעם מענטשנס טרויעריקע אילוזיע, וואָס ער רופט לעבן.

אויפן פאָן פון שטיינבאַרגס דערקענטעניש פון דער עפּר־ואפרדיקייט פון בן־אדמס עקזיסטענץ און פון דער נישטיקייט פונעם מענטשנס יאָגעניש נאָך אידעאַלן פון גליק, ווערט געבוירן שטיינבאַרגס סאָציאַלער מאָטיוו.

עס איז נישט פאַראַן קיין אַנדערע רפואה צו דעם עלנט פון „איינער

איז דאָך קיינער״, ווי דער געמיינערטער עלנט פון אַקסל ביי אַקסל, פון סאָ־לידאַריטעט.

אַרום אָט דער סאָציאַלער רפואה צו „איינער איז דאָך קיינער״ פירט שטיינבאַרג אַ שאַרפן דין־תורה אין זיינע משלים. עס איז דער לוי־יצחקשער דין־תורה איבערגעטראָגן פון דער הימלישער פאַנטאַסטישקייט אויפן ער־דישן פּראָנט פון מענטשלעכע באַגעגענישן.

און דער אָנקלאָגער שטיינבאַרג לייגט אויס די טענה מיט פייערדיקן, סאַטירישן אימפעט און מיט יענער פאַרניכטנדיקער לאָגיק, וואָס נאָר דאָס וואָרט־בילד און נישט דער וואָרט־באַגריף האָט דעם כוח זי צו טראָגן.

די טענה גייט נישט בלויז קעגן דעם פייניקער און מאַכטהאָבער, נאָר אויך קעגן זיין קרבן. קעגן דעם קרבן — מיט נישט ווייניקער ביטערער סאַטירע ווי קעגן דעם פייניקער.

פון דעם ערשטן באַנד משלים, וואו דער ממשל דערלאַנגט אַ האַרבן גאָב דעם פערד, וואָס באַקלאָגט זיך אויף זיין שווערער דאָליע: —

...דיך קומט דערפאַר צו קעפּן,
וואָס, בהמה, נישט פאַרשטאַנען
און געלאָזט זיך שפּאַנען,

און וואו ער לאָזט דעם שופט עליון פאַרמשפּטן די קו ביי איר משפט מיטן קצב פאַרן בית־דין של מעלה, וויל: —

מיט טעמפּער הכנעה און שטומפּיק געדולד
מיין קנעכט שלמה זלמן מיר איבערגעפירט!
געוויזן אַ וועג אים אַ פרייען צום שלעכטן,
אַ חלף אין האַנט אים געגעבן צום שעכטן,

און ביז צום צווייטן באַנד פאַבלען, וואו: —

שוין צעשפּאָלטן ליגט דער אָקס אויף דרייען.
דאָך אַ נאָמען זיך געמאַכט: — אַ קרבן!
פאַרן אמת, זאָגט מען, ער געשטאָרבן! —

פון יענעם ערשטן באַנד משלים ביז צום צווייטן גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם שטיינבאַרגס ביטער־סאַטירישע טענה קעגן דער קרבן־מענטאַלי־טעט פון די געדרודפטע און געיאָגטע — אַ מענטאַליטעט, וואָס טראָגט דעם הויפּט־חלק אין דער שולד פאַר דער פאַראַנענקייט פון יאָגערס און פייניקערס.

אָבער דעם פולן און מעכטיקן פּאַטאָס פון זיין סאַטירע שליידערט שטיינ־באַרג קעגן די פייניקער אין זייערע צוויי געשטאַלטן: אין דער געשטאַלט פון פאַרשקלאָפער און „באַפרייער״.

אין ערשטן באַנד חוזקט שטיינבאַרג פון —

זיך גענאָסן בלוט און טרערן,
ווייל — גאולה וויל מען ברענגען, ערלעך וויל מען ווערן,

און ער וואָרנט אונדז דאָרט, אַז מיר זאָלן וויסן —

איז נאָר דאָ אַ פאַסטעך, וועלן זיין שוין הינט!
גיב נאָר, גאָט, אַ ריכטער, וועלן זיין שוין זינד!

אין די הונדערט משלים פונעם צווייטן באַנד האָט שטיינבאַרג אין עט־לעכע משלים, וואָס ער האָט, קען זיין, געשריבן אונטערן רושם פון די ערשטע בולטע סימנים פון דער דעגענערירטער „באַפרייאונג" אין רוסלאַנד אין די לעצטע צוואַנציקער יאָרן, ממשיך געווען זיין שאַרפן דין־תורה מיט די פאַסטעכער און מיט די האַרן פון פאַרשקלאַפונג און פון „גאולה".

אין דעם משל־ליד אונטערן נאָמען „די באַפרייאונג", האָט דער שניידנ־דיקער פּאַטאָס פון זיין סאַרקאַזם און סאַטירע דערגרייכט די הויכן פון ביאַליקישן צער און צאָרן —

איך, דער גאָט פון הבל בין איך, נישט פון קין!
און געקומען טרייסטן בין איך, העלפן און באַפרייען
די געדריקטע פון די אונטערדריקער.
נישט דער וואָלף — דאָס שעפּעלע ביי מיר דער עיקר.
איך בין ליבשאַפט און רחמנות,
כאָטש מיט פייער און מיט שטורעם גיי איך.
און דערפאַר אויף מיין מזבח
נישט דער אָדלער, וואָלף און לעמפערט זאָלן זיין קרבנות,
נאָר דאָס שעפּעלע, דאָס טייבעלע, דער אָקס —
איך באַווייליק נאָר דאָס שטילע־פרומע, נישט די פויסט פון באָקס!

מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך אין שייכות מיט אליעזר שטיינבאַרגס ערשטן באַנד משלים געשריבן (זע: מיין בוך „אינזיך און אַרומזיך", בוקאַ־רעסט, 1936): „די רייכקייט פון אליעזר שטיינבאַרגס שפּראַך האָט אין דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור כמעט קיין גלייכן נישט. שטיינבאַרג פאַרמאָגט דאָס פאָלקלאָריסטישע עשירות פון משה נאַדיר און דערצו די למדנישע שפּראַך־בקיאות פון תורה־שבכתב. שטיינבאַרג קען, ווי בערגעל־סאָן, דעם סוד פון צמצום און פינקלט איבער דאָס מיט אַלע חן־פינטעלעך פון פּאָעטישער באַרעדעוודיקייט. ער איז אין זיין שפּראַך בוייט־לייוונטיק און אַנדנאַאיש ווי שלום־עליכם, פאַרשטייט אָבער זיין שפּראַך צו דיסציפּלי־נירן מיטן כישוף פון זיין מעטריק".

אויפֿן סמך פֿון די הונדערט משלים פֿון דעם צווייטן באַנד, דאָס הייסט, אויפֿן סמך פֿון „כל משלי אליעזר בן יהושע", קען איך בלויז איבערחזרן דאָס וואָס איך האָב דעמאָלט געשריבן.

שטיינבאַרגס נאַטור־באַשרייבונג שטאַמט פֿון די זעלבע טיפֿע קוואַלן פֿון יידישן אויג און פֿון יידישער השתפכות הנפש ווי מענדעלעס און שלום אַשס (זי איז ווייניקער אויסגעמוטשט ווי מענדעלעס, פֿאַרמאָגט אָבער נישט אַשס ציטערדיקן ליריזם).

וואָס שייך שטיינבאַרגס דיאַלאָג, באַשטעטיקט אַזאַ משל ווי „גאָטס ניסים" דאָס וואָס מיר וויסן שוין פֿון שטיינבאַרגס באַרימט־געוואָרענע פֿאַבלען אין ערשטן באַנד („שנאת חינם, דער חלף און די זעג" א. אַ.), דהיינו, אַז די שורות פֿון שלום־עליכמס פּראָזע־מאָנאָלאָגן און די פּערזן פֿון די טענות אין שטיינבאַרגס משלים גייען אַקסל ביי אַקסל אויף די הויכן פֿון פֿאָלקס־טימלעכער שפּראַך־דערגרייכונג, וואָס איז צו דער זעלבער צייט אַן אינדי־ווידואַליסטישער גרויס־קינסטלערישער אויפֿטו.

שטיינבאַרגס גראַם איז אַלע מאָל ספּאָנטאַן און אָריגינעל (צוויי פֿון אַ סך ביישפּילן: נחות־דרגאַס — וואַרגעס; האָרעוואַניע און לחמא עניא).

אין שטיינבאַרגס משליםווימלט עס מיט אַלט־יידישע ווערטלעך און מיט חנעוודיקער פֿאָלקס־אַנעקדאָטיק, וואָס ער ברענגט אַרויס פֿון די עבר־טיפֿענישן און אַסימילירט זיי קינסטלעריש און אויך אינהאַלטלעך מיט די נייעסטע באַגריפֿן. זיינע וואָרט־שפּילן זיינען געשעפּט פֿון דורותדיקע וויט־קייטן און האָבן דערביי שטיינבאַרגס פּערזענלעכן אַראָמאַט.

ווידער ברענג איך דאָ בלויז צוויי ביישפּילן פֿון אַ סך: וועגן אַ פֿערדל, וואָס מען דאַרף צו אים קיין בייטש נישט, זאָגט שטיינבאַרג, „שוין פֿאַר־שטייט עס וואָס מען מיינט און — למנצח על הגיטי עס! (וואָרט־שפּיל אויף די ערשטע ווערטער פֿונעם אַכטן קאַפּיטל תהלים „למנצח על הגיתית").

אין משל „דער קאָטער און די בין" נעמט דער קאָטער „מיט די גרינגע אויגן" רעדן גמרא־לשון און ער זאָגט: איסטרא בלגינא, קוש, קוש וואו די יידעלעך גערוט" (וואָרט־שפּיל אויף דער מימרא אין דער גמרא „איסתרא בלגינא קיש קיש קריא", אַ מטבע אין אַ ליידיקער פֿלאַש לאָזט זיך הערן מיט קיש, קיש).

אויך אינהאַלטלעך האָבן שטיינבאַרגס משלים זייער אָפֿט אַלט־היסטאָ־רישע דעקאָראַציע. אין אַ משל וועגן פּאַפּיר און טינט — איז דער שרייבער שלמה בן גבירול און דער אַדרעסאַט חסדאי אבן שפּרוט. און די געשטאַלטן זיינען נישט צוגעטראַכטע. זיי וואַקסן היימיש אַריין אין משל. אַ ביישפּיל פֿון שיינער, געראָטענער און היסטאָרישער דעקאָראַציע איז דער משל וועגן באַרג חרמון מיט זיינע פֿיר נעמען און דעם שור הבר.

ווען שטיינבאַרגס מוסר השכלס, וואָס זיינען נישט אַנדערש נאָר פונעם דיכטער באַשאַפענע פאָלקסווערטלעך, האָב איך שוין געשריבן.

איך וויל דאָ בלויז ציטירן ווי אַ ביישפּיל פון צווייטן באַנד די לעצטע צוויי שורות פונעם משל „די גוזמא״: —

ניט מיט שטאָל און אייזן נעמט מען כעלם,
נאָר מיט שפּינוועבס פון אַ מדרש נעלם.

און טאַקע אָט דאָס פאָלקס־ווערטלדיקע פון די מוסר־השכלס, דער וואונדערלעכער אידיאָמאַטישער הומאָר פון די דיאַלאָגן, די וואָרט־שפּילן און די אָפט גראָטעסק און וויציק געצייכנטע געשטאַלטן זיינען דאָס ביסל פרייד,

פרייד, וואָס שפּילט זיך שטילערהייט
מיט אַ נאָגנדיקן טרויער —

אין די טרויעריקע ביכער פון דעם ממשל אליעזר, דער זון פון יהושע.

◈

ישראל שטערן

קיין גרעסערער חסד ווי דער יידישער קולטור־קאָנגרעס האָט געטאָן צו דעם היטלער־קרבן, דעם קדוש, דעם דיכטער ישראל שטערן איז גאָר נישט געמאָלט. וואָרים ישראל שטערן, דער פּאָעט און עסייאיסט, וואָס איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ אין חודש אויגוסט, 1942, אין עלטער פון 48 יאָר, האָט ביי זיין לעבן נישט אַרויסגעבראַכט קיין איין זאַמלונג פון זיינע לידער און נישט קיין איין זאַמלונג פון זיינע עסייען.

דאָס בוך לידער און עסייען, וואָס דער קולטור־קאָנגרעס האָט אַרויסגעגעבן דרייצן יאָר נאָכן דיכטערס אומקום, איז אַזוי אַרום דאָס ערשטלינג־בוך פון ישראל שטערן, דעם פּאָעט און עסייאיסט.

די איצטיקע ערשטע און איינציקע זאַמלונג איז ווייט נישט קיין פולע זאַמלונג פון ישראל שטערנס לידער און עסייען. אַ טייל פון די שוין געדרוקטע כתבים, גיט אונדז איבער דער צונויפשטעלער פון דעם בוך, דער דיכטער ה. לייוויק, האָט מען פשוט ניט געקענט אָפּזוכן אין דער צעשפּרייטקייט פון צייטונגען און זשורנאַלן.

וואָס שייך ווידער די לידער, וואָס שטערן האָט געשריבן אין די דריי קאַטאַסטראָפע־יאָרן ערב זיין אומקום און האָט זיי פאַרגעלייגט ביי ליטע־

ראַרישע אָוונטן אין דער וואַרשעווער געטאָ — אָט די לידער זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אינאיינעם מיט זייער שעפער.

אַ גענויערע ידיעה וועגן שטערנס געטאָ־לידער ברענגט אונדז די עסייאיסטין רחל אויערבאַך אין נומער 24 פון דער תל־אביבער פערטליאַר־שריפט „די גאָלדענע קייט". און רחל אויערבאַך פאַרזיכערט, אַז די לידער, וואָס דער דיכטער האָט זיי מיטגענומען מיט זיך צו זיין לעגענדאַרישן קידוש־השם־טויט זיינען געווען „נאָך טיפערע, נאָך רייפערע ווי די פון פריער".

מיר מעגן זיך פאַרלאָזן אויף רחל אויערבאַכס פּאָעטישער מבינות. מיר קענען זיך משער זיין, אַז דער חורבן גופא האָט ביי „מיין ברודער פון איובשע לידער" (ווי לייוויק באַצייכנט שטערנען אין זיין געזאַנג „מיין ברודער ישראל שטערן"), אַז דער חורבן, זאָג איך, האָט ביי דעם פּאָעט, וואָס אין זיינע לידער גליען אַזוי פיל קאַטאַסטראָפע־אָנונגען, אַרויסגעריסן נאָך שאַרפערע און נאָך הייסערע אימאַזשן אויף איבערצוגעבן דעם „מן המצר" פון זיין אייגענער נשמה און דעם געמיט־„ממעמקים" פון זיין יידישן דור.

אָבער שוין פון די אַן ערך זעכציק זייטן לידער, וואָס ה. לייוויק האָט אויפגעזאַמלט — שוין פון אָט דעם, אין כמות, קליינעם בענדל לידער שטייגט אויף די פולע, טיפע רייפקייט און טראַגישע דערהויבנקייט פון ישראל שטערנס פּאָעטישן וואָרט.

מיט אָט די אַן ערך דריטהאַלבן צענדליק גרעסערע און קלענערע לידער האָט ישראל שטערן אַריינגעשריבן אַ פייער־בלאַט אין דעם בוך פון דער יידיש־דיכטונג.

אַ פייער־בלאַט — ווייל שטערנס לידער אָטעמען מיט פּיינפולער זעאונג פון סכנה, עס ווייעט פון זיי מיט שטורעם־ווינטיקן אומרו פון געמיט און עס רודערט אין זיי אַ נישט־איינגעשטילטער פּראָטעסט קעגן געטלעכן און מענטשלעכן סדר.

צוויי פלאַקערן טיילן זיך אויס פון דעם פייער פון שטערנס ליד מיט זייער ביז ווייסקייט צעברענטן ווייטיק. די צוויי זיינען: דער באַגער צו גאָט־באַהעפטונג און די פיין פון סאָציאַלן אומרעכט.

ישראל שטערן איז נישט קיין אינטעליגענטישער גאָט־זוכער. גאָט איז, אַזוי צו זאָגן, אַ דאָאיקער, אַ געפונענער אין זיינע לידער. דער זון פון דער אָסטראָלענקער אָרעמער בעקערין און דאָס אייניקל פון איר פאָטער, דעם פרומען סופר, האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט אָפּגעווענדט פון גאָט. דער לאָמזשער און סלאָבאָדקער ישיבה־בחור איז אַלע יאָרן פון זיין לעבן ביז צו זיין אומקום אויף קידוש השם געבליבן אַ ירא שמים.

אָבער שטערנס יראת שמים איז ווייט נישט אידענטיש מיט דער רוטינאָווער געמיט־הכנעה פון אַ שול־גייער.

דער דיכטער ישראל שטערן — ניט בלויז ער ווייס, נאָר ער פילט עס אויך מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן, אַז „רעליגיאָזיטעט אין איר ברייטסטן וואָרצל איז רעוואָלוציאָנער, אַז עכטע גאָט־פאַרכטיקייט איז שטורעמווינטיש, וועג־ברעכעריש, זי צעברעכט אַפילו ריטועלע געזעצן, אויב זיי פאַרשטעלן די פרייהייט צו ענדגילטיקער, אַבסאָלוטער רעליגיאָזיטעט״ (זע: שטערנס באַוואוסטע עסיי „קרוינען צום קאָפּ פון יידישער קריטיק״).

דער יונגער שטערן, דערציילט אונדז מנחם פלאַקסער, דעם דיכטער׳ס אַ בן־עיר, אין זיינע „שטריכן צו דער ביאָגראַפיע פון ישראל שטערן״, פלעגט קומען דאַוונען אין גערער שטיבל, אָבער „איך האָב זעלטן געזען אים מיט־דאַוונען מיט קהל.״ און שטערן אין וואַרשע, ווען ער איז שוין געווען דער מחבר פון דער פּאָעמע „פרילינג אין שפּיטאָל״ — „זיין ליידנשאַפט איז געווען״ — דערוויסן מיר זיך אויך פון מנחם פלאַקסערס ביאָגראַפישע נאָטיצן — „אַרומבלאָנקען איבער די גאַסן, זיך איינקוקן טיף אין די געזיכטער פון די פאַריאָגטע און פאַרפאָלגטע מענטשן, שטיין בלייבן מיט דעם בעטלער אויף דער עק גאַס, און פאַרענדיקן ביי אַ ספר אין דער ליטווישער חברה־ש״ס.״

דער דיכטער אַליין באַשטעטיקט פלאַקסערס באַמערקונג אין עטלעכע אויטאָ־פּאָרטרעטיסטישע שורות, אין זיין ליד „פּאָר נייגעריקע״ —

„שטענדיק אַ פאַרליבטער,
„קאָן ער אָפּשטיין גאַנצע שעהן
„אינמיטן דער שלאָפנדיקער שטאָט
„און ברענען און ברענען
צווישן צוויי זונען״.

און די צוויי זונען, וואָס צווישן זיי „עס ברענט און ברענט״ ישראל שטערנס דיכטעריש געמיט, קאָן מען אינאיינעם צום בעסטן, דאַכט מיר, באַצייכענען מיט די תהלימדיקע פּסוקים „קרוב ד׳ לנשברי לב״ און „ד׳ יעמוד לימין אביון״.

„וואָס ווייסט איר אַלע אויף די גאַסן, וואָסער טעם עס האָט ד־ זון?
„וואָס ווייסט איר אַלע אויף די גאַסן, וואָס אַ נאַכט איז...?
„וואָס ווייסט איר דען, ווי די פרימאָרגנס שפּראָצן...?״

וואָס ווייסן אַלע אויף די גאַסן, די זאַטע, די געזונטע, די אין מקח וממכר פאַרהאָוועטע און פון יסורי הגוף ונשמה דערווייטערטע — וואָס ווייסן זיי אַלע וועגן גאָט, וועגן זיין גנאָד און וועגן דעם מענטשנס „אחד״ מיט גאָט און זיין הויה?

וואָך און זעעוודיק זיינען בלויז די איובס, די איובס פון פיזישע ליידן, פון אָרימקייט און פון האַרץ־צעבראָכנקייט.

די חולאים אין שפּיטאָל —

„ליגן שפּעט בײנאַכט און שמײכלען אין דער פינצטערניש אַרײַן.

„און די בעטן גלעטן זײ פאַר פרײד, װײל ס'װוערט זײ קלאָר אַ רעטעניש!״

דער צושטאַנד פון לײדן איז גורם אַ טיפן פּסיכישן שנוי אין מענטשלעכן געמיט. די חושים װערן װאַכער, אָפענער. זײ װערן קלאָרזעעװדיק און דערזעען און דערהערן, אַז —

„װען אויף ברײטע הימל־טראַקטן לױפן — װאָזשע לױפן שטערן ? —

„אַ בשורה טראָגן די װאָס קלאָגן: — איר, איר צאַרטע מסוכּנים קענט מיך לאַנג שױן, אין אײער לעצטן ברעג האָט איר מיך טיף געדמיונט,

„איר זענט אַלע מײנע שפּיגלען, און נאָר איך בין פּנים.

און נישט בלויז דער איוב פון פיזישע לײדן איז דער שפּיגל פון גאָטס פּנים, נאָר אויך דער אָרעמאַן, דער מענטש פון נשמה־יסורים, דער מענטש פון אַ צעבראָכן האַרץ און פון סאָציאַלן פאַרדראָס.

דער דיכטער ישראל שטערן לאָזט אויסשרײען אפרים גאָלדענברוכן, דעם העלד פון זײן נישט־פאַרענדיקטער פּאָעמע אונטער דעם זעלבן נאָמען —

„װי אַזױזשע קײען אויף די „פּיאַסקעס״ קינדער שטיקער גלאָז פאַר הונגער

„װען האָב און גוטס און גאָט אַלײן געהערט צו די אָרעמעלײט...?

און דער עסײאיסט ישראל שטערן חזרט איבער אַן ערך דעם זעלבן געדאַנק אין זײן עסײ „ברױט און פּאָעזיע״, װען ער פאַרזיכערט אונדז, אַז „רײכקײט איז אַ גלאַנץ פון אויסנװײניק, אָרעמקײט איז אַ גלאַץ פון אינעװײניק״. דאָס ליכט פון אינעװײניק, די געטלעכקײט, איז די פּריװילעגיע פון דעם חולה, פון דעם בעל־יסורים, פון דעם אָרעמאַן.

דער אָרעמאַן און דער בעל־יסורים באַקומען אַזױ אַרום אין שטערנס ליד אַ פּריװילעגירטן קאָסמישן סטאַטוס און, אַזױ צו זאָגן, אַ נאָך קלאָרערן און מער בפירושן װי אין דודס געזאַנגען. װאָרים גאָט איז בײ שטערנען נישט בלויז נאָענט צום בעל־יסורים און שטײט נישט בלויז בײ דער רעכטער האַנט פון דעם אָרעמאַן, נאָר גאָט געהערט צו זײ בײדן, געהערט צו זײ אײנאײנעם מיט זײן „לי הכּסף ולי הזהב״.

דער דיכטער אַלײן פילט דעם גרױסן שכר פון זײן באַהעפטונג מיט דער הויה, דעם שכר פון זען זײנע לײדן װי אַ טײל פון דעם קאָסמישן „אחד״ פון יסורים —

„אַז מיר טוט װײ — זע איך,

„װי ס'ברײטע פּנים פון די פעלדער

„װערט פײכט און טונקל.״

אָבער צי ווערט דערמיט פאַרענטפערט די פראַגע, וואָס דער פּאָעט פרעגט דורכן מויל פון זיין העלד אפרים גאָדלענברוך מכוח די קינדער, וואָס „קייען שטיקער גלאָז פאַר הונגער״?

ניין, ישראל שטערן פּרוּווט די פראַגע גאָרנישט צו פאַרענטפערן, אָדער אַפילו בלויז צו מילדערן אין דער שייך פון דער געטלעכער גנאָד, וואָס געהערט אויסשליסלעך צום אָרעמאַן. פאַרקערט, דאָס סאָציאַלע אומרעכט ווערט אין אַנדערע לידער זיינע נאָך שאַרפער און נאָך דורכנעמענדיקער פאָרמולירט, ווי אין דער פּאָעמע וועגן אפרים גאָלדענברוך. און נישט נאָר שאַרפער ווי אין דער גאָלדענברוך־פּאָעמע, נאָר אַזוי פשוט און אויפטרייס־לענדיק ווי זעלטן אין ערגעץ אַ ליד פון אונדזערע בעסטע ליטעראַטורן —

„אַ ווינט איז פאַרט אַ ווינט,
„כאָטש ער קען די זון נישט פאַרלעשן,
„אַ קינד איז ווייניקער קינד,
„ווען די מאַמע איז אַן אָרעמע וועשין.״

וואָס שייך דעם מענטשלעכן סדר פון אומרעכט לאָזט זיך שטערנס ליד אויס אין שורות פון האַרבע תוכחה־רייד —

„אייערע טעג זיינען ליידיקע לעכער,
„אייער גליק — פאַלש געניטע קנעפּ.
„און ווילט איר כאַפּן די פאַרברעכער
„כאַפּט איר זיך אַליין פאַר די קעפּ...״

דער פּראָטעסט אָבער קעגן די אומפאַרשטענדלעכקייטן פון דער געט־לעכער פירונג קומט צום אויסדרוק אין אַ געוואָגטער, מוטיקער און דרייסטער רעליגיאָזיטעט. איך מיין, אין אַן אומדערשראָקענער, פּעסימיסטישער וועלט־וויזיע, וואָס, ווי פּעסימיסטיש זי זאָל נישט זיין, ווייס זי נישט פון קיין פאַרצווייפלונג. די „געוואָגטע רעליגיאָזיטעט״ — זי פּרוּווט נישט דורכ־דרינגען די געטלעכע אומפאַרשטענדלעכקייט מיט חקירהדיקע פראַגעס. זי זוכט באַהעפטונג מיט דער גראַנדיעזער רעטעניש פון הויה דורך פאַר־שטאַרקטער אמונה, און זי זוכט אין דער אָנונג פון אַ פאַרהוילענעם געטלעכן שכל, אין דער אָנונג פון ערגעץ אַן אַנגעגרייטן שכר ועונש טרייסט אין דער אכזריותדיקער אומלאָגיק און טרייסטלאָזיקייט פון די געשעענישן.

אין דעם אָנהויב־יאָר פון היטלערס מלכות־רשעות, אין יאָר 1933, האָט ישראל שטערן אין זיין ליד „ס'וועט געשען״, געקוקט גלייך און אָן מורא

אין די אויגן פון דער אָנקומענדיקער נאַכט, אין די אויגן פון יענער נאַכט, וואָס אין איר —

„וועט מיטאײַנמאָל די פינצטערניש ווערן געוואָר,
„אַז די פינצטערטע און פינצטערטע שוין טויזנט יאָר..."

אָבער ער האָט אויך געהאַט די אָנזונג פון אַ שכר ועונש, וואָס אַ ווינט, וואָס „לויפט און טאַפּט די ווענט פון דער וועלט ווי אַ סגי־נהור", האָט ווען דערציילט. עס האָט דערציילט דער ווינט וועגן די אותיות, וואָס גאָט שרייבט אין יענער נאַכט און די אותיות פאַלן צו דר'ערד דערשראָקענע —

„און ווער סיהאָט געהרגעט, דעם בלייבן זיי שטעקן
„שנייד־שפּיציק און געהיים ווי אַ הירעגליף אין האַרץ.
„און ווער ס'איז דערמאָרדעט, דער צעטראָגט מיינע בריוו
אין דער וועלט."

אין דעם „וואָס" פון זיינע לידער קער זיך ישראל שטערן אָן ערגעצוואו קרובהשאַפט מיט ה. לייוויקס מאָטיוון פון איובשער פּיין, מיט אהרן צייטלינס געוואַגטער רעליגיאָזיטעט און קבלה־זעאונג און אויך אַמאָל מיט משה לייבס לעסטערונג פון מקח וממכר און פּרנסה־פּאַרהאַוונטקייט („און ליגט דער האַלבטאָג, שינדט מען אָפּ אים און מען פאַרקויפט זיין פעל...").

אָבער אין דעם „ווי־אַזוי" פון זיין דיכטונג איז שטערן קיינעמס קרוב נישט. ער איז אַלעמאָל אויסשליסלעך ער אַליין אין זיינע פּאָעטישע אויס־דרוקס־מיטלען. דער דיכטער שטערן האָט אַלעמאָל צו דער האַנט זיין אייגענעם אַן אָריגינעלן אימאַזש, זיין אייגן וואָרט און זיין אייגענע פאַרב.

ישראל שטערן איז נישט דאָס, וואָס מען רופט אַ זינגער. זיין כוח ליגט מער אין דער מאָלערישקייט ווי אין דער מוזיק פון זיין וואָרט. זיין פערז איז נישט לייכט אין ריטם און ער שפּאַנט אָפּט שווערלעך און אָן איבעריקער גראַציע אַפילו אין די שמאָלע שורות.

אָבער אַלעמאָל פלאַקערט שטערנס פערז מיט עפּעס אַן אינעווייניקסט ליכט, וואָס אי עס שפּרייט ממשותדיקע העלקייט און וואַרעמקייט אַרום אים און אי עס גיט דעם וואָרט, דער שורה, דעם ליד — דעם גלאַנץ און די הויכע טעמפּעראַטור פון מיסטיק.

די דאָמינאַנטע פאַרב אין שטערנס ליד איז ווייס. ווייס איז נישט בלויז דער אַדיעקטיוו, וואָס שטערן נוצט אים צומייסט אין זיין פּאָעמע „פרילינג אין שפּיטאָל" און אין אַנדערע לידער („ווייס בעטל", „ווייסע קאָלדרעס", „דער טאָג האָט ווייס און ווייס געוויטיקט", „שטערן אין הימל זיינען קעפּלעך ווייסע פון אָנגעצויגענע געשווירן"). נאָר זי איז אויך דער סימבאָל פון דער

אַנגעגליטער היץ אין זיינע פּאָעטישע רייד און בילדער. אויך דאָרט וואו ער נוצט נישט דעם שם התואר „ווייס" וועקט שטערנס בילד אָפט („שייך אין זיין ווייטיק וועט זיין דער באַגינען"), די אַסאָציאַציע צו דער פּאַרב פון ווייס און בלייך.

ווי אַ מוסטער פון ישראל שטערנס אויסטערליש־שיינע אימאַזשן, אין וועלכע עס לויכט אַריין דאָס פּריער דערמאָנטע מיסטישע ליכט, וועל איך דאָ ביים סוף ברענגען אַ טייל פון דעם קליינעם ליד־געמעל „פּאַרנאַכטן":

„פּאַרנאַכטן זיינען קינדער, געפונען הינטער פּלויטן.
„פּאַרנאַכטן זיינען זקנים, וואָס קענען נישט דערשטאַרבן.
„פּאַרנאַכטן זיינען לאָמפּן — עס ברענען שוין די קנויטן,
„פּאַרנאַכטן זיינען אויגן פון שטילע משוגעים,
„פּאַרנאַכטן זיינען בריוו געשריבן און צעריסן.
„עפּעס ווערט לייכטער און עפּעס גייט אונטער..."

עס וועט, גלויב איך, נישט זיין קיין גוזמא מוסיף צו זיין אין פּראָזע צו דער לעצט־ציטירטער פּאָעטישער שורה, אַז אין דעם „אַ סך", וואָס איז אונטערגעגאַנגען, איז ישראל שטערנס דיכטעריש וואָרט אַן „עפּעס", וואָס מאַכט לייכטער.

(1956)

א. לוצקי

אין די „אויטאָ־אָפּשאַצונגען" בשם „לייענער און שרייבער אין אַלע לענדער", וואָס א. לוצקי האָט ליב געהאַט אָוועקצושטעלן ווי אַן אַריינפיר צו זיינע לידער־ביכער, האָט ער זיך באַצייכנט ווי „דער איינציקער פריילע־כער דיכטער ביים יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט".

און דער אמת איז, דאַכט זיך, פּונקט קאַפּויער. ס'איז גאָר נישט געמאָלט קיין מער אומעטיקער דיכטער ווי עס איז געווען א. לוצקי. איך זאָג „געווען", ווייל איך האָב אינזינען דעם אומעט, וואָס האָט דורכגענומען נישט נאָר דאָס ליד, נאָר אויך די לעבעדיקע געשטאַלט פונעם דיכטער, ווי מיר אַלע האָבן אים געזען און געקענט מער־ווייניקער פון דער נאָענט.

דער מיטלוואוקסיקער דיכטער מיט דער יינגלשער געשטאַלט האָט פאַר־מאָגט אַזאַ מין פרעמדן שמייכל אויפן פּנים און האָט פון צייט־צו־צייט אַ לאַך

געטאָן מיט אַזאַ אומגעריכטן נישט־דאָאיקן געלעכטער, וואָס ביידע, אי דער שמייכל און אי דער געלעכטער, האָבן עדות געזאָגט נישט אויף פריילעכקייט, גאָר אויף עפּעס אַ מאָוימדיק שוויגנדיקן אומעט. וואָס אָנשטאָט זיך מפסיק צו זיין מיט רייד אַראָפּגעזאָגטע פון האַרצן, פרוּווט ער זיך איבעררייסן מיט אַ געשטאַמל פון שמייכל און געלעכטער.

אַזוי אין לעבן און אַזוי אויך אַ היפּש ביסל אין ליד. בלויז אין אַ טייל פון זיינע לידער איבערן שטח פון זיינע פיר לידער־זאַמלונגען באַקומט לוצקיס שטומער טרויער זיין אייגן לשון און זיין אייגענע מראה. און דעמאָלט נויטיקט זיך לוצקי נישט אין קיין שמייכל־גרימאַסן און אויך נישט אין קיין געהילך פון געלעכטער. דעמאָלט וויל ער קיינעם נישט פאַרווײַלן און קיינעם נישט פריילעך מאַכן. דעמאָלט משל׳ט ער ניט מיט באַנאַלע לעבנס־חכמהס און פאַרפּאַסט נישט קיין לידער אויף טעמעס. און דעמאָלט איז ער אויך אַ סך איינגעהאַלטענער אין דער שפּילערײַ פון וואָרט און שורה.

דעמאָלט ווערט לוצקי אַן עכטער דיכטער, אַן אמתער פּאָעטישער גאָטס־וואונדער, וואָס איז אויסן רק ורק אַרויסצוברענגען זיינע דיכטערישע זעאונגען, זיינע איבערלעבענישן פון אַלץ וואָס ס׳געשעט אין דער הויה, זיינע אייגענע איבערלעבענישן פון די „מעשי יה״.

ווען געשעט דאָס? עס געשעט אין:

„אויפגעלויכטענע מינוטן —
„הייליק,
„ערליך,
„ביז צום אויסגיין פון וואונדער.
„איך חלום לויטער ליכטיקייטן —
„און עס טוט מיר וויי.
„יעדער לויטערקייט מאַטערט מיך,
„איך ווער פאַרצערט פון צויבער.
„איבער אַלץ דערזע איך טרויער.
„אַלע מענטשן — ליכטיקע עלנטן.
„אַלע אַמאָלן — לויטערע אומעטן.
„צייטן און מענטשן — אויסגעפּוצטע האַרבסטן. ......
„יאָנטעוודיקע אונטערגאַנגען.
„צויבער־צער,
„ציטער־צער.״

אין יענע אויפגעלויכטענע מינוטן, ווען דער דיכטער לוצקי איז נישט להוט צו מאַכן אַן איינדרוק אויף „די שרייבער און לייענער אין אַלע לענדער״,

נאָר ער זוכט צו געבן אויסדרוק זיין פּאָעטישער זעאונג, איז ער ווייט פון צו זאָגן ווערטער אַזוינע ווי „איך האָב ליב טומל, רעש, קוראַזש" און נאָך אַנדערע, וואָס זיינען אַ גראַם דערצו. נאָר ער, דער פּאָעט, בלייבט דעמאָלט שטיין אַ פאַרחידושטער מיט אמתער תמימות פון חכמה פאַר דער דערשיינונג פון מענטשלעכער בלינדניש און עלנטקייט:

„מענטשן רעשן זיך אין די גאַסן,
„נאָר דאָס לעבן שטילט דערנעבן."

אין דעם לעבן, וואָס „שטילט דערנעבן" אַנטפּלעקט זיך פאַר לוצקיס פּאָעטישן אויג דער הבל הבלים און דער צער פונעם מענטשנס זיין אויף דער ערד. עס קליידן זיך און צירן זיך די מענטשן און די ציַיטן מיט פרילינג און מיט זומער, אָבער אונטערן דיכטערס טיפערן בליק זיינען זיי נישט עפּעס אַנדערש ווי „אויסגעפּוצטע האַרבסטן, יום־טובדיקע אונטערגאַנגען".

די באַזונדערקייט פון לוצקיס פּעסימיסטישן וועלט־בילד איז די יום־טובדיקייט, וואָס שפּרייט זיך איבער די אונטערגאַנגען, און די ליכטיקייט, וואָס הילט איין די עלעמענטן און די אומעטן.

אברהם רייזען, ז"ל, דער גרויסער ראשון פון דער יידיש־דיכטונג, האָט זייער געהאַלטן פון לוצקין און האָט אים שטאַרק מקרב געווען, נישט בלויז דערפאַר, וואָס רייזען האָט זיין לעבן לאַנג נישט אויפגעהערט צו זיין פול מיט התפּעלות פאַר גאָטס גאָב, וואָס מיר רופן טאַלאַנט, נאָר אויך, און אפשר דערעיקרשט, ווייל ביידע, אברהם רייזען און זיין יינגערער חבר אהרן לוצקי, האָבן זיך אָנגעקערט אַ נאָענטע קרובהשאַפט וואָס שייך וועלט־זעאונג.

ביידע האָבן געזען דאָס מענטשלעכע לעבן אין צייכן פון עלנט און אומעט. פאַר ביידנס אויג האָט זיך איבער אַלץ און אַלעמען געשפּרייט טרויער.

דאָס ליד פון ביידע דיכטער (אויך רייזענס גוטע דערציילונג איז געווען אַ ליד) האָט אויפגענומען מיט טיפן צער דעם עלנט פון דעם מענטשן און דעם אומעט פון די ציַיטן. און יעדער פון זיי ביידע האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, פאַרשריבן זיין רעצעפּט ווי אַזוי צו באַגעגענען דעם עלנט.

אברהם רייזענס רפואה איז געווען דער מאָראַלישער געבאָט פון רחמנות, וואָס קאָן קעגנזייטיק פאַרלייכטערן דעם עול פון צער און פון טרויער. אברהם רייזענס פּאָעטישע וועלט־וויזיע האָט אָפּערירט מיט סאָציאַלע קאַטעגאָריעס און איר גרונט־טאָן איז געווען אַ קעמפערישער.

א. לוצקיס זעאונג איז פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט אַ מער פּאַטאַליסטישע:

„אומגעשטעלט — שטייט עס.
„וואוהין זאָל עס גיין?
„ווייטער איז דען בעסער?"

אָבער דער סאָציאַלער פּאַטאָליזם ווערט ביי לוצקין קאָמפּענסירט דורך עפּעס אַ געפיל פון ליכטיקייט, פון יום־טוב, וואָס באַשיינט אַלץ, וואָס דער פּאָעט זעט און נעמט אויף, בכן אויך דעם טרויער, אויך דעם עלנט און דעם אומעט. אַלץ ווערט פאַרן דיכטערס אויג פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַ כישופדיקן ספּעקטאַקל, וואו די כלערליי אונטערשידן צווישן הויך און נידעריק, צווישן ווייט און נאָענט, צווישן אַ סך און ווייניק, און צווישן טרויער און פרייד, האָבן בלויז איין־און־איינציקן זין און ווערט — דעם זין און ווערט פון שפּיל.

לוצקיס וועלט־בילד איז אַ מין טעאַטער־בינע, וואו עס ווערן געשפּילט דורכאויס פּיעסן פון אומעט און עלנט, אָבער דער עיקר פון דעם שפּיל איז נישט וואָס ס׳געשעט אויף דער בינע, נאָר דער יום־טוב און דער צויבער, וואָס עס שפּרייט דאָס ליכט פאַר דער ראַמפּע איבער די טרויעריקע שפּילער אויבן, אויף די ברעטער, און איבער די עלנטע צוקוקער אונטן, אין זאַל.

האָט דען רייזענס אומעט נישט זיין גרויסע ליכטיקייט און זיין יום־טוב? אַוודאי און אַוודאי. אָבער רייזענס יום־טוב איז, ווי געזאָגט, אַ מאָראַלישער. רייזענס געמיט און רייזענס העלדן דערגייען צו דער יום־טובדיקייט דורך אַן ערב יום־טוב פון גרייטן זיך צו ליכט און צו יום־טובדיקייט מיטן כוח פון דעם מענטשנס געפיל פאַר „אינאַנאיינעם" און פאַר רחמנות.

לוצקיס פּאָעטיש געמיט שטייט אומגעגרייט אינמיטן פון שפּיל און פון ליכט־ספּעקטאַקל —אינמיטן פון יום־טוב.

אברהם רייזענס ליד איז אָן אָן ערך לירישער, השתפכות־הנפשדיקער. לוצקיס ליד, דאָס גוטע און דאָס עכטע ליד זיינס, איז, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, אין דער מיט פון פאַרצויבערטקייט, ניכטער און מער קיל געזאָגט, ווי הייס געזונגען.

אַפילו אין דעם ליד פון מוזיקאַלישער פאַרשיכורטקייט ווי „אַ וואַלץ", וואו עס אַרבעטן אַזויפיל מוזיק־אינסטרומענטן און עס דאָמינירט דער הייסער ריטם פון טאַנץ — אַפילו דאָרט איז פאַראַן, דאַכט מיר, מער טעאַטראַלישער שפּיל, ווי לירישע דבקות. און „אַ וואַלץ" איז בלי ספק איינס פון לוצקיס סאַמע געראָטנסטע לידער. אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל דעם דיכטער איז דאָרט געלונגען צוצוקומען צום נאָענטסטן מיט זיין מוזיקאַלישער שפּיל־רעזשי צו השתפכות־הנפשדיקער ליריק.

די צוויי בולטסטע עלעמענטן אין לוצקיס ליד זיינען משל און שפּיל. אַ גרויסער טייל פון זיינע לידער זיינען משלים אָן מוסר־השכל. איך מיין

צו זאָגן, אַז זיי זיינען נישט לידער, וואָס מוסר־השכל ליגט פון לכתחילה מחוץ פון זייער האַריזאָנט, נאָר משלים, וואָס דערגייען נישט צו קיין מוסר־השכל.

מוסטערן פון אַזעלכע לידער, וואָס הויבן זיך אָן אַזוי משלדיק ווי:

„אַ האַמערל קלאַפּט אויף אַ רעדעלעס פּיסלעך
„און שטופּט זיי כסדר.
„גיי שוין, גיי שוין, גיי שוין, גיי שוין,"

און ציען זיך פּערז נאָך פּערז און סטראָפע נאָך סטראָפע פּאַבלדיק און דערגייען נישט צו קיין שום מוסר־השכל, זיינען פאַראַן אָן אַ שיעור אין לוצקיס לידער־זאַמלונגען. אַזעלכע לידער האָבן דעם חסרון, וואָס זיי זיינען נישט קיין לידער און נישט קיין משלים. וואָס ס'בלייבט פון זיי אין פּאָעטישן זינען איז די שפּראַך־שפּילעוודיקייט און דער באַזונדערער חן פון ריטם, מיט וועלכן אַזעלכע לידער צייכענען זיך צומאָל אויס ביי לוצקין.

אָבער ווען דער משלדיקער סיפּור המעשה פונעם ליד באַהעפט זיך מיט דעם צווייטן הויפּט־עלעמענט פון לוצקיס פּאָעזיע, ס'הייסט, מיט זיין טעאַטראַ־לישקייט, מיט זיין כוח פון שפּיל־רעזשי, דעמאָלט האָבן מיר די מעגלעכ־קייט און די געלעגנהייט צו באַוואונדערן לוצקין, דעם אויסנעמלעכן דראַ־מאַטיקער פון דער דומם־וועלט.

ווען לוצקי נעמט דערציילן וועגן דער דראַמע פון די וואַסערן, וואָס:

„לויפן איבער דער וועלט —
"און זוכן.
„לויפן מיט זון,
„מיט לבנה,
„מיט פינצטערניש
„און שרייען,"

אָדער וועגן דער דראַמע פון אַ פעלז, וואָס:

„סע פעלט מיר ליגעכץ אין אַ וואָך.
„אין אַ וואָך — באַדאַרף איך ליגעכץ נאָך,"

אָדער גאָר וועגן דער דראַמע פון פּאַפּירן אין ווינט און פון פּאַסאַליעס אין אַ זידנדיקן טאָפּ וואַסער, ווערט די אומבאַלעבטע נאַטור פּאָעטיש באַ־לעבט און דינאַמיזירט און מיר האָבן פאַר זיך אַ ספּעקטאַקל מיט אַ נייעם סאָרט שוישפּילער, וואָס האָבן ביז לוצקין קיינמאָל נישט געוואוסט פון טעאַטער־קונסט. ערשט לוצקי, דער פּאָעט, האָט אַנטדעקט, אַזוי צו זאָגן,

דעם אַקטיאַרישן טאַלאַנט פון די וואַסערן אויף דער גרויסער דריי־בינע: ערד, און די באַגאַבונג פון טראַגיקער, וואָס עס פאַרמאָגן פּאַסאַליעס אויף דער אַ ביסל שמאָלער און אומבאַקוועמער בינע פון אַ טאָפּ אָקריפּ.

אַט דער צויבער פון טעאַטראַלישער באַוועגונג, פון ספּעקטאַקלדיקער דראַמע, וואָס לוצקי האָט געפּרואווט אַרויסשפּילן פון אַלץ און אַלעמען אַרום זיך, איז פאַר אים, און צומאָל אויך פאַר אונדז, געווען די פרייד־אילוזיע פון זיין ליד, און צום טייל אויך פון זיין לעבן.

◈

מיכל ליכט

איינס פון די ערשטע צוויי לידער, וואָס מיכל ליכט האָט אָפּגעדרוקט מיט פולע פערציק יאָר צוריק, אין 1917, אין ז. וויינפּערס זשורנאַל, „דער אָנהייב", הייסט „פראַגמענטן פון דעם וואָס איז איך" און פאַרענדיקט זיך מיט אַזעלכע שורות:

וי אַ פויגל אין דיין האַנט,
דיין האַרץ און דיין ברוסט,
אַזוי:
אין דעם בליק פון דיין אויג
בין איך אַ געפאַנגענער.
דאָך —
ביסטו ניט מער
ווי אַ בלאַסער אָפּשיין
פון דעם וואָס איז איך.

פאַר די זעקס־און־דרייסיק יאָר, זינט דעמאָלט און ביז צו זיין פרי־צייטיקן טויט אום זומער, 1953, אין עלטער פון זעכציק יאָר, האָט מיכל ליכט באַוויזן אַוועקצושפּאַנען פון זיך פּאָעטיש אַ לאַנגן שפּאַן־וועגס אין פּריוווּיליקער געפאַנגשאַפט צו ליטעראַרישער בילדונג, צו וויסנשאַפטלעכער דענק־דיסציפּלין און צו די קולטור־רעמיניסצענצן פונעם נישט־יידישן אַרום.

און ס'איז געשען ווי דער יונגער פיר־און־צוואַנציק יעריקער דיכטער האָט עס געזאָגט — די אַלע מזמורים, פּאָעמעס, דראַמאַטיזירטע אינסצעני־זירונגען און שאַרף־פּאָלעמישע טענות, וואָס זיינען אויפגעזאַמלט גע־וואָרן אין מיכל ליכטס לידער־ביכער פון „עגאָעמען" איבער „וואַזאַן", „פראַ־

צעסיע" און „וועלוול גאַטה", ביז צו די „לעצטע לידער", וואָס זיינען אַרויס אַ יאָר נאָכן דיכטערס טויט, זיינען צום גרויסן טייל געווען און געבליבן נישט מער ווי אַ „בלאַסער אָפּשיין פון דעם וואָס איז איך".

דעם דיכטערס איך, מיכל ליכטס פּאָעטיש געמיט, איז געווען אַ סך פּאַרביקער, אַ סך לירישער, אַ סך שטילער און נאָסטאַלגישער, מיט איין וואָרט: אָן אַן ערך פּאָעטישער ווי עס קומט אַרויס פון אַ גרויסן טייל לידער אין זיינע פינף זאַמלונגען.

איבער דער לענג פון פיר הונדערט זייטן פון דעם דיכטערס „גע־זאַמלטע לידער" זיינען פאַראַן צוויי מיכל ליכט געשטאַלטן. איין מיכל ליכט איז מיכל שעיה אידעלס פון בעליזערקע, וואָס פאַרמאָגט אַ ווייך וואָלינער יידיש־לשון, איז אַ מאדים אויף גוטע פּאָלקסטימלעך־ראַפינירטע גראַמען (נאָר־ווי און בראַדווי, אודאי־זש און קדיש, קבורת־חמור און טכויר), און איז אַ צאַרטער און קרעפּטיקער מאָלער פון יידישע שטייגער־און גע־מיט־בילדער ווי אין „אַ בלעטל פון אַ פּנקס", וואו „דונער און בליץ צע־ווערטלען זיך צום זען און הערן". און דער נעמלעכער פּאָעט מיכל ליכט איז אויך אַ טראַכטנדיקער ייד, אַ ייד „שקנה חכמה", און קען די אין זיין דיכטערישן געמיט פאַרוואָרצלטע לעבנס־דערפאַרונג אויסדריקן דין און אַזוי יידיש־פּאָלקסטימלעך ווי:

איבער אָפּשייד הענגט אַמאָל אַ הימל אויסגעשטערנט,
ליכטיקער ווי איבער אַ צוזאַמענדיקער פרייד.
צוזאַמענקייט איז אָפט אַ קלייד
פון פּראָסטע שטאָפן.

אָדער אַזוי טרויעריק־קלוג אין טראַדיציאָנעלן טאָן פון קהלת:

אַזוי פיל ספרים אָנגעשריבן — און וואו איז עס?
ענינים אין־סופיק פאַרטראַכטע און — גאָרניט;
פון ווייזהייט און קלוגשאַפט דאָ־דאָרט אַ כזית,
אַ באַגריף בלויז דערפון, וואָס מ'מעג און מ'טאָר ניט!

און אַ צווייטער מיכל ליכט איז פאַראַן אין די „געזאַמלטע לידער". עס איז דער מאַן פון ליטעראַרישע איבערצייגונגען, וואָס וויל צו זיי, צו די טעאָריעס, צופּאַסן זיין דיכטעריש געמיט. אָט דער מיכל ליכט, מיט אַ ברייטער און אויך טיפער באַלעזנקייט אין דער ענגליש־אַמעריקאַנישער און פראַנצויזישער פּאָעזיע, איז אַ מענטש, וואָס וויל גובר זיין מיטן קאָפּ דאָס האַרץ. דאָס האַרץ אין מזרח, אין דער פּאָעטישער אַטמאָספער פון דערמאָנונ־

גען אַרום דעם פּעטער שעיה אידל און דער מומע פּעסיע־חנה פֿון בעליזערקע, און דער מוח אין מערב — אין ניו יאָרק, טאַקע נישט אַריינגעפּלאָנטערט, אָבער אויך נישט אַריינגעוואַקסן, נאָר אַריינגעצויגן אין די מאָדערניסטישע ליטעראַטור־טעאָריעס און קונסט־פּראָבלעמען.

און עס עקשנט זיך דער דיכטער מיכל ליכט, אַז:

קאָפּ וועט אַזוי נאָכקלערן ווי צו היילן האַרץ,
ביז ער וועט געווינען — און געלינגט עס קאָפּ
נאָר איין מאָל צו געווינען — האָט האַרץ שוין פֿאַרשפּילט דאָן.

נו, דאָס האַרץ האָט אין ליכטס „געזאַמלטע לידער" בפירוש נישט פֿאַר־שפּילט. עס האָט זיך בלויז צוריקגעצויגן אין דער זייט פֿון ליכטס מאָדער־ניסטישע פּאָעזיע־שליאַכן און האָט זיך באַפּעסטיקט אויף די פּאָזיציעס פֿון דעם דערמאָנונגס־ליד וועגן בעליזערקע און וועגן בעליזערקער יידישן געמיט.

און וואָס שייך יענעם גרויסן טייל פֿון מיכל ליכטס לידער, וואו „דער קאָפּ האָט געוואונען", צאַפּלט זיך דאָרט דאָס דיכטערישע האַרץ אין קלעם פֿון דער „שפּראַך־רעגימענטאַציע", וואָס יעדער נייער דיכטער איז זי מחויב צו שאַפֿן, כדי, ווי ליכט זאָגט אין דער „פּראָצעסיע פֿיר" פֿון זיין לידער־בוך „פּראָצעסיעס" — כדי צו זיין „בבחינת נאַטור", און ווייל די רעגימענטאַציע פֿון שפּראַך וואָלט געמאַכט אַ נייע אָרדענונג אין דער „מענטשלעכער דערקענטעניש".

ווייל איך נישט לייקענען, אַז די לויזע שפּראַך־דיסציפּלין און די אומ־פּרעציזקייט פֿון אויסדרוק, וואָס ביידע אינאיינעם האָט מען געקרוינט מיט דעם פֿאַלשן נאָמען פֿאַלקסטימלעכקייט, זיינען בלי ספק געווען אַ פּראָבלעם אין דער יידישער דיכטונג, און אפשר נאָך מער אין דער יידיש־פּראָזע, אין דער קינסטלערישער און אין דער מחשבהדיקער.

אָבער אויב ס'איז פֿאַראַן אַ רפֿואה, וואָס איז נישט קיין רפֿואה, נאָר פֿאַרקערט, ממש סם־המוות פֿאַר אַ ליד, פֿאַר אַ דערציילונג און פֿאַר אַן עסיי, איז דאָס יענע „רעגימענטאַציע פֿון שפּראַך", וואָס מיכל ליכט האָט געוואָלט, אַז יעדער נייער יידיש־דיכטער זאָל זי דורכפֿירן און — ער אַליין האָט זי, צום באַדויערן און צום שאָדן פֿון זיין פּאָעטיש וואָרט, דורכגעפֿירט אין אַ היפּשן טייל פֿון זיינע לידער.

די דאָזיקע „רעגימענטאַציע פֿון שפּראַך" קען אין קיין שום קינסטלע־רישער שאַפֿונג און אין יידיש אויך נישט, אָדער אוודאי נישט, זיין קיין רפֿואה צו אומדיסציפּלין און אומפּרעציזקייט, ווייל רעגימענטאַציע איז אַ דרויסנדיק, מעכאַניסטיש מיטל, בעת די דיסציפּלין און די פּרעציזקייט פֿון וואָרט מוז קינסטלעריש אַרויסוואַקסן פֿון אינעווייניק, פֿון די שפּראַך־טיפֿענישן.

(מיר וועלן זיכער נישט זינדיקן מיט גוזמא, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז אונדזער יידיש־דיכטונג און אונדזער יידיש־פּראָזע איז אין דער לפי ערך קורצער צייט פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געלונגען אויפצוטאָן ממש גדולות נוגע דער אינעווייניקסטער דיסציפּלין פון איר קינסטלערישן אויסדרוק. אין די אַנדערשדיקע לעבנס־סביבהס פון די לעצטע פופציק יאָר זיינען ביים יידיש־קינסטלער אויפגעקומען נייע סענסיביליטעטן. אָבער ער האָט זיך מיט זיי געשפּראָוועט מיט געלינגשאַפט, ווייל ער האָט פאַר די נייע סענסי־טיווקייטן נישט געדאַרפט אַנטלייען קיין דרויסנדיק־פרעמדע ווערטער. דאָס נייע וואָרט איז, ווי דאָס נייע געפיל, נישט געווען צוגעטראַכט און קאָנ־סטרואירט, נאָר עס איז אָרגאַניש־שעפעריש אַרויסגעוואָקסן פון דער אייגנ־קייט פון יידיש־געמיט און יידיש־לשון).

אַז מיכל ליכט איז אין זיין דיכטונג איבער דער לענג פון זיינע „גע־זאַמלטע לידער" געווען דער גרויסשטאַטישער ייד מיט אַ נייעם צושטאַנד פון געפיל און מחשבה, איז אָן ספק. עס איז אויך נישט קיין צווייפל, אַז דער דיכטער און אינטענסיווער קונסט־געניסער, מיכל ליכט, האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפע פּאָלעמישע פען און האָט מיט גרויס געניטשאַפט גענוצט דאָס סאַ־טירישע און איראָנישע וואָרט. עס זיינען פאַראַן אין ליכטס „פּראָצעסיעס" שטעלן פון סאַטירישער קראַפט און בילדערישקייט, וואָס אַפילו אַזעלכע גרויסע „בייזע צונגען", ווי ס'זיינען דאָס געווען דער פראַנצויז האַנרי ראָש־פאָר און דער עסטרייכישער ייד קאַרל קראַוז, וואָלטן זיך מיט זיי נישט געדאַרפט שעמען (דריי פון אַ סך ביישפּילן אַרויסגענומען פון די פּאָעמעס, אין וועלכע ליכט פּרואווט פּאַמפלעטאַריש צו כאַראַקטעריזירן דעם צושטאַנד פון יידישן קולטור־געמיט: א) „אַ יאָמערלעכער יורד ביי די שוועלן פון פאַר־זעסענער אָפּפּערוויליקייט"; ב) „ביי די טייכן פון בבל זיינען מיר געזעסן און גאָרניט אויסגעזעסן"; ג) „מוט און טרויער פּאַיאַצעווען איבער אונדז מיט צופעליקע סגולה־געדאַנקען").

אָבער דער גרויסער סאַטירישער כוח ווערט ביי ליכטן אַ סך מאָל פאַר־טונקלט, ווייל ס'פעלט אים די אַדעקוואַטע, די אָרגאַניש־צוגעפּאַסטע שפּראַך פון געשטאַלטיקן די סאַטירישע געדאַנקען און בילדער. די „רעגימענטאַציע פון דער שפּראַך" איז אין מיכל ליכטס אידייאישע, קולטור־קריטישע און פּאָלעמישע לידער אָפט מאָל אַזאַ דרויסנדיקע, אַז ער האַלט זיך נישט אָפּ צו מאָביליזירן אָן אַ שיעור לאָקאַלע סלאַוויזמען און אַזעלכע „באָבעס אַ טשוואָק"־אָנקערעכצער מיט יידיש, ווי „דעפיניטיוו", „אומפּערסאָנירט" און „קריטיקאַלן".

די סלאַווישע לאָקאַליזמען גיבן נישט צו קיין קלאָר. זיי פאַרלירן בלויז זייער ליריזם אין קאָנטעקסט פון אידייאישער פּאָלעמיק. און די ראָמאַניזמען

מאַכן נישט קלאָרער דעם געדאַנק און דאָס בילד, שוין פּשוט דערפאַר, וואָס זיי זיינען שפּראַכלעך פרעמד, און פרעמדקייט איז נישט קיין סגולה צו קלאָרקייט. די ראַמאַניזמען מאַכן אָבער נאָך טונקעלער די מחשבה, ווען דער דיכטער נעמט איבער זיי עקספּערימענטירן מיט פאַרעם־חידושים, כדי אַרויס־צובורענגען דינער אָדער נאָך דינערע ניואַנסן. וואָרים וואָס, אַשטייגער, קען מען פאַרשטיין, ווען ליכט שטעלט צו דעם שם התואר קריטיקאַל צו פּרנס און עס ווערט „די פּענטע עלאַסטיש דויערנדיק פון זעאום אַן העט ביזן סאַמע קריטיקאַלן פּרנס (פּאַרנאַס)?" אָדער ווען די נירוואַנא גייט „אַרויס פון די ברעגעס אומפּערזאַנירט מיט געהויבענע פאַנטאַנען?"

איך ווייס, אַז דער דיכטער מיכל ליכט איז ביים לעבן געווען סענסיטיוו צו דער טענה פון אומפאַרשטענדלעכקייט. אין דעם באַנד „אויף די ראַנדן" (בוענאָס איירעס, 1956), וואו עס זיינען אויפגעזאַמלט געוואָרן דעם פאַר־שטאָרבענעם דיכטערס אַרטיקלען, איז פאַראַן אַן עסיי אונטערן נאָמען „ענטפער צו אַ קריטיקער". און דאָרט טרעט ליכט אַרויס באריכות און מיט היפּש שאַרפקייט קעגן דער טענה פון אומפאַרשטענדלעכקייט אין פּאָעזיע. איינער פון ליכטס אַרגומענטן קעגן קריטיקער איז די אָפטע טונקלקייט פון אַ היפּש ביסל שורות אין אַזעלכע געניאַלע ווערק, ווי „האַמלעט", „מאַקבעט" און „קעניג ליר". עס זיינען אין שעקספּירס דראַמאַטע ווערק פאַראַן ערטער, וואָס זיינען שווער, אָדער בכלל נישט מעגלעך צו פאַרטייטשן.

דער ענטפער אויף ליכטס טענה איז, דוכט מיר, אַז אַ דיכטערס ווער־טער קענען זיך פאַרשטענדלעך מאַכן נישט בלויז מיט טייטשן, נאָר אויך מיט אַ טונקעלער אַנונג, מיט אַן אָנרעג פון פאַנטאַזיע, מיט דעם טעם און מיט דעם קלאַנג פון דער שורה, און מיט דער מוזיק פון די ווערטער, און אַמאָל אַפילו בלויז פון די אותיות.

און ווען דאָס אַלץ פעלט, האָט דער לייענער בלי ספק אַ רעכט צו דער טענה פון אומפאַרשטענדלעכקייט.

פאַר די לעצטע צוואַנציק פון זיינע זעכציק יאָר לעבן, איז דער דיכטער מיכל ליכט געווען שווער האַרץ־קראַנק און האָט פאַר דער צייט אָנגעשריבן, ווי עס גייט איבער זיין נאָענטער פריינד, דער דיכטער און קריטיקער נ. ב. מינקאָוו, בלויז עטלעכע געציילטע לידער. מען מעג זיך אפשר משער זיין, אַז אין די נישט־אָנגעשריבענע לידער וואָלט דער דיכטער זיך אומ־געקערט צו זיין געשטאַלט נומער איינס, צו מיכל שעיה אידעלס געמיט־אייגנקייט, און וואָלט זיך אָפּגעקערט פון דער אידייאישער פּאָעזיע, וואָס איז ביי אים געווען דער קולטור־עכאָ פון גרויסוועלטישקייט. די היימישע קולטור־אייגנקייט און דער וועלטישער קולטור־עכאָ האָבן אין ליכטס דיכ־טונג נישט האַרמאָניזירט.

עס וואָלט אָבער געווען אַ פאַרמינערונג פון ליכטן, דעם דיכטער און דעם אינטעלעקטואַל אים צו וועלן משפטן אויפן סמך פון השערות. נאָוו. 1957.

◈

ה. לייוויק

א.

מדרש איוב

איוב איז אַ משל פאַר אַלע צייטן און די טעג פון איוב זיינען אונדזערע טעג.

אין די דראַמעס וועגן „נס פון געטאָ", וועגן „מהר"ם פון ראָטענבורג" און וועגן דער „חתונה אין פערנוואַלד" האָט לייוויק באַהאַנדלט שטיקער פון אַט דער איוב־איבערלעבעניש, וואָס האָט אַזוי געדיכט איינגעהילט די טעג פון אונדזער דור און זיי געמאַכט פאַר די פינצטערסטע איוב־טעג.

אין דער דראַמע „אין די טעג פון איוב" האָט לייוויק געפּרוּווט צו סינטעטיזירן די איוב־פּראָבלעמען און אונדז צו געבן אַ דיכטערישן סך־הכל פון די אַלע אידייען, קשיות און ענטפערס, פאַרצווייפלונגען און טרייסטן אַרום איובן, האָט פונאַנדערגעוויקלט נייע לאַנדשאַפטן, האָט צונויפגעהעפט הכולל פאַר די סאָציאַל־פילאָסאָפישע צרות פונעם יסורימדיקן בן־אדם אין זיין שייכות מיט מענטש און גאָט.

דעם דיכטערס זעאונג האָט אויסגעברייטערט די דראַמאַטישע געשעענישן אַרום איובן, האָט פונאַנדערגעוויקלט נייע לאַנדשאַפטן, האָט צונויפגעהעפט צייטן און האָט צוגעשאַפן געשטאַלטן, וואָס זאָלן העלפן דורכטראָגן דעם צוגאָב־דיאַלאָג פון מאָראַלישער טענה און קעגן־טענה, און האָט אונדז געגעבן — אַ מדרש איוב.

די צענטראַל־אידייע פון דער תנכישער איוב־פּאָעמע איז דער אויסגעשריי פונעם בעל־יסורים קעגן גאָט. איוב איז אומשולדיק און ער וויל וויסן פאַרוואָס ער ווערט געשטראָפט. ער שליידערט דערפאַר מיט פּיין און ביטערניש זיין טענה צום האַר פון דער וועלט —

„איך וועל זאָגן צו גאָט: זאָלסט מיך נישט שולדיק מאַכן. לאָז מיך וויסן פאַרוואָס דו קריגסט זיך מיט מיר (אומר אל אלוה אל תרשיעני, הודיעני על מה תריבני).

אויך אין לייוויקס מדרש איוב בלייבט די טענה פון דעם אומשולדיקן בעל־יסורים צו גאָט אַ צענטראַלער מאָטיוו פון דער דראַמע, אָבער לייוויק האָט

אין דער איוב־טראַגעדיע אַריינגעבראַכט אַ צווייטן מאָטיוו, אַן אַנטפּלעקערישן און נישט ווייניקער צענטראַלן מאָטיוו: איוב, דער אומשולדיקער כּלפּי גאָט איז שולדיק כּלפּי מענטש.

מיט וואָס איז איוב שולדיק? ער איז שולדיק דערמיט, וואָס ער דער בעל־יסורים, האָט פאַרטאָן זיינע ברידער, האָט אָפּגענאַרט די האָפענונג פון אַלע יסורים־ליידער.

וואָרעם דעם וויי־געשריי פון דעם רעכטפאַרטיקן מאַן פון עוץ האָבן דערהערט די צעפּייניקטע און צעוויטיקטע פון גאָר דער ערד און זיי האָבן זיך באַהעפט צו איובס פאַרצווייפלטן גאָט־אַרויסרוף; זיי האָבן דעם רוף גע־מאַכט פאַר דעם רוף פון ביטערקייט פון זייער אייגענער זעל און ער איז פאַר זיי געוואָרן אַ לעצטע האָפענונג פון הילף און פון אויפריכטונג. פאַר די לאָמע, פאַר די מצורעים, פאַר די בלינדע, פאַליקע און געליימטע איז אויפגעגאַנגען —

„די האָפענונג — צו האָבן אַ מאַנער
„אַ געטרייען יסורים־צעשרייער,
„און אויך אַ געטרייען סניגור."

דער רעכטפאַרטיקער מאַן פונעם לאַנד עוץ — ווערט דערציילט אין ספר איוב — האָט געשריען צו גאָט: „איך בין אומשולדיק" און האָט אים גע־שליידערט אין פּנים אַריין, אַז „דעם אומשולדיקן אַזוי ווי דעם רשע פאַר־לענדט ער". און די ליידנדיקע און אומשולדיקע פון אַלע לענדער — דער־גאַנצט לייוויק דעם באַריכט וועגן דער איוב־טראַגעדיע — האָבן געהערט אין איובס שטים, די שטים פון אַ פירער, אַ גואל, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן גאָט צו מאָנען גערעכטיקייט פאַר זיך און פאַר זיי, פאַר אַלע. און אַלעמענס קולות האָבן אָפּגעענטפערט אויף דעם קול פון עוץ, —

„אַז וואויל געבענטשט זאָל זיין דער בעל־יסורים,
„וואָס רופט צו משפט גאָט אַליין."

און איוב, דער משפט־מאָנער? וויבאַלד זיינע יסורים האָבן זיך איינ־געשטילט, האָט זיך אויך איינגעשטילט זיין מאָנונג, ער האָט זיך איבערגעבעטן מיט גאָט און געלאָזט פאַלן דעם משפט.

שרייט יורם דער בלינדער —

„אויב רו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איובן,
„און זיינע ליפּן רופן מער ניט גאָט צו משפט —
„איז דעמאָלט ע ר דער שולדיקער! און ע ר דאַרף זיין געמשפט!"

דעם בלינדן יורמס רייד זיינען, פאַרשטייט זיך, צו נוגע בדבר׳דיק פאַר־

שפיצט. עס פעלט זיי די העברעע עטישע און קינסטלערישע פערספעקטיוו פון דער פראָבלעם, וואָס הייסט: איוב, דער מאָנער פון גערעכטיקייט בלויז פאַר זיינע אייגענע ליידן.

די איוב־פּראָבלעם אין איר מאָראַלישער און קינסטלערישער אָביעקטיוו־קייט פאַרמולירט ליוויק דורכן מויל פונעם שטן.

אין תנכישן ספר איוב איז דער שטן נישט מער ווי איינער פון די מינערע פאַרשוינען אין דער דראַמע. ער טרעט אויף, און מיט קורצע רעפּלי־קעס, בלויז אין די ערשטע צוויי קאַפּיטלען, אין די פּראָלאָג־קאַפּיטלען פונעם בוך און ער פאַרשווינדט פון דער סצענע ווען עס באַווייזן זיך און עס נעמען ריידן די אייגנטלעכע „דראַמאַטיס פּערסאָנע״, איוב און זיינע פריינד.

אין ליוויקס מדרש איוב שפּילט דער שטן איינע פון די הויפּט־ראָלן און אַ היפּש קאָמפּליצירטע דערצו. ער איז דאָ כמעט אין יעדן פון די זיבן בילדער און ער האָט אַלעמאָל וואָס צו זאָגן. אָט איז ער דער פאַרשייטער שפּיל־באַוועגער און אָט גאָר אַ מין משולח, כ׳מיין, אַ מאָראַליש ערנסטער און שאַרפער קריטיקער פון דעם שפּיל און פון די שפּילער, אַריינגערעכנט אויך זיך אַליין און אויך „גאָטס קול״. ער רעזשיסירט די דעטאַלן פון דער דראַמע־פּאָלעמיק און ער פאַרמולירט אירע סצענישע און מאָראַלישע סך־הכלען.

און דער שטן, ער זעט אַזוי דעם בין־אדם־לחברו׳דיקן אַספּעקט פון דער איוב־פּראָבלעם —

„אין אָט די מחנות ליגט דיין דורכפאַל, איוב;
„אין זיי און ניט אין גאָט; ווייל זיי זיינען יסורים־מדיקער
„פון אַלע דיינע ווייטאָקן און ווײ־געשרייען.
„אַנטקעגן זיי ביסטו נאָך שפּלער ווי קעגן גאָט.
„און נאָך אַ רעיון נעמט מיך דורך אין דער מינוט:
„אויך זיי, די מחנות ווערן אויפגערודערט און פאַרכאַפּט
„אין יושר־שטראָם נאָר דעמאָלט ווען זיי זיינען מחנה;
„אין זיך אַליין האָט יעדערער פון זיי נאָר זיך אין זינען.״

אויך אין תנכישן ספר איוב איז ערגעץ־וואו פאַראַן אַן אָנווינקעניש אויף דעם טראַגישן בין־אדם־לחברו׳דיקן פּינטעלע פון דער איוב־פּראָבלעם. זי איז פאַראַן אין די רייד פונעם פערטן פריינד: אליהו בן ברכאל הבוזי, וואָס דער מחבר פונעם תנכישן ספר האָט אים דורך קיין שום טיר, דאַכט זיך, נישט אַריינגעפירט אין דעם סיפור המעשה, אָבער ער איז, איין גאָט ווייס ווי אַזוי, פּלוצעם אויסגעוואַקסן אין דער יסורים־שטוב און זיך גענומען אויס־טענהן מיט איובן. טענהט אליהו, דער זון פון ברכאל, און גיט אָנצוהערן אַז, אויב דו, איוב, זינדיקסט, דאַן „נאָר אַ מאַן ווי דו גייט אָן דיין שלעכטיקייט און אַ מענטשנקינד דיין גערעכטיקייט״ (לאיש כמוך רשעך ולבן אדם צדקתך).

אין לייוויקס מדרש איוב איז, ווי שוין געזאָגט, די זינד קעגן מיט־מענטש נישט ווייניקער, נאָר אפשר נאָך מער, צענטראַלע פּראָבלעם ווי די זינד קעגן גאָט. און דערפאַר לאָזט לייוויק רעדן צו איובן „פונעם שטורעם״ נישט נאָר גאָטס קול, נאָר אויך די קולות פון דעם „מאַן ווי דו״.

די בלעטלעך פון סוף פון ערשטן בילד און פון צווייטן און פון דריטן, וואו לייוויק וויקלט טעאַטראַליש פונאַנדער דעם „שטורעם פון די קולות״, געהערן בלי ספק צום סאַמע שענסטן און דיכטעריש שטאַרקסטן, וואָס איז ווען ס׳איז געשריבן געוואָרן אויף יידיש.

דער שטורעם פון איובס ווײ־געשריי, וואָס צעטראָגט זיך איבער שטח און צייט, עפנט די מיילער פון אַלע געפּרואוווטע און געליטענע און באַלעבט אויך די צונג פון גאָטס שטומע באַשעפענישן, פון דעם אייזל און פון דעם קעמל אין יאָך פון אַרבעט־פּיין —

„אַ קעמל איז אַ נאַר — אַ קרבן,
„דאַרף אויך אַ שיעור דאָך זיין צו דעם!״

אַלע נעמען דאָס וואָרט אין דער גרויסער דעבאַטע, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אומדערשראָקענער מאָראַליש־קריטישער קאָנפראָנטאַציע צווישן די קרבנות גופא. די דיאַלעקטיש שאַרפסטע און צום סאַמע וואָרצל גראָבנדיקע זיינען די רייד פונעם שעפס מיטן דורכגעשניטענעם האַלדז און פון קין, דעם ערשטן מערדער.

קין שליידערט צוריק מיט ביטערן סאַרקאַזם די צביעות פון דער קללה פאַר זיין מאָרד־ערשטקייט —

„צי נאָר פון מיינעטוועגן האָב איך דערהרגעט הבלן,
„און ניט צוליב די שפּעטערדיקע דורות אייערע —
„צו מאַכן לייכטער אייך דעם וועג צו מאָרד,
„באַפרייענדיק אייך פון דער שווערקייט פון התחלה?״

אונטער דער טענה ווידער פונעם הומשדיקן שעפס, וואָס האָט פאַרביטן יצחקן אויף דער עקידה, ווערט צעמערשט די דערהויבנקייט פון נסיון און עס ווערט אַוועקגעשטעלט אין זיין פולן מאָראַלישן גלאַנץ דער קרבן גופא, דער ניט געפּרואווטער, נאָר „בלויז״ געליטענער, אָן שום עטישע כוונות „בלויז״ אומגעקומענער קרבן.

דער בעל־יסורים האָט מאָראַלישע התחייבותן, ער איז שולדיק כלפּי אַלע יסורים־ליידערס; אַלע ליידן זיינען גלייך און דער נסיון שטעלט קיינעם נישט העכער איבער די געליטענע און אומגעקומענע; די מאָרד־ערשטקייט פון קין איז נישט מכפּר אויף די פאַרברעכן פון מענטש צו מענטש און פון דור צו דור. דער תלין האָט נישט קיין היסטאָריע און ווערט דורך היסטאָריע

נישט פאַרענטפערט. ער איז אַלעמאָל קעגנוואַרט און געהערט אַלעמאָל צו זיין צייט, צו זיין דור.

דאָס זיינען אַ טייל פון די אידעאישע ניואַנסן פון דער איוב־פּראָבלעם, וואָס ווערן אין דער גרויסער דעבאַטע פון די קרבנות אין לייוויקס דראַמאַ־טישער פּאָעמע מאָראַליש דורכגעווינטעוועט און אַוועקגעשטעלט ווי קינסט־לערישע פרעג־צייכנס.

מיט אַ וואונדערלעכער מזיגה פון רעאַליזם און פאַנטאַסטיק גייען דורך די סצענעס אין לייוויקס דראַמאַטישער פּאָעמע. די געשטאַלטן, באַלד אַזעלכע קאָנקרעטע ווי די קאַליקעס פאַר איובס געצעלט, און באַלד אַזעלכע פון דער פאַבל אַרויס ווי דער אייזל און דאָס קעמל מיט מענטשלעכע רייד אין זייער מויל, אָדער גאָר האַלוציגאַציע־געשטאַלטן פון דער און פון יענער וועלט ווי דער שטן, ווי די געשטאַלט, וואָס באַגעגנט רבקהן אויפן וועג פון חרן קיין באר־שבע אוץ ווי די געשטאַלטן פונעם געהרגעטן הבל און פונעם געשאָכטענעם שעפּס — פירן אַלע זייער מאָראַלישן וויכוח אויף דעם זעלביקן פלאַך פון איבערצייטלעכקייט, אויף דער זעלביקער מדרגה פון געטלעכן באַשאַף און אויף דער זעלביקער פייערלעכער הויך פון טראַגישער איבער־לעבעניש.

אָט די פייערלעכע הויך פון דיאַלאָג איז זיכער נישט קיין גינציקער באָדן פאַר פשוטקייט פון וואָרט און פערז. פונדעסטוועגן וואַקסן לייוויקס פערזן אין דער דאָזיקער לופט פון יום־טובדיק־טראַגישן איבערשמועס פשוט, אומבאַצירט און עפּעס מיט ל״ו־ישער עניוות. זיי האָבן דעם האַרבן ריח פון ווייט און הויך און זיי קלינגען אָפּ אין געמיט מיטן קלאַנג פון איבער־צייטלעכקייט, אָבער אויפן אויסזען זיינען זיי רעאַליסטיש, ציכטיק און אָן דעם מינדסטן זשעסט פון פּאָעטישער אָדער פּראָזאאישער איבערנעמערישקייט. עס טרעפט צומאָל אַז לייוויק נוצט אַ וואָרט („כ׳מערק עס״ און „עקידהניק״ — ביידע אין מויל פון שטן — אָדער אַזאַ נעאָלאָגיזם ווי „פּאַראַליזירט״), וואָס פאַלט אַרויס פון דער ספּעציפישער רייד־אַטמאָספערע דורך אַ פּגימה פון פרעמדקייט אין דער צורה אָדער פון אָנגעסטראָיעקייט אין קלאַנג. אָבער בדרך כלל מוז מען ממש שטוינען איבער דער אַזוי פרישער און נאַטירלעכער און עפּעס ווי דורך אַ צויבער כמעט אומטעותדיקער באַהעפטקייט פון יום־טובדיקער ווייט און פון נאָענטער ממשותדיקייט אין לייוויקס וואָרט און פערז.

די דאָזיקע מזיגה פון פייערלעכקייט און פון פשוטקייט איז אין תוך נישט עפּעס נייס פאַר לייוויקן. זי איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גרויסן טייל פון זיינע לידער און דערעיקרשט פאַר זיינע דראַמאַטישע פּאָעמעס פון „גולם״ און „גאולה־קאָמעדיע״ איבער „עקידה״, איבער „אַבעלאַר און העלאָ־איז״ און איבער „מהר״ם פון רוטענבערג״ ביז צו דער „חתונה פון פערנ־

וואַלד" און „אין די טעג פון איוב". ווען איך שטרייך דאָס דאָ אונטער איז עס דערפאַר, ווייל „אין די טעג פון איוב", אין דער פּאָעמע, וואָס פּרוּווט אי צו פאַרסך־הכלען דעם פריערדיקן אידייען־מאַטעריאַל און אי נאָכאַמאָל קריטיש דורכצוּנעמען, דערשפּירט דער לייענער אפשר נאָך מער ווי אַן אַנדערש מאָל יענעם באַזונדערן טעם און פאַרשאַרפטן אַפּעטיט די פערזן צו פאַרגעדענקען נאָכצוזאָגן, צו ציטירן. און דער דאָזיקער „ציטיר־אַפּעטיט", וואָס איז חל אי אויף אַזעלכע פאָלקסטימלעכע שורות אין מויל פון דעם הינקענדיקן תּובל ווי —

„געקומען ענדלעך איינער
„ניט פאַר אייגן נוץ
„צו אויפרייסן דאָס שווייגן
„אויף דער ערד פון עוץ."

און אי אויף די דינסטע פאָרמולירונגען פון געדאַנק און געפיל אין מויל פון שטן, איז, דאַכט מיר, אויב נישט די זיכערסטע, בלי ספק די אינטימסטע עדותשאַפט אויף דעם וואָס מען קאָן אָנרופן, „גייסט פון קלאַסיציזם" אין לייוויקס לידער — אויף דעם גייסט פון קלאַסיציזם, וואָס זיינע הויפּט־עלע־מענטן זיינען מאָנומענטאַלע פּשטות, געפיל־קלאָרקייט און דורך קיין שום שטורמישן איבערשמועס נישט געמינערטע האַרמאָניע פון וואָרט און פערז.

מיטאָלאָגיש איז די איוב־פּראָבלעם לייכט צו פאַרענטפערן. די געטער זיינען נישט בעסער פונעם מענטש. זיי זיינען בלויז מעכטיקער און דעם מענטשנס ליידן זיינען זייער שפּיל. דעם מענטשנס אָנמאַכטיקייט קעגן דעם ווילן און קאַפּריז פון די געטער און קעגן דעם געיעג פון דעם בלינדן פאַטום איז דער תוך פון בן־אדמס טראַגעדיע. דער מענטש ראַנגלט זיך מיט זיין גורל שיין און שענער, העלדיש און נאָך העלדישער, אָבער דער אומפאַרמייד־לעכער סוף איז אַלעמאָל און תמיד: אָנמאַכט, פאַרלוירענער קאַמף, טראַגישער אומקום.

אין אָנגעזיכט פון אַ מאָראַלישן ד' אחד איז אָן אַן ערך שווערער צו געבן אַן ענטפער אויפן זין פון מענטשלעכע ליידן. עס פאַלט אַוועק דער ענטפער פון געטלעכן קאַפּריז און שפּיל, און אויב שטראָף — פאַרוואָס טרעפט זי גראָד, אָדער אויך, דעם גערעכטן, וואָס איז „רעכטפאַרטיק און גאָטפאָרכטיק און אָפּגעקערט פון שלעכטס" ?

בלייבט נסיון און די באַלוינונג מיט כפל כפלים פאַר דעם, וואָס האַלט אויס דעם נסיון. אין די ביכער פון תנ"ך און אויך אין ספר איוב ווערט

געגוצט אַט דער מאָטיוו פון סוף כל סופיקן זיג פון דער מענטשלעכער גע־רעכטיקייט און פון דעם מענטשנס באַלוינונג פאַר דעם בייגעשטאַנענעם נסיון. אָבער דער תנכישער „העפּי ענד" האָט, לויט מיין געפיל, מאָראַליש אַ שוואַכן יסוד און — מינערט קינסטלעריש פון דער טראַגישער וואָרהייט פונעם מענטשנס קאַמף מיט גאָט און מיטן גורל. דער פינאַל פון „העפּי ענד" איז דער אויסדרוק פון אַ געוויסן סאָציאַלן ווילן, פון אַן אָפּטימיסטיש סאָציאַלער זעאונג, אָבער נישט פון אַ קינסטלעריש־מאָראַלישן אויפבוי.

דער דאָזיקער מאָטיוו פונעם „גוטן סוף", פון „דאָס לעבן רופט" איז אויך נישט פרעמד דער לייוויקישער דראַמע אַרום דער פּראָבלעם פון מענטשלעכע ליידן. אין לייוויקס איוב־פּאָעמע קומט אָט די אידייע צום אויסדרוק אין דער יצחק־רבקה־סצענע און אין דעם איבערשמועס פון יצחקן מיט זיין גע־שטאָרבענער מאַמע שרה.

די מאַמע שרה זאָגט אַן יצחקן אַז עס קומט די טרייסטונג —

„קוק איין זיך גוט מיט ביידע אויגן,
„און הער ווי קעמלען קומען אָן,
„און זע — אויף איינעם וויגט זיך רבקה
„אין כלה־קליידער אָנגעטאָן".

און אברהם עצהט איובן ער זאָל „אויפשטעלן צוריק די חרובע געצעלטן און אויפאַקערן צוריק די אָפּגעברענטע פעלדער". אָבער די טרייסט פון דער מאַמע שרה און די גוטע עצה פון אברהם אבינו ווערן אָפּגעפּרעגט, און דער געטלעכער נסיון נידערט אַראָפּ צו אוממאָראַליש־קאַפּריזנעם שפּיל ווען דער דיכטער קאָנפראָנטירט זיי קריטיש מיט די געליטענע יסורים דורכן מויל פון שטן אין זיין דיאַלאָג מיטן „קול" —

„צי קאָנסטו אַ געשעעניש פאַרוואַנדלען אין אַן אומגעשעעניש?
„צי קאָן אַן איינגעשטילט געיאָמער אויפהערן צו זיין געיאָמער?
„אַפילו ווען פאַרברענטע קינדער וואָלטן אויפגעלעבט צוריק —
„צי קאָנען בטל ווערן די יסורים זייערע פון נעכטן
„בשעת זיי האָבן זיך געפּרעגלט אויפן פייער?
„צי קאָנען אברים אויסגעהיילטע פון געשווירן
„פאַרגעסן און פאַרגעבן די געוועזענע געשוואָלנקייט?
„צי קאָן אַ מאַרגנליכט פאַרבייטן אויף אַן אמת
„די אָנגעליטענקייטן פון בלינדער פינצטערניש?"

וואָס־זשע איז דער זין און דער לוין פון מענטשלעכע ליידן?
דער זין און דער לוין פון דעם מענטשנס יסורים און פונעם מענטשנס

נסיון דורך יסורים איז — התגלות, די גאָט־אַנטפּלעקונג צום מענטש, די גאָט־באַהעפטונג פונעם מענטש.

עס איז אַ נשמה־דערהויבונג, וואָס געשעט דעמאָלט, ווען דעם מענטשנס האַרץ, דעם מענטשנס שכל גלײַדערט זיך אײַן אין דער סודותדיקער מוזיק פון דער הויה און דערהערט אויף דער וואָר די קלאַנגען פון דעם דאָזיקן אחד־ניגון.

דער בין־אדם־לחברו׳דיקער אַספּעקט פון דער איוב־דראַמע ווערט אין לייוויקס בוך פונאַנדערגעוויקלט מיט גרויס־טעאַטראַלישן שוואונג; דער בין־אדם־למקום׳דיקער ווערט ליריש אויסגע׳תפילה׳ט אין אײנצלנע שטעלן פון די זיבן דראַמאַטישע בילדער און דערעיקרשט אין דעם ליד „התגלות" וואָס דער דיכטער האָט אַוועקגעשטעלט בײַם סאַמע אָנהויב פון דער פּאָעמע ווי אַ מאָטאָ און — ווי אַן אָנגעזאָגטן פינאַל.

דער חומשדיקער „וירא אלהים" און דער איובדיקער „ויען ד׳ מן הסערה", די גאָט־זעאונג און די גאָט־דערהערונג זײַנען דער לוין און דער זין, זיי זײַנען, אין לייוויקס ווערטער:

„— — — דער גוטער רעגנבויגן
„נאָך מבול־טעג — דער צייכן וואָס זאָגט צו
„אַ נײַע ערד מיט חסד און מיט רו".

אין דער גריכישער דראַמע נידערט גאָט אַראָפּ צו קעמפן מיטן רעבעלישן מענטש. אין דער יידישער דראַמאַטישער קאָנצעפּציע דערהויבט גאָט דעם פרעגער און מאָנער דורך התגלות.

אָט דעם גרויס־יידישן מאָטיוו פון התגלות האָט לייוויק געגעבן אַ קינסט־לערישן תיקון אין זײַן דראַמאַטישער איוב־פּאָעמע.

(1954)

ב.

פון קיינעמס לאַנד ביז צום אייביקן קרייז

„אין קיינעמס לאַנד" און „אייביקער קרייז" זײַנען צוויי נעמען פון לייוויקס לידער.

מיט דעם ליד „אין קיינעמס לאַנד" הויבט זיך אָן די צווייטע פונעם דיכטערס נײַן לידער־זאַמלונגען, וואָס איז דערשינען אונטער דעם זעלבן נאָמען מיט דרײַ און דרײַסיק יאָר צוריק.

דאָס ליד „דער אייביקער קרייז" שטייט ערגעצוואו אין דער מיט פון לייוויקס פרעמירטן לידער־בוך „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים".

אָט די צוויי לידער, גלויב איך, צייכענען אָן דעם גאַנג און דעם

וואוקס פונעם טויט־ און לעבן־מאָטיוו ביי לייוויקן אויף אַ מרחק פון איבער דריי צענדליק יאָר, דעם גאַנג פון יונג־פּאָעטישער אָנונג און שרעק צו רייף־פּאָעטישער זעאונג און קלאָרקייט.

אין דעם ערשטן פון די לידער, אין דעם ליד פון לייוויקס דיכטערישן אָנהייב־זומער נאָך די געזאַנגען „פון ערגעץ וויט", פון „הינטערן שלאָס" און פון „אויף די וועגן סיבירער", גייט אויף אין לייוויקס געמיט די פּאָע־טישע שפּירונג וועגן ביאָלאָגישן סוף, וואָס אין זיין שאָטן ווערט דעם מענטשנס לעבן פאַרוואַנדלט אין אַ קיינעמס לאַנד און —

„קיינער ווייס נישט, אַז שוין לאַנג
„שלאָפן מיר פאַרוויגט ביינאַנד,
„זינגענדיק דעם טויט־געזאַנג
„אויף דעם גרויס פון קיינעמס לאַנד."

אין דעם צווייטן פון די לידער, אין דעם ליד פון לייוויקס „זומער־שפּעטע לידער", נאָך די פּיין־קלאָג־ און טרויער־פּיוטים פון „אין טרעב־לינקע בין איך נישט געווען" איז קיין טויט־געזאַנג מער נישט פאַראַן און דאָס קיינעמס לאַנד ווערט דערהויבן צו אַ מין אין־סופיק אַלץ־לאַנד פון אויפגעהעלטן סוד אַז —

„טויט איז אַ סוף אַ געדוכטער,
„און לעבן — אַן אייביקער קרייז."

אָט דער אַנטפּלעקטער סוד פון דעם „אייביקן קרייז" איז די אַקס אַרום וועלכער עס דרייען זיך מיט כלערליי ניואַנסן פון אימאַזש און געדאַנק אַ גרויסער טייל פון די לידער אין לייוויקס „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים".

דער מענטש געהערט צו דער נאַטור און צו דער וועלט פון גייסט. דאָס שעפערישע אין דעם מענטשן, כ'מיין, דעם מענטשנס כוח פון דיכטע־רישער, פון מיסטישער זעאונג, פאַרבינדט אָט די צוויי מלכותן פון איין און דעם זעלביקן מלך המלכים. די קינסטלערישע רעקוויזיטן קאָנען זיין פאַרשיידענע, אָבער דער ציל, די זעאונג, די התגלות איז פון איין און צו איין און דערזעלביקער וואָרהייט, די וואָרהייט פון „אייביקן קרייז".

אין זיין לידער־סעריע זיינען די פּאָעטישע מאָטיוון דערמאָנונגען וועגן דער מאַמעס טייג אין דער מולטער, וועגן טויט פון קליינעם שוועסטערל, וועגן וויגל, וועגן צוויי מעשענע לייכטער און אַן ערדענער ליימענער שיסל.

אין אַ צווייטן לידער־ציקל זיינען די סוזשעטן: דער אַלטער עפּלבוים, דריי פייגל, אַ זונרויז, אַ יום־טוב־בלימל, פּאַלמע־בלעטער און די וואַזנע אין דיכטערס שטוב:

„נישטאָ די מינדסטע זאַך, דאָס קלענסטע שטיקל דרויב,
„וואָס זאָל נישט ראוי זיין פאַר שורות פון סאָנעטן."

יעדע מינדסטע און קלענסטע זאַך, מיט וועלכער עס באַהעפט זיך לייוויקס פּאָעטיש געמיט, וואַקסט אַריבער די דראַמע פון ציטוויילדיקייט און ווערט אַ וואונדער פון זעאונג וואו אָנהייב און סוף באַגעגענען זיך און פלעכטן זיך צונויף אין דעם אינסופיקן שפּיל פון אייביקייט. פון אַלע זעאונגען פירט —

„אַ וואונדער־אויסגעלייגטער וועג,
„וואָס רופט זיך: גאַנג צו די אין־סופן."

האָבן זיך אויפגעהערט די ליידן? וואָס איז מיט דער ממשות פון ווי און פּיין? ענטפערט דערויף דאָס „זומער־שפּעטע ליד" פונעם דיכטער פון „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים" אין אַ דיאַלאָג פון „גראָזן צווישן זיך" אַז —

„מען דאַרף ניט וויינען,
„נעם נויג זיך צו
„צו מיר: אינאיינעם —
„געשטיצט ביסטו.
„— זינט כ'האָב פאַרנומען
„אַז איך בין דו."

און אַז „איך בין דו" ווערט דערמיט איינגעשטילט בן־אָדמס צער, די פּיין פון מענטשנס טעג? אויב ס'זאָל ווער פרעגן אַזאַ קשיה, ווערט די תשובה דערויף געגעבן אין דער שמאָל־פאַרזיקער תפילה: „פון ווייטע טעג", וואָס שטייגט על־פּי איר ריטם ווי אַ דין לייטערל אַרויף און אַרויף, אַלץ העכער און העכער, און רוימט אונדז איין אין האַרץ אַז —

„אַ פרייד אַזאַ
„אין שפּעטער שעה —
„די אַלטע פרייד
„וואָס גאָט איז דאָ."

די „אַלטע פרייד וואָס גאָט איז דאָ" איז נישט קיין פּאָעטישע פאָרמולע פון לייוויקס אויסשליסלעכן רשות היחיד. די דאָזיקע פאָרמולע איז אין די אָדער אַנדערע ווערטער מער אָדער ווייניקער אַ דיכטערישער רשות הרבים.

די באַזונדערקייט פון דער לייוויקישער אַטמאָספער אַרום אָט די ווער־טער באַשטייט ראשית אין דעם וואָס, אין נוסח פון דעם באַקאַנטן חסידישן

ווערטל, מיר גלויבן אים, נישט בלויז אַז ער האָט געזאָגט, נאָר אַז ער האָט טאַקע געזען.

אויף דעם אמת פון לייוויקס גאָט־זעאונג זאָגט עדות די טיפע און אינטענסיווע התלהבות, וואָס לויכט אַרויס פון זיינע דערמאָנונגס־לידער און פון זיינע נאַטור־לידער.

אויב איך בין זיך נישט טועה, ווערט ערגעצוואו אין טאָמאָס מאַנס אַ ראָמאַן אָפּגעפּרעגט דער „וירא אלהים כי טוב״. גאָט איז ליכט, טענהט מיט רעכט, טאָמאָס מאַנס העלד, אָבער קאָן מען זיך פאָרשטעלן גאָט אין התלהבות? פאַר וואָס און פאַר וועמען זאָל זיך גאָט באַגייסטערן? ער, גאָט, און נאָר ער אַליין, איז דאָך די גאַנצקייט, גאָט איז נישט אויף קיינעמס זייט, נאָר בלויז און אויסשליסלעך און תמיד אויף זיין אייגענער.

התלהבות איז בכן נישט קיין געטלעכער אַטריבוט. התלהבות איז גאָטס מתנה פאַר בן־אדמן. זי איז די פרייד פונעם שעפערישן מענטש ווען עס עפנט זיך זיין געמיט און ער האָט אין אַ שעה פון חסד דערזען אַז ס׳איז „כי טוב״, ער האָט דעראָנט די גאַנצקייט — גאָט איז דאָ.

מיט דער דאָזיקער התלהבות פון גאַנצקייט־דעראָנונג זיינען פול די לידער פון „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים״.

אָט איז איינס פון די לידער ווי אַ מוסטער פון צווישן אַנדערע מוסטערן —

„וואָלקנס נידערן אַרונטער
„אין גאָלדבלוי און ווערן צעשוואומען,
„באַרג־שפּיצן נויגן זייערע קעפּ
„צו אַלע אַרומען,
„די לויטערע נאַכט איז געקומען.

„שטעל אָפּ דיינע טריט,
„הייב אויף דיינע ברעמען,
„גייער.
„דאָס גאָלדבלוי ווערט גרוי
„און הילט איין די בערג אין אַ שלייער.
„שטיי שטיל און גערולדיק, גייער, —
„פון הינטערן גרוי
„צעעפנט זיך אַ געטלעכער טויער.

„פאַר דיר,
„און פאַר באַרג,
„און פאַר וואַלד,

„און פּאָר יעטוועדן מין,
„וואָס אַ לעבעדיקע זאָל איז אין אים,
„גייט אויף די צעפּראַלונג —
„דער פולער לבנהס צעשטראַלונג".

איך האָב אויסגעקליבן ווי אַ ביישפּיל די ערשטע דריי סטראָפעס פון דעם ליד „וואָלקנס נידערן אַרונטער", ווייל אין דעם ליד איז נישט פאַראַן קיין איין וואָרט פון די ווערטער, וואָס די קריטישע טייטש קען זיך לייכט אָנכאַפּן אין זיי. די ווערטער אַליין ווינקען נישט אָן אויף דער טיפער התלהבות, וואָס ס'ברויזט הינטער זיי. די ווערטער אין לייוויקס לידער פאַרמאָגן נישט קיין באַזונדערן דרויסנדיקן פאַרפּוץ פון מעטאַפאָר. קיינס פון זיי איז נישט גרימירט מיט יום־טובדיקייט.

אָבער פון אַלע ווערטער אינאיינעם, פון דעם גאַנצן ליד, טראָגט זיך אַ פייערלעכע באַגייסטערונג פון אַנטפּלעקטקייט, די התלהבות פון דערזען און פון דעראָנט.

מען לייענט דאָס ליד און מען ווערט פאַרכאַפּט פון דער האַרמאָנישקייט, פון דער סערעניטעט פון געפיל און פון דער רואיקער און ניכטערער אויס־געמאָסטנקייט פון פערז.

אָבער מער פון אַלץ באַרוישט די אינטענסיווע התלהבות, וואָס פלאַ־קערט אַרויס פון דער שטילקייט פון וואָרט און שורה. דאָס ליד און אַ סך אַנדערע פון לייוויקס נאַטור־לידער אַרום דעם אַלטן עפּלבוים און זיינע בלעטער ברענגען אַרויף די אַסאָציאַציע צו אַ געזעמל שלאַנקע, דינע און איידעלע יידן, וואָס טאַנצן אויס זייער שמחת־תורהדיקע פרייד מיט דער תורה. זיי טאַנצן, די יידן, שטיל אָן שום תנועות און העויות. קוים וואָס מען זעט זייער באַוועגונג. אָבער זען, זעט מען ממש ווי עס פלאַמט פון זיי אַרויס און לויכט איבער זיי די אינעווייניקסטע יום־טוב־פרייד וואָס די תורה איז דאָ, די פרייד וואָס — גאָט איז דאָ.

ווי שטיל לייוויקס ליד זאָל נישט זינגען, ציען זיך די טענער זיינע אַרויפצוצו אַלץ העכער און העכער, און ווי אָן שום מינדסטן דרויסנדיקן זשעסט עס זאָלן נישט זיין די ווערטער פון לייוויקס נאַטור־לידער צאַפּלט הייסע דראַמאַטישקייט אין זיי און אין די אימאַזשן וואָס זיי מאָלן פאַר אונדז.

די דראַמע אין לייוויקס לידער פון „דער ווייסער ניגון" און „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים" איז נישט קיין בכיוון קאָנסטרואירטע און צוגעשפּיצטע. די דראַמאַטישקייט ווערט דאָ געבוירן ווי עפּעס אַ ממילא אין דעם ביינאַנד פון דער טיפער דערוועלטישער און יענוועלטישער סימבאָליק, וואָס עס וויעט אָן לייוויקס פּאָעטישע שורה, און פון דער מרחקים־לופט פון געדאַנק און געפיל, מיט וועלכער עס אָטעמט אַזוי אָפט לייוויקס ליד.

אַט איז אַ ליד וועגן „דריי פייגל העל־בלויע, מיט פליגל צעשפּרייטע", וואו עס ווערט דערציילט, אַזוי דאַכט זיך, דאַ־וועלטיש־אידיליש וועגן —

„דערהויבענע היי־גאָפּלען רוען אין שייער,
דער טויער, אָן פּחד פאַר קיינעם, איז אָפן;
„ביי שויבן אין אויפטויך פון הימישן פייער,
„ווערט קינדיש דערציילט ווי דער טאָג איז פאַרלאָפן."

וואָס־זשע ווערט דערציילט וועגן דעם פאַרלאָפענעם טאָג? עס ווערט דערציילט —

„ווי ס'האָט זיך פאַרוויקלט די זון אין אַ וואָלקן,
„ווי ס'האָט זיך דער וואָלקן צעקנאָלט אין אַ שטורעם —
„גראָד דאַן ווען די קו איז געוואָרן געמאָלקן
„ביים שיין פון אַ בליץ אויפן שייערישן טורעם."

אין דעם ביינאַנד פון די צוויי רעאַליסטישע בילדער הויזט דראַמע און עס שפּיזלט אַרויס פון דאָרט עפּעס אַן אַנווינקעניש אויף אַ העכערער דראַמאַטישקייט, וואָס שפּילט זיך אָפּ איבער דער רעאַלקייט אַריבער.

און וויפיל הייס־דראַמאַטישער אָטעם איז פאַראַן אין דעם מיט שיינקייט פאַרקלעמענדיקן אימאַזש אין דער לעצטער סטראָפע פון דעם זעלבן ליד וועגן די „דריי פייגל" —

„די גרילן ווי נעדעלעך שאַרפע און פלינקע
„צעשטעפּן דעם אָוונט אין אַלע פיר זייטן;
„אַ וואָרט־שאָרך צעטראָגט זיך און לאָזט זיך פאַרשלינגען
„אין דנאָלאָזער טיפקייט פון אייביקע צייטן"?

די דראַמאַטישקייט, וואָס איז אַלעמאָל געווען אַ סימן מובהק פון לייוויקס ליד פונעם סאַמע אָנהייב „ערגעץ ווייט" און ביז צו די לידער פון „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען", האָט זיך איצט אין זיין „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים", סיי ווען דער דיכטער „שניידט אַריין אין זיין מאָרגן די טעג פון זיין נעכטן מיט דער שאַרף פון דערמאָנונג" און סיי ווען ער שרייבט „לידער אַ סך אין כבוד פון וועגן דער עפּלבוים־מוזע" — אָט די דראַמאַטישקייט האָט זיך אַריבערגעטראָגן, צום גרויסן טייל, פון די שורות צו הינטער די שורות, כ'מיין, פון די אימאַזשן און בילדער גופא צו דער האַרמאָנישער שטילקייט, וואָס הילט איין און הויערט איבער די ווערטער און איבער די אימאַזשן.

די דראַמאַטישקייט ליגט נישט אין דעם נגלה פון די ווערטער, נאָר אין

דער נסתרדיקער התלהבות פון לייוויקס פּאָעטישער זעאונג, וואָס שעפּטשעט צו אונדז פריידיק, אַז ס׳איז גוט, וואָס

„מיר זיינען ניט מער פון דעם בוים
„און גוט וואָס מיר זיינען ניט מערער.״

מיט איינעם וואָרט: די דראַמע אין לייוויקס דערמאָנונגס־ און נאַטור־לידער איז נישט די דראַמאַטישקייט פון ווידעראַנאַנדן. עס איז די העכערע און טיפערע דראַמע, וואָס ליגט אין דער גנאָד פון דערגרייכטער האַרמאָניע, די דראַמע, וואָס איר נעסט איז דער „אַנטפּלעקונגס־־נס אין דיין זכרון״ אַז —

„ס׳קומט דיין וועלט וואָס נאָכן שטאַרבן צו איר קוואַל צוריק.״

און אַז —

„...זונגאָלד פון אַדורכגעלייטערטע פאַרנאַכטן
„מאַכט לייכטער אויך אויף אַרעסטאַנטן־פּיס די קייטן.״

לייוויק, דער שאַרפער און דינער דיאַלעקטיקער, ווי מיר קענען אים פון „אין די טעג פון איוב״ און פון אַלע זיינע אַנדערע דראַמאַטישע פּאָעמעס, קומט אין זיינע נייע לידער צום אויסדרוק אין דער אָפּטיילונג „אין פייער״, וואָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער לעצטער קאַפּיטל פון זיין „אין טרעבלינקע בין איך נישט געוועזן״, און אין דער לידער־סעריע וועגן „די אייביקע צוויי״.

אַ טייל פון די לידער אין די דערמאָנטע צוויי סעריעס מאַכן דעם איינדרוק פון שטודיעס צו די ברייט פאַרפירטע דיאַלאָגן אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע „אין די טעג פון איוב״.

ווען לייוויק דערציילט אין זיין ליד „איוב ליגט אויף האַרטער ערד״ אַז איובס פריינט „נישט פריינט תנכישע, נאָר אַנדערע, גאָר נייע״ —

„לאָזן זיך פונאַנדער אין אַ טאַנץ
„אַרום דעם מידן גוף — אַ פלאַקערדיקער שטורעם,
„און אַלע דונערן: שילט נאָכאַמאָל! שילט נאָך!
„זיי אייביק־אייביק אונדזער מלך פון יסורים,״

קלינגען אָט די פערזן ווי אַן אַריינפיר צו דער אויפטרייסלענדיקער דריטער סצענע אין זיין איוב־דראַמע, וואו דער הינקענדיקער רופט אַלע ליידנדיקע זיך צו שטעלן אונטער איובס קאָמאַנדע, וואָרעם —

„דער גרויסער בעל־יסורים
„רופט אונדז מיט זיין רוף,
„מיר קומען און מיר ברענגען
„מום פון אונדזער גוף.״

און ווען קין ליגט אויס זיינע רייד אין די לידער „קין האָט טענות" און „קינס שטיין", הערן זיך קינס ווערטער ווי דער פּרעליוד צו דער גרויסער דעבאַטע, אין דער פינפטער סצענע פון לייוויקס איוב־דראַמע, צווישן יעקבן און דעם שעפּס, צווישן יצחקן, הבלן און קינען, — דער דעבאַטע וועגן ליידן און נסיון.

אָבער ווי אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע וועגן איובן אַזוי ווערט אויך ביי לייוויקן דאָ דער אָטעם פון פּיין און פון פּיין־ויכוח אָפּגעשטעלט מיט דעם „אַנטפּלעקונגס־נס אין דיין זכרון", דעם נס, וואָס —

„קוים דער שמייכל ברעכט זיך איבער
„צווישן דוכטעניש און וואָר, —
„דעמאָלט זעסטו גאָט אין פּנים
„דורך דיין ברעמס אַ דינסטער האָר."

די זאַמלונג פון לייוויקס „זומער־שפּעטע לידער" אָטעמט נישט בלויז מיט דעם נס פון התגלות, וואָס האָט באַוויליקט צו נעמען דעם דיכטער אונטער זיינע פליגל און אים צוצווינקען דעם סוד פונעם „אייביקן קרייז", נאָר אויך מיט דעם וואונדער פון וואָרט און שורה, מיט דעם וואונדער פון פּאָעטישן אויסדרוק, וואָס האָט זיך אין „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים" געשטאַרקט איבער אַלע פריערע ביכער.

„אַלע שורות — זע, אַ וואונדער —
„ציען זיך צום לעצטן אות;
„ווי אַ וואָרט איז נישט באַזונדער
„ווייס עס צאָם און ווייס עס מאָס.

„ווען עס נעמט מיט לעסטער שלאָגן —
„ווייס עס ווען צו ווערן פרום,
„ווען עס נעמט מיט רעש זיך טראָגן —
„ווייס עס ווען צו ווערן שטום."

מיט פופצן יאָר צוריק האָב איך אויפן סמך פון דער יובל־אויסגאַבע פון לייוויקס געזאַמלטע לידער געשריבן וועגן דעם וואונדער פון זיין פּאָעטישן וואָרט און מיר דאַכט, אַז וואָס כ'האָב דעמאָלט געזאָגט איז, נאָך מער ווי דעמאָלט, גילטיק היינט פאַר די „זומער־שפּעטע לידער", וואָרעם אין זיי האָט דער דיכטער נאָך שטרענגער ווי פריער דורכגעפירט זיין נזירותדיקן איינשטעל צום וואָרט.

איך וועל דאָ ברענגען עטלעכע פּאַראַגראַפן פון מיין דעמאָלטיקער עסיי

און מיט זיי פאַרענדיקן די באַמערקונגען וועגן לייוויקס קינסטלערישער פאָרם־דערגרייכונג אין זיין „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים“. איך האָב געשריבן —

לייוויקס פערזן זייַנען דווקא אויסגעטאָן פון יענעם יום־טובדיקן פאַרפוץ, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער פּאָעטישער אימאַזש. זיינע שורות זייַנען קלאָרע, אייַנפאַכע און כמעט אָן שום מעטאַפאָר־באַצירונג, און דאָך אָטעמען זיי מיט יום־טוב. איז, אפשר נעמט זיך די פייערלעכקייט דערפון וואָס אין די ווערטער פילט זיך עפּעס ווי אַ לאַנג גרייטן זיך זייערס צום ליד, עפּעס ווי אַ פאַרקנעפּלען זיך אויף אַלע קנעפּלעך ביי זייער אָנקומען אין ליד אַריין. עס פאַרמאָגן לייוויקס לידער אַ באַזונדערע חשיבות פון אייַנגעהאַלטנקייט, פון אַן אָפּגעהיטקייט, וואָס שוויגט בעסער איבער, איידער זיך אַרויסצוכאַפּן מיטן מינדסטן קנייטש פון אומצניעות. ס'איז דאָ ביי לייוויקן אַ טענדענץ ניט נאָר צו וואָס וויניקער ווערטער, נאָר אויך אַ שטרע־בונג אַז די ווערטער, וואָס האָבן די זכיה אַריינצוקומען אין דער שורה, זאָלן וואָס וויניקער ריידן. דאָס מיינט נישט סתם א נטיה צו סטיליסטישן צמצום, צו עסטעטישער קנאַפּקייט פון ווערסיפיצירונג. עס מיינט אַ סך מער ווי דאָס. עס איז עפּעס אַ מין עטישע לעבנספירונג, וואָס לייוויק פאַרלאַנגט פון די ווערטער. עס איז אַ שטרענגע פאָדערונג צום וואָרט, עס זאָל צופאַסן, אַזוי צו זאָגן, זיין פּריוואַט לעבן צו דער ראָלע וואָס עס שפּילט אין דער עפנטלעכקייט — אין ליד.

אָט די קאָנצעפּציע פונעם וואָרט ווי אַ לעבעדיקער נפש מיט באַוואוסטזיין און אחריות, וואָס מען קאָן צו אים שטעלן מאָראַלישע פאָדערונגען, איז איינס פון לייוויקס זעלטענע באַגעגענישן מיטן יידישן פאָלקלאָר.

אָבער אין לייוויקס פאָלקלאָריסטישער אויפפאַסונג פון יידיש־וואָרט און אין דער באַציאונג צו אים פעלט, פאַרשטייט זיך, יענע וואָרעמקייט, מיט וועלכער די פאָלקס־גלויבונג, די פאָלקס־מעשה און לעגענדע דערציילן וועגן לעבעדיקע ווערטער. דאָס פאָלק דערלויבט זיך שטיפעריש צו פליר־טעווען אפילו מיט הייליקע ווערטער. און הייליקע ווערטער פאַרגעסן זיך אַמאָל און שמייכלען צוריק. אין דער גרויסער מאָראַלישער אָנגעסטראָיעט־קייט צווישן פאָלק און זיינע הייליקע ווערטער כאַפּט זיך אָפּט אַריין אַ הומאָ־ריסטישער אינטערמעצאָ. לייוויק אָבער איז צו די ווערטער כולו דין, כולו חופּה־קידושינדיקע פייערלעכקייט און לעגיטימקייט.

די ווערטער אין לייוויקס ליד שטייען אונטערן דאַמאָקלעס־שווערד פון פּערמאַנענטן חשבון הנפש. עס קאָן געזיין אַז געמייסטערעוועט דאָס יידיש וואָרט האָבן אַנדערע אפשר בעסער פון לייוויקן, אָבער קיינער אין אונדזער דור האָט ניט געטראָגן אין זיך אַזאַ קפּדנישן אומצוטרוי צו וואָרט און קיינער

איז אין דער זעלבער צייט ניט פֿאַרצערט געוואָרן פון אַזאַ ברענענדיקער ליידנשאַפט און ליבשאַפט צום סאַמע עיקר, צום סאַמע האַרץ פון אותיות־צונויפשטעל ווי לייוויק.

לייוויקס ליד באַגנוגנט זיך נישט מיט דער געשטאַלטיקונג פונעם שלימות־דיקן, נאָר עס זוכט מיט לייב און לעבן אויסצוגעפינען דאָס וואָרהאַפטיקע, וואָס ערשט דאָס איז לויט אונדזער היסטאָריש־יידישער קאָנצעפציע אויך דאָס שלימותדיקע.

(1956)

◈

א. לעיעלעס

א.

אַ ייד אויפן ים

דער פּאָעטישער דעוויז — „באַטראַכט מיט קלאָרקייט אַלץ און — מיט אַ קווינט רחמנות", וואָס א. לעיעלעס האָט אים פאָרמולירט פאַר זיך אין דער סוף־שורה פון זיין בוך לידער „פּאַביוס לינד", איז געבליבן גילטיק פאַר לעיעלעס' דיכטערישן ווערק אויך אין דעם יאָרצענדליק, וואָס איז זינט דעמאָלט אָנגעוואַקסן מיט אַזוי פיל גרויל און צער אויף אונדזער מענטשלעך און יידיש לעבן.

נאָר וואָדען? דער „קווינט רחמנות" איז אין די לידער וואָס לעיעלעס האָט אָנגעשריבן פאַר די לעצטע צען יאָר און האָט זיי צונויפגעזאַמלט אין זיין בוך „אַ ייד אויפן ים", היפּש שווערער געוואָרן. שווערער געוואָרן אין וואָג און דערעיקרשט געוואָרן אַן אַן ערך ליידנשאַפטלעכער, אָנגעגליטער, הייסער.

לעיעלעס איז בטבע אַ געדאַנקען־ליריקער. און מחשבותדיקע ליריק איז נישט בלויז אין אונדזער לפּי ערך קליינער יידיש־ליטעראַטור אַ זעלטנקייט, נאָר זי איז אויך וויניק וואָס בנמצא אין די גרויסע ליטעראַטורן. און אַ יקר־המציאות איז די געדאַנק־פּאָעזיע, דאַכט מיר, דערפאַר, ווייל דער געדאַנקען־ליריקער קאָן בעצם זיין אָדער אַ וויכטיקער דיכטער, אַ דיכטער־אויפטוער אָדער — ער איז בכלל קיין דיכטער נישט.

און עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס די מחשבה־פּאָעטן, און א. לעיעלעס ביי אונדז, זיינען פאָרם־מייסטער.

מחשבה איז בטבע, נוצנדיק די טערמינאָלאָגיע פון דער עקספע־רימענטאַלער פיזיק, אַ שלעכטע איבערפירערין פון וואַרעמקייט. כ׳מיין, זי באַהאַלט ערגעצוואו טיף אין זיך די היץ און היט נישט אויף צו לאַנג איר הויכע, דרויסנדיקע טעמפּעראַטור. דער אידייען־פּאָעט פאַרשפּאָרט זיך דער־פאַר, אַזוי צו זאָגן, צו פאַרבריען צופיל די הענט ביי דער שטאָף־פורעמונג. ער האָט שוין פון לכתחילה אין סאַמע ברען פון דער אינספּיראַציע דאָס נויטיקע ביסל קילקייט און דאָס נויטיקע ביסל קלאָרן באַטראַכט פאַר דער ניואַנסיר־טער קונסט פון פאָרם.

די געטלעכע קונסט פון פאָרם — דאָס איז דער שוואונג און די פריוויליע־גיע פונעם אידייען־דיכטער. זיין פּראָבלעם איז: דער קווינט רחמנות, פאַר וועלכן די פאָרם־שלימות פון דער געדאַנקען־פּאָעזיע פאַרשטעלט אָפּט דעם וועג צום געמיט פונעם לייענער.

עס האָבן די פּראָבלעם פונעם „קווינט רחמנות״ נישט בייגעקומען אַזוי פיל און אַזויפיל וויכטיקע און אָנגעזעענע אידייען־דיכטער אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד. כמעט דורכאויס אַלע געדאַנקען־ליריקער זיינען געבליבן דיכטער פאַר יחידי־סגולהדיקע פּאָעזיע־געניסער.

און אויך לעיעלעס אין דער יידיש־פּאָעזיע האָט, איבער דער לענג פון זיינע לידער־ביכער, פון „לאַבירינט״ איבער „ראָנדאָס״ און „יונג האַרבסט״ ביז „פאַביוס לינד״, נישט אויסגעמיטן יענעם גורל.

„מיינע לידער קאַלטע זיינען
„און פון זיי מיט ווייטקייט בלאָזט
„האָט קיינער ניט געהערט פון קאַלטן ברענען
„ניט געלעקט דעם פלאַם פון פראָסט?״

קלאָגט זיך און מאָנט דער דיכטער פון „פאַביוס לינד״ אין פאַרשטענ־לעכן באַגער גובר צו זיין די פּראָבלעם פונעם „קווינט רחמנות״.

אָבער דער „קווינט רחמנות״, וואָס אין לעיעלעס׳עס פריערדיקע לידער־ביכער איז ער צומייסט בלויז דער קוהלתדיקער פונק, דער טרויער־אָפּגלאַנץ פונעם פּאָעטיש־קלאָרן באַטראַכט, אָדער ווי לעיעלעס אַליין דעפינירט עס „דאָס קיל פאַרטאַיעטע לאַווע־בלוט״ — האָט זיך ערשט אין די לידער און פּאָעמען, וואָס דער דיכטער האָט צונויפגעזאַמלט אונטערן נאָמען „אַ יידן אויפן ים״, פונאַנדערגעוואַרעמט הייס און חושימדיק. די דאָזיקע לידער האָבן געפונען דעם וועג צו אונדזער אָנגעווייטיקטן יידישן געמיט.

און עס איז נישט קיין חידוש, וואָס לעיעלעס האָט אין זיין לעצטן לידער־בוך פאַרענטפערט צום טייל דיכטעריש אַ פּראָבלעם, וואָס אַנדערע אידייען־דיכטער איז עס נישט געלונגען צו פאַרענטפערן.

וואָרום נישט פאַרן פראַנצויזישן און נישט פאַרן דייטשישן פּאָעט, און דאַכט זיך אויך נישט פאַר אַ פּאָעט פון וואָס פאַראַ ס'איז נישט אַנדערער אומה, האָט ווען ס'איז געקאָנט אויפגיין אַזאַ שוידערלעכע וויזיע, ווי

„עס ברענט אַ ייד אינמיטן ים — דער לעצטער ייד פון הונדערט
„די ניין־און־נײַנציק האָבן שטיל פון אים זיך אָפּגעזונדערט.
„זיי האָבן אַלץ געזוכט אַ ברעג אויף זייער סומנעם וואַנדער,
„פון יעדן באָרטן האָט מען זיי געטריבן ערגעץ אַנדערש."

אָדער אַזאַ שוידער שבשוידערלעכסטע זעאונג ווי

„אַ יינגל אַ קליינטשיקס, קוים זיבן־אַכט יאָר,
„אַ יינגל אַ יידישס מיט הענט אין דער הויך,
„געיאָגט צו דעם אויוון, צו פייער און רויך,
„געטריבן מיט ביקסן — אָט דאָס איז די וואָר!

האָט אונטער דער לאַווע פון אָט דער „גויאישער וואָר" וואָס וויל נישט בלויז „אונדזער חלום נישט מער", נאָר אויך אונדזער פאָלק נישט מער, אונדזער לעבן נישט מער, דאָס ליד געקאָנט בלייבן

„געריטעמט ווי פּעטראַרקאָס אַ סאָנעט,
„ווי האָוזמאַנס ליד — געשליפן גלאַטיק" ?

לעיעלעס האָט אויך אין „אַ ייד אויפן ים", וואָס איז כמעט דורכאויס אַ זאַמלונג פון חורבן־לידער, אַנגעהאַלטן בדרך כלל די מחשבהדיקייט פון זיין געזאַנג און די סאָלידע פאָרם פון זיין פּאָעטישער שורה. אָבער אַ פונאַנ־דערגעברויזטער פון רחמנות, פון בלוט־נאָענטשאַפט, פון ליבשאַפט צום ייד, וואָס ווערט געטריבן פון אַלע באָרטנס, און צום „קליינטשיקן יינגל", וואָס ווערט געטריבן צו אַלע גאַז־אויוונס, וואַרפט פון זיך דער דיכטער דאָ און דאָרט און אַזויפיל־מאָל אין בוך אַראָפּ אַלע שטייפקייטן און אַלע צערעמאָניעס פון פאָרם. ער בויגט זיך אַראָפּ איבער אַלע עפּיגראַמאַטישע געשליפנקייטן פון זיין ליד צום קליינטשיקן יידישן יינגל פון „קוים זיבן־אַכט יאָר" און זאָגט צו אים פּראָסט פּשוט, מיט ווייכער פאָלקסטימלעכקייט, נאָענט־גופיש, ברוי־דעריש

„און דו, יידיש יינגל, כ'קוש שולדיק דיין פּנים,
„די אויגעלעך יידישע, כשר און ריין,
„עד סוף כל הדורות, דורך יאָרן מיליאָנען,
„וועט מאָנען אַן ענטפער דיין קינדיש געוויין.

דער דיכטער פון באַליידיקטער קולטור אין „פּאַביוס לינד" איז געוואָרן דער פּאָעט פון געשענדעטן לעבן אין „אַ ייד אויפן ים". די וועלט־רציחה גייט דאָ דעם פּאָעט נישט בלויז אין אידעאַל אַריין, נאָר ממש אין לעבן אַריין.

דער פּראָטעסט קעגן דער באַליידיקונג פון אידעאַל, ווי ברויזנדיק און צערדיק ער זאָל נישט זיין, האַלט זיך אויף דער הויך פון מחשבה און רעדט מיט אירע קילע ווערטער. וואָרנט מיט אירע שכלדיקע וואָרענישן און זעט אירע ווייטע זעאונגען. דער פּראָטעסט אָבער קעגן דער שענדונג פון אייגענעם, נאָענטן לעבן — ער גייט אויף פון די טיפענישן פון אויפגעטרייסלטער עמאָציע. און ווי געצוימט די דאָזיקע עמאָציע זאָל נישט ווערן מיט „קלאָרן באַטראַכט", קאָן איר שפּראַך נישט פאַרדעקן די וואונד, און איר זעאונג נישט פאַרמיידן דעם נעפּל פון טרער.

ווען לעיעלעס דערציילט אין „פּאַביוס לינד" וועגן דעם „פּשוטן סטרייקער אין דעם רייכסטן לאַנד", וואָס איז „פּשוט געפאַלן פון אַ פּאָליציאַישער האַנט", איז דער דיכטער וואָר און עכט אויפגעברויזט און זיין פּאָעטישע שורה אָטעמט מיט פּיין, מיט סאַרקאַזם און מיט שטעכיקער וואָרעניש קעגן „די זינדיקע שטעקנס". אָבער דאָס בילד, מיט וועלכן עס פאַרענדיקט זיך דאָס ליד, בלייבט מחשבהדיק און קיל. עס האָט דער דיכטער יענעם טאָג געהערט:

„ווי טורעם־זייגער צו טורעם־זייגער האָט קלוג געלאַכט:
„אַזוי־אַ פּשוט ווערן דאָך רעוואָלוציעס געמאַכט."

אָבער ווען דער דיכטער גיט איבער אין „אַ ייד אויפן ים" וועגן דעם ווי
„ס'ברענט דער ייד אינמיטן ים — אַ לעבעדיקער פאַקל,
„פון גאַנצן וואוילן וועלט־באַשאַף דער בראַנדיקער סך־הכל",

שפּאַנט דאָס ליד אַריבער אַלע געדאַנקלעכע פּענטעס און אַלע שכלדיקע וואָרענישן. און נישט בלויז „טרערן טוען זיך אַ גאָס פון דעם צעפּליקטן הימל" (דאָס וואָרט און דער אימאַזש פון טרערן איז נישט בנמצא אין דער „פּשוטער מעשה" וועגן געהרגעטן סטרייקער און דאַכט זיך, אויך נישט אין קיין שום אַנדערער פון לעיעלעסעס עלעגיעס פון באַליידיקטן אידעאַל אין „פּאַביוס לינד"). פון דער ערשטער שורה אָן פון דעם דאָזיקן ליד באַגלייט אונדז דעם דיכטערס פאַרשטיקטער געוויין און רייסט אונדז מיט מיט זיך צו קלאָג, צו געיאָמער, צו פאַרמעסט פון אונדזער „לעצטער שוואַכקייט" מיטן הימל.

און די אויבערהאַנט פון דעם „קווינט רחמנות" איבערן קלאָרן באַטראַכט אין לעיעלעסעס נייעם לידער־בוך לאָזט זיך, ווי מיר דאַכט, דערעיקרשט

מערקן אין דעם אופן ווי עס ווערט אין „פּאַביוס לינד" און אין „אַ ייד אויפן ים" אַרויסגעבראַכט דעם דיכטערס פּאַרצווייפלונג.

פּאַביוס לינדס קלאָר־געדאַנקלעכע פּאַרצווייפלונג:

„פּאַביוס לינדס טעג גייען אָפּ מיט בלוט.
„דורכפאַלן אין רויטע שלענגלעך ליידיקן אויס די אָדערן.
„אין קאָפּ — מוטנע־ווייסע פלעקן. צעטומלעניש
„און דאָס האַרץ איז שווער באַלאָדן.
„ער וואַלט...
„ער וואַלט..."

דעם דיכטערס תהלימדיקע תפילה פון פאַרצווייפלעניש אין „אַ ייד אויפן ים":

„פּאַרוואָר, נישטאָ ביי מיר אין פאַרווירונג קיין צווייטער בן־אָדם
„אויף אַ פאָדעם, וואָס איז אוממשותדיקער פון אַ שטראַל
„העננגט דער אַל פון מיין גלויבן.
„זע — אויוון אָן אוקינוס מיט בלויער גלייכגילט פון אַ געץ;

„פון לינקס קעץ — ווילדע, וואַלדיקע, גרויסע אומגעהויער;
„פון רעכטס שוועבל און פייער, בראַנדיקע, רויכיקע ווינטן;
„פון הינטן עקדישן און שלענג, גרייטע מיט טויטלעכן סם,
„און פון פאָרנט דער ים פון שלינגענדיקע שאָטנס, אָן אַנטרינונג.
„אַ זוכער אָן געפינונג, אַליין, אַלץ אַליינער
„שטיי איך איינער אינמיט.

„פאַרוואָר, נאַקעט בין איך, פאַרלאָזן איינגעקלעמט ביז גאָר,
„שוין מיטן לעצטן געדאַנק צו איך זיך צו דער האָר
„פון גלויבן, וואָס ווערט רק אוממשותדיקער, דינער,
„ווייניקער, ווינציקער, מינדער און מינער — — —

„זינג מיר אַ ליד פון גוטער בשורה,
„זינג מיר אַ ליד פון הילף.
„זינג מיר אַ ליד פון אויסוועג."

איך האָב ציטירט דאָס דאָזיקע ליד כמעט אינגאַנצן (בלויז אויסגעלאָזט די ערשטע סטראָפע). עס איז, לויט מיין געשמאַק, זייער אַ געראָטן און

אַ שיין ליד, וואָס ווייזט וויאַזוי דער אויפּברויז פון יידישן חורבן אין לעיעלעסעס געמיט האָט אָנגעלאָדן מיט עמאָציע און מיט ממשות אַפילו אַזעלכע פּאָעטיש־אַבסטראַקטע אימאַזשן ווי דער פּאָדעם, אויף וועלכן ס׳הענגט דער אַל פון גלויבן, און האָט פאַרוואַנדלט די רייד פונעם אינטע־לעקטואַליסטישן דיכטער אין תפילה־רייד. דער לייענער איז אָן אַ שום געפילס־מניעה וויליק און בכוח איבערצוחזרן די ווערטער, ווי עס חזרט איבער דער תהלים־זאָגער די הויך־פּאָעטישע רייד און פאַר אים אָפּטמאָל ווייטלעך אַבסטראַקטע אימאַזשן פונעם קיניג דודס געזאַנגען.

עס קען זיין אַז אין לעיעלעסעס נייעם בוך איז נישט פאַראַן יענע דורכ־אויסיקע עפּיגראַמאַטישע פּאַרשפּיצטקייט און יענע אַלעמאָל שאַרפע פּאָעטישע דעפינירונג פון געפיל און געדאַנק, וואָס מיט איר האָבן זיך אויסגעצייכנט די לידער פון „פּאַביוס לינד״. און עס קאָן זיין אַז אין „אַ ייד אויפן ים״ ווימלט נישט אין דער זעלבער מאָס מיט גראַם־חידושים, מיט געראָטענע אַסאָנאַנסן און מיט וואָרט־נייקייטן ווי אין „פּאַביוס לינד״.

עס קען זיין, זאָג איך, הגם, אָט האָב איך נאָכאַמאָל אַ בלעטער געטאָן די לידער און עס איז מיר אַקעגנגעלאָפן אַזאַ פיינער געדאַנקלעכער אַסאָנאַנס ווי נוגש״ מיט „ברוגז״ אין דער פּאָעמע וועגן יעקב דן, ״דער לאָדזשער שוסטער״; אַזאַ אימאַזש ווי די ערד, וואָס פּלאַצט פונסניי „מיט אורן־צווילינג: ערשטער הבל, ערשטער קין״ אין דעם ליד „דער פּיינט״; אַזאַ צונויפפּאָרונג פון אַ אידילישן „געשפּאַן טויבן״ מיט אַן עקספּרעסיאָניסטישער מעטאַפאָר ווי „די בשורה פון ווייסע עקסטאַזן״ אין דער פּאָעמע „צו די מיידלעך מיט די צלמים״ און — די מיט גרויס פאָרם־מייסטערשאַפט אויסגעשמידטע „דריי סאָנעטן צו אברהם סוצקעווער״.

דער וויטער־שפּאַן אין ליד און אויך אין פאָרם, וואָס לעיעלעס האָט, ווי מיר דאַכט, דערגרייכט אין „אַ ייד אויפן ים״ באַשטייט דערין, וואָס זיין מייסטערשאַפט איז געוואָרן עמאָציאָנעל אָנגעוואַרעמטער. כ׳וויל דערמיט זאָגן, אַז לעיעלעס האָט אין דער הייסער לופט פון יידישן חורבן גענומען נוצן נישט בלויז געדאַנקלעך־פּאָעטישע, נאָר אויך עמאָציאָנעל־פּאָעטישע מכשירים און ער האָט היפּש פריי געמאַכט פאַר זיך אַ דירעקטן וועג צום געמיט פונעם יידישן לייענער.

(1948)

ב.

יזכור־געזאַנג

פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר איז זיך דער דיכטער לעיעלעס נוהג אָפּצושליסן יעדע דעקאַדע מיט אַ גרעסערן באַנד לידער. אין 1937 איז דערשינען לעיעלעסעס לידער־זאַמלונג „פאַביוס לינד", אין 1947 — זיין בוך לידער און פּאָעמעס אונטערן נאָמען „אַ ייד אויפן ים", און דעם פּאָעטישן סך־הכל פון די לעצטע צען יאָר פּרעזענטירט אונדז דער דיכטער אין 1957, אין זיין לידער־באַנד „ביים פוס פון באַרג".

בלויז אַן אויבנאויפיקער בלעטער איבער די דריי ביכער און — דער פּאָעטישער גרונט־מאָטיוו פון איעדן פון די דריי וואַרפט זיך, דאַכט מיר, ממש אין די אויגן.

דער פּאָעטישער הויפּט־מאָטיוו פון „פאַביוס לינד" איז דעם דיכטערס באַליידיקטער אידעאַל פון סאָציאַלער אויסלייזונג. אין די לידער פון „פאַביוס לינד" פאַררעגיסטרירט לעיעלעס זיינען זעאונגען וועגן דעם באַליידיקטן און באַעוולהטן אידעאַל פון סאָציאַליזם, און דערעיקרשט פאַרפירט ער אַן אינטענסיוון פּאָעטישן וויכוח מיט די נביאים און כוהנים פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס האָבן זייער אייגענע אידייע פאַראומרייניקט און פאַראומ־ווערדיקט.

אין דער לידער־זאַמלונג „אַ ייד אויפן ים" זאָגט זיך און ס'זינגט זיך כמעט אין יעדן ליד וועגן ייד אין קלעם פון דעם בלוטיקן היטלער־יאָר־צענדלינג. דער הויפּט־סוזשעט איז אין יענע לידער און פּאָעמעס דער פאַר־טריבענער ייד, דער וואָגלער איבער ימים, דער געמאָרדעטער, פאַרגאַזטער און פאַרברענטער ייד, מיט איין וואָרט — עס איז אַ בוך פון געקלאָג איבערן אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק.

דאָס ליד, וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס בוך מיט דעם סימבאָלישן נאָמען „ביים פוס פון באַרג", איז דאָס ליד פון עלעגיע איבער אייגענער גורל־געקריוודעטקייט, דאָס ליד פון איבערטראַכטענישן וועגן דרך העולם, דאָס ליד פון חשבונות מיט גאָט און מיט מיט־מענטש און צום טייל אויך פון חשבון־הנפש מיט זיך.

דאָס יחידישע, דאָס ליד, וואָס דריקט אויס דעם פּאָעטס אייגענע געליטנ־קייטן און עגמת־נפשן, האָט נאָר דעמאָלט אַ קינסטלערישע ווערדע, ווען עס האָט דעם כוח אונדז אַלעמען צו מאַכן פאַר שותפים, פאַר מיט־טענהער און מיטקלאָגער פונעם דיכטערס טענות און האַרץ־אַראָפּרעדענישן.

לעיעלעס אַליין פאָרמולירט אָט דעם קינסטלערישן ציל פון יחידישן ליד אַזוי —

„און מיין יחידישקייט ווערט אַ טלית
איבער די קעפּ פון אַ סך מתפללים.
מיין יחידישקייט — אַ פיל־זעליקע, פיל־מוליקע תפילה."

און צום נשמהדיקסטן און צום תּפילהדיקסטן שפּרייט זיך דער טלית פון לעיעלעסעס יחידישער גורל־טענה בלי־ספק אין די צוויי גרעסערע פּאָעמעס אין בוך „וואודפערן פאַרם" און „פון דרימל ביז דרימל", וואָס זיינען געקלאָג־פּאָעמעס אויפן טויט פון דעם דיכטערס פרוי פאַניע גלאַנץ.

און דאָ מוז איך אָנקומען צו אַ פּערזענלעכער נאָטע. איך פיל אַז שרייבן וועגן אָט די געקלאָג־לידער און נישט מוסיף זיין מיין „אייגן ליד" וועגן איר וואָלט פאַר מיר געווען שווער, וואָלט געווען אוממעגלעך.

מיט רעכט האָט גלאַנץ־לעיעלעס ווי אַ מאָטאָ צו די יזכור־געזאַנגען אוועקגעשטעלט דעם פּאָעטישן ציטאַט: „אַ ליד דערפון שרייב", וואָרים פאַניע גלאַנץ האָט פאַרמאָגט אין אַ גרויסער מאָס יענע, אין זיבן סודות־שלייערן געהילטע און פון אַלעמען דאָך אַזוי קלאָר געאָנטע, געטלעכע מתנה, וואָס הייסט פּערזענלעכקייט.

און גאָרנישט רעגט אַזוי אָן דאָס וואָרט פון דערמאָנונג און פון בענקשאַפט און סטימולירט צו זינגען וועגן זיך ווי דער דערשפּירטער סוד פון פּערזענלעכקייט. און אפשר דערפאַר, טראַכט איך, האָט טאַקע ־ער אַלטער געזאַנגמייסטער געטע געהאַלטן, אַז פּערזענלעכקייט איז דעם מענטשנס העכסטע גליק אין לעבן.

וועל איך, ווי געזאָגט, צוגעבן מיין „אייגן ליד" צום געזאַנג וועגן פאַניען. איך וועל פּרוּוון דערציילן ווי אַזוי איך האָב געזען פאַניען און האָב געשפּירט דעם צויבער פון איר פּערזענלעכקייט אין משך פון פולע פערצן יאָר, ד. ה. זינט מיין אָנקום קיין אַמעריקע אין פרילינג 1939 און ביז צו פאַניעס פּטירה אין פרי־זומער 1953.

אַ הויכע, אַ שטאַלטנע, אַ מאַיעסטעטישע מיט אַ געקרויזטן קאָפּ שוואַרצע האָר און מיט אויגן טונקעלע, וואָס אי זיי זיינען פול מיט אומ־רואיקער זוכעניש און אי זיי שטראַלן מיט אָן אַ שיעור רו און מנוחה — אַזוי זע איך פאַניען זיצן אין קרייז פון דער „אינזיך"־גרופּע, וואָס באַשטייט אַחוץ פון די גלאַנצעס פון נאָך דריי באַפריינדעטע משפּחות.

איך רוף די גרופּע מיטן נאָמען „אינזיך", פאַרשטייט זיך, בלויז בדרך הלצה. די צייט פון דעם פּאָעטישן „אינזיך", וואָס גלאַנץ־לעיעלעס איז געווען דער עלטסטער פון זיינע דריי גרינדער, איז שוין געווען פאַרביי.

אין די פערצן יאָר פון מיין פריינטשאַפט מיט די גלאַנצעס האָבן די פיר משפּחות געהאַט דאָס רעכט אויפן נאָמען „אינזיך‟, נישט מחמת בשותּפותער ליטעראַרישער אידעאָלאָגיע, נאָר צוליב דער „אינזיכיקער‟, היפּש עקסלוסיווער פריינטשאַפט צווישן זיך.

אַחוץ די אַפּאַטאַשוס, די לייוויקס און מיין אייגענער משפּחה קאָן איך ממש אויף די פינגער פון איין האַנט (און איין אָדער צוויי פינגער וועלן בלייבן נישט פאַרנומען) אויסרעכענען די מענטשן, וואָס זיינען פון צייט צו צייט צוגעשטאַנען צו דעם „אינזיך‟ ביי די גלאַנצעס אין שטוב. דער אָפּסטטער צושטייער צו דער חברותא, גרייט צו דערציילן דיזעלבע און אַ צווייטע — דיזעלבע זעלבסט־איראָנישע און גראָטעסקע מעשה, איז געווען י. י. טרונק. עס פלעגן אויך אַריינקומען דער לערער נאָוואַק מיט זיין פרוי און אַמאָל אויך די באַריישאַס און די אויערבאַכס.

די עקסקלוזיוויסטע „אינזיכיסטקע‟ אין פּרט פון דעם פריינדשאַפט־קרייז איז זיכער געווען פאַניע. זי האָט זיך, דאַכט מיר, צום וויניקסטן געגייטיקט אין נייע פּנימער, און זי איז צום וויניקסטן מיד געוואָרן אויסצוגעפינען אַלץ נייעס אין די פּנימער, אין די קולות און אין די רייד פון דעמזעלבן ענגן קרייז פון פריינט. אויב דער עצם פון פערזענלעכקייט איז אַנטפּלעקונג אין דער טיף אַנשטאָט שפּאַציר איבער דער ברייט, האָט אָט דער עצם אַרויסגעשיינט פון פאַניעס פריינטשאַפט.

און נישט בלויז אירע פריינטשאַפט־סענטימענטן זיינען געווען, אַזוי צו זאָגן, מיט די פליגל אַריין, נאָר אויך אירע רייד. פאַניען האָט מען גיכער געקאָנט פאַררעכענען צווישן די שווייגערס איידער צווישן די באַרעדעוודיקע. און אַפילו ווען זי האָט גערעדט, און גערעדט לויט איר שטייגער, גיך און אין אַ טאָן פון פּאָלעמיק, האָט זי אין תּוך געשוויגן. עפּעס האָט זיך געפילט אַז אין דער אמתן הויערט טאַקע ווייטער אין פאַניען די שטילקייט און פאַרשוויגנקייט פון טראַכטעניש און וואָרט, און אַז בלויז עטלעכע געציילטע רייד האָבן זיך אָפּגעריסן פון דעם סאַמע שפּיץ שווייגעניש און פלאַטערן אַרום אין רוים און איילן זיך וואָס גיכער אומצוקערן אין דער שטילקייט אַריין:

„עניוות, שוואַכקייט איז די גאַנצע פּאָזע
און דאָך אַ קראַפט אַ שטאַרקע, אומגעהייער‟ —

אַזוי זינגט לעיעלעס וועגן פאַניען אין דער פּאָעמע „פון דרימל צו דרימל‟.

און מיין דערמאָנונג וועגן פאַניען ביי יענע וויכוחים אין דער מסיבה

פון פריינט באַשטעטיקט פול און גאַנץ די כאַראַקטעריזירונג ווי זי קומט צום אויסדרוק אין לעיעלעסעס פערזן.

עס האָט פון פּאַניעס רייד געווייעט מיט עפּעס אַן אין זיך פאַרגראַבענע עניוות און מיט מאַיעסטעטישן שטאָלץ און דעפיניטיווקייט. צאַרט זיינען זיי געווען פּאַניעס ווערטער און צו דערזעלבער צייט האָבן זיי פאַרמאָגט אין זיך אַ פּאָטענציעלע און אַמאָל אויך ממשותדיקע שטאַרקייט פון אַ קריגער, וואָס איז זיך גרייט איינצושטעלן און אויסצוקעמפן מיט די בלויזע באַקעטע הענט דאָס פאַרבויגענע רעכט.

און וואָס איז דאָס פאַרבויגענע רעכט? אַוודאי האָט מען ביי די מסיבות דורכגעווינטעוועט און דורכגעשטורעמט כלערליי געזעלשאַפטלעכע „איזמען" און ליטעראַרישע פּראָבלעמען. מען איז זיך פּאַנאַנדערגעגאַנגען אין דער דיסקוסיע און אויך היפּש צונויפגעקומען. ווען איך טראַכט היינט וועגן יענע אָפט שטורעמדיקע און טומלדיקע שמועסן דאַכט מיר, אַז יעדער פון די שמועסער האָט זיך געהאַט זיין תמצית פון געמיט, וואָס האָט אַפּירגעשיינט פון הינטער די רייד און פאָרמולעס. אפשר וועט נאָך אַמאָל אויסקומען זיך אומצוקערן צו יענע שמועסן און צו דערציילן וועגן זיי. עס איז אין זיי זיכער פאַראַן עפּעס אַזוינס וואָס קאָן פאַראינטערעסירן די יידיש-לייענער פון אונדזער דור.

אָבער איצט איז מיין דערמאָנונג קאָנצענטרירט בלויז אויף פּאַניען און פון הינטער אירע צאַרט-אומגעדולדיקע רייד שיינט פאַר מיר אַרויס איר אידעאַלע וויזיע, די זעאונג פון אַ וועלט וואו דער מענטש ווערט נישט נאָר נישט געפייניקט, נאָר איז אויך שטענדיק און אַלעמאָל אָן פּיין, ווייל קיינער טאָר דעם מענטשן נישט ווי טאָן, נישט דער מענטש און נישט גאָט, כדי ער זאָל קאָנען לעבן אין חשיבות.

פּיין און פּייניקונג זיינען אַ באַליידיקונג פאַרן מענטש. און קעגן אָט דער באַליידיקונג איז מחויב יעדער מענטש אויפצושטיין, אויב ער וויל נישט בידים פאַראומווערדיקן זיין אייגענע מענטשלעכע חשיבות —

„ס'איז נישט געווען דאָס מאָל דאָס איינציק ערשטע
וואָס קינד-געוויין האָט זי אַזוי פאַרביטערט.
אָפט אויף דער גאַס האָט זי, די שטרענג באַהערשטע,
אַקעגן פרעמדע זיך צעשטורעמט און געוויטערט,
הלמאי אַ מאַמע, צי אַ פאָטער זויער
האָט וואָילגיין זיך געלאָזן מיט דעם ריטל."

גאָר נישט כאַראַקטעריזירט אַזוי שיין און פּינקטלעך פּאַניען ווי אָט די שורות פון גלאַנץ-לעיעלעסן אין זיין עלעגיע. אַ מענטש הויבט די האַנט

אויף אַ מענטש און זאָל עס זיין דער אייגענער פאָטער אויף אַ קינד — וואָס פאַראַ שרעקלעכע פּאַראַמווערדיקונג פונעם מענטשנס מאַיעסטעט? אין כמעט אַט די ווערטער האָב איך עס פון פאַניען נישט איינמאָל אַליין געהערט, און איר אַריסטאָקראַטישע געשטאַלט און איר מאַיעסטעטישער גאַנג האָבן מיר אויסגעוויזן צו זיין אירע שטאַרקסטע און איבערצייגנ־דיקסטע אַרגומענטן, אַז אַט די אומווערדע טאָר מען נישט דולדען און בפרט טאָר מען זי נישט דולדען, אויב מען מיינט ערנסט מיט די אידעאַלן פון מענטשלעכער באַפרייאונג און פון גייסטיקער שעפערישקייט.

און ווען איך לייען אַפּאַטאַשוס איידעלע דערציילונג וועגן די לעצטע טעג פון דער טויט־קראַנקער פאַניע און לייען לייוויקס דערמאָנונג וועגן דער געזונטער פּריש־יונגער פאַניע, (אי די דערציילונג און אי די דערמאָנונג זיינען קודם דערשינען אינאיינעם מיט לעיעלעסעס צווי פּאָעמעס אין אַ באַזונדערן יזכור־ספרל אין 1954) וואָס ער האָט זי דורך די גראַטעס פון זיין צעל געזען שפּאַצירן אויפן מינסקער תפיסה־הויף, קומט מיר אויס, אַז אויך זיי זיינען אין דער ערשטער ריי נתפעל געוואָרן פון פאַניעס שטאַרקסטן אַרגומענט פאַרן אידעאַל פון מענטשלעכקייט און צער־לאַזיקייט — פאַניעס אייגענע מענטשלעך־ווערדיגע און שטאָלצע פּערזענלעכקייט.

זי האָט איר שיינע מענטשלעכע ווערדע שוין פאַרמאָגט דעמאָלט ווען לייוויק האָט זי געזען אויפן מינסקער טורמע־הויף, און זי האָט די דאָזיקע ווערדע אָנגעהאַלטן מיט די סאַמע לעצטע כוחות אין די שווערע, האַלב באַוואוסטלאָזע טעג און וואָכן אויפן טויטן־בעט, וואָס אַפּאַטאַשו ז״ל מאָלט פאַר אונדז אין זיין דינער פּסיכאָגראַפישער דערציילונג.

און ווייל שוין דער געדאַנק פון פיזישן פּיין איז אַ באַליידיקונג פאַר דער מענטשלעכער ווערדע, איז פאַניע „קיינמאָל נישט קראַנק געווען״. וואָרים זאָל זי אַליין אָנערקענען די מינערונג פון איר חשיבות?

און טאַקע דערפאַר נעמען אונדז אַזוי דורך די שורות פון לעיעלעסעס עלעגיע, וואָס דערציילן אַז:

...דווקא איר האָט קרום דער גורל
פאַרגרייט אַ שטאַרבן, ווי אַ בייז לצנות —
דער טויט האָט טריטלעכוויז, דורך שמאָלסטן טויערל,
געשלעפּט צו זיך אָן איינזען, אָן רחמנות.
גראָד זי, וואָס האָט געהילט אין זיבן שאָלן
איר מינדסטן מוס, איז ווילד געווען פאַרמשפּט
צו זען איר אַלע וואונדן זיך צעפּראָלן
אויף אומפאַרשעמטן, חוזקדיקן טיש־בעט.

אָבער די דראַמאַטישסטע שטעלע אין לעיעלעסעס עלעגישע פּאָעמעס, וואָס זיינען געשריבן מיט ווירטואָזער קראַפט פון ווערסיפיצירונג און מיט געצוימטקייט פון געפיל (גאַרניט איז דאַכט זיך שווערער און מער דערגרייכונג אויף דעם געביט פון קינסטלערישער פורעמונג, ווי געצוימט־קייט אין דעם ליד פון געקלאָג, וואָס איז בעצם דער היפוך דערפון) איז בלי ספק דאָס קאַפּיטל „שמעיה קאָן נישט גיין".

אויף דער קאַנווע פון אַ רוזשינער מעשה, וואָס פאַניע האָט אים אַמאָל דערציילט וועגן דעם שטעטלשן גיבור שמעיה, וואָס:

...האָט אין שטעטל פון דעם רבין,
געשמט פאַר גבר און העלד — אַן אַלעקסאַנדער.
מ׳האָט אין זיין כעס פאַרמיידט צו זיין דערנעבן.

און דערנאָך:

דער קראַנקער שמייכל האָט געמאַכט אים געלער
און יעדע רגע איז געווען אַ שעה אים.
ער האָט געפּרואווט — אַ שערבל פון אַ טעלער —
זיך אויפצושטעלן בראַוו, מיט אַקסלען גראַדע,

גיט אונדז לעיעלעס איבער דעם מאָמענט פון יענעם נאָוועמבער־אָוונט מיט „ערב ווינטער־קילקייט" ווען פאַניע האָט צום לעצטן מאָל געפּרואווט זיך אָנטאָן און אַרויסגיין אין דרויסן און איז באַלד צוריקגעקומען, און אַ „שמייכל בייגט די ליפּן אירע" — ניין, „שמעיה קאָן ניט גיין. עס קאָן נישט שמעיה..."

און פון דעמאָלט אָן, פון יענעם נאָוועמבער־אָוונט אָן —
אַ לאַנגע טשאַטע נעכט האָט בייז געלויערט,
און וואָס די אַנגסט האָט שוין געוואוסט אויף זיכער,
האָט ביזן מיטן יונגן מאַי געדויערט.

נישט בלויז זיינען אָט די דריי סוף־שורות פּאָעטיש־קרעפּטיקע און עלעגיש־ראַפינירטע משקה, נאָר דאָס גאַנצע קאַפּיטל, וואָס האָט אויפן פּאָן פון אַ שטעטלישער דערמאָנונג ענג באַהעפט אַזויפיל עלעגישע עלע־מענטן: צער, פּראָטעסט, ביטערניש און גראָטעסקן שמייכל, איז, לויט מיין איבערלעבעניש, אַ וויכטיקער פּאָעטישער אויפטו.

פאַראַן אין לעיעלעסעס בוך „ביים פוס פון באַרג" אַ ליד אונטער דעמזעלביקן נאָמען. שטעלט דאָרט דער דיכטער אַוועק דעם ערשטן יידישן

געזעצגעבער, דעם באַשאַפער פון יידישער פאָלקישקייט, איינקנעלן רחמנות מיט דעם צאָרנדיקן דונער־גאָט פון באַרג סיני. עס טענהט בן־עמרם —

„דאָס מענטשלעכסטע פאָלק, נאָר צו בעסערקייט ווילי,
עס קלעמט מיר דאָס האַרץ ווען איך טראַכט נאָר דערפון.
אַ זינדער — אויך איך, און זיין לייבלעכער זון.
אויב אומברענגען — הרגע אויך מיך דאָ, פּאַרטיליק."

איך האָב געבראַכט דעם ציטאַט נישט בלויז דערפאַר, וואָס דאָס ליד איז פאַר לעיעלעסן אַזוי אידייאיש עיקרדיק, אַז ער האָט דאָס גאַנצע בוך זיינס אָנגערופן אויפן נאָמען פון אָט דעם ליד, נאָר ווייל מיר דאַכט, אַז די פּאָעטישע אַטמאָספער פון משהס טענה צו גאָט אויפן באַרג און יעהאָוואָס ענטפער מיט —

„אַ קול, אי גענעדיק, אי מילד:
אַז וואויל דיר, בן־עמרם, דו לערנסט מיך רחמנות..."

— די אַטמאָספער, זאָג איך, פון „ביים פוס פון באַרג", די טעמפּעראַטור און דער דיכטערישער היתוך הדיבור פון דעם דאָזיקן בן־עמרם־דיאַלאָג מיט גאָט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קינסטלערישער שפּראַך־און־פערז סואווערעניטעט און פאַר דער באַוואוסטזיניקער ליריש־עמאָציאָנעלער איינגעהאַלטנקייט, וואָס באַהערשט כמעט אַלע לעיעלעסעס לידער. כמעט אַלע — אַחוץ, פאַרשטייט זיך, די פּאָעמע „פון דרימל צו דרימל", וואו דער צאָרנדיקער באַרג־סיני־גאָט איז צוגעקומען צו־נאָענט מיט זיין רוט צום דיכטערס פערזענלעכן גורל.

עס איז פאַראַן אין לעיעלעסעס לידער עפּעס אַ צערעמאָניאַלע ווערדע פון פערז, עפּעס אַ זיכערער שטאָלץ אין גאַנג פון די שורות און פון די סטראָפעס. דער צערעמאָניאַל קומט אויך צום אויסדרוק אין לעיעלעסעס געניטשאַפט פון כלערליי קאָמפּליצירטע פּאָעטישע פאָרמען, וואָס קיין שום אַנדערער יידיש־דיכטער, אַחוץ אים, האָט זיך צו זיי נישט צוגערירט.

די פּעלערלאָזיקייט פון פאָרם, די פאָרם־שלימות איז אַ מין נאָבלעס אַבליזש צו אַן איינגעהאַלטנקייט פון טאָן און וואָרט, וואָס קאָן צומאָל מאַכן דעם איינדרוק פון קאַלטקייט און פון יענער געפילס־מיושבדיקייט, וואָס לייגט אַרויף דעם חותם פון שטאָלץ און זעלבסט־זיכערקייט אַפילו אויף די רייד פון הכנעה און געבראָכנקייט.

בן־עמרמס רחמנות־מאָנונג און טענה צו גאָט פון „ביים פוס פון באַרג" איז אַן אויסגעגליכענע אין געפיל און אַן אָפּגעקילטע אין איר טעמפּעראַטור.

דער דיאַלאָג איז אַ צו־וויַיטער אין נשמהדיקן שטח, אַז עס זאָל פון אים אַרויסשפּראָצן דראַמע און הייסער גורל־קאָנפליקט.

די דראַמע און דער ציטער פון נאָענטער גורל־געקריוודעטקייט, דער לירישער אויפבּרויז פון „ואתחנן" און דער עלעגישער כליפ פון „איכה" קומען אונדז אַנטקעגן אין לעיעלעסעס פּאָעמעס וועגן דער קראַנקער פּרוי.

איך ווייס נישט, צו דאָס העברעאישע וואָרט חרוזים איז אַזוי איינגע־גלידערט אין יידיש לשון, אַז מען זאָל עס מעגן נוצן, פון פּראָזע איז אָפּגערעדט, נאָר אַפילו אין אַ ליד, וואו די „ליצענציאַ", כ'מיין, די שרייַ־בערישע פריַיהייט איז בריַיטער ווי אין אַלע אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנערן. אָבער ווען לעיעלעס באַצייכנט איינס פון די קאַפּיטלען אין דער פּאָעמע „פון דרימל ביז דרימל" מיטן נאָמען „בעסטע חרוזים" און פאָרמולירט דעם לעצטן פון אַלע טרויערן פון דעם מענטשנס לעבן אין אַזעלכע שורות, ווי —

„אין לעצטער, סאַמע לעצטער מעלאַנכאָליע\
ווערט מענטש מיט ערד פאַרקנסט,\
ווי בעסטע חרוזים — "

פילט מען אַז חרוזים האָט אין שייכות מיט אָט־דער פּאָעטישער פאָרמו־לירונג אָן אַן ערך מער צו זאָגן, ווי די היימיש־יידישע ווערטער פערזן און גראַמען. וואָרים די אַסאָציאַציעס און די קאָנאָטאַציעס, וואָס זיינען אין משך פון דורות אָנגעוואַקסן אויף חרוזים, גיבן דעם וואָרט די מעגלעכקייט צונויפצופירן דעם סוף פון לעבן און די תחית־המתים אין דער קונסט אויף דער שאַרף פון אַ פּאַסיקן אויסדרוק, וואָס ברענגט אַרויס דאָס סאַמע פּאַסיקסטע בילד.

און אַזאַ מין וואָרט־בילד איבערציַיגט אונדז מער ווי דער געדאַנקלעכער אויספיר, אַז אין תוך איז לעיעלעס גערעכט, ווען ער זאָגט, אין זיין הקדמה צום בוך, אַז עס זיינען נישטאָ פאַראַן קיין אַבסטראַקטע לידער ווייל (איך וואָלט געזאָגט: אויב) יעדעס וואָרט האָט אַסאָציאַציעס און סוגעסטיעס, וואָס גיבן אָנצוהערענישן אויף נישט אַרויסגעזאָגטע זאַכן.

איך זאָג: אויב, וואָרים אַזעלכע סאַמאָראָדנע און, דאַכט זיך, פּאַרביקע יידישע ווערטער, ווי, למשל, אור און פאַרוואָר פאַרלירן אָפּט, אונטערוועגס צו דער שורה, אָדער אין קאָנטעקסט פון דער שורה, זייער פאַרב און זייער טיפן מיין, בעת אַזאַ וואָרט, לאָמיר זאָגן, ווי חרוזים, קומט אָנגעלאָדן מיט פולע לאָגלען פּאָעטישע נישט־דערזאָגטקייטן און געדאַנקלעכע אָנזאָגענישן.

אַ מוסטער פון אַזעלכע פּאַסיקע וואָרט־בילדער מיט וויַיטע און נאָענטע אַסאָציאַציעס איז דאָס ליד „וואָס טויג עס", וואָס מאַכט אַ גראָטעסקן

סך־הכל פון דעם מענטשנס כוח און געדויער אויף דער וועלט מיט דער געשטאַלט פון אַ צווייטן, וואָס לאַכט אין אונדז און —

„דערנאָך קריכט ער פון מיר אַרויס —
אַ בייגדליקע גרויע כמאַרע.
ער ציט זיין פעטליע־קעפל אויס,
פאַרוואָרפט עס אויף מיין האַלדז, איך פרעג געפּלעפּט: מה זאת?
און ער לאַכט שטילינק: כעפּרא־דארעא.“

אין אַזעלכע לידער אין בוך האָט לעיעלעס דערגרייכט עפּעס אַזוינס וואָס איז פון די וויכטיקע דערגרייכונגען פון פּאָעטישן וואָרט; אַ דער־גרייכונג, וואָס קאָן שיין און זינפול דעפינירט ווערן טאַקע מיט לעיעלעסעס צוויי סוף־שורות פון זיין פּאָעמע „אין וואַשינגטאָן סקווער“ —

„און אַלץ איז קלאָר, ווי פעלד אינמיטן זומער,
און אַלץ איז סוד, ווי דעמערונג אינמיטן וואַלד.“

1957

אפרים אויערבאַך

א.

יעקבס געצעלטן

עס איז נישט קיין חידוש וואָס דער „שפוך חמתך“, וואָס מיר שטעלן זיך אַוועק אין מיטן דער הגדה אַרויסשרייען צו דער וועלט (דאָס עפענען די טיר דאַרף, דוכט זיך, סימבאָליזירן דעם „אורבי עט אָרבי“ פון אונדזער געשריי), איז געוואָרן אַ לייטמאָטיוו פון אונדזער יידיש־דיכטונג. וואָרים עס וואָלט דאָך געווען ממש אומנאַטירלעך ווען מיר זאָלן בלויז טראָגן דעם עול פון צרות און דעם עול פון גויים און אונדזערע פּאָעטן זאָלן נישט אַ קללה טאָן אין זייער געזאַנג. אונטערן רושם פון די היטלער־גזירות, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, אויף וויפיל מיר האָבן זיי איבערגעלעבט, האָט זיך, פאַרשטייט זיך, דער „שפוך חמתך“ צעצונדן מיט נייע און פעטע פלאַמען אין אונדזער קינסטלערישער ליטעראַטור.

יעדער פּאָעט האָט אין זיין געמיט אַריינגענומען אַ פּסוק פון יענעם פּאָעטישן ליד אונדזערן. איינער לייגט דעם טראָפּ אויף „שפוך עליהם זעמך" און „חרון אפּך ישיגם", דער אַנדערער שטרייכט אונטער דעם „אשר לא ידעוך" און דעם „בשמך לא קראו".

עס זיינען פון די דאָזיקע פּסוקים אין יידיש־פּאָעטישן געמיט אַרויסגע־קומען גוטע און שלעכטע לידער. די שלעכטע זיינען געווען שלעכט, ווייל אומאייגן. וואָרים טאָקע מאַידאַנעק, טאָקע טרעבלינקע און טאָקע אָשוויענ־צים — אין אונדזערע אויגן פלאַמט צאָרן און אויף אונדזערע ליפּן ברענט אַ קללה. אַזאַ רעאַקציע איז פאַרשטענדלעך און איז עכט. אָבער פאַרן פּאָעט איז דאָס נישט גענוג. דער סאַמע עיקר פון פּאָעזיע איז דער כוח צו קענען אויסהאָרכן דאָס אייגענע געמיט, צו וויסן וואָס עס איז אין דעם געמיט אור־אייגנס, אורקעמערדיקס און וואָס עס איז דאָרט דרויסנדיקע, פלאַכע אָדער אַפילו טיפע, אָבער אַלץ אומאייגענע שטימונג. דער פּאָעט מוז האָבן אויף אַזויפיל קאָנטראָל איבער זיין עמאָציע צו וויסן ווי אַזוי עס ענטפערט אויף מאַידאַנעק זיין אור־אייגענער מוזיקאַלישער נשמה־אינסטרומענט. עס קען געמאָלט זיין, אַז אין זיין מוזיק פון צער איבער דער יידישער קאַטאַסטראָפע וועבט זיך גאָר נישט אַריין קיין „שפוך חמתך". פאַר אים, קען זיין, דריקט גאָר אַזאַ קללה און אַזאַ פּאַטאָס־שטימונג נישט אויס זיין אמתן צער און צאָרן.

איך גלויב, אַז יענער באַרימטער קריטיקער וואָס האָט געזאָגט, אַז „די זאַכן זיינען שוין אויפן סאַמע אויבערפלאַך טיף" איז טאָקע גערעכט, נאָר מיט איין באַוואָרעניש, דהיינו, אַז די זאַכן זיינען צומאָל אַפילו אין דער סאַמע טיף אויבנאויפיק. עס ווענדט זיך פּשוט אין איין קליינעם אדיעקטיוו צו די „זאַכן". די זאַכן מוזן, קודם כל, זיין אייגענע. איז דער אויבנאויפיקער „שפוך חמתך" אייגן, כ'מיין, אַרויסגעוואַקסן פונעם אייגענעם פּאָעטישן גע־מיט, איז ער אין זיין אויבנאויפיקייט שוין טיף. איז ער אָבער בלויז אַ דרויסנדיקער, ד"ה, דער כעס פון אַ נישט־כעסדיקן געמיט, איז ווי טיף די אידייע פון קללה און די שטימונג פון צאָרן זאָל נישט זיין, איז דער „שפוך חמתך" נאָך אין זיין סאַמע טיפקייט אויבנאויפיק, ווייל נישט אייגן און נישט פּאָעטיש.

אפרים אויערבאַך האָט געהאַט דעם כוח איינצוהערן זיך אין זיך און זיך ביט מבלבל צו זיין מיט עפּעס וואָס איז בלויז ווי אונדזערס זיינס, אָבער נישט ווי אייגנס — זיינס. אַנדערע פּאָעטן האָבן פון „שפוך חמתך" אויפ־געכאַפּט אַזעלכע פּסוקים ווי „שפוך חמתך", „חרון אפּך ישיגם" און „תרדוף באף". אויערבאַך האָט צווישן יענע מעכטיק־פּאַטעטישע פּסוקים פונעם הגדה־ליד געפונען אויך זיין אייגענעם פּסוק. עס איז דאָס דער איינציק ווייך־לירישער און עלעגישער צווישן די פּאַטעטישע דעמבעס דאָרט. ער הייסט

„כי אכל את יעקב ואת נוהו השמו״ (ווארים זיי האָבן פאַרניכטעט יעקבן און האָבן וויסט געמאַכט זיינע געצעלטן).

אין זיין לידער־בוך „יעקבס געצעלטן״ האָט אויערבאַך, אין איינקלאַנג מיט זיך און מיט זיינע פּאָעטישע אוראייגנקייטן, זיך נישט אוועקגעשטעלט אויפן הר עיבל צו דונערן אַ קללה אויף די גוים, אַפילו נישט אויף יענעם „פאָלק מיט אַ פאַרשייטן פנים וואָס וועט ניט שוינען דאָס פנים פון אַ זקן און אַ יינגן וועט עס ניט לייטזעליקן״ (גוי עז פנים אשר לא ישא פנים לזקן ונער לא יחון), וואָס וועגן אים האָט אונדז די „תוכחה״ אָנגעזאָגט אַזאַ פינצ־טערע נבואה, וואָס איז אַזוי שרעקלעך מקוים געוואָרן.

אויערבאַך איז געבליבן שטיין ווי זיין פּאָעטישער גורל האָט אים באַ־שערט און אָנגעדייט מיט אַ ברכה פאַרן פאָלק ישראל, פאַר זיינע חרובע לעבנס און פאַר זיינע וויסט־געוואָרענע געצעלטן.

האָסט — קלאָגט ער פון באַרג גריזים צום האַר פון באַשאַף: —

„האָסט פאַרוויסט אי די פרייד, אי דעם טרויער
„האָסט מיין היים אויפן ווינט צעהורבעט
„כ׳וועל זי צוריק אין וואָרט אויפבויען
„מיט געוויין אויף די יידישע חורבות.

אויערבאַכס „יעקבס געצעלטן״ איז אַ בוך פון ברכה פאַר יעקבן אָנ־שטאָט פון קללה פאַר עשון. און איר געדענקט מסתמא ווי קורץ און צמצומ־דיק עס איז די ברכה וואָס איז געזאָגט געוואָרן פונעם באַרג גריזים און ווי היפּשלעך לאַנג און באַרעדעוודיק עס איז די תוכחה פונעם אָקעגנאַיבערדיקן באַרג עיבל. קללות האָבן בטבע אַ לאַנגן אָטעם. ברכה איז קורץ, יעדעס וואָרט איז אָנגעלאָדן און שטיקט ממש אין האַלדז מיט אַ שפע פון נישט דער־זאָגטקייטן, וואָס מען דאַרף זיי נישט זאָגן, ווייל ס׳פאַרשטייט זיך דאָך אַליין. „גוט״ איז אַזאַ סינטעטיש וואָרט וואָס שעפּט, דוכט זיך, אויס דאָס גוטע. אָבער שלעכט, שלעכט דאַרף מען ערשט פאַרטייטשן מיט ל״ב פירושים.

די בעסטע לידער ביי אויערבאַכן, דעם בעל־ברכה, זיינען טאַקע די קורצע. זיי זאָגן, זיי וויינען, זיי וואונטשן און זיי בעטן, און אַזויפיל נישט דערזאָגטקייטן און אַזויפיל נישט דערוויינטע טרערן איז פאַראַן אין זיי. אָט די דאָזיקע קורצע לידער פאַרמאָגן צום גרעסטן טייל פּאָעטישע באַהערשונג, שפּראַך־דיסציפּלין און פאַרענדיקטע פאָרעם.

ווער ס׳קען אויערבאַכס היים, בעסאַראַביע מיט איר יידישקייט און מיט איר פּשטות וואָס איז אַזוי פּשוט, אַזוי חי וקימדיק, אַזוי גלייך־ווירעדיק ביז צום האָריזאָנט, אַז — זי פאַרקלעמט אַזש ביים האַרץ מיט איר מיסטישער אומפאַרשטענדלעכקייט, דער וועט פאַרשטיין ווי געראָטן עס איז צו גראַמען

זוהר מיט פויער. ער איז גערעכט, מרדכי טאַלייסניק:

„דער בן־מלך האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פויער
„פון ערד אָבער, סטינע און שעפּסענעם פעלכל
„דאָס מלכות זיינס שיינט ווי דאָס ליכט פונעם זוהר.

אין קיין שום אַנדערן יידישן ישוב אין אייראָפּע אַחוץ אפשר אין דער פרומער סובקאַרפּאַטישער רוסלאַנד, איז דער ייד ניט געווען אַזוי פויעריש געבונדן צו ערד ווי אין בעסאַראַביע. דערפון נעמט זיך אפשר וואָס ביי בע־סאַראַבישע פּאָעטן איז פאַראַן אַזאַ קאָנקרעטער און גופיקער אימאַזש, אַזאַ פויעריש־פשוטער און דערביי אַזאַ זוהרדיקער —

„ס׳איז דער טאָג מוטנע, ערשט דער אָנהייב אדר
„אויף די טאַפּליעס זיינען אָנגעוואָקסן בלאָטערס
„אויפן היי ליגט נאָך די קו צעניפּגעקנאָדערט,
„מיט אַ שטעכיקער פעל גייט אַרום נאָך דער קאָטער.״

וויפיל בעל־החיימדיקער צער געמישט מיט געוואַי פון מאַרצאָווע ווינטן איז פאַראַן אין דעם אַסאָנאַנס אַדר און קאָטער?! ס׳איז פאַראַן עכטע באַ־סאַראַביש־לאַנדשאַפטלעכע מוזיק אין דעם דאָזיקן אַסאָנאַנס.

און ווי שיין, קאָנקרעט און טרעפלעך האָט אויערבאַך געשטאַלטיקט די באַהעפטונג פונעם זוניקן דרויסן מיט דעם יידיש שטוביקן אומעט, אין די פערזן:

„ס׳האָט אין זונשטויב זיך אָנגעטאָן דער אומעט
„און גייט איבער דער שטוב אַרום מיט אַ קלומעק.

עס איז אין אויערבאַכס „יעקבס געצעלטן״ פאַראַן געשליפנקייט פון פאַרעם, הגם דאָ און דאָרט געמינערט פון אַביסל מאַניערירטקייט, און עס איז דאָרט דאָ פרישקייט פון גראַם און מייסטערשאַפט פון שפּראַך. ווען מען רעדט פון מייסטערשאַפט מיינט מען געוויינטלעך די שלמות פון אַרכיטעקטאָ־ניק. ווען איך דערמאָן אויערבאַכס מייסטערשאַפט האָב איך קודם כל איני־זינען אַז אויערבאַכן איז געלונגען זיך צו דערגרונטעווען צו דער טיפעניש פון געמיט אין זיינע ווערטער. ס׳איז אין דער פאַלקסטימלעכקייט און פשוט־קייט פון זיינע קאָנקרעטע רייד נישטאָ מער קיין בוסר און אוודאי נישט קיין נאָך נישט פאַנאַנדערגעבליטע געמיט־פּירות.

1945

ב.

די ווייסע שטאָט

ויצא — אַרויסגעגאַנגען איז אפרים אויערבאַכס ליד פון

„די יידן, וואָס האָבן דעם וואַלעך
„'געזאָגט' ווי גמרא אַ דף."

און דערגאַנגען איז עס צו אַזעלכע שורות פון געלייטערטן געזאַנג ווי —

„דאָס פאַרנאַכטיקע זילבער איז קיל,
„ווי צו נעילה אַ פרומע עטרה,
„ס'גייט אַרונטער די זון אין אַ שפּיל
„פון צעפּעדעמטע ניגונדלעך קלאָרע."

די ערשטע צוויי פערזן זיינען גענומען פון אויערבאַכס לידער־בוך „יעקבס געצעלטן" (ניו־יאָרק 1945) און די אַנדערע פיר פון די „לידער פון שקיעה", וואָס דער דיכטער האָט אין 1950 אָפּגעדרוקט אין גרשון פּאַ־מעראַנצעס טאָראָנטער צייטשריפט „טינט און פעדער".

מיט די „מראה מקומות" בין איך אויסן אונטערצושטרייכן, אַז איך פּאַרצייכן דאָ נישט אויערבאַכס דיכטערישן גאַנג פון סאַמע בראשית אָן, נאָר בלויז דעם וועג, וואָס ליגט צווישן זיין שעפערישער סטאַנציע פון „ערשט נעכטן" און זיינע פּאָעטישע דערגרייכונגען פון היינט.

על פּי צייט, על פּי דער צאָל פון יאָרן איז אָט דער וועג קורץ און פון די סאַמע קורצסטע, אָבער מעסט מען אים מיט דער מאָס פון שעפּע־רישער אינטענסיוקייט און מיט דער מאָס פון די דיכטערישע דערגריי־כונגען איז ער בלי ספק דער ווייטסטער, דער געדויערדיקסטער און דער וויכטיקסטער פון די וועגן, וואָס אפרים אויערבאַך האָט פּאָעטיש דורכ־געשפּאַנט.

עס איז דער אויפשטייג פון רייפקייט צו — סוד־הבלדיקייט.

אין זיינע לידער־ביכער „לויטער איז דער אַלטער קוואַל" (1940) און אַ פּשיטא אין „יעקבס געצעלטן" פון מיט פינף יאָר שפּעטער, וואָס אין ביידע פון זיי זיינען דער עיקר־מאָטיוו די „יידן, וואָס האָבן דעם וואַלעך 'געזאָגט' ווי גמרא אַ דף", איז אפרים אויערבאַך שוין געווען אַ רייפער פּאָעט אין לויט זיין געמיט־צושטאַנד און אין לויט זיינע שפּראַכלעך־דיכטערישע אויסדרוק־מעגלעכקייטן.

ער איז געווען רייף אין זינען, וואָס אַלץ אין זיין דיכטונג איז געווען אייגן, אַלץ (איבערלעבונג, אימאַזש און אויסדרוק) איז געווען אור־אייגן,

געשעפּט פון זיך ארויס, פון פּערזענלעכער און ירושהדיקער זעאונג. עס איז אויך אין יענע לידער פון „אַלטן קוואַל״ און פון „יעקבס געצעלטן״, סיי וואָס שייך פּאָעטישער אינספּיראַציע און סיי וואָס איז נוגע קינסטלערישע רעאַ־ליזירונגס־מיטלען נישט געווען עפּעס, וואָס זאָל זיין אַנגעווייעט פון דער נאָענטער אָדער ווייטער פרעמד, און ממילא איז אין אויערבאַכס לידער נישט געווען קיין בוסר.

רייפקייט אין שעפערישן זינען מיינט פאַר אַלעמען זיצן ביים אייגענעם טיש פון דיכטונג און דאַכטונג, מיינט זיין ביי זיך אַליין אויף אייגענע, אָרעמע צי רייכע, קעסט פון גאָט־איבערלעבעניש און פון מענטשלעכן אויסדרוק.

קונסט און מאָראַל קומען זיך צונויף אין זייער העכער אָנערקענונג פאַר דעם ווערט פון דעם מענטשנס אייגנקייט. פאַר דער קונסט איז אייגנקייט שעפערישע דערגרייכונג; פאַר דער מאָראַל איז די אומאייגנקייט — אַ זינד.

פאַר דער מאָראַלישער זינד פון אומאייגנקייט האָט געוואָרנט איינער פונעם בעש״טס וואונדערלעכע תלמידים, ר׳ זישעלע אַניפּאָלער. — אויב איך האָב מורא פאַר אַ שטראָף אויף יענער וועלט — האָט ר׳ זישעלע געזאָגט מיט טרויעריקן הומאָר צו זיינע מקורבים — איז עס נישט, ווייל איך בין נישט געווען משה רבנו, נאָר דערפאַר, וואָס איך בין נישט אַלעמאָל געווען זישע אַניפּאָלער.

און דאָס גליק פון קינסטלערישער דערגרייכונג דורך אייגנקייט, וואָס איז רייפקייט, האָט דער דיכטער אפרים אויערבאַך פּאָעטיש שיין און טרעפלעך פאָרמולירט אַזוי אין זיין ליד „פולער איז דער טויט״ —

„נישטאָ קיין שטילער גליק ווי יונגשאַפט אויף צוריק,
„קיין רואיקער געמיט ווי שעפן זיך אַליין,
„און עמער איבער ברונעם וויגט זיך אויף אַ שטריק,
„דאָס וואַסער דיינס, זון־געקאַרבט, איז כשר־ריין.
„אַ מענטש ווי דו, אין רייפקייט זיינעם זיצט
„און זיך אַליין פעדימווייז פאַרקניפּט.״

אין די לידער, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט אין זיינע דערמאָנטע צוויי ביכער האָט אפרים אויערבאַך טאַקע געשעפּט פונעם קוואַל פון אייגנקייט, אָבער עס איז געווען בלויז איין קוואַל. די אַנדערע ברונעמס פון זיין שעפע־רישער אייגנקייט האָט דער דיכטער פאַר אונדז פאַרהוילן און ערגעצוואו די עמערס צו זיי פאַרלייגט.

אין יענע לידער האָט אפרים אויערבאַך פאַר אונדז אַנטפּלעקט בלויז

איין טייל פון זיין שעפערישן געמיט. עס האָט פון „לויטער איז דער אַלטער קוואַל״ און פון „יעקבס געצעלטן״ אַרויסגעזונגען אַ נשמה־צושטאַנד פון יידיש־שטייגערישן בטחון, פון פרומער הכנעהדיקייט — אַ געמיט, וואָס איך אַליין האָב עס ערגעצוואו אין איינער פון מיינע קריטישע באַמערקונגען וועגן אויערבאַכן דעם דיכטער, באַצייכנט ווי דאָס געמיט פון תרי״ג מצוות. און דער פּאָעט איז מיט אַזאַ אָדער אַנדערן ניואַנס נישט מיד געוואָרן איבערצוזינגען שיין און שענער, און אַ סך מאָל מיט בריליאַנטישקייט פון שפּראַך און פערז־פאָרם, דעם יידיש־שטייגערישן „וואָלעך״, וואָס איז ביי אים געוואָרן איינס מיטן „מהפך פשטא״ פונעם פסוק חומש און מיטן „תנו רבנן״־טראָפּ פונעם בלאַט גמרא — אַזוי איינס, אַז מיר דוכט, אַז אָט די אַלצאינאיינעמדיקע יידיש־מעלאָדיע פון שטייגער, תנ״ך און גמרא איז אוממעגלעך צו איבערזעצן נישט נאָר אויף אַ פרעמד לשון, נאָר אויך אויף דער אייגענער אַלטער שפּראַך — אויף העברעאיש.

אין די לידער, וואָס אפריב אויערבאַך האָט געדרוקט אין די לעצטע עטלעכע יאָר און האָט ביז איצט נישט צונויפגענומען אין אַ בוך, און דער־עיקרשט אין די שוין דערמאָנטע „שקיעה־לידער״, לידער פון „דאָס לעבן טונקלט״ און אין דער גרויסער פּאָעמע „ווייסע שטאָט״, האָט דער דיכטער, אַזוי צו זאָגן, אַראָפּגעוועלצט די שטיינער פון די אַנדערע ברונעמס פון זיין פּאָעטישן געמיט און —

טאַקע דערזעלבער דיכטער פון „יעקבס געצעלטן״, אָבער אין דער פרום־שטייגערישקייט האָט אויפגעבליצט אַ טיפערע פּאָעטישע דערפאַרונג פון יחיד און כלל; עס האָבן, אַחוץ תרי״גשער הכנעה און פינטלעכער פרייד אין יעדן „צעצונדענעם צער״, אויפגעלויכטן אויך אַנדערע שטערן אין אויער־באַכס ליד, און עס האָט זיך דערהערט דאָס געשפּיל נישט פון איין כלי און אַ געזאַנג נישט פון איין עמער, נאָר פון אַ גאַנצער קאַפּעליע, פון אַ מין „קיבוץ גלויות״ פון געשטאַלטן, שטימונגען, בילדער און מעלאָדיעס אַרום דעם גראַנדיעזן ספּעקטאַקל פון יידישן פאַרגאַנג און אויפקום פאַר די אויגן פון אונדזער דור.

אַוודאי איז דער יאָרצענדליק צווישן „עצה׳ און „זקנה״ בדרך הטבע דער אָנהויב פון יחידישע סך־הכל־און־טרויער־שטימונגען, אָבער מיר קומט אויס, אַז דער דיכטער אפרים אויערבאַך, וואָס פון זיין דערמאָנונג וועגן אַלע צערן פון יידישן לעבן און פון אַלע זיינע יידישע געשטאַלטן אין „יעקבס געצעלטן״ האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט אַרויסצוזינגען, אינאיינעם מיט בטחון און מיט הכנעה, יונגע און אידילישע פרייד, האָט דעם מענטשלעך־יידישן טרויער, דעם כללישן און אויך דעם יחידישן, אויף אַן אמת פאַר זיך

פּאָעטיש אַנטדעקט און אים פּאַר אונדז שעפעריש געשטאַלטיקט גראַד דע־מאָלט, ווען —

„איבער אונדז האָט זיך די פרייד שטורעמדיק צעפּאַכט,"

ערשט ווען —

„פונעם מזרח גיט אַ פּאַסמעלע זון אַ בלענד
„טוט אַ שמייכל —
„איך האָב מיינע יידן דערקענט."

אין דער גרויסער איינזאַמלונג פון יידישע שבטים און פון יידישע מענטשן פון אַלע עקן וועלט, אין דער פּאַטעטישער, דראַמאַטישער, גראַטעס־קער און אָן אַ שיעור פריידיקער באַגעגעניש, וואָס די היסטאָריע האָט פּאַר זיי אַראַנזשירט ביים יום־טוב פון אויפקום אין דער „ווייסער שטאָט", ביי דעם „באַדעקנס", אַזוי צו זאָגן, פון דער יידישער מדינה, האָט זיך פּאַר אויערבאַכס דיכטערישן אויג אַוועקגעשטעלט אין זיין גאַנצער שאַרפקייט און פולקייט דער טרויער פון יידישן חורבן, די יתומשאַפט פון יידישן פאָלק צווישן די פעלקער, די מבולבלדיקייט פון די שבטים און דער עלנט פונעם יחיד וואָס —

„אינעם כלל פאַרקנוילט, נאָר אַליין פאַרעלנט."

און דער דיכטער האָט פאַר אונדז אויפגעזונגען אַ געזאַנג פון „באַ־דעקנס" אויף אַ שפּאַר ביסל סטרונעס פון מענטשלעכן געמיט. אַלץ האָט זיך אַריינגעפלאָכטן אין דעם דזשיקן זמר — ביטערע זעלבסט־איראָניע און שאַרפער אָנקלאָג; געוויין פון האַרצן און צערודערטער געלעכטער; טראַגישע רעזיגנאַציע און תמימותדיק־האַפערדיקער גלויבן; מחותנישע היימישקייט און אומבאַהאָלפענע פרעמדקייט פון ניט־פאַרבעטענע; ליבלעכע רייד פון הומאָר און שטעכנדיקע ווערטער פון סאַרקאַזם, און איבער אַט דער פונאַנדערגע־שפּילטער קאַפעליע פון געמיט־עלעמענטן —

„אַ צעפאָכעטער אויף פליגלען פליט דער טרויער,
„ביז צום אָנהויב, צו דעם זויבערן, דערפליט ער."

איידער דער פרייד־ספּעקטאַקל פון קיבוץ גלויות און פון אויפקום נאָך חורבן האָט צעעפנט אויך די אַנדערע ברונעמס פון אויערבאַכס פּאָעטישן געמיט, האָט באַלאַדע נישט געהערט צו אויערבאַכס שאַפונגס־זשאַנערן.

און וויפיל מאָל — ציטיר איך פון מיינער אַ קריטישער עסיי ווענן דעם דיכטערס לידער־בוך „לויטער איז דער אַלטער קוואַל" — אויערבאַכן פאַרוילט זיך אַ שפּיל טאָן אין באַלאַדע, קאָן דער דזשיקער זשאַנר ביי

אים נישט באַשטיין. אונטער די הענט צעלייטערט זיך די באַלאַדע אין לעגענדע. ווארום דאָרט וואו אַפילו דער טרויער — האָב איך געשריבן — איז ניט מער —

„— — — — ווי אַן אַנדערע מדרגה
„פרייד וואָס פאַרטייעט זיך אַזש ווי אַ קינד."

דאָרט ווערט אויך פּוסי וואַסערפּירערס טויט (אין דער „באַלאַדע פון פּוסי וואַסערפּירער") ווי דער טויט פון דער שוועבעלעך־פאַרקויפערין ביי אַנדער־סענען, ניט טונקעלע באַלאַדע, נאָר ליכטיקע לעגענדע.

די באַלאַדע פון גורל־פּלאָנטערן און פון טראַגישער באַהעפטקייט פון פרייד און טרויער האָט אפרים אויערבאַך פאַר אונדז אויפגעשפּילט מיט קינסטלערישן פּאַרנעם און מיט פּאַעטישער פאַרטיפטקייט ערשט אין דעם וואונדער־מעשהלע פון יידישן אויפקום, אין דער לעגענדע אויף דער וואָר פון דעם קיבוץ גלויות, וואָס יום־טובט דעם „יום העצמאות" אין תל־אביב.

די באַלאַדע פון דער „ווייסער שטאָט" איז זיכער איינע פון די שענסטע, אויפרודערנדיקסטע און בלייבנדיקסטע געזאַנגען, וואָס זיינען פון אונדזערע „בדחנים", גאָט־געבענטשטע טרובאַדורן, געזונגען געוואָרן צום „באַדעקנס" פון דער יידישער אומה, דער כלה, דער יתומה, ווען זי האָט זיך צו מזל פאַרקנסט מיט איר חתן „ישראל".

איך וועל פון דעם דאָזיקן „באַדעקנס"־געזאַנג ציטירן בלויז די צוויי סטראָפעס וועגן דער „מחותנתטע" יפו, ווייל מיר דאַכט, אַז זיי קאָנען אפשר צום טייל דינען ווי אַ מוסטער פון דער פיל־סטרוניקייט פון דעם פּאָעטישן געמיט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין אויערבאַכס נאַציאָנאַל־היסטאָרישער באַלאַדע „ווייסע שטאָט".

„ווער וועט שטיין אונטער דער חופּה ?
„אוי, אַבראַם, איך קען אַן דיר ניט זאָן,
„פידעלע, כליפּע, באַסעלע רופּע,
„חתן מיינער, מיין כאַטאַן,
„ברענגען ברענג איך דיר נדן,
„וויסטו וואָס ? — אַ דערציייל עס.
„ווי דאָס אויג אין קאָפּ געהיט
„שטיקער טלית, גאָלע תכלת,
„רויטער מאָן אויף בלוי־געוועב,
„קומען קום איך פון דאַן און וואַן,
„כלה־קלייד מיינס — אַן אַ שלעפּ

„זחתן מײנער, מײן כאַטאַן.
„געדענקסטו, געדענקסטו בײם דעם טויער,
„קײן טויער איז שוין מער נישטאָ,
„באַשערט איז מיר זײן רײנעם טרויער
„צו ברענגען אין אַ גוטער שעה,
„אַז שײנען זאָל ער, מײן מדינה
אין קרוין בײ דיר װי אַ בריליאַנט,
„אַז בליען זאָל ער אויף פעלדער גרינע,
„אַז זינגען זאָל אים אונדזער לאַנד.
„צו דעם יום־טוב גײט יפו מיט שאָטנס באַברעמט
„נאָר דעם קאָפּ מיט אַ שרונטעלע זון זיך פאַרקעמט."

איך האָב געזאָגט אַז אויערבאַכס פּאָעטישע און אידײאישע קאָנצעפּציע האָט אין די לעצטע עטלעכע יאָר צו פאַרצײכענען אַן אויפשטײג פון רײפקײט צו סך־הכלדיקן באַנעם. אויך זײנע דיכטערישע אויסדרוקס־מיטלען, זײן שפּראַך, זײן גראַם און זײן ריטם זײנען נישט געבליבן שטײן אויף אײן אָרט.

אין װאָס באַשטײט דער פאָרויס? אויף װיפיל איך זע עס, האָט זײן געװײנלעך קאָנקרעטער אימאַזש צובאַקומען געדאַנקלעכקײט, זײן פערז איז בדרך כלל מוזיקאַליש מער געזעטיקט און פאַרביקער געװאָרן און, װאָס מיך פאַרכאַפּט צומײסטן, דער צונױפשטױס צװישן זײנע גראַמען איז געװאָרן נאָך שטילער און נאָך װײכער, אַפילו דאָרט, װוּ דאָס װאָרט רעדט, דאַכט זיך, העכער װי געװײנטלעך.

דער עיקרשט קומט די דאָזיקע װײכקײט און מאַנצבילישע צאַרטקײט צום אויסדרוק בײם באַגעגעניש פון אויערבאַכס גראַמען אין די „לידער פון שקיעה" און אין די פּאָרטרעטיסטיש זײער געראָטענע שורות װעגן דעם פּאַראַד פון די ײדישע מיניסטאָרן אין דער באַלאַדע „װײסע שטאָט". אָפּט־מאָל איז דער קלאַנג פונעם גראַמען־צונױפשטױס אַזױ װײך װי דער פאַל פון בלעטער.

(1952)

יעקב גלאַטשטיין

א.

געזאַמלטע לידער

די אַנטאָלאָגיע פון די אייגענע לידער, וואָס יעקב גלאַטשטיין האָט צו־נויפגעשטעלט און אַרויסגעגעבן צו דער געלעגנהייט פון זיין ווערן אַ בן־שישים, איז אַ רעטראָספּעקטיווע, ד. ה., זי הויבט זיך אָן מיט גלאַטשטיינס לידער פון די לעצטע דריי יאָר, וואָס זיינען ביז איצט אין בוך־פאָרם נישט דערשינען, און גייט צוריק איבער „דעם טאַטנס שאָטן", איבער דער פּאָעמע „דער בראַצלאַווער צו זיין סופר", איבער „שטראַלנדיקע יידן" און איבער נאָך אַנדערע פיר לידער־זאַמלונגען ביז צום פּאָעטישן ערשטלינג־ווערק פון 1921, וואָס דער 25יאָריקער דיכטער האָט דעם בוך, צו להכעיס אַלע ליטעראַרישע „זאַלסטניטן, ס'איז נישט שיין", מיט יוגנטלעכער וואוילינגע־רישקייט אַ נאָמען געגעבן „יעקב גלאַטשטיין".

די אַנטאָלאָגיע איז אַ געראָטענע שוין דערפאַר, וואָס זי מאַכט אַזוי קלאָר „ווי אויף דער האַנט" אַלץ וואָס די קריטיק האָט ביז איצט מער אָדער ווייניקער געזאָגט וועגן גלאַטשטיינס וואָרט־מייסטערשאַפט, וועגן זיינע גרויסע שפּראַך־חידושים, וועגן זיין זעלטענער ווירטואָזיטעט פון פערז, פון פרייען און געגראַמטן, וועגן דער בליציקער קלוגשאַפט פון זיין געדאַנק, וועגן זיין אומגעווינטלעכער בילדערישקייט און זיינע איבעראַשנדיקע מע־טאַפאָרן און אַפילו וועגן דיכטערס בכיוונדיקע, און טיילמאָל היפּש דיסהאַר־מאָנישע, פּראָזאַאיזמען.

אָבער נאָך קלאָרער ווערט פון דער אַנטאָלאָגיע עפּעס, וואָס די קריטיק האָט מער אָדער ווייניקער נישט געוואוסט אָדער פאַרזען, דהיינו, אַז ס'איז אַ טעות אַוועקצושטעלן אַ גרענעץ אין גלאַטשטיינס דיכטערישן געמיט און איינצוטיילן זיינע לידער אין אַזעלכע, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פאַר אָדער נאָך דעם באַוואוסטן ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט", וואָס איז דערשינען אַפּריל, 1938, אין דער ציימשריפט „אינזיך".

דאָס ליד „אַ גוטע נאַכט, וועלט" וואו דער דיכטער האָט געמאַכט די אומפאַרגעסלעכע, פון די צער־טיפקייטן פון אונדזער יידישן דור אַרויסגע־ריסענע דעקלאַראַציע, אַז

„מיט דעם שטאָלצן טראָט,
„אויף מיין אייגענעם געבאָט —
„גיי איך צוריק אין געטאָ,

איז נישט געווען קיין פּלוצימדיקער איבערברוך אין גלאַטשטיינס דיכטע־רישן געמיט. דאָס האָט בלויז אַ יידישער דיכטער, וואָס האָט נאָך אין עלטער פון דריי־און־צוואַנציק, אין זיין ליד „1919", איבערגעלעבט די פאַרניכטונגס־שרעק מצד דער „גרויסער שטינקענדיקער וועלט", ניינצן יאָר שפּעטער ריי־פער און באַוואוסטזיניקער רעאַגירט אויף דעם „ריח ניחוח" פון דער „גרוי־סער וועלט".

דער פּאָעט, וואָס האָט אין 1938 אָפּגעווישט אין זיך „אַלע געשמדטע שפּורן" און אַרויסגעשריגן צו דער וועלט זיין „הרם אויף דיינע טריפהנע קולטורן", דער זעלביקער יידיש־סענסיטיווער דיכטער האָט זיך נאָך אין 1919, אמת אָן דעם שפּעטערן קינסטלערישן כוח צו אָנקלאָג, דורכנעמענ־דיק געקלאָגט, אַז —

„די לעצטע צייט איז קיין שפּור ניט מער געבליבן
„פון יאַנקל בן ב' יצחק,
„נאָר אַ קליינטשיק פּינטעלע אַ קיילעכדיקס,
„וואָס קייקלט זיך צעדולטערהייט איבער גאַסן,
„מיט אַרויפגעטשעפּעטע, אומגעלומפּערטע גלידער."

און נאָר אָט דאָס „קיילעכדיקע פּינטעלע", דער יידישער „איך", האָט ער בלוט־יונגער דיכטער געאָגט, פאַרמאָגט אייביקייט־ווערט אין דעם ציוויליזאַציע־אַרום פון „צייטונג־עקסטראַס".

און דער דיכטער, וואָס האָט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרענ־דיקט זיין פּאָעטישע קריגס־דעקלאַראַציע צו דער „עלעקטריש צעחוצפּה'טער וועלט" מיט אַזעלכע הייסע שורות פון יידישער משיח־דערוואַרטונג —

„און איך האָב האָפן, אַז כאָטש ער זאַמט זיך,
„גייט אויף טאָג־איין טאָג־אויס מיין וואַרטן.
„ס'וועלן נאָך רוישן גרינע בלעטער
„אויף אונדזער בוים דעם פאַרקוואַרטן.
„כ'קוש דיך, פאַרקאַלטנט יידיש לעבן.
„ס'ווינט אין מיר די פרייד פון קומען."

ער האָט שוין, מיט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר פריער, אין זיין ליד „האָמאָ" געקריגט זיך מיט דער וועלט וועגן משיחן און וועגן דער יידיש־קייט פון משיחן —

„ער וועט קומען.
„ער וועט מוזן קומען.

„און פון אונדזער זאמען וועט ער קומען.

— — — — — — — — — — — —

„און דערקלעטערן

„און צעשמעטערן דעם הימל־יסוד."

ביי דעם 25־יאריקן, אין דער סאמע בלי־צייט פון „וועלטלעכקייט", גייט גלאטשטיינס משיח־טרוים געקליידט אין דער מאדערנער טערמינאלאגיע פון דעם עטישן קולטור־אידעאל וועגן מורה מורנו, דער מענטש (האמא). אוןביים 25יאריקן פעלט אין דעם משיח־טרוים די טעמפעראטור פון געמיט און ווארט, וואס איז ביי גלאטשטיינען געשטיגן (ווי פאראדאקסיש דאס זאל ניט קלינגען) מיט דער אלץ וואקסנדיקער רייפקייט פון פאעטישן אויסדריק און איז געווארן דער סימן פון גלאטשטיינס פול פונאנדערגעבליטער דיכטער־פערזענלעכקייט.

אבער אויך דער 25־יאריקער דיכטער־אנפאנגער האט אין תוך שוין געקאנט זאגן וועגן זיך דאס, וואס דער דיכטער־דערגרייכער האט געזאגט מיט פינף און דרייסיק יאר שפעטער אין עלטער פון זעכציק —

„ווער ס'האט געשטעלט דעם טראפ אויף וועלט,

„איך — אויף ייד."

איבער דער לענג פון אלע זיינע לידער, פון דעם ערשטלינג־בוך „יעקב גלאטשטיין" איבער „פרייע פערזן", „קרעדאס", איבער „געדענקלידער" און ביז צו די „ערדענע רייד" פון דעם זעכציק־יאריקן, פלאקערט אן „אהבת ישראל", וואס איז ניט קיין אנגעוויעטע פון דרויסנדיקע געשעענישן, ניט קיין אידעאלאגיש־אויסגעלערנטע, נאר אן ארגאנישע, וואס איז ארויסגע־וואקסן פון א דורותדיקער ירושה, ארויסגעוואקסן פון א געמיט, וואס איז זינט דורות און אבער־דורות —

„באטליתט און באתפילינט.

„יידיש־פארעקשנט און יידיש־פארווילנט.

און ווייל די „אהבת ישראל" איז אן ארגאנישע, נישט קיין קרענקלעך־צעבלאזענע, נאר א נאטירלעך געזונטע, איז אויך נישט פאראן קיין גוזמא אין גלאטשטיינס אידעאליזירונג פון יידישן לעבן. ווען דער דיכטער רופט אונדז צו גיין מיט אים און ער וועט אונדז וויזן —

„א גאס, וואו אויף די טראטוארן

„בליט א גאנצער תנ"ך,

„און די מענטשן זיינען אלע אבות

„נאָר זיי פאַרקויפן מציאות
„מיט אַן אייזערנער געדולד,
„וואָס קיין פאַסטעך האָט קיינמאָל נישט פאַרמאָגט.
„גיב אַ קוק, זע, אַ העלד.
„ער רעדט צו אַ פרוי,
„וואָס דינגט אים אַרויס די נשמה,
„אָבער ער האָט אַ הויזגעזינד,
„פאַרלירט ער נישט דעם חיונה־שמייכל.
„זע ווי זיי שפּאַלטן דעם ים־סוף
„מיט אַ פרנסה־שטעקן,
„ביז טיפער געבויגענער זיידעשאַפט.
„זיי גייען שטאָלצע אַריבער
מיט די וועגעלעך אַן געזאַנג.״

איז דאָס יענער מין אידעאַליזאַציע, וואָס רעכנט נישט אַראָפּ דאָס קליינע און אומוויכטיקע, כדי צו פאַרגרעסערן און צו פאַרשענערן דאָס בילד פון מקח וממכר ביי אַ לובלינער יריד־טאָג אָדער אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד. פאַרקערט. די קלייניקייטן ווערן דוקא אונטערגעשטראָכן. זיי זיינען די „גופאַגליפן״ (גלאַטשטיינס אַ וואונדערלעכער שפּראַך־חידוש אויף דעם משקל היעראָגליפן), כ׳מיין, דעם פּאָעטס געהיימע שריפט אַרויס־צוברענגען דעם הויפּט־שטריך פון תנ״כישקייט אויף דער גאַס, וואו די „אָבות פאַרקויפן מציאות״. וואָרום אידעאַליזירן, הייסט אַרויסבאַקומען פון געשטאַלטן און געשעענישן דאָס עיקרדיקע, דאָס אַנטשיידנדיקע און דאַדורך פאַרשווינדט דאָס קליינע און אומוויכטיקע.

דער שענסטער מוסטער פון אַזאַ אידעאַליזירונג איז גלאַטשטיינס ליד „קום מיט מיר״ פון דעם לידער־בוך „דעם טאַטנס שאָטן״.

אַזאַ אידעאַליזירונג האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן פאַר בלייבן יידיש־„תחומיק״ און צו האָבן „פאַרלוירן פון אויג דעם גויאישן אַרומיק״, ווייל תחומיק און אַרומיק האָבן נאָר אַ ווערט אין די דימענזיעס פון ברייט און לאַנג, אָבער זיי ווערן אַן ס׳ממשות און זיינען ניט קיין מאָסן אויף די שטחים פון פאַרטיפט און דערהויבן. אין דער טיף און אין דער הויך גילטן ניט קיין תחומען.

ס׳איז אַ בפירושע הנאה פאַרן קריטישן לייענער נאָכצושפּאַנען דעם דיכטער איבער די זיבן און דרייסיק יאָר ליד־שעפערישקייט, וואָס איז אויפגעזאַמלט געוואָרן אין דער אַנטאָלאָגיע „פון מיין גאַנצער מי״, און

צו זען ווי די יונגשאַפט האָט געכאַוועט און געצערטעלט געמיט־צושטאַנדן און פּאָעטישע מאָטיוון, וואָס האָבן זיך מיט די יאָרן אויסגערייפט, אויס־געצייטיקט און דערהויכט, אָבער זיינען אין תוך געבליבן די זעלבע. יעדער אמתער דיכטער האָט איין ניגון, זיין ערגעץ טיף אין געמיט שטראָמענדיקן ניגון, וואָס פון אים טיילן זיך אָפּ און עס שווימען אַרויס אַזויפיל קלענערע און גרעסערע מעלאָדיעס, וואָס ווערן טייכן פאַר זיך. די אַנדערשקייט פון די „טייכן פאַר זיך" באַשטייט אין די אַנדערע לאַנדשאַפטן, וואָס זיי האָבן דורכ־צושווימען און אין די יאָרן, געשטאַלטן און געשעענישן, וואָס שפּיגלען זיך אין זיי.

אָט איז אין דער סאַמע לעצטער אָפּטיילונג פון בוך (ד. ה. אין דער סאַמע ערשטער, ווייל די אַנטאָלאָגיע איז דאָך, ווי געזאָגט, אַ רעטראָספּעק־טיווע), אין דער אָפּטיילונג „ערדענע רייד" פאַראַן אַ ליד „קיביאַ", וואו דער פּאָעט רעאַגירט מיט גרויס צער און פאַרדראָס אויף די געשעענישן אין יענער נאַכט, ווען עס —

„האָבן מיינע ברידער
„רחמנות אין זיך אָפּגעשמדט,
„און פסול געמאַכט דעם פאַרמעט פון מיין לעבן."

בלעטערט מען אויף קעריק זעט מען, אַז די אַנטי־קיביאַ פונעם דיכטער איז ניט אויפגעגאַנגען אין זיין געמיט ערשט מיט דער קיביאַ־געשעעניש, און אַז זי איז אויך ניט געבוירן געוואָרן אין דער אידיאיש־קעמפערישער היץ פון „פאַרגלוטטער פעסטקייט" ווערסוס „די גרעסטע אַרסענאַלן פון גבורה", נאָר אַז גלאַטשטיין האָט נאָך אין זיין ערשטלינג־לידער־בוך, וואָס איז אַרויס אין 1921, געזונגען אַנטי־קיביאַניש אין זיין פּאָעמע „דער שטאָלצער קעניג". יענע פּאָעמע איז געשריבן אין נוסח פון אַ גראָטעסקער באַלאַדע און זי פאַרמאָגט ניט אין זיך עפּעס, וואָס זאָל פּאָעטיש זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט דעם דיכטערס צערדיקע מוסר־רייד פון מיט קנאַפּע פיר צענדליק יאָר שפּע־טער, אָבער עס איז אין דער פּאָעמע „דער שטאָלצער קעניג" פאַראַן דער ירושהדיקער הומאַניזם פון גלאַטשטיינס דיכטערישן געמיט. פון די "פאַר־וועלקטע בלומען־בלעטלעך", וואָס דער יונגער פּאָעט שפּרייט ביים סוף פון דער פּאָעמע „פאַר די טריט פון קעניגס זיג", פון אָט דעם טיף פאַרוואָרצלטן אומדרך־ארץ צו נצחון און פון דעם אַטאַוויסטישן גרויל צו מאָרד־נצחון פליסט אַרויס דעם דיכטערס צער און פּראָטעסט איבער „קיביאַ".

„קיביאַ" איז נאָר איינס פון די ביישפּילן פאַר אַ ליד פון דער יוגנט, וואָס איז אין דיכטערס געמיט אַ מין אָנוואַרף פון אַן אידעאישן מאָטיוו, וואָס ווערט שפּעטער רעאַליזירט ווערן מיט אַן אַן ערך מער מאָראַלישן כוח

אין די קינסטלעריש־ברילִיאַנטענע „ערדענע רייד״, אין די לידער פון „טאַטנס שאָטן״, אָדער אין גלאַטשטיינס סיי קינסטלעריש און סיי אידעאיש אפשר גרעסטער דערגרייכונג — אין דער פּאָעמע „דער בראַצלאַווער צו זיין סופר״.

וואָס איז די קינסטלערישע אידייע פונעם בראַצלאַווערס טענות צו גאָט, צו דער הויה און צו זיך אַליין? די אידייע, ווי איך באַנעם זי, איז דער באַגער פונעם קינסטלער צו גאָט־נאָענטשאַפט און דער גלויבן, אַז דאָס קאָן דערגרייכט ווערן דורך אַזאַ „וואונדערלעכער קליינקייט״ ווי ווערן „אַ פּראָס־טער, זמאָסטער מענטש״. דאָס מיינט ניט, חלילה, עפּעס אַ רוסאָאישער אומקער צו דער נאַטור. רוסאָס מענטש, וואָס „קערט זיך אום״, איז אין תוך אַ גרויסהאַלטער. ער גרויסט זיך מיט זיינע עבירות. ער פאַרוואַנדלט די עבירות אין מצוות און גרויסט זיך מיט זיי. ער האָט זיך אומגעקערט צו דער נאַטור, אָבער ער איז דערמיט אַוועק פון גאָט און פון זיין אייגענעם טיפערן „איך״.

די בענקשאַפט נאָך „פּראָסטע זמאָסטקייט״ ווי גלאַטשטיין געשטאַלטיקט זי אין ר׳ נחמנען פון בראַצלאַוו — זי איז בישט קיין פּרוואו פון אומקער צו דער נאַטור, נאָר אַ גייסטיק־מאָראַלישער אָנשטרענג צו דערקלעטערן צו גאָט און צו זיך אַליין. ר׳ נחמן זוכט אין די מאָנאָלאָגן מיט זיין געטרייען נתן פון נעמיראָוו זיך אויסצופּלאָנטערן פון אַלע סתירות, פון אַלע אָפּ־נאַרערישע מאָראַלישע און אַנטי־מאָראַלישע אידעאַלן, און צו דערגיין צו יענער פּשטות, וואָס איז ניט די נאַטור, ניט דער בוים, ניט דאָס גראָז און אויך ניט די חיה און דער מענטש, נאָר די געטלעכקייט, וואָס איז זייער אַלעמענס נשמה, זייער אַלעמענס באַשעפעריש מיסטעריע.

דער וועג, וואָס אויף אים פּרוווט גלאַטשטיינס ר׳ נחמן דערגיין צו אָט דער האַרמאָנישער פּשטות, איז דער וועג פון זעלבסט־קריטיק, דער וועג פון שאַרפן מאָראַלישן און גייסטיקן זעלבסט־אַנאַליז. ס׳איז פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט אַ שווערער און געפערלעכער וועג, וואָרים אין פאַלשער טראָט און דאָס פּאָעטישע וואָרט קאָן זיך לייכט אַריינגליטשן אין אַ געדאַנקלעכקייט, וואָס שטייט אין גדר פון גוטער און אַפילו בעסערער מחשבה, אָבער מחוץ פון דיכטונג.

גלאַטשטיינען געלינגט כמעט דורכאויס איינצוהילן די בראַצלאַווער־פּאָעמע אין אַזעלכע שטילקייטן, וואָס קומען ר׳ נחמנען „אַנטקעגן פון אַלע זיבן וועגן״, אַז ווי שרייענדיק און אַנאַליטיש עס זאָל ניט זיין דער געדאַנק, נעמען „פונדערווייטנס ווינקען שטילערהייטן״ (וואָס פאַר אַ אויסנעמלעך גע־ראָטענע וואָרט־ביוואָנסירונג!) און זיי פאַרוואַנדלען יעדן געדאַנק אין אַ ליד, יעדע טענה אין אַ תפילה, און

„שטילקייטן זיינען נישט קיין שטומקייטן,
„שטילקייטןריידן אַ זיידן גערייד.״

איך האָב ביים אָנהויב פונעם פּאַראַגראַף געמאַכט די רעזערוואַציע פון „כמעט״ צו גלאַטשטיינס דורכאויסיקער קינסטלערישער געלינגשאַפט פון דער בראַצלאַווער פּאָעמע, ווייל מיר דאַכט, אַז אין דעם קאַפּיטל „פּאַראַן אַזאַ געקעכץ ווי הונגער״ סטאַרטשען דאָ און דאָרט אַרויס מחשבהדיקע שפּיצן, וואָס צעשטערן אַ ביסל דאָס „זיידען גערייד פון די שטילקייטן״ און מאַכן אויף אַ ווייל פונעם בראַצלאַווער, פון דעם צו גאָט־קלעטערנדיקן קינסטלער, אַ מין עטישן זעלבסט־רעפּאַרמירער, אַ מוסרניק.

די עטלעכע שוואַכערע שטעלן אין גלאַטשטיינס גרויסן געזאַנג וועגן בראַצלאַווער האָבן, ווי מיר דאַכט, זייער שורש אין דער פּאָעמע וועגן כעלע־מער רב יאָסל לאָקש, וואָס איז אַריין אין דער לידער־זאַמלונג „יידיש־טייטשן״ (דערשינען מיט ניינצן יאָר פריער, אין 1937).

יאָסל לאָקש פון כעלעם איז, אַזוי צו זאָגן, דער ערשטער אידעאישער אָנוואָרף צו דער געשטאַלט פונעם בראַצלאַווער. טייל פון די אידייען, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין דער פּאָעמע וועגן כעלעמער רב, זיינען דערנאָך פאַרוועבט געוואָרן אין דעם געזאַנג וועגן בראַצלאַווער. צום טייל זיינען שוין אין „יאָסל לאָקש פון כעלעם״ פּאַראַן די „שטילערהייטן״ און דער „זיידענער גערייד״ ווי מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער אין „בראַצלאַווער צו זיין סופר״. אָבער טיילווייז האָבן זיך פון „יאָסל לאָקש״ אַריבערגעכאַפּט צו דעם „בראַצלאַווער״ פעדים פון סאָציאַלן גראָטעסק, וואָס פּאַסן זיך ניט אַריין אין ר׳ נחמנס בענקשאַפט־געזאַנג צו דער פשטות פון —

„איינס און באַזונדער איינס
„איז אַלץ אחד,
„און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אחד.״

אויב מען וויל „אויף איין פוס״ פאָרמולירן יעקב גלאַטשטיינס קינסט־לערישן אויפטו פון שפּראַך און פאָרם, מוז מען אָנקומען טאַקע צום דיכטערס אַ דעפיניציע, וואָס ער נוצט אין זיין פּאָעמע „פון אַ חבר וואָס איז אוועק״. ריידנדיק דאָרט וועגן דעם אוועקגעגאַנגענעם חבר־פּאָעט (עס איז לייכט זיך אָנצושטויסן, אַז דאָס איז י. י. סיגאַל ז״ל) לאָזט ער דעם פאַרשטאָר־בענעם דיכטער זאָגן וועגן זיך, אַז —

„איך האָב עס שוין כמעט געקענט זאָגן,
„נישט נאָר אין לידער, נאָר אַפילו אין רייד.״

גלאַטשטיין, דער מייסטער פון געגראַמטן און ניט געגראַמטן פערז,

האָט דערגרייכט די מדרגה פֿון קאָנען עס זאָגן אויך אָן דעם, אַפֿילו בלויז אין רייד.

און סתם רייד, אויב זיי זאָלן זיך קאָנען באַגיין אָן די פּאָעטישע מכשירים און בלייבן פּאָעזיע, מוז הינטער זיי שטיין, וואָרט ביי וואָרט שטיין, די שטענדיק וואַכע אינטענסיווקייט פֿון האַרץ און מוח. אויב דאָס וואָרט באַקומט ניט פֿון דעם דיכטער די כּלי־זין פֿון ריטם און גראַם, בלייבט זיין איינציקער וואָפֿן עפּעס אַן אינעווייניקסטער פֿונק, וואָס גיט דעם לייענער אַ ברי און געווינט אים פֿאַר זיך ניט ווייניקער ווי דער גראַם, און אויב ניט נאָך מער.

יעקב גלאַטשטיין האָט צו אונדז געבראַכט דאָס פּאָעטישע וואָרט, וואָס מען קאָן עס „זאָגן ניט נאָר אין לידער, נאָר אַפֿילו אין רייד" און עס זאָל בלייבן דיכטונג.

די דאָזיקע זאָגעריש־ברענדיקע אינטענסיווקייט פֿון וואָרט, וואָס קאָן, אַזוי צו זאָגן, פּאָעטיש זיין שטעטל באַשטיין אויך מחוץ ליד — דאָס איז אַ מין צוגאָב צו דער קינסטלערישער דערגרייכונג פֿון גלאַטשטיינען, דעם פֿערזן־מייסטער.

דער דיכטער גלאַטשטיין האָט „אַפֿילו אין רייד" באַוויזן אָנצוהאַלטן און אויסצוברייטערן זיין ממשלה איבער —

„די שרעטעלעך, וואָס וואַרטן אויף מיין באַפֿעל,
„צינדן אָן גאַנצע קאַנדעלאַבּרעס מיט ווערטער,
„וואָס פֿאַרענטפֿערן אַלץ מיט פֿייער און מיט ליכט."

ער האָט דערמיט אַריינגעבראַכט זיין אייגענע נייע מוזיק פֿון פּאָעטישן וואָרט.

(1957)

ב.

די פּראָזע

ווען מען זאָגט, אַז יעקב גלאַטשטיינס קינסטלערישע פּראָזע און ליטעראַטור־קריטיק האָבן ביידע זייער מקור אין זיין פּאָעזיע, אין זיינע ביין בענד לידער, ווען מען זאָגט דאָס, איז מען זיכער אַזוי נאָענט ווי נאָר מעג־לעך צום אמת.

אָבער מיטן אמת איז, ווי מיר דאַכט, בפֿירוש אַזוי ווי דער בעל־התהלים זינגט וועגן אים. „אמת מארץ תצמח", ער שפּראָצט אַרויס פֿון דער מאַמע

ערד פון אַ קליין פּאַרזייט קערנדל און צעוואַקסט זיך אונטער דער זון צו אַ שפע פון אינהאַלטן און פאַרמען, וואָס קערן זיך אָן מיט דעם קערנדל ניט איין קרובהשאַפט, נאָר כלערליי מינים נאָענטע און ווייטע אָנקערעניש און אַמאָל, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, אויך פרעמדלעכע אָפּקערעניש.

דער סוד פון יעדער גייסטיקער שעפערישקייט איז די טיפעניש פון פאָלק, די טיפעניש פון געזעלשאַפטלעכער, לאַנדשאַפטלעכער און היסטאָרי־שער סביבה, אָבער דער וואָרער קינסטלער גופא — ער אַליין איז, ווי ס'פאַרמולירט דאָס בילדעריש און טרעפלעך טאַקע יעקב גלאַטשטיין אין זיין עסיי וועגן בעל־מחשבותן, אַן עקספּלאָזיע, אַן אויפרייס, פון די אָנגע־זאַמלטע שעפערישע שטאָפן אין פאָלק.

און וויבאַלד אַן עקספּלאָזיע, ווערט אונדז נאָך קלאָרער, אַז אַלץ פונעם דיכטער געשאַפענע קער זיך אָן און איז פאַרבונדן מיטאַנאַנד דורכן בשותפותן קערנדל אמת, דעם קערנדל פון אויפרייס. אָבער ס'ווערט אויך נישט ווייניקער קלאָר, אַז געוויסע טיילן פונעם שעפערס ווערק בלייבן אין היקף פון דער עקספּלאָזיע ליגן נענטער באַנאַנד אין שטח און זיינען אויך על פי זייער מהות פון שטאָף און פאָרם קרובהשער מיטאַנאַנד.

יעקב גלאַטשטיינס צוויי בעלעטריסטישע ווערק „ווען יאָש איז געפאָרן" און „ווען יאָש איז געקומען" און זיינע צוויי ליטעראַטור־קריטישע בענד „אין תוך גענומען" זיינען, פאַרשטייט זיך, באָענטע שני בשני'ס מיט אַלע דערהויבענע געזאַנגען און פּאָעטישע געזאָגן פון די ניין לידער־ביכער, אָבער צווישן זיך זיינען גלאַטשטיינס בעלעטריסטיק און ליטעראַטור־קריטיק לייבלעכע שוועסטער.

קודם כל באַשטייט די לייבלעכע שוועסטערשאַפט צווישן גלאַטשטיינס קינסטלערישער פּראָזע און זיין ליטעראַטור־קריטיק אין דעם, וואָס אין תוך זיינען די בעסטע פון זיינע קריטישע עסייען פיין געשליפענע בעלעטריסטיק.

די שרייבער, וואָס וועגן זיי רעדט זיך אין גלאַטשטיינס קריטישע מאמרים, זיינען נישט עפּעס אַנדערש ווי די העלדן פון זיינס אַ יידישן ליטעראַטור־ראָמאַן, וואָס הייסט „אין תוך גענומען" און פאַרנעמט צוויי דיקע בענד פון איבער טויזנט זייטן. דער עיקרשט איז דער ראָמאַן בולט אין צווייטן באַנד פון „אין תוך גענומען".

אַמאָל איז דער שרייבער, וואָס איז דער אָביעקט פון דער קריטיק, שוין אַ ראָמאַן־העלדביים סאַמע אָנהויב פון דער עסיי און אַמאָל ווערט ער דאָס ערשט שפּעטער אין גאַנג פונעם קריטישן אַנאַליז.

„ווען ראָלניק איז שוין געווען אַ רייפער פּאָעט האָט ער נאָך אַלץ מער געטרויט זיינע דערמאָנונגען ווי מענטשן. זיין קינדהייט אין דער ליטע איז זיכער נישט געווען קיין מילך און האָניק, אָבער ער האָט צו איר

אַרויסגעוויזן אַ סך צוגעבונדנקייט, און ער האָט אַפילו אַנטוויקלט אַ מאָראַל פון רייזעניסטישער נייטראַליטעט".

אַזוי הויבט גלאַטשטיין אָן זיין קריטישע עסיי וועגן דעם דיכטער יוסף ראָלניק און מיר דערפילן באַלד דעם גוטן טעם פון בעלעטריסטיק. עס נעמט זיך שפּינען אַ סיפור המעשה און עס צייכענען זיך אָן די קאָנטורן פון אַ לעבעדיקער געשטאַלט.

פונקט אַזוי ווערט עס סיפור־המעשהדיק וואָרעם, און מיר הערן לעבעדיק־מענטשלעכן אָטעם שוין אין די ערשטע שורות פון גלאַטשטיינס קריטישער עסיי וועגן דעם דערציילער און דראַמאַטורג דוד איגנאַטאָוו, וואָס „איז געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור מיט דעם שאַרפן ווילן איבערצומאַכן, איבערצושטעלן דאָס מעבל און מאַכן אַ גערודער."

אין אַנדערע עסייען, ווי, למשל, אין די עסייען וועגן אברהם רייזען און וועגן דעם עסייאיסט שמריהו גאָרעליק, באַווייזט זיך די ראָמאַן־פּאַבולע און די געשטאַלט־צייכענונג ערשט שפּעטער, ערגעץ אין דער מיט פון דער קריטישער צעגלידערונג, אָבער דערפאַר קומט זי דאָרט אינאיינעם מיט אַ צווייטער בעלעטריסטישער מעלה פון גלאַטשטיינס קריטיק, כ'מיין, מיט דער מעלה פון פיינער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג פון יידיש־ליטעראַטור־היסטאָרישע סיטואַציעס און אַטמאָספערעס.

אָט איז אַ מוסטער פון גלאַטשטיינס קינסטלערישער סיטואַציע־שילדערונג און אַטמאָספער־פּאָרטרעטירונג —

„ווען גאָרעליק", שרייבט גלאַטשטיין, „איז געקומען מיט זיין עסיי, האָבן מיר נאָך אין יידיש נישט געהאַט די קוואַליפיקאַציע פאַר דעם שרייבער, וואָס פלאַטערט אַרום דער ליטעראַטור ווי אַרום אַ בליץ־לאָמפּ (און) וואָס האָט זיך מורא צוצורירן טאָמער וועט ער זיך פאַרברענען דעם טאַלאַנט. ס'זיינען שוין געווען עטלעכע געמיטלעכע שמועסער, וואָס האָבן אָבער איבערגענומען דאָס ערגסטע פון דעמאָלטיקן העברעאישן לאַנגווייליקן פעליעטאָן. דאָס אומתכליתדיקע שיין־שרייבעריי האָט נאָך ביי אונדז נישט געהאַט געפונען קיין דירה."

אַזאַ מין שילדערונג פאַרמאָגט נישט בלויז סטיליסטישע קפיצת הדרך און אַפּשפּאָר פון אַ סך רייד, וואָס איז לויט גלאַטשטיינס אייגענער ריכטיקער דעפיניציע דער סימן מובהק פון גוטן עסייאיסטישן סטיל, נאָר אַזעלכע עטלעכע קפיצת־הדרכדיקע זאַצן שטעלן אַריין דעם שרייבער אין אַ סאָציאַלער ראַם, שטעלן אים אַריין אין אַ לעבעדיקן מוזיי פון ליטעראַרישן יחוס און פון אייגענעם שעפערישן בראשית.

דוכט זיך, אַז פון עמערסאָנען שטאַמט דער משל מיט דעם סטאָליאַר, וואָס ווען ער נעמט טעסן האָלץ, שטעלט ער עס אַוועק נישט איבערן קאָפּ,

נאָר ער פיקסירט עס אויף דער ערד צווישן די פיס. אַזוי אַרום איז דאָס טעסן נישט בלויז אַ רעזולטאַט פון זיינע מוסקולן, נאָר אויך פון דער אוניווערסאַלער גראַוויטאַציע פון דעם ערד־קיילעך.

אַז מען לייענט גלאַטשטיינס אַ קריטישע עסיי, האָט מען אַ סך מאָל דאָס געפיל, אַז אין זיין געשטאַלט־צייכענונג און ווערק־אַנאַליז גראַוויטירט אַריין די גאַנצע גייסטיקע טעריטאָריע אונדזערע, וואָס מיר רופן יידיש־ליטעראַטור, מיט אירע בלערליי צייטן און אַטמאָספערעס.

סאָציאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישער אַריינבליק אין שרייבערישן צייט־ און אַטמאָספער־הינטערגרונט איז אויך פאַראַן ביי אַנדערע קריטיקער. אָבער קיינער האָט דאָס, דאַכט זיך, נישט דערגרייכט אַזוי סטיליסטיש חנעוודיק און קורץ און מיט אַזאַ, נישט איינמאָל בלויז דרך אגבדיקן בעלעטריסטישן אַריינדרינג, ווי דער מחבר פון „אין תוך גענומען". איך שטרייך אונטער דאָס וואָרט אַריינדרינג, ווייל גלאַטשטיינס שילדערונג פון ליטעראַטור־היס־טאָרישע סיטואַציעס און אַטמאָספערעס און גלאַטשטיינס פּסיכאָלאָגישע גע־שטאַלט־צייכענונג פון שרייבער איז נישט נאָר זייער אָפט אַ סטיליסטיש־געראָטענע, נאָר אויך טיילמאָל אַ פּאַרטיפּטע.

ווען איך טראַכט, ווי ס'איז מיינס אַ באַליבטע געוואוינהייט, צו אַן על רגל־אחתדיקער פאָרמולע, וואָס זאָל איבערגעבן דעם תמצית פון גלאַטשטיינס פּראָזע־סטיל, קומט מיר אויפן זינען טאַקע זיין, גלאַטשטיינס, אַ דעפיניציע וועגן דעם נוסח מענדעלע. דאָס וואָס גלאַטשטיינס אַ וואָרט קומט אַזוי אָפט און גרינג אויפן זינען, איז, פאַרשטייט זיך, אַ סימן פון די סימנים, אַז גלאַטשטיין באַאיינדרוקט מיט זיין וואָרט דעם לייענער און אויך דעם שרייבער פון זיין דור.

זאָגט גלאַטשטיין וועגן מענדעלעס נוסח, אַז ער איז געווען די „סטילי־זירטע אומאָרדענונג פון זיין גמראדיקן סטיל". נו, וואָס שייך די גמראדיקייט, דוכט מיר, אַז זי האָט זיך מיט איר ספּעציפישן ריטם גיכער אַרויסגעהערט פון פרצעס סטיל, איידער פון מענדעלעס נוסח. דעם גמרא־נוסח, אין וועלכן אונדזערע בית־המדרש־לערנער האָבן געאַקערט די „דפי התלמוד" און האָבן פּאָלעמיזירט מיט געשטאַלטן פון געשיכטע, פון פאַנטאַזיע און מיט זיך אַליין — אָט דעם גמרא־נוסח האָב איך מיט יאָרן צוריק אין מיינס אַן עסיי דעפינירט ווי אַ געמיש פון קילן סקעפּטיציזם און הייסער דאָגמאַטיק, פון לאַנג פאַרצויגענער אויסטענהכץ און אינטענסיווער וואָרט־שפּאָרעוודיקייט. און לויט אָט דער דעפיניציע, וואָס איך האַלט זי אויך היינט פאַר ריכטיק, איז דער גמרא־ריטם אַן אַן ערך כאַראַקטעריסטישער פאַר פּרצן ווי פאַר מענדעלען.

אָבער נישט וועגן דער גמראדיקייט גייט עס. ס'האַנדלט זיך וועגן

דער סטיליזירטער אומאָרדענונג, וואָס איז אַ פּאַסיקע פאָרמולע פאַר מענדעלען און איז נאָך פּאַסיקער פאַר יעקב גלאַטשטיינען, וואָס האָט זי אין זיין „ווען יאָש איז געקומען" און דערנאָך אין זיין „אין תוך גענומען" דערפירט אַ סך מאָל צו שלימות.

מענדעלע האָט זיך אין תוך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער סטיליזאַציע פון דער אומאָרדענונג און ער האָט אַלעמאָל געמוזט מאַכן אַן הפסקה און אָפּכאַפּן דעם אָטעם מיט „נישט דאָס בין איך אויסן".

יעקב גלאַטשטיין האָט אין זיין פּראָזע־סטיל נישט אַנדערש נאָר דעם כוח פון דעם וואונדערלעכן יום־כיפּורדיקן שחרית־בעל־תפילה פון קאָלאָמייער ר' איציקל־שולעכן פּיוויש האָלאָפּיעטניק. דער שליח ציבור ר' פּיוויש איז געווען דער איינציקער וואָס האָט אינמיטן פון אַ „ממעמקים קראתיך" אויף די העכסט פּאַטעטישע טענער געקענט אַ זאָג טאָן צום רבונו של עולם אויף אַ האַרציק שטייגערישן יידיש: „הייליקער טאַטע, דערבאַרעם דיך", און קיינער זאָל דערביי נישט פילן, אַז עפּעס צעשיידט סטיליסטיש דעם מחזורדיקן רוף פון דער טיפעניש און דעם שטייגערדיקן געלאַשטשע פון תחנונים.

מען דאַרף לייענען די סצענע פון „ווען יאָש איז געקומען", ווען יאָש רוט זיך אויס אויפן גראָז אין גאָרטן פון בוכלערנערס האָטעל. ער האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט אונדז דערציילן קודם וועגן אַ שמועס מיט דעם שיינעם, קלוגן און עקסטאַטישן ייד שטיינמאַן, און דערנאָך וועגן אַ היפּש פּריקרען איבער־רעד אין קיך צווישן דעם בעל הבית בוכלערנער און דער פּוילישער דינסט אַנדזשע. איצט איז ער פאַרקוקט אויף אַ בוים, פון וועלכן ס'הענגט אַראָפּ אַ מעשען בילדל פון אַן אַלטן הייליקן, וואָס האָט אַ לאַנגע באָרד און אַ שטרענג פאַרזאָרגט פּנים. דער הייליקער מיט דער באָרד איז אים געפעלן. ער האָט אויסגעזען פּאַטריאַרכיש ווי יעקב אָבינו. און פון דעם דאָזיקן „אַביסעלע געשמדטן" הייליקן, מיטן אויסזען פון יעקב אָבינו, גליטשט זיך דער סיפּור המעשה און די געשטאַלט־צייכענונג אַריין אין אַ חומשדיק בילדל, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער לובלינער קהילה, ווען די מאַמע, איטע רחל, איז געשטאָרבן און די „בני חת" פון דער „חברה קדישא" שיקן רופן דעם אַמעריקאַנער זון, ער זאָל זיך אויסדינגען אַ קבר פאַר זיין מאַמען.

דער איבערגאַנג פון רעאַליזם צו דער חומש־ראָמאַנטיק, און דערעיקרשט, וואָלט איך געזאָגט, די סטיליסטיש־מוזיקאַלישע באַהעפטונג צווישן דער וואָר פון דער לובלינער חברה קדישא און דעם ראָמאַנטיש־וויטן איבערשמועס פון אברהם אבינו מיט די בני חת פונוועגן אַ קבר פאַר דער מאַמע שרה, איז אַזוי גאַנץ, אַזוי האַרמאָניש, אַזוי אַן דעם מינדסטן גרילץ פון דיסאָנאַנס, אַז איך האָב, ווי געזאָגט, נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן צו דעם וואונדער־

לעכן בעל־תפילה פון מיין היים־שטאָט, וואָס ביי אים האָט זיך אַזוי מייסטעריש און טיף צענויפגעגאָסן זיין גאָט־בענקשאַפט פון דעם ממעמקים־רוף מיט דער נויט פון חיונה און מיט איר, אַזוי צו זאָגן, קורצטערמיניקער און דרינגלעכער בקשה: טאַטע, דערבאַרעם דיך.

גלאַטשטיינס פּראָזע דאַרף ניט קיין הפסקות און קיין „נישט דאָס בין איך אויסן", כדי אַרויסצובאַקומען ביי זיך אַ שלימותדיקע סטיליזאַציע צווישן זיין וואָר און חלום, צווישן רעאַליזם און ראָמאַנטיק.

דאָרט וואו גלאַטשטיין וויל, פּאַרקערט, אַנטלויפן פון דער ראָמאַנטיק און זוכן שוץ אין רעאַליזם און זיך אין אים באַפעסטיקן, און דאָס איז דער־עיקרשט, און צום סאַמע גרעסטן טייל, דער פאַל אין זיין ערשטן רייזע־בוך „ווען יאש איז געפאָרן" — דאָרט איז די „סטיליזאַציע פון דער אומאָרדענונג" נישט אַזאַ האַרמאָנישע און נישט אַזאַ סאָווערענע ווי אין „ווען יאש איז געקומען" און אין זיינע ליטעראַטור־קריטישע עסייען „אין תוך גענומען." די אומגלאַטקייטן אין דער „סטיליזירונג פון דער אומאָרדענונג" קומען אין ערשטן רייזע־בוך צום אויסדרוק אין דעם צום טייל איבערגעזאַלצענעם רעאַליזם מיט זיינע בולטע טענדענצן צו נאַטוראַליסטישער לעקסיק.

דאַקעגן איז אין די קריטישע עסייען פון „אין תוך גענומען" אפשר דער בולטסטער סימן פון גלאַטשטיינס ממש אַבסאָלוטער סטיליסטישער סואווערעניטעט דער וואונדערלעכער צונויפשטעל פון דעטאַל און גענעראַלי־זאַציע.

נישטאָ קיין מער אומקינסטלערישער אבן נגף פאַר עסייאיסטישער פּראָזע ווי מפסיק צו זיין מיט דעטאַלן. אָבער גלאַטשטיין קען דעם סוד פון אַזוי צו נוצן דעם פּרט, אַז ער זאָל נישט בלויז נישט שאַטן דער קינסטלעריש־קייט, נאָר ער זאָל זי גאָר אונטערשטרייכן און באַפעסטיקן. ביי גלאַטשטיינען באַשיינט דער דעטאַל די גענעראַליזאַציע. איך זאָג: דער דעטאַל איז ניט בלויז מסביר, נאָר בפירוש ער באַשיינט אויך אין עסטעטיש־סטיליסטישן זינען דעם קריטישן אויספיר.

יעקב גלאַטשטיינס פּראָזע איז אַ רייפע פּראָזע. ס'קאָן זיך דאַכטן, אַז וואָס פאַר אַ מין שבח איז דאָס? אַ גוטער שרייבער דאַרף שרייבן רייפע פּראָזע. דער אמת איז אָבער, אַז אין ערגעץ וואַקסט נישט אַזויפיל בוסר, אַזויפיל אומ־רייפע פרוכט ווי אין דעם גרויסן שיינעם גאָרטן פון פּראָזע. זעלטן אַ פּראָזע־שרייבער וואָס זאָל נישט זינדיקן מיט אַביסל גרינקייט פון מחשבה, פון געפיל און פון וואָרט אין דער מיט פון זיין רייפקייט.

ווען איך טראַכט צו גלאַטשטיינס פּראָזע־רייפקייט קומט מיר אויפן זינען דער נאָמען חיים גרינבערג ז"ל. אויך זיין פּראָזע האָט אַלעמאָל געהאַט

דעם טעם פון כולה־רייפקייט. זי איז געווען געשמאַק, ווייך און גוט פאַרן געמיט.

גרינבערגס רייפקייט איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ שטענדיק־וואַכן וועלט־באַנעם, פון דער בהקיץ געזעענער גאַנצקייט פון אַ וועלט־בילד.

יעקב גלאַטשטיין איז קודם, און אויך נאָך קודם, אַ קינסטלער און זיין רייפע פּראָזע איז געוואַקסן און צייטיק געוואָרן אין דעם הייסן שעפע־רישן קלימאַט פון זיין געמיט, פון זיין טעמפּעראַמענט.

איינער פון די פּראָמינענטסטע דיכטער פון אונדזער דור, האָט יעקב גלאַטשטיין אויך אין דער פּראָזע באַוויזן אויסצוזינגען זיין אייגענעם ניגון. ער האָט באַוויזן, אַז ווי אין דער פּאָעזיע אַזוי איז ער אויך אין דער פּראָזע אַן אמתע שעפערישע עקספּלאָזיע.

(1956)

◈

אהרן צייטלין

א.

העברעאישע פּאָעמע

ערגעץ אַרום דער מיט פון דער פּאָעמע „בין האש והישע", אויפן לאַנגן פּיינפולן וועג, וואָס פירט געאָגראַפיש פון די וואַרשעווער געטאָ־חורבות קיין צפת און גייסטיק פון פאַרצווייפלונג צו אויפריכטונג און צו גלויבן (... דרכו היתה ככה: מתהום, כרה לו אָבדן, אל אומן הובילה־הלכה) פאַרהאַלט זיך דער הויפּט־העלד שאלתיאל ציטווייליק אין תל־אביב. דאָ, אין דער ארץ־ישראלדיקער מעטראָפּאָליע קערט זיך אום שאלתיאל, וואָס איז אין תוך דער דיכטער אהרן צייטלין אַליין, צו ליטעראַטור „צו זיין געהאַסטער ליטעראַטור ... דעם גרויסן אויסבייט פאַר אמת און פאַר ווערטיקייט".

אין תל־אביב האָט שאלתיאל געשריבן לידער, וואָס איעדעס פון זיי איז געווען „אַ פאַרביק־אויסגעפּוצטער געץ און אַ רייך באַצירטע־סקולפּטור", און שאלתיאל האָט אַפילו זוכה געווען צו אַ ליטעראַרישן פּריז און צו אַ באַנקעט מיט סופּערלאַטיווע שבחים.

אָבער לאַנג איז שאלתיאל נישט פאַרבליבן ביי דער „רעליגיע פון ווערטער, וואָס — וואו איז נאָך פאַראַן אַזאַ פּלאָג ווי די דאָזיקע פּלאָג?"

דער פּאָעט שאַלתיאל דערהערט די וואָרענונג פון די ריכטער (דעם ראש־בית־דין, דעם ריכטער פון רעכטס און דעם ריכטער פון לינקס) אין דעם גייסטיקן תיקון־פּראָצעס, וואָס גייט אָן אין אים איבער דער לענג פון דער פּאָעמע, און ער קערט זיך אָפּ פון דער ליטעראַטור און פון אירע באַנקעטירער. און גובר זייענדיק די שטרויכלונג, מאַכט צייטלין דורכן מויל פון זיין אַלטער־עגאָ, דעם נאַראַטאָר, וואָס הייסט אין דער פּאָעמע „הפיטן" (דער דיכטער) אַ שאַרפן סאַטירישן סך־הכל פון דעם קינסטלערישן פּאַרנאַס, פון זיינע אָנפאַנגער און פון זיינע קלאַסיקער, פון זיינע קריטיקער, דראַ־מאַטיקער, טעאַטער־רעצענזענטן, מוזיקער און פון זיינע פּראָפעסאָרן, וואָס ס'איז ביי זיי נישט קיין נפקא מינה צווישן תהלים און דעם שרייבער קאַפקאַ —

בין ספר התהלים ולקפקא
אין, רבותי, כל נפקא
מינה.

און שטאַרק איז דעם דיכטער צייטלינס כוח פון סאַטירע, אפשר דער שטאַרקסטער אין דער שפע פון זיינע שאַפונגס־עלעמענטן. אין דער סאַטירע ווערט נישט בלויז אַרויסגעבראַכט צייטלינס קראַפט פון ראַפינירטער און עפעקטיווער געדאַנקען־פאָרמולירונג, נאָר עס קומט אין איר קודם כל צום אויסדרוק צייטלין, דער פּאָעטישער וואָרט־ווירטואָז און דער מייסטער פון גראַם — עס קומט אין דער קונסט פון פאַרניינונג צום בולטסטן אויסדרוק צייטלין, דער שפּראַך־קינסטלער, דער מאַן פון דער „רעליגיע פון ווערטער".

איך זאָג דאָס נישט, כדי צו כאַפּן צייטלין־שאַלתיאלן ביי אַ סתירה צווישן זיין קונסט־פאַרניינונג און זיין קינסטלערישקייט. אַזעלכע ווידער־אַנאַנדן צווישן אַנטי־קונסט און קונסט ווערן אין ווערק פון אמתן קינסטלער אַלעמאָל פאַרענטפערט לטובת דער קונסט. צייטלין איז אין דעם פּרט נישט קיין אויסנאַם.

אונטערשטרייכנדיק דעם ניין צו דער קונסט אין צייטלינס דראַמאַ־טישער פּאָעמע, בין איך אויסן אָנצואווייזן, אַז נישט דער מלאָך־יאָ (מלאך־הן), נאָר דער מלאך־ניין (מלאך־לאו) איז, אויב נישט דער פּאָעטישער אינספּי־רירער, זיכער דער קינסטלערישער רעאַליזירער אין צייטלינס ווערק.

די מייסטערשאַפט פון צייטלינס פּראָזאַדישע אויפטוען, זיינע וואונדער־לעכע וואָרט, גראַם און ריטם־קאָמבינאַציעס און אויך זיינע עפעקטיווסטע געדאַנק־פאָרמולירונגען ווערן דערגרייכט נישט ווען שאַלתיאל געפינט זיך שוין אין דער וואַרעמער נעסט פון אמונה, נאָר דעמאָלט ווען ער שטייט נאָך אין די צוגווינטן פון יאוש.

נישט דעמאָלט ווען דער העלד פון דער פּאָעמע, שאלתיאל, איז שוין דערגאַנגען צו דער התגלות פון השארת הנפש און פון נצח ישראל, נאָר אין יענע מאָמענטן פון טיפן צער און פּיין, ווען שאלתיאלס פאַרצווייפלונג אָנער־קענט בלויז די פאַראַנענקייט פון יידן־מאָרד, פון רצח ישראל, דערגייט צייטלינס ווירטואָזיטעט פון שפּראַך און פּראָזאָדיע צו איר העכסטער הויך.

צייטלין איז זיך באַוואוסט פון זיין גרויסער באַגאַבונג צו פּאָעטישער פאָרם־שאַפונג און — ער וואָלט די דאָזיקע גראַם־סטיכיע און ריטם־מייס־טערשאַפט גערן וועלן אידענטיפיצירן מיט דעם מלאך־יאָ (מלאך־הן) אין זיך.

ווען שאלתיאל איז שוין אין צפת, מדינת־ישראל איז שוין פּראָקלאַמירט געוואָרן און די פּאָעמע דערנענטערט זיך צו איר סוף — צו דעם העלדס געדאַנקלעך און וויזיאָנעריש שווער פאַרהאַרעוועטער דערגרייכונג פון „באמונתו הוא חי", פון אַ ניי לעבן מיט גלויבן, לאָזט צייטלין זיך דורכ־שמועסן דעם מלאך־יאָ און דעם מלאך־ניין מכוח פּאָעטישער פאָרם, און דער מלאך־יאָ זאָגט צו דעם מלאך פון ניין —

טוב. ישארו דבריך בלי חרוז.
אכן דברי אני — להם אמציאם חרוזים.
כך דרכי. על־פי טבעי אני אנוס
לחרוז.

איך ווייס נישט צי דער מלאך־ניין איז טאַקע בדרך כלל שוואַכער אויף גראַמען און אויף אַנדערע פּאָעטישע אויסדרוק־מיטלען. קען זיין. אָבער קלאָר איז מיר, אַז ביי צייטלינען האָט דער מלאך פון פייער, דער מלאך פון „ניין" די פּאָעטישע אויבערהאַנט.

די פולע מאָס פון דעם דיכטערס איראָניע און סאַרקאַזם און אויך די גאַנצע צאַרטקייט פון זיין הומאָר און פון זיינע לירישע וויזיעס שפּילט זיך פאַנאַנדער אין דער „ליל שפוט השופטים" ווען שאלתיאל טענהט זיך אויס מיט די ריכטער וועגן פּראַגעס, וואָס „גאָט האָט זיי נישט באַשיידט צו איובן".

אין יענער „נאַכט פון משפט" איז שאלתיאל דיאַלעקטיש שטאַרקער פון די ריכטער. סיי פאַן טאָד, וואָס איז אין תוך דער באַשולדיקטער, סיי דעם שטנס עדות, ווי דער טויטער הונט, די טויטע קאַץ, דער טויטער בוים און דער טויטער שטיין, זיינען געדאַנקלעך און קינסטלעריש מער איבער־צייגנדיק ווי, להבדיל, די גרויסע עדות פון „יאָ", כ'מיין אַזעלכע געשטאַלטן ווי דער אר"י, וויטאַל, בן־יוחאי, קאָרדאָווערא, דוד מלך ישראל און אַלע קולות פון צפת, איינגעשלאָסן די שטים פון בן־יוספן און דאָס קול פון דער הילצערנער בריק אין דער שול פון אר"י.

די געשטאַלטן פון שאלתיאל, דעם פרעגער און דעם אָפּפרעגער, און בכלל די געשטאַלטן פון „ניין" האָבן אין זיך זיבן לעבנס, און זייערע טענות און רייד זיינען אַזוי שאַרף, קאַנטיק און עפעקטיוו, אַז דער לייענער קען זיך פון זיי ממש נישט באַפרייען.

אַזעלכע שורות ווי פאַן טאָדס —

שרפתי את עדרו
ובזה הוכחתי העדרו,
הוכחתי את האפס,

וואָס זאָגן מיט אכזריותדיקער פשטות, אַז איך, פאַן טאָד, האָב פאַרברענט זיינע שאָף און האָב דערמיט באַוויזן, אַז ער איז נישטאָ, און האָב דערמיט באַוויזן דעם גאָרנישט, גראָבן זיך איין אין לייענערס געמיט אויף נישט אָפּצולאָזן.

דערצו קומט נאָך וואָס אין די רייד פון שאלתיאל, דעם פרעגער און פון די עדות פון „ניין" איז פאַראַן אויפבראַוז, איז פאַראַן אינעוויינעקסטער שטורעם, איז פאַראַן, ווי שוין געזאָגט, סאַטירישע און אָנקלאָגערישע קראַפט, בעת די ענטפערס און די אויפקלערונגען פון די ריכטערס זיינען אָנטקעגן דעם אפשר צו־פלעגמאַטיש, צו־רואיק, צו־נישט־מן־הסערהדיק.

די געשטאַלטן פון „ניין", אָנהויבנדיק מיט דער גייסטיק צערודערטער מאַמע, וואָס זוכט אַ נאָדל צונויפצונייען די טיילן פון איר אומגעקומענער טאָכטער; איבער שאלתיאלן, דעם מאָן אויפן שטיין פון וואַרשעווער געטאָ־חורבות, וואָס שוויגט פון זיך אַרויס זיין יאוש איבערן „דורכפאַל פון דער געטלעכקייט" (כשלון האלוהות); איבער לאָראַ בלום אין איר ערשטער סטאַדיע, ווען זי איז נאָך אַן „אומרקת", ד. ה. פאַלנע אַמעריקאַניזירט און פרעמד צו די יידישע געשעענישן; איבער שאלתיאלן אין דער „נאַכט פון משפט"; איבער פאַן טאָדן און דעם שטן און ביז צו דעם סאַברע־בחור (הצבר) אין צפת, וואָס לייגט אויס פאַר שאלתיאלן זיינע שאַרפע עקזיסטענציאַליס־טישע רייד פון גאָט־און געשיכטע־פאַרניינונג — אַלע זיינען זיי געשטאַלטן, וואָס שפּאַנען אַריבער איבער זייערע רייד און באַזעצן זיך אין אונדזער פאַנטאַזיע. אַפילו ווען מיר זאָלן פאַרגעסן וואָס זיי האָבן געזאָגט, בלייבן זיי לעבעדיקע פאַר אונדז. מיר זעען זיי און הערן זיי שטומערהייט טענהן פאַר אונדז און קעגן אונדז.

וואָס שייך אָבער די געשטאַלטן פון „יאָ", מיט דער אויסנאַמע פון דער ליריש־דורכנעמענדיקער זעאונג פון שאלתיאלס אומגעקומענע פרוי און קינד,

איז אין זיי צומאָל פאַראַן צו פיל „עקס ליבריס״, צו פיל געלערנטקייט, צו פיל רמזים און אָנווינקעגישן צו ספרים און צו ספּעציעלע מקומות אין די ספרים, און דאָס פאַרנעפּלט דאָ און דאָרט אַפילו אַזאַ לייכטע ווירטואָזע און קלאָר־דורכזיכטיקע שפּראַך ווי צייטלינס, און מינערט, ווי מיר דוכט, פון דער פולער לעבעדיקייט פון די געשטאַלטן.

אָבער אַלע דריי טיילן פון דער פּאָעמע שטראָמען איבער ממש פון צייטלינס פּראָזאָדישער אויפטוערישקייט.

ראשית, האָט צייטלין, דער דיכטער, באַוויזן אין אַ בוך פון פיר הונדערט זייטן פערזן אָפּצושאַפן, און פולשטענדיק אָפּצושאַפן, די מאָנאָטאָנישקייט פון ריטם. די וואַריאַציע פון די ריטמען איז אַן אויסנעמלעכע. אָט זיינען די שורות שמאָל און זייער גאַנג אַן אימפּעטיקער, אַ יאָגנדיקער ווי איבער מכשולים. און אָט ווערט די שורה ברייט, עפּיש־רחבותדיק און איר טראָט איז אַ זיכערער און אַ מילדער. אָט איז אַ ליד וועגן דער מלכה שבת אין מיסטיש־זיסן ריטם פון „לכה דודי״, און אויף דער זייט דערנעבן יאָמערן די „קליפּות עצבות״ אין קורצע שורות פון אַ פּאַלקלאָריסטישן רעטעניש, און דער ריטם איז ווי פון דריבנע קרעכצן פון זקנות, וואָס עס איז זיי שווער צו עפענען ס׳מויל. און דערצווישן קומט צום וואָרט דער נאַראַטאָר (הפיטן) אין אַ ליד, וואָס הערט זיך ווי אַ שטיק פיוט מיט טעקסט פאַרן בעל תפילה און מיט רעפרענען פאַרן עולם צום איבערחזרן אויף אַ קול.

דאָס זיינען בלויז געציילטע פון די ריטם־וואַריאַציעס, אָבער זיי זיינען אַ סך מער ווי עטלעכע און זיי פאַרכאַפּן און איבערראשן דעם לייענער אַלעמאָל מיט אַ נייער אַנדערשקייט, אָדער, לכל הפחות, מיט אַ נייעם קנייטש פון אַנדערשקייט.

און מיר דוכט, אַז נאָך מער פּראָזאָדישע דערגרייכונג ווי די אָקאָרשט דערמאָנטע פילפאַרביקע און פילקלאַנגיקע וואַריאַציע פון ליד צו ליד איז צייטלינס אויפטו, וואָס עס איז אים געלונגען צו ברעכן דעם אין עצם מאָנאָטאָנעם מלרע־ריטם פון דער ספרדישער הברה, אין וועלכן ער האָט געשריבן די פּאָעמע.

דער ריטם פון דער ספרדישער הברה, וואָס שטעלט דעם טראָפּ אויף דער לעצטער זילב פונעם וואָרט, ווערט נישט בלויז זייער אָפּט מאָנאָטאָן, נאָר דורך דער שטענדיקער מלרע־באַטאָנונג גייט אַ סך מאָל פאַרלוירן די לירישע ווייכקייט פון דער שורה. וואָרעם ווי שטיל דער דיכטער זאָל נישט וועלן רעדן אין זיין ליד, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז ער רעדט העכער און אַמאָל אַפילו בקול רם, ווען אין אויער פונעם לייענער און הערער קלינגט אָפּ דער שטענדיקער קלאַפּ אויף דעם לעצטן טראַף פונעם וואָרט. אָט דער

קלאַפּ רייסט זיך אַריין ווי עפּעס אַן אויסגעשריי אין דער שטילקייט פון דער פּאָעטישער שורה.

ווי אַזוי האָט צייטלין בייגעקומען אָט דעם מאַנגל פון דער ספרדישער הברה אין ליד? ער איז נישט אָפּגעגאַנגען פון דער ספרדישער הברה, נאָר ער האָט באַוויזן צו נוצן אַזעלכע ווערטער, וואָס זיינען אויך על־פּי ספרדישער הברה מלעיל.

טויזנטער מלעיל־ווערטער, ווערטער מיט צוויי פּתחן, מיט אַ חולם און פּתח, מיט אַ חולם און סגול, און דערעיקרשט צוויי־און־דריי־זילביקע ווערטער מיט סגולים האָט צייטלין אַריינגעבראַכט אין זיין פּאָעמע. עס איז צו שטוינען מיט וואָס פאַר אַ נאַטירלעכער גראַציעזקייט עס קומען דאָס צו גיין די צוויי סגולדיקע ווערטער פון אַלע ווינקלען פון דער העברעאישער שפּראַך און פון אַלע אירע צייטן און שוועבן אַריין אין די לידער, אין די מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן פון דער פּאָעמע.

איך שטרייך אונטער זייער נאַטירלעכע גראַציעזקייט, ווייל עס דער־קענט זיך נישט אויף די ווערטער די מי פון „געזוכט ביז געפונען", און אויך נישט די פאַרמאַטערטקייט פון דורכגעמאַכטער שפּראַך־אָפּעראַציע.

דער דאָזיקער אויפרייס פונעם מלרע־ריטם פון דער ספרדישער הברה דורך דער שפע פון אירע אייגענע מלעיל־ווערטער, וואָס ברענגען אַריין אַן אַ שיעור ווייכע לירישקייט אין דער שפּראַך, איז בלי ספק אַ גרויסע פאָרם־דערגרייכונג, וואָס מיט איר האָט צייטלין, דוכט זיך, געמאַכט אַ שטיק רעוואָלוציע אין דער העברעאישער פּאָעטיק.

ב.

יידישע לידער

דער דיכטער אהרן צייטלין רעגט מיך פאַר אַלעמען מיט זיינע רעלי־גיעזע לידער. נישט וואָס עס זאָל פעלן רעליגיאָזיטעט אין אונדזער יידיש־פּאָעזיע, אָבער די רעליגיאָזיטעט, אויף וויפיל זי איז עכט, איז זי ביי אַ גרויסן טייל פון אונדזערע פּאָעטן דער אויסדרוק פון דעם פרום־יידישן לעבנס־שטייגער, וואָס האָט מחמת אַזוי פיל דרויסנדיקע און אויך אינע־וויניקסטע טעמים, אויפגעוואַקסט אין געמיט און אין ליד פונעם יידיש־דיכטער פון אונדזער דור — אויפגעוואַקסט מיט תפילה, מיט הכנעה און מיט אויסטענהרישקייט.

יידיש הייסט איינזאַם
איינזאַם הייסט תפילה,

זאָגט צייטלין אין זיינס אַ ליד צום אָנדענק פון אַ וואַרשעווער שרייבער, אַ פּליט, וואָס איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק. די מערכה פונעם יידיש־דיכטער אויף די חורבות פון אַ טויזנט־יעריקן יידישן לעבן און אויף די „שומר מה מליל" פּאָזיציעס קעגן שנאה און גלייכגילטיקייט פון אַן אַסימילאַטאָרישן אַרום האָט געמאַכט, אַז דאָס יידיש־ליד אין זיין איינזאַמקייט זאָל וויברירן מיט תפילה פון אומקער און מיט תפילה פון תשובה.

תפילה האָט בפירוש צו טאָן מיט רעליגיע, אָבער רעליגיע גופא איז ניט תפילה, נאָר דראַמע. און אהרן צייטלין געהערט צו די געציילטע צווישן אונדזערע פּאָעטן, וואָס זיינען רעליגיעז־דראַמאַטיש.

צייטלין איז אַ יידיש־דיכטער, וואָס איז געקומען צו אונדז פון די טיפענישן פון אַ יידישער וועלט־אַנשויאונג. ער איז דיכטעריש און איני־טעלעקטועל אַ קינד פון דער אידייע פון יידישער רעליגיע. ער איז אין זיין פּאָטערס שטוב געזעסן נישט ביים סאַמאָוואַר פון לעבנס־שטייגער, נאָר ביים שרפנדיקן קאַלך־אויוון פונעם יידיש־רעליגיעזן נגלה און נסתר.

רעליגיעזקייט, האָב איך געזאָגט, איז דראַמע, די דראַמע פון פאַר־צווייפלונג און פון עקסטאַטישן גלויבן. און עס איז אין דעם פרט נישט פאַראַן קיין מוקדם ומאוחר. אַמאָל — קודם די פאַרצווייפלונג און דערנאָך דער עקסטאַז פון גלויבן, און אַמאָל פאַרקערט. ס'איז געפונען און פאַרלוירן, פאַרלוירן און געפונען.

און קיין מער דרייסטקייט ווי רעליגיע איז גאָר נישט געמאָלט. דער רעליגיעזער מענטש איז נישט בלויז מוטיק קעגן טויט, ווייל „גאָט איז מיין פּאַסטוך, מיר וועט ניט פעלן" (הד' רועי, לא אחסר), נאָר ער איז אויך מוטיק קעגן גאָט, ווייל ער האָט די זעאונג פון אייביקן לעבן.

דער רעליגיעזער מענטש איז אי טראַגיש און אי גליקלעך. ער איז דער פאַרצווייפלסטער און דערפאַר גלויביקסטער —

> נישטאָ קיין אומפאַרענטפערטע למאי'ען.
> פאַראַנען בלויז פאַרפלאָנטערטע דערפאַרן.

און דער „דערפאַר" וואַקלט זיך אַהין און צוריק איבער סכנות, איבער תהומען פון סכנהדיקע זעאונגען פון וואָר און חלום.

דער רעליגיעזער מענטש איז בטבע אַ קעמפערישער און נישט קיין הכנעהדיקער. ער איז נישט קיין צדיק, נאָר אַ נביא.

צדיק מיינט בלויז די קאָנטעמפּלאַציע פון עפּעס אַן ענדגילטיקער מנוחה אויף אויסגעחלומטע גן־עדן־פעלדער, בעת דער נביא איז דראַמאַטיש־פיינפולע און אָפט פאַרצווייפלטע זעאונג פון דעם מענטשנס קאַמף מיט זיך און מיט

גאָט ערב דעם אחרית הימים, וואָס בלייבט אייביק בלויז ערב דעם טאָג און נישט דער טאָג אַליין.

אני ידעתי איש משורש נביא
זה היה אבי —

זאָגט אין איינעם פון זיינע העברעאישע לידער אהרן צייטלין וועגן זיין פאָטער ר׳ הלל. און אַזוי „משורש נביא״ לעבט די געשטאַלט פון ר׳ הלל צייטלין אויך אין מיין געמיט, כאָטש איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען און קען אים בלויז פון זיינע שריפטן.

האָב איך טאָקע דערפאַר נישט גורס געווען אהרן צייטלינס אַריינפיר צו זיין פאָטערס בוך וועגן ר׳ נחמן בראַצלאַווער, וואָרעם דאָרט, אין דער עסיי פון זיין זון, ווערט הלל צייטלין אין אַ היפשער מאָס אויס נביא און מער צדיק. עס גייט פאַרלוירן אונטער דעם זונס געדאַנקלעכער קאָנסטרוקציע פון דעם פאָטערס געשטאַלט די רעליגיעזע דראַמאַטישקייט, וואָס האָט מיך תמיד צוגעצויגן אין הלל צייטלינס שריפטן.

איך האָב דערמאָנט די עסיי פונעם טראַכטער צייטלין, וואָרעם די זעאונג פונעם דיכטער צייטלין וועגן דער געשטאַלט פון זיין פאָטער איז אַ היפשלעך אַנדערע. אין אַ ליד, וואָס הייסט „דראַמעס״, דערציילט אהרן צייטלין, אַז זיין פאָטער האָט זיך מתנצל געווען פאַר נישט קומען אין טעאַטער, ווייל „איך האָב״, האָט ער געזאָגט, „מיין אייגענעם טעאַטער״ —

...ווי ער זיצט אַזוי אין זיינע דלד אמות,
ווערן אין אים נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד, —
נישט געזען פון קיינעם, קיינעם נישט באַקאַנט, —
אויסגעשפּילט דראַמעס.

און די „אויסגעשפּילטע דראַמעס״ — זיינען מיר מוסיף אַ קאָרעקטיוו פון אייגענער לייענערישער דערפאַרונג — הגם פון קיינעם נישט געזעענע, לויכטן זיי אַרויס און פינצטערן אַרויס פון די ווערטער און פון די שורות און פון די געדאַנק־ און געמיט־סתירות, אין וועלכע זיי זיינען געשריבן געוואָרן.

דער טראַכטער קאָנסטרואירט געדאַנקען און בילדער; דער פּאָעט לעבט זעאונגען. איינס איז דער גראַנגל נאָך מחשבהדיקער און בילדערישער שלימות און עפּעס אַנדערש איז וואָס אהרן צייטלין דערציילט אונדז אַזוי משלדיק שיין און טיפזיניק וועגן בוים, אַז —

פון רגע צו רגע געוואַקסן,
ביז דער אָן־אָפּשטעל פון וואוקס
האָט ווי־טאָן גענומען דעם בוים,
האָט ער פרעגן גענומען: וואָס בין איך?

אַט די פּיינפולע ביאַלאַגישע מוזיק איז דער גייסט, וואָס פון איר וואַקסט ביים שעפערישן מענטש אַרויס די רעליגיעזע דראַמע מיט אַלע אירע יאוש־דיקע קשיות און עקסטאַטיש־גלויביקע תירוצים. ווי ביי אַט דעם משלדיקן בוים גייט אויף אויך דעם דיכטער צייטלינס רעליגיעזע דראַמע פון דער פּיינפולער קלאַנגען־וועלט פון זיינע אָרגאַנישע פּאָעטישע זעאונגען. נישט אומזיסט האָט צייטלין אָנגערופן זיין ליד פון „בוימישן" געראַנגל מיט טאָג און נאַכט „ווערטער פאַר מוזיק". דער דאָזיקער זייער געראָטענער נאָמען פון דעם געראָטענעם ליד אַסאָציאירט זיך אין מיין געמיט צו ניטשעס „געבורט דער טראַגעדיע אויס דעם גייסטע דער מוזיק". עס איז נישט בלויז געדאַנקלעכע אַסאָציאַציע. עס איז די הייסע טעמפּעראַטור פון די דראַמאַ־טישע זעאונגען, וואָס מאַכט וואָר אין לייענערס געמיט דעם טעקסט פון צייטלינס ליד ווי ווערטער פאַר דער אייביקער מוזיק פון דעם מענטשנס טראַגישן אַהער און אַהין צווישן דעם טאָג, וואָס „צי אַרויס אונדז פון דער נאַכט!" און פון דער נאַכט, וואָס „קום באַהאַלט אונדז פון אים, נאַכט".

עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז אהרן צייטלין איז אַ צערעבראַלער דיכטער. דאָס איז אמת, אָבער דאָס איז, לדידי, פון די קליינע חסרונות. פאַרקערט. אַן געדאַנק איז אָפט נישטאָ קיין גרויסקייט. נישט איינמאָל עפנט ערשט די מחשבה די ברייטע האָריזאָנטן פאַר דער דיכטערישער עמאָציע. דער געדאַנק איז אַ סך מאָל בבחינת פון דעם קליינעם יינגל, וואָס פירט אין דעם נביאס אחרית־הימימדיקער זעאונג דעם לייב שפּאַצירן.

אָבער יעדער שינוי אין דער נאָר וואָס מעטאַפאָריש פאָרמולירטער מאַכט־פּאָזיציע צווישן אינטעלעקט און דיכטערישער זעאונג קאָן ברענגען שאָדן דעם ליד. פּאָעטן פון קלענערן קאַליבער קאָנען שווער ניזוק ווערן, אָבער אַפילו אַ דיכטער פון אַזאַ פאַרנעם ווי אהרן צייטלין קאָן אין אַזאַ פאַל נישט אַרויס קיין פּטור בלאָ כלום.

צייטלין איז נישט בלויז אַ קענער פון קבלה, נאָר אַ מענטש, וואָס דענקט מיט די באַגריפן פון יידישער מיסטיק און זעט דורך אירע בילדער. און טאַקע דאָ, וואו ער איז געדאַנקלעך און בילדעריש אַזוי אין דער היים ביים אידייאיש געגרייטן טיש — דאָ באַווייזט זיך צומאָל דער שאָדן, וואָס עס ליידט צייטלינס ליד פון דער אינטעלעקטועלער אויבערמאַכט.

דער שאָדן באַשטייט אין דעם, וואָס דער אינטעלעקט קילט אָפּ די טעמפּעראַטור. און אין דער קילער טעמפּעראַטור איז פאַר דעם לייענער שווער מבחין צו זיין צווישן מחשבה, וואָס בליט אַרויס פון אָרגאַנישער זעאונג, און דעם בילד, וואָס איז אַן אילוסטראַציע פון געדאַנק.

אָבער אויך דעמאָלט, ווען דאָס פּאַסירט, און אַלע אַנדערע מאָל און תמיד, מוז מען נתפּעל ווערן פון צייטלינס געדאַנקן־דיאַלעקטיק, פון זיינע

שאַרפזיניקע דעפיניציעס, פון זיין שפּראַך־ווירטואָזיטעט, פון דער וואַרי־אירטקייט פון זיין פּערז און פון דער שפע פון אָריגינעלע גראַמען.

עס ווימלט ביי ציטלינען מיט פאָרמולירונגען און דעפיניציעס וואָס אַחוץ דער מעלה פון זייער ראַפינירטן, פּרעציזן און דערביי עפּעס גאָר נישט קאָמפּליצירטן וואָרט, פאַרמאָגן זיי נאָך די באַזונדערע און, דאַכט זיך, סאַמע העכסטע קוואַליטעט פון פולער געדאַנקלעכער אויסשעפּעוודיקייט. וואָס איז נאָך דאָ מוסיף צו זיין צו אַזאַ דעפיניטיווער כאַראַקטעריזירונג פון דער ייִדישער אחרית־הימים און משיח־קאָנצעפּציע ווי ס'גיט זי ציטלינס מטטרון און זיין וויכוח מיט פּאולוסן ?!

זאָגט מטטרון —

אויך איך באַגער, געשיכטע זאָל זיך אויסלאָזן,
נאָר נישט דורך אונטערגאַנג פון פליש — דורך העכערגאַנג!
נישט דורך אויסטראַכט קומט גאולה, — ניין, דורך טראַכט,
דורך בלוט־געבורט!

און אויף פּאַולוסעס רעפּליק אַז —

„דאָס פליש
געבוירט נאָר אומצוכט, דיין משיח וועט נישט קומען,

ענטפערט מטטרון —

דער מאַן און וויב געבוירענער משיח
איז פאַראַן, פאַראַנען אין מיין זעאונג —
און איך באַוועגער, וויל אַזוי באַוועגן,
אַז מענטש זאָל אים פאַרוואַנדלען אין געשעאונג.

דער געדאַנק איז חידושלעך פּרעציז פאָרמולירט און די שפּראַך־נייקייט און דער וואונדערלעכער גראַם פון זעאונג מיט געשעאונג מאַכט נאָך פינקטלעכער און דערעיקרשט נאָך אויסשעפּענדיקער די ייִדישע קאָנצעפּציע פון געשיכטע־אויסלאָז און פון משיח־אָנקום.

נישט ווייניקער פאַרכאַפּנדיק ווי די רעליגיעזע דראַמע איז די דראַמע פון די ווערטער אין ציטלינס לידער.

ווער ס'וויל זען אין וואָס פאַראַ געראַנגל עס שטייט ציטלין דער מייסטער פון וואָרט און גראַם מיט דעם וואָרט, וואָס פאַראַ ווידערווילן, וואָס פאַראַ אומצוטרוי עס האָט דער דיכטער צו זיין וואָרט, דער דאַרף לייענען דאָס ליד „ווערטער", וואו ציטלין קלאָגט זיך, אַז —

און בעטל ביי גאָט דאָס וואָרע וואָרט —
און שטאַרב אין מיין בעטלען אַ נישט־דערהערטער.

ווער ס׳וויל מיטלעבן די דראַמע דאַרף לייענען צייטלינס לירישע „תפילה קודם התפילה״, וואו דער פּאָעט בעט —

כ׳זאָל זוכה זיין זאָגן תהלים.
תפילה איז פאַר אַ ייד,
קונסט — פאַר עובדי אלילים,

און דערעיקערשט דאַרף מען לייענען דאָס קליינע אויטאָ־סאַטירישע ליד וועגן „דער אהרן שלאָגט דעם אהרן״ —

ווען מען קאָן אָרן, וואָס איינער אַן אהרן
וואַרפט זיך אין פּאַראַקסיזמען?
אַבי די גראַמען טוען גראַם־שטראַמען,
אַבי ס׳באַקומט זיך אַ פזמון.״

מיר ווייסן, פאַרשטייט זיך, אַז דער וואָס שרייבט קעגן דער מאַכט פון ווערטער און וויל זיי סאַטיריש עוקר מן השורש זיין — אויך ער נוצט ווערטער, נישט מער ווי ווערטער, און וויל (ווי עס האָט דאָס געוואוסט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק דער טיפער און עספּרי־פולער פראַנצויז פּאַסקאַל) אונדז געפעלן מיט זיינע ווערטער.

אָבער אין אָט דער סתירה ליגט דאָך אַ שטיק טראַגעדיע פונעם מענטשנס געמיט. ווער עס קאָן אָט די סתירה שעפעריש אַנצינדן, אַז זי זאָל ברענען אויף אַן אמת, און עכט, דער האָט אונדז אַנטפּלעקט טיפענישן פון דער שאַפונג־דראַמע.

אין צייטלינס לידער, אין די אַזוי לייכטע, אַ סך מאָל אַזוי שפּילעוודיק לייכטע ווערטער, וואָס פירן ביי דער האַנט נישט איין פאַרטיפטן געדאַנק און נישט איין צערדיק פיינפולע זעאונג, פלאַקערט אָט דער טראַגישער ספּעקטאַקל פון מלחמה קעגן דער גאָב פון וואָרט אויף צו דערגרייכן דאָס וואָרע וואָרט. עס ראַנגלט זיך די פּאָעטישע גאָב פון שיינקייט מיט דעם דיכטערס יידישער וועלט־אַנשויאונג פון מאָראַלישער שלימות.

אַוודאי טרעפט צומאָל, אַז די שפּראַך־גרינגשאַפט איז גובר ביי צייטלינען און דאָס ליד הערט אויף צו זיין טראַגישער געראַנגל און ווערט פאַרשפּילטער שפּיל פון ווערטער.

אָבער מיט קליינע אויסנאַמען בלייבט דער זיגער דורכאויס דער דיכטער. און נישט בלויז דעמאָלט, ווען ער האַלט אַן דעם שלום־בית צווישן דעם גרינגן און רעאַליסטיש־נגלהדיקן וואָרט מיט דער מיסטעריע פון זיינע קאָמפּליצירטע איבערלעבענישן און זעאונגען, נאָר אויך דעמאָלט, ווען ער אַנטפּלעקט פאַר אונדז די גרויסע, ממש אומהיימלעך־גרויסע, עשירות פון

זיין יידיש־שפּראַך און באַוויזט צו האַלטן די דאָזיקע רייכקייט אין צוים פון וואונדערלעכער קינסטלערישער דיסציפּלין.

עס גייט דאָ נישט בלויז וועגן שפּראַך־ווירטואָזיטעט, נאָר וועגן קענען די שפּראַך ערגעצוואו ביז צום סאַמע דנאָ. אין די פּאָעמעס, למשל, וועגן „יידישע שדים" און וועגן ר' שמואל ראש־מדינה, וואו באַלאַדע מישט זיך מיט מעשהלע און דער פּאַטאָס פון דראַמע פירט אַ מוזיקאַלישן דועט מיט הומאָר און פריינגעמיטיקייט איז צייטלינס פּאָעטיש לשון פול אי מיט לומדישע אַסאָציאַציעס און אי מיט פאָלקלאָריסטישע זאָגענישן. עס זיינען דאָרט פאַרטראַטן אי די מילדע רייד פון תחינה און אי דער שאַרפער חיתוך הדיבור פון מוסר.

ווען ר' משה אין צייטלינס באַלאַדע „שמואל ראש המדינה" פלעכט אַריין אין דער שמונה־עשרה אַ תחינהדיקע תפילה צום —

אב הרחמים, האָר פון די פאַרגעבונגען!
דו ביסט דער באַרעמהאַרצעדיקער מלך,
וואָס טוט מיט די באַשעפענישן גנאָד,

און בעט זיך ביי גאָט אַז וואָס האָט עס —

פאַר אַ באַטרעף ביי דיר צו מאַכן קלענער,
צו מאַכן מינדער ווייסיק דיין ידיעה,
דיין וויסן וועגן שמואל ראש מדינה?

האָט ער דאָ קודם דורכגעפירט אַ קינסטלערישן קשר של קימא צווישן תחינה־לשון און קבלה־געמיט. אָבער דער הויפּט־אויפטו באַשטייט אין דעם, וואָס ר' משהס תחינה־לשון איז פריי פון אַלע לירישע זיסלעכקייטן און פון ווייבערישער טרערנדיקייט. ס'איז אַ תחינה־לשון וואָס צייטלין האָט גע־לייטערט פון דעם מעלאָדראַמאַטישן טפל און איבערגעלאָזט אין אים בלויז זיינע בראשיתדיקע, דראַמאַטישע תמציתן. דאָס תחינה־לשון אין מויל פון ר' משהן איז אַ מאַנצביליש, אַ רעליגיעז־קעמפעריש לשון, און עס איז שפּראַך־אויפטו און שפּראַך־באַנייאונג אין שענסטן זין פון וואָרט.

מיר דאַכט, אַז אַזוי אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון יידיש האָט בלויז נאָך איין יידיש־העברעאישער דיכטער, אליעזר שטיינבאַרג (אפשר קאָן דאָס טאַקע זיין בלויז אַ דיכטער פון אונדזערעביידע לשונות). און ערשט, טראַכט איך, וואָלט אליעזר שטיינבאַרגן אויך אָנגעקומען שווער צו פאַר־יידישן אַזוי מייסטעריש אי אונדזער אַראַמעאישן קדיש און אי אָווידיוסעס לאַטיינישע „מעטאַמאָרפאָזן".

איציק מאַנגער

א.

לאָמיר גיין קיין װערביש

שרײבנדיק װעגן איציק מאַנגערס פּאָעטיש װערק בין איך באַרעכטיקט צו אַ ספּעציעלער אױפּציטערניש פון געמיט, װאָרום דעם דיכטערס לעבן און די קנאַפּע פערציק יאָר פון זײן ליד רױשן צו מיר מיט דער דערמאָנונג פון איבערלעבענישן אין שײכות מיט בשותּפותער לאַנדשאַפט און טרױמשאַפט פון יוגנט, אין שײכות מיט בשותּפותע האָפנונגען, ראַנגלענישן און דער־גרײכונגען, אין שײכות מיט אַזױ פיל נאָענטע און װײטע געשטאַלטן.

װען דער שנײדער־געזעל נטע זינגט און רופט אין אַ ליד פון זײן ברודער איציק, דעם פּאָעט —

„לאָמיר גיין קיין װערביש
„(װער ס'װיל קאָן פאָרן)
„דאָרטן שפּילן זיך בײַם פּרוט
אונדזערע קינדער־יאָרן,"

נעם איך אונטערן אָרעם מײן אײגן פּעקל בענקשאַפט און יוגנט־זעאונג און שפּאַן מיט אין אַ װאָרעמען שבת־נאָכמיטאָג מיט קאָלאָמײער „עמך", בעל־מלאכהס אין דאַרע קאַפּעלושן, זײערע פרױען אין געבלימטע קלײדער, זײערע געזעלן אין שיך מיט אַמעריקאַנישע פּיסקעס און זײערע קינדער אין מאַרי־נאַרסקע אָנצוגלעך, אַרױס פון שטאָט צום נאָענטן דאָרף װערביש, װאו מען זיצט אונטערן פרײען הימל בײַם פּרוט, מען עסט ברױט מיט פּוטער מיט חודש־רעטעכלעך און מען פאַרטרינקט מיט אַ קאַלטן גלאָז אָקאָטשימער ביר.

און פון ממשותדיקן װערביש בײַם פּרוט, װאו איציק און נטע זײנען געװען בלױז צו גאַסט, אײניקלעך געק׳מען צו זײער זײדן אין קאָלאָמײ, פירט דער װעג איבער דער שפּעטער אין שכנות אױפגעקומענער פּױליש־רומענישער גרענעץ צו די אַנדערע „װערבישס" בײַם פּרוט — צו טשער־נאָװיץ בײַם פּרוט, װאו עס האָבן זיך געשפּילט מאַנגערס קינדער־יאָרן און צו יאַס בײַם פּרוט, װאו עס האָבן געברױזט דעם דיכטערס ײנגל־יאָרן און פון דאָרט צו דער רעזידענץ־שטאָט פון װאַלאַכיש לאַנד, בוקאַרעשט, װאו דער אַכט־און־צװאַנציק־יאָריקער, אין דער ײדישער רומעניע שױן הײס־אַפּלאָדירטער פּאָעט, האָט אױפגעזאַמלט זײן ערשט ביכל לידער און זײ אױסגעשטערנט מיט זײער ליכט װי „שטערן אױפן דאַך".

איך דערמאָן דאָ רעגיאָנאַליסטישע דעטאַלן פון דעם װאונדערלעכן אַל־ײדיש־פּאָעטישן סך־הכּל, װאָס הײסט איציק מאַנגער, צוליב צװײ טעמים.

ערשטנס, צוליב אַ ביסל יידישער איבערגעמערישקייט. פאַר די אַן אַן ערך זעקס הונדערט יאָר פון היסטאָרישער פאָלקישקייט אין די דרום־מזרח־דיקע קאַנטן, וואָס ציען זיך פון די רויט־רייסישע קאַרפּאַטן־בערג ביז צום אַריינגוס פונעם דונאַי אין שוואַרצן ים, איז דער נאָמען איציק מאַנגער דער גרעסטער פּאָעטישער נאָמען נישט בלויז ביי יידן, נאָר אויך ביי אַלע אַנדערע פעלקער אויף יענע שטחים — דער גרעסטער, נישט פאַרגעסנדיק דערביי, אַז רומעניע האָט אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט פאַרמאָגט אַ דיכטער פון אַזאַ געדאַנקלעך־לירישן פאַרנעם ווי מיהאַי עמינעסקו, און די אוקראַאינער אַזאַ נאַציאָנלן צער־דיכטער ווי טאַראַס שעווטשענקאָ.

דער צווייטנס איז שוין נישט קיין עמאָציאָנעלער, נאָר אַ פּרינציפּיעל־זאַכלעכער.

מיר דאַכט, אַז פּונקט ווי דער פאַרויסבאַדינג פאַר אוניווערסאַליזם אין דער ליטעראַרישער שאַפונג איז איר נאַציאָנאַלע פאַרוואָרצלטקייט, אַזוי איז דער יסוד און דער פּרוואָושטיין פאַר דער אַל־נאַציאָנאַלישקייט פון אַ ליטעראַריש ווערק זיין רעגיאָנאַליסטישער שורש, זיין שבטימדיקע פאַרב און קלאַנג. איך וואָלט געזאָגט: וואָס מער נאַציאָנאַל, אַלץ מער אוניווערסאַליסטיש און וואָס באַפעסטיקטער אין די טיפענישן פון רעגיאָנאַלן און שבטימדיקן שטייגער, אַלץ ממשותדיקער נאַציאָנאַל, אַלץ זיכערער נאַציאָנאַל.

און ווען איציק מאַנגער פּרעזענטירט זיך אין זיין אַריינפיר צו די „חומש־לידער" ווי „איין חיט אויס וואַלאַכיש לאַנד", איז דאָס פאַר מיר נישט בלויז דעם פּאָעטס אַ שפּילעוודיקע געאָגראַפיש־פּאָליטישע אויטאָ־לעגיטימאַציע אין אַלטן נוסח פון וואַנדערנדיקע טרובאַדורן, נאָר איך דערפיל אין די ווערטער דעם דיכטערס אַן ערנסטן אָנוואונק אויף זיין פּאָעטישן יחוס און דערעיקרשט אויף זיין גרויס־פּאָעטישן אויפטו.

און דער אויפטו באַשטייט אין דעם, וואָס מאַנגער האָט די ספּעציפישע זינגעוודיקייט פון הונדערטער יאָרן רעגיאָנאַלן פאָלקס־געזאַנג דערהויבן דורך זיין ליד צו אַל־יידישער מוזיק, דערהויבן צו דער נאַציאָנאַלער מוזיקאַלישקייט פון יידיש־פּאָעטישן וואָרט.

עס איז דאָס, גלויב איך, אַן אויפטו פון לוטערישן פאַרנעם, אַ דערגרייכונג צו פאַרגלייכן מיט יענער, וואָס דערהויבט אַ דיאַלעקט צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור־שפּראַך.

מאַנגערס דיכטעריש וואָרט איז דאָס זיסטע און מוזיקאַלישסטע אין אונדזער פּאָעזיע. נישט געמלאכהט זיס און אויך נישט אָרקעסטרירט מוזי־קאַליש, נאָר זיס און מוזיקאַליש על פּי סאַמע אייגענער שעפערישער עצמ־

דיקייט און על פּי ירושה פון דורותדיקער וואָרט־נגינה ביי יידן און פון געזאַנג ביי זייערע שכנים.

עס האָט זיך באמת, טראַכט מען, געלוינט די שאַפונג פון דורות. עס האָבן זיך געלוינט די אַלע פלויערס און פייפלעך פון דער „דאַינאַ" און פון דער „גילדענער פּאַווע". נישט אומזיסט האָבן יידישע שניידער־געזעלן און דינסטמיידלעך פון בכל דור ודור געזונגען וועגן זייערע ליידן און פריידן, וועגן זייער שרעק און האָפענונג, וועגן זייער בענקשאַפט און ליבע. נישט אומזיסט אויך — די אייזערנע קייט פון אַרענדאַרעס, בעל־מלאכהס און בעלי־בתישע יידן, וואָס האָבן צווישן די קאַרפּאַטן און דעם דונאַי וויזניקער תורה געלערנט און וויזניקער גמרא געקנעלט, אָבער דערפאַר אַזוי לאַנג, אַזוי נאַגנדיק, אַזוי האַפערדיק, אַזוי פאַרשייט און טרויעריק געציקלט זייערע ניגונים — זיי האָבן זיך דערוואַרט אויף זייער תיקון אין דער מוזיק פון איציק מאַנגערס קינסטלערישן וואָרט.

ביי אונדז און ביי זיי, אין אונדזער אייגענעם סאָד פון דיכטונג און אין די פּאָעזיע־גערטנער פון די אומות־העולם, איז מאַנגערס ליד אַ זעלטענע פּרי:

עס איז אַ זעלטן שיינע און פּיקאַנטע פּרי, וואָרעם עס איז אַ ליד, וואָס איז אַזוי איינפאַך און פּשוט און אין דער זעלבער צייט אַזוי דין דאַפינירט;

עס איז אַ ליד, וואָס איז אַזוי האַרץ־רייסנדיק טרויעריק און צו דערזעל־בער צייט אַזוי פול מיט איראַנישן שמייכל און מיט זוניקן הומאָר;

עס איז אַ ליד, וואו דער זשעסט פון לעסטערונג (ווען איך זאָל נישט מורא האָבן, אַז מען זאָל מיך שלעכט פאַרשטיין, וואָלט איך געזאָגט, דער כוליגאַנישער זשעסט) און דער הייליק־רעליגיעזער ציטער זיינען „אַזוי פון גאָט אַ פּאָר".

אָט זיינען עטלעכע שורות פון דער „כתובה", וואָס דער דיכטער האָט געשריבן פאַר דעם „פון גאָט אַ פּאָר" פון לעסטערונג און הייליק־רעליגיעזער ציטערניש אין זיין ליד „די תפילה פון איוואַן דעם שיכור".

טענהט איוואַן אַזוי —

„ווייל דאָס פאַרשטיי איך בעסער פון דיר,
„איידער מיט תפילות איז בעסער מיט געלט
„צו גיין, ווי מיר גייען איצטער־אָ
„באָרוועס איבער דער ברייטער וועלט —
„דער וועלט, דער קראַסאַוויצע."

אין אָט דעם דיכטערישן כוח צו לאָזן הערן די איבערלעבעניש פון „מלא כל הארץ כבודו", אין אַזעלכע רייד פון לעסטערונג און ווידערשפּע־ניקייט ווי פון דעם באָרוועסן שפּאַנער „איבער דער וועלט, דער קראַסאַ־

וויצע״ באַגעגנט זיך איציק מאַנגער מיט די אַנטיקע מייסטער פונעם וויין־ליד אין גריכנלאַנד, אין פּערסיע און אין כינע, וואָס זייער רעבעליש־פאַר־שייטער געזאַנג האָט אין זיך אַלעמאָל געהאַט דעם גלי און די סוגעסטיוקייט פון אַ פרומען מזמור וועגן גאָט און וועגן מעשי בראשית.

מיט די גרויסע מייסטער פון וועלט־ליד באַגעגנט זיך איציק מאַנגער אויך דערמיט, וואָס זיין ליד פון לירישער לאַמענטאַציע געפינט זיך אַלעמאָל אויפן ברייטן שליאַך צו דער אָביעקטיווקייט פון לעבנס־חכמה.

און וואָס אַנדערש איז אָט די דערגרייכטע אָביעקטיווקייט פון לעבנס־חכמה ביי אַ ליריקער ווי מאַנגער ווי דער טראַגיש־איראָנישער שמייכל אין ליכט פון דער סך־הכּל־דיקער זעאונג פון זיגערס און באַזיגטע, פון קרבן און רוצח, פון שיכור און ניכטער, פון וואַגאַבונד און בירגער און פון היים און פרעמד?

אין דער גרויס־פּאָעטישער זעאונג ווערן אַלע גרענעצן פאַרווישט און עס בלייבט איבער אין לעצטן סך־הכּל דעם מענטשנס לייד, דעם מענטשנס עלנטער וואָגל באַשיינט מיט אַ שטראַל פון זעלבסט־איראָניע און פון שמייכל איבער זיך —

„כ׳האָב זיך יאָרן געוואַלגערט אין דער פרעמד.
„איצט פאָר איך זיך וואַלגערן אין דער היים.
— — — — — — — — — — — — — —
„כ׳וועל נישט קושן דיין שטויב ווי יענער גרויסער פּאָעט,
„כאָטש מיין האַרץ איז אויך פול מיט געזאַנג און געוויין.
„וואָס הייסט קושן דיין שטויב? איך בין דיין שטויב.
„און ווער קושט עס, איך בעט איך, זיך אַליין?״

איציק מאַנגערס דיכטונג איז אַ וואונדערלעכער סינטעז פון פאַרשידנאַרטיקע, געוויינלעך נישט גאַנץ שווה בשווהדיקע שאַפונגס־עלעמענטן. אין זיינע לידער טאַנצט אייך אַנטקעגן מיט האַפּערדיקייט דאָס היימיש יידיש־פאָלקלאָריסטישע „גילדענע ציגעלע״ און עס שטרעקט אויס צו אייך אַ בייז־נערדיק־גרויליקע האַנט דער געדיכטער טרויער פון מיסטעריע. אָט האָט איר מיט מאַנגערן געשטיפט פאַרשייט און הומאָריסטיש און אָט האָט אייך זיין וואָרט אַרומגעהילט מיט זיבן בענקשאַפט־שלייערן פון בלאָען חלום. איר הערט זינגען אָדער זאָגן מאַנגערס פערזן און עס גייט אויף אין אייער געמיט דער געשמאַקער טעם פון געזונטער פאָלק־פּשטות און פון וויגן־ליד־האַרציקייט, און פון די זעלבע שורות דערטראָגט זיך צו אייך דער ריח פון ראַפינירטער יחידישער קולטור־צייטיקייט.

אָט די גאַנצע סקאַלע פון געפילן און געמיט־שטימונגען אויפגעזונגען

פון אַן אויסנעמלעכן סאָליסט, אויפגעשפּילט פון אַ קינסטלעריש־ראַפינירטן אי ך מיט דעם הינטערגרונט און מיט דעם אַספּעקט פון אַ פאָלקיש־דורותדיקער „מיר״־קאַפּעליע, און אויך מאַנגערס פּשוטע ביז פּאַרפירעריש־קייט פּשוטע שפּראַך, וואָס איז הויכע קינסטלערישע דערגרייכונג און שיינט מיט אַלע חנען פון בלויז פאָלק, פון בלויז איינפאַכע פאָלקס־נאַטור — זיי האָבן פאַר מאַנגערס ליד געעפנט אַלע טירן פון געמיט ביי אַלע מינים ייִדישע לייענער און... אויך ביי דער ייִדישער יוגנט.

אויך ביי דער יוגנט. אויך אַט די שווערסטע און געפערלעכסטע אַנטי־ייִדיש־באַריקאַדע האָט מאַנגערס ליד דורכגעבראָכן, נישט נאָר אין אייראָפּע, נאָר אַפילו ערגעצוואו אין אַמעריקע.

איציק מאַנגער האָט באַזעצט און קינסטלעריש סטאַביליזירט די באַלאַדע אין אונדזער ליטעראַטור. צום אונטערשייד פון פרצן, וואָס האָט געפּרואווט שאַפן די ייִדיש־באַלאַדע פון אויסשליסלעך ייִדישע שטאָף־עלעמענטן, איז מאַנגערן געלונגען צו פאַרהיימישן און צו פאַרייִדישן אויך דעם אינטערנאַציאָנאַלן, דעם צווישן־פאָלקישן באַלאַדע־סוזשעט. מאַנגער האָט דער באַלאַדע געגעבן דאָס, וואָס האָט זי געקאַנט מאַכן פאַר אַ ייִדישער באַלאַדע — די ייִדיש־קינסטלערישע פאָרם. ער האָט דעם פרעמדן באַלאַדישן מאָטיוו צו־געבונדן, אַזוי צו זאָגן, צום פּיסל פון „יאַנקעלעס וויגעלע״, און דאָס פאָקלאָר־ציגעלע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האָט זיך נישט דערשראָקן, נישט געדאַרפט דערשרעקן, ווייל עס איז אים אַנטקעגן געקומען די ייִדישע באַלאַדע, מאַנגערס באַלאַדע, מיט דער פרומקייט פון דער ייִדישער אַטמאָספערע, אין וועלכער עס לעבן זיינע שורות, און מיט דעם דאַרשט צו לעבן, וואָס שטייגט אויף פון איר, ווי אויף צו להכעיס דעם מענטשנס צונויפשטויס מיט אומהיימלעכע שאַטנס.

וועגן דעם דראַמאַטישן אַרויספאַר זיינעם מיטן ייִדישן פאָלקלאָר־מאָטיוו אין די מרחקים פון צווישן־פאָלקישע באַגעגענישן דערציילט איציק מאַנגער שיין און זינפול אין זיין „ליד פונעם ציגעלע״, וואָס אין זיין בוך „וואָלקן איבערן דאַך״ —

„דער טאַטע האָט געקויפט אַ ציגעלע
„מיט יאָרן לאַנג צוריק,
„אין „חד־גדיא״ עס פאַרשפאַרט,
„געבונדן אויף אַ שטריק.״

האָט איציק דער פאָעט און זיין ברודער נטע, דער שניידערגעזעל, איינמאָל ווען

„ס׳איז געווען, ווי זעלטן ווען
„אַ שיינע ווטסנע־נאַכט,״

פאַרטראַכט און דורכגעפירט אַ שעפערישע פדיון־שבויים־קאָנספּיראַציע —

„דער טאַטע שלאָפט, די מאַמע שלאָפט
„ס'שלאָפט דאָס גאַנצע הויז,
„פירן מיר פון „חד־גדיא"
„דאָס ציגעלע אַרויס."

„מיר פירן ביי די הערנער עס,
„די וועלט איז ווייט און גרויס."

ערשט ביי מאַנגערן האָט דער סימבאָלישער פויגל פונעם יידישן פאָלקס־ליד — די „גילדענע פאַווע" גענומען פליען איבער לענדער און אונדז נישט נאָר געבראַכט אין איר שנאָבל זייער גרעסטענע איבערדיכטונגען פון פרעמדע בענקשאַפטן און פון פרעמדע טרוימען, ווי אין זיין בוך „פעלקער זינגען", נאָר אויך אַ גאַנצן פאַק געשטאַלטן, וואָס דער פאַוועס קלוג און טרויעריק אויג האָט אויפגעקליבן אויף ווייטע און היימישע וועגן.

אויף אַט די באַלאַדישע נסיעות מיט דער „גילדענער פאַווע" האָט מאַנגער, ווי אַמאָל זיין אַלטער חבר־פּאָעט אַנאַקרעאָן, וואָס ער טרינקט מיט אים אַזאַ פיינעם לחיים פון פריינטשאַפט אין זיין בוך „דער שניידער־געזעלן נטע זינגט", געשטאַלטיקט דאָס אייביק דיכטערישע גליק ער וואָלט עס געוועזן איבערגעלעבט פערזענלעך אויף דער וואָר.

די דאָזיקע באַהעפטונג פון מאַנגערס לירישן וואָרט מיט באַלאַדישע געשטאַלטן אויף אייגן־פאָלקישע און צווישן־פאָלקישע געמאַרקן האָט אים געהאָלפן לייטערן זיין לירישע ליידנשאַפט.

זי האָט דעם לירישסטן ליריקער אונזערן, ווי ש. ניגער האָט אים מיט רעכט באַצייכנט, געפירט דעם שווערן באַרג־אַרויף פון איכישער ליד־לאַמענטאַציע צו די הויכן פון סקעפטיש־איראָנישער ווייזהייט, וואָס, ווי אַ דריטע אין בונד מיט די אַנדערע צוויי שאַפונגס־עלעמענטן: מוזיק און וויזיע, וואָס מאַנגער האָט ניט איינמאָל אין זיינע ליטעראַרישע עסייען אָוועק־געשטעלט ווי דעם יסוד פון פּאָעזיע, האָבן זיי אונדז געגעבן אַזעלכע מאַנגער־רישע פערל פון יידיש־דיכטונג ווי „וועלוול זבאַרזשער שרייבט בריוו צו מלכהלע, דער שיינער" און ווי די חומש־ און מגילה־לידער.

— אָן ליידנשאַפט — זאָגט ערגעצוואו דער קלוגער לודוויג בערנע — האָט דער שכל קיין פיס ניט. און דאָס איז בפירוש אמת. אָבער נישט ווייניקער אמת איז, דאַכט מיר, אַז אָן דעם ליכט פון העכערער מחשבה־אינטואיציע בלייבט דיכטונג אָן מעטאַפיזישן פאַרנעם, אָן וואָרער גרויסקייט.

די העכערע געדאַנקלעכע ווייזהייט צוגעשטעלט צו מוזיק און וויזיע גיט ערשט דעם פּאָעטישן וואָרט די פולקייט פון קינסטלערישער רעאַליזירונג.

דאָס ליכט פון וויזהייט שאַפט פאַרן פּאָעט מער רוים, זי גיט אים מער פאָרם־באַוועגלעכקייט, מער דיכטערישן שטח זיך צו פּרואוון פאַרמעסטן מיט דער דראַמע פון מענטש און גאָט (אין מאַנגערס פּאָעטישער שפּראַך הייסט דער פאַרמעסט: דער „מע״ צווישן ערד און הימל) און זי גיט אים, אַזוי צו זאָגן, אַ שאַנס ניט בלויז צו זען גאָט מיט דער זעאונג פון זיין דיכטערישן לייב, נאָר אים אויך צו דערזען.

איך מיין צו זאָגן: אין צייכן פון „מבשרי אחזה אלה״ קאָן דער פּאָעט זען די געשטאַלטיקע דראַמע און הערן איר סיפּור המעשה, אָבער ער איז נישט בכוח צו דערזען און צו דערהערן דעם מעטאַפיזישן זין פון דער מעשה, דעם זין און דעם אמת פון זיין אייגענער דיכטערישער שליחות אין איר.

איציק מאַנגער געהערט צו די אויסגעצייכנטע דיכטער אין אונדזער ליטעראַטור וואָס האָבן דערזען זייער אייגענעם דיכטערישן אמת, וואָס האָבן דערהערט זייער אייגענעם פּאָעטישן ניגון.

דער זין, ווי מאַנגער האָט אים דערזען און דער ניגון, וואָס מאַנגער האָט אים דערהערט, און ער זינגט אַרויס פון אַלע זיינע לידער און אויך פון זיין האַצמאַך־שפּיל און אויך פון זיין געשיכטע וועגן שמואל אבא אבערוואָ, קאָן צום בעסטן איבערגעגעבן ווערן מיט מאַנגערס אייגענע שורות, אין אַן אימאַגינערן דיאַלאָג, צווישן צוויי לידער, צווישן די „רייד פונעם שניידער־געזעלן נטע צום פּאָעט״ און דעם „מוסר־ליד״.

זאָגט דער שניידער־געזעל צום פּאָעט —

„גאָט כביכול איז גרויס
„היינט פונקט ווי אַמאָל,
„נישט ווייל ער דונערט אין הימל
„נאָר ווייל ער כליפּעט אין טאָל.״

ענטפערט איציק, דער פּאָעט, און איז מגלה דעם שניידער־געזעל די אחרית־הימים־זעאונג פון גאָטס איינגעשטילטן געוויין:

„ווען די ערד וועט געפינען דאָס שלאָפליד,
„וואָס זאָל פאַרוויגן גאָט אַליין,
„וועט אויסגעלייזט ווערן דער טרויער
„און אַלצדינג וועט ווערן שיין —
„ונאמר אמן.

פליסטערט דער שניידער־געזעל צוריק מיט פרייד צו זיין ברודער, דעם פּאָעט:

„אַז וואויל איז צו דעם
„וואָס האָט דאָס כליפּן דערהערט,
„דיר איז אַזאַ הערונג
„געוווּן באַשערט״.

ב.

יידישקייט און חומש־לידער

פון מיינע יונגע יאָרן אין „אַ שטאָט מיט יידן", געדענק איך צווייערליי געמיט־אַטמאָספערעס אַרום דער תורה און אַרום די מעשיות פון דער תורה.

דער בעל־מפטיר האָט פאַרענדיקט זאָגן די הפטורה און די ברכות און דער בעל־הגבה האָט אַ נעם געטאָן די ספר־תורה אין זיינע פעסטע הענט און זי באַוויזן פאַרן עולם אין איר גאַנצער צעוויקלטקייט, און דער עולם האָט זי ערפאַרכטיק געגריסט מיט די פרום־פאַטעטישע ווערטער: „ותורתו אמת".

דעמאָלט איז די תורה פאַר אונדז אַלעמען אין קלויז געווען נישט בלויז אמת און גרויס, נאָר אויך עפּעס ווייט און פאַנטאַסטיש, און אויך די מענטשן, וועגן וועלכע זי דערציילט און וואָס וועגן זיי האָט ר' יואל מאיר מיט זיין וואונדערלעכן קול נגינה אָקאָרשט פאַר אונדז אַרויסגעלייענט פון אירע פאַרמעטן, זיינען געשטאַנען פון יענער זייט פון אונדזער געוויינלעכן מענטש־לעכן לעבן, זיינען געווען געשטאַלטן פון הימל און נישט פון דער ערד.

אַנדערש איז אָבער געווען ווען מען האָט צו די הקפות אַרויסגענומען די ספר־תורהס פון אָרון קודש און זיך מיט זיי אַ לאָז געטאָן קודם זיבן מאָל אַרום דעם שולחן און דערנאָך אין אַ פריילעכן ריקודל אויף דעם פריי־געמאַכטן פלאַץ צווישן דער מערבדיקער באַנק און די מזרחדיקע שטענדערס.

אין יענע שעהן פון גוט־אויפגעראַמטקייט איז די תורה אין אונדזער געמיט נישט געווען קיין יראת־הכבודיק צעוויקלטער פאַרמעט, נאָר אַ ספר, אַ היימישס, אַ נאָענטס, וואָס מען האָט געהאַלטן אין די הענט מיט ציטער־ניש און מען האָט עס געטוליעט צו זיך מיט ליבשאַפט. אין יענע שעהן האָבן אויך די געשטאַלטן פון דער תורה, די אבות און די אמהות, אַראָפּגע־נידערט פון זייערע יענוועלטישע פיעדעסטאַלן און האָבן זיך אויסגעמישט אין לעבעדיקער קרובהשאַפט מיט אונדז דאָ, אין אונדזער וועלט און אין אונדזער סביבה.

און נישט ערשט ביי די הקפות, נאָר שוין פריער ביי אַלע יום־טובדיקע מסיבות, זיינען מיר, אַלט און יונג, געווען היימיש אויסגעבונדן מיט אברהמען, מיט יצחקן און מיט יעקבן און מיר האָבן זיך דער־לויבט צו זינגען צו אברהמען חצי יידיש און חצי גויש און אים בעטן:

„אברהמעניו, זיידעניו נאָש,
„טשעמו נע כאָדיש טאַי
„נע פּראָסיש
„פּאַנאַ באָהאַ זאַ נאַס ?
„אַבי נאַס וויזוואָליטי
„לארצנו נאַש..."

אַברהם, דער גאָט־דערקענער, איז, חלילה, נישט געוואָרן קלענער דורכ־דעם, וואָס מיר האָבן אים גערופן „זיידעניו נאַש". זיין געשטאַלט האָט בלויז געוואונען אָטעמען מיט מער לעבעדיקייט און נאָענטקייט אין אונדזער געמיט און — דער נאָענטער זיידע האָט געוועקט מער בטחון פון גאולה, ווי דער עטוואָס ווייטלעכער אַברהם פון „לך לך".

און וויבאַלד אַ זיידע, מעג מען, דאַכט זיך, אַ שטיף טאָן מיט זיין גרייז־גרויער באָרד. מקדמונים זיינען דאָך זיידעס און אייניקלעך פאַרבונדן איינס מיט ס׳אַנדערע אין שפּיל, אין הנאה פון שפּיל און אין טרייסט פון שפּיל. אַזוי איבער אַלע צייטן און איבער דער גאָרער וועלט, אויך אין מיין אַמאָליקער דרום־יידישער קאָלאָמיי און אַפילו אויך אין מיין חשובן פריינט אַברהם מענעסעס צפונדיק־יידישער גראָדנע.

איך דערמאָן דעם חבר אַברהם מענעס, ווייל ער האָט אין זיינער אַן עסיי געפּרואווט מבטל צו מאַכן קינסטלעריש איציק מאַנגערס אויסטערליש־שיינע און באַטעמטע „חומש־לידער", וואָרעם — זאָגט ער — „זיי זיינען נישט קיין פּראָדוקט פון דער יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע, נאָר פון ליטעראַרישער קאַפּע".

איז, מילא, וואָס שייך די קונסט, וועל איך זיך נישט אַריינלאָזן אין וויכוחים מיט חבר מענעס. כ׳וויל אים בלויז זאָגן, אַז ער מאַכט אַ טעות, אַ גרויסן טעות, אַז ער נאַרט אָפּ זיך אַליין, וואָרעם ס׳איז, טראַכט איך, נישט געמאָלט, אַז דער געלערנטער אַברהם מענעס זאָל נישט געוועזן האָבן די הנאה פון אַ קונסט־ווערק, ווען ער האָט געלייענט מאַנגערס חומש־לידער, און טאָמער נישט — טאָמער נישט זיינען אַלץ די „חומש־לידער" גאָרנישט שולדיק אין דעם.

אָבער דאָ גייט נישט, ווי געזאָגט, וועגן אַ וויכוח מכוח ליטעראַרישן געשמאַק. דאָ איז די רייד וועגן דער יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע, וואָס האָט, לויט מענעסן, אין די חומש־פיגורן געקאָנט זען בלויז „אידעאַלע געשטאַלטן" און „אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקייטן", און נישט די ליבע זיידעס און באָבעס, אין דער יוגנט און אויף דער עלטער, ווי מאַנגער האָט זיי געצייכנט מיט זיין ליריש־הומאָריסטישער פּען.

און אָט די „טאָטאַליטאַרישע" יידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע, וואָס זאָל קיינ־מאָל נישט האָבן פאַרלאָזן די ליניע פון „אידעאַל־געשטאַלטיקייט" און פון „אויסערגעוויינלעכער פּערזענלעכקייט" און זאָל געוועזן זיין אינגאַנצן אין אַ זייט פון הומאָר, שטיפעריי און שפּיל מיט און אַרום די געשטאַלטן פון תנ״ך, מוז מען קאַטעגאָריש אָפּלייקענען. אַזאַ „טאָטאַליטאַרישער" איין־אידעאַלאָ־

גישער און איין־פּאַרטיאישער פאָלקס־דמיון איז ביי ייִדן נישט בנמצא געווען.

ייִדן האָבן פאַרמאָגט איין בוך: דעם תנ״ך, און אין און אַרום אָט דעם איינעם ספר האָט די ייִדישע פאָלקס־פאַנטאַזיע געמוזט אויסלאָדן אַלע אירע שעפערישע עלעמענטן. אין דער באַציאונג פונעם פאָלק צו די געשטאַלטן פון „תנ״ך", האָבן געמוזט קומען צום אויסדרוק אַלע צושטאַנדן פונעם מענטש־לעכן געמיט. דאָס געמיט פונעם פאָלקס־ליד האָט געזען די תנ״ך־פיגורן נישט בלויז אונטערן קוק־ווינקל פון עטישן ערנסט, פון פּאַטאָס און פון הייליקייט, נאָר אויך אונטערן שלייער פון מענטשלעכער שוואַכקייט, פון הומאָר, פון איראָניע און אַפילו פון מאָראַלישער סאַטירע.

דעם געשטאַלטן־גן־עדן פונעם ספר הספרים, האָט דאָס ייִדישע פאָלקס־געמיט אַרומגענומען מיט צוויי שטראָמען, מיט דעם שטראָם פון שטרענגן הלכהדיקן פּירוש און מיט דעם שטראָם פון פרייען אגדהשן שפּיל. ביידע זיינען ווי מען זאָגט דאָס, געווען די „דברי אלהים חיים" פונעם ייִדישן פאָלקס־דמיון.

אַוודאי — „ביי דער מאַכט" און אָפיציעל איז געווען די הלכהשע זעאונג פון די תנ״ך־געשטאַלטן, אָבער אויך די אגדהשע וויזיע איז געווען ביי זיך אין דער היים און כמעט ווי נישט צענזורירט. און עס זיינען דורכן יאָר געווען טעג און וואָכן, ווען דער אגדהשער שפּיל, אָדער, ווי מאַנגער רופט עס אין זיין הקדמה צו די חומש־לידער „אַ שטיפעריי אַזאַ מיט די גרייז־גרויע בערד פון די אבות און מיט די שטערנטיכל־עקן פון די אמהות", האָט געהאַט די אויבערהאַנט איבערן פאָלקס־געמיט.

עס זיינען מן־הסתם געווען געשוואוירענע מרה־שחורהניקעס און אַזעלכע, וואָס האָבן פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת רק געבענקט נאָך „אידעאַלע געשטאַלטן", און האָבן געהאַט „אַ שווער געפיל", ווען דאָס ייִדישע געמיט האָט זיך אַרום די תנ״ך־געשטאַלטן צעשפּילט מיט זיין פרייען שפּיל פון הומאָר, ליריק און סאַטירע.

אָבער אויך זיי האָבן, בדרך כלל, נישט געוואַגט און נישט געפּרוּווט צו פאַרנמאסן אָט דעם שפּיל, צו פסלנען אים אָדער גאָר אים מחרים צו זיין, ווייל ער זאָל, כלומרשט נישט זיין קיין „פּראָדוקט פון דער ייִדישער פאָלקס־פאַנטאַזיע".

דאָס טייטש־חומש פון אונדזערע מאַמעס, אַ גוט שטיק פונעם מדרש, די הומאָריסטישע אַריינטייטשונגען, וואָס קלויזניקעס און ישיבה־בחורים האָבן אַריינגעטייטשט אין תנ״ך־געשעענישן, די זאָגעכצער פונעם „פּורים־רב", די „פּורים־שפּילן" און די מעשיות, וואָס דאָס פאָלקס־ליד האָט איבער־דערציילט פון תנ״ך — דאָס אַלץ איז געלעגן אויף דער ליניע פון פרייען

הומאָריסטיש־לירישן שפּיל, אויף דער ליניע פון שטיפעריי מיט דער „גרייז־גראָקייט", אָדער אין אברהם מענעסעס לשון, מיט דער „אידעאַלקייט" פון די תנ"ך־געשטאַלטן.

אויך די פרומסטע יידן מיט אַביסל געמיט און הומאָר האָבן נישט מורא געהאַט פאַר די דאָזיקע שטיפערייען. די געשטאַלטן פון תנ"ך זיינען קיינמאָל ניט געווען ביי אונדז אַזעלכע שאָטנדיקע הייליקע, ווי ביי די קריסט־לעכע שכנים. פון די קריסטלעכע הייליקע איז אין געמיט פון זייערע גלויביקע געבליבן אַ נאָמען אין קאַלענדאַר און אַן „איקאָנע" אויף דער וואַנט. און צו אַזעלכע ווייטע, שפּינוועבסדיקע און אַבסטראַקטע „הייליקע" קאָן מען בלויז פּרעפלען תפילות און וויינען שבחים. מיט זיי קאָן זיך דאָס מענטשלעכע געמיט קיין שטיפערייען נישט דערלויבן.

אָבער אונדזערע תנ"ך־געשטאַלטן האָבן בפועל ממש געלעבט מיט אונדז און מיט זיי האָט מען אויך געשטיפט. זיי האָט מען פאַרצייטלעכט און דער־נענטערט צום אייגענעם שטייגער לעבן מיט שפּיל פון הומאָר, פון פריינט־לעכער איראָניע און פון ליבשאַפט.

די שפּילעוודיקע צייט־גרימירונג האָט, ווי געזאָגט, די תנ"ך־גע־שטאַלטן חלילה נישט פאַרקלענערט און האָט אַוודאי אויך נישט געלעסטערט זייער „אידעאַלקייט" און „אויסערגעוויינלעכקייט".

עס איז נישט געלעגן קיין לעסטערונג נישט אין טייטש־חומש, נישט אין די ליריש־הומאָריסטישע מדרשים אַרום די תנ"ך־העלדן, נישט אין די פּורים־שפּילן, נישט אין אברהם גאָלדפאַדענס אינסצענירטער פרשה חומש און אויך נישט, און אַוודאי נישט, אין איציק מאַנגערס „חומש־לידער".

איך קאָן קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם פּורים־שפּיל אַמאָל אין מיין זיידנס הויז, ביי וועלכן מרדכי הצדיק איז געווען אַ קליין יידל מיט אַ שיטער בערדל און האָט נאָך דערצו געהאַט אַ היפּשן האָרב אויך. דער „רעזשיסער" האָט מרדכין געמאַכט אויסזען ווי בנימין רופא פון דער קרייז־אַמט־גאַס.

האָט אָט די פאַרצייטלעכונג געלעסטערט די געשטאַלט פון מרדכין? פאַרקערט. איך האַלט, אַז זי האָט מרדכין דערהויבן „אויב נישט נאָך העכער" און האָט היפּש מוסיף געווען צו דער יידישער טרייסט פון דער „מגילת אסתר" דערמיט, וואָס מרדכי מוז נישט זיין מרדכי בן יאיר בן קיש, כדי צו באַזיגן המנ'ען, נאָר ער טראָגט אין זיך דעם כוח פון נצחון אויך, און אַפילו אין דער געשטאַלט פון בנימין רופא.

איך וואָלט וועלן פאַרמיידן פאַלשע אויסטייטשונגען און דערעיקרשט קלאַסיפיצירונגען און וויל דערפאַר אונטערשטרייכן, אַז דער קאַמף פאַר פאַרשטאַרקטער יידישקייט אין אונדזער שאַפונג און אין אונדזער געזעל־

שאַפטלעכקייט, וואָס מיין פריינט אברהם מענעס פירט זינט איבער אַ יאָר־צענדלינג דאָ אין אַמעריקע מיט אַ סך פובליציסטישן ערנסט און מיט סאָלי־דער געלערנטקייט, איז מיר דווקא צום האַרצן, זייער צום האַרצן. אָבער איך קען פאַר קיין שום פאַל נישט מיטגיין מיט מענעסן, ווען די יידישקייט, וואָס ער פרעזענטירט אונדז, פאַרלירט איר ביסל הומאָר, ווערט אָן איר לעבעדיקן ערנסט און ווערט טויט פאָוואַזשנע, און ווערט אַ יידישקייט, ווי זי איז קיינמאָל נישט געווען, כ׳מיין, אַ יידישקייט בלויז פונעם פאַר־מרה־שחורהטן קלויזניק און נישט אויך פונעם פריילעכן, שטיפערישן פורים־שפּילער. (1951)

אליעזר גרינבערג

געצויגן האָט זיך אליעזר גרינבערגס פּאָעטישער „משוט בארץ ומהתהלך בה״ פרייגעמיטיק, יונג און וועלט־גלוסטעריש איבער „גאַסן און עוועניוס״ (1928), איבער „פון אומעטום״ (1934) און „פישערדאָרף״ (1938) ביז דאָס ליד זיינס איז, ווי דאָס ליד פון די מייסטע דיכטער פון אונדזער דור, געבליבן שטיין טיף אַנטוישט און אויפגעשוידערט אין דער פינצטערניש פון אַ לאַנגער נאַכט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער וועלט און מיט אַ באַזונדער געדיכטער חשכות אויף אונדזער יידיש לעבן.

„ווער האָט ריכטן זיך געקאָנט אויף אַזאַ לקוי־חמה, אויף אַזויפיל טרערן,
„אויף אַזאַ נאַכט, אַ לאַנגע נאַכט, מיט אומגליק, מיט רואינען!
„— אַזאַ פאַרטאָג געווען! אַזויפיל ליכטיקע מאָרגנשטערן!״

דער אויפשוידער איבער דעם גרויסן יידישן פאָלקס־אומקום איז אין גרינבערגס לידער־זאַמלונג „די לאַנגע נאַכט״ (1946) געקומען צום אויסדרוק אין רירנדיקע חורבן־באַלאַדעס וועגן דער „טויטער שטאָט״, וועגן „מיין גאַס״, וועגן „באַנציע שוויג אין וואַרשעווער געטאָ״, וועגן „היים מיינע, ליפקאַן״ און אין לידער פון געקלאָג און פון געיאָמער אין נוסח פון „מי יתן ראשי מים״ — איך וואָלט טאָג און נאַכט פאַרגאָסן טרערן! און „אָ גאָט פון צבאות, דערהויב זיך אין דיין כעס, גיס אויס דיין גרימצאָרן אויף די רשעים און אויף די שונאים״.

אָבער אָט די אַלע חורבן־באַלאַדעס, ווי האַרצרייסנדיק זיי זאָלן נישט געווען זיין, זיינען די סיי מיט זייער געהעכערטן טאָן און סיי מיט דייער

געשטייגערטער טעמפּעראַטור געשטאַנען ווייטלעך פון אליעזר גרינבערגס פּאָעטישן געמיט.

גרינבערג איז לויט זיין דיכטערישן געמיט נישט דער „מקונן על שבר בת עמי", און אַוודאי נישט דער מאָנער פון גאָטס גרימצאָרן פאַר די רשעים.

אליעזר גרינבערגס מוזע איז לויט איר נאַטור אַ געדאַנקלעך־מעדיטאַטיווע, אַ שטיל־ריידנדיקע און אַן עמאָציאָנעל, מיט אַמאָל מער און אַמאָל ווייניקער אָנשטרענגונג, באַלאַנסירטע.

און אָט די פּאָעטישע אייגנקייט פון אליעזר גרינבערגן האָט זיך אַפילו אין דער סאַמע מיט פון „די לאַנגע נאַכט"־לידער נישט געלאָזט אָפּשטופּן אין אַ זייט.

אין דער לאַנגער נאַכט פון געוויין און געיאָמער אויפן חורבן פון „היים מיינע, ליפּקאַן" האָט זיך אויך דורכגעשלאָגן זיין וועג גרינבערגס פּערזענלעכער נאַכט־מאָטיוו פון אומעטיק־שטילער נאַכטראַכטעניש איבער דער וואָלט איך געזאָגט, משלדיקייט פון זיין און געדויער, טוּאונג און חלום, פּריינטשאַפט און איינזאַמקייט אין דעם מענטשנס לעבן, און אויך איבער דער פּאַבלדיקייט פונעם מענטשנס געזאַנג וועגן די אַלע אויסגערעכנטע זאַכן.

דער מאָטיוו פון מעדיטאַטיוון איבערשמועס מיט זיך אַליין „על משכבי בלילות" איז אַ שטענדיקער באַגלייטער פון גרינבערגס דיכטונג איבער אַלע זיינע ביכער פון אָנהייב ועד הנה.

אויך אין „די לאַנגע נאַכט" געפינט, ווי געזאָגט, דעם דיכטערס שלאָפלאָזע נאַכט פון לירישער מעדיטאַציע איבער די אַלע פריער דערמאָנטע „זיבן גוטע זאַכן" איר פּלעצל אין ליד.

„דער שלאָף מיידט אויס די מידע אויגן,
„און שאַרף און וואַך איז דאָס געהער:
„כ'האָב גליק און אומגליק אָפּגעוואויגן —
„דאָס גליק וועגט איבער מיט אַ טרער."

אין דעם לידער־בוך „ביינאַכטיקער דיאַלאָג" האָט דער ליריש־מעדיטאַטיווער נאַכט־מאָטיוו דעראָבערט אָדער צוריק דעראָבערט דאָס גאַנצע געמיט פונעם דיכטער. און דאָס געהער איז געוואָרן וואַכער און שאַרפער, די וואָג און מאָס פון דעם מענטשנס גליק און אומגליק — ניואַנסירטער און געטרייער, און דער געדאַנק אַ היפּש ביסל רייפער.

אין אַ טייל פון די לידער פון גרינבערגס איבערשמועס מיט זיך אַליין פילט מען די פולקייט פון דעם דיכטערס עפּיגראַמאַטישער פאָרמולירונג און מען הערט ממש ווי די —

„רייפקייט זינגט אין מיר בטחונדיק און זיס".

די בעסטע ראיה פאַר דער רייפקייט פון געדאַנקלעכער ליריק איז, גלויב איך, דאָס געפיל פונעם לייענער, אַז דאָס פּאָעטישע וואָרט איז נישט עפּעס אַ שיין מלבוש אויף צו באַקליידן דערמיט אַן אַלטן אָדער אַ נייעם געדאַנק, נאָר טאַקע ממש די הויט וואָס איז געוואַקסן אינאיינעם מיטן געדאַנק.

נייע געדאַנקען ווערן בלויז זעלטן געבוירן סיי אין דער באַגריפלעכער און סיי אין דער לירישער וועלט פון מחשבה. אין דעם „עולם הליריק" ווערט דער געדאַנק ניי און אָריגינעל, ווען דעם דיכטערס שורה באַווייזט דעם וואונדער פון אַזאַ אָרגאַנישן צונויפוואוקס צווישן דעם געדאַנק און דעם ריטם, פאַרב און ריח פון די ווערטער, אַז עס זאָל זיין שווער צו כאַפּן דעם „מוקדם ומאוחר" צווישן זיי.

אין אַ טייל פון זיינע לידער פון דעם „ביינאַכטיקן דיאַלאָג" האָט אליעזר גרינבערג בפירוש דערגרייכט אָט דעם „ניטאָ קיין פריער און שפּעטער" צווישן געדאַנק און זיין לירישן אויסדרוק.

פון צווישן די לידער, פון וועלכע עס טראָגט זיך דער טעם פון רייפ־קייט, וואָס „זינגט בטחונדיק און זיס", וויל איך דערמאָנען די אַכצן פיר־שורהדיקע לידער וועגן דער טבע און דער טואונג פון די חיות, וואָס האָבן אין נחס תיבה —

„...פיל געלערנט פון די מענטשן, נאָר נאָך מער האָבן
„גאָטס אויסדערוויילטע
„זיך אָפּגעלערנט פון די חיות".

(גרינבערג האָט די דאָזיקע פיר־שורהדיקע סטראָפעס אָנגערופן „פיר פיסיקע לידער") און אַ טייל לידער אויפן מאָטיוו פון איינזאַמקייט און אויף דעם סוזשעט, וואָס הייסט דאָס „קליינע ליד", און אויך נישט פאַרגעסן דאָס ליד „געדענקשאַפט", וואָס פון אים שטאַמט דער ציטירטער פערז וועגן דער זיס זינגענדיקער רייפקייט.

ווען איך טראַכט וועגן דעם קליינעם ליד „דעם ליד פון לידער", וואָס ווערט אָפט באַזונגען אין גרינבערגס „ביינאַכטיקן דיאַלאָג", קומט מיר אויפן זינען קאַפקאַס וואָרט וועגן דער געשיכטע, וואָס „איז דאָס העראָאישע פּאָטער־לאַנד פון דער צייט".

דאָס „העראָאישע פּאָטערלאַנד" דערפאַר, ווייל אויף דעם קליינעם שטח פון עטלעכע טויזנט יאָר געשיכטע ווערט צונויפגעפּרעסט דאָס געשען פון נישט אָנגעשטאַנען דער שידוך מיטן פּוילישן קיניג. דער דאָזיקער גראָטעסק־דער ביליאַנען־יאָריקער, אומענדלעכער צייט. די געשיכטע איז דער האָפן, פון וועלכן די צייט לאָזט זיך אַרויס אויף אירע אינסופיקע וואַנדריוקעס און קערט זיך אום ווי צו איר היים, צו איר תמצית.

עפּעס פון דער העראָאישער פּאַטערלענדישקייט אויפן געביט פון מענטש־לעבן „אַז ישיר", וואָס איז אַזוי אַלט ווי דער מענטש אויף דער וועלט, פאַרמאָגט אין זיך דאָס קליינע ליד, וועגן וועלכן אליעזר גרינבערג זינגט מיט אַ נאָסטאַלגיע, וואָס איז נאָענט צום האַרצן אי דעם ליד־שאַפער און אי דעם ליד־געניסער, אַז —

„נאָך אַלע וואַנדלענישן קומט מען ווידער
„צוריק צום קליינעם ליד, צום ליד פון לידער".

וואָס שייך די איינזאַמקייט ווידער, וואָס איז אַזאַ אָפטער אורח אין אליעזר גרינבערגס ליד, וואָלט איך געזאָגט, אַז אויב דאָס מענטשלעכע לעבן איז טאַקע, ווי איך האָב אַמאָל געהערט זאָגן (אפשר טאַקע מיך אַליין?!), אַ תלמוד תורה פון איינזאַמקייט, איז דער זינגער פון „ביינאַכטיקער דיאַלאָג" איינער פון אירע גוטע תלמידים.

אַ גוטער, אַ שעפערישער תלמיד איז דער, וואָס איז בכוח זיך צו דער־טראַכטן, צו דערפילן און צו דערזינגען מיט זיין געמיט און מיט זיין דיכטע־רישן וואָרט צום פאַרבאָרגענעם אמת, אַז די איינזאַמקייט קאָן זיין נישט נאָר אַ שטראָף פון מענטשן, נאָר אויך אַ לוין פון גאָט, וואָס גיט דעם פּריווילע־גירטן „זיכערקייט אין פּלי פון פרייד".

„שיק מיר צו אַט־יענע גאָט־געבענטשטע איינזאַמקייט
„וואָס קומט מיט זעט פון פריינדשאַפט און פון ליבע".

אַזעלכע לידער ווי די „שעה פון שעהן", „על משכבי בלילות", „אין וויינ־גאָרטן פון יידישן ליד", „די געהייליקטע סעקונדע" און טאַקע דאָס ליד „די זעלטענע מסיבה", וואָס הייבט זיך אָן מיט די נאָר וואָס ציטירטע תפילהדיקע שורות, אָטעמען מיטן „טרויער פון קוהלת", אָבער אויך מיט דער פריידיקער געוויסהייט, אַז גאָט האָט דערהערט דעם דיכטערס תפילה.

אין אַזעלכע לידער האָט אליעזר גרינבערג גובר געווען צום גרויסן טייל אויך די פריערע שפּראַך־האַרטקייטן און די זאַגערישע שטייפקייט פון פערז. די קילע לעבנס־חכמה פון זיין פּאָעטישער שורה איז געוואָרן מעלאָדיש און וואַרעם און פאַרמאָגט אפילו זייער אָפט לירישן ברען.

(1953)

ל. פיינבערג

זינט עס איז מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר צוריק פאָרגעקומען אַ שאַרפער איבערבראַך אין ל. פיינבערגס אידייאיש־געזעלשאַפטלעכער איינשטעלונג, איז דער דאָמינאַנטער מאָטיוו פון זיין דיכטונג געוואָרן דער מאָטיוו פון תשובה.

דאָס איז פאַרשטענדלעך און — נאָך בעסער: עס איז געזונט. וואָרים וואָס קען זיין פּסיכיש און שעפעריש געזונטער ווי פּרואוון אַריינוועבן די אייגענע שווערע אַנטוישונגען, חרטהס און באַגערן פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג און פון זעלבסט־שטראָף, אין געשטאַלטן געפורעמטע פון דמיון, און זיך אַזוי אַרום נשמהדיק מער אָדער ווייניקער באַפרייען?

צי עס זיינען דאָס די פּאָעמעס „בן־עזאי אין פּרדס" און „יידיש", אָדער די ראָמאַנען אין פּערזן „דער פאַרמשפּטער דור" און „גאָט פון צאָרן", דער ערשטער וועגן דעם דיכטערס אַלטער עגאָ דוד בלאַנק און דער צווייטער וועגן דער ווייטער היסטאָרישער געשטאַלט אלישע בן אבויה, איז דער אַנזעעוודיקסטער מאָטיוו אין זיי — תשובה.

איך שווער ביים כבוד פון מיין אומה,
האָסט מיאוס געפעלשט אין מיין חזון.
איך האָב קיין חלק אין דער טומאה
ס'איז מיין געוויסן זיבער־ריין.
און דו, צעשטערער און פאַרניכטער
פון אונדזער פאָלק און אונדזער לאַנד,
ס'וועט פאַרן זיך אין דער געשיכטע
דיין שם מיט טיטוסן אין שאַנד!

דאָס זיינען רייד וואָס דער טראַגיש פאַרבלאָנדזשעטער אלישע בן אבויה שליידערט אין פּנים אַריין דעם פריינד און באַשיצער, דעם קייסער אַדריאַנוס, נאָכדעם ווי עס ווערט אים קלאָר אַז דער רוימישער אימפּעראַטאָר האָט שענדלעך און ברוטאַל אָפּגענאַרט זיין, אלישעס, יידישע און מענטשלעכע כוונות.

אין די נאָר וואָס ציטירטע שורות ווערן אַרויסגעבראַכט אַנטוישונג, אָנקלאָג פון פעלשער און דער ברען און אימפּעט פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג.

די טיפערע עלעמענטן פון תשובה: חרטה, זעלבסט־אָנקלאָג און באַגער צו זעלבסט־שטראָף קומען צום אויסדרוק אין אַזעלכע אָן אַן ערך הייסערע שורות, ווי —

„נאָך לאַנגע יאָרן צווישן עכו״ם
האָב איך זיך צוריקגעקערט צום שטאַם:
מיין טראַט — אין שטרויכל און אין וואַקל
מיין האַרף — אַ ציטערדיקע לאַם.
איך שטיי פאַר דיר דאָ אָדם־נאַקעט,
אויף דער זייט פון דער לעצטער שוועל —
ווי וויסט, ווי פינצטער דער סך־הכל:
כ׳האָב זינד געזייט, געשניטן תל.״

אָט די און ענלעכע פערזן, אין וועלכע דער דיכטער פיינבערג פּרואווט היילן זיין „אני הגבר״־פּיין מיט ווידוי־רייד פון גייסטיקער און עמאָציאָ־נעלער חרטה, וואָס ער לאָזט רעדן זיין העלד אלישע בן אבויה, קאָנען זיך אין פּרט פון קינסטלערישער גערעכטיקייט פאַרגלייכן מיט די בריענדיקע שורות פון די ליידנשאַפטלעכע ליבע־ און שנאה־איבערשמועסן צווישן אלישען און רחל־לופּיאַנען בעל פּה און בכתב.

פון די דריי פרויען (דבורה, רחל און חנה), וואָס ווערן געשטאַלטיקט אין פיינבערגס אלישע בן אבויה־ראָמאַן, איז די לעבעדיקסטע, און בכן קינסטלעריש געראָטנסטע, די ליידנשאַפטלעכע און דעמאָנישע רחל־לופּיאַנאַ. און די לעבעדיקסטע און געראָטנסטע געשטאַלט איז די קורטיזאַנע רחל דערפאַר, ווייל איר ליטעראַרישער באַשאַפער פאַרמאָגט, זיין אייגנס ספּעצי־עלע קינסטלערישע כלי־זין צו אַזאַ געשטאַלטיקונג. איך האָב אין זינען פיינבערגס ריטמיש־אימפּעטיקע, אָפט בילדעריש־אַגרעסיווע שפּראַך, וואָס איז עפּעס על־פּי איר נאַטור מסוגל אַפּצומאָלן שאַרפע ליידנשאַפטן און, נאָך מער, זיי צו האַלטן, ווי מע זאָגט דאָס, לעבעדיקע אויף די פיס.

אמת איז, אַז ניט אין איין מאָל האָט מען דעם איינדרוק, אַז דווקא פיינבערגס בריהשאַפט פון שפּראַך און פערז, דווקא אָט דער גאַזעלן־געיעג (איך נוץ פיינבערגס בילד: „די וואָכן לויפן ווי גאַזעלן געיאָגט פון יעגער איבער בערג״) פון פערז און גראַם, וואָס שוועבט ווי אַריבער איבער אַלע מכשולים, שאַפט ערגעץ וואו אַ מחיצה צווישן דעם קריטישן לייענער און די איבערלעבענישן פון דוד בלאַנק און פון אלישע בן אבויה.

אויב אַזאַ איינדרוק קאָן געבוירן ווערן, און צום טייל אויך אָנהאַלטן, איז דאָס ראשית דערפאַר, ווייל אין אַ ראָמאַן אין פערזן איז על־פּי סטרוקטור פאַראַן דוחק אין פּלאַץ פאַר פּסיכאָלאָגישער פאַרטיפונג. אַפילו אין אַזעלכע גרויסע ראָמאַנען אין פערזן ווי פּושקינס „יעווגעני אָנעגין״ און מיצקעוויטשעס „פּאַן טאַדעאוש״ פאַרנעמט די פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפונג פון די העלדן נישט קיין אויבנאָן.

שנית האָט דער אויפקום פון אַזאַ איינדרוק אַ שייכות מיט דעם הויפּט־מאָטיוו פון פיינבערגס ראָמאַנען אין פּערזן. דער הויפּט־מאָטיוו איז, ווי געזאָגט, תשובה. און תשובה איז על־פּי איר געמיט שטיל און אפשר אַפילו שטאַמלענדיק.

אָבער פיינבערגס דיכטערישער וועג שטייט אין צייכן פון וואָרט־אימפּעט, פון שפּראַכלעך פול צעשפּרייטע פליגלען, פון אַ בעל־תפילהשן קול־רם פאַרן עמוד און נישט פון אַ דממה דקהשן קרעכץ ביחידות אין ערגעץ אַ ווינקל פון דער שול.

די קול־רם׳יקייט, די שאַרפקייט פון דעם „גאַזעלן־געיעג״ פון פּערז זיינען אַטריבוטן פון פיינבערגס דיכטונג און זיי זיינען אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר די תשובה־איבערלעבענישן פון זיינע העלדן.

די תשובה־איבערלעבעניש, ווי פיינבערג ברענגט זי אַרויס, איז בכן אַנדערש. זי האָט אַ געפּיקטע צונג און איז באַרעדעוודיק. אָבער זי פאַרמאָגט, פיינבערגס תשובה־פּיין, אָפט יענע מאָראַלישע טעמפּעראַטור, וואָס דער־נענטערט תשובה־העלדן צום האַרץ פון די לייענער.

און פאַראַן איז דידאַקטיקע טעמפּעראַטור דערעיקרשט אין דעם געזאַנג צו אַליינקייט, דעם „אור־ניגון פון תוהו״, וואָס —

אין דיר בלויז ווערט געבוירן שיינקייט,
וואָס בלענדט, באַצויבערט און טוט־ווי׳.

און אויך אין דעם דראַמאַטישן וויכוח פון אלישען מיט ר׳ עקיבאַן און אין דעם טעאַטראַלישן רוגז־איבערשמועס מיט רחל־לופּיאַנאַ.

אין דעם געזאַנג צו אַליינקייט, וואָס דאָרט האָבן זיך ווי פאַרזאַמלט פיינבערגס שטילסטע און הכנעהדיקסטע פּערזן, איז פאַראַן דערהויבנקייט, איז פאַראַן אינעווייניקסטע וואָרט־טעמפּעראַטור. שורות און סטראָפעס פון אָט די געזאַנגען אָטעמען מיט דעם פּערזענלעכן „טוט־ווי״ פונעם דיכטער און זיי זיינען דערפאַר די סאַמע לירישסטע.

אין דעם וויכוח מיט ר׳ עקיבאַן און אין דעם איבערשמועס מיט רחל־לופּיאַנאַ איז פאַראַן וויניקער ליריק און מער פּערז־ווירטואָזיטעט. אָבער די ווירטואָזישקייט דערגרייכט צומאָל די קוואַליטעט פון קלאַסישער פאָרם סיי נוגע שפּראַך און סיי וואָס שייך פּאָעטיש־דיאַלעקטישע פאָרמולירונג.

יענע פּערזן, וואו אלישע מאַכט דעם חשבון פון זיינע באַציאונגען צו רחל־לופּיאַנאַ, זיינען טאַקע געשריבן אין פיינבערגס בקול־רמ׳דיקן נוסח. אָבער אַזעלכע קלאַסיש אָנגעהויכטע פאָרמולירונגען מיט גוטע גראַמען און אַסאָ־נאַנסן ווי —

עס ציילט אַ קמצן זיין רכוש:
צווי פיינטשאַפּטן — פאַר יעדער ליבע,
צווי שלאַנגענביס — פאַר יעדן קוש.
ער ציילט פאַרלוסטן און געווינסן —
פאַר אַלץ צעצאָלט זיך מיט אַ טרער:
פאַר וואָרער שנאה — צווי מאָל צינדזן,
פאַר פאַלשער ליבע — צווי מאָל מער.

שטילן ערגעץ וואו אין דאָס הויכע קול פון אלישעס איבעררייד מיט זיך און די שורות גענענען מיט ווייכקייט צום געמיט פונעם לייענער.

און אַזעלכע שורות און סטראָפעס פון קלאַסיש־ווירטואָזער פאָרם קאָמפּענסירן די והותר פאַר פערזן, וואָס זייער איכות איז אַ שוואַכערע, כ׳מיין, פאַר דאָ און דאָרט פערזן צוגעוואָנדערטע צו פיינבערגס שפּעדיקער פּאָעטישער שפּראַך פון ערגעץ אַ טעאַטראַליש־מעלאָדראַמאַטישן ווינקל. די דאָזיקע מעלאָדראַמאַטישע טעאַטראַלישקייט באַווייזט זיך ביי פיינבערגן דערעיקרשט דעמאָלט ווען ער דאַרף געבן לשון די נישט־יידישע פּערסאָנאַזשן אין ראָמאַן. אַזוי מעלאָדראַמאַטיש ציקלט זיך ער אַליין, דער קייסער אדרינוס, וואָס איז אין סך־הכל אַ שטיק נעראָנישע פיגור, אין אַ שמועס מיט אלישען אַז —

...ווען ס׳וואָלטן אַלע יידן
געווען דאָרט אויפריכטיק, ווי דו,
וואָלט נישט געווען דערצו געקומען
ס׳זאָל ציטערן אויף מיר די קרוין.

בכלל פילט זיך דער פאַר אַ „יידיש גר״ פאַרשריגענער דיכטער פיינבערג אַ סך געמיטלעכער צווישן זיינע יידישע העלדן און ער ווערט געשטאַלטעריש ווי נישט ביי זיך אין דער היים ווען עס קומט צו סצענעס מיט זיינע נישט־יידישע פּערסאָנאַזשן.

ר׳ יהושע בן חנניהס רעדע ביי אלישעס ברית דערווייטערט זיך פון רעאַלקייט, ווייל זי ווערט געזאָגט בעיני פון הויכע רוימישע געסט. אָבער ר׳ עקיבאס דיאַלעקטיק אין דעם וויכוח מיט אלישען אין דער כנישתא שמעקט מיט דער רו פון יידישן אמת.

1958

שמואל יעקב אימבער

1

דאָס נײַנטע פּאָלק אין גאַליציע

איף דער דיסטאַנץ פון איינע הונדערט יאָר האָט דאָס גאַליצישע יידנטום צוויי מאָל דורכגעלעבט אַ וועלטלעך־אידעאישן אויפברויז און ביידע מאָל האָט דער אויפברויז געצייטיקט אַ לפי ערך שפעדיקן ליטעראַרישן אויפלעב.

ס׳ערשטע מאָל איז דאָס געווען אין די אָנהויב־יאָרן פונעם נײַנצטן יאָרהונדערט. גאַליציע האָט זיך נאָך דער צעשטערונג פון די נאַפּאָלעאָנישע חלומות גענומען אַדמיניסטראַטיוו־פעסטער אײַנגלידערן אין דער עסטרײַכי־שער מלוכה און יידיש־גאַליציע איז דורכדעם געאָגראַפיש און אויך קולטורעל געוואָרן אַ נאָענטע שכנה מיט עמאַנציפּאַציע און מיט רעפאָרם־באַוועגונג אין די דײַטשישע לענדער.

די געזעלשאַפטלעכע אויפקלערונגס־אידעען, וואָס האָבן אַריבערגעוויעט פון דער נאָענט געוואָרענער ווין און בערלין, האָבן גײַסטיק צערודערט אַ שפּאָר ביסל באַגאַבטע און פרומע יידישע יונגעלײַט פון טאַרנאָפּאָל און פון זשאָלקעוו, פון בראָד און פון לעמבערג. די דאָזיקע יונגעלײַט פון בית־המדרש, וואָס האָבן זיך געגרייט צו ווערן רבנים און ראש ישיבהס, האָבן אונטער דער השפעה פון דער „אַנטדעקטער אייראָפּע" איבעראָריענטירט זייערע קולטור־צילן און דערמיט געעפנט אין זיך קוואַלן פון אַ נײַער יידישער שעפערישקייט.

עס איז אויפגעקומען די גאַליציש־העברעאישע השכלה־ליטעראַטור וואָס איר קורצער, אָבער שעפעריש־אינטענסיווער, באַרג־אַרויף הויבט זיך אָן אין דער נידער פון שלום הכהנס „בכורי העתים" און דערגרייכט די הויך פון נחמן קראָכמאַלס „מורה נבוכי הזמן".

מיט הונדערט יאָר שפּעטער ביים באַגינען פונעם צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט האָט די יידישע גאַליציע דורכגעמאַכט אַ נײַע אידעאישע אויפ־טרייסלונג. פון ווין איבער באַזעל איז געקומען צופליען דער ציוניסטישער כישוף־חלום און פון ווין איבער טשערנאָוויץ — די אַמביציע פון אַ זעלבסט־שטענדיקער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פאַר די אַכט מאָל הונדערט טויזנט יידן אין לאַנד.

די געשעענישן פון 1905 אין רוסלאַנד האָבן אַרויסגעצוואונגען אויף די ווינער רעגירערס דעמאָקראַטישע רעפאָרמען. אין 1907 האָבן די עסטרײַכי־

שע פעלקער געקליבן צום ערשטן מאָל אַ פּאַרלאַמענט אויפן סמך פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. אין דער נייער אַטמאָספער פון פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע האָבן זיך פאַנאַנדערגעבונדן אויך ביז איצט געפּענטעטע נאַציאָ־נאַלע כוחות. עסטרייכס „אומהיסטאָרישע" פעלקער האָבן פּאָליטיש און קולטורעל גענומען שפּילן אַ ראָל אין דער מלוכה.

אין גאַליציע איז דאָס דערוואַכטע „אומהיסטאָרישע" פאָלק געווען די אוקראַינער. דריי מיליאָן אוקראַינער האָבן זיך פאַרמאָסטן אַרויסצורייסן ביי די דריי מיליאָן פּאָליאַקן אין לאַנד זייער פּריווילעגיע פון פּאָליטישער הערשאַפט און פון קולטור־דאָמינאַציע. די אַכט מאָל הונדערט טויזנט יידן זיינען געווען אַ שטער דערצו. זיי זיינען פאַררעכנט געווען סטאַטיסטיש פאַר פּאָליאַקן. דער יידישער טאַטע האָט אין זיגען געהאַט פּרנסה און האָט געשטיצט דעם פּוילישן סטאַראָסטע און זיין פּוילישן קאַנדידאַט; דער זון האָט געלערנט אין אַ פּוילישער גימנאַזיע, אין אַ פּוילישן אוניווערזיטעט, האָט זיך געקאָכעט אין פּוילישער ליטעראַטור און האָט במילא געהאָלפן פּאָלאָ־ניזירן ס׳לאַנד.

פון דער שכנותדיקער בוקאָווינע מיט איר הויפּט־שטאָט טשערנאָוויץ, וואו הונדערט טויזנט יידן האָבן מיט מער אָדער וויניקער געלינגשאַפט געפּרוּווט פירן אַן אייגענע און נייטראַלע פּאָליטיק צווישן דריי מאָל הונדערט טויזנט רומענער און פּונקט אַזוי פיל אוקראַינער, האָט אַריבערגעמיניעט דער ביישפּיל קיין גאַליציע. ביי די ערשטע דעמאָקראַטישע וואַלן אין 1907 האָבן די גאַליציש־יידישע וויילער קעגן דעם ווילן פונעם פּוילישן סטאַראָסטע און פון די אייגענע אַסימילאַטאָרן דורכגעפירט דריי יידיש־נאַציאָנאַלע דע־פּוטאַטן. די דריי האָבן אינאיינעם מיט דעם דעפּוטאַט פון טשערנאָוויץ געשאַפן דעם ערשטן יידיש־פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב.

אַחוץ די אַכט אָנערקענטע פעלקער — האָט עס אָפּגעהילכט מיט שטאָלץ און מיט מאָנונג איבער די יידישע שטעט פון גאַליציע — איז נאָך פאַראַן אַ נייַנט פאָלק אין עסטרייך און דאָס זיינען די יידן. און דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט פּונקט אַזאַ בולטן נאַציאָנאַלן קולטור־סימן ווי אַלע איבעריקע אומות — אַן אייגענע שפּראַך: יידיש.

אויך איצט ווי מיט הונדערט יאָר צוריק האָט דער אידעאישער אויפ־ברויז אָנגערעגט צו נייער שעפערישקייט און געצייטיקט אַ היפשן ליטעראַ־רישן אויפלעב. און אויך איצט, ווי מיט אַ יאָרהונדערט צוריק, זיינען די גייסטיק אָנגערעגטע, די שעפערס, געווען די באַגאַבטע זין פון פרום־יידישע שטיבער.

נאָר וואָס דען? עס האָט זיך געביטן דאָס סאָציאָלאָגישע בילד פון די

שעפערישע יונגעלייט און עס איז אויך פאָרגעקומען אַ גרינטלעכער בייט אין די קולטור־צילן פון זייער שאַפונג.

דער הינטערגרונט פון די פרום־יידישע טאַטעס איז געבליבן כמעט דערזעלבער. די באַגאַבטע זין אָבער, וואָס זיינען געוואָרן די שעפער פון דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור אין גאַליציע, זיינען שוין ניט געקומען פון בית־המדרש און ניט געווען לומדישע יונגעלייט און ערב־רבנים, וואָס האָבן זיך מיט זייער איבערגעלאָדענער יידישער אינהאַלטלעכקייט געריסן צו איראָפּע, צו אירע דענק־מעטאָדן און צו אירע קונסט־פאָרמען. די פּיאָנערן פון דער גאַליצישער יידיש־ליטעראַטור זיינען געווען כמעט דורכאויס סטודענטן פון מיטעלע און העכערע פּוילישע שולן, וואָס האָבן, ווער מיט מער און ווער מיט ווייניקער עכטקייט, געלעבט און זיך אויסגעלעבט אין דער פּויליי־שער און אין דער איראָפּעאישער פאָרמען־וועלט און האָבן איצט אונטערן רושם פון די נייע נאַציאָנאַלע לאָזונגען געזוכט אַ וועג צוריק צו יידישן אינהאַלט.

און דער נאָענטסטער יידישער אינהאַלט איז געווען די שטייגערישע פאָלקסטימלעכקייט. ראשית האָבן זיך די סטודענטן מיט זייער פאַרבלאָסטער חדר־לומדות געפילט צום היימישסטן מיט דעם דאָזיקן שאַפונגס־מאַטעריאַל און שנית — דער שנית איז זיכער דער עיקר — איז די פאָלקסטימלעכקייט געווען אין ריטם פון דעם רעוואָלוציאָנער־געזעלשאַפטלעכן מאָמענט. אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אָנערקענונג האָט ניט געגאָלטן קיין היסטאָרישער יחוס. מען האָט פאַרלאַנגט באַווייזן פון איצטיקייט. און די איצטיקע קולטור־סימנים, וואָס האָבן געדאַרפט עדות זאָגן אויף דער עקזיסטענץ פונעם „ביינטן פאָלק", זיינען געווען לעבעדיקע שפּראַך און לעבעדיקער פאָלקלאָר.

2

גאַליציש־יידישער נוסח

די נייע יידיש־ליטעראַטור אין גאַליציע איז אויפגעקומען אין צייכן פון סטיליזירטן פאָלקס־מאָטיוו. דער עלטסטער פון די מאָדערנע גאַליציש־יידישע דיכטער איז געווען דער סטודענט פונעם לעמבערגער יורידישן פאַקולטעט מיכל ווירט, וואָס זיין פאָפּולערסטער געזאַנג איז געווען וועגן דער קרעמערקע דבורהלע און איר שיין טעכטערל מירעלע. די שטיפעריש־פריילעכע שורות פון ווירטס ליד וואָס האָט דערציילט, אַז

„דער קרעמערקע דבורהלעס טעכטערל הייסט:
„שיין מירעלע, מירעלע,

„און דבורהלע זאָגט אַז איר איינציקע טרייסט
„איז מירעלע, מירעלע.״

האָט דער נאַציאָנאַל־געשטימטער יידישער סטודענט אויפגענומען מיט התלהבות און געזונגען מיט חסידישן ברען. עס האָט אים געהאָלפן זיין באַגלייך פאָלקסטימלעך מיטן אוקראַינישן שכן, וואָס האָט געזונגען אַן ענלעך ליד וועגן גלחס טעכטערל, און עס האָט אים באַשטעטיקט זיין רעכט אויף נאַציאָנאַלער אַנערקענונג.

מיכל ווירט איז כראָנאָלאָגיש געווען דער ערשטער פון גאַליציעס מאָדערנע יידיש־דיכטער. אָבער ווירטס באַהעפטקייט מיט יידיש האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. ער האָט זיינע יידישע לידער ניט אויפגעזאַמלט. ער איז אַוועק אַן אַנטוישטער פון דער יידיש־ליטעראַטור און זיך אומצוקערן צו איר האָט אַפילו די צייט ניט געגרייכט. ווירט איז ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געשטאָרבן אין עלטער פון קוים 42 יאָר.

מיכל ווירט איז דערפאַר פאַר דער מאָדערנער יידיש־פּאָעזיע אין גאַ־ליציע ניט מער ווי אַ פּרי פאַרשטאָרבענער זיידע, וואָס אַז מען רעכנט אויס דעם יחוס דאַרף מען אין אים ניט פאַרגעסן. ער האָט געקענט ווערן דער געשיכטלעכער אָנהויב און איז פאַרבליבן בלויז די סאַמע נאָענטסטע פּרע־היסטאָרישע דאַטע.

דער וואָרער ראשון פון דער נייער גאַליציש־יידישער דיכטונג, איר גייסטיקער פאָטער און איר פּראַקטישער מדריך איז געוואָרן דער מיט צוועלף יאָר יינגערער סטודענט פון פילאָזאָפישן פאַקולטעט שמואל יעקב אימבער.

אַ שפּאָר ביסל פון אימבערס עלטערע און יינגערע חברים האָבן פאַר־מאָגט מער דיכטערישן כוח און האָבן אויך צום טייל קינסטלעריש מער דערגרייכט פון אים. אָבער קיינער פון יענעם דור פּאָעטן אין גאַליציע איז זיך ניט געווען מער באַוואוסטזיניק און מער קלאָר וועגן דעם וועג, אויף וועלכן עס דאַרף גיין די נייע יידיש־שאַפונג אין לאַנד, און קיינער האָט אויף זיך ניט גענומען מער אחריות פאַר איר קינסטלערישן דירעקטיוו און פאַר איר אידעאישער ריכטונג, ווי שמואל יעקב אימבער.

אימבער, ביי דער שוועל פון דרייסיק, האָט אַרויסגעגעבן די ליטעראַ־רישע חודש־שריפט „ביילאַנד״ און אַן ערשטן זאַמלבוך פון גאַליציש־יידישער ליריק „אינטער אַרמאַ״, און דאָרט, און דערמיט, פּוליציסטיש קלאָר געמאַכט זיך קינסטלערישן און אידעאישן קרעדאָ אין שייכות מיט דער יידיש־פּאָעטי־שער שאַפונג אין גאַליציע.

אָבער אויך שוין אימבער דער צוואַנציקיעריקער, דער מחבר פונעם ביכל לידער „וואָס איך זינג און זאָג״ (1909) און דערעיקרשט אימבער,

דער צווייַ און צוואַנציק־יעריקער, דער אויטאָר פון דער פּאָעמע „אסתרקע" (1911) איז געווען דער דיכטערישער וועג־ווייַזער פון זיין דור. די לידער זיינע, און קודם כל זיין שעפערישער צוגאַנג צו דער „אסתרקע"־לעגענדע, האָבן געאָטעמט מיט קינסטלערישן און אידעאישן דירעקטיוו.

אימבערס שעפערישער פּראָגראַם איז, אין איינקלאַנג מיט דעם נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, וואָס האָט באַהערשט יענעם מאָמענט פון יידישן ליטעראַטור־אויפקום אין גאַליציע, פאַרשטייט זיך, געווען די ראָמאַנטיק פונעם שטייגערישן פאָלקס־מאָטיוו — אַ פּראָגראַם, וואָס ווערט שאַרף און פּאָעטיש־סוגעסטיוו פאָרמולירט אין אַזעלכע צוויי שורות פון אימבערס אַ שפּעטערן ליד:

„דאָס גראָז איז שענער פון אַלע בלומען,
„די טרער איז טיפער פון אַלע ימען."

פאַרן זינגער פון „אסתרקע" האָט זיך אָבער די „שענערקייט פונעם גראָז" ניט אָפּגעשטעלט סימבאָליש אויפן פלאַך פון אַ פאָלקסטימלעכן שטייגער־בילדל. דער יונגער פּיאָנער פון דער יידיש־דיכטונג אויף דער גאַליצישער פּעריפעריע האָט געגראָבן טיפער. ער האָט אין דער פאָלקסטימלעכקייט פון יידיש־גאַליציע געזוכט אויפצואוועקן דעם מאָטיוו פון נאַציאָנאַלער דראַמע וואָס האָט ערגעץ פאַרבאָרגן געדרימלט אין אירע אינגעווייַדן:

„ווי שיין איז אסתר, אָ!"

אָבער אַרום אסתרקעס שיינקייט שוועבט שוין ניט סתם דער צער פון זיך ניט האָבן אויסגעזוכט צו דער צייט קיין חתן, נאָר עס ווייעט פון איר מיט נאַציאָנאַלער עלעגיע —

„וואָס איז דער ייד? — אַ פריי פאַרמעג...
„דעם יידנס קינד — אַ בלום ביים וועג...
„מען ברעכט זי פריי, מען טרעט אָן שרעק —"

אסתרקע, דאָס לעגענדאַרישע יידישע פאָלקס־מיידל פון גאַליציע, אין וועלכער עס האָט זיך פאַרליבט דער קיניג קאַזימיר, וואַקסט ביי אימבערן אַריבער די אַלטע און געוויינלעכע סוזשעטן פון אַ „ליבע וואָס איז געווען שטאַרקער ווי דער טויט" און פון דעם שמידס טאָכטער, וואָס דער „קיניג האָט זי געבראַכט אין זיינע צימערן". דער עיקר־מאָטיוו פון אימבערס פּאָעמע איז גאָר דער טרויער־געזאַנג וועגן אַ יידישן טאַטע, וואָס עס איז אים ניט אַנגעשטאַנען דער שידוך מיט פוילנס גרויסן קיניג.

פאַר אסתרקעס טאַטע־מאַמע, דעם אָרעמען יידישן שמיד און זיין וויב, איז זייער טאָכטערס ליבע מיטן קיניג געווען אַ טראַגעדיע, אַ טיפע יידישע טראַגעדיע, וואָרעם זי האָט זיך פיינלעך געקרייצט מיט זייער היסטאָרישן דרך פון אמונה און שטייגער.

ניט אַ יידישע טאָכטער איז נתעלה געוואָרן, נאָר עס איז חרוב געוואָרן אַ יידיש הויזגעזינד. די מוטער האָט זיך גענומען ס'לעבן, דער פאָטער איז אַוועק פון שטוב און שטאָט און — דער גורל האָט אויך אסתרקען און דעם קיניג ניט פאַרשוינט. דער קיניג איז, פאַרביירייטנדיק דעם שמידס חרובע שטוב, פאַר שרעק אַראָפּגעפאַלן פון זאָטל און

„דער קעניג האָט בלוטיק געגאָססט אין טאָל
„וואו אסתרקע האָט אים באַגעגנט אַמאָל."

און אסתרקעס לעבן פאַרענדיקט דער דיכטער אין נוסח פון קלאַסישער באַלאַדע אין די וואַסערן פון דער ווייסל.

ניט בלויז איז דער נאַציאָנאַל־דראַמאַטישער אַספּעקט פון אימבערס „אסתרקע"־פּאָעמע געווען אַ דרייסטער שאַפונגס־דירעקטיוו מיט פּרצישן שוואונג, וואָס דער יונגער דיכטער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דער אויפ־גייענדיקער יידיש־ליטעראַטור אין גאַליציע, נאָר עס איז פאַר איר אויך געווען אַ וועג־צייכן אַהינצוצו צום צענטער אין וואַרשע. אימבערס „אסתרקע" איז געווען דאָס ערשטע ווערק פון אַ יידיש־גאַליצישן דיכטער, וואָס האָט אַריבערגעשפּרייזט די רעגיאָנאַלע ליד־גרענעץ און האָט זיך איינגעגלידערט אין דער ליטעראַטור־גאַנצקייט, וואָס איר מקדש איז דעמאָלט געשטאַנען אין וואַרשע.

„אַ סך אין איר וועט ניי זיין — אַ סך פון איר וועט פעלן"

אָט די שורה פון דעם אַריינפיר צו „אסתרקע" איז גילטיק ניט בלויז פאַר יענער פּאָעמע, נאָר אויך פאַר אימבערס שפּעטערע פּאָעטישע ווערק. וואָס שייך דעם ערשטן טייל פון דעם פּערז דאַרפן צו אימבערס „סך נייקייט" בלי שום ספק פאַררעכנט ווערן זיינע „היים־לידער" (1918), די געזאַנגען

„צום לאַנד וואָס איז אָרעם און הייליק,
„ווי אָרעם און הייליק — די וויג."

דער דאָזיקער „היים־לידער"־מאָטיוו, וואָס אויף אים ווינקט אימבער שוין אָן אין „אסתרקע", ווען ער דערציילט אַז דער אַלטער שמיד

„געלאָזט האָט ער ווייט זיך, צום הייליקן לאַנד —
„דעם ווייטיק אין האַרצן, דעם האַמער אין האַנט..."

איז אין אונדזער אייראָפּעאישער יידיש־ליטעראַטור, וואָס האָט דעמאָלט זיך אַזוי געקאָכט מיט פּאַרוואַרצלטקייט און זיך פאַרכלינעט מיט דאָאיקייט,

ניט דערהערט געוואָרן. אימבערס פּאָעטישער „קול קורא״ פון דער גאַלי־צישער פּעריפעריע איז ניט דערגאַנגען צום וואַרשעווער צענטער און היינט קען מען זען אַז ס׳איז געווען אַ שאָד. די גרויסע יידיש־שעפערישקייט פונעם ערשטן פּערטל יאָרהונדערט אונדזערן האָט דערמיט ניט בלויז זיך אַליין אָרעמער געמאַכט מיט אַן אויטענטיש יידישן מאָטיוו, נאָר האָט אויך אויס־געלאָזט איינע פון די סאַמע זיכערסטע היסטאָרישע בריקן צווישן זיך און דעם לייענער.

און איצט קומען מיר צום צווייטן טייל פון אימבערס זעלבסט־קריטיק ביים אַריינפיר צו „אסתרקען״ — צום „אַ סך פון איר וועט פעלן״. דער „אַ סך״ לאָזט זיך פאָרמולירן זייער קורץ: ס׳האָט געפעלט אייגענע פּאָעטישע אויסדרוק־פאָרם, וואָס זאָל אַרויסוואַקסן פון דעם דיכטערישן שטאָף, פון די באַאַרבעטע מאָטיוון און פון די אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן.

על פּי מאָטיוו און אידעאישן אַספּעקט האָט „אסתרקע״ פאַרמאָגט אַ היפּשע מאָס פון שעפערישער נייקייט, אָבער לויט איר פאָרם איז זי נישט בלויז אַלט, נאָר זי איז געקליידט, אַזוי צו זאָגן, אין פּאָעטישע טראַנטעס.

און נישט וועגן דעם גייט עס וואָס די „אסתרקע״־פּאָעמע, למשל, ליגט אונטער אַ באַרג פון פרעמדע פאָרם־השפּעות, ממש נישט צום אַרויסזען זיך. דאָס איז נאַטירלעך ווען דער דיכטער איז נישט עלטער ווי צוויי און צוואַנציק יאָר און דער פּאָעטישער פאַרמעסט איז אַ גרויסער. עס איז דעמאָלט פאַר־שטענדלעך וואָס אָנהויבן הויבט זיך די פּאָעמע אַן אין נוסח פון לאַטיינישן ווירגיל און פון פּוילישן מיצקעוויטש און שפּאַנט אַוועק באַלד מיט „איבער־געזעצטע״ שורות פון געטעס „ערל קעניג״, פון בירגערס באַלאַדן און פון שילערס „גלאָקע״ און פּוצט זיך דאָ און דאָרט אויך צו מיט היינישן ריטם.

עס האַנדלט זיך וועגן דעם וואָס אימבער האָט, נישט אין „אסתרקע״ און אויך נישט אין די שפּעטערע פּאָעמען און לידער זיינע, נישט געפונען דאָס ספּעציפישע געמיט פונעם יידיש־גאַליצישן פאָלקלאָר. דאָס כאַראַקטע־ריסטישע פונעם יידיש־גאַליצישן געמיט איז, ווי מיר דאַכט, די באַזונדערע פעאיקייט אויפצוכאַפּן און זיך צו קאָנצענטרירן אויף דעם נישט־פּאָעטישן שטריך פון דעם אַן און פאַר זיך פּאָעטישן ספּור המעשה, אויף דעם גראָ־טעסקן עפּיזאָד, וואָס מינערט פון דער טראַגישקייט און שטרייכט זי צו דער זעלבער צייט נאָך מער אונטער.

גאָרנישט באַלויכט מער און ברענגט טראַגישער אַרויס די היסטאָרישע יידישע עקשנות און די דראַמע פון ישראל בין העמים ווי די פאָלקלאָריס־טישע באַמערקונג פון דער מעשה „אסתרקע״ אַז דעם אָפּאָטשנער שמיד איז נישט אָנגעשטאַנען דער שידוך מיטן פּוילישן קיניג. דער דאָזיקער גראָטעסק טראַגישער שמייכל מיניעט זיך אויך אין אימבערס פּאָעמע, אָבער ער קומט

נישט צום ריכטיקן אויסדרוק, ווייל אימבער האָט אים געפּרוּאווט אַרויס־ברענגען דאָרט, און אין אַנדערע לידער, דורך אַ הייניסטישן פּאָסט־סקריפּטום, אַזוי צו זאָגן, צום פּאָטעטישן עיקר־המעשה.

דער פּאָטעטיק קריטיש נאָכשמייכלען, כדי זי אַ ביסל היימישער און וואָכעדיקער צו מאַכן, מיינט בלויז ברענגען אַן ערזאַץ פאַר אַן אָריגינאַל, וואָס וויל נישט נאָכגעמאַכט, נאָר אויסגעדרוקט ווערן. און דעם אָריגינאַלס שע־פערישער אויסדרוק איז: נישט דער פּאָטעטיק נאָכשמייכלען, נאָר פון איר גראָטעסק, און דאָס מיינט נאָך טראַגישער אַרויסשמייכלען. אָט דעם גראָ־טעסקן אַרויסשמייכל האָבן אַ טייל יידישע דיכטער פון גאַליציע, ווער מער און ווער ווייניקער, רעאַליזירט. צומייסט איז דער דאָזיקער גראָטעסקער אויפלויכט פון אינעווייניק געקומען, ווי מיר דאַכט, צום אויסדרוק ביי משה לייב האַלפּערן.

דעם פּאָעט משה לייב איז געלונגען אַרויסצובאַקומען פון זיך יענע אומ־פאַרגלייכלעכע קאַלאָקוויאַלע שפּראַך, יענעם שטילן, הומאָריסטישן ריטם פון שטייגער־לשון, וואָס איז שוין נישט מער היינישער „עיקר שכחתי״, נאָר טאַקע אוראייגענער, משה לייבס אוראייגענער גאַליציש־יידישער עיקר. מיטן כוח פון אָט דער אייגענער פאָרם האָט האַלפּערן באַוויזן דעם וואונדער פון גראָטעסק אַרויסשמייכלען און דערמיט נאָך טראַגישער אַרויסשרייען דעם פּאַטאָס פון דער מעשה וועגן דעם קוילנטרעגער הארש בער, וואָס האָט כאָטש אַ בפירוש פאַרבעטענער, נישט געקאָנט קומען צו דער בת־מלכהס חתונה.

צו אָט דעם גאַליציש־יידישן נוסח פון פאַרשמייכלטער, פון אומפּאָטע־טישער פּאָטעטיק, האָט אימבער אינטעלעקטועל געשטרעבט און אים פּאָעטיש געזוכט. ער האָט אים אין זיין פּאָעזיע נישט געפונען אפשר דערפאַר וואָס ער, דער ליטעראַטור־סטודענט, איז צו שטאַרק געווען אַריינגעוואקסן און קעגן זיין ווילן זעליש צוגעבונדן צו די קלאַסישע שאַפונגס־פאָרמען, און ער האָט דיכטעריש נישט געהאַט דעם כוח זיי גובר צו זיין.

האַרמאָנישקייט אין זיין ליד האָט אימבער דערגרייכט ערשט דעמאָלט, ווען זיין רייף און אינטעלעקטועל געלייטערט געמיט האָט זיך גענומען צו־פּאַסן צו דער קלאַסישער פאָרם. דעמאָלט, געציילטע יאָר פאַר זיין הייליקן אומקום אין דער לעמבערגער געטאָ, האָט ער פּאָעטיש געקאָנט ריידן אין אַזעלכע האַרמאָנישע שורות ווי:

„בין איך דען שוין אַזוי נאָענט,
„גאָט, צו דיין לויטערער רו —
„אַז כ׳זע שוין נישט מער דיינע וואונדער,
„ווייל כ׳בין שוין אין זיי, ווי דו —״.

דעם אייגענעם, דעם גאַליציש־יידישן נוסח, צו וועלכן אימבער האָט געשטרעבט אין דער פּאָעזיע, האָט ער לייכט און אין אַ פולער מאָס געפונען אין זיין פּובליציסטישער, פּאַלעמישער פּראָזע אויף יידיש און אויף פּויליש. די פּאָלעמישע אַרטיקלען קעגן פּוילישע אַנטיסעמיטן,וואָס אימבער האָט געדרוקט אין זיין באַרימט־געוואָרענער צייטשריפט „אָקאָ וו׳אָקאָ״ (אויג אויף אויג), און וואָס אַ טייל פון זיי האָט ער צונויפגעזאַמלט אין זיין בוך „אָסי טשיסטעי ראַסי״ (די קאַרפּנקעפּ פון ריינראַסיקייט, קראָקע 1934), אָטעמען מיט יענעם ציווילן קוראַזש, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר אמת גרויסע שרייבער. אימבערס פּראָזע פאַרמאָגט איר אייגנס אַ פּאַמפלע־טאַרישן טאָן פון גרויסן פּאַטעטישן שוואונג און ערנסט. און אימבערס פּראָזע קוועלט מיט גראָטעסקע זשעסטן, וואָס מינערן פון דעם פּאַטאָס׳ פייערלעכקייט אָבער פאַרגרעסערן זיין שטויס־קראַפט. אימבערס פּראָזע־סטיל איז פיינלעך־ביטער און שטיל־הומאָריסטיש. ער שלאָגט די רשעות מיט האַרטער לאָגיק און ער צעשטויבט די נאַרישקייט מיט מילדן חוזק.

מיט איין וואָרט: עס איז דער גאַליציש־יידישער נוסח, וואָס אימבער האָט אים פּאָעטיש געזוכט, און אויב נישט נאָך מער...

ישראל אַשענדאָרף

א.

ווײ און וואַנדער

די יונגע אין אונדזער ליטעראַרישער יידיש־וועלט זיינען געוואָרן אויס־כאַפּערס פון טויט — טענהט צו מיר מיט וויציקן פאַרדראָס און צער אַ חבר שרייבער — אין איינע צוויי יאָר: י. י. סיגאַל, שמערקע קאַטשערגינסקי, נחום באָמזע, י. פריילין און ישראל אַשענדאָרף.

דער אַרגענטינער יידיש־דיכטער, דערציילער און דראַמאַטורג, ישראל אַשענדאָרף, האָט זיך צוגעשטעלט צו די, וואָס האָבן „אויסגעכאַפּט ס׳שטאַרבן״ אין עלטער פון זיבן און פערציק יאָר.

איך זאָג: אַרגענטיניש־יידישער דיכטער און איך פיל דעם גאַנצן גורל־דיקן חוזק פון דעם געאָגראַפישן שם התואר. וואָרים ישראל אַשענדאָרף האָט אַפילו רעכט קיין צייט נישט געהאַט זיך אַנצוואָרעמען אין דער יידישער אַרגענטינע. ער האָט זיך אַהין דערשלאָגן אין 1953 אינאיינעם מיט אַ גרופּע חברים יידיש־שרייבער נאָך אַ „ווײ און וואַנדער״ פון אַנדערט־האַלבן צענדלינג יאָר פון פּוילן קיין אוזבעקיסטאַן און פון דאָרט צוריק קיין פּוילן און קיין פראַנקרייך.

אַז אַרגענטינער איז אַשענדאָרף בלויז דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט הייסע כוונות צו ווערן אײַרס אַ תושב און צו בויען דאָרט אַ סטאַבילע היים פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן ווײַב און קינד, און בלויז דערמיט וואָס זײַן יונגער גוף רוט אין אַרגענטינער ערד און העלפֿט יידיש אַנוואַרעמען איר פֿרעמדקייט.

אַ געבוירענער אין שטעטל מילניצע און אַן אויפֿגעצויגענער אין לעמבערג, האָט זיך דער צוואַנציקיאָריקער דיכטער ישראל אַשענדאָרף געטוליעט צו דער חברותא פֿון יידיש־שרייבער אין מזרח־גאַליציע, וואָס איז באַוואוסט געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור ווי די „צושטייער״־גרופּע.

דער נאָמען שטאַמט פֿון דער דריי־חדשים־שריפֿט „צושטייער״, וואָס די גרופּע האָט אַרויסגעגעבן אין לעמבערג פֿון האַרבסט 1929 ביז פֿרילינג 1931 (עס זײַנען דערשינען בלויז דריי נומערן).

די מיטאַרבעטער פֿון „צושטייער״, וואָס זײַנען כמעט אַלע געווען מיט אַן ערך אַ האַלבן דור ייִנגער ווי די פּיאָנערן פֿון דער מאָדערנער יידיש־שעפֿערישקייט אין גאַליציע: שמואל־יעקב אימבער, דוד קעניגסבערג און מלך ראַוויטש, זײַנען ליטעראַריש נישט געווען קיין איינהייטלעכע גרופּע. עס זײַנען געווען צווישן זיי ראָמאַנטיקער (נחום באָמזע, מענדל ביגרעשל), עקסטרעמע מאָדערניסטן (דבורה פֿאָגעל), אינטעלעקטואַליסטיש־פֿאַרשפּיצטע קריטיקער און עסייאיסטן (דבורה פֿאָגעל, רחל אויערבאַך, נפֿתלי וויניק), און — פּראָלעטאַרישע דיכטער (בער שנאַפּער, יעקב שודריך און ישראל אַשענדאָרף).

פֿון צווישן די דריי, איז אַשענדאָרפֿס סאָציאַלער מאָטיוו געווען דער שטילסטער. אַשענדאָרפֿס פּערזן האָבן נישט מאַרשירט צום קאַמף ווי יעקב שודריכס לידער, און זיי האָבן נישט בראַווירט מיט ביטערן סאַרקאַזם און מיט שטאַרקע ווערטער, ווי בער שנאַפּערס.

אַשענדאָרפֿס ליד האָט מער סאָציאַל געזיפֿצט, ווי פּראָטעסטירט. אין דער פּאָעמע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער״, וואָס דער צוואַנציק־יאָריקער האָט אָפּגעדרוקט אין ערשטן נומער פֿון „צושטייער״, איז אַשענדאָרפֿס סאָציאַלער מאָטיוו נאָך היפּש ראָמאַנטיש געשליירט. דעם דיכטערס געמיט איז אין דער מעשה וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער אין תוך מער פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער גראָטעסקער געשטאַלט פֿון דעם קליגסטן און פֿריילעכסטן ייד, וואָס האָט פֿון הימל „אַרויסגעגנבעט זיך אַנצוטרינקען אַלע פֿאַר־מרה־שחורהטע מיט פֿריידן״, איידער פֿון הערשעלעס ביטערער אָרעמקייט, וואָס בעט זיך, מען זאָל אויף איר אויסזינגען סאָציאַלן פּראָטעסט.

עס ווייזט אויס, אַז אַשענדאָרפס איבערצייגונג האָט ביי אים געמאָנט וואָס מער קעמפערישע סאָציאַלישקייט, אָבער דאָס דיכטערישע געמיט האָט נישט געקאָנט נאָכקומען דער מאָנונג. דאָס ליד האָט קיין העכערן טאָן פון קעמפערישקייט נישט געוווּמען. אַשענדאָרפס ליד האָט זיך באַגנוגנט מער מיט אָפּמאָלן דעם סאָציאַלן וויי, אַנשטאָט אַרויסצושרייען דעם סאָציאַלן געשריי.

ווען דער 28־יאָריקער דיכטער שמואל אַשענדאָרף איז אַרויסגעקומען מיט זיין ערשטער לידער־זאַמלונג (לעמבערג, 1937) האָט ער איר געגעבן אַ נאָמען, אַזוי צו זאָגן, מיט אַן אויסרוף־צייכן. דאָס לידער־בוך הייסט „מאָנטיק אינדערפרי".

„ווער ס'האָט דעם שבת אויסגעגרעבצט — שרייבט אַשענדאָרף אין דער הקדמה צום בוך און מיט זיך בכיון צו זיין נאַטוראַליסטיש — און ווער דעם זונטיק אין קאַנאַל אויסגעבראָכן. דו — שטיי אויף, טו דיך אָן, גרייט זיך צום אינדערוואָכן — עס איז מאָנטיק אינדערפרי."

און דערנאָך אין אַ טאָן פון קעמפערישקייט —

„עס קומט אַ וואָך פון זאָרג און פון מי. אַזויפיל
„נאָך נישט געטויטעטע וואָרט אויף דער ערד, וויל
„ווערן פאַרבעסערט, אָדער דאַרף ווערן צעשטערט.
„נאָר שווענק דיך נישט, ביסט באַוואָפנט. האָסט
„אין פאַרמעג: אַ האַמער, אַ בויער און אַ זעג —
„וועסטו דיר דורכשניידן, דורכבויערן און דורכברעכן
„אַ וועג דורך זעקס טעג."

און צום סוף מיט בטחון און האָפערדיקייט —

„אין דיין פענצטער און אין זיינעם איז איצט גראָ, נאָר
„אין זיינעם קוקט אַריין דער קאָפּ פון אַ זקן, אין
„דיינעם — דער יונגער טאָג."

אין די לידער גופא, נאָך דער הקדמה, איז דאָ ווייניק פון דער קעמפערישקייט, ווייניק פון דעם טאָן פון אויסרוף און — דער האָפערדיקער בטחון פון דעם „יונגן טאָג" קוקט זעלטן ווען אַריין אין די פענצטער פון אַשענדאָרפס ליד.

אַנשטאָט אַלץ דעם וואָס אַשענדאָרף האָט אָנגעזאָגט אין זיין הקדמה, איז דער פּאָעטישער גרונט־טאָן פון די לידער אַ געמעל פון נויט, פון אָט דעם וויי פון עלנט און אָרעמקייט, וואָס איז שפּעטער מיט אַ סך מער

קינסטלערישער רייפקייט געקומען צום אויסדרוק אין דיכטערס פערטער לידער־זאַמלונג „ווי אין וואַנדער" (פּאַריז, 1950) און אין זיין בוך דער־ציילונגען „שותפים פון גורל" (פּאַריז, 1953).

די לידער־זאַמלונג „ווי און וואַנדער", די צווייטע פון די פיר זאַמ־לונגען, וואָס איז דערגאַנגען צום לייענער (די אַנדערע צווי: „גרוסן אין דער ווייט", 1939, און „אַנונג און וואָר", 1941, זיינען אין דער בהלה פון דייטש־פּוילישן און פון דייטש־סאָוועטישן קריג פאַרלוירן געגאַנגען), איז אין לאַנגע, דורכנעמענדיקע מגילה פון דלות, דחקות און סאָציאַלן פּאַרדראָס.

עס הייבט זיך אָן דער סיפּור המעשה מיט אַ ליד פון פאַרן וואַנדער, מיט אַ ליד וועגן דער אייגענער מאַמען אין מזרח־גאַליציישן שטעטל (איינס פון די פאַרכאַפּנדיק־מאַלערישע לידער אין בוך) וואָס —

„...כאָטש זי האָט אַ פּנים, ווי זי וואָלט געהאַט
„בדעה צו באַגיין אַ שרעקלעך שווערע טאַט,
„איז זי איצט גרייט צו באָרגן בלויז אַ ביסל שפּייז:
„אַ לאַבן ברויט, אַ פונט קאַרטאָפל, אָדער רייז."

און ער דערגייט צו די מאַמעס פון ליד „פּרויען וואַרטן" ערגעץ בעתן וואַנדער אין קאַווקאַז.

עס הייבט זיך אָן דאָס ליד פון פּיין און שוידער מיט די נייע שיך, וואָס זיינען פאַרבליבן נאָכן קראַנקן טאַטע ווען ס'האָט דער טויט באַזיגט דאָס לעבן אין זיין ברוסט, און עס ציט זיך העט ווייט אַוועק ביז צו די „מאַידאַנעקער שיך" פון די פאַרברענטע טאַטעס און מאַמעס.

די הויפּט־עלעמענטן פון אַשענדאָרפס ליד פון ווי און צער זיינען דאָס מאַלערישע און דאָס עפּישע. דער הויפּט־כוח — בלי ספק דאָס מאַלערישע.

דאָס דערציילערישע ליד ביי אַשענדאָרפן איז שוואַכער ווי דאָס מאַלע־רישע. אַשענדאָרפס אופןריידן אין די דערציילערישע לידער איז טאַקע אַ קרעפטיקער און אַ דירעקטער, אָבער אָפט אויך אַ פּראָזאַאישער און אָן אַלץ אַרויסזאָגערישער. דערפאַר איז זיין ווי אין אָט די לידער נישט אַלע מאָל עלעגיש־אינספּירירנדיק, נאָר פּאַבוליסטיש־פּאַרטייטשעריש. ווי אַ ביישפּיל פאַר די לידער, וואו דער פּאַבוליסטישער מוסר השכל נעמט די אויבערהאַנט איבער דער עלעגיע, קאָן דינען צווישן אַנדערע דאָס ליד „ברויט", וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַזעלכע שורות —

„נאָר ברויט, נאָר ברויט אונדז געבן
„און ס'ווערט די וועלט געבענטשט:

„מיר לעבן אויף דעם מענטש
„און פאַר דעם מענטש — דאָס לעבן."

מיטן וואָרט־פענזל אָבער געלינגט אַשענדאָרפן אָפּצומאָלן אַזאַ פּאָרטרעט ווי דעם שוין פריער דערמאָנטן „פרימאָרגנגאַנג פון מיין מאַמען", וואו עס הערט זיך אַרויס אין פרט פון ריטם אַ קרובהשאַפט צו געוויסע לידער פון אַשענדאָרפס גרויסן לאַנדסמאַן, דעם דיכטער משה לייב.

דאָס מאָלערישע ליד קומט ביי אַשענדאָרפן אַרויס וייכער און לירישער ווי די איבעריקע לידער. אין מאָלערישן איז ביי אַשענדאָרפן פאַראַן נישט בלויז מער ליריק. נאָר אַפילו ליריק מיט אַן עוקץ הומאָר.

ב.

גורל־פינצטערניש

עס קאָן זיין, אַז די „אני הגבר"־דערפאַרונג פון אַשענדאָרפן, דעם וואַנ־דערער און וואָגלער איבערן לאַנד פון „סאָציאַלער באַפרייאונג", האָט נישט אָפּגעווישט דעם סאָציאַלן פאַרדראָס פון דיכטערס געמיט. אָבער דער סאָ־ציאַלער מאָטיוו האָט דורכגעמאַכט אַ פאַרוואַנדלונג. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערדישקייט און איז געוואָרן עפּעס אַ יענוועלטיש געשפּענסט. אַנשטאָט סאָציאַלע אומגערעכטיקייט, וואָס מענטשן קאָנען זי פּרוּוון מתקן זיין, איז איצט ביי אַשענדאָרפן פאַראַן בלויז וויזיע פון ביזער גורלדיקייט, וואָס קעגן איר קאָן מען נישט קעמפן. פאַר איר מוז מען זיך בויגן.

און אָט די גורל־זעאונג, וואָס מיר באַגעגענען זיך מיט איר אין אַשענ־דאָרפס בוך דערציילונגען „שותפים פון גורל" איז אַ פינצטערע, אַן אָנגעפּילטע מיט שרעק און מיט טרויער. דער געדיכטער טרויער פון דעם סיפור המעשה אין די דערציילונגען פון זיין בוך ווערט כמעט קיינמאָל נישט דורכגעליכטיקט פונעם גורלס אַ מינדסטן שמייכל.

ביז און אומרחמנותדיק איז דער גורל צו אַשענדאָרפס העלדן און אויך צו זיין הויפּט־העלד, דעם אַלטער־עגאָ פאַרבער.

נאַטאַשע, די העלדין פון דער דערציילונג „טונקל", האָט „אויס מורא פאַרן טויט זיך געפּרוּווט נעמען דאָס לעבן" און פונקט אַזוי האָט זי „אויס מורא פאַר משוגעת פאַר געזוכט אַ רעטונג אין דעם הויז פאַר משוגעים"; נאַטאַשעס אומהיימלעך שווייגנדיקע מוטער האָט אויסגעזען „ווי אַ ברונעם, וואָס זיין קוואַל איז שוין לאַנג אויסגעטריקנט און איצט איז אַ פחד אַראָפּ־

צוקוקן אין זיין טונקעלער טיף״, און נאַטאַשעס ייִנגל, דימאַ, איז געוואָרן אַ קעשענע־גנב און דווקא פאַרבער ווערט זיינער אַ קרבן אין טראַמווײ, גראָד דעמאָלט ווען ער פאָרט באַזוכן דימאָס קראַנקע מוטער נאַטאַשאַ.

און שרעק און פלאָנטער און חוזק פון גורל קומען אויך אַנטקעגן אין אַשענדאָרפס לענגסטער און זייער גוט געבויטער דערציילונג, וואו דער לייענער מאַכט מיט מיט פאַרבערן זיין עוואַקואַציע פון אַ ייִדיש־גאַליצישער שטאָט אַזש קיין אוזבעקיסטאַן.

איבער וואָס פאַרא זיגזאַג־וועגן פון האָפענונג און פאַרצווייפלונג האָט דער גורל פאַרבערן ניט געפירט אויף צוריק צו געפינען זיין חברטע רחל, וואָס ער האָט זי פאַרלוירן אונטערוועגס אין די סאַמע ערשטע טעג פון דער עוואַקואַציע ?! און אַז דער גורל האָט אים מיט חדשים און יאָרן שפּעטער דערפירט צו אַ שפּיטאָל אין דער שטאָט אַרמאַוויר, וואו רחל ראָזען איז געווע: אַ קראַנקען־שוועסטער, און פאַרבער איז אַריין אַהין אַ האָפערדיקער מיט אַ בוקעט בלומען אין האַנט (איינגעהאַנדלט פאַר לעצטע גראָשנס), איז זיין געליבטע געלעגן אין הויכן טיפוס־פיבער, אין גסיסה, און פאַרבער האָט זי ענדלעך אויפן אַנדערן טאָג געזען — אין טויטן־קאַמער.

אַשענדאָרפס דערציילעריש געמיט, פונקט ווי דאָס געמיט פון אַשענ־דאָרפן דעם דיכטער פון „מאַגנטיק אינדערפרי״ און „ווײ און וואַנדער״, און אַשענדאָרפן דעם דראַמאַטורג אין זיין פּרעמירטער דראַמע „דער קעניג שאול״, האָט אַן אויג בלויז פאַר דאָס טונקעלע, דאָס חושכדיקע, דאָס פלאָנ־טערדיקע אין מענטשנס גורל.

די איינציקע העלע פאַרב אין אַשענדאָרפס דערציילונגען איז די לעבע־דיקייט פון זייער סיפור המעשה, די אַלעמאָל דראַמאַטישע שפּאַנונג פון זייער פאַבולע. אַמאָל דאַכט זיך אַפילו, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין האַרמאָניע צווישן אַשענדאָרפס שפּראַך און דעם אַלעם וואָס ס׳פּאַסירט אין זיינע דער־ציילונגען. אַשענדאָרפס לשון איז אַ סך מאָל צו לייכט־שוועבנדיק פאַר דער שווערער משא פון גורל־ביטערקייט, וואָס אַיעדע פון זיינע דערציי־לונגען טראָגט דורך. מען האָט דערפאַר טיילמאָל ביים לייענען דאָס פריקרע געפיל פון אַ ביי־זער, טיף־טרויעריקער בשורה, וואָס דער בשורה־טרעגער האָט זי עפּעס צו־גלאַטיק, צו־פליסיק, צו־טעכניש גוט אַראָפּגעזאָגט.

די האָריזאָנטאַלע דימענסיעס פון זיין סיפור המעשה האָט אַשענדאָרף תמיד גוט אויסגענוצט. און דערפאַר האָט ער אָפט דערציילעריש זיך געקענט יאָגן ווי אין אַן אויטאָמאָביל, וואָס שלינגט גיך און לייכט די לאַנגע און ווייטע מײַלן פון דער דערציילונג.

אויף צו דערגרייכן אויך די דריטע אויסמעסטונג, די אויסמעסטונג פון טיף און הויך, איז דער אויטאָמאָביל צומייסט נישט דער ריכטיקער וועהיקל.

בדי צו דערפאָרן צו יענער דימענסיע דאַרף מען דווקא פאָרן מיט דער אַלטמאָדישער אַקס, וואָס איז נישט אַזאַ גיכע מיילן־שלינגערין און שטעלט זיך אָפט אָפּ אויף געדאַנקלעכן „פּאַפּאָס".

אַשענדאָרף איז בטבע נישט געווען קיין אַקס־פאָרער אין דער בעלע־טריסטיק, אָבער, אַז ער האָט געטראַכט צו צאַמען זיין אויטאָמאָביל־יאָגעניש און צו פאַרקערעווען אויך צו דער דימענסיע פון פאַרטיפונג, דערויף זאָגן עדות דאָ און דאָרט ערטער אין אַשענדאָרפס דערציילונגען, וואו דער מחבר בלייבט שטיין און כאַפּט אָפּ דעם אָטעם מיט אַ מחשבהדיקער, אָפט סאַר־קאַסטישער, רעפלעקסיע און מיט אַן אינטעלעקטועל צוגעשפּיצטער כאַראַק־טעריזירונג פון געשטאַלטן און געשעענישן.

1956

◈

נחום באָמזע

מאַנטיק האָט ער מיט מיר איבערגערעדט אַן ענין, וואָס איז אונדז ביידן שטאַרק אָנגעגאַנגען. ס׳איז געבליבן, אַז איך זאָל זיך ווענדן צו מיינעם אַ פריינט וועגן אינפאָרמאַציע און אים, באָמזען, אויף צומאָרגנס אַ רוף טאָן.

איך האָב די אינפאָרמאַציע אויסגעפונען נישט דינסטיק, נישט מיטוואָך, נאָר ערשט דאָנערשטיק און האָב זיך דערפאַר פרייטיק צוגעאײַלט צו קלינגען צו באָמזען פאַרפרי, איידער ער גייט אַוועק צו דער אַרבעט.

געמעלדעט האָט זיך דער בעל־הבית פון שטוב, וואו באָמזע האָט געוואוינט פאַר די לעצטע צוויי יאָר, און אויף מיין פראַגע צי קען איך רעדן מיט באָמזען האָט דער ייד געענטפערט —

„ס׳טוט מיר לייד, ער איז נעכטן אויפדערנאַכט געשטאָרבן."

די ווערטער זיינען געווען אַזוי פון דער העלער הויט, אַזוי פרעמד און אַזוי אומפאַרשטענדלעך און דערביי אַזוי פיינלעך קלאָר און איינדייטיק, אַז איך האָב באַוויזן אַרויסצוברענגען פון מיר בלויז אַן איבערגעשראָקענעם „וואָס ???" און בין אַ פאַרשטומטער געבליבן שטיין מיטן טרייבל אין האַנט.

איבערן טעלעפאָן האָט זיך איצט צו מיר געטראָגן די געבראָכענע, ציטערדיקע שטים פון דעם ייד און זי האָט טרייסטנדיק געטענהט —

„צוויי יאָר האָט ער געוואוינט ביי אונדז אין הויז און, גלויבט מיר, אַז

איך און מיין פרוי האָבן קיינמאָל אין לעבן נישט באַגעגנט אַן איידעלערן מענטש און אַ פיינערן דזשענטלמען ווי ס׳איז געווען באָמזע״.

אין לעבן און אין ליד האָט נחום באָמזע אָנגעהאַלטן אַט די פיינע דזשענטל־מענישקייט. אויף דער וואָר און אין ליד האָט זיך דער מעזיבעק פון איציק און העניע באָמזע פונעם מזרח־גאַליציישן שטעטל סאַסעוו צוגעהערט מיט אַריסטאָקראַטישער געצוימטקייט צום „גרעלן לץ״ פון די געשעעניש אויפן „גרויסן יאַר־יאַריד״, וואָס מע רופט לעבן, און איז געבליבן ביז צום סוף —

„איך — שווייגנדיקער טרויער,
„איך — זינגענדיקע פרייד.״

אַזוי — איבער אַלע וואַנדריוועקעס פון דחקות, נויט און איינזאַמקייט, איבער לעמבערג און וואַרשע, איבער עוואַקואַציע קיין אוזבעקיסטאַן און איבער אומקער צו די חרובע און „יודענריינע״ שטעט פון פוילן, איבער שטאָקהאָלם און פּאַריז און ביז צו דער לעצטער סטאַנציע: ניו־יאָרק, וואו ער איז אין אַכט און פערציקסטן יאָר פון זיין לעבן, דאָנערשטיק, דעם 13טן מאַי, 1954, אַנטשלאָפן געוואָרן אויף אייביק —

„מיט טיפער שרעק פאַר נאַכט און טויט
„און מיט אַ חלום פון בלאָען הימל און פון העלע שטערן״.

און אַזוי איידל, געצוימט און דזשענטלמעניש אויך איבער אַלע פינף און צוואַנציק יאָר פון זיין פּאָעטישן אויפקום און פון זיין שעפערישן אויסרייף, פון זיין ערשט לידערבוך „אין די טעג פון דער וואָך״, וואָס איז אַרויס אין לעמבערג, און איבער די לידער־זאַמלונגען „באָרוועסע טריט״, „ליטאַי־פּעי איבערדיכטונגען״ אין וואַרשע און „איבערגאַנג״ אין דער סאָוועטישער לעמ־בערג און ביז צו דער ניו יאָרקער זאַמלונג „אַ חתונה אין האַרבסט״, וואָס איז צו צוויי דריטל אַן אַנטאָלאָגיע פון די פריערע ביכער און צו איין דריטל נייע לידער פונעם מלחמהדיקן „ווייַ און וואַנדער״.

איך שטרייך אונטער די אַריסטאָקראַטישע געצוימטקייט פון באָמזעס פערזענלעכקייט און פון באָמזעס ליד, ווייל, מיר דאַכט, אַז אויב עמעצן איז אַמאָל געווען שווער גובר צו זיין אין זיך דעם ברויז פון עלעגישן געיאָמער און אים צו האַלטן אין די פענטעס פון „דזשענטלמענישקייט״, האָט עס געמוזט זיין דער דיכטער נחום באָמזע, וואָס אַ לעבן לאַנג האָט אים באַגלייט די אַנונג פון אַ יונגן טויט.

זי הויבט זיך אָן, די טויט־אַנונג, פון ערגעץ קינדוויַיז אין סאַסעוו, ווען אַ גאַסט איז אין אַ פאַרנאַכט געקומען אין שטוב אַריין. „דער טאַטע האָט געטרונקען טיי און די מאַמע געוואַשן ס׳געשיר״:

„נאָר איך האָב זיך געשראָקן און אַוועק
„הינטער דער שאַנק.
„און דאָס איז אונדזער מעזיניק, דער קלענצטער,
„נחום, קום אַהער צום פענצטער
„און גיב אַ קוש דעם גאַסט אין דער האַנט.
„(איך געדענק אַלץ נאָכאַנאַנד)
„איך האָב אַ קוש געטאָן דעם טויט
„און דערפילט: מיינע באַקן ווערן רויט —
„אַ בראַנד — — — —״

און דער לעצטער פּאָעטישער אויסדרוק פון דער דאָזיקער טויט־אַנונג איז דאָס ליד, וואָס באַמזע האָט אָנגעשריבן אַ חודש פאַר זיין טויט צום אָנדענק פון זיין געליבטן דיכטער און פריינט מאַני לייב (געדרוקט אין דער זאַמלונג פון די פאַרבליבענע לידער „אייביק בליען וועט דער טרוים״, דערשינען צו זיין ערשטן יאָרצייט, ניו יאָרק, 1955), וואו דער פּאָעט גיט איבער וועגן זיך אַז —

„מיט אַ שמאָלער סטעזשקע דורך דעם אָוונט־ליכט
„שפּאַן איך אַלץ נעענטער צום נאַכטיקן טויער.״

און צווישן דער דערמאָנונג פון דעם „קוש אין האַנט דעם פאַרנאַכטיקן גאַסט״ און דער זעלבסט־זעאונג פון אַ שפּאַנענדיקן „דורך אָוונטליכט צום נאַכטיקן טויער״ ליגט דער יונגער טויט פון דער מאַמען אין גאַליציע און דער יונגער טויט פון צווי ברידער אין אַמעריקע און די טויטן האָבן די אַנונג נאָך שטאַרקער, נאָך אינטענזיווער און נאָך הייסער געמאַכט.

דער דאָזיקער פיינלעך־קלאָרער „אויג־אויף־אויג״ מיט דער אַנונג פון אַ יונגן טויט האָט ביי באַמזען נישט אַרויסגערופן נישט קיין געפיל פון לעבנס־רעזיגנאַציע און אוודאי נישט קיין נטיה צו טויט־גלאָריפיצירונג. עס האָט פאַר אים בלויז געשאַפן די שווערע פּראָבלעם אויף דער וואָר און אין דער דיכטונג צו צאַמען די מורא פאַר דעם „גאַסט אין פאַרנאַכט״.

וואָס זיינען געווען באַמזעס פּסיכיש־קינסטלערישע מיטלען אויף צו דער־גרייכן די צאַמונג פון דער מורא? (איך לייען זיינע לידער, די פריערע און די שפּעטערע, און איך זע פאַר מיר די שלאַנקע, שיינע און שוויַגעריש אַזוי נאָענטע געשטאַלט פון נחום באַמזען, און אויף וויפיל ס׳קלינגען זיינע שטילע רייד אין מיינע אויערן, דאַכט מיר, אַז איך הער אים ריידן זיינע לידער. אַזוי איינס ווי באַמזע אויף דער וואָר און באַמזע אין דער אַטמאָספער פון זיינע לידער איז אַ זעלטנקייט.)

אין לעבן און אין דער פּאָעזיע האָט באַמזע געצאַמט און גובר געווען די טויט־מורא מיט דער פרייד פון געזאַנג; מיט דער זיכערקייט, וואָס ס׳האָט

אים געגעבן די בענקשאַפט, און מיט אַביסל דרייסטן הומאָר אויפן חשבון פונעם „פאַרנאַכטיקן גאַסט".

דער הומאָר, ווי אין לעבן, אַזוי אויך אין ליד, נישט צו אָפט, שטיל און נישט מיט קיין צו ברייטן שמייכל, האָט אַלעמאָל פאַרמאָגט בלויז אַ צמצומדיק דאָזירטן סכום פון ווערטער. באַמזעס הומאָר האָט זיך געהיט פאַר אַן איבעריקן דריי מיטן שליסעלע, וואָס קאָן ברייטער צעעפענען דעם טרויער אין געמיט אָנשטאָט צו פאַרשליסן די מורא.

אָט איז אַ ביישפּיל פאַר באַמזעס הומאָר אויפן חשבון פונעם „עובר בטל" —

„און אַז דער עובר בטל — טויט וועט גרייטן זיך צו מיר,
וועל איך זיך נישט שרעקן און אָנקלאַפּן אויף מיין טיר אַ ברעטל
„(ס'פאַרשטייט מסתמא דער טויט דאָס יידיש פון אַ דיכטער)
נישטאָ איז נחום אין דער היים, ביטע שפּעטער!"

דאָס אומזיכערע איז דער „שפּעטער" און אַפילו דער היינט. צום זיכערסטן איז דער נעכטן. אויפן לעבן פון נעכטן האָט דער טויט קיין שליטא נישט. אָט דאָס לעבן האָט זיך דאָך פאַרענדיקט מיטן לעבן פון היינט.

נאָך יענעם לעבן ווי אַ זיכערקייט פאַרן פאָלקיש־קיומיסטישן, אָבער דערעיקרשט פאַרן פּערזענלעך־ביאָלאָגישן, „שפּעטער" בענקט דער דיכטער באַמזע.

„לאָמיר זיך איינשפּאַנען" זינגט מיט זיך דער פּאָעט אַ ליד פון זיכער־קייט אין איינעם פון די לעצטע לידער פאַר זיין טויט —

„לאָמיר זיך איינשפּאַנען אין פאַרביקע לייצעס
„און לויפן באַרועס צו דער סעקאַנד עוועניו אין ניו־יאָרק".

דאָרט אויף דער יידישער סעקאַנד־עוועניו און אין רויש פון יוניאָן־סקווער וויל באַמזע מיט זיין בענקשאַפט דעריאָגן „די וויבער אין פּאַטשיילעס און די יידן מיט די בערד", דעריאָגן דאָס יידישע לעבן פון סאַסעוו, לעמבערג און וואַרשע; דעריאָגן דאָס שוין אָפּגעלעבטע לעבן, וואָס האָט זיך פאַר־ענדיקט מיט לעבן.

און טאָמער בלייבט ער אַנטוישט, ווייל ער דערקענט נישט די פּנימער פון סאַסעוו און פון לעמבערג, וואָס זיינען דאָ די פּנימער פון טאַטעס און מאַמעס מיט הייזער און „פרידזשידעירס", מיט צירונג און אויטאָמאָבילן, טוט זיך דעם דיכטערס בענקשאַפט אַן עצה. די פּאָעטישע בענקשאַפט דער־גרייכט איר ציל דערמיט, וואָס זי היט אויף אין דמיון געשטאַלטן „וועו זיי זיינען יונג געווען און דורך „מאַטשקעס גאָרטן" אַוועק קיין אַמעריקע".

און די זיכערסטע באַוואָרעניש קעגן דעם „גאַסט אין פאַרנאַכט" איז די פרייד פון געזאַנג דורכן טאָג. איך זאָג פרייד פון געזאַנג, ווייל באַמזע איז

באַגלייך מיט זיין געליבטן מייסטער און חבר מאַני לייב, געווען נישט אַ זינגער פון פרייד, נאָר אַ באַשאַפער פון פרייד דורך געזאַנג. ווי פאַר מאַני לייבן האָט אויך פאַר נחום באַמזען דאָס שטילע, זינגעוודיקע וואָרט געמיינט די זיכערסטע און וואַרעמסטע נעסט פון שיינקייט און — פון געדויער.

און ווייל אויך פון געדויער — האָט זיך נחום באַמזע אַזוי געקלאַמערט פּאַטיש אין דער שטילקייט און אין דער זינגעוודיקייט פונעם וואָרט, און אונטערן אַספּעקט פון די דאַזיקע וואָרט־עלעמענטן געמשפּט דעם ווערט און די איבערצייטלעכקייט פון פּאָעזיע.

צום שטילן פּאַטישן וואָרט האָט נחום באַמזע איבערגעגעבן זיין קאַמף קעגן דעם „עובר בטל" — טויט און נאָך מער, און דערעיקרשט, און מיט דער לעצטער האָפענונג און געוויסהייט, דעם קאַמף קעגן טויטס סאַמע רשעותדיקער רשעות — קעגן זיין געבאָט צו די לעבעדיקע צו פאַרגעסן די געשטאָרבענע.

„ווי ס׳קריצט אַ מענטש זיין נאָמען אויף אַ בוים אין טיפן וואַלד
„ווי ס׳קריצט אַ מענטש זיין נאָמען אויף אַ פּוסטן שטיין,
„אַזוי קריץ איך דורך טעג פון מיין לעבן
„דאָס ליד פון נישט פאַרגעסן ווערן."

אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט האָט נחום באַמזע אַריינגעכתיבהט זיין ליד אויף די פּאַרמעטן פון דער יידיש־פּאָעזיע, אַריינגעשריבן עס מיט באַגאַבונג, מיט גלויבן, מיט געטריישאַפט און מיט פרייד, מיט דער איינציקער טיפער פרייד פון זיין געמיט — דער פרייד פון געזאַנג.

◈

אריה שמרי

אריה שמרי איז נישט קיין „עולה חדש" אין ישראל. דער אָקאָרשט אַ בן חמשים געוואָרענער פּאָעט איז אַ „חלוצל פון פוילן", וואָס האָט מיט אַן ערך דרייסיק יאָר קריק עולה געווען קיין ארץ ישראל און איז דאָרט געוואָרן, און ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן, אַ קיבוצניק, אַן ערד־אַרבעטער, אַ גערטנער:

„נישט אַ בלאָנדזשלינג, אויף איין נאַכט אַן אורח,
„דיין זון — מיין בלוט,
„דיין ערד — מיין עול איז,
„פון דיינע ליימען יויר איך" —

אַזוי זאָגט וועגן זיך אריה שמרי אין זיין לידער־זאַמלונג „אין וואָכיקן ליכט" (דערשינען אין פאַרלאַג פון „השומר הצעיר" אין מרחביה), און סיי דעם דיכטערס לעבן אין משך פון דריי צענדליק יאָר און סיי זיינע דריי ביכער־לידער זאָגן עדות אויף דעם אמת פון דער זעלבסטכאַראַקטע־ריזירונג.

איך דערמאָן אָט דעם פאַקט, כדי אונטערצושטרייכן דעם פענאָמען פון אַ וואָרט־קינסטלער, וואָס, הגם ער איז אויפגעוואקסן אין אַ קנאַישער העבו'ע־איש־סביבה און הגם ער אַליין איז געווען פריי פון יעדער יידיש־אידעאָלאָגיע, האָט אים אָבער אַ טיפע שעפערישע נויטוועדיקייט געטריבן און געצוואונגען צו שרייבן בלויז און אויסשליסלעך אין דער שפּראַך פון זיינע ערשטע צוואַנציק פרע־חלוצישע יאָר.

אַפילו דאָס ערשטע בוך זיינס, די פּאָעמע מיט די זעקס און דרייסיק לידער וועגן לייזער ציפּרעס, וואָס איז אַרויס אויף העברעאיש (מרחביה, 1939), האָט אריה שמרי אָנגעשריבן פון לכתחילה אויף יידיש און דער דיכטער א. שלאָנסקי האָט עס איבערגעזעצט אויף עברית.

און ווי גרויס און טיף עס איז געווען שמריס שעפערישע נויטוועדיקייט צו יידיש קאָן מען זען פון דעם דיכטערס יידיש־לשון מיט דער לעבעדיקער אידיאָמאַטיק און מיט די אויפטועריש שפּראַך־חידושים, וואָס שטראָמט אַזוי שפעדיק אין די דריי לידער־ביכער: „אין טויער פון טעג" (1947), „אין וואָכיקן ליכט" (1953) און „אַ שטערן אין פעלד" (1957).

דער דיכטער שמרי איז אויך אין שייכות צו יידיש אין אַ היפּשער מאָס באַרעכטיקט צו זאָגן וועגן זיך: „דיין זון — מיין בלוט; דיין ערד — מיין עול איז".

אין דער דריטער לידער־זאַמלונג „אַ שטערן אין פעלד", וואָס אריה שמרי האָט אַרויסגעבראַכט צום יום־טוב פון זיינע פופציק יאָר, זיינען אין אַ גרויסער מאָס פאַרטראַטן די זעלביקע פּאָעטישע מאָטיוון ווי אין די פריערדיקע צוויי ביכער און — עס זיינען צוגעקומען אַ שפּאָר ביסל נייע.

עס פאַרנעמט אויך אין איצטיקן בוך ווי אין די פריערדיקע אַן אויבנאָן־פּלאַץ די ליבע צו דער נאַטור, אַ ליבע, וואָס צעשטויבט דעם אומעט און פאַרטרייבט דעם שאָטן פונעם דיכטערס געמיט —

„אין דופט פון בוים וועט מיין אומעט ניט האַפטן,
„אין ליכט פון בוים וויל מיין שאָטן אויך ליכטן".

עס אָטעמען אויך די לידער פון איצטיקן בוך מיט אַ ליידנשאַפטלעכער פאַרליבטקייט אין דער ארץ־ישראל ערד —

„און דאָס מיין עפּיטאַף:
„כ'האָב ליב, כ'האָב ליב מיין ערד".

און עס גייען אויך אין „אַ שטערן אין פעלד" ביינאַנד טרויער און פרייד, געזאַנג צו פרילינג און צו אַרבעט און צער, טיפער צער, איבער יידיש־כללישן און איבער פערזענלעך־טראַגישן גורל.

צוגעקומען איז אין שמריס נייע לידער קודם כל דער מאָטיוו פון מרידה, פון מרידה קעגן —

„דו, גרויסוועלטיקער געוועלטיקער,
„וואָס ווענסטו טאָן ווען איינער, אַ שטילגעצעלטיקער,
„וועט אויפהאַלטן דיין גזר
„מיט כוח פון זיין ליכט און צער
„און ס'וועט זיין ד י י ן שטרויכל, כביכול?!

עס גייט דער פאַרמעסט און דער אַרויסרוף קעגן כביכול פאַר דער רחמימלאָזיקייט, מיט וועלכער ער גרייט זיך צו שיקן אין איינעם אַ פאַרנאַכט דעם טויט אויף אָפּצואווישן דעם דיכטערס טרוים פון לעבן, וואָס ער, גאָט, האָט אין אים „אָמאָל פון שינדל־דעכער אַריינגעבלויט"; און קעגן דער אכזריות, מיט וועלכער כביכול איז גרייט אָפּצורייסן דעם פּאָעטס „גליענדיקן באַרוועס פון די גראָזן", און עס שטייט אויף די טענה צום באַשעפער אין נאָמען פון דער געליבטער ארץ־ישראל ערד, אין נאָמען פון דער חלוצישער אַרבעט איבער אירע מדבריות —

„לאָמיר זאָגן צו גאָט,
„סיאיז ניט פאַרטיק זיין ווערק,
„און מאָנען מיט עזות.
„ניט קיין טרייסט אין מיראַזשן. .
„ביז יעדער שפּאַן — אַן אָאַזיס".

(איך פאַרלויף מיר דעם וועג מיט באַוואונדערונג און הנאה צו דעם גראַם פון עזות צו אָאַזיס. אַזעלכע לויט דער שפּראַך־משפּחהדיקייט, דאַכט זיך, ווייטע ווערטער, און וואָס פּאַראַ גערעאָטענע פּאָר זיי ווערן דורך דער אינעווייניקסטער סמיכות הפרשה פונעם דיכטערס געדאַנק און געפיל. די אינעווייניקסטע גראַם־שייכות איז דאָ נישט ווייניקער אמת עלעהיי צווישן דעם דיכטערס אַזעלכע אַנדערע געראָטענע וואָרט־פּאָרונגען ווי „די זעקל־שלעפּערין די מידע, וואָס וויל ווערן אַ נגידה", ווי דער שראַפּנעל־געקראַך מיט יאָר תש"ח (תאַשאַח) און ווי בלי מיט אַ גוט־פּרי. דער גראַם דאָ איז נישט ווייניקער גוט, וואָרים דער חלום וועגן אָאַזיס און די בענקשאַפט צו איר שטורעמען דאָך אויף און שטילן אין די עזות.)

אָבער מער נאָך ווי די רעבעלישקייט קעגן גאָט קומט אין שמרי'ס לידער פון „אַ שטערן אין פעלד" צום אויסדרוק זיין געדאַנקלעכער און עמאָציאָנעלער אויפשטאַנד קעגן כל יכולדיקן קאָלעקטיוו מיט זיינע פּענטעס פון אידעאָלאָגישער דיסציפּלין:

„מיטגיין וויל איך,
„נאָר מיין ליכט וויל איך היטן.

— — — — — — — — — — — — — —

„ווייל מיין האַרץ קאָן ניט גיין,
„ווייל מיין האַרץ וויל ניט גיין
„מיט אַ קייט אויף די טריט."

און פון ליד צו ליד שטאַרקט זיך די מרידה קעגן דער אידעאָלאָגישער „גלייכשאַלטונג", עס ווערט צוגעשפּיצטער די טענה קעגן די לייקענער פון יחידישקייט וואָס האַלטן, אַז „אַליינקייט (איז) פאַרראַט", עס ווערט בריענדיק און בפה מלא'דיקער די מאָנונג —

„לאָזט מיך אַליין,
„דורך אייגענעם סוד צו פאַרשטיין
„אַלץ אַרום."

און עס ווערט אויך דירעקטער און שאַרפער די קריטיק, דער ווידער־ווילן, דער פּראָטעסט קעגן דעם ראַדיקאַליזם, קעגן דער אמונה־לאָזיקייט אין מלך עליון און קעגן דער פאַרגלויבטקייט אין דעם סאַטראַפּ, דעם מלך אביון, וואָס „פלאַטערט די פאָנען פון ליידן און קאָוועט די פרייהייט צו קראַטע און ריגל".

דער דיכטער, וואָס איז אַ מיטגליד אין „השומר הצעיר"־קיבוץ „עין שמר" רופט זיינע חברים און זיך אַליין אַרויסצוגיין —

„פון טעמפּל פון תרח
„צום אייגענעם דרך
„מיט אָפענעם האַרץ צום אָפענעם הימל."

סוד איז כמעט אַזאַ פּאָעטיש צו פיל גענוצט וואָרט ווי גאָט. ביי אַ סך פון די דיכטער איז סוד פון די ווערטער, וואָס איז שיין און פאַרמאָגט חן. בלויז ביי „מתי מעט", כ'מיין, בלויז ביי אַ מינערער צאָל פּאָעטן פאַרמאָגט סוד פיינפולן שטוינענדיק־גלויביקן אמת, וואָס מאַכט אויך דעם לייענער שטוינען און גלויבן.

צו די „מתי מעט" געהערט בלי ספק דער דיכטער אריה שמרי, דער

זינגער און זאָגער פון „אַ שטערן אין פעלד". שמרי'ס האַלטן אַ סוד מיט דער נאַטור, זיין באַהעפטונג מיט איר —

„סודיק רופט אַ ברודער־בוים
„מיר זאָלן בייזע בוימען,"

האָט נישט דעם ריח פון סתם באַזינגען פעלד און גראָז און בלום, נאָר עס שמעקט מיט עפּעס טיפערס, מיט „אויפגעקלאָרט מיין סוד, מיין תוך".

אָט די נאָענטע סודותדיקייט מיט דער נאַטור, מיט איר חי און צומח האָט דאָס געפירט שמריס ליד צו דער דערקענטעניש פון דעם טיפן באַדייט פון יחידישקייט נישט בלויז אין דעם כלל פון פעלד און וואַלד, נאָר אויך אין דעם געפלאָנטער פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. כ'איז דעם דיכטער קלאָר געוואָרן —

„אַז וואַלד — יעדער בלאַט,
„און וועלט ווי זי איז, סודיק און גרויס —
„הילט אַרום מיט הימל און ערד יעדעס הויז."

די דאָזיקע פּאָעטישע דערקענטעניש האָט נישט בלויז אָנגעפירט דעם דיכטער געדאַנקלעך און עמאָציאָנעל פון „תרחס געצן", נאָר זי האָט אויך איינגעשטילט דעם צער פון זיין געמיט, האָט געלייטערט זיין פאַרשטאַנד און האָט אויפגעקלאָרט זיין וואָרט אָפּט מיט אַ וואונדערלעכער און קרעפּ־טיקער פשטות.

זעלטן ווען, אַז שמרי'ס פּאָעטיש בילד זאָל זיין עמאָציאָנעל פאַרפּלאָנטערט, פאַרפּלפּולט. בדרך כלל שטייט פאַר אונדז אין די מייסטע לידער פון „אַ שטערן אין פעלד", אַ דיכטער, אַן אמתער בן־חמשים לעצה, אַ מענטש, וואָס פאַרשטעלט זיך נישט „מיט אַ שלייער פון איינגערעדטן גוטס", אַ מענטש וואָס ווייס אַז —

„אויף דעם גליט מען אַ לעבן —
„צו לייטערן פאַרשטאַנד."

צי ער זינגט אַן אָדע צום מושל ביים ים, צום „יאַדערל פון ים" און „תמצית פון אַ טרערנדיקער וועלט", צי ער מאָלט די קענגורין „די שקלאַפינע די פאַרגרויטע" (די צוויי לידער וואָס דערציילן אַזויפיל וועגן דיכטערס „וואונד און חלום" זיינען פון די סאַמע בעסטע צווישן אַ סך גוטע לידער אין בוך), אָדער ער זינגט און זאָגט די לידער פון פערזענלעכן צער, די לידער פון רעבעלישקייט קעגן גאָט און מענטש, די לידער פון ליבע צו דער ישראלדיקער ערד און אויך צו יידיש ליד — אַלע מאָל שטייט פאַר אונדז

אַ גבורהדיק באַרואיקטער מענטש, אַ דיכטער מיט אָפּגעקלערטקייט אין געמיט און דערביי מיט ברויזנדיקן לעבנס־טעמפּעראַמענט און ער רעדט צו אונדז אין בילדער קלאָרע און פּשוטע און מיט ווערטער קרעפטיקע און שטילע, שטילע אַפילו ווען ס׳רייסט זיך פון זיי דאָ און דאָרט אַ געשריי.

עס איז דאָ אין שמרי׳ס לידער דער ריטם פון אַ פעסטן מענערישן טראָט און דערביי דער באַזאַכטער שפּאַן פון אַ דאָרפס־חכם, וואָס איז געוואַקסן און אויסגעוואַקסן אינאיינעם מיט די ביימער אין זיין פעלד, אינאיינעם מיט די פייגל אין זיין וואַלד. און עס פעלט אויך נישט אין שמרי׳ס לידער דאָס מעסטל פון קולטור־ראַפינירטקייט, וואָס איז די געשמאַקע ראָזשינקע אין דער קלוגער דאָרפישער פשטות.

◈

יעקב פרידמאַן

א.

הענט צום ליכט

דער פּאָעט יעקב פרידמאַן, וואָס איז אין דער צייט פון ערב־חורבן געווען איינער פון די סאַמע פּראָמינענטסטע און סאַמע אייגנאַרטיקסטע אין דער חברותא „יונג־רומעניע״ (כ׳מיין די גרופּע דיכטער אין רומעניע וואָס איז מיט אַ יאָרצענדליק יינגער פון איציק מאַנגער), האָט נישט בלויז ניסימדיק איבערגעלעבט די שווערע אַנטאָנעסקו־יאָרן אין בוקאַרעשט, נאָר האָט זיך אויך באַצייטנס אַרויסגעריסן פונעם ביי־רעזשימישן „גן־עדן״ און איז איבער קפריסין בשלום דערפאָרן קיין ארץ ישראל, וואו ער איז אַ תושב אין בית־דגון —

„ניט קיין שמחה פלאַכטע כ׳בין געוואָרן,
ווי מע האָט צעפּויקט, צעצימבלט און צעגלאָקט
איך טאַנץ נישט מיט קיין פייגל אויף די ביימער,
פאַר גאָט ברוך הוא אַלע טאָג פון וואָך.
כאַטש אין תוך...״

אין תוך איז דער עיקר־מאָטיוו פון יעקב פרידמאַן, דעם פּאָעט, געבליבן דער זעלבער פאַר די אַן ערך צוואַנציק יאָר פון זיין דיכטערישן גאַנג פון

טשערנאָוויץ איבער בוקאַרעשט קיין בית־דגון און איבער דער ברייט פון אַלע דריי ביכער־לידער („אדם", „שבת" און „פּאַסטעכער אין ישראל"), וואָס ער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן.

יעקב פרידמאַנס פּאָעטישער סוזשעט איז די בענקשאַפט נאָך באַ־העפטונג מיטן באַשאַף און דער באַגער צו דערזען זיין ליכט.

און צי דער מאָטיוו ווערט פאָרמולירט אין אַזעלכע אַבסטראַקטע און נעפּלדיקע פערזן פונעם לידער־בוך „שבת" (טשערנאָוויץ, 1939) ווי —

„און כאָטש מיר ווייסן אַלץ שוין און מיר האָבן פּאַר אַלעמען קלוגע,
פאַרניינענדיקע רייד,
און ס׳קוקט אונדזער חכמה איבער אַלע קאַטאַסטראָפעס אין דער וועלט,
הייבן מיר פונדעסטוועגן מיט יעדן דור זיך ווידער אויף
און שטרעקן די הענט צו דער זון
און שטרעקן די הענט צום ליכט,

אָדער ער ווערט געבראַכט צום אויסדרוק אין דער פּאָעמע „סאַדאַגערע" פון בוך „פּאַסטעכער אין ישראל" אין אַזעלכע קלאָרע, געפּרעסטע און סוגעסטיווע שורות ווי —

„שפּינאָזע דרינגט און דער רמב"ם דרינגט.
מלא ארץ דרינגעניש.
און וועלט בלייבט וועלט.
פון וויג ביז צו קבר — געפּענגעניש.
און איך — אהרן סטראַטינער, רייס זיך,
וויל פון די קייטן אַרויס."

בלייבט דער דיכטערישער מאָטיוו דערזעלבער און ביידע מאָל נישט, און קיינמאָל נישט — קיין שמחה פלאַכטשער.

יעקב פרידמאַנס פּאָעטיש וואָרט איז נישט דאָס וואָרט פון אַ נאַטור־מענטש, נאָר פון אַ מענטשן מיט קאָמפּליצירטע בענקשאַפטן צו באַהעפטונג מיט נאַטור און מיט חקירהדיקע און אַמאָל אַנטפּלעקערישע איבערטראַכ־טענישן וועגן דער הויה.

מיט אַנדערע ווערטער — צי אין זיין טאַטנס רבישן הויף אין מילניצע און אין טשערנאָוויץ, צי אויף דער וואַנדריוקע אין בוקאַרעשט און אין קפּריסין, אָדער ביים סוף פון די וואַנדערונגען „אויפן שויס פון דער נאַטור", אין דער אַלט־נייער היים, אין בית־דגון — נישט קיין זאַווערוכע־זשעסטן פון נאַטור־באַהעפטונג, נאָר דבקותדיקער תפילה־געזאַנג און דינער פידל־געזאַנג פון בענקשאַפט נאָך איר.

נישט שמחה פלאַכטע און אַפילו נישט קיין וואָרער אָדער פאַרשטעל־טער „פאַסטעך פון שאָף און רינדער" אין בית־דגון, נאָר אַן עמאַציאָנעל און חקירהדיק ראַפינירטער און צערדיק היפש צעפּיעשטשעטער אייניקל פונעם רוזשינער, און על פּי משפּחהדיקן און פּאָעטישן יחוס, אויך פונעם געזאַנג־מייסטער דוד המלך:

„די זון איז זון און גייט איר גאַנג
דער בן־אדם — אי פאַרעך אי שירה.
ס'האָט שוין דוד געזונגען דאָ זיין געזאַנג,
איצט פּרוּוווט זיין אייניקל אויס זיין לירע".

אין די אַן ערך פערצן יאָר זינט זיין בוך „שבת" און ביז צו דער זאַמלונג „פאַסטעכער אין ישראל" איז יעקב פרידמאַנס פּאָעטיש וואָרט אין אַלע פּרטים, אין פּרט פון אימאַזש, געדאַנק און פון שפּראַכלעכן אויס־דרוק און אויך אין פּרט וואָלט איך געזאָגט, פון בן־טובימשן אַראָמאַט, אַן אַן ערך רייפער, קלאָרער, קאָנקרעטער און — היסטאָרישער געוואָרן.

אין די „אידילישע" דרייסיקער יאָרן אין טשערנאָוויץ פון פאַרן חורבן איז יעקב פרידמאַן ערגעצוואו על פּי רוזשינער טראַדיציע געזעסן פּאָעטיש אין אַ חדר מיוחד און אַן אָפּגעזונדערטער פון קהל מתפּלל געווען זיינע אַבסטראַקטע תּפילה־געזאַנגען. ערשט אין דער קאַטאַסטראָפע־איבערלעבעניש פון טראַנסניסטריע, דערנאָך צווישן יידן אין פּאַליש־קפריסין און צווישן יידן אין די איבערגעפולטע שאַלאַשן פון ישראל, האָבן זיך צום אייניקל באַוויזן די זיידעס, אים אַרויסגעפירט פונעם „חדר מיוחד" און אים געשטעלט זאָגן און זינגען אין „בצבור" פון היינט און פון נעכטן.

די געשטאַלטן־גאַלעריע פון די גוט־יידישע זיידעס און אויך פון דעם נייעם „חסידישן" אַנגעלאָף, מרים די שליחה צום שייך עבד האמיס, דער כעלעמער מלמד מיט זיין „פּראָסטע שטייג, מיט פייגל פּראָסטע", דער יונג פון פּוילן „מיט דער ליכטיקער האַרף", יהודה צבי, וואָס „מען רופט אים דער טיגער", די יידן פון בבל און פון תּימן, דער „לאָמעד וואָווניק פון קאַרלין" און זהבה פון אַלזשיר — אָט די אַלע געשטאַלטן האָבן פרידמאַנען עפּעס ווי געצוואונגען זיי צו געבן לשון און זיי צו לאָזן מיטזאָגן מיט אים זיין צער און בענקשאַפט און חקירה־געזאָג און צו לאָזן מיט־אויסשטרעקן זייערע „הענט צום ליכט".

דאָס ליד פונעם יחידישן לירעקער פרידמאַן האָט דורך דעם באַקומען אַ היפּש ביסל עפישע רחבות. אַרומגעשטעלט מיט די געשטאַלטן און מיט

די רייד פון זיינע זיידעס און מיט די מעשים פון מסירות־נפש פון די כלערליי אַלטע און נייע „חסידים" אין אומקום טראַנסניסטריע און דערנאָך אין אויפקום ישראל, איז פרידמאַנס דיכטעריש וואָרט געוואָרן קרעפטיקער און זיין טענה האָט באַקומען פאַרב און וואָג און איראָניש־שניידנדיקן היתוך הדיבור ווי, למשל, אין די שיינע, עלעגאַנטע און אינטענסיווע בריוו, וואָס ער, דער „יידיש פרינץ", שרייבט צו איר „עקסעלענץ, דער קאָנטעס פון לינץ" אין „זיין היימלעכן ייִדישן לשון".

ערגעצוואו דערשלאָגט זיך צום אויער אין פרידמאַנס שורות אַן אָפּ־קלאַנג פון משה לייבישער השפּעה, דערעיקרשט וואָס שייך שפּראַך־ריטם און דיאַלעקטיק פון איבערשמועס מיט זיך אַליין. אָבער די קרובהשאַפט פאַרקלינגט גיך, וואָרים זי איז אַ צופעליקע און אַ דרויסנדיקע. די אינע־ווייניקסטע אַטמאָספער פונעם פּאָעטישן וואָרט און פון דער פּאָעטישער אינספּיראַציע איז בייביידע דיכטער אַ לגמרי פאַרשיידענע. ביי משה לייבן — גבורה, צאַרטקייט און פאַלקסטימלעכער ניגון. ביי פרידמאַנען — תפילה־דיקער געזאַנג, חקירהדיקע אינטענסיווקייט און יחוסדיקע עלעגאַנץ.

1953

ב.

אין דער קאַרעטע פון חלום

דער זיידע, דער רוזשינער, פלעגט פון זיין „הויף" אין סאַדאַגערע, סמוך לטשערנאָוויץ, אַרויספאָרן אויף אַ קאַרעטע מיט פיר פערד נאַשפּיץ און טוי־זנטער יידישע אויגן און הערצער זיינען מיט אים מיטגעפאָרן אויף דער הוד שבמלכות־נסיעה פון יידישער גייסטיקייט.

דאָס אייניקל, דער פּרינץ פון יידיש, לאָזט זיך אַרויס פון זיין הויף אין בית־דגון, וואָס אין דרום־יהודה, נאַשפּיץ אויף די פליגל פון דיכטערישער פאַנטאַזיע און נעמט אונדז מיט אויף אַ יאַזדע פון וואונדערלעכע חלומות. מיר שפּרייזן דורך מיטן יידיש־פּרינץ די טרוימשאַפט פונעם אַלטן חסיד יונה העט ביז „צום יין המשומרביים פלויט פון גן־עדן" און ביז „צום סמבטיון, צו די וואוילע רויטע יידעלעך", און מיר מעסטן דורך מיט אים דעם וועג פון זיין אייגענער לעגענדע, דער לעגענדע פונעם פּאָעט יעקב פרידמאַן, וואָס ער רופט זי אויפן נאָמען פון זיין אַלטער עגאָ „די לעגענדע נח גרין".

אין ביידע פּאָעמעס, סיי אין דעם שיר השירים וועגן „אונדזער זיידע יונה" און סיי אין „די לעגענדע פון נח גרין" פאַרכאַפּט די נאַשפּיצדיקייט, דער

גיכער, אָבער דערביי אַריסטאָקראַטיש־„גוט־יידישער" טעמפּאָ פון דעם פרייד־געזאַנג צום לעבן און, איך וואָלט געזאָגט, דער ברויזנדיק־תורה־זאָגערישער ריטם פון דער אָדע צום ליד.

ס'איז כמעט נישט פאַראַן קיין יידיש־דיכטער, וואָס זאָל נישט האָבן געזונגען זיין ליב־ און לויב־ליד צום ליד. עס איז דאָס פּסיכאָלאָגיש פאַר־שטענדלעך. וואָס געדיכטער עס ווערט דער בליק פון גלייכגילט און ביטול מצד דעם קולטורלאָזן, פון יידישער אייגענקייט אָפּגעקערטן דרויסן, אַלץ אינטענסיווער און הייסער ווערט דעם דיכטערס צערטלעכקייט און ליבשאַפט צו זיין יידיש־ליד.

יעקב פרידמאַן האָט אין איינעם פון זיינע לידער אַביסל סאַרקאַסטיש, אָבער פּסיכאָלאָגיש אין קאַרב אַריין, כאַראַקטעריזירט דעם גענויט־צושטאַנד פון „די יידישע לידער־שמידער" ווען ער האָט זיי פאַרגליכן צו „גאָט ברוך הוא אין אַ דור אַן אַפּטריניקן" —

„קיינער דאַרף זיי נישט און במילא בויט מען זיי קיין טעמפּל נישט
קיין שטייניקן.
און במילא מחן זיי נישט זיצן איבער רויכערדיקע מזבחות און שוויצן
מיט לאַכענדיקע נעזער צו די נאַרישע פייערן, וואָס דאָס ערב רב
דעמפט פאַר זיי אין טעמפּקייט...
אויף שטערן־קאַטשן אין איינסופיקער אַליינקייט
מיט זיך אַליין, פראַוֹוען זיי דעם יום־טוב
פון שיינקייט לשם שיינקייט..."

און זעלטן אַ יידיש־דיכטער וואָס האָט מיט אַזאַ רחבות פון חלום און מיט אַזאַ געוואָגטקייט פון פּאָעטישן געדאַנק געפּראַוועט דעם יום־טוב פון „שיינקייט לשם שיינקייט" פאַרן יידיש־ליד, ווי דער פּאָעט יעקב פרידמאַן אין זיינע פּאָעמעס וועגן „זיידע יונה" און וועגן „נח גרין".

„וואויל איז מיר — פאַרגייט זיך נח גרין, דער אַלטער עגאָ פונעם דיכטער יעקב פרידמאַן — און —

„...דיר ברודערל איז דען ניט וואויל און וואַזשנע?
ווער ביסטו געווען? ליים און שטיין און ערד."

און אין דער פרייד פון זיין מענטש־געבוירנקייט גייט אין פּאָעט אויף די דערמאָנונג פון זיין קינדשאַפט ווען ער איז געשטאַנען „אונטערן עפּל־בוים אין שאָטן" און עס —

„זיינען אַראָפּגעפאַלן ווי לאַכנדיקע ברידער אַלע בלעטער פון די
ביימער צו מיר
די פייגל, די פירות און די זונען־קעצלעך...
און נאָך און נאָך זאַכן,
וואָס האָבן קיין נאָמען ניט, די זיינען ערשט לידער
וואָס דאַרפן זיך צעבלעטערן און דער ריח אין די טוט ערשט קלעטערן
צו געשטאַלטיקונג.״

און דעמאָלט האָט דאָס יינגל זיך געבעטן ביים רבונו של עולם —

„טאַטע, גאָט, האָב האָב איך געזאָגט, האָסט די אָנגעפאַנגען,
לאָז, איך וועל די פאַרענדיקן פאַר דיר.
האָט ער זיך צעשמייכלט: גוט זונעלע, פּרואוו...״

און פון דעמאָלט אָן איז דאָס דיכטער־קינד געוואָרן דער רבונו של עולמס לערניינגל און דערנאָך זיין שותף צו יצירה.

דער פּאָעטישער מיטאָס וועגן דעם דיכטערס שותפות מיט דעם באַשאַפער איז אַן אויסטערליש־שיינער מיטאָס און נח גרין מעג זיך מיט רעכט איבער־נעמען אַז ווען נישט ער —

„און נאָך אַזוינע זינגערלעך ווי איך
וואָלט דער באַשאַפער אַליין ניט געקענט דערזען זיך
און אפשר ניט געוואוסט אַז ער איז דאָ...,

וואָרום וואָס קאָן זיין מער באַווייז פון דער געטלעכער דאַאיקייט ווי דער מענטש־ליד, וואָס פאַרענדיקט גאָטס נישט פאַרענדיקטע לידער?

און אַזאַ מין פול־באַרעכטיקטער שותף צו דער יצירה ווערט אויך „אונדזער זיידע יונה״, וואָס פלעגט —

„שניצן גילדענע פייגל פון פּראָסטן פּאַפּיר,
זיי גלעטן די פליגל און לערנען זינגען לידער.״

ער איז אָפּגעזעסן אַ לעבן־לאַנג אין אַלקערל, דער זיידע יונה, און איז אויסגעפאָרן אַ וועלט אויף דער קאַרעטע פון חלום, און וואו ער זאָל נישט געווען זיין אויף די לאַנגע און קורצע נסיעות זיינע האָט ער „איך זכות פון שיינעם ליד״ אַהיימגעפירט „פולע בוידן״ מיט לעבנס־אָפּטימיזם „פונעם יאַריד״.

דער זוניקער אָפּטימיזם פון פרידמאַנס געזאַנג צום לעבן און צום חלום פון לעבן און צום מענטש, וואָס איז „ילוד שירה״, געבוירן פון ליד און צו ליד — זיין גלוסט און ליד — זיין זין און דערגרייך אויף דער

ערד — אָט דער אָפּטימיזם ווערט נאָך זוניקער, דערהויבענער און קינסט־לעריש, אמתער דורך דעם סקעפּטישן שמייכל פון פרידמאַנס פּאָעטישע בילדער און דורך דער גראַציעזקייט און הומאָריסטישער שפּילעוודיקייט פון זיינע ברייטע פערזן אין דער פּאָעמע „נח גרין״ און אין די שמעלערע שורות פון דעם געזאַנג וועגן „זיידע יונה״.

אַלע וועגן פון עכטער שעפערישקייט פירן צו גאָט־זעאונג. אָבער אויב ס׳איז אמת, ווי לודוויג בערנע האַלט, אַז הומאָר איז „דער גלויבן, וואָס זעט גאָט וואו אַן אַנדערער קאָן אים אַפילו נישט אָנען״ — איז דאָס, בלי ספק, חל אויף דעם פּאָעט יעקב פרידמאַן, דעם דיכטער פון „אונדזער זיידע יונה״ און פון „די לעגענדע נח גרין״.

(1958)

◈

אברהם סוצקעווער

א.

די ברכה פון שיינקייט

ס׳איז היינט אפשר נישט אין דער מאָדע צו כאַראַקטעריזירן דאָס געמיט פון פּאָעטן אין די טערמינען פון העלעניזם און העברעאיזם. דאָס לעצטע מאָל האָט, דאַכט זיך, די דאָזיקע טערמינאָלאָגיע שקלא וטריה׳ש געברויזט אין אונדזער צוויי־שפּראַכיקער ליטעראַטור־קריטיק אַרום דעם דיכטער שאול טשערניכאָווסקי.

אויף וויפיל איך געדענק, האָט דער ערשטער געפּסקנט יוסף קלויזנער, און נאָך אים זיינען אַנדערע נאָכגעקומען מיט זייער פּסק, אַז דער מחבר פון „לפני פסל אפולו״ (פאַר דער סטאַטוע פון אַפּאָלאָ) איז לויט זיין פּאָעטישן געמיט ניט יידיש, נאָר העלעניש.

ביי טשערניכאָווסקין ליגט זיין גריכיש געמיט פון אויבנאויף. עס גיט זיך צו דערקענען שוין אין דער טעמאַטיק פון אַ גרויסן טייל פון טשערני־כאָווסקיס לידער.

אין אברהם סוצקעווערס פּאָעטישן ווערק „אָדע צו דער טויב״, צו וועלכן עס איז פּאַסיק, ווי איך גלויב, אָנצוּווענדן דעם טערמין העלעניזם, קומט דאָס גריכישע געמיט צום אויסדרוק אין דער „אָדע״, כ׳מיין: אין דעם

שטענדיקן שיר השירים צו דער שיינקייט. ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אונטערן כישוף פון סוצקעווערס פערז נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין „כולו יופי", אין דורכאויסיקער שיינקייט:

„וועלט, וואָס איז וועלט? בלויז איר ניגון איז כוואַליק און וואַלדיק און וועלטיק,
„יאָמערט איר געטלעכער ניגון אין אָדערן מיינע: געוועלטיק!"

און ער געוועלטיקט, סוצקעווער, מיט באַרוישנדיקע בילדער פון שיינקייט אויך דעמאָלט, ווען דער שוידער פון רציחה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אונדזער יידישער וועלט. דער שוידער גייט אויף אין סוצקעווערס געמיט נישט אַזוי מיטן פּאַטאָס פון מאָראַל, ווי מיט דער גראַנדיעזקייט פון מיטאָ־לאָגישע בילדער.

ווי גרויליק עס זאָל נישט זיין דער סיפּור המעשה פון אַ „לוויה אין אַ רעגן" (איינס פון זיינע לידער אין פּראָזע, וואָס דער דיכטער רופט זיי מיטן שם הכולל „גרינער אַקוואַריום" און קוואַליפיצירט זיי ווי „קורצע באַשרייבונגען"), ווערט דער גרויל ערגעץ־וואו פאַרטרונקען אין דער תהום־יקר שיינקייט פון דער רעגן־מיטאָלאָגיע און פון דער הימליש־ליכטיקער שיינקייט פון דעם טויטן יינגל, וואָס איז אין תוך נישט עפּעס אַנדערש ווי דער „פּסל אַפּאָלאָ".

דעם מיטאָס פון דעם רעגן דערציילט אונדז סוצקעווער אַזוי:

„אַ הימלישער כישוף־מאַכער האָט צעשמאָלצן די צייט! נעכטן, היינט, מאָרגן — ניטאָ. ניטאָ. דער פרילינג פון אָדם הראשון און דער ווינטער פון אָדם האחרון זיינען צעשמאָלצן אין אַ ריזיקן קעסל, וואָס איז אויסגעשמידט פון וואָלקנס. דער קעסל האָט געפּלאַצט און די צעגאַנגענע צייט מבולט אכזריותדיק איבער דער ערד, און באַלד, באַלד וועט זי פאַרשלינגען דעם גייער מיט זיין שווערן זאַק אויף דער פּלייצע."

שטעלט מען אַוועק אַנשטאָט דעם „הימלישן כישוף־מאַכער", זעאוסן, דעם צאָרנדיקן גאָט פון נעם אַלימפּ, און עס שטייט פאַר אונדז אויף אַ בילד פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע — פּרעכטיק, גראַנדיעז און גורלדיק פינצטער.

און דאָס טויטע יינגל, ווידער, וואָס אין גייערס „שווערן זאַק אויף דער פּלייצע" — אים זעט דער דיכטער אין פולער שיינקייט, ווי אַ „צעבראָכענע סקולפּטור פון בלאָען דורכזעיקן מאַרמאָר, די האָר, אַ לאָרבער־קראַנץ, פאַרפלאָכטן אַרום דעם שטערן."

ווייזט אויס, אַז נישט בלויז די מאָראַל, נאָר אויך די שיינקייט האָט זיך איר באַרג גריזים און איר באַרג עיבל, כ'מיין: דעם באַרג פון ברכה און דעם באַרג פון קללה.

אַ קללה ווערט די שיינקייט, ווייל זי גיסט איר ליכטיקייט אויך אויפן

תלין און אויף דער אכזריות פון זיינע מעשים. און אַ ברכה איז זי — ווייל זי וויאַנעט נישט אויפן קאָפּ פון קרבן און מאַכט זיין אומשולדיקייט „בליען ווי אַ טייטלבוים" און ברענט אַרום דעם קרבן מיט אַלע פאַרבן פון גאַטס פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת, נישט בלויז מעטאַפאַריש, נאָר טאַקע ממשותדיק, גופיש.

אָט איז די פּלאַסטישע אומרחמנותדיקע שיינקייט פון דעם שטאַרבנדיקן אָקס, וואָס אַנטלויפט פון פלאַמענדיקן שטאָל מיט „ברענענדיקע הערנער, ווי צוויי אויסגעקרימטע וואַקסענע ליכט", שטורעמט אַריין ביז די קני אין דער אַזיערע, און ווען ער דערזעט דאָרט אין וואַסער מיט זיינע „פאַר־טאָפּלטע עליפּסענע אויגן, ווי צונויפגעשמאָלצן גלאָז פון אַ סך קאָלירן" נאָך אַן אָקס, אַ קאַפּויערדיקן, מיט די ברענענדיקע הערנער אַראָפּ — „נעמט זיך קנייטשן אויף זיין פּנים אַ מענטשלעכער שמייכל".

דער אָקסישער זון־פאַרגאַנג מיט דעם קנייטש פון מענטשלעכן שמייכל אויפן פּנים, ווי גרויזאַם־טראַגיש ס׳זאָל נישט זיין דאָס ליכט פון שיינקייט איבערן קרבן — איז די היים פון דעם דאָזיקן ליכט דער באַרג גריזים, דער באַרג פון ברכה.

און די „קורצע באַשרייבונג", וואָס סוצקעווער רופט זי מיטן נאָמען „באָמקע", איז טאַקע פול מיט אכזריותדיקן שוידער, אָבער זי ווערט אין דעם דיכטערס פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלט אין אַ מעשהלע פונעם באַרג פון ברכה. אָט די קורצע באַשרייבונג וועגן באָמקען שטאַמט פונעם ברכה־באַרג נישט מיט איר פאַבולע, נאָר מיט דעם ריטם פון איר צער־געזאַנג און דערעיקרשט מיט דעם בילד, וואָס דאָמינירט איבער אַלע אימאַזשן אין דער „באַשרייבונג" — דאָס בילד פון בלימעלען אויף דער תליה:

„ווי אַ פרילינג־בלימעלע צאַפּלט זי אין דער יום־טובדיקער בלאָקייט, און איבער איר שוואַלבן, צוויטשערדיקע שוואַלבן".

אין צוויי פון די מעשהלעך, אפשר די שענסטע (אויב מען זאָל דווקא מוזן האָבן אַ סופּערלאַטיוו צו שיינקייט, און שיין אַליין זאָל נישט זיין גענוג) רייסט זיך דורך אַ מאָראַלישער מוסר השכל.

די „באַשרייבונג" וועגן „דאָס קעסטעלע פון פּימסנהאָלץ", אין וועלכער די געשטאַלטן און די סיטואַציעס זיינען געצייכנט מיט באַזונדערס דינע, לייכטשוועביקע און דערביי גראָטעסק־טראַגישע ליניעס, און דערנאָך די מעשה „הינטערן גאָלדענעם שלייער", פאַרענדיקן זיך מיט בילדער, וואָס זיינען פאַרשטענדלעך פאַר אַלע ליבהאָבער פון פאַרשטענדלעכקייט (איך נעם זיך אַליין, חלילה, נישט אַרויס פון דעם דאָזיקן כלל פון ליבהאָבער) און קאָלערן מיט זייער סימבאָליק ממש אַראָפּ אַ שטיין פון יאוש פון האַרצן.

אָבער פאַראַן, זעלטן, דאַכט מיר, אַ יידיש פּאָעטיש ווערק, וואָס ס׳זאָל זיך צו אים אַזוי וויניק פּאַסן די מאָס פון פאַרשטענדלעך אָדער אומפאַר־שטענדלעך, ווי צו א. סוצקעווערס „אָדע צו דער טויב״.

עס פּאַסט זיך נישט די דאָזיקע מאָס, ווייל מער ווי אין יעדן אַנדערן בוך זיינעם רעדט צו אונדז סוצקעווער אין זיין „אָדע צו דער טויב״ דורך דער פּלאַסטישקייט פון זיינע בילדער און באַווירקט אונדז מיט די קאָלירן פון זיינע ווערטער.

עס געשעט מיט סוצקעווערס לידער אַזוי ווי ער אַליין סוגעסטירט עס אין „קונסט פון טאַטואירן״:

„אַ בלינדע פרוי, מע האָט געמוזט זי פירן,
„האָב איך אויסגעטאַטואירט אַ קינד.
„און מיט אַ מאָל: — די מאַגיע פון קאָלירן! —
„סיאיז די בלינד־געבוירענע ניט בלינד.״

די מאַגיק פון די וואָרט־קאָלירן און די רייכע מוזיקאַלישע ניואַנסירט־קייט פון די פערזן מאַכן פאַרשטענדלעך און באַזינען די צען לידער פון דער פּאָעמע „אָדע צו דער טויב״, וואָס זיינען געזאַנג־וואַריאַציעס אויף דעם מאָטיוו פון דעם דיכטערס מוזע צו זיינע פערציק יאָר.

נישט „מיט אַ רעגן טערצינען האָט דאָ זיך אַ שפּיל געטאָן דאַנטע״, נאָר דער יידיש־פּאָעט אברהם סוצקעווער האָט מיט קוואַטרינען (פיר שורות־דיקע סטראָפעס) אַרויסגעצויבערט זיינע פיר צענדליק יאָר פון דעם מדבר פון זיינע אייגענע און פון אונדזער גאַנצן דורס שווערע איבערלעבענישן, און די יאָרן —

„...אַ בלאָז און זיי שפּילן אַנטקעגן.
„זאַנגען מיט קינדערישע אויגן באַוועגן זיך אונטער דיונעס,
„תחית המתים פון זאַנגען, און אויבן אַ וואָלקן מיט סטרונעס.״

וואָס איז דער לייט־מאָטיוו פון סוצקעווערס געזאַנג־וואַריאַציעס צו זיין מוזע? דער לייט־מאָטיוו, ווי איך באַנעם אים, איז דאָס אַלטע פּאָעטישע וואָרט וועגן דעם לעבן, וואָס איז קורץ, און וועגן דער קונסט, וואָס איז לאַנג.

אין סוצקעווערס דיכטערישער פאָרמולירונג הייסט דאָס —

„העי, איר פּאָעטן, אָן אייך איז דאָס לעבן אַ דרעמל,
„ס׳וואָלט שוין לאַנג אָן פּאָעזיע געקניט פאַרן טויט ווי אַ קעמל.״

— — — — — — — — — — — —

„בלעטל פּאַפּיר, ביסט אַ דענקמאָל, אַ נעסט בויט די טויב אין דיין חומר,
„בלעטל, אין דיר, ניט אין מאַרמאָר, איז אייביק דאָס פּנים פון טרוימער.״

און דערפאַר בעט זיך דער פּאָעט ביי זיין מוזע —

„טייבעלע, קינד פון דער קינדהייט, גיב לשון, די ליפּן, גיב לשון,
„הער דאָס געוויין פון די קלאַנגען, אַניט איז אַ חלום פאַרלאָשן...״

איך האָב אויסגעקליבן אָט־די זעקס פערזן פון סוף ליד פינף און פון אָנהויב ליד דריי און צוויי ניט בלויז דערפאַר, וואָס זיי פאָרמולירן אַזוי פּאָעטיש פּרעציז דעם געדאַנק וועגן קורצן לעבן און וועגן דער לאַנגער קונסט. אַזאַ געדאַנקלעכע פּרעציזקייט אין שייכות מיט דעם זעלבן מאָטיוו קאָן מען געפינען אין אַ שפּאָר ביסל אַנדערע פערזן פון סוצקעווערס צען לידערדיקער „אָדע צו דער טויב״.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף די זעקס פערזן צוליב די גראַמען, וואָס זיינען אין אָט־די פערזן בולט מיט זייער באַזונדערער אויפטוערישקייט, שיינקייט און געראָטנקייט.

„דאָס לעבן אַ דרעמל, וואָס קניט פאַרן טויט ווי אַ קעמל״ איז נישט סתם אַ דרויסנדיקע פאַרונג פון קלאַנגען. עס איז אַן אינעווייניקסטע שייכות צווישן די וואָרט־בילדער, וואָס באַהעפטט זיי אין גראַמען. דאָס זעלביקע איז דער פאַל מיט „גיב לשון און חלום פאַרלאָשן״, און אוודאי איז עס אַזוי מיט דער נעסט, וואָס די מוזע־טויב בויט אין דעם חומר און מאַכט אייביק דאָס פּנים פון טרוימער.

דאָס זיינען נישט סתם ווירטואָז געשאַפענע גראַמען. דאָס זיינען ווערטער־זיווגים, וואָס זייער גראַם איז אויסגערופן געוואָרן „פּערציק טעג איידער זיי זיינען געבוירן געוואָרן״. אויב עס איז אמת, וואָס היינע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די קריטעריע פון ליד איז די אורשפּרינגלעכקייט, איז דאָס נישט ווייניקער וואָר וועגן דער קריטעריע פון גראַם. דער אמתער גראַם איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ סאַמע לכתחילה׳דיקע באַגעגעניש פון ווערטער העט אין די אינגעווייד־טיפענישן פון דער שפּראַך —

„פּערל און פּערל, מיט ימיקע רוישן געהיימע,
„רעגענען שוין פון די ליפּן, ס׳באַפאַלט מיך אַ פּערלנע אימה.״

עס זיינען פאַראַן ווערטער, וואָס זייער שלום־בית פון באַהעפטונג איז איין שטיק גרויסער יום־טוב, איין שטיק מוזיקאַלישע און בילדערישע האַרמאָניע. די דאָזיקע האַרמאָניע סוגעסטירט ליכט און דערהויבנקייט און — יאָגט אָן מיט איר שלימות אויך אַן אימה.

ביי סוצקעווערן אין זיינע לידער און דערציקרשט, דאַכט זיך, אין זיין „אָדע צו דער טויב״, איז פאַראַן אַ סך מאָל אַזאַ ווירטואָזע פּערפעקטקייט פון פערז און זייער אַ סך מאָל אַזאַ פעלערלאָזע פּלאַסטישקייט פון בילד און

אַזאַ מאַגישער צויבער פון פאַרב און קלאַנג, וואָס פאַרשאַפט די גרעסטע קינסטלערישע הנאה, אָבער — וואַרפט אויך אָן אַן אימה.

די אימה נעמט זיך ביים קונסט־געניסער מן הסתם דערפון, וואָס ווירטואָזע פאָרם־שלימות אין דער קונסט, ווי אין דער נאַטור, פּראָדוצירט נישט תמיד ביים לייענער, ביים צוקוקער און באַוואונדערער יענע הויכע נשמה־טעמפּעראַטור, וואָס איז נויטיק אָפּצושאַפן די דיסטאַנץ פון כולו באַוואונדערונג צווישן דעם דיכטערס ווערק און זיין געניסער און צו שאַפן די אַטמאָספער, אויב נישט פון היימישקייט, איז פון נאָענטשאַפט.

אין די „קורצע באַשרייבונגען" פונעם „גרינעם אַקוואַריום" איז סוצ־קעווערס שפּראַך קרישטאַליק־שיין און גליט מיט אַן אינעווייניקסטן גלי — אי טונקל און אי העל צו דער זעלבער צייט. די בילדער זיינען באַרוישנדיק, פאַנטאַסטיש, קיינמאָל נישט ביזאַר און אַלע מאָל לייכטשוועביק און פול מיט שוואונג.

אין דער פּאָעמע „אָדע צו דער טויב" איז פאַראַן סואווערענע ווירטואָ־זיטעט פון פערז און עכטע שעפערישקייט פון גראַם.

אָבער אין דער סעריע פון די צוויי און פערציק פריי־פערזיקע לידער „העלפאַנדן ביינאַכט", וואָס שטאַמען פון סוצקעווערס אַ נסיעה איבער אַפריקע, דערפילט דער לייענער יענע נשמה־וואַרעמקייט, וואָס מאַכט די קונסט אפשר נישט גרעסער, אָבער דערפאַר נענטער, אייגענער.

די מאָטיוון פון די לידער זיינען אַפריקאַנישע פאָלקלאָר־מאָטיוון, אָבער די מוזיק פון די לידער איז די אינטענסיווע בריענדיקע מוזיק פון יידיש, צי עס גייט וועגן דעם אָאַזיס וואו די „ביימער זעען אויס באַבלעטערטע חלומות", אָדער וועגן דעם מיטאָס פון „אין אָנהויב איז געווען אַ שוואַרצער העלפאַנד", אָדער וועגן דער הבל־הבלים־פילאָזאָפיע פונעם „שוואַרצער קיניג", וואָס —

„נעמט מיין קרוין
„און טוט זי אָן דער פעלדמויז,
„וויל צו איר געהערט מיין לייב".

אַלעמאָל איז סוצקעווערס יידיש־פערז אַזאַ רייכער מוזיקאַלישער אָר־קעסטער, וואָס ווי שיין עס זאָלן נישט זיין די ווערטער, איז דער קלאַנג און דער ניגון פון די אינסטרומענטן נאָך וואונדערלעכער און נאָך פאַר־כאַפּנדיקער.

1956

ב

סיני וויזיע

האָט געזאָגט ר׳ אבהו אין נאָמען פון ר׳ יוחנן — „ווייל גאָט ברוך הוא האָט זיך באַוויזן צו די יידן ווי אַ גיבור, אַ קריגער אויפן ים און ווי אַ סופר, אַ תורה־לערנער אויפן באַרג סיני; ווייל ער האָט זיך צו זיי באַוויזן ווי אַ יונגלינג אין די צייטן פון שלמהן און ווי אַ זקן פול מיט רחמים אין די צייטן פון דניאלן, דערפאַר האָט גאָט ברוך הוא צו זיי געזאָגט: איר זעט מיך אין אַ סך געשטאַלטן, אָבער איך בין דערזעלביקער וואָס אויפן ים, דערזעלביקער וואָס אויפן באַרג סיני, דערזעלביקער וואָס איבעראַל — איך בין גאָט, דיין גאָט!״

אַזוי פילגעשטאַלטיק ווי ס׳איז דער יידישער גאָט אין דמיון און אין די דערפאַרונגען פונעם פאָלק ישראל, איז אויך די לאַנגע יידישע געשיכטע ממצרים ועד הנה. פילגעשטאַלטיק איז די יידישע געשיכטע, אָבער זי איז אויך ווי איר גאָט איין און די זעלביקע אין עצם, ד״ה אין דער עיקר־דערפאַרונג און אין דער יסודותדיקער זעאונג פונעם יידישן געמיט.

די דאָזיקע זעאונג פון אונדזער היסטאָריעס איין־און־דערזעלביקייט האָט דער דיכטער סוצקעווער שיין און טרעפיק פאָרמולירט אין זיבעטן פון זיינע צען געזאָנגען וועגן דער דראַמאַטישער אויף דער וואָר־באַגעגעניש פון ייד מיט סיני נאָך אַן הפסקה פון פערטהאַלבן טויזנט יאָר —

„איך האָב שוין וואָן געהערט דיזעלבע טענער,
„אַ, בלינדערהייט וואָלט איך צו דיר געטראָפן.״

דער נייעסטער פון די טענער איז דער טאָן פון יידישער גבורה —

„צעטראָטענע ווי שפּילצייג אונטער זוילן —
„צעטרעטן איצט אין סיני טויט און פחד,״

און דער סאַמע עלטסטער, קיינמאָל נישט פאַרקלונגענער היסטאָרישער קלאַנג, וואָס דערטראָגט זיך צום פּאָעט תפילהדיק און מיט משיח־בענקשאַפט איז:

„אַ תפילה קלעטערט פון די סאַמע טיפן,
„ווי ס׳וואָלט אין האַרץ, ביים קלאַנג פון די טרומייטערס,
„אַ דימענט אָן אַ דימענט זיך געשליפן:
„זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
„פון באַרג אין סיני — בלאָז אָוועק די שנאה.
„פאַרשנייד אויפסניי אַ בונד מיט דיינע קינדער,
„און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע.״

סוצקעווערס זעאונגער פון מתן גבורה און מתן נקמה איבערראַשן (עכטע שעפערישקייט איבערראַשט אַלעמאָל פונדאַסניי) מיט זייער פרישער בילדערישקייט און מיט זייער געצוימטער רו און שטילקייט. אָבער מיר דאַכט, אַז די סאַמע אייגנסטע סיני־וויזיע פונעם פּאָעט — די וויזיע, וואָס איז יסודותדיק, ווייל זי כאַפּט אויף דעם תמצית פון יידיש־היסטאָרישן גורל און ברענגט צום אויסדרוק דעם אור־בליק פון סוצקעווערס דיכטערישן אויג און דעם אור־ניגון פון זיין פּאָעטישן קול, איז די זעאונג פון יידישער קרבנ׳דיקייט און דאָס געזאַנג וועגן דער שיינקייט, וואָס הילט איין אַלע פנימער פון יידישן גורל.

ווי וואָר און דראַמאַטיש־דערהויבנדיק עס זאָל נישט זיין די באַגעגעניש פון די ישראל־גיבורים מיטן מדבר און הר־סיני איז נאָך וואָרער און אייביקער דער מאַרש פון די פאַרברענטע יידישע קדושים צום באַרג סיני, כדי —

„דיין געבאָט, אין בלעטער פעלז — דיין פנקס
„פאַרקריצן מיט אַ פייערדיקן פינגער
„סקעלעטן פון די געטאָס און טרעבלינקעס!״

קיין מער היסטאָריש אַנגעוויטיקטער און קינסטלעריש און גע־דאַנקלעך אמתער גראַם ווי „פנקס״ און „טרעבלינקעס״ איז גאָר ניט געמאָלט. וואוהין זאָלן זיי גיין די פאַרפייניקטע און פאַרגאַזטע אין די טרעבלינקעס איינקריצן פונדאַסניי גאָטס געבאָט אויב נישט צו דער היסטאָריע, צום באַרג סיני׳ס פעלזיקן פנקס? איבער די דורות וואַנדערט אַזוי די יידישע שאָטן־אַרמיי מיט דער צען געבאָט־שליחות צווישן די טרעבלינקעס און דעם באַרג סיני־פנקס.

און אַ שיינקייט שפּרייט סוצקעווער דער דיכטער איבערן באַרג, איבער די לעבעדיקע און שאָטנדיקע געבאָט־איינקריצער, איבער דער פּיין פון לעבן און איבער דער רו פון טויט — אַ שיינקייט, וואָס איז פּראַמעטעאיש דרייסט און אָלימפּיש־סואווערען. כ׳מיין, זי איז אַן שום מאָראַלישע מוראס און זי פאַרמאָגט די אַן־תכליתדיקייט און פולע ציללאָזיקייט פון דעם ציל: שיינקייט —

„דער באַרג! דער באַרג! די שטילקייט בליט מיט בשמים
„פון אַלע דורות. דימענטענע ריינקייט.
„דער באַרג! דער באַרג! די זון גיט אַ באַשטראַם אים.
„צעשמאָלצן ווערט איר שליטה אין זיין שיינקייט.״

ער אַליין, דער פּאָעט, איז גרייט צו ברענגען עמאַציאָנעלע קרבנות אַבי צו דערגרייכן שיינקייט —

„איך גיב דעם שמידער מיין שוואַרצאַפּל,
„מיין צייט, מיין ליבע, מיין געוויין!
„און אונטער האַמער־גלי איך צאַפּל,
„אַבי צו קאָנען זאָגן: שיין!
„און אָט דער שיינקייט וויל איך דאַנקען,
„זי איז מיין אייביקע מינוט."

מיטן כוח פון דער שיינקייט, דער „אייביקער מינוט", וואָס דער פּאָעט סוצקעווער איז איר צוּיבערדיקסטער וואָרט־צויבערער, ווערט אַפילו דער טויט פאַרוואַנדלט אין אַ קינסטלער מיט זיין אייגענעם קונסט־פּראָבלעם פון שיינקייט —

„דער סקולפּטאָר מיט די טויזנט אויגן ענדיקט שוין די מאַסקע.
ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט אַ טרער, וואָס אויף דער וויע?"

פאַראַן ביי סוצקעווערן אַ ליד וועגן דער וואונדערלעכער יידיש־דייטשי־שער פּאָעטעסע עלזע לאַסקער־שילער, וואו ער דערציילט אונדז די לעגענדע פון דער „הייליקער זקנה, די זינגערין עלזע".

לכאורה כאַפּן די „שבחי עלזע" דעם אַנבליק פון בעל־שמישע שבחים פון דערבאַרעמדיקייט מיט גאָטס באַשעפעניש, פון רחמנות מיט אַן אייזל, וואָס האָט „זיך אַרונטערגעקוילערט פון באַרג און פאַרלוירן אַ פאָדערשטן צאָן" און מיט דער „זונרויז, וואָס געפאַלן אין גאָרטן". אָבער אין דער אמתן איז אין אָט דעם ליד, וואָס איז נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פאַרן זינגער סוצקעווער ווי פאַר דער באַזונגענער דיכטערין פון „טיבעט־טעפּיך", נישט פאַראַן קיין בעל־שמיש רחמנות, ניט צו דעם אייזל, ניט צו דער זונרויז און אויך נישט צו די כוואַליעס, וואָס זייבען אָקאָרשט געבוירן געוואָרן אין ים און „זיי קאָנען נישטריידן, זיי מאָנען מיט קינדערשע הענטלעך".

נישטאָ דאָ קיין רחמנות, ווייל רזומנות איז אין תוך דואַליסטיש. עס איז ווי יעדעס מאָראַלישע געפיל אַ רעזולטאַט פון איך — און דו. שיינקייט אָבער איז: מיר אַלע אונטער איין אויסגעשטערנטן הימל. און יעדער פּגם אין דער גאַנצקייט (שיינקייט איז ערגעץ־וואו אידענטיש מיט גאַנצקייט) איז אַ פּגם אויך אין דעטאַל.

„...האָט די זקנה צעשמאָלצן
„איר חתונה־רינג ביים דעם גאָלדשמיד ר' ניסים פון אַלטשטאָט,
„און ס'האָט שוין דער אייזל אַ גאָלדענעם צאָן אַ מתנה."

די „הייליקע זקנה, די זינגערין עלזע" האָט מקריב געווען איר גילדענעם חתונה־רינג נישט אַזוי צוליב רחמנות מיט גאָטס באַשעפעניש, דעם אייזל, ווי מחמת אחריות פאַר דער שלימותדיקער סימעטריע פון באַשאַף, מחמת איר קינסטלערישער אחריות פאַר דעם גרויסן קונסטווערק פון שיינקייט, וואָס הייסט באַטור.

די זינגערין עלזע איז איינס מיט דער זונרויז, מיט דער מוראַשקע, מיט דעם אייזל און מיט די אָקאָרשט געבוירענע כוואַליעס נישט מחמת סאָלי־דאַריטעט מיט די באַשאַפענע, נאָר מחמת מיטגעפיל מיט אים אַליין, מיט דעם וועלט־באַשעפער און מיט זיינע שאַפונגס־פּראָבלעמען —

„און ווער האָט באַנומען ווי זי דאָס געווין פון באַשעפער ? —
„שוין אַלצדינג באַשאַפן ! די אייביקייט איז אים שוין אייביק
„אַ קייט אויפן האַלדז, און קיין צווייטער איז מער ניט בנמצא...״

אין דער גרויס־עסטעטישער אחריות פאַרן באַשאַף, פאַרן שאַפונגס־פּראָצעס און פאַרן שעפער, וואָס די זאָרג פון שלימות און דער באַגער זי צו צעשטערן, כדי פונדאַסניי צו שאַפן, ליגט איר ווי אַ „קייט אויפן האַלדז״ — אין אָט דער קאָסמישער אחריות און סאָלידאַריטעט באַשטייט די „הייליקייט״ פון דער „זקנה, דער זינגערין עלזע״.

דאָס ליד „עלזע לאַסקער־שילער״ איז נישט נאָר אַ העכסט געלונגענער פּסיכאָגראַפישער פּאָרטרעט פון דער באַזונגענער דיכטערין, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אויך דער אויטאָ־פּאָרטרעט פון איר באַזינגער, דעם פּאָעט אברהם סוצקעווער, און עס זיינען דערפאַר מער ווי באַרעכטיקט די דריי סוף־שורות פונעם ליד —

„אַ בלויער קלאַוויר איז די שטאָט. אַ פאַרשלייערטע כלה.
„איך שפּאַן אויפן שטיינערנעם טעפּיך צוזאַמען מיט עלזע׳ן
„פאַרשיכורט פון בלויען קלאַוויר און צעשניטן פון העלזען.״

וואָס פאַר אַ טאָן סוצקעווערס ליד זאָל ניט אָנשלאָגן : דעם טאָן פון לעגענדע און השתפכות הנפש, פון געדאַנקלעכן ליריזם און פון אָדע, אָדער גאָר דעם טאָן פון פאָלקלאָריסטישער היימישקייט — אַלע מאָל שפּרייט זיך איבער סוצקעווערס פערזן אַ קלאַסישע געמאָסטנקייט און עפּעס אַ מין מאָנומענטאַלע שיינקייט.

סוצקעווערס וואָרט פאַרמאָגט ניט די האַרבקייט פון מאָראַלישער מאָנונג ווי ביים דיכטער ה. לייוויק און עס האָט נישט אין זיך די נאַטירלעכע מתיקות פון אַ גאָט־געבענטשטן חלום ווי ביים פּאָעט איציק מאַנגער.

אָבער דערפאַר צייכנט זיך סוצקעווערס פּאָעטיש וואָרט אויס מיט עפּעס אַ רוישיקער, מיסטישער פאַרביקייט און קלאַנגיקייט, און צו דערזעלבער צייט מיט אַן אויסנעמלעכער באַלאַנסירטקייט פון דעם קאָלירן־ און קלאַנגען־צונויפשטעל, וואָס מאַכט, אַז מיסטיק און ניכטערקייט זאָלן זיך באַהעפטן אינאיינעם צו קינסטלערישער שלימות אין סוצקעווערס ליד.

ס׳איז נישט פון די געוויינלעכע ספּעקטאַקלען אין דער קונסט פון פּאָעזיע, אַז ווערטער, וואָס „ווי לאָטאָס־בלעטער וויקלען זיך די פאַרבן״ און

זייערע קלאַנגען, וואָס „פּלאָטערן באַהאַלטן אין פידלען" אין ערגעץ פאַר־מויערטע „שווארצע פּאַלאַצן", זאָלן אינאיינעם אין ליד אַרויסברענגען אַזאַ ישוב־הדעתדיק געצוימטע פאָרמולירונג פון געדאַנק און בילד און אַזאַ קלאַ־סיש־רואיקן ריטם פון פערז.

אַזאַ מאַגישע עשירות פון פאַרב און קלאַנג און אַזאַ מייסטעריש גע־צוימטער פערז אין אַזאַ זעלטענע באַהערשונג פון דער עמאָציע אין פּאָעטישן בילד!

די דאָזיקע אמתע סוצקעווערישע ווירטואָזיטעט (זי איז די אמתע, וואָ־רים איר שאַפונגס־פּראָבלעם איז ווי אַזוי צו צוימען די שפע פון גאָטס חסד אין זיך) האָט איבער „דעם ברגל וואונדן" אין זיין דיכטערישן געמיט אויסגעשפּרייט אַ גרינע לאָנקע פון שלוה און פון שיינקייט, וואָס מינערט טאַקע נישט פון די וואונדן, אָבער מאַכט דאָס לעבן גרינגער, דערהויבענער און — הייליקער.

ווארים וואָס קאָן זיין, אמת טאַקע אכזריותדיקער, אָבער אין תוך אויך געטלעכער דורך איר תמימות, רו און קינדערשער שפּילעוודיקייט און בכן הייליקער ווי אַ „לאָנקע צווישן תליות"?

אין דעם ליד צום אָנדענק פון זיין רעטערין יאַנאָוואַ באַרטאָשעוויטש באַצייכנט דער דיכטער די דאָזיקע געטלעכע רו און קינדערשע תמימות ווי „אַ לאָנקע צווישן תליות"; אין דעם געזאַנג צו עלזע לאַסקער־שילער איז די הייליקייט אידענטיש מיט דעם קינסטלערס מיט־אחריות פאַר דער גאַנצקייט און שיינקייט פון דעם הימלישן יוצרס יצירה, און אין דעם ליד „שפּילצייג", וואָס איז אַ דורכשמועס פון דעם טאַטן מיט זיין אייגן טעכטערל מכוח אירע ליאַלקעס, ווערט די דאָזיקע „גרינע לאָנקע" פון קינדערשער פרעמד־קייט צו וועלט און נאַענטקייט צו גאָט אויסגעזונגען אין שורות, וואָס אין זיי וועט, ווי מיר דאַכט, לדורות ברענען אונדזער „בערגל מיט וואונדן" —

„דיינע שפּילצייג מיין קינד, האַלט זיי טייער,
„דיינע שפּילצייג נאָך קלענער ווי דו.
„און ביינאַכט ווען סיגייט שלאָפן דאָס פייער,
„מיט די שטערן פון בוים דעק זיי צו.

„האָב זיי ליב, דיינע קליינע בת־מלכהס,
„איך געדענק אַזאַ טאָג — וויי און ווינד —
„זיבן געסלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
„און די שטאָט איז געווען אָן אַ קינד."

דעצ. 1957

II

שטעל דיר צייכנס, מאַך דיר וועגשטאַנגען,
גיב אַכט אויף דעם שטעג, דעם וועג וואָס
דו ביסט געגאַנגען (הציבי לך ציונים,
שימי לך תמרורים, שיתי לבך למסילה
דרך הלכת)

(ירמיה ל"א, כ')

נאים הדברים כשהם יוצאים מפי עושיהם

(תוספתא יבמות)

חיים זשיטלאָווסקי

א.

נייַנצן דרייַצן און נייַנצן פערציק

פרייטיק, דעם 7טן מאַי, 1943, האָב איך פאַרצייכנט אין מייַנעם אַ נאָטיץ־בוך אַזוי:

„די ידיעה אין די הייַנטיקע צייטונגען אַז ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז נעכטן זעקס אַזייגער פאַרנאַכט געשטאָרבן אין שטאָטישן שפּיטאָל פון קאַל־גאַרי, קאַנאַדע, האָט אַלעמען אויפגעטרייסלט. ביי 78 יאָר האָט ער געמוזט פאַרן האַלטן לעקציעס. אוודאי האָט מען אין די לעצטע עטלעכע יאָר נישט געקענט דערמאָנען דעם נאָמען זשיטלאָווסקי אָן פאַרדראָס. אָבער דאָך — זשיטלאָווסקי מיט זייַנע אויפטוען, מיט זייַנע פאַרדינסטן פאַר יידיש און יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, שטאַרבט אין טיפער עלטער, אין געיעג נאָך פּרנסה. איז עס נישט סימבאָליש פאַר אונדזער אָרעם יידיש לעבן דאָ? אַ ליאַדע פויער, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט אַ לעבן, איז ביי 78 יאָר פאַרזאָרגט מיט אַ ביסל מנוחה און מיט זייַנע מזונות. די פאַרדראָסן אַרום זשיטלאָווסקין וועט די געשיכטע אויסגלעטן. פאַר די קומענדיקע צען יאָר וועט מען נישט זייַן בכוח צו זען דאָס ריכטיקע זשיטלאָווסקי־בילד. ערשט ווען אַלץ וועט זיך איינשטילן, וועט מען דערזען אין דער ריכטיקער פּראָפּאָרץ זייַנע מעלות און זייַנע חסרונות. אָבער סינע אירא עט סטודיאָ וועט זיך באַקומען אַן אינטערעסאַנטע יידישע געשטאַלט".

די צען יאָר זייַנען אַוועק און נאָך דריי דערצו און מיר דאַכט אַז איך האָב אָנגעמערקט אַ צו קורצן טערמין. די פאַרגאַנגענע דרייַצן יאָר האָבן די פאַרדראָסן נישט אָפּגעווישט. די יידישע פאַקטן פון דער רעוואָלוציע, וואָס זשיטלאָווסקי האָט אין די לעצטע יאָרן פון זייַן לעבן אַזוי גלאָריפיצירט, האָבן זינט 1945, און דערעיקרשט זינט 1948, עפּעס מיט אַ ממש פייַנלעכן אימפּעט געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן זשיטלאָווסקיס אידייאישע קורצזיכטיקייט און די דורכאויסיקע פאַלשקייט פון זייַן מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכער פירער־שאַפט.

אַלץ וואָס איז זינט זשיטלאָווסקיס טויט געשען אויפן יידישן פראָנט־אָפשניט פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע האָט זיך איינגעגעסן מיט אַזאַ ביטערניש און מיט אַזאַ פּאַרדראָס אין יידישע הערצער איבער גאָר דער וועלט, אַז ס׳איז שווער געווען צו פאַרגעסן זשיטלאָווסקיס אַרטיקלען און רעדעס, וואָס האָבן אַזוי געגרויסט און געהייליקט די דאָזיקע רעוואָלוציע און זי געהעכערט איבער אונדזער יידיש לעבן.

וויאַזוי האָט מען אין די טעג פון די פאַרשוואונדענע יידישע שרייבער און פון דער אָפּגעווישטער יידישער קולטור אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין די טעג פון די יידישע דעפּאָרטאַציעס און מאַסן־אַרעסטן אין רומעניע און אונגאַרן; אין די טעג פון דעם סלאַנסקי־פּראָצעס אין פּראַג און פון דעם „אַנטדעקטן" קאָמפּלאָט פון יידישע דאָקטוירים אין מאָסקווע, געקענט נישט זען זיצן דעם אַלטן ד״ר זשיטלאָווסקי ביים באַנקעט פונעם ניו־יאָרקער „ייוואָ" און מיט זיין געוואוינטער אָראַטאָרישער מייסטערשאַפט מוסרן אונדז יידן למאַי מיר דערלאָזן און העלפן צו אַז —

„אין אַ פרייער גייסטיקער וועלט זאָל אַ וועלכער עס איז אָביעקטיווער איינשטעל אונטערדריקט ווערן אָדער אַריינגעוואָרפן ווערן אין חרם, ווי אין די אַלטע שטרענג־קאַטוילישע צייטן?"

מיט דערזעלבער וואונדערלעכער פאָרם־שלימות און קלאָרער פאָר־מולירונג האָט דער רייד־קינסטלער ביים „ייוואָ"־טיש געכשרט דעם סאָ־וועטישן טעראָר און די פּראָצעסן, „וואָס זיינען דער אויסדרוק פון דער רעוואָלוציע. דאָס איז איר לשון".

איך געדענק גוט יענעם ווינטער־אָוונט פון דעם ערשטן מלחמה־יאָר, ווען דאָס יידישע געמיט האָט איבערגעלעבט די שווערע און פּיינפולע אַנגסט פאַרן גורל פונעם פּוילישן יידנטום. „מאָמענט" איז געהאַנגען איבער אונדזערע קעפּ. מיר האָבן אַלע געאַנט יידישן חורבן ווי אַ רעזולטאַט פון סטאַלינס „רעוואָלוציאָנערן" פּאַקט מיט היטלערן.

דעמאָלט האָט דאָס ד״ר זשיטלאָווסקי געשמיסן אונדזער יידישע „חרם"־שטימונג און געמאָנט ביי אונדז פאַרשטענדעניש פאַר דער רעוואָלוציע, פאַר אירע פּראָצעסן, פאַר אירע פּאַקטן און פאַר איר אייגענער „נישט־לשון־קודשדיקער" שפּראַך.

נאָך יענער רעדע — זי איז געווען די לעצטע, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן פון זשיטלאָווסקין — האָב איך אין אַן אַרטיקל אין דער צייטשריפט „אינזיך" געפּרוווט אָפּענטפערן, ווי ווייט איך בין געווען בכוח, אויף זשיטלאָווסקיס מוסר־רייד קעגן יידישן „פאַנאַטיזם". און שרייבנדיק יענעם מאמר האָב איך געפילט, אַז אין תוך גיב איך נישט נאָר מיין רעפּליק

אויף די רייד ביים „ייווא״־באַנקעט פון 1940, נאָר אויך אַ דופּליק אויף זשיטלאָווסקיס רעפּליק־רייד צו מיר און צו מיין דור מיט 27 יאָר פריער ביי אַ פאָלקס־באַנקעט אין מיין גאַליצישער היימשטאָט.

ביי יענעם קאָלאָמייער באַנקעט, אין 1913, וואָס „אַלע פּאַרטייען״ אין שטאָט האָבן געגעבן לכבוד דעם געהויבענעם גאַסט, האָב איך זשיטלאָווסקין צום ערשטן מאָל געהערט — און געהאַט די אויסצייכענונג פון זיין פּאָלעמיק מיט מיר.

ס׳איז געווען איינע פון די שטאַרקסטע איבערלעבענישן פון מיינע גימנאַזיע־יאָרן. איך, דער תלמיד פון זיבעטן קלאַס גימנאַזיע, האָב זיך אויפגעהויבן פון בענקל מיט ציטערניש צו באַגריסן דעם גרויסן גאַסט אין נאָמען פון דער שטודירנדיקער יוגנט — אויף העברעאיש. כ׳האָב נאָר אַרויסגעזאָגט דאָס ערשטע וואָרט „רבותי״ מיט דער ספרדישער הברה, און עס איז אויסגעבראָכן אַ יידישיסטישער שטורעם. די ז.שפּ.ס.־טוער, פּרילינג און פוש, ביים הויפּט־טיש האָבן גענומען פאָדערן איך זאָל ריידן יידיש. זשיטלאָווסקי האָט זיי איינגעשטילט און איך, אַ בלייכער און אַ פאַרציטערטער, האָב געקענט פאַרענדיקן מיין העברעאישע רעדע.

אָבער, אַז זשיטלאָווסקי האָט דערנאָך גענומען ענטפערן זיינע באַגריסער, האָט ער פון דאָרט, אויבן ביים הויפּט־טיש, געטייטלט צו מיר און צו די חברים פון דער יוגנט־דעלעגאַציע לעבן מיר ערגעץ העט ביים סאַמע עק פון דער מסיבה, און אונדז געמוסרט פאַר אונדזער העברעאיש, וואָס איז „אַ מענטעלע פאַר אַסימילאַציע״.

דער מוסר דעמאָלט, אין 1913, צו דער יוגנט אין קאָלאָמיי איז געווען פּונקט אַזוי אומגערעכט און קורצזיכטיק ווי דער מוסר מיט 27 יאָר שפּעטער, אין 1940, צו די דערוואַקסענע אין ניו־יאָרק.

דעם 17־יאָריקן אין 1913 האָט זשיטלאָווסקיס רעפּליק איבערגעשראָקן און היפּש אידייאיש צערודערט; דעם 40־יאָריקן אין ניו־יאָרק האָט די קריטיק פון יידישן „פאַנאַטיזם״ אידייאיש פאַרפעסטיקט און אים אַנטפּלעקעריש קלאָר געמאַכט געוויסע יסודותדיקע שטריכן אין דער געשטאַלט פון זשיטלאָווסקין, דעם דענקער און גצזעלשאַפטלעכן פירער.

„פאַר רעוואָלוציאָנערער לײַדנשאַפט — האָב איך געשריבן אין מיין עסיי וועגן יידישן „פאַנאַטיזם״ — געפינט ד״ר זשיטלאָווסקי אַ זכות. איבער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל משפּט ער ווי אַ זשורי־מאַן מיט הארץ; איבער יידישן טעמפּעראַמענט — ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער ריכטער מיטן דין״.

מיט אַנדערע ווערטער: פון קאָלאָמיי ווען ער האָט קריטיקירט אונדזער העברעאיש, „ווי אַ מענטעלע פאַר אַסימילאַציע״, און ביז ניו־יאָרק, ווען ער

האָט געמוסרט אונדזער יידישן „פאַנאַטיזם", האָט זשיטלאָווסקי געלערנט אונדזער דור העפלעכקייט צו אידייען אָנשטאָט ליבשאַפט צום פאָלק.

ווען עס איז געגאַנגען וועגן אידייען האָט זשיטלאָווסקי פאַרמאָגט האַרץ און אַפילו געקאָנט זינדיקן מיט עמאָציע, אָבער ווען עס איז געשטאַנען אין קאָן אַזאַ האַרץ־ענין, ווי דאָס לעבעדיקע פאָלק, איז זשיטלאָווסקי געווען כולו קלאָרע און קאַלטע אידייאישע פאָרמולירונג.

די רעוואָלוציע, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז פאַר זשיטלאָווסקין געווען אַן אַבסטראַקטע אידייע (ער האָט מיט איר, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, קיינמאָל נישט געוואוינט און זי אַפילו פון דער נאָענט נישט געזען) און ער האָט זי געקעכלט מיט אַלע זיינע יכולתן פון עמאָציע. דאָס יידישע פאָלק איז געווען בלויז אַ לעבעדיק וועזן אין דער נאָענטסטער שכנהשאַפט און ער האָט מיט אים געקנעלט דרך־ארץ צו דער מאָראַל פון דער רעוואָלוציע.

אַפילו אַזאַ זשיטלאָווסקישע מימרא ווי יענער „באַרימטער" און פיל־ציטירטער זאָג, אַז „פאַרפאַלן, אויב די רעדער פון דער רעוואָלוציע מוזן אַריבערגיין איבערן יידישן פאָלק" איז נישט געווען, חלילה, קיין אכזריות מצד זשיטלאָווסקין. זי איז בלויז אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן פון זיין עמאָציאָנעלער באַציאונג צום „דומם" וואָס הייסט אידייע און פון זיין לאָגיש־דידאַקטישן איינשטעל צום „חי", וואָס הייסט פאָלק.

ב.

די אַנטאָלאָגיע

פונדעסטוועגן איז אָבער נאָך דרייצן יאָר די העכסטע צייט מעיין צו זיין אין זשיטלאָווסקיס ווערק סינע איראַ עט סטודיאָ, ד. ה., אָן עמאָציאָנעלער רוגזה און אָן אידייאישע פניות, און פּרוּווון אַרויסצושיילן דאָס ווערטפולע און דאָס בלייבנדיקע פון דער גרויסער שרייבער־ און רעדנער־געשטאַלט: זשיטלאָווסקי, וואָס האָט אין משך פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט באַ־הערשט די געזעלשאַפטלעכע מחשבה פון דעם אַזוי גערופענעם יידיש־וועלט־לעכן סעקטאָר אין אַלע לענדער פון יידישער וואוינשאַפט.

אַזאַ ערשטן פּרוּוו האָט געמאַכט דער באַוואוסטער יידיש־פילאָלאָג און פעדאַגאָגישער שריפטשטעלער יודל מאַרק.

יודל מאַרק האָט פון זשיטלאָווסקיס ביכער אָפּגעקליבן אַן ערך אַ האַלבן טוץ פילאָזאָפישע עסייען, האָט מוסיף געווען צו זיי עטלעכע קאַפּיטלען פון זיינע צוויי בענד זכרונות, אַ צאָל קלענערע אַרטיקלען און פראַגמענטן פון

גרעסערע מאמרים אויף דער טעמע: „יידיש פאָלק און יידיש" און צום סוף אַן איבערזעצונג פון דעם דייטשישן דיכטער געאָרג הערוועגס פּאָפּולערן אַרבעט־ליד, און האָט אונדז אין איין באַנד פון פיר הונדערט־און־צוואַנציק זייטן געגעבן אַ תמציתדיקע אַנטאָלאָגיע פון זשיטלאָווסקיס שריפטן. ער האָט אונדז געגעבן אַ מין „קיצור זשיטלאָווסקי".

און יודל מאַרק האָט אין אַ פולער מאָס געהאַלטן דעם צוזאָג אין זיין אַריינפיר צו דער זשיטלאָווסקי־אַנטאָלאָגיע, דעם צוזאָג צו פּרוואוון „פאַראייניקן הן דרך־ארץ, הן קריטישע באַציאונג ביים צוגרייטן צום דרוק אָט דעם באַנד".

די קיצורים זיינען דורכגעפירט געוואָרן טאַקטיש און צו־דער־זאַך. איין אויסנאַם אין דעם פּרט איז דאָך פאַראַן. דער אויסנאַם איז דער וויכוח צווישן לאַסאַלן און מאַרקסן מכוח דער לאָגישער פאַרבינדונג, וואָס עקזיסטירט צווישן מאַטעריאַליזם און אַן אויסערוועלטישן גאָט על פי לאַסאַלן און, פונקט פאַרקערט, על פי מאַרקסן.

זשיטלאָווסקי האָט דעם דאָזיקן פילאָזאָפישן וויכוח צווישן די צוויי יידישע דענקער פון נייַנצעטן יאָרהונדערט רעקאָנסטרואירט לויט זיין אייגענער מחשבה און לויט זיין אייגענער פאַנטאַזיע אין זיין סאַמע וויכטיקסטער און פונדאַמענטאַלסטער עסיי „היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונגען".

אויסלאָזן די דאָזיקע אימאַגינערע דיסקוסיע איז זיכער געווען אַ טעות. ראשית, ווייל „היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונגען" איז, ווי געזאָגט, זשיטלאָווסקיס אָריגינעלסטע און געדאַנקלעך־השפּעהדיקסטע עסיי, און שנית, איז אָט דער וויכוח אַ מייסטער־שטיק אי פון זשיטלאָווסקיס וואונדערלעכן כוח פון געדאַנקען־דיאַלעקטיק און אי אַ פּרעכטיקער מוסטער פון סטיליסטישער דערגרייכונג אין אונדזער מחשבהדיקער יידיש־פּראָזע — פון דער דאָזיקער געדאַנקלעכער פּראָזע, וואָס זשיטלאָווסקי איז אירער אַ ראשון, אַ פּיאָנער, און אַ סך מאָל דאַכט זיך, אויך איינער פון אירע העכסטע דערגרייכער.

די קריטישע באַציאונג ווערט אַרויסגעבראַכט נישט בלויז אין די האַרבע באַמערקונגען, וואָס דער צונויפשטעלער מאַכט אין דעם אַריינפיר וועגן זשיטלאָווסקיס אידיאיש־פּאָליטישע בלאָנדזשענישן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, נאָר אויך פון דעם אָפּקלייב גופא פון די עסייען און עסיי־פראַגמענטן.

יודל מאַרקס אָפּקלייב איז אויסן צו לייגן דעם טראָפּ אויף זשיטלאָווסקיס סטיליסטישן כוח און צו באַווייזן פאַר אונדז, דערעיקרשט, דעם נאַציאָנאַל־יידישיסטישן אַספּעקט פון זשיטלאָווסקיס געזעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע.

לדידי, מוז איך זאָגן, אַז וואָס שייך זשיטלאָווסקיס געזעלשאַפטלעכער

אידעאָלאָגיע, האָט יודל מאַרק זי, לכל הפּחות אין איר יידישיסטישן טייל, איבער־אַקצענטואירט און האָט אויך איבערגעטריבן די גאָדויערדיקייט פון איר השפּעה.

איבער־אַקצענטואירט, ווייל דער יידישיסטישער אַספּעקט דעקט צו און פאַרטונקלט די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע לײַדנשאַפט, וואָס האָט אַזוי דאָמי־נירט אין זשיטלאָווסקיס געזעלשאַפטלעכע טעאָריעס.

און איבערגעטריבן האָט מאַרק, בלי ספק, די גאָדויערדיקייט פון זשיט־לאָווסקיס יידישיסטישער תורה ווען ער ברענגט ווי אַ באַווייז אַ פראַגמענט פון זײַן אידעאָלאָגישער אַרבעט „דריי הויפּט־פאָדערונגען".

די ערשטע הויפּט־פאָדערונג, וואָס זשיטלאָווסקי פאָרמולירט אין דעם פאָרוואָרט צום באַנד „אין קאַמף פאַר פאָלק און שפּראַך", לייענט זיך אַזוי —

„די נאַציאָנאַלע ווידערבאַלעבונג פון דעם יידישן פאָלק אומעטום וואו זײַנע קינדער וואוינען, אויף די יסודות פון ערד־אַרבעט, אייראָפּעאישער קולטור און יידישער שפּראַך".

אַז די דאָזיקע פאָרמולע האָט ניט אויסגעהאַלטן, ווי, מ'זאָגט דאָס, יידיש־קייט, איז קלאָר. די יסודות פון ערד־אַרבעט האָבן מחוץ פון ארץ־ישראל אין ערגעץ קיין האָפט נישט געהאַט און אוודאי קיין האָפט נישט באַקומען אין יידישן לעבן, ניט אין אייראָפּע און אויך נישט אין אַמעריקע. און דער חלום ווידער פון קולטור־אויטאָנאָמיע אויפן סמך פון יידיש, וואָס איז טעאָרעטיש געווען אַ דורכפאַל אין דער פאַר־היטלעריסטישער אייראָפּע, איז צעריבן געוואָרן אונטער די רעדער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און האָט קיינמאָל נישט געהאַט דעם מינדסטן שאַנס פון ממשות אין דער פרייער, דעמאָקראַטישער אַמעריקע.

און ווען זשיטלאָווסקי פאַרענדיקט יענעם פראַגמענט וועגן די „דריי הויפּט־פאָדערונגען" מיט די ווערטער, אַז —

„איבערבליקנדיק די צייט און די רעזולטאַטן וואָס זײַנען דערגרייכט געוואָרן אין דעם קאַמף פאַר אונדזער שפּראַך, קען ביי מיר קיין ברעקל ספק ניט בלייבן, אַז דער וועג וואָס איך האָב יעמאָלט פאָרגעשלאָגן דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע און דער יידישער אַרבעטערשאַפט, איז אַ ריכטיקער, און אַז קיין מאַכט אין שוין ניט ביכולת זיי אַראָפּצוברענגען פון אים" — קלינגען די דאָזיקע ווערטער היינט, 40 יאָר נאָכדעם ווי זשיט־לאָווסקי האָט זיי געשריבן, כמעט ווי זעלבסטשפּאָטיש און זעלבסט־לעס־טעריש.

פון אָן אָן ערך מער וויכטיקייט איז יענער טייל פון זשיטלאָווסקיס געז־זעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע, וואָס הייסט נאַציאָנאַל ווערסוס אַסימילאַציע.

אויף דעם דאָזיקן געביט פון אידייאישן קאַמף קעגן אַסימילאַציע איז זשיטלאָווסקיס השפּעה, סיי אין אַמאָליקן תחום המושב און סיי דערנאָך אין אַמעריקע, געווען די טיפסטע און געדויערדיקסטע. זשיטלאָווסקיס טענות קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם און אַסימילאַציע, טענות וואָס זייער פילאָזאָפישער יסוד שטעקט אין דעם פרייגעדאַנקלעכן איבערבייס פון היסטאָרישע און דאָג־מאַטיש־געוואָרענע פאַרבינדונגען צווישן אידייען, און וואָס דער נענטערער, דער סאָציאַל־עטישער פונדאַמענט זייערער, זיינען די צוויי פאַרלעזונגען וועגן „ייד און מענטש" — אָט די אַנטי־אַסימילאַציע טענות האָבן משפּיע געווען קודם די מייסטע יידישע פּאַרטיי־אידעאָלאָגיעס און דערנאָך טויזנטער און אָבערטויזנטער יחידים, וואָס האָבן געהערט זשיטלאָווסקיס אומפאַרגעסלעכע לעקציעס.

פון דעם צעשייד צווישן די היסטאָריש־קינסטלעך צונויפבאַהעפטע אי־דייען פון סאָציאַליזם און אַסימילאַציע האָט אין אַ גרויסער מאָס פּראָפיטירט דער ראַדיקאַלער טייל פון מזרח־אייראָפּעאישן עמיגראַציע־דור אין אַמעריקע. זשיטלאָווסקי האָט ביי טויזנטער פון דעם דאָזיקן דור אָפּגעשאַפט די מחיצה צווישן זייער סאָציאַליסטישער איבערצייגונג און זייער יידישער נשמה.

ג.

דער סטילמייסטער

אָבער נאָך וויכטיקער ווי זשיטלאָווסקיס טעאָרעטישע פאָרמולירונג פון די רעכט איז געווען זיין יידישע שפּראַך, זיין פּובליציסטישער און וויסנשאַפט־לעכער סטיל. דאָ האָט ער ממש געשאַפן אַ „יש מאין", אַן עפּעס פון גאָרנישט.

און מיט „אַן עפּעס" קאָן מען זשיטלאָווסקיס גרויסן סטיליסטישן אויפטו נישט אָפּקומען. און דערפאַר, דאַכט מיר, אַז עס קלינגט ווי אַן אונטערשאַצונג פון זשיטלאָווסקיס סטיליסטישע דערגרייכונגען, ווען יודל מאַרק דערציילט אונדז אין זיין ביאָגראַפיש־קריטישן אריינפיר, אַז ער האָט אויך אַריינגענומען אין דער אַנטאָלאָגיע אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון זשיטלאָווסקיס זכרונות, „ווייל זיי ווייזן אַרויס די בעלעטריסטישע פעאיקייטן, די ריין שרייבערישע כשרונות פון דעם פיינעם סטיליסט".

עס איז גוט וואָס אין דער אַנטאָלאָגיע זיינען אַריין קאַפּיטלעך זכרונות און אויך די מעשה וועגן זשיטלאָווסקיס באַגעגעניש מיט הערצלען. די דאָזיקע זכרונות ברענגען אונדז נענטער זשיטלאָווסקיס לעבעדיקע געשטאַלט און

לאָזן אונדז אַריינקוקן אין זיין מענטשלעך געמיט, וואָס איז נישט אַלעמאָל געווען אַזוי ווייטלעך קאַלט און אַבסטראַקט, ווי ס'האָט זיך געקאָנט אויס־דוכטן.

אָבער וואָס שייך זיינע קינסטלערישע אויפטוען פאַר יידיש איז זשיט־לאָווסקי נישט געווען בלויז אַ „פיינער סטיליסט", ער איז געווען, ווי שוין געזאָגט, אַ ראשון און אַן אחרון פון יידיש־סטיל. ער האָט באַשאַפן אַ פילאָ־זאָפיש־פובליציסטישן סטיל, וואָס איז הלכה'דיק שטרענג און פינקלט דערביי מיט דער פאָלקסטימלעכקייט און מיט דער זיסער באַלערעוודיקייט פון אגדה.

זשיטלאָווסקיס שפּראַך פאַרמאָגט אַ זעלטענעם כוח פון הסברה, אַ דאָ־זירטן פיינעם הומאָר, אַ היפּש ביסל קראַפט פון פּאַמפלעטאַרישער אַריינזאָ־גערישקייט, און דערעיקרשט אַ בילדערישקייט אין דער שילדערונג פון געדאַנק און געדאַנק־סיסטעמען, וואָס דערמאָנט אין די געציילטע שפּראַך־מייסטערס צווישן די פילאָזאָפן, און באַזונדערס, דאַכט מיר, אין אַזאַ וואָרט־און בילד־מייסטער ווי זשאָרזש סאַנטאַיאַנאַ.

ווען זשיטלאָווסקי וויל פּאַמפלעטאַריש אַ שנעל טאָן אין נאָז די יידיש־רעליגיעזע רעפאָרמער, רופט ער זיי אָן „דאָס אויסגעפוצטע, אייראָפּעאיש אַרומגעגאָלטע יידנטום" און — ער הרגעט טאַקע דערמיט נישט אַוועק זייער תורה, אָבער קירצער און עפעקטיווער צו געבן די קאַריקאַטור פון זייער געשטאַלט איז גאָרנישט געמאָלט.

ווען ער וויל פאַר אונדז אָפּמאָלן דעם אויפקום און דעם אויפטו פון דער קבלה, שטעלט ער פאַר אונדז אַוועק אַזאַ בילד:

„אַ פאַרכישופטער וואַלד. בייטאָג זעט מען אים גאָרניט. ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סטעפּ פון שמוציקע, ברוינע, פאַרוויאַנעטע גראָזן. אָבער ווען דער אָוונט־טוי פאַלט אַראָפּ אויף דעם סטעפּ, ווען די לבנה באַגיסט די וועלט מיט אירע בלאָע שטראַלן, דערמאָלט גלייכט זיך אויס דאָס גראָז, ווערט גרין און פייכט, און הייבט אָן שנעל־שנעל פונאַנדער צו וואַקסן ביז צו ריזיקעביימער, וואָס שטרעקן פונאַנדער אַלץ ווייטער און ווייטער זייערע משונהדיקע צווייגן אין דעם פלוצלינג געל און גרין געוואָרענעם שיין, וואָס פאַרבלענדט דאָס אויג... אַ פאַנטאַסטישע וועלט פול מיט מיסטישער שיינקייט!"

וועגן זשיטלאָווסקין, דעם באַשעפער פון אַ יידישן פילאָזאָפיש־פובלי־ציסטישן סטיל, וועגן זשיטלאָווסקין, וואָס האָט די מחשבה־שפּראַך פון יידיש באַרייכערט, פאַרשענערט און דערהויבן מיט זיין בילדערישקייט און וואָרט־שעפערישקייט — וועגן דעם זשיטלאָווסקי איז „לית מאן דפליג". עס איז נישטאָ וואָס אָפּצופרעגן. אידייאישע פריינט און קעגנער מוזן אונטערטראָגן דעם אָנדענק פון דעם גרויסן שרייבער זייער פולע מאָס אָנערקענונג אָן שום רעזערוואַציעס.

(1956)

א. קאָראַלניק

אַנדערש ווי די אַנדערע וויכטיקע שרייבער אונדזערע אויף דעם געביט פון מחשבהדיקער פּראָזע איז געווען אברהם קאַראַלניק.

די אַנדערע האָבן דעם לייענער באַלערנט מיט זייער פּראָזע און איז געדאַנקלעך קלאָרער געמאַכט.

פון קאַראַלניקס אַרטיקלען און עסייען איז דער לייענער בלויז קליגער און בלויז טרויעריקער געוואָרן.

און פאַר דעם תענוג פון אַביסל גייסטיקן טרויער פילט מען אין תוך מער און אַ לעבעדיקערן דאַנק צום שרייבער ווי פאַר דער הנאה פון אַביסל לאָגישער קלאָרקייט.

און אפשר מיט רעכט אַזוי. פונעם שרייבערס קלאָרקייט ווערט, וואָס אמת, דעם לייענער עפּעס ליכטיקער אויף דער פּאַליצע פון זיין געדאַנקלעכן בראַכוואָרג. עס קומט אים צו אַ געפיל פון אָרדענונג און פון זיכערקייט.

אָבער די קוהלתדיקע שטימונג און דער גייסטיקער טרויער, וואָס ווערן אַנגעווייעט פון אַ שרייבערס וואָרט, ברענגען מער ווי ס'קאָן געבן אָרדענונג און זיכערקייט. זיי ברענגען דעם מענטשן אַ געפיל פון דערהויבונג און פון איבערווירקלעכקייט. זיי גיבן אים די אַנונג, אַז אַלץ אין דער וועלט איז אילוזיע, און אינאיינעם מיט דער דאָזיקער אַנונג מערן זיי דעם מענטשנס דרך ארץ צו זיך. וואָרים ווי אַזוי זאָל דער מענטש ניט ווערן חשיבותדיקער ביי זיך ווען ער דערזעט זיך אין דער געשטאַלט פון אַ לעבעדיקן באַשע־פעניש, וואָס איז פונדעסטוועגן אַזוי לאָיאַל צו אַן אויסגעטראַכטער וועלט און אין דער ראָל פון אַ טראַגישן שפּילער מיט אילוזאָרישע זאַכן און געדאַנקען?

אין קיינער פון אונדזערע מחשבהדיקע פּראָזע־שרייבער האָט דעם יידישן לייענער (דעם אייניקל פון יעקב אָבינו, וואָס איז געווען אַ פרומער לערנער אין די אידעאָלאָגישע געצעלטן פון שם און עבר און אַ געניטער פּרנסה־מענטש און דערביי אַזוי מערקווירדיק פּאַרקאַכט אין די טראַגישע קאַמפן מיט חלום־אילוזיעס), ניט געהאָלפן אַזוי אָפּשפּילן ביי זיך אין געמיט די ראָל פון אַ העלדישן קעמפער מיט דער וועלט און מיט אירע אילוזיעס פון געשיכטע, פון אידייען און פון צוקונפט־פּלענער, ווי דער פּריציייטיק פאַרשטאָרבענער יידיש־עסייאיסט אברהם קאַראַלניק.

אין קאַראַלניקס עסיי האָט זיך דער סימבאָלישער קאַמף צווישן יעקבן און גאָטס מלאך געווייטלעך אָפּגעוויקלט אַנדערש ווי אין דעם גוט באַקאַנטן חומש־עפּיזאָד. קאַראַלניקס עסיי האָט ווייניקער געלייגט דעם טראָפ אויף ־עם העלדס צעקלאַפּטע לענדן און מער אויף די קנייטשן, אויף די וואונדן

און אויף די צעשטויבטקייטן, מיט וועלכע די אידייען און די חלומות זיינען אַרויס פונעם קאַמף. די מעשה איז טאַקע געבליבן אַ טרויעריקע, אָבער זי האָט אָנגעוואוירן אַ היפּש ביסל פון איר דראַמאַטישער ריזיקע, און דער טרויער איז געוואָרן לייכטער און אָן אַן ערך שפּילעוודיקער.

די מעלאַנכאָלישע שטימונג אין קאַראַלניקס עסיי איז געווען אַזאַ לייכטע, אַזאַ שפּילעוודיקע און אַזאַ זיסע, אַז יעדע צוגרייטונג פאַרן לייענער איז געווען איבעריק. דער פאָרהאַנג פון דער עסיי גייט אויף און אָן שום פּראָלאָגן, אָן שום אַריינפירן, איז דער לייענער שוין אין סאַמע מיט פון שפּיל און אין סאַמע מיט פון טרויעריקייט. אַמאָל ווערט די שטימונג אָנגעוויעט ביי דער ערשטער שורה, ווי ביי דער עסיי וועגן „משהס צער" (צפניה, דער נביא, האָט געהאַט האַרבע, ביטערע טענות צו ר׳ יצחק בעל דרשן) און אַמאָל איז שוין גענוג דאָס קעפּל וואָס לייענט זיך ווי דער אָנהויב־פערז פון אַ ליד („ציילנדיק די שטיינער ביים טייך" אָדער „ווען אברם איז יונג געווען"), און דער לייענער דערפילט זיך „אין דער אַט־מאָספער". עס ווערט אים עפּעס אומעטיק־אויפגעלייגט אויפן געמיט (די באַהעפטונג פון די צוויי אַדיעקטיוון: אומעטיק און אויפגעלייגט, איז אפשר אַ ווידערשפּרוך, אָבער זי באַצייכנט, ווי מיר דאַכט, צום בעסטן די שטימונג אין קאַראַלניקס עסייען) און דער לייענער איז גרייט אָן פּראָבעס, אַזוי צו זאָגן, מיטצושפּילן אין דעם טעאַטער פון היסטאָרישן און אידייאישן הבל־הבלים.

פון דעם דאָזיקן קאַראַלניקשן סטיל, וואָס האָט זיך ניט גענויטיקט אין קיין שום שפּראַכלעכע און געדאַנקלעכע הכנות, כדי אַריינצוברענגען דעם לייענער אין דער שטימונג, וואָלט, טראַכט איך, הנאה געהאַט אַפילו אַזאַ מייסטער פון עסיי און פון עסייאיסטישן סטיל, ווי ס׳איז דאָס געווען מישעל מאָנטען, פראַנקרייכס גרויסער שרייבער פון זעכצעטן יאָרהונדערט.

איך האָב ניט ליב — האָט מאָנטען געשריבן מיט היפּשן ביטול וועגן סטיל פונעם רוימישן פילאָזאָף ציצעראָ — אַז מען זאָל זיך גרייטן צו וועקן מיין אויפמערקזאַמקייט און זאָל אין מיר פּופּציק מאָל אַריינשרייען: הערט איך איין! ווי דאָס טוען אונדזערע העראָלדן.

און ניט בלויז וואָלט דער גרויסער פאָרגייער פון אַלע עסייאיסטן הנאה געהאַט פון קאַראַלניקס כוח אָנצוהייבן דאָס געזאַנג פון זיין שטימונג פון דער סאַמע מיט, אָן דידאַקטיש־סטיליסטישע אַריינפירעכצער, וואָס ער האָט אַזוי פיינט געהאַט, נאָר ער וואָלט אויך זיכער מיט צופרידנקייט געקאָנט אָנווייזן, אַז דער יידיש־עסייאיסט אברהם קאַראַלניק איז איינער פון יענע „שיינע גייסטער", צו וועלכע ער, מאָנטען, האָט געהאַט אַן אויסנעמלעך וואַרעמע באַציאונג, ווייל „אונטער זיין האַנט ווערט די שפּראַך ווערטפולער".

און זוערטפולער — האָט מאַנטען געהאַלטן — ווערט די שפּראַך פון יענע שיינע גייסטער „ניט דערפאַר וואָס זיי ברענגען אין איר אַריין נייע ווערטער, נאָר ווייל זיי גיבן אַריין אין די אַלטע ווערטער מער תוכן, מער וואָג און מער קראַפט און פאַרטיפן זייער זין און די שפּראַך באַקומט דאַדורך אַ פרייער ניט געאַנטע באַוועגלעכקייט".

אין וואָס־זשע איז באַשטאַנען דער פאַרטיפטער זין און די „מער וואָג" פון קאַראַלניקס ווערטער? קאַראַלניקס שפּראַך האָט זיך דאָך גראָד ניט אויסגעצייכנט דערמיט וואָס זי זאָל האָבן געזוכט און האָבן דערגרייכט פעסטע און פּרעציזע אינהאַלטלעכקייט פאַר אירע ווערטער.

עס איז טאַקע אמת, אַז קאַראַלניקס ווערטער זענען ניט געווען איבער־געלאָדן מיט סאָלידער און הערמעטיש געשלאָסענער באַגריפלעכקייט, אָבער די וואָג פון קאַראַלניקס שפּראַך איז נישט געקומען דורך אַן אָנלאָדונג פון דרויסן. איר וואָג איז געווען אַ מער אייגענע, אַ מער נאַטירלעכע. עס האָט געוואויגן דער טאָן און די פאַרב פון די ווערטער. עס האָט געוואויגן דער טרוים, דער שאָטן, די אַסאָציאַציע, דער אומעט, דער שמייכל פון די ווערטער. עס האָט געוואויגן אַלץ וואָס האָט ניט קיין געוויכט אויף דער וואָג פונעם באַגריף־ און שפּראַך־בעל־תכלית. עס האָט געוואויגן די מאַגיק פון קאַראַל־ניקס עסייאיסטישן לשון.

קאַראַלניקס סטיל קאָן אפשר צום בעסטן כאַראַקטעריזירט ווערן מיט זיינע אייגענע ווערטער, אין וועלכע ער גיט איבער אין איינער פון זיינע עסייען ווי אַזוי ער האָט דערציילט דעם קינד, וואָס האָט זיך ביי אים געבעטן: „דערצייל מיר — דערצייל". עס איז געווען אַ דערציילן וואָס האָט „פאַרוויגט מיט דעם כמעט זינגענדיקן טאָן פון דער דערציילונג; ווייל דערציילן — אויב נאָר מיט אַ סדר — האָט אַ ריטם און ווערט געזאַנג".

דער וויכער ריטם פון קאַראַלניקס פּראָזע, די אידעלע פאַרחלומטקייט פון די ווערטער און דער קורצער, כמעט תמיד יאַמביש אויסקלינגענדיקער קאַדאַנס פונעם זאַץ, זיינען געפאַלן ווי געזאַנג אויפן געמיט פונעם לייענער. עס האָט זיך צום לייענער דערטראָגן אַ מעלאַדישקייט, אין וועלכער דער ווערטער־שטאָף האָט זיך אָפט ערגעץ־וואו פאַרלוירן. קאַראַלניקס רעפלעק־סיעס און געדאַנקען, קאַראַלניקס עסייאיסטישע רייד, האָבן ניט אַזוי גערעדט ווי שטיל און אומעטיק געזונגען. די ווערטער האָבן מיט אַ „פרייער ניט געאַנטער באַוועגלעכקייט" געשוועבט אין איידעלן חלום־טראַט פון עפּעס אַ מיסטישן שליח, וואָס ברענגט אינאיינעם מיט דעם טרויער פון דער בשורה דעם טרייסטנדיקן שמייכל פון הבל־הבלים.

אונטער די קלאַנגען פון קאַראַלניקס מוזיקאַליש־פאַרוויגנדיקער עסיי־איסטיק האָט דער לייענער אַרומגעשוועבט מיט טוריסטישער לייכטקייט

איבער די שלאַכט־ און חורבן־פעלדער פון גייסט און געשיכטע; האָט באַקוקט און באַשטוינט צעבראָכענע אילוזיעס פון גרויסע פעלקער, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן, און פון גרויסע מענטשן וואָס האָבן געטראַכט און גע־טרוימט און — עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער, דער לייענער, האָט זיך מיטגעראַנגלט אין די גרויסע געראַנגלען, אַז ער איז דער איינציק לעבעדיקער און ממשותדיקער אויף די חורבות, אַז ער מיט קאַראַלניקן, און אַ דאַנק קאַראַלניקן, זיינען געבליבן די זיגער.

דער לייענער האָט הנאה געהאַט און זיך געפילט מעשה זיגער. אָבער דער העלד אַליין, קאַראַלניק? מיט אים איז געשען ווי ס׳שטייט געשריבן אין שלום עליכמס האַרצרייסנדיקן עפּיטאַף:

„און דווקא דעמאָלט ווען דער עולם האָט
„געלאַכט, געקלאַטשט און פלעגט זיך פרייען,
„האָט ער געקרענקט — דאָס ווייס נאָר גאָט —
„בסוד אַז קיינער זאָל ניט זען.״

אויף וויפיל בסוד, ווייס איך ניט, ווייל איך האָב קאַראַלניקן פערזענלעך ניט געקענט. אָבער פון דער היפּשלעכער צאָל עסייען זיינע, וואָס איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין צייטונגען, און דערעיקרשט פון די דריי בענד אָפּגעקליבענע שריפטן, וואָס זיינען אַרויס נאָך קאַראַלניקס טויט, שרייט ממש אַרויס, ווי מיר דוכט, דעם עסייאיסטס „איך בין ניט דער זיגער״ און „ניט דאָס האָב איך געמיינט״ און „דעם לייענערס הנאה איז ניט מיין הנאה״.

אויסן געווען איז קאַראַלניק מיט זיין „סקעפּטישן חורבן״ פון אידייען אַנצוזאַמען פאַר זיך דעם וועג צום „תהום״ — צו יענעם תהום, וואָס וועגן אים דערציילט ער אַליין, אַז פּאַסקאַל האָט דאָרט געזוכט דעם ענטפער און „מיר גייען פאַרביי און האָבן מורא אַריינצוקוקן״. ווער עס לייענט אויפ־מערקזאַם און מיט אַ ביסל קריטישער פאַרשטענדעניש, כ׳מיין איבער דער מעלאַדישקייט אַריבער, די עסייען פון קאַראַלניקן, און בפרט יענע וואו ער שרייבט ניט „וועגן עפּעס אַדער וועגן עמעצן״, נאָר „דער עיקר וועגן זיך אַליין, שטיקלעך אויטאָביאָגראַפיע״, דער וועט אָן איבעריקע שוועריקייטן דערפילן, אַז קאַראַלניקס עסייאיסטיק איז איין גרויסער געראַנגל מיט זיך אויפצוהערן מורא צו האָבן און זיך צו דערנענטערן צו דעם „תהום״, וואָס מיט אַ ווייניקער אומהיימלעך וואָרט אויסגעדריקט הייסט עס: רעליגיעזער אמת, קינסטלערישע געשטאַלטונג, קולטור־שעפערישקייט.

„אין גרונט״, דערציילט חיים גרינבערג אין זיין הקדמה צום ערשטן באַנד פון קאַראַלניקס דערמאָנטע דריי בענד אָפּגעקליבענע שריפטן, „האָט מיר קאַראַלניק אַ זאָג געטאָן, איז דאָך פאַראַן אין גאַנצן לעבן בלויז איין

פּראָבלעם — די רעליגיעזע. אַלע אַנדערע פּראָבלעמען זיינען פון אַ סעקונ־דערן כאַראַקטער: „תולדות", ניט קיין „אבות". האָט איינער געלייזט ענד־גילטיק און איינערלעך זיכער געלייזט פאַר זיך די רעליגיעזע פּראָבלעם, האָט ער שוין אַ שליסל צו דער לייזונג פון אַלע אַנדערע, פון אַלע מעגלעכע פּראָבלעמען."

צו דערגרייכן און צו בלייבן וואוינען אין דער דאָזיקער גרונט־פּראָבלעם פון אונדזער גאַנצן לעבן האָט קאַראַלניק זיך געמיט איבער דער גאַנצער לענג פון זיינע עסייען. און אים האָט זיך אויסגעדאַכט און אפשר האָט ער טאַקע דערין געגלויבט, אַז דער וועג גייט — ווי ער זאָגט דאָס ביים סוף פון זיין עסיי איבער דעם „בוך פון ביכער" — דורך קריטיק צו מיסטיק.

און פון דעם דאָזיקן וועג פון קריטיק און פון „סקעפּטישן אידייען־חורבן" איז שוין קאַראַלניק זיין לעבן לאַנג ניט אַראָפּ. ער האָט געקרענקט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דאָס מיינט באַזיגטקייט און ניט זיג. ער האָט זיך געוואָרט קעגן דער הנאה פון דער סקעפּטיק, אָבער ער האָט זיך פון איר ניט אַרויסגעצויגן.

סקעפּטיציזם — האָט דעפינירט עמנואל קאַנט אין איינער פון יענע פילאָזאָפישע דעפיניציעס זיינע, וואָס האָבן דעם ריח פון פיינלעך־דעפי־ניטיוון אמת — איז אַ דאַטשע פאַרן שכל, אָבער ניט קיין שטענדיקער וואוינפּלאַץ.

קאַראַלניק איז געווען אַ תושב אויף דער „דאַטשע" פון מענטשלעכן שכל, און ער האָט דעם דאָזיקן רו־פּלאַץ באַצירט און באַפּוצט מיט די שיינע, אומעטיק שיינע און צעזונגענע געוויקסן פון זיין עסייאיסטישן יידיש־סטיל. ער האָט אויפן געביט פון דער מחשבהדיקער יידיש־פּראָזע רעזשיסירט פאַרן יידיש־לייענער דעם אויסטערלישסטן אילוזיע־ספּעקטאַקל פון געדאַנקען און אידייען אין צונויפשטויס מיט זיך, מיט וועלט און מיט טויט. קיין מער דאַנקבאַרן, קיין מער געטרייען און קיין מער באַגייסטערטן לייענער ווי קאַראַלניק האָט געהאַט, האָט נאָך קיין שום יידיש־עסייאיסט ניט פאַרמאָגט.

אָבער ער, דער עסייאיסט אַליין, האָט זיך צו אַן אייגענעם גרויס־שעפע־רישן וואוינפּלאַץ ניט דערשלאָגן. דער ראַפינירטער קולטור־פאַרשטייער האָט ניט גובר געווען „די מורא אַריינצוקוקן אין תהום". אויב די ליבשאַפט און די הנאה פון זיינע לייענער האָט אים פאַרשווערט דעם גאַנג פון קריטיק צו מיסטיק, איז דאָס זיכער איינער פון די פיינלעכסטע קרבנות, וואָס אַ שעפע־רישער מענטש פון קאַראַלניקס שניט האָט געקאָנט ברענגען.

איבער קאַראַלניקס עסייען האָט זיך געשפּרייט אַן אַ שיעור שיינקייט. איבער קאַראַלניקן אַליין האָט געהויערט אַן אַ שיעור טראַגיק.

(1947)

מנחם באָרײשאָ

א.

דער דור

ווען עמעצן זאָל איינפאַלן צו מאַכן אַן אויספאָרשונג ווער פון די שרייבער פון אונדזער צייט האָט צומייסט געניצט דאָס וואָרט „דור" און צומייסט אָפּערירט דערמיט גערדאַנקלעך, וואָלט דער אויספאָרשער, דוכט מיר, גיך געקומען צום אויספיר, אַז דער שרייבער נומער איינס איז אין דעם פּרט געווען דער פריציזיטיק פאַרשטאָרבענער דיכטער און עסייאיסט מנחם באָרײשאָ.

די טראַכטעניש וועגן דור און אין די אידעאישע קאַטעגאָריעס פון דור האָט מנחם באָרײשאָן, ווייזט אויס, נישט צו רו געלאָזט זינט זיין אָנקום קיין אַמעריקע. די ערשטע זאַמלונג לידער זיינע דאָ אין דער נייער היים (ניו־יאָרק, 1926) האָט מנחם אָנגערופן מיטן נאָמען „אַ רינג אין דער קייט", וואָס איז אַ מין פּאָעטישער סינאָנים צום וואָרט דור. און דער לעצטער אָפּקלייב לידער און פּאָעמעס, וואָס איז דערשינען ביים דיכטערס לעבן אַן ערך אַנדערהאַלבן יאָר פאַר זיין אומגעריכטן טויט, אין פעברואַר, 1949, הייסט „אַ דור" און איז באַגלייט מיט אַ נאָכוואָרט אונטערן נאָמען „מיט דעם דור".

די צוויי פּאָעמעס ווידער („משה" און „חשבון אויפן אַש"), וואָס די יורשים האָבן אַרויסגעגעבן אַ יאָר נאָך מנחמס פּטירה, טראָגן דעם נאָמען „דורך דורות". מיטן וואָרט דורות אין נאָמען פונעם בוך זיינען די יורשים געווען זיכער, אַז זיי האָבן זיך ניט דערווייטערט פון מנחמס דיכטערישער און מחשבהדיקער אַטמאָספערע.

און וואָס שייך דעם אָפּקלייב פון מנחמס געדאַנקלעכער פּראָזע, בין איך מיר משער, אַז די אַרויסגעבער האָבן דאָס בוך אָנגערופן איינפאַך „עסייען", כדי אויסצומיידן צופיל איבערחזרונג פון דעם זעלבן נאָמען. אָבער אין תוך וואָלט זיך אויך פאַר זיי ערשט רעכט געפּאַסט דאָס וואָרט „דור".

איך זאָג: ערשט רעכט, וואָרעם אין דער געדאַנקלעכער פּראָזע נאָך מער, און אויב נישט מער, איז דירעקטער, האָט מנחם באָרײשאָ געפּרוּווט אַרויסברענגען די אידעאישע ראַנגלענישן פון אונדזער דור, האָט געמאָנט ביי אונדזער דור און געזאָגט זיין וואָרט צו אים און וועגן אים.

און ס'איז אַ דור, וואָס ס'איז בפירוש דאָ וואָס צו זינגען און צו זאָגן וועגן אים. אַזאַ שפע פון געדאַנק, פון טרוים, פון ווילן צו רעאַליזירונג און

פון רעאַליזירונג גופא אין דער לעבענסצייט פון איין גענעראַציע. ציוניזם און „בונד" און דער רבי פון גער און פון ליובאַוויטש; חלוצים טריקענען זומפּן אין יידישן לאַנד; הערצלס אויסגעחלומטע סאָלדאַטן פאַרטרייבן די שונאים פון דער יידישער מדינה; רעוואָלוציאָנערן גייען אויף באַריקאַדן אין גויאישע שטעט און ישיבה־בחורים לערנען תורה מיט אַ נייעם ברען ביי דער וויסל און ביים האָדסאָן; יידיש־שאַפונג און העברעאיש־שאַפונג אין אַן אויפבלי ווי קיינמאָל נישט פריער; אייביקע מאָטיוון פון תנ"ך און בענקשאַפט־געזאַנגען צו אַ ליכטיקן מאָרגן; הימלישע קלאַנגען פון קבלה און געבראַזג פון מאַשינען אין שעפער און אין פאַבריקן; ראָמאַנטיק פון שטעטל, אימפּעט פון גרויסשטאָט און פּיאָנערישע יידנשאַפט צו ערד־אַרבעט; וועלטלעכע האַפערדיקייט און רעליגיעזע דבקות און — אַ שלל פון שאַפונגס־פאָרמען, אַלטע און באַנייטע, אייגן־יידישע און פרעמד־פאַר־אייגנטע.

ס'איז אַ דור, וואָס די קומענדיקע צייטן וועלן נהנה זיין פון זיינע טיפע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע ראַנגלענישן. ס'איז אַ דור מיט וואונדערלעכע ליטעראַרישע געשטאַלטערס, אידעאישע וואָרטזאָגערס און געזעלשאַפטלעכע בויערס. אַלע ברענען זיי מיט דעם באַגער נאָך פאָלקס־קיום און נאָך גאָט־באַהעפטונג, אַלע יאָגן זיך נאָך דעם טרוים פון אַ וועלט מיט פרידן און פון אַ מענטש מיט פרייהייט און גליק אין דער וועלט.

אָבער יעדער פאַר זיך האָט זיך זיין אייגענעם „דבר אחד", אויף וועלכן זיין גייסט און זיין ליידנשאַפט זיינען פיקסירט מיט אַ באַזונדערער פאַר־שפּיצטקייט און מיט אַ באַזונדערן פלאַם.

מנחם בארײַשאָס „דבר אחד", ווי ער קומט צום אויסדרוק אין זיינע עסייען איז, אַז מיר יידן זיינען אַ הייליק פאָלק, אַז קדושה איז דער היסטאָ־ריש־סטימולירנדיקער פאַקטאָר פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

אָבער מנחמען גייט נישט בלויז צו פאַרפיקסירן די אידייאישע שליחות, וואָס מאַכט אונדז פאַר אַ פאָלק און דערהאַלט אונדז ווי אַ פאָלק. עס גייט אים אויך אָפּצושלאָגן דעם אַטאַק פון די געזעלשאַפטלעכע און אידייאישע כוחות, וואָס גראָבן אונטער די הייליקייט־שליחות און דעם קיום פונעם יידישן פאָלק.

ווער זיינען אָט די כוחות? אין ערשטער ריי איז דאָס דער נייער יידישער דור אין אַמעריקע „אשר לא ידע את יוסף". עס זיינען אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, וואָס וואַנדלען אויף דעם וועג פון גלייכגילטיקייט צו יידישקייט אָדער בלאָנדזשען, אין בעסטן פאַל, אויף די כלערליי מינים סטעזשקעס פון רעפאָרמירטער, מאָדיפיצירטער און אויסגעליידיקטער יידיש־

קייט אַן אַ סימן פון יענעם היסטאָרישן קדושה־געדאַנק, וואָס איז על פּי מנחם באָריישאָ דער עיקר מיין פון זיין אַ ייד.

און דער שונא נומער צוויי איז, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסקוקן, די יידישע מדינה. נישט וואָס מנחם באָריישאָ זאָל זיין אַ קעגנער פון מדינת ישראל. פאַרקערט, ער האָט די טיפסטע פאַרשטענדעניש פאַר דעם זין פון דער אויפגעקומענער יידישער מדינה און ער האָט ווערטער פון אָנערקענונג און צומאָל אַפילו פון באַגייסטערונג פאַר דער מדרגה פון מאָראַליש־יידישן תיקון, וואָס ליגט אין דער „הגשמה עצמית" פון די חלוצים, און ער קאָן אויך זען פונקען פון יידיש־היסטאָרישער קדושה אין די דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, וואָס זיינען געוואָרן טראַקטאָר־טרייבערס אין די קבוצות פון עמק און שאָסיי־בויערס אויף די היגלען פון יהודה.

נאָר וואָדען? ער שטעלט אַרויס „די אידעאָלאָגיע פון אַ גייסטיק־קולטורעלער עקזיסטענץ, (פון אַ) ממלכת כהנים וגוי קדוש אַנטקעגן אַ רעפּובליק מיט מיניסטאָרן און אַן אַרמיי". און „אויב דער ציוניזם — טענהט ווייטער מנחם — שטעלט אויס די יידישע געשיכטע אַזוי, אַז זי זאָל זיך איינגאַנצן דרייען אַרום דער אַקס פון ציון און שיבת־ציון, מוזן די וועלט־לעבנס איינשטעלן דיזעלבע געשיכטע אַזוי, אַז זי זאָל זיך דרייען אַרום דער אַקס פון מענטשלעכער לייטערונג און קדושה".

און וויבאַלד „מענטשלעכע לייטערונג און קדושה" איז דען פאַראַן אַ בעסערער אַנשטאַלט פון נסיון און לייטערונג ווי דער גלות?

„גלות" — רעדט זיך באָריישאָ אַריין אין התלהבות אין זיין עסיי „אַ דור וואָרט אויף אַ ניי וואָרט" — „דאָס איז דער וועג פון גרויסע נסיונות, פון הויכער עליה און טיפער ירידה".

און דער רבש"ע, אָדער „דער וועלטווילן", האָט די דאָזיקע לייטערונג־אַרבעט ניט געקאָנט דורכפירן מיט „נאָרמאַלע פעלקער, מיט נאַטירלעכע וואָס זיצן אויף זייער ערד, וואָס פירן אַ בעל־הבית'ש לעבן, וואָס האָדעווען אַן פאַרמעגנס, וואָס פירן מלחמות צו ווערן גרעסער און רייכער אויפן חשבון פון אַנדערע. זיי, די דאָזיקע פעלקער, האָבן צופיל חיי־גוף, אַז זיי זאָלן מוזן זיך באַפעסטיקן אין גייסט".

הכלל, אויף דורכצופירן די מאָראַלישע לייטערונגס־אַרבעט פון בן־אָדמען, האָט דער רבש"ע געדאַרפט האָבן דק אונדז אידן אין גלות און, ווי זאָגט זיך דאָרט אין דער גמרא (מסכתא פסחים) — „צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפזרן לבין האומות" (אַ חסד האָט גאָט געטאָן צו יידן, וואָס ער האָט זיי פאַרשפּרייט צווישן פעלקער).

אין מנחם באָריישאָס פאָרמולירונג לייענט זיך די מימרא: „פון דורותדיק יידישן צוגאַנג אַרויס איז די פּאָליטישע ראָם קיינמאָל נישט געווען קיין

עיקר. זי איז נישט מער ווי אַ ראַם פאַר אַ בילד, נישט מער ווי דער איינבאַנד פאַר אַ ספר״.

און מנחם האָט זיך געשראָקן און נישט אויפגעהערט צו וואָרענען פאַר „די איינבינדער (וואָס) האָבן דאָס באַוואוסטזיין, אַז אָן זיי וואָלט זיך דאָס ספר פונאַנדערגעפאַלן״.

אין דעם גרויסן געראַנגל פאַר קיום האומה באַגעגענען זיך אויף דער שאַרף פון מנחמס פּאָלעמישער פאָרמולע צוויי דורותדיקע יידישע געמיטער, צוויי היסטאָריש־יידישע מוראס: די מורא פאַר גייסטיקער מינערונג און די שרעק פאַר פיזישן אונטערגאַנג.

ב.

די אַפּטער שיטה

איך האָב אַמאָל, טאַקע אין אַ שמועס מיט מנחמען ז״ל, געפּרואווט האַלב־ערנסט און האַלב־שפּאַסיק צו פאָרטייטשן מיט צוויי חסידישע מעשיות דעם חילוק צווישן די „צוויי מוראס״ אין אונדזער יידיש־מחשבהדיקער פּראָזע.

די ערשטע מעשה דערציילט, אַז דער אַפּטער רבּ, דער „סבא קדישא״, האָט יום כיפור ביי דער עבודה אַריבערגעשריגן דעם בעל־תפילהס „וכך היה אומר״ מיט אַ קאַטעגאָרישן און תקיפותדיקן „וכך הייתי אומר״.

דערמיט האָט דער אַפּטער רבּ געוואָלט אונטערשטרייכן דעם נישט־צע־ריסענעם המשך צווישן דעמאָלט, דעם זמן שבית המקדש היה קים, און דעם איצט, דער צייט ווען אַן עדה יידן שטייט און איז מתפלל אין אַ שול פון דער ק״ק מעדזיבוש. דעם אַפּטערס פּאַטאָס פון „אַזוי פלעג איך זאָגן״, האָט אויסגעדריקט מורא פאַר גייסטיקער מינערונג און אַנטשלאָסענעם באַ־גער די דאָזיקע מינערונג נישט צו דערלאָזן.

דעם אַפּטערס פּאַטאָס האָט געפלאַקערט אַרום דעם קדשי־קדשים, אַרום דער יום־כיפורדיקער עבודה, אָדער אין אונדזער מאָדערנער טערמינאָלאָגיע — אַרום דער יידישער שליחות צווישן די פעלקער, אַרום דער יידישער וועלט־פאָלקישקייט.

די צווייטע מעשה גיט איבער, אַז ר׳ מאירל פון פּרעמישלאַן האָט ליב געהאַט אויך פאַר פּסח און נאָך פּסח צו דערציילן דעם נס פון יציאת מצרים און פלעגט פאַרזיכערן זיינע מקורבים, אַז „ווען מען שטעלט מיך אַוועק אין גושן, דערקען איך אייך די לאַפּעטע, מיט וועלכער איך האָב געאַרבעט״.

מאירל פּרעמישלאַנערס געמיט, ווי מע זעט, האָט געפלאַמט אַרום דעם נס פון פיזישן יידישן ראַטונעק, אַרום דעם פאַקט, וואָס יידן זיינען געוואָרן צוריק אַ ממשותדיק פאָלק, אָדער, לויט מנחמס טרעפלעכן אויסדרוק, אַרום דער עבודה פון די יידישע „טאָוולען".

אי דער אַפּטער רב און אי ר' מאירל פון פּרעמישלאַן האָבן געהאַט אַן אויסגעצייכנטן זכרון, און ביידנס „פּערזענלעכע" דערמאָנונגען האָבן געהאַט אַ דורותדיקן יסוד און זיינען געווען היסטאָריש עיקרדיק. און ביידע זיינען זיי, פאַרשטייט זיך, דער אויסדרוק פון טיפער אהבה און פון טיפן באַגער אי צו יידישן גייסט און אי צו יידישן פאָלק און לאַנד.

וואָס איז געווען דער תמצית פון מנחמס „אַפּטער שיטה"?

מנחם באַריישאָס מחשבה האָט זיך געדרייט אַרום דער צענטראַלער אידייע פון „תיקון", פון דעם באַגריף, וואָס ס'איז פאַר אים נישטאָ קיין גלייכן און קיין ריכטיקע איבערזעצונג אין אַנדערע שפּראַכן.

„תיקון", וואָס מיינט לויטן ווערטערבוך פאַרריכטן, אויסבעסערן, אויסגלייכן, אָבער אין יידיש-רעליגיעזן און אין יידיש-גייסטיקן זינען איז עס דער טייטש פונעם ווערטערבוך פּלוס דערהויבונג, לייטערונג און אויפשטייג צו העכערע מאָראַלישע מדרגות — אָט דער תיקון איז געווען ניט בלויז דער עיקר פון מנחמס געדאַנק, נאָר ער איז אויך געווען דעם דיכטערס אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע ליידנשאַפט.

דער תיקון-אידייע „פון דער נשמה פונעם יחיד, וואָס דאַרף קודם כל זיך אַליין באַנייען", ווייל אָן דעם איז נישט מעגלעך קיין גאולה — גיט אָפּ מנחם זיין בעסטע עסיי, די עסיי וועגן „די בויער פון ישראל".

איך געדענק זייער גוט ווען די דאָזיקע עסיי האָט זיך צום ערשטן מאָל געדרוקט אין „טאָג". עס איז דאָס געווען אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן, ווען מנחם איז פונדאָסניי געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער יידישער פּרעסע, און האָט פון שטאַנדפּונקט פון שרייבערישער יכולת דערגרייכט דעם קלימאַקס אין זיין פּובליציסטיק. און ווען כ'האָב איצט צווישן די בוכטאָוולען נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דאָס אַרטיקל, איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען פונדאָסניי דער רושם, וואָס די עסיי האָט אויף מיר דעמאָלט געמאַכט. דער איינדרוק איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך נישט פאַרווישט, איז נישט מטושטש געוואָרן אין משך פון די באַלד ניין יאָר, וואָס זיינען פאַרביי זינט דעמאָלט.

עס איז געווען דער איינדרוק פון אַ שרייבער אַ קינסטלער, וואָס האָט דעם כח זיך אַריינצוטראַכטן אין אַן ענין, און נאָך מער ווי אַריינטראַכטן, שאַרף צו פאָרמולירן זיינע טראַכטענישן. אָבער צו דער זעלבער צייט האָב

איך זיך דעמאָלט און קאָן זיך אויך היינט נישט באַפרייען פון דעם איינדרוק, אַז דאָ האָט אַ באַגאַבטער שרייבער אָפּעריִרט געדאַנקלעך אין אַ חלל.

ער האָט געדערעדט פון דור, ער האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן אין נאָמען פון זיין דור און צו אים, און אין תוך איז ער געווען אַ פרוש מן הדור, אַן אָפּגעשיידטער פון די גרויסע ראַנגלענישן פון זיין גענעראַציע.

די לופט פון קדושה אָן וועלכער עס איז נישט מעגלעך קיין גאולה, האָבן באַשאַפן די פרומע טרעגער פונעם שווערן גורל פון מצוות מעשיות, עס האָבן זי באַשאַפן די חלוצים, די „מענטשן מיט דיפּלאָמען, וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פאַסטעכער", עס האָבן געוואוינט אין איר די יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן מיט זייערע יאָרן תפיסה געפּרואווט מתקן זיין זיך און דורך זיך אויך דעם דור.

מנחמס תיקון־עבודה האָט מתקן געווען קינסטלעריש און טראַכטעריש בלויז מנחמען אַליין. ס'איז גאָר אַנדערש נישט געמאָלט געווען. מנחמס תיקון־אידייע, זיין נאַציאָנאַלער מוסר איז נישט געווען פאַרטראַכט פאָלקיש און אויך נישט דוריש. זיין תיקון איז פאַרבליבן אין נעץ פון אַ שיינעם און וואונדערלעכן שפּיל פון געדאַנקלעכע פאָרמולעס.

מנחמס תורה, ווי זי ווערט אַרויסגעבראַכט אין זיינע „עסייען", איז געווען אַ שרייבערישע תורה, אַ תורה פון פאָרמולעס און דעפיניציעס, אָבער נישט קיין תורת־חיים. זי האָט נישט פאַרמאָגט דעם מינדסטן רמז אויף הלכה, כדי צו קאָנען ווערן, אויף וויפיל ס'איז אַ תורה פון לעבן.

מנחם האָט געגלויבט אין געדאַנקלעכע פאָרמולעס און האָט געהאַט די קינסטלערישע אילוזיע, אַז דאָס לעבן גייט נאָך די פאָרמולעס. ער האָט ליב געהאַט די אידייאישע ראַנגלענישן און זיי געלערנט בקול רם אין זיינע עסייען, ווי אַ ישיבה־בחור אַ בלאַט גמרא. ביידע, אי דער וועלטלעכער פּובליציסט און אי דער פרומער גמרא־לערנער, זיינען געווען גליקלעך מיט זייערע פאָרמולעס און דעפיניציעס — אָבער מיטן לעבן קער זיך דאָס, פאַרשטייט זיך, נישט אָן.

און ווי ביי גמרא־לערנער האָט אויך ביי מנחמען אין זיינע עסייען גע־פלאַקערט אַ גרויסער ערנסט צו וואָרט, צו אידייע און צו פאָרמולע. אָט דעם גרויסן ערנסט האָבן מנחמס עסייען (די בעסערע צווישן זיי, און די בעסערע זיינען אין דער עסייען־זאַמלונג קאָנצענטרירט אין דער אָפּטיילונג „ישראל און די תפוצות") צו פאַרדאַנקען דעם אָפּט רעליגיעזן ציטער, וואָס רייסט מיט דעם לייענער, הגם דער לייענער, דער קריטישער, בלייבט נישט איבערציגט און נישט אין פולער קלאָרקייט וועגן דעם ממשותדיקן וואוהין, וועגן דעם „וואָס טאָן?" פון די שיין אויפגעבויטע פאָרמולעס און דעפיניציעס.

עס האָט אין מנחם באָריישאָן געלעבט אַ שטיק געמיט פון דעם וואונדער־לעכן יידישן מענטש, וואָס האָט געהייסן דער אַפּטער רב. ווי דער אַפּטער, איז מנחם געווען אַריינגעטאָן אין געדאַנקען פון תיקון. ווי דער אַפּטער, האָט מנחם געוואָלט זיין אַ גייער איבער מדרגות צו אמונה־ליטערונג און צו קדושה פון דור און פון זיך אַליין, און ווי דער אַפּטער, קעגן זיין ווילן און קעגן זיין געדאַנק, — אַ קינסטלער, אַ פאַרליבטער אין קינסטלערישן וואָרט און אין דער געדאַנקלעכער פאָרמולע.

פאַר מנחמען איז קונסט, ווי ער איז אונדז מסביר אין דעם נאָכוואָרט צו זיין לידער־זאַמלונג „אַ דור" (ניו יאָרק, 1947), געווען עבודה זרה, און פאַרן אַפּטער, ווען ער זאָל געווען וויסן פון אַזאַ וואָרט און אַזאַ באַגריף ווי קונסט, האָט דאָס געקאָנט זיין גאָר אַזוינס, וואָס געהערט אויפן מיסטקאַסטן פון דברים בטלים.

אָבער ווי דער אַפּטער, דער אומקינסטלער, וואָס ווען זיין גאַנג צום תיקון פון אמונה, האָבן חסידים דערציילט אויסערליש־קינסטלערישע מעשות, אַזוי האָט אויך מנחם באָריישאַ, דער אַנטי־קינסטלער, געשטאַלטיקט די תיקון־ראַנגלענישן פון זיין העלד נח מאַרקאָן (און אפשר זיינע אייגענע ראַנגלע־נישן?) אין אַ שיינעם, צום טייל עבודה־זרהדיק שיינעם, קונסטווערק „דער גייער".

אין דער דיכטונג, כ'מיין, אין „גייער", האָט מנחם באָריישאַ סיי די גלוי־בער און סיי די אומגלויבער אין די פאָרמולעס פון זיין תיקון־יידישקייט פאַרגיטיקט און דערהויבן מיט זיין קונסט.

אין דער פובליציסטיק האָט ער דעם קריטישן לייענער נישט איבער־ציוגט, אָבער אַ סך מאָל פאַרשפּילט מיט דער קונסט פון זיינע פאָרמולירונגען און נישט איינמאָל אויך געדאַנקלעך אָנגערעגט.

קיינער האָט אין אונדזער יידיש־פובליציסטיק נישט פּרעזענטירט בעסער, שענער, שכלדיקער און ליידנשאַפטלעכער די „אַפּטער שיטה", ווי מנחם באָריישאַ.

שכלדיק און ליידנשאַפטלעך — דיביידע אַדיעקטיוון פון מנחמס אופן שרייבן רופן איך אָן אינאיינעם דער רעליגיעזער אָטעם פון זיין עסעאיסטיק.

מנחם האָט אָפט און גערן גענוצט טעאָלאָגישע טערמינען אין זיינע קול־טור־געזעלשאַפטלעכע עסייען. אָבער ניט מחמת דער דאָזיקער טערמינאָלאָגיע איז זיין פובליציסטיק געווען רעליגיעז, נאָר ווייל איבער מנחמס פּראָזע האָט געהויערט טיפער ערנסט און די קאָנצענטרירטקייט פון כוונה.

און וואָס מיינט דען כוונה אויב ניט דער פאַרמעסט צו געבן דער מחשבה די אינטענסיווקייט און די ליידנשאַפט פון די חושים, און דערביי נישט צו מינערן פון דעם געדאַנקס כוח צו קילער לאָגיק און הסברה?

אַט די קילע און כמעט אַלעמאָל בנעימותדיקע לאָגיק, וואָס אונטער איר האָט זיך געפילט דער פליגלפאָך פון געצוימטער אָבער הייסער אינטענזיווקייט און ליידנשאַפט, אַט די תפילהדיקע כוונה אין דער סאַמע מיט פון שכלדיקער הסברה — דאָס איז די גרויסע דערגרייכונג און דער גרויסער ווירקונגס־כוח פון מנחמס עסייאיסטישער פּראָזע.

די דאָזיקע דערגרייכונג פון אינהאַלטלעכער פאַרטיפונג און פון פאָרם־ווירטואָזישקייט אין מנחמ׳ס געדאַנקלעכער פּראָזע, וועט דער ליטעראַטור־היסטאָריקער זיכער נישט קענען פאַרבייגיין, ווען ער וועט מאַכן דעם סך־הכל פון מנחם באַריישאָס שעפערישן ווערק און אויך פון דער גאַנצער קולטור־ווירטשאַפט, וואָס אונדזער דור האָט פאַרהאַרעוועט פאַר די וואָס קומען נאָך אונדז.

ד״ר א. מוקדוני

אויב זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור״ מאַכט נישט קיין טעות, האָט ד״ר מוקדוני היי־יאָר דערגרייכט אי צו דער שיינער און בכבודיקער עלטער פון „בגבורות״ און גלייכצייטיק ווערט פופציק יאָר זינט ד״ר מוקדוני האָט דעביוטירט אין דער יידיש־ליטעראַטור מיט אַ דער־ציילונג אין דער צייטונג „דער יוד״ אונטער דער רעדאַקציע פון יוסף לוריא.

איך באַוואָרן זיך בוגע דער ריכטיקייט פון ד״ר מוקדוניס ליטעראַרישן אָנהויב, ווייל זיין געבורין־דאַטע איז אין רייזענס לעקסיקאָן פאַרגרייזט. דער „לעקסיקאָן״ האָט ד״ר מוקדונין מיט צוויי יאָר יונגער געמאַכט.

און דאָס איז אי אומגעווייכלעך און אי אומנויטיק.

אומגעווייכלעך, ווייל די גרייזן, אויף וויפיל זיי זיינען פאַראַן אין רייזענס לעקסיקאָן, גייען בדרך כלל אויף דער ליניע פון עלטער מאַכן, סיידן די שרייבערס אַליין האָבן אין זייערע ביאָגראַפיעס דווקא געוואָלט האָבן דעם טעות אויף דער זייט פון יונגשאַפט.

און אומנויטיק, ווייל וואָס דער קאַלענדאַר זאָל נישט דערציילן וועגן דער צאָל יאָרן פון ד״ר מוקדוניס לעבן, קאָן ער מיט זיינע ציפערן נישט מינערן דעם פאַקט פון ד״ר מוקדוניס אייביק־שרייבערישער יונגשאַפט.

איך גיב מיר אָפּ חשבון, אַז מיט אָט דער באַמערקונג קאָן איך שאַפן דעם איינדרוק פון האָבן אַריינגעפאַלן אין יענעם באַרימטן סקאַרבאַוון נוסח, וואָס קאָמפּלימענטירט די עלטער אַלעמאַל און דורכאויס מיטן וואָרט יונג, ווייל — וואָס קאָן זיין אַ פיינערער און עלעגאַנטערער קאָמפּלימענט ווי יונג פאַר אַלט?

אַזאַ איינדרוק וואָלט געווען אַ פאַלשער און אַן אומגערעכטער, וואָרעם מיט דער „אייביק־שרייבערישער יונגשאַפט" ביי ד"ר מוקדונין בין איך אויסן נישט אַזוי צו קאָמפּלימענטירן ווי צו פאַרפיקסירן די זעלטענע דערשיינונג פון אַ שרייבער, וואָס האָט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט נישט אָנגעוואוירן קיין איינעם פון יענע בולטע באַגאַבונגס־עלעמענטן, מיט וועלכע ער האָט זיך געיאַוועט אין אונדזער ליטעראַטור.

ד"ר מוקדוני איז אין משך פון די פופציק יאָר געבליבן שרייבעריש דערזעלבער, ס'איז נישט געוואָרן אַנדערש זיין סטיל און עס האָט זיך נישט געביטן דער גייסטיק־מאָראַלישער קלימאַט פון זיין פובליציסטישער, בעלעטריסטישער און אויך פון זיין ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטישער פראַזע. נישט לרעה און אויך נישט לטובה.

פון 1909, ווען ד"ר מוקדוני איז געקומען קיין וואַרשע און „אַ ייד מיטן נאָמען (שאול) האָכבערג", וואָס איז געווען דער בעל־הבית און דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „דאָס נייע לעבן" האָט צו אים אַ זאָג געטאָן:

— גייט זען פישזאָנס טרופע, שרייבט עפּעס אָן און מיר וועלן זען —

און ביז איצט, ווען איך לייען דעם מאמר פון דעם אַכציק־יאָריקן ד"ר מוקדוני, וועגן מאָריס שוואַרצס אומגעראָטענער אויפפירונג פון ל. טרייסטערס „דער פאָסטעך־קעניג" — פון דעמאָלט ביז היינט איין און דערזעלביקער שאַרפער קלימאַט פון אַ קולטור־מיסיע און איין און דערזעלבער עכט און יונג־טעמפּעראַמענטישער אויפברויז קעגן פיעסן־שרייבער, קעגן רעזשיסאָרן, דירעקטאָרן און צום טייל אויך שוישפילער, וואָס האָבן מיט זייער קינסטלערישער אומטויגעוודיקייט און מיט זייער געזעלשאַפטלעכן לייכטזין איינגעהאַנדלט ביליקע דערפאָלגן ביים עולם, און האָבן געשטעלט אין סכנה, און סוף כל סוף אומגעבראַכט אַזאַ אינסטיטוציע פון יידיש־שעפערישקייט ווי טעאַטער.

דער „יונגער דאָקטאָר, איבערגעלאָדן מיט ענערגיע און פול ווי אַ לאָגל מיט גרויסע קולטור־פּלענער און מיט אַ הייסן פאַרלאַנג צו דינען דער יידישער קולטור", וואָס האָט זיך אין 1909 באַוויזן אין וואַרשע און איז באַלד געוואָרן איינער פון אירע אָנגעזעענע יידישע פובליציסטן און טעאַטער־קרי־

טיקער, איז אין פּרט פון שרייבערישן טעמפּעראַמענט און אין פּרט פון געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישער באַוואוסטזיניקייט נישט געווען ווייניקער רייף ווי דער אַכציק־יאָריקער, וואָס שטורעמט היינט פון מאַיאַמי פאַר און קעגן ביכער און פאַר און קעגן געזעלשאַפטלעכע געשעענישן אין די צייטונגען און אין די צייטשריפטן פון ניו יאָרק, בוענאָס איירעס און תל אביב.

מוקדוניס שרייבערישע מעלות זיינען געווען רייף ווען עס האָט איבער זיי געשיינט די מאָרגן־זון פון „גבורה״ און „בינה״ און זיי האָבן אָנגעהאַלטן דעם רייפן, ציפּקען טעם פון מוקדוניס ספּעציפיש טעמפּעראַמענטישער שאַרפקייט ווען עס וואַרעמט זיי בלויז די אָוונט־זון פון „בגבורות״.

אָבער פּונקט ווי אויף ד״ר מוקדוניס שרייבערישע מעלות, וואָס זייער „פרישקייט איז ניט אַוועק״, אַזוי האָט אויך אויף דעם און אויף יענעם שרייבערישן חסרון זיינעם די צייט קיין שליטה נישט געהאַט.

נישט די צייט, ד. ה. נישט דער גאַנג פון יאָרן און אויך נישט דער בייט פון לענדער. עס איז געבליבן אָן השפעה אויף ד״ר מוקדוניס סטיל סיי די גייסטיקע געצוימטקייט פון ליטע, וואו ער איז געווען אַ שטיק צייט אַ תושב, און עס האָט אויף ד״ר מוקדוניס אופן שרייבן זיך נישט אָפּגערופן דער איינפלוס פון דער אַנגלאָסאַקסישער קולטור פאַר אַלע זיינע עטלעכע און דרייסיק יאָר וואוינשאַפט אין אַמעריקע.

אויב ס׳איז אין דער יידיש־אַמעריקע פאַראַן אַ שרייבער אויפן געביט פון פובליציסטיק און עסיי, וואָס זאָל האָבן אויסגעמיטן די השפעה פון דעם אַנגלאָסאַקסישן „אַנדערסטעיטמענט״ (דער באַגריף לאָזט זיך אויף מאַמע־לשון נישט איבערזעצן, נאָר אָן ערך פאַרטייטשן מיט „וואָס שטילער אין געדאַנק און וואָס ווייניקער און איינגעהאַלטענער אין וואָרט״) — אויב ס׳איז פאַראַן ביי אונדז אַזאַ פובליציסט און קריטיקער, איז ער אַ זעלטענע אויסנאַמע, און זיין נאָמען איז: ד״ר מוקדוני.

אין משך פון אַלע פופציק יאָר פון זיין פּראָדוקטיווער אַרבעט אויפן געביט פון יידישער פובליציסטיק און קריטיק האָט ד״ר מוקדוני נישט בלויז זיך ניט געשראָקן פאַר אַ העכערן טאָן פון מחשבה און פאַר אַ טאָפּלטער מאָס פון וואָרט, נאָר ער האָט זיך בפירוש געיאָגט נאָך דער קלינגעוודיקייט פון געדאַנק און נאָך דער איינדרינגלעכער שאַרפקייט פון בילד און וואָרט.

ד״ר מוקדוני, דער בעל „גבורות״ שרעקט זיך פּונקט אַזוי ווייניק פאַר דער היפּערבאָליק פון בילד און וואָרט לשם בולטקייט און, איך וואָלט געזאָגט, לשם דעפיניטיווקייט, ווי ווייניק ס׳האָט זיך דערפאַר געשראָקן ד״ר מוקדוני, דער מאַן אין עלטער פון „גבורה״ און „בינה״.

דער אַכציק־יאָריקער ד״ר מוקדוני הויבט אָן דעם צווייטן באַנד פון

זיינע זכרונות „אין וואַרשע און אין לאָדזש" („פאַרלאַג פון פוילישע אידן", בוענאָס איירעס, 1955), וואָס זיינען געשריבן צום טייל בעלעטריסטיש און צום טייל אין דער פאָרם פון עסיי, מיט אַ שילדערונג פון די פּאָליאַקן, ווי ער האָט זיי געזען, ווען ער האָט געלעבט צווישן זיי אין וואַרשע און אין לאָדזש.

עס שרייבט ד"ר מוקדוני: „דער פּאָליאַק איז דער מערקווירדיקסטער סלאַוו. ער האָט אַלע חסרונות פון די סלאַוון, אָבער קיין איין איינציקע פון זייערע מעלות. בכלל איז דער פּאָליאַק אַ בינטל סתירות, אַ בינטל ווידער־שפּרוכן — ער איז סענטימענטאַל און אַ רשע, ער האָט ממש אַ פיזישע הנאה פון טאָן רשעות, דאָס הייסט, ער איז אַ שטיקל סאַדיסט. ער איז אַן אַריסטאָקראַט און אַ כאַם. זיין אַנטיסעמיטיזם, למשל, איז אַ כאַמישער; ער איז רעליגיעז און אויסגעלאַסן. ער איז מוראדיק נאַציאָנאַליסטיש און רואינירט כסדר זיין פאָלק און זיין לאַנד. ער איז ראַפינירט און גראָב, דערהויפּט ווען ער איז ריטערלעך; אַמאָל אויך רעוואָלוציאָנער, אָבער ער איז אַ גרויסער פחדן. ער איז אַ שטאָלצער, גיכער בעל־גאווה, און אַ גרויסער חונף און קאָן זיין קנעכטיש ביז עקל; ער איז אינטעליגענט און אומוויסנדיק; ער איז עלעגאַנט, אָבער אַזוי איבערטריבן, אַז ער ווערט אַ שניידערישער מאָדעל פון אַ מאָדע־מאַגאַזין."

איך האָב געבראַכט אָט דעם לענגערן ציטאַט פון ד"ר מוקדוניס עסיי וועגן פּאָליאַקן, כדי צו וויזן, אַז ד"ר מוקדוני, וואָס האָט, ווי מיר ווייסן, אַ גרויסע און לאַנגע דערפאַרונג פון לעבן און לערנען, האַלט זיך פונ־דעסטוועגן נישט אָפּ פון אַזעלכע ריזיקאַלישע גענעראַליזירונגען, אַבי בולטער און טעאַטראַלישער צו מאַכן די קאָלעקטיווע געשטאַלט פונעם פּאָליאַק, וואָס ער האָט פאַר אונדז אינסצעניזירט.

און דאָ, אין ד"ר מוקדוניס פּאַרקאָקטקייט אין טעאַטער, ליגט אפשר דער סוד פון זיין סטיל: יעדער זאַץ — אַ פּאַראַגראַף, און אויך פון דער היפּערבאָליק פון זיין וואָרט און בילד. דעם שליסל צו דעם סוד גיט, דאַכט מיר, דער יונגער מוקדוני, וואָס דער אַרויסגעבער שאול האָכבערג שיקט אים רעצענזירן דעם אַלטן פישזאָנס אַ פאַרשטעלונג, ווען ער פאָרמולירט אין יענעם זכרונות־קאַפּיטל (אין וואַרשע און אין לאָדזש) אַזוי סוגעסטיוו און מיט פסיכאָלאָגישער דינקייט, די אַטמאָספער, דאָס געמיט פון טעאַטער —

„מען איז אין טעאַטער...

„עס איז פייערלעך. און געשפּאַנט איז דער עולם אין טעאַטער ווי פאַר אַ גרויסער געשעעניש".

ד"ר מוקדוניס פּובליציסטישער און עסייאיסטישער סטיל איז עפּעס ווי

אַלע מאָל אין טעאַטער. ער איז אין שטענדיקער „דערוואַרטונג פון אַ גרויס געשעעניש״. ד״ר מוקדוני איז סטיליסטיש נישט סובל קיין אומדראַמאַטיש־קייט. די ווערטער הזרן זיך ביי אים מיט קליינע ניואַנסן אַזוי איבער, ווייל זיי זיינען ערב־יום־טובדיק פאַררעשט. ד״ר מוקדוניס שפּראַך איז פייערלעך און זי איז געניוויגט צו לייכטזיניקייט און צו גוזמא, ווי דער שמועס פון עולם אין טעאַטער.

טעאַטער איז ערגעצוואו אין עצם די קונסט פון גוזמא, ווייל — די קונסט פון וואָס בולטער מאַכן בילד און געשטאַלט. מעג דער דראַמאַטורג מאָלן זיינע פּערסאָנאַזשן מיט שטילע פאַרבן און ריידן זיינע רייד בלחש, קומט דער רעזשיסאָר און מאַכט שרייעוודיקער די קאָלירן, פאַרשפּיצט די ווערטער און מאַכט שאַרפער, קאָנטיקער דאָס בילד.

אַ סך מאָל ליידט דערפון דער פסיכאָלאָגישער אמת פון די מענטשן, זאַכן און געשעענישן ווי דער דראַמאַטורג האָט זיי געזען און געפילט ביים שרייבן.

אָבער אין טעאַטער איז די הויפּט־זאַך נישט די פסיכאָלאָגישע וואָרהייט פון די מענטשן, וואָס ריידן און האַנדלען אויף דער בינע, נאָר די געשפּאַנט־קייט, די פייערלעכקייט און די זעלישע גרייטקייט צו „אַ גרויסער געשעעניש״ פון די וואָס קוקן און הערן זיך צו פון זאַל אונטן און פון דער גאַלעריע אויבן.

ד״ר מוקדוני איז נישט בלויז דער טראַכטער און באַשרייבער פון זיינע געדאַנקען און געפילן, נאָר ער איז אויך זיין אייגענער סטיליסטישער רע־זשיסאָר. יעדער זאַץ — רעפליק און דופליק, און יעדעס בילד — דער עיקר זיינען אין אים די דראַמאַטישע קאָנטראַסטן (זע: אַריסטאָקראַט און כאַם, סענטימענטאַל און רשע, רעליגיעז און אויסגעלאַסן, וכו׳ אין דער עסיי וועגן „פּאָליאַקן״, וואָס איז איין ביישפּיל פאַר אָן אַ שיעור אַנדערע ביישפּילן פון ד״ר מוקדוניס יחידישער און קאָלעקטיווער פּאָרטרעטיסטיק), וואָס שאַפן די בויטיקע שפּאַנונג, די פייערלעכקייט און די ערב־יום־טובדיקע פאַררעש־קייט פון די געשטאַלטן פאַרן אויג פונעם לייענער־צוקוקער.

אַוודאי גייט דאַדורך פאַרלוירן אַ היפּש ביסל פון דעם געדאַנק און פון דער געפילפאַרטיפקייט, וואָס אַ שרייבער מיט אַ גייסטיקער דערפאַרונג ווי ד״ר מוקדוני, איז שולדיק און איז בכוח אונדז צו געבן. אָבער ד״ר מוקדוני האָט אָט דעם אומפאַרמיידלעכן פּחת קאָמפּענסירט מיט דער קלאָרקייט און לייכטקייט פון זיין סטיל, מיט דער שטויס־קראַפט פון זיין שפּראַך און דערהויפּט מיט דעם קוראַזש פון זיינע איבערצייגונגען. און קוראַזש פאַר־כאַפּט און גיט הנאה צו די וואָס זיינען מסכים און רופט אַרויס דרך־ארץ ביי די אומצופרידענע און ביי די קעגנער.

פון די טויזנטער און אָבער־טויזנטער אַרטיקלען און עסייען, וואָס ד״ר מוקדוני האָט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אָנגעשריבן, האָט ער אין בוכפאָרם אויפגעזאַמלט זייער ווייניק — כמעט גאָרנישט.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען אין פוילן דערשינען צוויי קליינע בענד פון מוקדוניס דערציילונגען, סקיצן, הומאָרעסקן און פעליעטאָנען, און דערנאָך ערשט דאָ אין ניו־יאָרק, אין 1927, מיט אַ יאָר פאַרשפּעטיקונג צו מוקדוניס פופציקסטן געבוירנטאָג — אַ באַנד „טעאַטער״ (עסייען, אַרטיקלען און פּאָרטרעטן).

און פון 1927 זיינען ווידער פאַרביי כמעט דרייסיק יאָר איידער עס זיינען אין בוענאָס איירעס אַרויס ד״ר מוקדוניס פיר בענד זכרונות (די לעצטע צוויי אין 1955).

האָב איך נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם באַנד „טעאַטער״, וואָס איז, ווי געזאָגט, אַרויס נאָך מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר צוריק, און האָב באַוואונדערט ד״ר מוקדוניס קולטור־פאַרשטענדעניש און קולטור־חריפות אין זיין צוגאַנג צו די פראַגן פון יידישן טעאַטער. ד״ר מוקדוניס עסייען אַרום די טעזן פון אינטריגע און העלד, פון רעוואָלוציאָנערישקייט און פלאַגיאַט אין טעאַטער און קודם כל אַרום דעם ענין פון טעאַטראַלער פאָרם מיט יידישן אינהאַלט — אַלע, כמעט דורכאויס אַלע, האָבן זיי אויפגעהיט די פרישקייט פון עספּרי און אויך זייער געזעלשאַפטלעכע און קינסטלערישע טעאַטער־אַקטועלקייט.

דערעיקרשט האָבן מיך אין דעם באַנד פאַרכאַפּט די פּאָרטרעטן פון יידישע שוישפּילער. זיי זיינען אפשר שרייבעריש דאָס שלימותדיקסטע וואָס איז אַרויס פון ד״ר מוקדוניס פעדער. און זיי זיינען וויכטיקע קולטור־היסטאָרישע דאָקומענטן. אַזאַ פּאָרטרעט ווי לודוויג זאַץ, וואָס ברענגט אַרויס דאָס געניאַלע (מיר דאַכט, אַז דאָס דאָזיקע „קליינע, צאַרטע מענטשל מיטן מיידלשן פּנים״ איז געווען דער גרעסטער יידיש־שוישפּילער) און דאָס טראַגישע פון דער זאַץ־געשטאַלט, איז אַ פּערל אין אונדזער טעאַטער־ליטעראַטור.

און געראָטן איז דער זאַץ־פּאָרטרעט דערפאַר, ווייל אין אים פעלט כמעט דורכאויס יענע טעאַטראַלישע היפּערבאַליק און רעשדיקייט פון סטיל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מוקדוניס קריטישע און פּובליציסטישע מאמרים.

עס איז אין די פּאָרטרעטן פון די שוישפּילער און אויך אין אַ טייל דערמאָנונגס־עסייען און געשטאַלט־צייכענונגען, וואָס זיינען אויפגעזאַמלט געוואָרן אין די „זכרונות״, פאַראַן אַ שטילע און באַדאַכטע וואָרט־ניואַנסירונג אַנשטאָט דעם געוויינטלעך קריטישן אימפּעט פון גיכער איבערחזרונג פון שפּראַך־בילדער און פון געדאַנקלעכע פאָרמולירונגען.

פון זיינע ליטעראַטור־קריטישע עסייען און אַרטיקלען, וואָס ער האָט געדרוקט פאַרן משך פון די לעצטע איבער דרייסיק יאָר אין „מאָרגן־זשור־נאַל", האָט ד"ר מוקדוני קיין שום זאַמלונג נישט אַרויסגעגעבן. איך מוז זיך דערפאַר באַנוגענען מיט באַמערקונגען געמאַכטע אויף אויסנווייניק אָן דעם קאָנטראָל פון „ביתי ספר ונחזה".

און אויף אויסנווייניק קען איך ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָס איך שטעל זיך אַליין מכוח ד"ר מוקדוניס דרך אין קריטיק, אַז זיין שיטה איז דאָס אינטואיטיווע מוזישע פינטעלע, וואָס ער פאַרמאָגט און וואָס גיט אים אָפט די מעגלעכקייט צו דערכאַפּן אין דעם ווערק פון אַ דיכטער דעם קינסטלערישן עיקר, אָדער דעם „עיקר חסר" פון קינסטלערישקייט.

דערכאַפּן דעם קינסטלערישן תמצית — דאָס איז ד"ר מוקדוניס כוח, אָבער דערנאָך דאָס אויפגעכאַפּטע ראַציאָנעל צו אַנאַליזירן און צו באַווייזן די לאָגישע גערעכטיקייט פון זיין אינטואיטיווער טעזע — דאָ, וואָלט איך געזאָגט, איז ד"ר מוקדוני שוין נישט דער זעלבער מאַדים. דאָ פאַרפעלט אים די נויטיקע געדולד פון באַדאַכטן און לאַנגזאַמען לאָגישן שפּאַן. אים איז ניחא'ער זיך אַ וואָרף צו טאָן מיט זיין סטיליסטישער טעאַטראַלישקייט אויף דעם אינטואיטיוו אַנטפּלעקטן עיקר פון אַ בוך און צו שפּילן אַרום אים די אילוזיע פון ניו־אַנסירונג, אַנשטאָט צו גיין דעם שווערן וועג פון פאָרם און אינהאַלט־אַנאַליז, אויף וועלכן ס'האָט אַזוי פיל דערגרייכט דער קריטיקער שמואל ניגער, ע"ה.

דערפאַר באַשטייט ד"ר מוקדוניס ליטעראַטור־קריטישער עסיי אין תוך פון איין טייל, אין וועלכן דער תמצית פון דעם דיכטערישן ווערק ווערט אָפט טרעפיק און קורץ אַרויסגעבראַכט און פון אַ צווייטן טייל, וואָס איז, אייגנט־לעך, אַ דיגרעסיע פונעם ענין, אַ דיגרעסיע,וואָס שפּרודלט דאָ און דאָרט מיט הנעוודיקער היפּערבאָליק פון וואָרט און מיט דראַמאַטישער זשעסטיקולאַציע, אָבער קער זיך אין דער אמתן אָן בלויז אַ ווייטער שני בשלישי מיטן דיכטער, דעם בעל־דבר, און מיט דער קריטיק פון זיין ווערק.

(1956)

נ. ב. מינקאָוו

א.

נחום ברוך מינקאָוו איז געווען אַ שטיק פרעמדע פלאַנץ אין אונדזער ליטעראַרישן גאָרטן. איך זאָג: אַ פרעמדע פלאַנץ און כאַפּ זיך, אַז פאַר דעם גאָרטן אַליין פאַסט זיך אויך דער זעלבער שם התואר. וואָרים אין תוך איז אונדזער וואונדערלעכע יידיש־ליטעראַטור עפּעס אַ פרעמד און מאָדנע געוויקס אין דער מיט פון אונדזער יידיש פאָלק. פאַראַן פעלקער אָן ליטעראַטורן. אונדזער יידיש־ליטעראַטור איז די אויסנעמלעכע דערשיינונג פון אַ ליטעראַטור אָן אַ פאָלק.

די אויסנעמלעכקייט און די פרעמדקייט פון דעם פענאָמען מינקאָוו איז באַשטאַנען דערין וואָס ער איז געווען אַ יידישער ליטעראַטור־פּראָפעסאָר על־פּי זיינע גרויסע קענטעניש, על־פּי זיין גלוסט צו פאָרשונג, על־פּי זיינע אויסנעמלעכע לעקטאָרישע פעאיקייטן און על־פּי זיין ליידנשאַפטלעכער ליבע צו הרבצת יידיש־תורה ביי אַ פאָלק אָן אַ יידיש־אוניווערזיטעט.

פאַר די נישט־פאַראַנענע העכערע לערנאַנשטאַלטן אויף יידיש וועגן יידיש־ליטעראַטור האָט נחום ברוך מינקאָוו געשריבן גרינטלעכע טעקסט־ביכער וועגן דעם עלטער־זיידן פון יידיש־שעפערישקייט „אליהו בחור און זיין בבא־בוך" (ניו יאָרק, 1950), וועגן דעם גרויסן ליטעראַרישן מאָנומענט פון יידישן תחינה־סטיל: דעם מעמואַרן־בוך פון גליקל האַמעל (ניו יאָרק־מעקסיקע, 1952) און די שוין אין כמות פאַרנעמיקע דריי בענד וועגן „די פּיאָנערן פון יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע" (ניו־יאָרק, 1956).

קיין העכערע יידיש־אַנשטאַלטן זיינען נישטאָ אָבער אויף איינער פון די גאַסן אין מיטעלן טייל פון מאַנהעטן, נאָענט צום האַדסאָן, איז געזעסן אַ יידיש־דיכטער און האָט געשריבן לערנביכער פאַר די נישט פאַראַנענע מיטלשולן און זייערע נישט פאַראַנענע לערער און פאַר אַן אוניווערזיטעט און זיינע תלמידים, וואָס אויך זיי זיינען ביידע נישט־דאַאיק.

דער דיכטער שאַפט, ווייל ער מוז. דורך זיין ליד באַפרייט זיך דער פּאָעט ערגעצוואו פון אַ דריקנדיקער זעאונג, פון אַ פיינפולער דערמאָנונג און פון אַן אויפגעברויזטער עמאָציע. און ווער, כ'בעט אייך, וויל דאָס נישט פריי ווערן?

אָבער, וואָס איז געווען דער מוז ביי מינקאָוו, דעם דיכטער, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ אומגעוויינטלעכער התמדה איבערגעגעבן צו שאַפן „רעגולאַטיווע פּרינציפּן" צו אַ וועלט וואָס „גלייך ווי זי וואָלט" עקזיסטירט?

איך דערמאָן דאָ די „רעגולאַטיווע פּרינציפּן" און די וועלט „גלייך ווי

זי וואַלט" געווען, וואָס שטאַמען פון קאַנטס און פון זיין תלמיד האַנס וואַיהינגערס פילאָזאָפישן אַרסענאַל, ווייל מיר דוכט, אַז אין די דאָזיקע טער־מינען קומט צום אויסדרוק זייער אַ חריכער, אויב נישט דער העכסטער מין מענטשלעכער אידעאַליזם. די וועלט „גלייך ווי זי וואַלט געווען" איז אַן אומווירקלעכע, אַ נישט פאַראַנענע וועלט, און פונדעסטוועגן שאַפט דער מענטש פאַר איר רעגולאַטיווע פרינציפּן נישט בלויז צוליב קינסטלערישע און טעאָרעטישע, נאָר אויך צוליב ריין־פּראַקטישע צילן.

אָט די „ריין־פּראַקטישע צילן" פון מינקאָווס טעקסט־ביכער פאַר די העכערע לערן־אַנשטאַלטן, וואָס זיינען נישט בנמצא, זיינען די שענסטע און דערהויבנסטע עדות פון נחום ברוך מינקאָווס יידישן קולטור־אידעאַליזם.

ער איז געווען אַ „ריינער פּראַקטיקער", ווען ער האָט געקנעלט מיט די „גלייך ווי זיי וואָלטן געווען תלמידים", די פּאָעטיק פון אליהו בחור און ווען ער האָט זיי מסביר געווען די סטיל־עלעמענטן אין די זכרונות־ביכער פון מרת גליקל בת ר' לייב פּינקערלע פון האַמבורג. און ער האָט אַוודאי אינזינען געהאַט „ריין פּראַקטישע צילן", ווען ער האָט פאַר די אויסגע־טראַכטע יידיש־לערערס אַנגעשריבן די געשיכטע פון דעם סאָציאַלן ליד אין אַמעריקע, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען דאָס פּיאָנערישע קאַ־פּיטל פון דער אַמעריקאַנער יידיש־דיכטונג.

און מחמת אָט דער „פּראַקטישקייט", וואָס קיין שענערער אידעאַליזם פון איר איז נישט געמאָלט, האָט מינקאָוו, בלי ספק, צופיל מאריך געווען אין זיין געשיכטע פון דער יידיש־סאָציאַלער פּאָעזיע אין אַמעריקע. ער האָט מאריך געווען סיי וואָס שייך דער צאָל פון די אויסגעגראָבענע ראשונים און סיי וואָס אַנבאַטרעפט ביאָגראַפישע און ליד־טייטשערישע פּרטים. בלי ספק האָט דאָ אויך געשפּילט אַ ראָלע מינקאָווס אַרכעאָלאָגישע ליידנשאַפט און אויך מינקאָווס צער־בעלי־חיים צו יונג־פאַרשניטענע און פאַרגעסענע שיר־ביט־פּאָעטן, אַפילו ווען פון ליטעראַטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז זיכער נישט קיין עבירה זיי צו פאַרגעסן און אפשר גאָר אַ שטיקל מצווה זיי נישט צו געדענקען.

אָבער דער הויפּט־פאַקטאָר ביים אויסגראָבן צופיל נישט־פּאָעטן און ביים מאריך זיין אין די ביאָגראַפיעס, איז, גלויב איך, פאַר מינקאָוון געווען זיין לערער־געמיט און דער „פּראַקטישער" ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט ביים שרייבן די דריי בענד וועגן די „פּיאָנערן פון יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע". מינקאָוו האָט „פּראַקטיש" אין זינען געהאַט די לערער פון די מיטלשולן און די תלמידים פון די העכערע לערן־אַנשטאַלטן. ער האָט זיי גע־וואָלט צושטעלן וואָס מער מאַטעריאַל, כדי זיי זאָלן האָבן פון וואָס איבער־צוקלייבן. ער, מינקאָוו, איז אויסן געווען אַנרעגונג צו איבערקלייב, וואָס

דאָס מיינט סטימול צו וואָס מער לערנונג און צו פאַרטיפטערער פאָרשונג ביי די לערער און תלמידים.

מיט איין וואָרט: די פּערזענלעכע עיקר־ליידנשאַפט, וואָס האָט מינקאָוון געשטויסן צו אַרבעטן איבער די „רעגולאַטיווע פּרינציפּן" פון אַ וועלט, וואָס איז נישטאָ, נאָר „גלייך ווי זי וואָלט געווען", איז געווען די ליידנשאַפט פון אַ מורה הוראה, פון אַ מרביץ תורה, וואָס דער היינטצייטיקער מאָדערנער טערמין דערפאַר איז: פּראָפעסאָר.

און מינקאָווס פּרעמד־פּלאַנצישקייט אין אונדזער ליטעראַרישן גאָרטן, וועגן וועלכער איך האָב פריער גערעדט, איז אויך באַשטאַנען דערין, וואָס ער, מינקאָוו, האָט ליב געהאַט זיין פּראָפעסאָרישקייט און ער האָט אַפילו צומאָל געגאַרט נאָך די דרויסנדיקע סימנים פון דעם הויכן לערער־אַמט, אָבער צו דערזעלבער צייט האָט ער געשפּירט אַז די אַטמאָספער פון אונדזער יידיש־ליטעראַטור איז אַ קינסטלעריש־צוגעשפּיצטע און האָט וויניק געדולד סיי פאַר אַ שיעור וועגן די „אָטאַווא־רימאַס" פון אליהו בחורס „בבא־בוך", סיי פאַר די תחינה און מוסר־עלעמענטן פון מרת גליקלס מעמוארן, און נישט וויניקער אומגעדולד פאַר די אויסגעגראָבענע שיר־ניט־פּאָעטן פונעם פּיאָנערן־דור. און די דאָזיקע פּרעמדקייט האָט נאָך שטאַרקער און אינטענסיווער געהויערט איבער מינקאָוון, ווייל ער אַליין האָט, מן הסתם, צומאָל דערשפּירט אומגעדולד צו זיין מורה הוראהשער ליידנשאַפט און האָט זיך געריסן צו זיין ערשטער ליבע — צום ליד.

ב.

מינקאָווס שטודיעס וועגן אליהו בחורס „בבא־בוך" און וועגן גליקל האַמעלס זכרונות און אויך זיינע דריי בענד וועגן די פּיאָנערן פון דער יידיש־פּאָעזיע אין אַמעריקע האָבן צו טאָן מער מיט ליטעראַטור־פאָרשונג און מיט ליטעראַרישער אַרכעאָלאָגיע ווי מיט ליטעראַטור־קריטיק. זיין בוך ווידער וועגן די יידישע קלאַסיקער־פּאָעטן, וואָס איז דערשינען מיט צוואַנציק יאָר צוריק, איז, וואָס שייך איכות, אַן ערשטלינג־ווערק. אין פּרט פון פאָרעם זיינען דעם מחברס סטיליסטישע באַגערן דער הויפּט־חסרון פון דעם דאָזיקן ערשטלינג־בוך. אין זיינע שפּעטערע ביכער האָט זיך מינקאָוו לגמרי אָפּגעלאָזט פון זיין סטיל־זוכעריי. זיין לשון האָט טאַקע קיין מאָל קיין גלאַנץ נישט דערגרייכט, אָבער דערפאַר פּשטות און קלאָרקייט. און די קלאָרקייט האָט צומאָל פאַרמאָגט געדאַנקלעכע דינקייט און אַפילו שוואונג.

די הויפּט־עלעמענטן פון מינקאָווס ליטעראַטור־קריטיק זיינען צום בולטסטן געקומען צום אויסדרוק אין זיינע מאָנאָגראַפיעס וועגן „זעקס יידישע קריטיקער" (בוענאָס־איירעס, 1954), און אין זיין עסייען־זאַמלונג „ליטעראַרישע וועגן" (מעקסיקע, 1955).

דאָס בוך מיט די זעקס מאָנאָגראַפיעס וועגן יידישע קריטיקער איז ערגעצוואו אַריבערגעוואַקסן די לכתחילהדיקע באַשיידענע כוונה פונעם מחבר און איז געוואָרן פּאַקטיש אַ געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק פאַר דער צייט פון עטלעכע און אַכציק יאָר, ד״ה, פון די ערשטע אומבאַהאָלפענע פּרוואון פון איר אָנהייבער, אַלעקסאַנדער צעדערבוים, און ביז די שיינע און וויכטיקע דערגרייכונגען פון אירע קלאַסיקער: בעל־מחשבות און ש. ניגער.

ווען איך זאָג, אַז מינקאָווס בוך וועגן „זעקס יידישע קריטיקער״ איז אין תוך אַ געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק, בין איך מיר באַוואוסט, אַז ס'איז נויטיק צו מאַכן אַ באַוואָרעניש. די באַוואָרעניש איז נויטיק, ווייל מיט די זעקס קריטיקער, וואָס ווערן אַנאַליזירט אין מינקאָווס בוך (אַלעקסאַנדער צעדערבוים, י. י. לערנער, י. ח. ראַוויניצקי, יואל ענטין, בעל־מחשבות און ש. ניגער) ווערט, פאַרשטייט זיך, ווייט נישט אויסגעשעפּט דער גאַנצער סכום פון יידישער ליטעראַטור־קריטיק זינט איר אויפקום מיט איבער אַכציק יאָר צוריק.

די יידישע ליטעראַטור־קריטיק פאַרמאָגט אַ יונגערן נאָכקלאַסישן דור, וואָס איינער פון זיינע וויכטיקע פאַרשטייער איז טאַקע געווען נ. ב. מינקאָוו אַליין, און די יידישע ליטעראַטור־קריטיק האָט צייטלעך־פּאַראַלעל מיט ראַוויניצקין און מיט ענטינען און דערנאָך אויך פּאַראַלעל מיט די קלאַסיקער בעל־מחשבות און ש. ניגער געהאַט אויפצואווייזן אַ היפּש ביסל אַנדערע בויער אויפן פעלד פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק.

איך וועל בלויז דערמאָנען עטלעכע פון די סאַמע באַקאַנטסטע נעמען. צווישן די מיטצייטלער פון די פּיאָנערן: אייב קאַהאַן, ח. אַלעקסאַנדראָוו און לעאָן מאָיסעיעוו. און צווישן די מיטגייער פון די קלאַסיקער: מ. אָלגין, ב. ריווקין און דר. א. מוקדוני.

פונדעסטוועגן בלייב איך ביי מיין באַהויפּטונג, אַז נ. ב. מינקאָווס מאָנאָגראַפיעס וועגן די דערמאָנטע „זעקס יידישע קריטיקער״ זיינען אַ פּרוואוו, און אַ געראָטענער פּרוואוו, פון אַ היסטאָרישן איבערבליק איבער דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק פון אירע אָנהייבן און ביז צום רעפּרעזענטאַנט פון איר קלאַסישער צייט — ש. ניגער.

וואָרים די פריער־אויסגערעכנטע פּיאָנערישע מיטצייטלער און קלאַסישע מיטגייער זיינען דאָך בלויז די מער אָדער ווייניקער בולטע ניואַנסן פון אידייע און פון געמיט, וואָס שיידן זיך אָפּ מיט זייער אייגנקייט פון דער הויפּט־ליניע. די דאָזיקע ניואַנסן גיבן צו מער פאַרב און מער ליכט דער הויפּט־ליניע, אָבער די הויפּט־ליניע גופא זיינען זיי נישט.

מינקאָווס כוונה איז געווען (ער רעדט נישט וועגן דער דאָזיקער כוונה

זיינער, אָבער זי ווערט באַשיינפּערלעך און קלאָר אויסגעפירט) אַרויסצו־שיילן דווקא די הויפּט־ליניע פון אויפשטייג, פון שטענדיקן אידייאישן, מע־טאָדאָלאָגישן און שרייבעריש־שעפערישן באַרג־אַרויף, וואָס לויפט דורך די אַכציק יאָר יידישע ליטעראַטור־קריטיק פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים און ביז ש. ניגער.

עס איז אַ באַרג־אַרויף, וואָס קלעטערט פון די נידערן פון צעדערבוימס מבינות־זאַגעריי און נאַאיווער קריטעריע פון „באַלערנד" און „אָנציענד" איבער י. י. לערנערס לאָגישן אַנאַליז פון משכילישן אוטיליטאַריזם, איבער י. ח. ראַוויניצקיס „קערנדיקער זאַכלעכקייט" פון נאַציאָנאַלן אוטיליטאַריזם און איבער ענטינס פּרואוו פון אַ „פאָרמאַליסטיש־עסטעטישן אַנאַליז" און יידיש־אידייאישן ראָמאַנטיזם ביז בעל־מחשבותעס „נאַציאָנאַלער סביבה־קריטיק" און ביז ש. ניגערס קריטיק, וואָס מינקאָוו רופט זי אָן מיטן נאָמען „פיל מעטאָדן־סיסטעם" און „אימאַנענטע" און איך וואָלט זי גיכער באַצייכנט ווי די, אין סענט־בעווישן זינען, קאָנצענטרירטע זוכעניש צו אַנטפּלעקן די קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, דעם „ריינעם געניוס" פון ווערק און שעפער.

ג.

די „גאַנצע תורה אויף איין פוס" וועגן נ. ב. מינקאָוו, דעם קריטיקער, וואָלט איך געזאָגט, איז זיין עקשנותדיקע אינטעלעקטועלע מי צו מאַכן פון דער ליטעראַטור־קריטיק אַ צווייג פון פּאָזיטיווער וויסנשאַפט. און אַ וויסנ־שאַפט נויטיקט זיך פאַר אַלעמען אין קלאָרע טערמינאָלאָגישע באַגריפן, וואָס מיט זייער הילף זאָל מען אַנאַליזירן ווערק און שעפער און זיי דערנאָך געבן די ריכטיקע נעמען.

מוז איך מודה זיין, אַז דער באַנוץ פון טערמינאָלאָגיע, פון אַ קלאָר־איינגעשטעלטער טערמינאָלאָגיע, העלפט בפירוש צו מאַכן אָרדענונג אין ליטעראַרישן גאָרטן, און אַז די קלאַסיפיקאַציע פון די ליטעראַרישע געוויקסן גיט אַפילו אַ מעגלעכקייט פון אַ האַלבוועגס זיכערן אָביעקטיוון אָפּשאַץ פון שרייבער און ווערק. און נאָך מער טוט אויף די טערמינאָלאָגישע קלאַסיפי־קאַציע פאַר דער אָפּגרענעצונג פון צייט־אָפּשניטן און פאַר דער קלאָרמאַכונג פון די שייכותן צווישן זיי.

אָבער דער חסרון פון שטרענג־דורכגעפירטער טערמינאָלאָגיע איז וואָס איר אמת איז בלויז אַ קאָנסטרואירטער און דעקט אַ סך מאָל אין תוך נאָך וויניקער שטח פון דער גאַנצקייט ווי די נעפּלדיקע רייד פון „נשמה" און פון סוביעקטיוון איינדרוק און געשמאַק.

מיט דער ליטעראַטור־וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע איז עס אַ סך

מאָל ניט אַנדערש ווי מיט די אידייאיש־אַנאַליטישע מכשירים פונעם היסטאָ־רישן מאַטעריאַליזם. נישט איין מאָל גיט מען אַ שטעל אַוועק דעם היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן לאַמטערן און ער באַלויכט ממש אַנטפּלעקעריש געשעע־נישן און שייכותן צווישן געשעענישן. אָבער ווען מען דערהייבט דעם מאַרק־סיסטישן לאַמטערן צו דער מדרגה פון אַ שטענדיקן און פון אַ עקסקלוסיוון ליכט, מאַכט מען, לפי דעתי, נישט בלויז נישט קלאָרער די געשיכטע, נאָר מ׳מעכאַניזירט זי, מ׳שלאָגט פון איר אַרויס דעם לעבעדיקן דופק.

מיט אַנדערע ווערטער: ס׳איז שווער און אפשר גאָר אוממעגלעך צו מאַכן פון דער ליטעראַטור־קריטיק אַ וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין, אָבער ס׳איז בפירוש מעגלעך און אויך נייטיק און נוצלעך די ליטעראַטור־קריטיק וויסנשאַפטלעך צו דיסציפּלינירן.

די ליטעראַטור־קריטיק קען קיין וויסנשאַפט נישט ווערן, ווייל אין תוך שפּאַרט זיך די קריטיק אָן פאַר אַלעמען אויפן פּערזענלעכן געשמאַק פונעם קריטיקער. און פּערזענלעכער געשמאַק קען פּראָדוצירן אַ היפּש ביסל גוטע זאַכן אַחוץ אָביעקטיווע וויסנשאַפט.

פונדעסטוועגן איז, ווי געזאָגט, נויטיק די ליטעראַטור־קריטיק וויסנ־שאַפטלעך צו דיסציפּלינירן, ד״ה, אַוועקצושטעלן געוויסע קריטעריעס פון קריטישער דערקענטעניש און אָנצורופן די קריטעריעס מיט נעמען. מיט אַנדערע ווערטער: עס איז נויטיק אַ ליטעראַריש־קריטישע טערמינאָלאָגיע, וואָס לויט איר זאָל מען דאָס קלאַסיפיצירן ווערק און שרייבער על פּי זייער ענלעכקייט און על פּי זייער פאַרשיידנקייט.

דעם גרעסטן געברויך פון דער קלאַסיפיצירונגס־טערמינאָלאָגיע מאַכט מינקאָוו אין יענע עסייען פון זיין בוך „ליטעראַרישע וועגן״, וואו ער איז דער הויפּט, דער לערער, דער מסביר פאַר זיינע סטודענטן און פאַר זיינע לייענער, וואָס ער זעט זיי בבחינת סטודענטן.

און דווקא אין אָט די עסייען פון פּראָפעסאָרישער קלאָרמאַכונג מיט דעם כוח פון וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע, איז מינקאָוו ווייניקער קלאָר און פאַרמאָגט ניט תמיד די זעלבע קראַפט פון קינסטלערישער און סאָציאָלאָ־גישער אַריינדרינגונג ווי אין די אַנדערע, וואו ער איז פאַר אַלעם פאָרשער, אַזוי צו זאָגן, לשמה, אָן סטודענטן פאַר זיך אויף דער וואָר און אין דמיון.

אָט האָבן מיר פאַר זיך, למשל, צוויי עסייען וועגן דעם דיכטער יוסף ראָלניק. די ערשטע, אונטער דעם נאָמען „יוסף ראָלניק״, איז פון דעם מין, וואָס איך האָב אָנגערופן אַ פּראָפעסאָרישע, אַ בינטל אויספירלעכע נאָטיצן צו אַ לעבעדיקער עסיי פון דער קאַטעדרע אַראָפּ.

אויך אין דער עסיי פעלן נישט אויסגעצייכנטע און זייער טרעפלעכע באַמערקונגען, ווי, למשל, וועגן דעם בוכשטעבלעך־אַלעגאָרישן אויסטייטש

פון אידיאַמען, וואָס פון אים וואַקסט אַרויס דער גראַטעסק אין שאַגאַלס מאַלעריי, און וועגן „רעזיגנירטער און איראַנישער לירישקייט, וואָס איז דאָס שענסטע אין דער כינעזישער פּאָעזיע".

אָבער בדרך כלל ווערט אין דער דאָזיקער עסיי פון טערמינאָלאָגישער קלאַסיפיצירונג פון ראַלניקס פּאָעטישע מאָטיוון און פון זיינע רעאַליזירונגס־מאָטיוון און פון זיינע רעאַליזירונגס־מיטלען דאָס ליד זיינס נישט קלאָרער און אויך — נישט נאָענטער. עס העלפט נישט, און אפשר שאַדט עס גאָר, וואָס די טערמינאָלאָגיע איז אַ סך מאָל ניואַנסירט: סוביעקטיווער רעאַליזם, טראַדיציאָנעלער רעאַליזם און דעמערנדיקער רעאַליזם. פון דער עסיי באַקומט זיך פאַרן לייענער עפּעס אַ מאָדנע געשטאַלט פון ראַלניק, דעם פּאָעט. ראַלניק ווערט אין מינקאָווס עסיי מאַמענטווייז אַזאַ מין באַוואוסטזיניקער טעכניקער ביים „פּאַרווישן דעם בולט־מוזיקאַלישן און געדאַנקלעכן מיט־קלאַנג", וואָס אַזאַ האָט נישט בלויז נישט געקאָנט זיין דער דיכטער יוסף ראַלניק, נאָר עס האָבן דאָס נישט געקאָנט באַוויזן און דערגרייכן (אויב דאָס זאָל טאַקע זיין אַ פאַלנע קינסטלערישע דערגרייכונג) פּאָעטן מיט אַן אַן ערך מער טעאָרעטישער באַוואוסטזיניקייט.

נאָך דער עסיי „יוסף ראַלניק" קומט אָבער באַלד אַ צווייטע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ראַלניק, איידער ער איז געוואָרן ראַלניק" און זי קאָמפּענסירט דעם קריטישן לייענער כפל כפליים פאַר דעם ביסל ווידערשטאַנד, וואָס ס'האָט אין אים אַרויסגערופן די ערשטע ראַלניק־עסיי.

די צווייטע עסיי וועגן יוסף ראַלניק, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַנאַליזירן דעם דיכטערס „אומבאַקאַנטן אָנהויב", איז, לפי דעתי, אַ פּרעכטיק קאַפּיטל יידישע ליטעראַטור־היסטאָריע. אין אָט דער עסיי קומט צום וואָרט נ. ב. מינקאָוו דער ליטעראַטור־פאָרשער, ווי איך האָב געזאָגט, לשמה. דאָ שטייט מינקאָוו נישט אויף דער קאַטעדרע פאַר זיינע געזעענע און אומגעזעענע סטודענטן און באַמיט זיך מיט זיי טערמינאָלאָגיש צו פאַרשטענדיקן. דאָ, אין דעם אַנאַליז וועגן ראַלניקס „אומבאַקאַנטן אָנהויב", וויל מינקאָוו נישט עמעצן אַנדערש, נאָר זיך אַליין קלאָר מאַכן ראַלניקס בהדרגהדיקן איבערגאַנג פונעם סאָציאַלן מאָטיוו אין די ערשטע פינף־און־צוואַנציק לידער, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די עטלעכע יאָר פון זיין ערשטן זיין אין אַמעריקע ביז סוף 1901, צום יחידישן געזאַנג, וואָס הייבט זיך אָן זעקס יאָר שפּעטער, ווען ראַלניק איז אין 1907 צום צווייטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע.

אויף אַ סובטילן אופן ווערט ביי מינקאָוון אַרויסגעבראַכט ווי אַזוי אין ראַלניקס ערשטע 25 לידער הויזן ביינאַנד אי די תקופה און אי דער שפּעטער ראַלניק. מינקאָוו אילוסטרירט מיט איבערצייגנדיקע ציטאַטן ווי אַזוי ביים יונגן ראַלניק רייסן זיך אַרויס יחידישע לידער קעגן דעם אָנגענומענעם

נוסח פון יענער צייט. מינקאָוו הערט אַרויס זייער דין די אייגענע שטים פון דעם שפּעטערדיקן „איינזאַמען" ראָלניק פון דעם דיכטערס ערשטע סאָציאַלע לידער.

אין באַזונדערע דריי קאַפּיטלען אַנאַליזירט מינקאָוו די אַנטוויקלונג פון ראָלניקס ליד פון דעם סאָציאַלן מאָטיוו, איבערן אָביעקטיוון און איבערן צווישפּמיש פון סאָציאַלן מיטן פּערזענלעכן מאָטיוו צום פּערזענלעכן ליד. נאָך אָט דעם אַנאַליז ווערט פולשטענדיק באַרעכטיקט מינקאָווס פאָרמולע, אַז „ראָלניק איז זיין אייגענער פאָרלויפער".

אַן ערך די זעלבע פּאָעטישע אַנטוויקלונג האָט אויך דורכגעמאַכט אַ צווייטער דיכטער, וואָס זיין אָנהויב געפאַלט אין דער צייט פון סאָציאַלן מאָטיוו — דער דיכטער ה. רויזענבלאַט.

איך זאָג, אַז ה. רויזענבלאַטס אַנטוויקלונג פונעם סאָציאַלן צום פּערזענלעכן איז בלויז געווען אַן ערך ענלעך צו יוסף ראָלניקס, ווייל רויזענבלאַט האָט זיך אין תוך קיין מאָל נישט אַזוי געראַנגלט וועגן זיין פּאָעטישן איך מיט צייט און מיט פרעמד־השפּעות, און איז אין זיינע לידער זיכער נישט דערגאַנגען אַזוי נאָענט און אַזוי טיף צו זיך אַליין ווי זיין חבר, יוסף ראָלניק.

ה. רויזענבלאַט קען שוין נישט זיין אין אַזאַ מאָס ווי יוסף ראָלניק דער קלאַסישער ביישפּיל פאַר מינקאָווס ריכטיקער און זייער פיין אַרויסגעאַרבעטער טעזע וועגן דעם „היסטאָרישן אימפּעראַטיוו", וואָס האָט געצוואונגען דיכטער מיטצוגיין מיטן סאָציאַלן נוסח פון זייער צייט און אים אין דער נאָך אָפּצוואַרפן מיטן כוח פון זייער פּאָעטישן אייגנס.

עס איז דערפאַר אפשר נישט קיין חידוש, וואָס די עסיי וועגן „ה. רויזענבלאַטס אָנהייב" פאַרמאָגט שוין נישט אין דער זעלבער מאָס דעם צמצום, דעם שוואונג און דער עיקר די דינע אָבער סאָלידע גראַדליניקייט און לאָגיק, וואָס דער פּרק אויספאָרשונג פון „ראָלניק, איידער ער איז געוואָרן ראָלניק".

נאָך אַנדערע צוויי עסייען זיינען פאַראַן אין מינקאָווס „ליטעראַרישע וועגן", וואָס קענען זיך פאַרגלייכן מיט דעם זייער־געראָטענעם קאַפּיטל וועגן ראָלניקס „אומבאַקאַנטן אָנהויב". די צוויי זיינען אין ערשטער ריי די אַרבעט וועגן „פּרץ אין אַמעריקע" און אין דער צווייטער ריי די עסיי וועגן „די קוואַלן פון לעיעלעסעס ליד".

אין „פּרץ אין אַמעריקע" גייט מינקאָוו נאָך די פּרץ־טריט אין אַמעריקע באַזאַכט און אין דער זעלבער צייט אויך שאַרף־שפּירעוודיק און וויזט אונדז ווי אַזוי די באַציאונג פון די יידיש־שאַפער אויף דעם נייעם קאָנטינענט צו פּרצן איז געגאַנגען פון באַוואונדערונג און יראת הכבוד ביז צו דער אָנערקענונג פון זיין השפּעה אויף אַלע קרייזן פון יידיש־שאַפונג, ד"ה אויך אויף „יונגע" און „אינזיכיסטן". גראַד זישע לאַנדוי, דער פּאָעט, וואָס האָט אין אַ

קריטיש־שטיפערישן מאָמענט אַנגערופן פרצן „דער ליטעראַט אין דער פּע־לערינע" — גראָד לאַנדוי, באַווייזט אונדז מינקאָוו און איבערצייגט אונדז אויך היפּשלעך, האָט זיך אָנגעקערט מיט פרצס ראָמאַנטיזם. און דער פּרצי־שער אימפּרעסיאָניזם, וואָס זיין תמצית איז געווען „איך מאָל נישט קיין מענטשן, נאָר זייער אָפּבילדונג אין מיר", האָט אומדירעקט און אומבאַ־וואוסט שטאַרק משפּיע געווען די קונסט פון די „יונגע".

אין דער עסיי ווידער וועגן „די קוואַלן פון לעיעלעסעס ליד" מאָלט מינקאָוו אָפּ זייער געלונגען די שטימונג פון אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און ווי אַזוי די דאָזיקע שטימונגען זיינען גע־קומען צום אויסדרוק אין דעם יידישן ליד אין רוסלאַנד, אין פּוילן און אין אַמעריקע.

צום בעסטן אָבער אין דער דאָזיקער עסיי, ווי בכלל אין זיינע אַנדערע עסייען, איז מינקאָוו דעמאָלט, ווען ער נעמט זיך פאַנאַנדערשפּינען די פעדעם פון די „ליטעראַרישע שולן" און אונדז קלאָר ווי אויף דער האַנט באַווייזן, אַז ס'איז נישט אַזוי זיכער אין וועלכער „שול" דער אָדער יענער פאָדעם איז בראשית געוועבט געוואָרן.

מינקאָווס טרעפלעכע פאָרמולע וועגן צוויי דורות, וואָס ווען זיי „האַלטן זיך ביים שיידן, נעמט דער עלטערער דור איבער פון דעם ייִנגערן געוויסע אייגנשאַפטן (וואָס), אין דער אמתן האָבן זיי אויך פריער געלעבט אין דעם עלטערן דור" — אָט די פאָרמולירונג איז נישט בלויז חל אויף דער אַנט־וויקלונג פון סאָציאַלער דיכטונג צו דעם פּריוואַט־יחידישן שטימונגס־ליד פון די „יונגע", נאָר אויך אויף דעם איבערגאַנג פון דעם סוביעקטיוון עגאָ פון די „יונגע" צו דעם איך פון די אינזיכיסטן, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ, לויט מינקאָוון, די גאַנצע וועלט — אַלע אירע דערשיינונגען און אַלע אירע דערפאַרונגען.

צו מינקאָווס פאָרמולע דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, צוגעבן אַ קל וחומר: מאַי דאָך די אַלטע ריכטונג נעמט ביי דער נייער געוויסע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן פון פריער שוין געלעבט אין דעם עלטערן דור, אַ פשיטא שוין אַז די נייע ריכטונג קעמפט קעגן געוויסע אייגנשאַפטן פונעם אַלטן דור און אין דער אמתן נעמט זי זיי גאָר איבער און קעכלט זיי.

סיי אין די „זעקס קריטיקער" און סיי אין די „ליטעראַרישע וועגן" ווערן קלאָרער ווי אין מינקאָווס אַנדערע ווערק אַרויסגעאַרבעט די עיקר־עלעמענטן פון זיין קריטיק, דהיינו: —

א) די עקשנותדיק־אינטעלעקטועלע מי צו מאַכן פון דער ליטעראַטור־קריטיק אַ צווייג פון פּאָזיטיווער וויסנשאַפט. און אַ וויסנשאַפט נויטיקט זיך, ווי געזאָגט, פאַר אַלעמען אין טערמינאָלאָגישע באַגריפן, וואָס מיט זייער

הילף זאָל מען אַנאַליזירן די ווערק פון דיכטער און שרייבער און זיי דער־נאָך געבן די ריכטיקע נעמען.

ב) די פאַנאַנדערוויקלונג פון שעפערישע אָנהויבן, פון אַוועקשטעלן די אבות און אָנצייכענען די גייסטיק און געזעלשאַפטלעך באַדינגטע „אלה תולדות" פון „בראשית", וואָס זיינען באַגלייך מיט דער סך־הכלדיקייט פון „דברים" ערגעצוואו די קלימאַקסן פון יעדער גייסטיקער שעפערישקייט: פון ליד, דערציילונג און אויך פון דער קריטישער עסיי.

און מינקאָווס גרויסער דערפאָלג ווי אַ לערער און לעקטאָר פון ליטע־ראַטור נעמט זיך טאַקע קודם פון זיין בקיאות און פון זיין כוח הסברה, אָבער נישט צולעצט זיינען דער יסוד פון דעם דאָזיקן דערפאָלג געווען זיין נאָר־וואָס דערמאָנטע „אלה תולדות"־באַגאַבונג און זיין וויסנשאַפטלעך־טערמי־נאָלאָגישער מעטאָד, וואָס איז די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך פון אַלע קאַ־טעדרעס און האָט גורם געווען, אַז די ליטעראַרישע באַקאַנטשאַפט צווישן פעלקער זאָל צום גרויסן טייל געמאַכט ווערן דורך ליטעראַטור־פּראָפעסאָרן און נישט דורך ליטעראַטן.

יעקב שאַצקי

אַז יעקב שאַצקי איז געווען איינער פון די סאַמע פּילזייטיקסטע שרייבער און געלערנטע אין אונדזער יידיש־וועלט — דערצו האָט מען נישט באַדאַרפט קיין באַזונדער קריטיש אויג עס צו זען און צו דערזען.

עס איז, דאַכט זיך, נישט פאַראַן קיין קולטור־געביט ביי אונדז וואו שאַצקי זאָל נישט געווען זיין מער אָדער ווייניקער אין דער היים מיט זיין געשריבענעם און גערעדטן וואָרט.

קודם איז די דאָזיקע פּילזייטיקייט געקומען צום אויסדרוק אויף שאַצקיס סאַמע אייגנסטן געביט — אויפן פעלד פון געשיכטע.

אַריינגעטאָן אין דער געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן, אַריינגעטאָן אין דער אויספאָרשונג פון אַזויפיל צייט־ווינקלען און געשטאַלטן פון דער יידיש־פּוילישער געשיכטע, האָט שאַצקי, דער היסטאָריקער, ממש געגליט היסטאָריע אין האָלאַנד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין די לאַטייך־מיט פאַרשערישער נייגעריקייט אויך צו געוויסע אָפּשניטן פון דער יידישער אַמעריקאַנישע לענדער.

דר. שאַצקי האָט לייכט אַריבערגעשפּאַנט געאָגראַפישע גרענעצן אין דער יידישער געשיכט־פאָרשונג, הגם די וויכטיקסטע היסטאָרישע ווערק, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט (דריי בענד „געשיכטע פון יידן אין וואַרשע", „יידישע בילדונגס־פּאָליטיק אין פּוילן פון 1806 ביז 1866", „אין שאָטן פון עבר", „קולטור־געשיכטע פון דער השכלה אין ליטע") באַווייזן אַז זיין היסטאָריאָגראַפישער הויפּט־אינטערעס איז געווען דאָס יידישע לעבן אין פּוילן און דערעיקרשט די לעצטע צוויי הונדערט יאָר פון דעם דאָזיקן יידישן לעבן אויף דער ערד פון מאַידאַנעק.

דער היסטאָריקער שאַצקי האָט מיט ניט וויניקער לייכטקייט אַריבער־געשפּרייזט אויך די גרענעץ פון געשיכט־שרייבונג גופא, און איז געוואָרן אַ תושב אין נאָענטן אויסלאַנד פון ליטעראַטור־קריטיק און פון פאָלקלאָר און טעאַטער־פאָרשונג.

און פון דעם נאָענטן אויסלאַנד פון יידישער ליטעראַטור־קריטיק און טעאַטער־פאָרשונג איז שאַצקין ניט אַנגעקומען שווער צו מאַכן נסיעות אויך אין ווייטערע גייסטיקע מקומות ווי, למשל, צו שפּינאָזעס פילאָסאָפיע, צו פרוידס פּסיכאָאַנאַליטיק און צו דער פּסיכיאַטרישער וויסנשאַפט.

וואָס שייך שפּינאָזעס פילאָסאָפיע איז שאַצקי מיט זיין ביאָגראַפישן בוך „שפּינאָזע און זיין סביבה" געבליבן שטיין אין פיר־הויז פון דער שפּינאָזע־פאָרשונג. ער איז ווייטער אויף דעם געביט נישט געגאַנגען.

אָבער וואָס אַנבאַטרעפט פּסיכיאַטריע און פרוידיזם זיינען שאַצקיס דערגרייכונגען, סיי די וויסנשאַפטלעך־אָרגאַניזאַטאָרישע און סיי אַפילו די וויסנשאַפטלעכע גופא, געווען אַן אַן ערך גרעסערע. וויסנשאַפטלעך גופא איז שאַצקי געווען דער מיט־מחבר פון אַ פּסיכיאַטרישן ווערטער־בוך אויף ענגליש (צוויי אויפלאַגעס: 1950 און 1953), און וויסנשאַפטלעך־אָרגאַני־זאַטאָריש האָט שאַצקי פּאַקטיש אויפגעבויט די ביבליאָטעק פונעם ניו־יאָרקער שטאַטלעך־פּסיכיאַטרישן אינסטיטוט, האָט זי באַרימט געמאַכט מיט איר פרויד־זאַמלונג און מיט דער קורץ פאַר זיין טויט (מאַי, 1956) אָפּגע־האַלטענער אינטערנאַציאָנאַלער פייערונג צו פרוידס הונדערטסטן געבוירנטאָג.

איך דערמאָן שאַצקיס אויפטועון אַרום דער פּסיכיאַטרישער און אַרום דער פרויד־וויסנשאַפט, הגם די דאָזיקע געביטן ליגן מחוץ די גרענעצן פון מיין שאַצקי־בילד און, ווי מיר דאַכט, אויך מחוץ פון שאַצקיס אויטאָ־פּאָרטרעט און זעלבסט־אָפּשאַצונג.

וואָרום נישט בלויז איז שאַצקיס אינטערעס אין דער אַרבעט ביים ניו־יאָרקער פּסיכיאַטרישן אינסטיטוט נישט געווען קיין אָרגאַנישער, נאָר איך, און איך גלויב, אַז באַגלייך מיט מיר אַלע וואָס האָבן שאַצקין נענטער געקענט, האָבן געהאַט דעם פעסטן איינדרוק, אַז ס'איז אין אים פאַראַן אַ רוגזאדיקע

אַנגעצויגנקייט צו דער דאָזיקער אַרבעט, שוין מחמת דעם אַליין, וואָס ער האָט צוליב איר נישט געקאָנט אָפּגעבן דעם גאַנצן פּלייס פון זיינע אַכצן שעה עבודה אין מעת־לעת צו דער סאַמע טיפסטער פאַראינטערעסירטקייט זיינער — צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן.

אויב איך האָב זיך פונדעסטוועגן דאָך אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיקן שאַצקי־מאָמענט, מחוץ פון יידישער היסטאָריאָגראַפיע און מחוץ פון יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט, איז דאָס דערפאַר, ווייל דער מאָמענט איז אפשר, צווישן אַ סך אַנדערע, דער בולטסטער באַווייז פון שאַצקיס גוואַל־דאָוונער גייסטיקער צופאַסונגס־פּאַיקייט. איר מקור איז, ווי איך גלויב, געווען דאָס סאַמע יידישסטע אין שאַצקיס געמיט, כ׳מיין זיין אויסנעמלעכע, ליידנשאַפטלעכע ליבשאַפט צום בוך, צו יעדן געלייענטן און צו יעדן מיטן אויג אויפגעכאַפּטן בלעטל פון בוך און צו יעדן חידושדיקן פאַקט און טרעפלעכן וואָרט, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעפונען, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, ער האָט דאָרט דערשמעקט מיט זיין באַזונדערן, דין־פאַרשפּיצטן חוש פאַר ביכער און פאַר דאָקומענטן און פאַרן תוכן און פאַר איינצלנע שורות אין די דאָזיקע דאָקומענטן און ביכער.

קיינמאָל האָב איך שאַצקין ניט געזען אַזוי פול מיט יוגנטלעכן ענטוזי־אַזם ווי דעמאָלט ווען ער האָט געבלעטערט אַ ספר און האָט אויפגעכאַפּט מיטן אויג און האָט דערשמעקט מיט דער נאָז חידושים, אָדער ווען ער האָט דערציילט וועגן גוטע זאַגענישן, וואָס ער האָט געהערט, אָדער וועגן נייע פאַקטן, וואָס ער האָט אויסגעפונען ערגעץ אין דער פאַרבאַרגעניש פון אַ בוך אָדער אַ שמה.

שאַצקי האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן. אויף דריי פון זיי האָט ער גערעדט און געשריבן (פּויליש, יידיש, ענגליש) אָבער אויך דעמאָלט ווען ער האָט געלייענט אַ בוך אויף אַ שפּראַך, וואָס איז אים געווען פרעמד, האָט ערגעצוואו געאַרבעט זיין פאַרבאָרגענער, אַ סך מאָל אומהיימלעכער חוש, אויסצוגעפינען און צו דערשמעקן חידושים.

אומהיימלעך איז דאָס דערעיקרשט געווען דערפאַר, ווייל שאַצקי האָט לייענענדיק דאָס פרעמד־שפּראַכיקע בוך אָפט בפירוש טאַקע געגלויבט, אַז ער קען דאָס לשון, וואָס איז אים אַבסאָלוט געווען פרעמד.

ער האָט דערין געגלויבט און האָט עס אויך גאַנץ תמימותדיק געזאָגט, ווייל די להוטקייט צו קענען נאָך אַ שפּראַך, די להוטקייט צו אַנטדעקן עפּעס נייעס פון אַ פרעמדן מקור, האָט אים אַזוי ספּאָנטאַן צונויפגעחברט מיט די בלעטלעך וואָס ער האָט געלייענט, אַז ער האָט נישט געקאָנט טראַכטן אַז ער לייענט דאָס בוך און הערט די שפּראַך צום ערשטן מאָל.

שאַצקיס ענטוזיאַזם פאַר אַן אויסגעפונענעם נייעם פאַקט און פאַר אַן

אָקאָרשט געהערטן טרעפלעכן וואָרט און גוטער זאַגעניש האָבן פאַר אַלעמען געהאַט זייער יסוד אין שאַצקיס גרויסן יראת הכבוד פאַר די אויפטועז פונעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. מער באַגייסטערונג פאַר דער ראַציאָ, פאַר וויסן, פאַר דער „השכלה בת השמים", איז מיר אין מיינע באַוואוסטזיניקע יאָרן פון מענטשן־קענטשאַפט זעלטן ווען אַנטקעגן געקומען.

ווען שאַצקי האָט דערציילט וועגן עפּעס אַ חידוש, אַנהויבנדיק, לאָמיר זאָגן, פון אַ היסטאָרישן חידוש פון זיין באַרימטן פּויליש־יידישן פּראָפעסאָר שמעון אשכנזי, אָדער וועגן די גאוניש אַנטדעקונגען פון זיגמונד פרויד און וועגן די אַלע טעאָרעטישע און ביאָגראַפישע בייקייטן, וואָס ס'האָט איבערגעגעבן פרוידס ענגלישער תלמיד, דר. דזשאָנס, און האָט פאַרענדיקט מיט סתם עפּעס אַ טרעפלעך וואָרט, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געליינענט, געהערט אָדער אַליין זיך דערטראַכט דערצו — האָט אין זיין דערציילונג מיטגערעדט מיט אויסרוף־צייכנס די באַגייסטערונג, וואָס האָט, ווי גע־טענהט: מאַכט אַ וואָרע פאַר דעם אינטעלעקט, מאַכט אַ וואָרע פאַרן מענטשנס וויסן, פאַר דער וויסנשאַפט. זיי זיינען דאָס ליכט פון דער וועלט און זיי זיינען דער זין פון מענטשנס לעבן.

ב.

בדרך כלל איז יעקב שאַצקי אין זיין היסטאָריאָגראַפיע געווען מער תלמיד פון שמעון דובנאָוו, ווי פון היינריך גרעצן. אָבער על־פּי געמיט האָט ער זיך זיכער מער אָנגעקערט מיט דעם ערשטן קלאַסיקער פון אונדזער מאָדערנער געשיכט־שרייבונג, מיט היינריך גרעצן.

ווי היינריך גרעץ, איז אויך יעקב שאַצקי על־פּי נשמהדיקן איינשטעל און על־פּי היסטאָריאָגראַפישער מעטאָדע אַ העלדן־באַוואונדערער. ווי היינריך גרעץ פּרוּווט אָפט יעקב שאַצקי צו שילדערן צייט, און אַטמאָספערע פון צייט, דורך ביאָגראַפישער קאָנצענטרירונג אויף אַ צענטראַלער און אָמאָל אויך אויף אַ זייטיקער פערזענלעכקייט.

מיר רעדן דאָ נישט וועגן דעם „ווי אַזוי" פון העלדן־געשטאַלטיקונג, וואָרים היינריך גרעץ איז עד היום דער נישט־איבערגעטראָפענער קינסטלער פון אונדזער געשיכט־שרייבונג. גרעצס פּאָרטרעטיסטישער שוואונג און גרעצס אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער פּאַטאָס זיינען ביז אויפן היינטיקן טאָג אָן אַ גלייכן ביי אונדז.

דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם „וואָס" פון דעם העראָען־קולט, ביי וועלכן שאַצקי ווייזט אַרויס אַ געוויסע ענלעכקייט צו גרעצן.

די ענלעכקייט באַשטייט אויך אין דעם וואָס שאַצקי האָט באַגלייך מיט היינריך גרעץ געפּרוּווט שרייבן געשיכטע מיט דער לעבעדיקער געמיט־

נאַענטקייט צו די מענטשן און צו די געשעענישן, וועגן וועלכע ער האָט דערציילט. און אפשר טאַקע דערפאַר איז שאַצקי געבליבן דער היסטאָריקער פון די לעצטע הונדערט פופציק יידישע יאָר אין פוילן, ווייל אָט די יאָרן זיינען פאַר אים איינס פאַר איינס געווען וואַכע איבערלעבונג פון אַ מיט־צייטלער.

נישט די כראָנאָלאָגישע נאָענטקייט איז דאָ געווען אַנטשיידנדיק, נאָר ווי ביים קינסטלער די פּרעדיספּאָזיציע פונעם אייגענעם שעפערישן געמיט.

אַז כראָנאָלאָגישע נאָענטקייט איז ווייט נישט אַנטשיידנדיק און צומאָל אַפילו אַ שטער פאַר דעם היסטאָריקערס געמיט־באַהעפטונג מיט אַ באַ־שטימטער צייט, מיט איר גײַזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער און מיט אירע מענטשן, דאָס קאָן מען זען דערפון, וואָס היינריך גרעץ איז לויט זיין איבערלעבונג געווען אַ מיטצייטלער פון רבי עקיבאַן און אַזוי לגמרי פרעמד און היסטאָריש ווייט צו אַזאַ כראָנאָלאָגיש און געאָגראַפיש נאָענטער העלדן־געשטאַלט פון יידישער קולטור־געשיכטע ווי דער בעש״ט.

און נאָך אַן ענלעכקייט, לכל הפחות אויפן געביט פון מאָדערנער יידישער געשיכטע, איז פאַראַן פון שאַצקין צו גרעצן. אויף דעם צייט־אָפשניט פון די לעצטע צוויי הונדערט יאָר פון יידישער היסטאָריע איז שאַצקי, דער אידייאישער דובנאָוויסט, אין תוך אַ פאַרערער פון דער השכלה בת השמים ווי היינריך גרעץ.

די השכלה־פאַרערונג הויבט זיך אָן פון יענער וויכטיקער ביאָגראַפישער איבערלעבעניש, ווען שאַצקי, דער וואַרשעווער ביוראָ־אַנגעשטעלטער, ווערט דורך אַ צופאַל, וואָס קיין בעסערן האָבן די השכלה־ראָמאַנען נישט געקאָנט צוטראַכטן, אַוועקגעשיקט קיין קראָקע שטודירן. דער סטיפּענדיע־געבער איז געווען אַן אידעאַליסטישער אַסימילאַציע־ייד, וואָס האָט געוואָלט אַרויס־הויבן באַגאַבטע יידישע יונגעלייט פון דער „פינצטערניש״ און זיי צופירן צום ליכט פון דער וועלט, כדי זיי זאָלן עס פון דאָרט צוריקברענגען צו דער „פינצטערער״ יידישער גאַס.

שאַצקי איז זיין לעבן־לאַנג, פאַרשטייט זיך, געווען אַ באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַלער ייד, אָבער דער גייסט פון דער סטיפּענדיע, וואָס האָט אים אַוועקגעשיקט צו ליכט און וויסן קיין קראָקע און דערנאָך צו העכערע היס־טאָרישע שטודיעס אין וואַרשע ביי די פּראָפעסאָרן שמעון אשכנזי און מאַרצעלי האַנדעלמאַן, האָט זיך אין יעקב שאַצקין קיינמאָל נישט אויס־געלאָשן. פאַרקערט. אָט דער גייסט האָט געטליעט אין שאַצקיס געמיט איבער דער גאַנצער לענג פון זיין שעפערישער אַרבעט ווי אַ היסטאָריקער, ווי אַ לעקטאָר און ווי אַ טעאַטער־ און פאָלקלאָר־פאָרשער.

ערגעצוואו האָט אין שאַצקין געוואָרצלט אַ זיכערקייט, אַז די וואָרע

אינטעלעקטועלע קריטיק און די אמת־אָביעקטיווע וויסנשאַפט, די דאָזיקע וויסנשאַפט, וואָס מאַקס וועבער האָט זי פאָרמולירט אין דעם זאַץ: „זי שאַצט נישט, נאָר זי אַנאַליזירט", און שאַצקי האָט די דאָזיקע פאָרמולע אַזוי גערן ציטירט — ערגעצוואו, זאָג איך, האָט אין שאַצקין געפּלעמלט אַ זיכערקייט, אַז דעם אָביעקטיוון וויסנשאַפטלעכן אמת דאַרף מען זוכן אויף יענער זייט גדר פון יידישע מקורים און פון יידישן לעבן.

אויף דער ליניע פון אָט דעם צוטרוי צום ליכט וואָס אויף יענער זייט גדר, כ׳מיין, אויף דער ליניע פון זיין משכילישקייט, איז געלעגן שאַצקיס אַזוי אָפט איבערגעחזרטע קעגנערשאַפט צו „אהבת ישראל" און שאַצקיס היפּשע פאַרגלויבטקייט אין נישט־יידישע היסטאָרישע קוועלן און עדות־שאַפטן.

פון יענעם געמיט וואַקסט אויך אַרויס דער סאָציאַל־פּראָקוראַטאָרישער פייער, וואָס פלאַקערט מיט אַ באַזונדער אינטענסיווקייט אין איינער פון שאַצקיס, פון שטאַנדפּונקט פון אַרכיטעקטאָנישן אויפבוי, סאַמע בעסטע היסטאָרישע אַרבעטן, כ׳מיין, דעם היסטאָריש־קריטישן אַריינפיר זיינעם צו ר׳ נתן נטע האַנאָווערס קראָניק פון די כמעלניצקי־צייטן. נאַקעט און הייס איז די סאָציאַלע טענה וואָס שאַצקי לייגט דאָרט אויס קעגן דעם רייכן און יידישן בירגער־שטאַנד. זי לאָזט נישט אויס קיין איין נישט־יידישן מקור און איז היפּער־קריטיש צו יידישע קוועלן און שטעכט נישט איינמאָל דאָס יידישע געמיט און אַוודאי אונדזער יידיש געמיט פון נאָך מאַידאַנעק.

אָבער אָט דעם השכלה־געמיט, אָט דעם ליכט־פאַרשפּרייטערישן איינ־שטעל צום יידישן לעבן, האָבן מיר אויך צו פאַרדאַנקען די גרויסע פאַרדינסטן פון שאַצקין, דעם לערער און לעקטאָר.

שאַצקי איז נישט בלויז געווען פון נאַטור אַן אויסגעצייכנטער און אַלעמאָל אינטערעסאַנטער לעקטאָר אויף היסטאָרישע און אויף ליטעראַרישע טעמעס, נאָר אין זיינע לעקציעס איז אַלעמאָל אויך געקומען צום אויסדרוק דער זיג פון „ליכט איבער פינצטערניש", דער גערעדאַנק וועגן דעם אידעאַל פון וויסן און וועגן דער גרויס־אויפטוערישקייט פון דעם אינטעלעקט פאַר דער באַזינונג און פאַרשענערונג פון יידישן לעבן.

ג.

דער אידעאַל פון וויסן אין שאַצקיס היסטאָריאָזאָפישער קאָנצעפּציע איז נישט געווען דער מאָדערנער פאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע־לאָזונג: „וויסן איז מאַכט", נאָר וויסן איז דאָס, וואָס עס איז געווען ביי די יידישע נביאים און ביי די גריכישע פילאָזאָפן סאָקראַט און פלאַטאָ און איז איבערגענומען

געוואָרן פון דער אייראָפּעאישער אויפקלערונגס־עפּאָכע: וויסן איז אַ הויכע, אויב נישט די העכסטע מענטשלעכע מידה טובה. וויסן איז טוגענט.

און דער גאַנג צו וויסן איז ביי שאַצקין ווי ביי יאָהאַן גאָטפריד הערדערן, דעם דייטשן געשיכטע־פילאָזאָף פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע, דער גאַנג פון דער געשיכטע, די שטרעבונג פון דער מענטשהייט און פון אַלע אירע פעלקער צו הומאַניטעט, צו פאַרשענערטער, העכערער מענטשלעכקייט.

איך דערמאָן דאָ הערדערן, ווייל ווי הערדער איז אויך יעקב שאַצקיס היסטאָריאָגראַפיע דערגאַנגען צו פאָלק און פאָלקישקייט דורך ליבע און באַוואונדערונג צו דער פאָלקס־שעפערישקייט — צו פאָלקלאָר.

די דאָזיקע באַוואונדערונג צו פאָלקס־שאַפונג האָט הערדערן, דעם אויפקלערער פון אַכצעטן יאָרהונדערט, געמאַכט אויף הונדערט יאָר יינגער, האָט אים געמאַכט פאַר אַ געשיכטס־פילאָזאָף, וואָס האָט זיך אַריינגעפּאַסט אויך אין ניינצעטן יאָרהונדערט פון פּאָליטישן און קולטורעלן נאַציאָנאַליזם.

און ווי הערדער איז אויך שאַצקי, דער אויפקלערונגס־היסטאָריאָזאָף, אַ דאַנק זיין טיפער ליבשאַפט צו פאָלקס־שאַפונג און אַ דאַנק זיין חוש פאַר דער עכטקייט און אָרגאַנישקייט פון שאַפונג, געוואָרן דער שרייבער פון פאָלקישער, פון נאַציאָנאַל־יידישער קולטור־געשיכטע. די פאָלקס־שאַפונג, דאָס פאָלקס־ליד, דער פורים־שפּיל, דער פאָלקס־טעאַטער זיינען פאַר אים געוואָרן נישט בלויז וויכטיקע פאַרש־צילן אַן און פאַר זיך, נאָר אויך אַ הילפס־מיטל אויף צו פאַרשטיין און היסטאָריאָגראַפיש צו געשטאַלטן דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן פאַנאַנדערוואוקס פון יידן אין פוילן.

ווען איך וויקל דורך אין קאָפּ שאַצקיס היסטאָרישע ווערק, די צענד־ליקער נישט אויפגעזאַמלטע עסייען זיינע וואָס איך האָב געלייענט, און נישט צולעצט די זיבעצן יאָר פון היפש נאָענטער פערזענלעכער באַקענט־שאַפט מיט שאַצקין, קומט מיר אויס, אַז דער גרויסער מאָמענט פון האַרמאָניע אין אים איז געווען זיין טיפע באַגייסטערונג פאַר אינטעלעקט און זיין טיפער גלויבן אין דער פּאָטענציעלער אויפטועריקייט פון דעם מענטשנס קריטישן פאַרשטאַנד.

וואָרים אָט דער גרויסער חסיד פון שכל און אָביעקטיוויקייט וואָס איז געווען יעקב שאַצקי, איז אין תוך, און נישט בלויז אין תוך, נאָר שוין פון סאַמע אויבנאויף געווען אַ שטאַרק עמאָציאָנעלער מענטש, וואָס וויבאַלד ער האָט נאָר אויף איין רגע צייט פאַרלאָזט זיין אינטעלעקט־אידעאָלאָגיע, האָט ער זיך פריי געטראָגן אויף די כוואַליעס פון עמאָציע.

אָן דער פּערמאַנענטער השגחה פון דער אינטעלעקט־אידעאָלאָגיע, אָן דער שטענדיקער וואַך פון זיין גלויבן אין דער ראַציאָ, איז שאַצקי געווען אַ

געפאַנגענער ביי זיינע עמאָציעס און איז נישט געווען בכוח צו הערשן איבער זיי.

אַ דאַנק אָט דער, נישט אַזוי אינטעלעקטועלישקייט, נאָר ווי געזאָגט, אינטעלעקט־אידעאָלאָגיע, האָט דער אין תוך טיף טרויעריקער און פון טויט־אַנגסטן געפּלאָגטער יידישער מתמיד פון פּוילן געקאָנט בייקומען אין זיך זיינע שטימונגען מיט דער הילף פון אַ שטענדיקער גרייטקייט צו וואָרט־שפּילן און צו אַנעקדאָטיק, וואָס ער האָט אין משך פון יאָרן דערפירט צו אמתער ווירטואָזיטעט.

ער האָט פאַרמאָגט אַ זייער סאָלידן כוח פון אַנאַליז און האָט געקאָנט אָנהאַלטן אויך אין דער קלענסטער און זייטיקסטער עסיי אַ קילע דיסטאַנץ צו פאַקטן. אָבער ער האָט אויך געקאָנט לייכט אַריינפאַלן אין התפּעלות און אָנווערן די קריטישע מאָס, וויבאַלד עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען גיט נישט אָפּ גענוג כבוד דער ראַציאָ, דעם אינטעלעקט און דער וויסנשאַפט.

דוקא אין קאַמף פאַרן האָנאָר פונעם אינטעלעקט האָט זיך געטראָפן, אַז שאַצקי איז ווי פאַרטרונקען געוואָרן אין עמאָציעס.

אַרויסגעראַטעוועט און צוריקגעבראַכט צו געדאַנק, צו קריטיק און צו אינטעלעקטועלער באַהערשטקייט, האָט שאַצקין זיין אַלעמאָל פון דאָס ניי דערוואַכטער און, מיט מינימאַלע הפסקות, אַלעמאָל וואַכער גלויבן אין אינטעלעקט — זיין, ווי שוין געזאָגט, אינטעלעקט־אידעאָלאָגיע.

איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק צו דערמאָנען אָט די דראַמע פון שאַצקין, דעם ראַציאָ־פאַרערער אויף די צעברויזטע כוואַליעס פון אייגענער עמאָציאָ־נעלישקייט, ווייל איך וויים אַז מיין אַזוי פּריצייטיק און אַזוי אומגעריכט פאַרשטאָרבענער פריינט יעקב שאַצקי וואָלט זיכער געוואָלט, אַז מ'זאָל וועגן אים שרייבן מיט וואָס מער ראַציאָ און וואָס ווייניקער עמאָציע, און אַז דער שבח, פון וועלכן ער וואָלט צומייסט הנאה געהאַט איז, אַז זיין גרויסע פאָרש־אַרבעט און זיינע וויכטיקע היסטאָרישע ווערק זאָגן עדות אויף אַן אַנטשיידנדיקן נצחון פון זיין אינטעלעקט.

(1956)

ש. ניגער

I
דער קריטיקער

קודם פאַרכאַפּט די כמות פון שמואל ניגערס ליטעראַטור־קריטישן און ליטעראַטור־היסטאָרישן ווערק. אין פרט פון כמות איז ש. ניגער געווען ממש אַ פענאָמען, געווען אַ זעלטענע דערשיינונג פון אַ קולטור־שעפער נישט בלויז אין אונדזער יידיש־ און העברעאיש־סביבה, נאָר אויך אין יעדער אַנדערער ליטעראַטור.

פון 1907 און ביז צו די סאַמע לעצטע טעג פון 1955, בכן פולע אַכט און פערציק יאָר, איז שמואל ניגער געשטאַנען אין צענטער פון יידישער קולטור־שעפערישקייט ווי אַ ליטעראַטור־פאָרשער, ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער און ווי אַ באַזאָכטער אָבער מוטיקער געזעלשאַפטלעכער טראַכטער.

צווישן דער ערשטער עסיי, „וועגן דער טראַגעדיע פון גלות", וואָס דער 24־יאָריקער האָט אָנגעשריבן וועגן שלום אַשס דראַמע „משיחס צייטן", און ביז צו דעם לעצטן קריטישן אַרטיקל וועגן „ביאַליקס בריוו צו זיין פרוי", וואָס דער 72־יאָריקער האָט אָפּגעדרוקט ביי זיין לעבן, האָט שמואל ניגער געשריבן און געדרוקט קריטישע עסייען און אַרטיקלען וועגן טויזנטער יידישע ביכער און הונדערטער שרייבער.

די גאַנצע מאָדערנע יידיש־ליטעראַטור פון כמעט דריי דורות, אָנגעהויבן פונעם „זיידן" און ביז צו אַזעלכע יונגע אייניקלעך ווי אברהם סוצקעווער און חיים גראַדע, און נאָך ייִנגערע פון זיי, איז דורכגעגאַנגען ש. ניגערס ריט פון אויסטייטש, פון אָנערקענונג, פון סטימולירונג און צומאָל — איז עס דען מענטשלעך אַנדערש געמאָלט? — אויך פון טעותדיקער אומפאַרשטענדעניש.

צווישן דער ערשטער גרינטלעכער און וועגווייזערישער אויספאָרשונג וועגן „די יידישע ליטעראַטור און די לעזערין", וואָס דער 30־יאָריקער האָט אָפּגעדרוקט אין 1913 אין „פנקס", און דעם ליטעראַטור־היסטאָרישן רעפעראַט וועגן דעם השכלה־שרייבער ד"ר שלמה עטינגער, וואָס דער 72־יאָריקער ש. ניגער האָט געפּלאַנט צו לייענען ביי דער דערעפענונגס־זיצונג פון דער ייוואָ־קאָנפערענץ, אין יאַנואַר 1956, שטייט אַ גאַנצע ריי פון ליטעראַטור־היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס און שטודיעס, ווערטפולע, און צום טייל פונדאַמענטאַלע, פאַר דער געשיכטע פון יידיש־שאַפונג.

בלויז פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט ש. ניגער באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור־היסטאָריע מיט אַזעלכע וויכטיקע מאָנאָגראַפיעס, ווי וועגן מענדעלע מוכר־ספרים, וועגן שלום אַשן, וועגן ה. לייוויקן און צולעצט

מיט דעם סאַמע אַרומנעמענדיקסטן און מעטאָדיש געלונגענסטן בוך וועגן דעם פאָטער פון דער יידיש־ליטעראַטור, וועגן י. ל. פּרצן.

און עס איז נאָך דאָ אַ צווייטער און אַ דריטער „צווישן", וואָס דער־ציילט וועגן דעם פאַרנעם פון דער שעפערישער אַרבעט, וואָס ש. ניגער האָט אָפּגעטאָן פאַר דער יידישער ליטעראַטור און פאַר דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין משך פון אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט.

פון דעם ערשטן זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַט־העפטן", וואָס דער 25־יאָריקער האָט אין 1908 רעדאַקטירט אין איינעם מיט א. ווייטערן און שמריה גאָרעליקן, און ביז צו דעם 39־טן באַנד פון די „ייוואָ־בלעטער" (יאַנ. 1956), וואָס איך האָב אים אין די שטילע זומערדיקע טעג פון אונדזער אָנגענעמער בשותפותדיקער וואַקאַציע געזען גרייטן, האָט ש. ניגער געטראָגן די רעדאַקטאָרישע אחריות פאַר אַ גאַנצער ריי וויכטיקע און השפעהדיקע צייטשריפטן אין דער אַלטער היים, אין רוסלאַנד און אין דער נייער היים, אַמעריקע. טויזנטער אַרטיקלען אין די דאָזיקע צייטשריפטן זיינען דורכגעגאַנגען שמואל ניגערס זאָרג פאַר דער פּינקטלעכקייט פון פאַקטן, פאַר דער לאָגיק פון אַרגומענטאַציע און פאַר דער אָפּגעהיטקייט פון שפּראַך.

און צווישן דער ערשטער פּראָקלאַמאַציע, וואָס דער צוואַנציק־יאָריקער האָט אָנגעשריבן אין 1903, ווייל דער „צ. ק. האָט געהייסן", און דעם לעצטן פּאָלעמישן אַרטיקל אַרום „ייוואָ", וואָס איז דערשינען אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" אין טאָג פון ניגערס פּטירה — אין משך פון אָט די צוויי און פופציק יאָר האָט ש. ניגער מיט טויזנטער און אָבערטויזנטער אַרטיקלען און עסייען, וואָס זיינען צום טייל איבערגעדרוקט געוואָרן איבער גאָר דער וועלט, איבעראַל, וואו מען שרייבט און מען לייענט אַ יידיש וואָרט, באַ־רייכערט די יידיש־געזעלשאַפטלעכע מחשבה און געהאָלפן באַפעסטיקן דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַלער קאָנסטרוקטיווקייט, דעם געדאַנק, אַז פאָלק איז העכער פון פּאַרטיי.

אַ סך פון אונדז, און איך אַליין בתוכם, זיינען זיך צעגאַנגען מיט ש. ניגערן אין דעם און אין יענעם ניואַנס פון געזעלשאַפטלעכער מחשבה און נישט איינמאָל אַפילו שאַרף פאַנאַנדערגעגאַנגען. אָבער לאָמיר דערביי אויך נישט פאַרהוילן פאַר דער געשיכטע און פאַר זיך אַליין, אַז אַפילו אין שאַרפסטן ווידעראַנאַנד האָבן מיר זיך אָפּט ניט געקאָנט באַפרייען פון ש. ניגערס געדאַנקלעכער השפעה, ווייל זיין ראיה איז אַלעמאָל געווען ערנסט, שכלדיק און האָט אינזינען געהאַט נישט אידייאישע נצחנות, כ'מיין, נישט די צעשיידונג פון אידייען, נאָר די געזעלשאַפטלעכע באַהעפטונג פון מענטשן אַרום קאָנסטרוקטיווער קולטור־אַרבעט. און דאָס איז, לדידי, איינער פון די גרעסטע שבחים, וואָס קאָן נאָכגעזאָגט ווערן אַ מענטשן, וואָס איז גע־

שטאַנען אויף די פֿאָדערשטע באַריקאַדן פֿון געדאַנק און טרוים פֿון אונדזער צעריסענעם און צעשויבערטן דור פֿון אומקום און גאולה.

ווי'קלט מען דורך אין זכרון אָט די ריזיקע אַרבעט, וואָס ש. ניגער האָט אָפּגעטאָן אויף די געביטן פֿון ליטעראַטור־קריטיק, פֿון ליטעראַטור־פֿאָרשונג, פֿון פּובליציסטיק און פֿון געזעלשאַפֿטלעכקייט, האָט מען בפֿירוש דאָס געפֿיל, אַז מיר געפֿינען זיך פּנים אל פּנים מיט אַ זעלטענעם ייִדיש־וועלטלעכן עקזעמפּלאַר פֿון מקוים געוואָרענעם „והגית בה יומם ולילה", כ'מיין, פּנים אל פּנים מיט יענער שפּעריִשער התמדה פֿון אויסגערופֿענע רבנים און תורה־לערנערס, וואָס לאָזט אונדז שטיין אויף דער דיסטאַנץ פֿון עפּעס אַן אויסנעמלעכן דרך־ארץ, וואָרים אָן דער דאָזיקער התמדה איז נישט געמאָלט די באַצייכענונג: „אַ גרויסער אין זיין דור".

אָט די התמדה האָט געשאַפֿן אַרעאָל אַרום ניגערן ביי זיין לעבן, האָט געשאַפֿן אַ שטיק לעגענדע אַרום אים, דערעיקרשט אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פֿון זיין לעבן.

ב

וואָס שייך די ליטעראַטור־קריטיק איז די אויסנעמלעכע התמדה זיכער געווען בלויז איינע פֿון די דימענטן אין שמואל ניגערס קרוין פֿון „דער רעפּרעזענטאַטיווסטער קריטיקער" פֿון צוויי דורות ייִדיש־ליטעראַרישע שעפֿער. צו דער התמדה האָבן זיך באַהעפֿט ניגערס כּוח פֿון שאַרפֿן אַנאַליז און זיין באַגאַבונג פֿון סאָלידער און כּמעט דורכאויס פֿאַרלאָזלעכער סינטע־טיזירונג, ד. ה. דער כּוח פֿאַנאַנדערצונעמען די שרייפֿלעך פֿון אַ ליטעראַרישן ווערק און די אחריות זיי צוריקצושטעלן אַזוי, אַז דאָס ווערק זאָל בלייבן לעבן.

אָבער דערעיקרשט איז שמואל ניגער געוואָרן דער רעפּרעזענטאַטיווסטער קריטיקער פֿון זיין דור דערפֿאַר, ווייל זיין ליטעראַטור־קריטישע קאָנצעפּציע איז פֿאַר דער ערשט־צייט און פֿאַר דעם בלי־פּעריאָד פֿון אונדזער ליטעראַ־רישן גאָרטן געווען די היסטאָריש־פּאָסיקסטע און זיכערסטע.

שמואל ניגערס ליטעראַטור־קריטישע פֿילאָסאָפֿיע איז געווען און איז געבליבן די פֿילאָסאָפֿיע פֿון אַ פּראַקטישן גערטנער. דער פּראַקטישער גערט־נער פֿאַרנעמט זיך ניט מיט געאָלאָגישע און מיט באָטאַנישע חקירות. דער גערטנער האָט זיך זיין אייגענעם, על־פּי מסורה, על־פּי דערפֿאַרונג און ערגעצוואו נאָך טיפֿער: על־פּי פּערזענלעכער אינטואיציע און געשמאַק, פֿעסטגעשטעלטן באַגריף וועגן דער איכות פֿונעם באָדן און וועגן דעם כאַראַקטער פֿונעם קלימאַט, און ווייס אַז אַלץ וואָס וואַקסט מוז זיין אונטער־געוואָרפֿן און צוגעפּאַסט צו די „באַדינגונגען".

דער קריטיקער בעל־מחשבות האָט האָלד געהאַט דעם שפּיל פֿון

נאַציאָנאַל־געאָלאָגישער דעטאַל־פאָרשונג אַרום דער און יענער ליטעראַ־רישער פלאַנץ; דער קריטיקער ב. ריווקין האָט געהאַט אַ ליידנשאַפט צו איין נאַציאָנאַל־קלימאַטישער ספּעציפישקייט: צו משיחיות, און ס׳איז אים גע־גאַנגען אין לעבן איינצורעדן זיך און אונדז, אַז אין דעם זכות לעבט דער גאָרטן און וועט נישט שטאַרבן.

שמואל ניגערס באַגריף פון נאַציאָנאַל־ווּזנטלעכקייט איז געווען אַ מער עמפּירישער. ער האָט אפשר פאַרמאָגט ווייניקער מחשבהדיקע טיפקייט און ווייניקער מיסטישן שוואונג, אָבער דערפאַר איז ער געדאַנקלעך און מעטאָדיש געווען ברייטער און כוללדיקער און דערעיקערשט אַן אַן ערך ווייניקער איינזייטיק.

אַל־יידישקייט איז געווען ש. ניגערס קריטישע גרונט־הנחה. אַלץ וואָס כ׳וואַקסט, אויב עס וואַקסט נאָר, פּאַסט זיך אַריין אין די „באַדינגונגען״ און באַשטעטיקט זיי. אין די קנאַפּע פופציק יאָר פון זיין געטרייער און באַדאַכטער גערטנערשאַפט האָט ניגער נישט געפּרוּווט פּענטען דעם וואוקס און דעם אויפשטייג פון דער יידיש־שאַפונג מיט עקסלוסיווע אידייאישע און קינסטלערישע טעאָריעס. ער האָט קיין שום געוויקס שעפעריש נישט געפּענטעט. ער האָט כמעט גאָרנישט פאַרזען, האָט אַלץ פאַרצייכנט און וועגן אַ סך, וועגן די מייסטע, דערציילט מיט הנאה און אָנערקענונג.

ווי יעדער פּראַקטישער גערטנער האָט ש. ניגער, דער קריטיקער, נישט ליב געהאַט קיין עקסטראַוואַגאַנצן ביי די ביימער און ביימלעך און האָט נישט געטרויט זייערע בלי־ און וואָקס־אָפּנויגן פון זיין גערטענערישער דערפאַרונג; ער האָט זיי נישט געטרויט די אָפּנויגלער פון פרצן איבער משה־לייב האַלפּערן און די „אינזיכיסטן״ און אַ טייל פון די יינגערע.

אָבער — און דאָס איז נאָך אַ טעם פאַרוואָס שמואל ניגער איז געווען און איז געבליבן דער רעפּרעזענטאַטיווער קריטיקער סיי אין די צוועלף יאָר אין רוסלאַנד און סיי אין די דריי מאָל צוועלף יאָר אין אַמעריקע — ער, ניגער, איז דער עקשנות פון וואַקסן ביי די שעפער קיינמאָל נישט אַנטקעגנ־געטראָטן מיט אַן עגאָצענטרישער איינגעשפּאַרטקייט פון אַ קריטישער אידייע אָדער פון אַ פּערזענלעך קאַפּריזנעם קריטישן געשמאַק. ניגער האָט דעם אַנדערשדיקן וואוקס אַלעמאָל סוף־כל־סוף אָנערקענט.

ער איז צו דעם סוד פון דער אַנדערשקייט נישט אַלעמאָל דערגאַנגען, אָבער ער האָט זי פּאַטעריש גענומען אונטער זיין השגחה. ער האָט מיט איר, מיט דער אַנדערשקייט, באַרייכערט זיין גערטנערישע דערפאַרונג און אַ דאַנק איר אויסגעברייטערט די סכעמע פון זיין אַל־יידישקייט.

ווי גרויס עס זאָל נישט זיין דער מוט פון איבערצייגונג, איז דער מוט מודה צו זיין אַ טעות נאָך גרעסער און דערעיקערשט וויכטיקער און

שעפערישער. ניגער האָט פאַרמאָגט אָט דעם זעלטענעם און וואונדערלעכן קוראַזש.

ש. ניגער האָט זיך אין דעם פּרט אָנגעקערט אַ גאָענטער זעלישער קרוב מיטן בעסטן און אַלזייטיקסטן מערב־אייראָפּעאישן קריטיקער פונעם ניינ־צענטן יאָרהונדערט, מיט דעם פראַנצויז סענט בעוו. ווי ביי סענט־בעוון איז אויך ביי ניגערן דער טיפסטער וואונטש געווען „אַלץ צו פאַרשטיין", אַלץ סוף־כל־סוף צו פאַרשטיין.

אין דעם באַגער אַלץ צו פאַרשטיין האָט זיך ש. ניגער אָנגעשפּאַרט אויף צוויי אינטעלעקטועל־עטישע עיקרים אין זיין קריטיק.

עיקר איינס איז געווען, אַז די קריטיק מוז זיין אַ פרייע און נישט קיין דאָגמאַטישע.

די פרייע קריטיק — שרייבט ש. ניגער אין זיין עסיי „דיכטער און קריטיקער" (געקליבענע שריפטן, צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1928) — האָט ניט קיין פאַרטיקע און פאַר אַלעמען גילטיקע כללים. זי פאַרשרייבט נישט קיין עסטעטישע רעצעפּטן. זי זוכט די מאָס פאַר אַ קונסטווערק אין אים גופא. די פרייע קריטיק פרעגט נישט — אויף היינעס לשון גערעדט: — וואָס זאָל דער קינסטלער? נאָר: „וואָס וויל אָדער וואָס מוז ער, שטעלנדיק זיך די און נישט קיין אַנדערע צילן און געברויכנדיק די און נישט קיין אַנדערע מיטלען?"

די פרייע, אָדער ווי ש. ניגער רופט זי, די אימאַנענטע קריטיק, שמעקט אוודאי מיט עקלעקטישקייט, מיט מאַנגל פון אַ האַרמאָניש אויסגעבויטער וועלט־אָנשויאונג און זאָגט זיך ערגעצוואו אָפּ צו שפּילן די ראָל פון אַ אידייאישן וועגווייזער. אָבער דערפאַר פאַרמאָגט ניגערס „אימאַנענטע קרי־טיק" די גרויסע און אפשר די גרעסטע מעלה וואָס איז געמאָלט. די מעלה איז, וואָס זי אָנערקענט נישט בלויז להלכה, נאָר טאַקע למעשה די פרייהייט פונעם שעפערישן מענטש. זי באַפרייט אים, דעם שעפער, נישט בלויז פון דרויסנדיקער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַשטעלונג, נאָר אויך פון די אָדער אַנדערע אינטעלעקטועל־קריטישע פרינציפּן וועגן קונסט.

עס ווערן אָפּגעווישט אַלע פּראָפעסאָראַלע פּרעטענציעס, און דעם דיכ־טערישן ווערק טרעט אַנטקעגן אַ קריטיקער, נישט אַן עסטעטישער און אידייאישער מוסר־זאָגער, נאָר אַ מאַן מיט אינטעלעקטועלער און עמאָציאָ־נעלער נייגעריקייט, וואָס זוכט אויסצוגעפינען: וואָס האָט ער געוואָלט און וואָס האָט ער געמחט, דער דיכטער.

און ווייל דאָס וואָס מיר רופן געשמאַק איז אין תוך נישט עפּעס אַנדערש ווי דעם קריטיקערס אַ פּערזענלעכע קונסט־פּרעפערענץ, דערפאַר מוז דער קריטיקער זיך באַווארענען קעגן דער דיקטאַטור פון זיין אייגענעם געשמאַק.

און עס איז נישטאָ אין דעם פּרט קיין בעסערע באַוואָרעניש ווי די, וואָס לויכט אַרויס פון ש. ניגערס ווערק און איז, לפי דעתי, געווען דער — צווייטער עיקר פון זיין קריטיק: די אַכטונג צום קינסטלער.

דער קריטיקער מוז האָבן דעם כּוח צו גלויבן אין דעם קינסטלערס „אַזוי געוואָלט" און „אַזוי געמוזט". ער מוז האָבן אמונה אין דעם קינסטלערס ערלעכקייט, ווייל נאָר אַזוי וועט ער האָבן די קראַפט גובר צו זיין פּערזענלעכע און עקסקלוסיווע געשמאַק־פּרעפערענצן און צו דערזען די דרויסנדיקע מניעות און אינעווייניקסטע חסרונות, וואָס האָבן געשטערט די רעאַליזירונג פון אַ דיכטערישן ווערק.

ווער עס וויל פאַרשטיין וואָס ס'האָט געמיינט פאַר ש. ניגערס קריטיק אָט דער מענטשלעכער קאָנטאַקט פון אַכטונג צום קינסטלער, דאַרף לייענען זיין בריוו צו דוד בערגעלסאָנען פון 20טן יוני 1926 (זע די עסיי „די יידישע ליטעראַטור און דער יידישער לעזער" אין „געקליבענע שריפטן", ערשטער באַנד, ניו־יאָרק, 1928).

ש. ניגערן האָט דעמאָלט ממש אַרויסגעבראַכט פון די כּלים (און מיט רעכט!) דוד בערגעלסאָנס צייטשריפט „אין שפּאַן" מיט איר שקרדיקן עקספּאָזע פון יידיש־ליטעראַרישע פאַקטן און אידייען. און ווייל ער, ניגער, האָט מורא געהאַט, אַז אים וועט פעלן די רואיקייט און דער ישוב הדעת פון אָפּשאַצונג און פון פּאָלעמיק, האָט ער באַשלאָסן זיך צו ווענדן מיט אַן אָפענעם בריוו צו בערגעלסאָנען דירעקט, וואָרים —

„ווען איך וועל זיך ווענדן צו אייך פּערזענלעך, וועט מיין טיפע אַכטונג צו אייערע קינסטלערישע אויפטואונגען מיך פאַרהיטן, האָף איך, פון נישט געווינטשטער היציקייט".

איך ציטיר אָט דעם פּאַראַגראַף פון ניגערס פּאָלעמיק מיט בערגעלסאָנען דערפאַר, ווייל אין תוך האָט ניגער אין זיין קריטיק מיטן כּוח פון דער אַכטונג צו קינסטלערישע אויפטוען זיך בכלל פאַרהיט פון „היציקייט" און האָט באַוויזן אָנצוהאַלטן כּמעט דורכאויס אַ ליניע פון קילן ישוב הדעת ביי דער אָפּשאַצונג פון ווערק און שרייבער.

דאָס מיינט נישט, אַז זיין אַכטונג האָט זיך באַוועגט דורכאויס בלויז אויפן שטח פון די מיטעלע טעמפּעראַטור־גראַדן.

אַ קינסטלער און אַ קונסט־געניסער, וואָס האָט נישט פאַרזוכט דעם טעם פון התפּעלות, איז ערגעצוואו פּסול אויך וואָס שייך זיין ישוב הדעת. אויב אַ געמיט האָט נישט זיין אייגנס, אָדער איז אימשטאַנד אַלעמאָל צו פאַרשטאָפּן די קוואַלן פונעם אייגענעם ענטוזיאַזם, דאַן קען זיין ישוב הדעת אויך נישט זיין עפּעס אַנדערש ווי מעכאַנישע „עיר־קאָנדישאָנינג".

ש. ניגער האָט אַליין פאַרמאָגט (דער שענסטער מוסטער פון זיין פאַרמעג

זיינען אין דעם פּרט זיינע קריטישע אַרבעטן וועגן אונדזערע דיכטער ה. לייוויק און אהרן צייטלין) און האָט אויך ביי אַנדערע באַוואונדערט דעם כוח פון התפּעלות. „בויגן זיך פאַר טאַלאַנט, — שרייבט ניגער אין שייכות מיט זיין באַליבטן קריטיקער־לערער סענט־בעוו, — פאַלן אַנטציקט כורעים פאַר אים און נישט בלויז לאָזן אים זיין וואָס ער איז, נאָר בענטשן אים דערפאַר, וואָס ער איז אַזוי... — אָט וואָס יעדער קריטיקער און יעדער קונסט־געניסער דאַרף קאָנען פריער פאַר אַלץ.״

ג

ש. ניגער איז נישט געקומען צו דער קריטיק פון דער פּאָעזיע און פון דער קינסטלערישער פּראָזע ווי דער מייסטער פון דער פראַנצויזישער קריטיק סענט־בעוו. ניגער האָט דעביוטירט ווי אַ פּובליציסט און איז צום גרויסן טייל פאַרבליבן ביי זיין פּובליציסטיש, אָפּט דידאַקטישן סטיל. ניגערן האָט דערפאַר געפעלט יענער „בעל־לעטר״־גלאַנץ, וואָס פאַרכאַפּט אַזוי ביים מחבר פון די „מאָנטיקדיקע שמועסן״ און „נייע מאָנטיקן״.

ווען ניגער איז צומאָל אַריינגעפאַלן אין התפּעלות האָט זיך איבער זיין קריטישער פּראָזע געשפּרייט שטילער, נישט אויסגעסטראַיעטער, אָבער אַ סך מאָל אינטענסיווער און האַרצוואַרעמענדיקער יום־טוב. בדרך כלל האָט ניגער אין זיין סטיל נישט געקלעטערט אויף פּאַטעטישע בערג און ער האָט געזוכט אויסצומיידן אַ העכערע טעמפּעראַטור פון וואָרט.

עס דונערט נישט און עס בליצט נישט אין ניגערס סטיל ווען ער לאָזט זיך אין וועג אַריין פון קריטישן אַנאַליז און אויסטייטש. עס מיניעט נישט אין ניגערס אופן שרייבן מיט עפּעס אַ באַזונדערן גלאַנץ פון ליכטיקייט, אָבער דערפאַר איז די ליכטיקייט אין ניגערס סטיל אַ באַשטענדיקע, אַ גלייכמעסיקע און אַ פאַרלאָזלעכע.

אַוודאי איז ניגער סטיליסטיש וואַרעמער ווען ער רעדט וועגן זיינע ליבלינגען אייזיק מאיר דיק און שלום אַש איידער וועגן מרדכי ספּעקטאָר און לעאָן קאָברין. אָבער אין תוך האַנדלט עס זיך בלויז וועגן ניואַנסן און נישט וועגן אַנזעעוודיקע דיפערענצן אין דער טעמפּעראַטור פון סטיל.

בולטע טעמפּעראַטור־חילוקים זיינען נישט אין דער נאַטור פון ניגערס שרייב־נוסח. און טאָמער מאַכט זיך אַז דער טערמאָמעטער גייט צו שטאַרק אַרויף, ווי, למשל, אין אַ טייל עסייען וועגן שלום אַשן, וועט ניגער, ווי באַלד ער האָט עס נאָר דערפילט, צעבלאָזן שאַרפער זיינע קריטישע ווינטן כדי צוריק צו ברענגען די טעמפּעראַטור צו איר ריכטיקן ניוואָ.

און אָט די, וואָלט איך געזאָגט, טעמפּעראַטור־באַוואוסטזיניקייט פון סטיל איז כמעט דורכאויס געווען לטובה ניגערס קריטישן אַנאַליז.

אַזאַ, למשל, קילע, גוטע און, מיר דאַכט, דעפיניטיווע פאָרמולע וועגן אַשס שאַפונגס־עלעמענטן, ווי אַז מיט הומאָר „מיט דעם דאַזיקן גראַציעזן, שפּילעוודיקן כלי־זין קאָן ער (אַש) איינעמען דאָס קליינע, אָבער ניט דאָס גרויסע לעבן״, וואָרים „צום גרויסן און גאַנצן בילד פון לעבן, צו דער וועלט הויבט ער זיך אויף נאָר אויף די שבת־יום־טובדיקע פליגלען, אויף די פליגלען פון פייערלעכקייט״ — אַזאַ דעפיניטיווע פאָרמולע האָט ניגער געקאָנט אַרויסבאַקומען פון זיין פען בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט באַוואוסט־זיניק צוריקגעוואָרפן דעם טערמאָמעטער, וואָס האָט זיך אַלעמאָל געריסן אַרויפצו ווען ער האָט געשריבן וועגן אַשן.

און די פאָרמולע וועגן אַשס שאַפונגס־עלעמענטן קערט אום אונדזער אַסאָציאַציע פון ניגערס קריטישן דרך צו סענט־בעווס.

באַגלייך מיט סענט־בעוון איז ניגער געווען דער קריטיקער וואָס האָט געזוכט און געפאָרשט נאָך דעם „ריינעם געניוס״ פון דעם שעפערישן יחיד. ווי סענט־בעוו האָט ער דורך דעם ווערק פונעם יחיד געזוכט צו דערגיין צו דער נשמה פונעם כלל און נישט פאַרקערט.

אויב מיר זאָלן אָפּערירן מיט אונדזערע אייגענע ליטעראַרישע טער־מינען: מענדעלע און פּרץ, איז ניגער אין דער ליטעראַטור־קריטיק געווען דער פּרץ, דער אַנטדעקער פונעם יחידס דיכטערישער פּערזענלעכקייט אויפן סמך פון דער ביאָ־ און פּסיכאָ־גראַפיע, וואָס שטייט הינטער דעם דיכטערס ווערק.

און ווי פּרץ, דער קלאַסיקער פון אונדזער שיינער ליטעראַטור, אַזוי איז אויך ניגער, דער קלאַסיקער פון איר קריטיק, געווען דער הייסער טרוימער פון אונדזער אומגעאַנטן ליטעראַרישן אויפבלי אין די לעצטע פופציק יאָר.

אין איינעם פון זיינע „שמועסן וועגן דער יידישער ליטעראַטור״, וואָס דער 24־יאָריקער ש. ניגער האָט געדרוקט אין 1907 אין ווילנער „אונדזער וועג״, מאָלט ער פאַר אונדז זיין גליאיקן טרוים וועגן דעם ווי „עס וועט אַרויסוואַקסן — אַזוי גלויב איך — די רייכע אין גייסט און אין בלוט־און־פליייש און אין פאַרבן און פאָרמען נייע יידישע ליטעראַטור״.

און דער זיבעציק־יאָריקער ש. ניגער ציטירט זיך אַליין אין דער הקדמה צו זיין בוך וועגן פּרצן און דערציילט אונדז אין שטילע פריידן, אַז „און זי איז אַרויסגעוואַקסן. און מיטגעהאָלפן דערצו האָט ניט נאָר פּרצס שאַפן — נאָר אויך ער (פּרץ) אַליין״.

1956

II

דאָס קרוין־ווערק

ווען איך וועל זאָגן אַז די פּרץ־מאָנאָגראַפיע איז געוואָרן ניגערס קרוין־ווערק און אַז זי איז וואָס שייך איר כמות און איכות אַן ערשטע אין אונדזער ליטעראַטור, האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרגעסן, אַז ש. ניגער האָט אויך אָנגעשריבן וויכטיקע ביאָגראַפיש־קריטישע ביכער וועגן מענדעלע מוכר ספרים (שיקאַגאָ, 1936), און וועגן ה. לייוויקן (ניו־יאָרק, 1951), און אַז די לייוויק־מאָנאָגראַפיע שטייט אין כמות אָפּ פון דעם פּרץ־בוך נישט מער ווי מיט פופציק זייטן.

אָבער דאָס לייוויק־בוך, וואו עס ווערן בדרך כלל טרעפלעך און פול מיט ליבשאַפט אַנאַליזירט דעם דיכטערס לידער און דראַמעס, לײדט, ווי מיר דאַכט, דערפון, וואָס עס פעלט דאָרט די לעבעדיקע ליטעראַרישע סביבה, וואָס אין איר האָט זיך באַוועגט דער דיכטער זינט דעם 25־טן יאָר פון זיין לעבן, און וואָס אין איר איז ער געוואַקסן און האָט דערגרייכט צו זיינע שעפערישע הויכן.

וואָס שייך ווידער דאָס מענדעלע־בוך איז די פּרץ־מאָנאָגראַפיע העכער דערמיט, וואָס דאָרט ווערט אַ סך און מייסט אינטערעסאַנט דערציילט וועגן מענדעלען, בעת דאָ ווערט, ווי איך זע עס, די פּרץ־געשטאַלט בהדרגה און מיט אַרכיטעקטאָנישער געניטשאַפט פּסיכאָגראַפיש, מיליע־גראַפיש און אידעאָגראַפיש אויפגעבויט.

נישט וואָס ניגער זאָל אין זיין פּרץ־אַרבעט האָבן אַרויסגעוויזן בעלע־טריסטישע עלעמענטן, וואָס פעלן געוויינלעך אין זיין ליטעראַטור־היסטאָריע. דאָס נישט. אויך דאָ, אין דער פּרץ־מאָנאָגראַפיע איז נישט פאַראַן דאָס פּינטעלע בעלעטריסטיק, וואָס אויב אַ קריטיקער פאַרמאָגט עס, גיט עס אים אַ מעגלעכקייט לייכטער צו דערזען און צו פּרעזענטירן נישט נאָר די דיכטונג נאָר אויך דעם דיכטער.

אָבער דאָ, אין דעם פּרץ בוך, ווערט דער דאָזיקער מאַנגל פונעם בעלעט־ריסטישן עלעמענט קאָמפּענסירט דורך דער שפע פון די געדיכט און דערביי רחבותדיק געגלידערטע פּרטים פון ביאָגראַפיע, פון אידייאישער כוונה, פון סביבה און פון סביבה־שטימונג.

עס באַקומט זיך פון די דאָזיקע אַנאַליטישע פּרטים, דערעיקרשט אין ערשטן און צווייטן טייל פונעם בוך, אַ מערקווירדיק סינטעטיש בילד פון דער לעבעדיקער פּרץ־געשטאַלט, דאָס בילד פונעם שעפערישן, מיט אידייאישן און קינסטלערישן אומרו ברוזינדיקן, פּרץ פון דער צייט, ווען ער איז געווען „לייבושל, דער משוגענער" אין זאַמאָשטש און ביז די יאָרן, ווען ער איז געוואָרן דער באַרימטער דערציילער פון „חסידיש" און פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

דאָס נאָך מער מערקווירדיק־געראָטענע דערביי איז, וואָס הגם די אַלע אַנאַליטישע פּרטים ווערן, וואָס שייך זייערע קוועלן, אַזוי צו זאָגן, „אויפן אָרט" קריטיש דורכגעאַרבעט און דאָס פאַרהאַלט, פאַרשטייט זיך, דעם פלוס פון דעם סיפור המעשה, פאַרלירט פונדעסטוועגן דאָס בילד נישט זיין אינעווייניקסטע דראַמאַטישע שפּאַנונג.

אַזאַ מוסטער פון גרינטלעך קריטישער באַלויכטונג פון פּרטים, וואָס האַלט אַ וואונדערלעכן שלום־בית מיט דראַמאַטישער שילדערונג, איז דאָס קאַפּיטל וועגן דער מאַניש־פּאָעמע און אירע וואַריאַנטן.

די פּאָעמע „מאַניש" אַליין כאַראַקטעריזירט ש. ניגער, און לפי, עניות דעתי, זייער ריכטיק אַזוי —

„עס איז אַ געוויינלעכע ליבע צווישן אַ יינגל און אַ מיידל, אָבער אַרום זיי איז די יידישע פאַמיליע, דאָס יידישע פּוילישע שטעטל, די יידישע עקאָנאָמיק, די יידישע לעבנס־פילאָסאָפיע. עס איז אַ רעאַליסטישע לעבנס־דראַמע, אָבער זי איז איינגעטונקט אין פאָלקלאָר און אין ראָמאַנטיק. דער גאַנצער אויפבוי פון דער פּאָעמע, אָדער דעם ראָמאַן („אַ ראָמאַן־באַלאַדע און פערזן" — האָט עס געהייסן אין דער „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק") איז פאַרוויקלט. אין מיטן איז עס אַן עפּיזאָד אָדער אַ סעריע עפּיזאָדן פונעם טאָג־טעגלעכן פּויליש־יידישן לעבן, אָבער אין אָנהויב און אין סוף לייענט זיך עס ווי אַ סטיליזירט מעשהלע פון אַ מוסר־ספר אַרויסגענומען, שיער נישט ווי אַ „פאָלקסטימלעכע געשיכטע, נאָר — אין אַן איראָנישן טאָן".

איך האָב געבראַכט אָט דעם לענגערן ציטאַט פון ש. ניגערס אינהאַלט־און פאָרם־אַנאַליז פון „מאַניש" נישט בלויז ווייל די כאַראַקטעריסטיק פון דער פּאָעמע איז אַ געלונגענע, נאָר דערעיקרשט צוליב דעם, וואָס ניגער געפינט אין איר דעם נוסח פון שיער נישט אַ „פאָלקסטימלעכע געשיכטע".

איינער פון ש. ניגערס וויכטיקסטע ליטעראַר־היסטאָרישע אויפטוען, און אפשר טאָקע דער הויפּט־אויפטו, אין זיין פּרק־מאָנאָגראַפיע באַשטייט אין דעם, וואָס אים איז צום גרויסן טייל געלונגען צו פאַרענטפערן „דאָס פּראָבלעם פון איינהייטלעכקייט", וואָס „איז אין דער פּרץ־פאָרשונג איינער פון די שווערסטע פונקטן".

שווערער ווי ביי אַן אַנדערן שרייבער איז דאָס פּראָבלעם צו פאַרענטפערן ביי פּרצן, ווייל ביי קיינעם פון אונדזערע קלאַסיקער איז דער שעפע־רישער וועג נישט געווען אַזוי זיגזאַגיש, אַזוי אַלעמאָל אַנדערש ווי ביי אונדזער זאַמאָשטשער גאון.

אַ גרינטלעכער אַנאַליז פון פּרצס יוגנט־ווערק אויף העברעאיש און אויף יידיש, ברענגט ש. ניגערן צום אויספיר, אַז —

א) עס איז געווען אַן אונטערשיד צווישן פּרצס העברעאיש און יידיש־שאַפונג. ווען פּרץ האָט אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן ווערק אויף יידיש, האָט זיך אין זיינע דערציילונגען געפילט אַ העכערע מדרגה פון געלייטערטקייט און פאַרענדיקטקייט, ווי אין אַ גרויסן טייל פון זיינע לידער. אין זיינע העברעאישע שריפטן פון די 80־ער יאָרן זיינען די לידער בעסער ווי די פּראָזע.

ב) שוין אין פּרצס ערשטע העברעאישע דערציילונגען, דערעיקרשט אין אַזאַ דערציילונג ווי „הקדיש", „וואָס לויט ש. ל. ציטראָן איז עס פּרצס ערשטע (געדרוקטע) פּראָזע־שאַפונג", געפינט מען אין תוך עפּעס „פאָלקסטימלעך־געשיכטלעכס", „אַן אָנצוהערעניש אויפן שפּעטערדיקן פּעריאָד פון „חסידיש" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", און דאָס מיינט, אַז כאָטש אין פּאָעזיע איז פּרצס אָנהייב געווען דורכאויס משכיליש, איז זיין ערשטער טראָט אויפן וועג פון דער דערצייל־קונסט (סיי אין פּערזן, סיי אין פּראָזע) געווען, ביז צו אַ געוויסן גראַד, נאַציאָנאַל־ראָמאַנטיש".

ג) „צווישן די פּאַר־„מאַניש"־ווערק און די, וואָס פּרץ האָט געשריבן און געדרוקט באַלד דערנאָך, איז דער אונטערשיד מער אין דעם גראַד ליטעראַרישער געשליפנקייט, ווי אין די אידייען און מאָטיוון. דער עטישסאָציאַלער מאָטיוו און דער קעמפערישער גייסט, וואָס האָט גענערט זיינע שפּעטערדיקע גרויזאַם־רעאַליסטישע און סאַטירישע ווערק, האָט זיך געלאָזט פילן ביי אים שוין אין אַזעלכע אָנפאַנגערישע זאַכן, ווי „זאַמאָשטשער פּאָזשאָנדיק". אין פּרצס פּרימיטיווע לידער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין זאַמאָשטש, איז שוין דאָ אַן אָנצוהערעניש אויף דעם פאָלקס־פּאַטאָס, וואָס איז שפּעטער געקומען צום אויסדרוק אין זיינע פאָלקסטימלעכע און חסידישע מעשות.

ד) דער עלעמענט פון עסיי, וואָס שפּילט אין פּרצס דערצייל־קונסט אַזאַ גרויסע ראָלע, איז שוין אויך דאָ אין זיינע ערשטע דערציילונגען.

איך שטרייך אונטער די ריכטיקייט פון דער באַמערקונג, וואָס ש. ניגער מאַכט, ביי דער געלעגנהייט פון דעם אויספיר זיינעם, מכוח עסייאיסטיק אין אַ דערציילונג, דהיינו, אַז „אַ דיכטער, וואָס שטרעבט צו פאַרטיפן דאָס לעבן און נאָך מער עס צו דערהויבן, נישט נאָר צו ווייזן עס ווי עס איז — אַזאַ דיכטער מוז אין זיין שרייבן האָבן עפּעס פון דעם עסייאיסטס מעדיטירן און פאַרטראַכטן זיך".

איך אַליין האָב אין מיינער אַ קליינער עסיי וועגן עסיי אין מיין בוך „דעטאַלן און סך־הכלן" (ניו־יאָרק, 1943) געבראַכט אַ פאָרמולירונג פון דער שייכות צווישן עסיי און בעלעטריסטיק, וואָס האָט אַ נאָענטע ענלעכקייט צו ש. ניגערס געדאַנק. איך האָב געשריבן: „דער עסייאיסט איז טיפער אין דער אינספּיראַציע, שפּיציקער אין געדאַנק און פּיקאַנטער אין געפיל.

דער בעלעטריסט — מעכטיקער אין דער געשטאַלטונג, קיילעכדיקער און שלימותדיקער און קינסטלערישן באַנעם".

און נישט בלויז נוגע שטאָף און אינהאַלט פון פרצס שאַפונג האָט ש. ניגער פאַרענטפערט דאָס שווערע פּראָבלעם פון איינהייטלעכקייט אין דער פרץ־פאַרשונג, נאָר ער האָט, און היפּש איבערצייגנדיק, באַוויזן די איינהייטלעכע ליניע צווישן דעם יונגען, דעם רייפן און דעם גרויסן פרץ, באַוויזן, אַז שוין „אין די ערשטע פרוכטן פון פרצס פּאָעטישער מוזע" און נאָך מער אין זיינע ערשטע טריט אין פּראָזע איז שוין געווען בנמצא די ספּעציפישע פּרצישע פאָרם: „דער אימפּעטיקער טאָן, דער אָפּגעהאַקטער קורץ־אָטעמדיקער נערוועזער זאַץ, די קאָנדענסירטקייט, די אָפּטע נאָענטקייט פון זיין סטיל צום רייד־נוסח" וכו'.

און לעבן ש. ניגערס הויפּט־אויפּטו אויפן געביט פון אויסגעפינען די איינהייטלעכקייט נוגע אינהאַלט און פאָרם פון פרצס פערציק־יעריקן שאַפונגס־וועג שטייט אַ צווייטער אויפטו, וואָס האָט צו טאָן מיט דער מאָראַלישער רייניקונג פון די מאָטיוון, וואָס האָבן פרצן געפירט צו יידיש.

כמעט דורכאויס אַלע פרץ־פאַרשער און פרץ־קענער, צווישן זיי נישט בלויז דער עקסטרעמער העברעאיסט דר. יוסף קלויזנער, נאָר אויך נחום סאָקאָלאָוו און אויך יידישיסטישע פאַרשער און שרייבער און אַפילו פרצס נאָענטער חבר און תלמיד ה. ד. נאָמבערג, האָבן פרצס איבערגאַנג פון העברעאיש צו יידיש באַגרינדעט מיט אַזעלכע פּראָזאַאישע מאָטיוון ווי פיינטלעכע באַציאונג פון העברעאישע רעדאַקטאָרן אָדער די נויטיקייט „צו פאַרדינען צום לעבן", וואָס ס'איז געווען לייכטער מיט יידיש ווי מיט העברעאיש.

ש. ניגער צעגלידערט די דאָזיקע אַלע „מאָטיוון" אי מיט לאָגישע סברות און אי מיט ביאָגראַפישע פאַקטן און קומט צום באַרעכטיקטן אויספיר, אַז דעם שטויס צו שרייבן יידיש האָט פרצן געגעבן „די אַלגעמיינע פאָלקיסטישע שטימונג וועלכע האָט וואָס ווייטער אַלץ מער און מער פאַרכאַפּט אַ גרויסן טייל פון די דעמאָלטיקע יידישע שרייבער".

סיי דער שכל הישר פון פרצס פערזענלעכער מאָראַל און סיי די פאַקטן, וואָס ש. ניגער ברענגט אַרויס פון מינדלעכע און שריפטלעכע קוועלן, באַרעכטיקן, לפי דעתי, פולשטענדיק דעם קריטיקערס סברה, אַז פרצס פראָ־יידיש־מאָטיוון זיינען געווען אַ סך ריינער, ווי זיינע קעגנער און אַפילו זיינע פריינט האָבן געמיינט.

ווען איך וועל זאָגן, אַז די פרץ־מאָנאָגראַפיע איז ש. ניגערן מער גע־

לונגען ווי זיינע ביכער וועגן מענדעלען און ה. לייוויקן דערפֿאַר, וואָס פּרצס שאַפֿונג איז דעם קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער ניגער זעליש נישט אַזוי נאָענט, ווי דאָס ווערק פֿון די דערמאָנטע צוויי גרויסע שרייבער אונדזערע, וועט דאָס קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער עס וועט פֿונדעסט־וועגן זיכער נישט זיין ווייט פֿונעם אמת.

דער גרונט־טאָן פֿון ש. ניגערס מענדעלע־מאָנאָגראַפֿיע איז התפּעלות; אין לייוויק־בוך דאָמינירט ליבעפֿולע אַריינגעטועקייט אין לייוויקס דיכטע־רישער וועלט. די פּרץ־מאָנאָגראַפֿיע האָט ש. ניגער אָנגעשריבן מיט באַ־וואונדערונג צו דער פּרץ־געשטאַלט אָבער מיט קריטישער דיסטאַנץ צו זיין ליטעראַרישן ווערק. ש. ניגער האָט פּרצס ווערק גרינטלעך דורכגעשטו־דירט, האָט עס וואונדערלעך קריטיש אַנאַליזירט און אונדז געגעבן אַ פֿיינעם סינטעטישן אָפּשאַץ, וואָס איז אַ סך מאָל באַפֿליגלט, איז אַלעמאָל דורכ־געטראַכט און צומאָל, וואָלט איך געזאָגט, געדאַנקלעך איבערגעשפּיצט.

מיט אַזאַ איבערגעשפּיצטקייט אין אָפּשאַץ זינדיקט, ווי מיר דאַכט, דאָס קאַפּיטל „חסידיש" אין דריטן טייל פֿונעם בוך, וואו ש. ניגער פּרואווט מיט דיאַלעקטישער חריפֿות צו פֿאַרוואַנדלען פּרצן פֿון אַ נעאָ־חסיד אין אַ נעאָ־משכּיל.

III

פּרץ — נעאָ־משכּיל אָדער נעאָ־חסיד?

„נעאָ־משכּיליזם — שרייבט ש. ניגער — וואָלט זיך פּאַר אַ סך פּרצס חסידישע מעשׂות געפּאַסט בעסער איידער נעאָ־חסידיזם. וואָס פּרץ האָט געזען אין חסידות איז געווען ניט דאָס געטלעכע, נאָר דאָס מענטשלעכע, און אַפֿילו די ריין מענטשלעכע גרויסקייט פֿונעם חסידישן רבין איז עטישע גרויסקייט, ניט גרויסקייט בכלל."

פֿאַר מיר קלינגט אַזאַ אויסטייטש פֿון פּרצס קינסטלערישער געשטאַל־טיקונג לגמרי פֿרעמד און אומפֿאַרשטענדלעך, ווייל, לדידי, איז אין תּוך נישט געמאָלט קיין אַנדערע יידישע גרויסקייט ווי עטישע, און חסידישע — אַוודאי נישט. זי, די יידישע גרויסקייט, איז אַלעמאָל דורך קדושה צו קדושה. קאָן זיין אַ שענערער, אַ העכערער עפּיטעט פֿאַר אַ חסידישן רבי ווי „הצדיק הקדוש" (דער הייליקער צדיק)? און הייליקער צדיק — דאָס איז דאָס גרויס־עטישע און בכן געטלעכע אין דער חסידישער דערגרייכונג.

איינהייצן די הרובע ביי אַ קראַנקער אַלטער אלמנה איז „אויב נישט נאָך העכער" ווי אַ פּזמון סליחות און ווי בכלל אַ פּלי צום הימל אויף די פֿליגל פֿון הייסער תּפֿילה. אָט דער „אויב נישט נאָך העכער" איז נישט ווי ש. ניגער האַלט, בלויז „חסידיש", נאָר טאַקע אַן עיקר פֿון חסידות.

עס ווערט נישט מינדער די אידייאיש־קינסטלערישע חשיבות פון „צווישן צוויי בערג״, אויב די דערציילונג פאַרמאָגט נישט, ווי ש. ניגער באַמערקט, קיין „רזי דרזין״, קיין „מיסטישע היכלות״, און באַווייזט בלויז, אַז „דעם ביאַלערס, דאָס הייסט פּרצס חסידות״ מיינט נישט מער ווי „באַנענטקייט צום לעבן, ווייכקייט, לירישקייט — און פאָלקס־ליבע אָדער מענטשן־ליבע, הומאַניזם, דעמאָקראַטיזם, עטיק...״

און מען פעלשט זיכער נישט — בין איך מוסיף — דעם טעקסט פון „די גאָלדענע קייט״ און מ׳קריוודעט מיט גאָר נישט די קריטישע לאָגיק, ווען מ׳זעט אין ר׳ שלמהן נישט בלויז אַ גייסטיק־רעוואָלוציאָנערע אַלעגאָריע, נאָר טאָקע אַ „גוט־יידישן״ דוחק את הקץ, וואָס האָט טראַגיש פאַרלוירן, ווייל דער דור איז נישט מיטגעגאַנגען.

אין דער געשטאַלט פון ר׳ שלמהן האָט פּרץ געפּרואווט געבן קינסט־לערישן אויסדרוק צו דעם יידישן געדאַנק וועגן קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט צווישן דעם גרויסגייסטיקן יחיד און דעם עטיש־שעפערישן כלל, אַ געדאַנק, וואָס קומט, דאַכט מיר, אין ערגעץ נישט אַזוי שיין און טיף צום אויסדרוק ווי אין חסידות.

די פאָרמולע פון פּרצס ערשטער חסידישער דערציילונג „משנת חסידים״ וועגן דעם, אַז „דער עולם אַרום איז פול געוועזן מיט תענוג, מיט מסירות נפש״ און „דעמאָלט איז ער (דער רבי) אויך אַן אדמו״ר געוועזן... די נשמה פונעם כלל״ ווערט אין דער „גאָלדענער קייט״ אויסגעברייטערט און פאַרטיפט דורך די ווערטער, וואָס פּרץ לאָזט זאָגן ישראלן צו דבורהן —

און יעדער איינציקער פון עולם
איז — אַ ייד!
און איטלעכער ייד האָט
אַ פינטעלע,
אַ פונקעלע אין האַרץ!
און קליין איז דער פונק,
און פול מיט אַש איז דאָס האַרץ,
טליעט עס קוים...
גייט מען אין חושך אַרום...
קומט מען זיך אָבער צונויף,
באַהעפט מען זיך,
נעמען זיך צונויף די פינטעלעך,
פלאַקערן אויף די פונקעלעך
און שמעלצן זיך צונויף

אויף אַ זון,
אויף אַ גרויסער זון —
אויף דער קרוין צום צדיקס קאָפּ.

דער רבי דערהויבט די עדה, ער איז איר פּאַראויסגייער, איר גייסטיקער פּאַראויס־פליער, אָבער ער קען פליען און דערגרייכן בלויז מיטן כוח פונעם שעפערישן כלל. בלויז די באַהאַפטענע פונקן פונעם כלל שאַפן די גרויסע זון, די קרוין צום צדיק, ערשט זיי שאַפן גייסטיק און, אַזוי צו זאָגן, יורידיש דעם צדיק.

אינערגעץ זיינען דער גרויסער יחיד און דער כלל נישט אַזעלכע רעליגיעז גלייכבאַרעכטיקטע שעפערישע פאַקטאָרן ווי אין דער חסידישער תורה און אין דער חסידישער פּראַקטיק. און קיינער האָט די דאָזיקע גלייכבאַרעכטיקונג נישט בעסער און שענער אַרויסגעבראַכט ווי פּרץ. אַ טייל אַנדערע נעאָ־חסידים אין דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור האָבן צומייסט איבעראַקצענטואירט דעם יחידישן פאַקטאָר.

און וואָס שייך די מעשה מיטן נעמיראָווער רבין איז, ווי גרינג עס זאָל נישט זיין זי צו טייטשן נעאָ־משכּיליש, דער נעאָ־חסידישער פּירוש אירער נאָך גרינגער. וואָרים וואו איז דער „אהבת המקום“ און „אהבת ישראל“ אַזוי איינס און דאָסזעלבע, אַזוי „חד הוא“ ווי אין חסידות? פונעם בעש״ט איבער ר׳ זישע אַניפּאָלער און דעם באַרדיטשעווער רב אויף דער וואָר פון לעבן און ביז פּרצס נעמיראָווער רבי, אַשס „תהלים־ייד“ און אָפּאַטאָשוס ר׳ איטשע אין דער ליטעראַטור, איז דער עיקר פון חסידות געווען און געבליבן די טיפע אידענטישקייט פון ליבשאַפט צום אויבערשטן און ליבשאַפט צום מענטש.

פּרץ האָט געהאַט דעם קינסטלעריש־אידייאישן כח וואָר צו מאַכן דעם חסידישן „אויב נישט נאָך העכער“ פאַר צוויי דורות יידיש־לייענער. ער האָט דערמיט געשאַפן נישט נאָר קונסט נאָר אויך, אין אַ געוויסן זין, רעליגיע.

דער כח פון פּרצס „חסידיש“ און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“ איז געווען וואָס זיי האָבן רעליגיעז אַ ברי געטאָן.

איינעם אַזאַביישפּיל ווי אַזוי פּרצס אַ „פאָלקסטימלעכע געשיכטע“ האָט רעליגיעז אָפּגעבריט אַן עולם „עמד“ מיט יאָרן צוריק אין זיין היים־שטאָט מלאַווע, גיט איבער י. אָפּאַטאָשו (זע: „יידן און יידישקייט“, פאַרלאַג גרשון פּאָמעראַנץ, 1949).

און —

אָפּאַטאָשו האָט פאַר דעם עולם איבערגעלייענט פּרצס „דריי מתנות“ „די פערד־הענדלער, די פערד־יונגען — עולם הזהניקעס זיינען גע־

זעסן שטומע, גלייך ווי זיי וואָלטן אויף זיך גענומען אַ שווערע תשובה, געוואָלט פון זיך אַראָפּוואַרפן אַ חטא. אַן עלטערער פערד־הענדלער האָט אַרויפגעלייגט פּרצס דיקן באַנד שריפטן אויף זיין ברייטער האַנטפלאַך, געוואויגן ס׳בוך און שטיל מיט אַ זיפץ אַ זאָג געטאָן:

— אַזאַ שווערן „קב הישר" זע איך ס׳ערשטע מאָל. און ס׳איז אַוועק־געגאַנגען אַ שמועס ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַרײַן וועגן יידן, וואָס זיינען אומגעקומען אויף „קידוש השם".

און דאָס לעבן פונעם שטאָט־גנב קיווקע סיבירניק — דערציילט אונדז ווייטער אַפּאַטאָשו — איז פון די „דריי מתנות" און פון פּרצס נאָך „אַזעלכע זאַכן", וואָס קיווקע האָט זינט דעמאָלט געגומען לייענען, ממש גורלדיק איבערגעאַנדערשט געוואָרן. קיווקע האָט אַ יאָר שפּעטער אַוועקגעגעבן זיין לעבן אַפּווערנדיק איינער אַליין דאָס שטעטל פון אַ פּאָגראָם. ער האָט, הייסט עס, דערלאַנגט דעם הימל זיין אייגענע „אויסטערלישע מתנה".

פּרץ האָט אָט די „אויסטערלישע מתנה" פון זיינע „פּאָלקסטימלעכע געשיכטן" און דעם „אויב נישט נאָך העכער" פון זיין „חסידיש" געמאַכט פאַר דער צענטראַל־אידייע פון דער יידיש־ליטעראַטור. און אַ דאַנק אָט דער צענטראַלער אידייע און נישט צוליב זיין גרויס־לאַבאַראַטאָרישקייט פון ליטעראַרישע פאָרמען איז פּרץ געוואָרן דער פאָטער פון דער יידיש־ליטעראַטור.

איך וואָלט נישט וועלן, אַז ס׳זאָל זיך באַקומען דער פאַלשער איינדרוק, אַז איך נעם מיך דאָ אונטער זיך איינצושטעלן פאַר פּרצן קעגן ש. ניגערן — אַזאַ פאַרטיידיקונג איז בפירוש נישט נייטיק. ניגערס פּרץ־מאָנאָגראַפיע טוט פולע גערעכטיקייט צו פּרצס שאַפונג און צו פּרצס פּערזענלעכקייט.

מיט מיינע באַמערקונגען וועגן „פּרץ — נעאָ־משכיל אָדער נעאָ־חסיד?" בין איך אויסן פאַר אַלעמען קלאָר צו מאַכן, אַז ווי טרעפיק און ווי לאָגיש חריפותדיק עס זאָל נישט זיין דער באַווייז מכוח דער נעאָ־משכילישקייט פון דער אָדער יענער פּרצס חסידישער מעשה, קאָן דאָס אויף אַ האָר נישט בלויז נישט מינערן פון דעם ווערט און פון דער ווערדע פון די דערציילונגען, ווי ש. ניגער זאָגט ריכטיק, נאָר אויך (און נאָך ווייניקער) פון דעם אמת, אַז „חסידות" איז דער אידייאישער יסוד פון דער יידיש־ליטעראַטור, און אַז פּרץ האָט דעם יסוד אַוועקגעלייגט.

פּרץ האָט מיט „חסידיש" און מיט „פּאָלקסטימלעכע געשיכטן" גע־פּרוּווט איינפלאַנצן אין דעם געמיט פון דער יידיש־ליטעראַטור און פון אירע לייענער דאָס וועלט־געפיל פון בעש"ט און פון לוי יצחק פון באַר־דיטשעוו.

דער תמצית פון דעם דאָזיקן געפיל איז, וואָלט איך געזאָגט, דער אָפּגעשאָפּטער „ומפּני חטאינו".

דאָס שטענדיקע באַוואוסטזיין פון אייגענער שולד, דער פּערמאַנענטער „ומפּני חטאינו", וואָס באַרעכטיקט די גרויסע נאַציאָנאַלע שטראָפן און אומגליקן, וואָס זיינען איבער אונדז יידן געקומען, איז געווען דער עטיש־רעליגיעזער לייט־מאָטיוו פון דער יידישער נבואה.

די השכלה און דערעיקרשט די נאַציאָנאַלע נעאָ־השכלה איז געגאַנגען אויפן וועג פון נבואה, אויפן וועג פון פּערמאַנענטער נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשולדיקונג.

נבואה איז געוואָרן די צענטראַל־אידיי פון דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור און איר מעכטיקסטער שעפערישער אויסדרוק — חיים נחמן ביאַליק מיט זיינע לידער פון „צער און צאָרן".

די יידיש־ליטעראַטור אָבער איז געשטאַנען אין צייכן פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַרעכטיקונג און פון אַ פּערמאַנענטער, וואָלט איך געזאָגט, זעלבסט־סניגורשאַפט פאַר יידיש גלות־לעבן און גלות־ליידן. דער ראשון און דער קינסטלערישער וועג־ווייזער פאַר אָט דער נאַציאָנאַלער מיסיע פון דער יידיש־ליטעראַטור איז געווען פּרץ מיט זיין „חסידיש" און מיט זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

אין צוויי גרויסע שטראָמען האָט זיך ביים אָנהייב פון אונדזער יאָר־הונדערט פאַנאַנדער געבראַנזט די יידיש־נאַציאָנאַלע שעפערישקייט.

דער סימבאָל פון דעם העברעאישן שטראָם איז געווען דער נביא, וואָס האָט גערעדט שטראָף־רייד צו זיין פאָלק און גערופן צו גאולה אויפן וועג פון מאַטעריעלער און גייסטיקער זעלבסט־איבערבויאונג, אויפן וועג פון נאַציאָנאַלער איבעראַנדערשונג.

די פאָן פון דעם יידישן שטראָם איז געווען דער צדיק, וואָס האָט גערעדט טרייסט־ווערטער צו זיין פאָלק, געמונטערט דעם קיום פונעם פאָלק מיט נאַציאָנאַלער זעלבסט־גלאָריפיקאַציע און מיט דער האָפענונג, אַז די פעלקער פון אַרום וועלן סוף כל סוף אַנדערש ווערן און דערזען דאָס יידישע ליכט פון אמונה און ליידן.

היינט, ווען דעם נביאס וואָרט איז דורכן אויפקום פון מדינת־ישראל פּאָליטיש וואָר געוואָרן און דעם צדיקס האָפענונג, אַז די פעלקער פון אַרום וועלן דערזען דאָס יידישע ליכט, האָט זיך אַרויסגעוויזן אין אונדזער דור פאַר אַזאַ צערדיקער אילוזיע — איצט נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט פון יידיש־נאַציאָנאַלער שעפערישקייט, איז לייכטער צו זען ווי אַן אַנדערש־מאָל, אַזביידע שטראָמען זיינען געשוואומען צום גרויסן ציל פון גאולה

און ביידע האָבן געזינדיקט מיט דער איינזייטיקייט פון זייער שעפערישן לייט־מאָטיוו.

ערשט איצט זעט מען — און מען זעט עס אין ביידע לאַגערן — אַז יידיש האָט געזינדיקט מיט זעלבסט־צדקות, מיט אַן איבערגעכאַפּטער מאָס פון „אהבת ישראל", און העברעאיש האָט צופיל און צו שטאַרק געלייגט דעם טראָפּ אויף זעלבסט־שטראָף און אויף איבער־אַקצענטואירונג פון לאַנד כּלפּי פאָלק.

אויפן באָדן פון יידיש האָט צוליב דעם געקאָנט וואַקסן און אין איין שיינעם טאָג אונדז איבערשרעקן אַזאַ ווילד־פּלאַנץ ווי „נטורי קרתא"שע און „דזשודאַאיסטישע" שנאת ציון אויף יידיש; אויפן באָדן פון העברעאיש ווידער האָט געקאָנט רייפן און אויך אין איין שיינעם טאָג אויף אונדז אָניאָגן אַ פּחד אַזאַ ווילד־גראָז ווי „כּנעניזם".

דער „דערפון איז געדרונגען", איז, דאַכט זיך, קלאָר וואָס קלאָרער קאָן נישט זיין.

דער „דערפון איז געדרונגען" זאָגט, אַז דער ריכטיקער יידישער שאַ־פונגס־וועג אין מדינת־ישראל און מחוץ פון איר, אויף העברעאיש און אויף יידיש, איז בלויז איינער, אַ בשותפותער, וואָס זיין פאָן און זיין סימבאָל איז דער טאָפּל־אָדלער: ביאַליק־פּרץ.

◈

חיים גרינבערג

א

עס איז, דאַכט זיך, נישטאָ נאָך אַ דור אין דער יידישער געשיכטע, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן צו אונדזער דור פון גרעסטן פאָלקס־חורבן אין פון וואונדערלעכסטן נאַציאָנאַלן אויפקום מיט זיין שפע פון גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע אומרוען, איבערלעבענישן און אַספּיראַציעס. סיידן — מיר זאָלן צוריקגיין אַ מהלך פון צוויי טויזנט יאָר ביז צו דער צייט אַרום חורבן בית שני, וואָס איז מיט איר אידייען־געקריץ און מיט איר אידעאַלן־געברויז געוואָרן די קלאַסישע צייט אין אונדזער היסטאָריע.

עס וועלן דערפאַר היסטאָריקער מיט רעכט זיך גריבלען אין די גע־שעענישן פון אונדזער יידישער גענעראַציע און וועלן פּסיכאָלאָגיש אַרומ־נישטערן אין דעם געזעמל פון אירע אויסדערוויילטע, פון אירע פירער, וואָרט־זאָגער, טראַכטער און שרייבער.

די פאַרשער לשם וויסנשאַפט און לשם קינסטלערישער געשטאַלטיקונג װעלן זיך אַנשטויסן אין אונדזער דור אויף אַן אַ שיעור גוטע שרייבער־אויסגעצייכנטע רעדנער און קלוגע פּאָליטיקער, חריפותדיקע טעאָרעטיקער און דינאַמישע פּאָלקס־פירער — מיט איין וואָרט, אויף אַ פלעיאַדע פון באַגאַבונג און אידעאַליזם ווי זעלטן אין אַ דור, ווי פּאַסיק פאַר אונדזער אויסנעמלעכן דור.

אָבער געציילטע זיינען יענע פּראָמינענטע פון אונדזער גרויסן דור, וואָס פון זייער מחשבה, פון זייער וואָרט און פון זייער לעבן וועט אויפלויכטן פאַרן פאָרשער און עס וועט זיך פאַר אים אַנטפּלעקן מיטאַמאָל אַ האַרמאָניש בילד פון דעם יידיש און מענטשלעך שענסטן, איידלסטן און אויך פּאָזיטיוויסטן, וואָס איז אין אונדזער דור געטראַכט, געטרוימט און געלעבט געוואָרן.

איינע פון יענע יחידי־סגולהדיקע געשטאַלטן, וואָס מיר, מיטצייטלער האָבן אין איר געזען אַ מוסטער פון אַ יידישער פּערזענלעכקייט פון אונדזערע טעג — איז געווען חיים גרינבערג.

איינער פון די גרויסע רעדנער פון אונדזער יידישן דור, איז חיים גרינבערג אויך געווען אַ כישופדיקער עסייאיסט מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל, אַ סטיל, וואָס אין אים איז כמעט אַלעמאָל אַנגעגאַנגען אַ גליקלעכע באַהעפטונג צווישן וואַרעמער, אידיאָמאַטישער רייד־שפּראַך און דין־געשליפענער געדאַנק־דעפיניציע, אַ סטיל, וואָס די קריטיש־שאַרפע ראיה האָט זיך אין אים שטיל־דראַמאַטיש געראַנגלט מיט דער איראָניש־מילדער איינגעהאַלטנקייט פון וואָרט.

וואָס שייך גרינבערגן דעם רעדנער, זיינען אין אונדזער יידישן דור נאָך פאַראַן בלויז צוויי, וואָס האָבן פאַרמאָגט דעם שיעור קומה פון גרינבערגס רעדנער־קונסט. די צוויי זיינען: ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. ווי אַ דריטן מעג מען, גלויב איך, צו זיי צושטעלן ד״ר אהרן סינגאַלאָווסקין.

זשיטלאָווסקיס כוח איז געלעגן אין דער אַרכיטעקטור פון זיין רעדע און אין איר שאַרפער, לאָגישער ליניע. אויך זשאַבאָטינסקי האָט פאַרמאָגט אַ צווינגנדיקע לאָגיק און אַ נאָך מער ממשותדיקע, מער לעבנס־נאָענטע לאָגיק ווי זשיטלאָווסקי, און דערצו האָט ער נאָך פאַרכאַפּט מיט דער טעאַטראַליש־קייט פון זיין אַרגומענט און מיט דעם קנאותדיק־טריבונישן כוח הדוחף פון זיין וואָרט.

דער יינגסטער צווישן זיי, חיים גרינבערג, האָט צו דעם דינעם אַנאַליז פון געדאַנק און צו דער קלאָר־שאַרפער פאָרמולירונג פון ראיה מוסיף געווען די אויסנעמלעך־פּאָעטישע וואַרעמקייט פון זיין געמיט, די זעלטענע

מוזיקאַלישקייט פון זיין וואָרט און ועל כולם אַ באַצווינגענדיקן טעם פון צער־דיקער, טיף־עטישער איבערלעבעניש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זייז זשעסט, פון זיין שטים, פון זיינע טונקעלע אויגן און פון זיין גאַנצער לולב־דיק־שלאַנקער געשטאַלט אויף דער טריבונע.

און אַחוץ פילאָסאָפישער שריפטשטעלער, אַחוץ גרויס־השפּעהדיקער פּובליציסט און רעדנער איז חיים גרינבערג נאָך געווען אַ וויכטיקער כלל־טוער, וואָס האָט זיין חלק אין דער אויספורעמונג און אין דעם אויפשטייג פון דער יידישער גאולה־באַוועגונג אין אונדזער צייט. אָנגעהויבן האָט זיך די דאָזיקע עבודת־האומה מיט אַן ערך אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק ווען גרינבערג, דאָס וואונדער־בחורל פון אַ יאָר פופצן, איז געשיקט געוואָרן צום זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל ווי דער קאָרעספּאָנדענט פון דער אָדעסער טאָג־צייטונג „אָדעסקיע נאָוואָסטי" און האָט דערנאָך פאַרכאַפּט אויך רעדנעריש די פאַרזאַמלונג פון דערוואקסענע, וואָס האָבן אויסגעהערט דעם בחורל'ס באַריכט וועגן דעם שטורמישן אוגאַנדאַ־קאָנגרעס אונטער הערצלס פּרעזידענטשאַפט.

פאַרענדיקט האָט זיך גרינבערגס ציוניסטישע אַרבעט אויפן קראַנקן בעט, וואו ער האָט אין מיט פון אוממענטשלעכע פיזישע יסורים, ביז אַן ערך צוויי מעת־לעת פאַרן טויט נישט אויפגעהערט צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט דעם רעדאַקציע־סעקרעטאַריאַט פון „יידישן קעמפער" און מיט דער „אָפּטיילונג פאַר קולטור און דערציאונג" פון דער יידישער אַגענטור.

און איבער פופציק יאָר דאַצווישן שפּרייטן זיך אינטענסיווע ציוניסטיש־פּאָליטישע און ציוניסטישע קולטור־אַקטיוויטעטן, די טעאָרעטישע און אָרגאַ־ניזאַטאָרישע פורעמונג פון דער „צעירי־ציון" באַוועגונג אין קעשענעוו אינ־איינעם מיט זיין פריינד, דעם היינטיקן ראש־הכנסת, יוסף שפּרינצאַק; די אָנפירערשאַפט פון דער „תרבות"־אַרבעט אין רוסלאַנד אין די יאָרן פאַר און צום טייל אויך בעת דער רעוואָלוציע; די רעדאַקטאָרשאַפט פונעם ציוניסטישן וועלט־אָרגאַן „העולם" אין בערלין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה; די גייסטיקע פירערשאַפט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַ־וועגונג אין אַמעריקע פאַר איבער אַ פערטל יאָרהונדערט; די שאַפונג פון אַזעלכע צוויי אָנגעזעענע פּובליציסטישע טריבונעס ווי דער „יידישער קעמ־פער" און „דזשואיש פראָנטיר"; די מיטרעדאַקטאָרשאַפט פונעם „בצרון" און די סטימולירונג פונעם יידיש־ און העבּרעאיש־שעפערישן וואָרט אין אַמעריקע; די דיפּלאָמאַטישע אַרבעט לטובת מדינת ישראל אין די לענדער פון צענטראַל־אַמעריקע ערב דער „יו־ען"־אָפּשטימונג דעם 29טן נאָוועמבער 1947, און דעמאָלט און דערנאָך — אין די אינטעלעקטועלע און קירכלעכע קרייזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן; די מיטגלידערשאַפט אין דער „יידישער

אַגענטור" און די דערפאָלגרייכע אָנפירונג פון דער אַגענטורס „אָפּטיילונג פאַר קולטור און דערציאונג", וואָס האָט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר שטאַרק סטימולירט דעם העברעאישן חינוך אין די גלות־לענדער און האָט מיט דער הילף פונעם ניו־יאָרקער יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר געשאַפן אַ זייער צוזאַגנדיקע און האָפנונגספולע פאַרבינדונג צווישן די לערן־אַנשטאַלטן פון דער יידישער אַמעריקע און מדינת ישראל.

עס שווימען אַרויף שבועסן מיט אים, עס לויכטן אויף אין זכרון טיילן פון זיינע רעדעס און עסייען, וואָס איך האָב מיט געדויערדיקער געשפּאַנטקייט נאָכגעפאָלגט אין משך פון מיינע יאָרן אין אַמעריקע, און עס שטעלט זיך צו זיי צו ווי אַ פּאַטעטישער סוף־פּסוק די צוואה, וואָס גרינבערג האָט געלאָזט מכוח דעם נוסח פון זיין לויה, און דערעיקרשט דער אָנזאָג צו לייענען דאָס קאַפּיטל אַכט־און־צוואַנציק פונעם ספר „איוב", און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר, ווי מיר דאַכט, היפּש קלאָר גרינבערגס בליק אויף דער וועלט, אויף ייד און מענטש — די סינטעטישע לעבנסוויזיע זיינע, וואָס האָט אים אין אונדזערע אויגן דערהויבן צו אַ יידישער אידעאַל־געשטאַלט פון אונדזער דור.

ווען איך טראַכט וואָס עס איז געווען דער סאַמע יסוד פון חיים גרינבערגס וועלט־בילד, קומט מיר אויפן זינען אַ מעשה, וואָס ער פלעגט ביי אַ פּאַסי־קער געלעגנהייט ליב האָבן צו דערציילן און האָט זי אויך איבערדערציילט אין איינער פון זיינע עסייען. עס איז אַ מעשה מיט צוויי סאָוועטישע פּילאָטן, וואָס האָבן „עדות געזאָגט" (דער פאַרשטאָרבענער „פּראַוודאַ"־רעדאַקטאָר, דער ייד יאַראָסלאַווסקי, האָט די „עדותשאַפט" געלאָזט אָפּדרוקן) אַז עס איז קיין גאָט נישטאָ. דער באַוויז? די דערמאָנטע פּילאָטן האָבן זיך אויפגעהויבן מיט זייערע עראָפּלאַנען כמה וכמה טויזנטער מעטער הויך און האָבן לאַנג אַרויסגעקוקט פון זייערע פלי־מאַשינען דורך מעכטיקע טעלעסקאָפּן אָבער — גרינבערג האָט דערביי אַ פאַרשעמטן שמייכל געטאָן — זיי האָבן אַרום און אַרום קיינעם נישט געזען.

אין גרינבערג האָט אין זיין עסיי — עס איז דאָס איינער פון זיינע בריוו אין דער זייער אינטערעסאַנטער קאָרעספּאָנדענץ וועגן אמונה און מצוות מיט אברהם מענעסן — געמאַכט דעם אויספיר פון דער דאָזיקער סאָוועטיש־פּילאָטישער עדותשאַפט, דהיינו, אַז אין תוך לעבט אין יעדן פון אונדז ערגעצוואו עפּעס פון דער דאָזיקער אַרגומענטאַציע און דאָס — האָט גרינבערג געהאַלטן — האָט פאַר אונדז אַלע, חכמים ונבונים, פאַרשווערט און אפשר אויך אוממעגלעך געמאַכט צו פאַרענטפערן די עלעמענטאַרע סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט.

ווארעם כדי צו קענען פארענטפערן די דאזיקע סאציאלע פראבלעמען דארף מען — האט גרינבערג געשריבן און אויך אמאל מסביר געווען בעל־פה — פאר אלעמען האבן א געפיל פון מענטשלעכן ווערט, מע דארף האבן די איבערצייגונג פון דער מענטשלעכער חשיבות.

און מיט דער מענטשלעכער חשיבות איז אזוי. אויב — האט גרינבערג ווייטער געצויגן זיין אויספיר —אין דער „סטראטאספערע" איז טאקע קיינער נישטא און אין די הימלען איז „לית דין ולית דיין", פארלירט דער מענטש אויף דער ערד זיין „קאסמישע חשיבות" און אן קאסמישער חשיבות איז אויך נישט געמאלט קיין „סאציאלע חשיבות".

דער גרונט־פרינציפ פון גרינבערגס וועלט־אנשויאונג איז געווען: פון „גאט אין הימל" צום „מענטש אויף דער ערד". די ביידע פרינציפן זיינען אבסאלוטע, און עס איז נישט געמאלט קיין שום מינערונג און קיין שום פשרה ארום דער עקזיסטענץ פון א „לעבעדיקן גאט" און ארום דער „קאסמישער" און סאציאלער חשיבות פונעם מענטש.

נישט פון ייד און אפילו נישט פון מענטש גייט גרינבערג ארויס אין זיין וועלט־בילד, נאר פון א „אלהים חיים", וואס אן זיין וואכער עקזיסטענץ אין געמיט פון בן־אדם און אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט זיינען אין תוך נישט געמאלט קיין ענטפערס נישט אויף יחידישע און נישט אויף סאציאלע און אויך נישט אויף פאלקישע פראבלעמען.

אין שיין פון אט די צוויי שטענדיקע זעאונגען: לעבעדיקער גאט און אבסאלוטע מענטש־חשיבות האט גרינבערג באטראכט אלע סאציאלע און נאציאנאלע שטרעבונגען פון זיין אייגן יידיש פאלק און פון אלע פעלקער אויף דער וועלט. אלץ וואס קומט אין סתירה מיט אט די עיקרים פון גרינבערגס וועלט־בילד איז דאס „שלעכטס" וואס „גאט האט געבאטן" עס אויסצובעסערן, עס אפצוראמען.

און אט די מי אויסצובעסערן זיך אליין, דעם „עולם קטן" און אויך די פארקריפלטע שייכותן צווישן מענטשן און פעלקער אין דער גרויסער וועלט — דאס איז בן־אדמס שטענדיקע מאראלישע שפאנונג, וואס אויף איר לעבט ער ווי א מענטש און מחמת אט דעם שטענדיקן מאראלישן עול איז ער, וואלט איך געזאגט, אין „תניא"־לשון, א „גייער" און נישט קיין שטייער.

און דערפאר האט חיים גרינבערג מיט רעכט כאראקטעריזירט דעם מארקסיסטישן סאציאליזם ווי א תורה פון מיסטישן סאציאליזם, ווי א תורה פון אום־טראגישקייט, א תורה פון לייכטזיניקן אפטימיזם, וואס האפט דורך דער רעאליזירונג פון א קלאסנלאזער און צו גאט נייטראלער געזעלשאפט

צו פֿאַרווירקלעכן אַ „גן־עדן" אויף דער ערד און אָפּצושאָפֿן אַלע מאָראַלישע שפּאַנונגען פֿון דער מענטשלעכער נשמה.

אין ליכט פֿון גאָט און מענטש־חשיבות האָט גרינבערג אויך געזען דעם ציוניזם, מדינת ישׂראל און דאָס גאַנצע יידישע לעבן. ער האָט עס איינגעראַמט אין דער גרויסער ראַם און האָט קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז ווי אַלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידעאַלן איז אויך דער אידעאַל פֿון יידישן אויפֿלעב, פֿון יידישן קיום, בלויז אַ מיטל צו יענער מענטש־חשיבות.

עס איז דערופֿאַר קלאָר, אַז חיים גרינבערג האָט נישט געקענט מעסטן, איז אָרגאַניש־נשמהדיק נישט פֿעאיק געווען צו מעסטן מיט צוויי מעסטלעך: מיין פֿאָלק און אַנדערע פֿעלקער, און אַז דער זין פֿון זיין לעבן איז געווען גובר צו זיין וואָס מער די מחיצה, וואָס בן־אָדמס שדיש פֿינטעלע שטעלט אַוועק צווישן „איך" און „דו".

גרינבערג האָט זיך מיט זיין געדאַנק, מיט זיין געמיט און מיט זיין לעבנספּירונג אַנטקעגנגעשטעלט די גאָט־פֿאַרליבטע, וואָס זיינען צו דערזעלבער צייט מענטשן־יאָגער; ער האָט נישט געהאַט קיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר ראַדיקאַלע מענטש־פֿאַרגעטערער, וואָס מיינען ערנסט אָדער שפּילן זיך אין גאָט־פֿאַראַכטונג; ער האָט נישט געהערט צו די אין אייגענעם פֿאָלק איינגעגלויבטע און איינצייטיק וועלט־אָפּגעקערטע, און אוודאי נישט צו די שאַרפֿע גערעכטיקייט־מאַנער, וואָס נעמען זיך איבער מיט זייער נאַציאָנאַלער זעלבסט־גערעכטיקייט.

ער האָט פֿאַרשטאַנען, ווי ער האָט עס פֿאָרמולירט אין זיין גרויסער עסיי „בחירה און בכורה" אַז „אַ געוויסע פֿאָרם פֿון נאַרציסיזם איז זייער אָפֿט אַן ענטפֿער אויף רדיפֿות און פֿאַראַכטונג פֿון דרויסן", אָבער ער איז געווען זיכער אַז „אין דערזעלביקער צייט רעוואָלטירט די פֿאָלקס־נשמה קעגן נאַציאָנאַלער איבער־גאווה, וואָס איז אין תוך אַן אָפּלייקענונג פֿון דער וועלטס איינהייט און פֿון דער אָרגאַנישער אחדות פֿון מענטשלעכן מין".

דערפֿאַר איז זיין ציוניזם געווען אַזאַ אַבסאָלוט הומאַניסטישער און זיין טיפֿע און וואָרצלדיקע יידישקייט אַזוי נביאיש, אַזוי מענטשהייט־געלייטערט.

איבעראַל וואו מענטשן און פֿעלקער האָבן געקעמפֿט פֿאַר פֿרייהייט און חשיבות איז גרינבערגס געדאַנק און גרינבערגס געמיט געווען מיט זיי, און איבעראַל וואו מענטשן האָבן געטאָן אומרעכט האָט גרינבערגס וואָרט געהאַט דעם באַגער זיי צו וועקן צו תשובה און ער אַליין — דעם באַגער מיט זיי אינאיינעם תשובה צו טאָן.

און דערפֿאַר האָבן מיר אויך אָפֿט געהערט (און עס איז געווען גוט עס צו הערן) זיין מוטיק מוסר־וואָרט אויף אונדזער אייגענעם פּראָנט פֿון מי העגן שלעכטס און אומרעכט. זיין מוסר־וואָרט האָט אָפּגעפֿרישט, עס האָט

געמינערט די זעלבסט־גערעכטיקייט און געגעבן פליגל דעם קאַמף פאַר גערעכטיקייט.

מערץ 1953

ב.

וואָס מער צייט עס רוקט זיך אָפּ פון יענעם שבתדיקן פרימאָרגן ערגעץ אין דער קאַלענדאַרישער מיט צווישן פורים און פסח, ווען חיים גרינבערג איז נאָך לאַנגע וואָכן פון שווערע פיזישע יסורים געבליבן ליגן אַ פאַר־גליווערטער אין די אָרעמס פון טויט, אַלץ בולטער און קלאָרער שטייט אויף פאַרן אינעווייניקסטן אויג זיין לעבעדיקע געשטאַלט.

די טיפע וואַרעמע שטים, וואָס איז אין די יסורים־וואָכן ווי פאַרנעפּלט געוואָרן, טראָגט זיך ווידער אין פולער געלייטערטקייט צו אונדזער אויער. דאָס לענגלעכע מיט גייסטיקער זאָרג שטענדיק באַהעלטע פּנים, וואָס איז אין די טעג פון פיזישער פּיין ווי פאַרטונקלט געוואָרן, שיינט ווידער אַריין מיט זיין פולן ליכט אין אונדזער געמיט.

עס ווערן אין אונדזז פונדאָסניי וואַך חיים גרינבערגס לעבעדיקע רייד פון דער טריבונע און ביי היימישע מסיבות מיט פריינט. און נישט בלויז לעבן מיר איבער, און אפשר מיט מער אינטענסיווקייט ווי דעמאָלט, די לעבעדיקע באַזונדערקייט פון גרינבערגס אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער געשטאַלט, נאָר עס צייכענען זיך פאַר אונדז אַן קלאָרער ווי דעמאָלט אין די יאָרן פון זיין גופישער עקזיסטענץ, די עלעמענטן פון זיין גייסטיקער באַזונדערקייט.

חיים גרינבערג איז געווען איינער פון די געציילטע גרויסע רעדנער פון אונדזער יידישן דור; ער איז געווען אַ שריפטשטעלער מיט אַן אויסער־געוויינלעכן גלאַנץ פון סטיל; ער האָט פאַרמאָגט אַ כּוח פון שאַרפן געדאַנק־לעכן אַנאַליז; ער האָט וואונדערלעך באַהערשט די קונסט פון דערציילן בעל־פּה און צום טייל אויך בכתב, און זיין גערעדט און געשריבן וואָרט האָט געציטערט מיט לירישער וואַרעמקייט און האָט געשפּרודלט מיט ליכטיקן הומאָר.

אָבער די אַלע אויסגערעכנטע מעלות וואָלטן נאָך אַלץ נישט געווען אימשטאַנד אַוועקצושטעלן חיים גרינבערגן אין דער באַזונדערער אינטעלעקטועל־מאָראַלישער נישע, אין וועלכער ער איז געזעסן, ווי מיר האָבן דאָס געזען ביי זיין לעבן און זעען עס איצט אַלץ קלאָרער נאָך זיין טויט.

אויסגעטיילט האָט זיך די געשטאַלט חיים גרינבערג אין דער גאַלעריע פון שיינע און וואונדערלעכע געשטאַלטן פון אונדזער דור דערעיקרשט אַ דאַנק צוויי אַספּעקטן פון זיין פערזענלעכקייט.

דער ערשטער אַספּעקט איז געווען זיין קולטור־רייפקייט, און דער צווייטער — זיין מאָראַלישע ליידנשאַפט, זיין בענקשאַפט נאָך הייליקייט.

קולטור־רייפקייט מיינט נישט אַזאַ און אַזאַ מאָס פון וויסן אָדער אַזאַ און אַזאַ מדרגה פון לומדות.

דער ערודיט איז אין תוך נישט מער ווי אַ קולטור־טרעגער, אַ נושא ספרים, אַפילו דעמאָלט ווען די ספרים און די מחשבות זיינען קאַטאַלאָגירט און געסדרט אין זיין קאָפּ לויט אַלע פּירשריפטן פון וויסנשאַפטלעכער מעטאָדיק.

קולטור־רייף ווערט דער מענטש פון וויסן ווען עס לעבט און ס׳איז יואָך אין אים אַ וועלט־אַנשויאונג, די זעאונג פון אַן אידייאישער וועלט־גאַנצקייט.

וועלט־אַנשויאונג איז אידענטיש מיט דער וויזיע פון גאַנצקייט. און יעדעס ביסל וויסן, יעדע געזעלשאַפטלעכע קענטעניש און יעדער געדאַנק הערט אויף אין ראַמען פון וועלט־אַנשויאונג צו פּראַווען לומדישן און טראַכטערישן שבת פאַר זיך.

ביים מאַן מיט אַן אייגענער וואַכער וויזיע פון אַ וועלט־בילד גייט אַלץ, וואָס ער האָט אַמאָל אָדער אָקאָרשט געלערנט, דורך דעם פילטער פון זיין גאַנצקייט־זעאונג, און נישט עס ווערט איינגעאָרדנט אין דעם וויסן־ און געדאַנקען־אַלמער פון זיין מוח, נאָר עס ווערט ניי־געבוירן, אור־געבוירן אין זיין געמיט.

לומדים, ערודיטן און גוטע קעפּ, וואָס קענען חידושדיק מסביר זיין פּרעמדע געדאַנקען און אויך טראַכטן און דורכטראַכטן אַן אייגענעם געדאַנק, זיינען נישט קיין זעלטענע דערשיינונג אין אונדזער אַזוי־געררופענער וועלט־לעך־גייסטיקער סביבה.

ביי גרינבערגן אָבער איז דאָס וויסן, די ערודיציע און די מחשבה עלעהיי ווי ביי אַ פּאַרצייטיק־פרומען יידישן גאון קיינמאָל נישט געווען מחוץ פון זיין וועלט־בילד און דערמיט קיינמאָל נישט אויסער־מאָראַליש.

ווי אַ פרומער יידישער בן־תורה לעבט איבער די מורא פון אום־מאָראַל ביי יעדן קער און ווענד אין לעבן, אַזוי האָט חיים גרינבערג איבערגעלעבט די פּראַגמענטישקייט פון זיין געזעלשאַפטלעכער אידיי און אַרבעט.

אונטערן שייך פון אייגענער וועלט־בילד־זעאונג איז אינסטיטוציע, פּאַרטיי און אַפילו פאָלק און מדינה נישט מער ווי אַ טייל פון די ווערטן, וואָס שטעלן צונויף די ווערטן־גאַנצקייט פונעם מענטש.

די מאָראַלישע וועלט־זעאונג — זי קען הייסן רעליגיע, פילאָזאָפישער סיסטעם אָדער אַפילו בלויז אַזוי בלאָס ווי עטישע איבערצייגונג — געהערט

צו דער ספּערע פונעם אַבסאָלוטן, בעת פּאַרטיי, געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציע און אַפילו פאָלק און מדינה זיינען זאַכן, וואָס קומען אויף און גייען אונטער אין גדר פון רעלאַטיוויקייט.

און ווייל חיים גרינבערג האָט אַזוי וואַכיק און אינטענסיוו איבערגעלעבט אין זיין געמיט דעם חילוק צווישן די רעלאַטיווע פראַגמענטן און דער אַבסאָלוטער גאַנצקייט (ער האָט אַט דעם אונטערשייד דרייסט, קלאָר און צמצומדיק פאָרמולירט אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן אין זיין עסיי: „זיבן טעזיסן וועגן שטאַט און רעליגיע", האָט עס געוויזט מיט אַזאַ מאָראַלישן אומרו פון זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

חיים גרינבערגס געמיט איז געווען אומרואיק טאָמער נעמט אַ צייט־ווייליקער אַספּעקט פון זיין געפיל און מחשבה די אויבערהאַנט איבער דער אויסשליסלעכער לאָיאַליטעט, וואָס ער איז שולדיק דער אַבסאָלוטקייט, דער גאַנצקייט פון זיין וועלט־וויזיע.

סטיליסטיש, סיי בעל־פה און סיי בכתב, איז דער דאָזיקער אומרו געקומען צום אויסדרוק אין דער סקעפּטישער פּאַרטראַכטקייט פון גרינבערגס וואָרט, אין דער עלעגישער קאַדענץ פון זיינע זאַצן און אַ סך מאָל אויך אין דעם טרויעריק־קלוגן שפּיל פון זיין סיפור־המעשהדיקייט.

אין סטיל פון זיינע רעדעס און עסייען און אויך אין דעם נוסח פון זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט זיך גרינבערגס צווייפל (נוצנדיק הייגעס אַ וואָרט) אויסגעצווייפלט, און זיין מאָראַלישער אומרו האָט דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום פון צער און פּיין.

אָבער הינטער דער סקעפּטישער עלעגאַנץ פון געשריבענער און גע־רעדטער פאָרם און הינטער דער פאַרזאָרגטער און רעזיגנירטער אַריינגע־טוענקייט אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז געשטאַנען, בעסער געזאָגט, איז געגאַנגען אַן עקסטאַטישער מאמין אין אַ בורא עולם, אַ גייער מיט איינגעקלעמטע לוחות אין האַנט און מיט אויסשליסלעכער לאָיאַליטעט צו דער העכסטער אַבסאָלוטקייט, וואָס אַנטפּלעקט זיך צום מענטשן אין דעם סוף־פּסוק פון 28טן קאַפּיטל „איוב": „און ער האָט געזאָגט צום מענטשן: זע מורא פאַר גאָט דאָס איז חכמה, און זיך אָפּקערן פון שלעכטס איז פאַר־שטאַנדיקייט".

חיים גרינבערגס געזעלשאַפטלעכע אידיאַישקייט און אַרבעט זיינען געווען בחזקת פון יענער פראַגמענטאַרישקייט, וואָס האָט פאַר אים נאָר דעמאָלט געהאַט אַ זין, ווען מען קען איבער איר זיך אַליין און אַנדערע דערפירן צו דער זעאונג פונעם גאַנצן וועלט־בילד.

מלוכהשאַפט האָט פאַר חיים גרינבערגן נישט געקענט זיין קיין ציל. זי

איז בלויז געווען אַ מיטל צו פֿאָלק און צו כנסת־ישראל, אַ מיטל פֿון בציבורדיקן גאַנג צו מלכות שדי אויף דער ערד.

דאָס אויסנעמלעכע און אויפטרייסלענדיקע אין דער חיים גרינבערג־געשטאַלט איז געווען די פּערמאַנענטע אינטענסיווע איבערלעבעניש פֿון יראת הכבוד צו דער מיסטעריע פֿון מענטשלעך לעבן. ד׳ נתן וד׳ לקח. גאָט האָט „אַריינגעבלאָזן אַן אָטעם פֿון לעבן" און קיינער אַחוץ גאָט טאָר דעם אָטעם נישט אויסלעשן אפילו ווען דאָס זאָל געטאָן ווערן מיט דער שענסטער און איידלסטער כוונה פֿון רחמנות און ליבשאַפֿט.

אינאיינעם מיט אָט דעם אַבסאָלוטן דרך ארץ פֿאַרן מענטשנס לעבן האָט פֿון גרינבערגס בעל פּה און בכתב (זע דערעיקרשט זיין עסיי: „מיתת נשיקה") אַרויסגעצערט אַ טיף רעליגיעזע באַציאונג צו בן־אָדמס פֿיזישע ליידן, עס האָט אַרויסגעטרויערט דער באַגער צו באַרעכטיקן דעם מענטשנס יסורים און צו געפֿינען אַ זין אין זיי.

ווי פֿיינלעך־עכט און וואָר עס איז געווען אָט די געדאַנקלעכע און רעליגיעז־עמאָציאָנעלע איבערלעבעניש, דערויף זאָגט עדות דער אופֿן ווי אַזוי חיים גרינבערג האָט אויף זיין קראַנקן בעט מקבל באהבה געווען די אוממענטשלעכע פֿיזישע יסורים, וואָס אים איז באַשערט געווען איבערצו־טראָגן.

צוזעענדיק די געדולד און הכנעה, מיט וועלכער גרינבערג האָט אין משך פֿון לאַנגע וואָכן דורכגעליטן זיינע שווערע יסורים, האָט מען אָנ־געהויבן פֿילן דעם אמת פֿון פּסוק „כי את אשר יאהב ה׳ יוכיח" (וועמען גאָט האָט ליב, שטראָפֿט ער). מען האָט געשפּירט ווי „איבער דעם חולהס בעט רוט די שכינה" און מען האָט געזען ווי אין דעם קראַנקנס אויגן מיניען זיך און פֿלעמלען טיפֿענישן וואָס „בלויז דער גרויסער שמערץ אַנטדעקט פֿאַר אונדז און וועגן וועלכע דער נישט־געפּרוואווטער האָט אַפֿילו קיין אַנונג ניט", און — מען האָט פֿאַרשטאַנען די זעלישע דערהויבנקייט פֿון דער ברכה, וואָס חיים גרינבערג האָט זי פֿאָרמולירט אין אַן אַנדערער עסיי אַרום דעם ענין מענטשלעכע ליידן, די ברכה: ברוך מתיר יסורים.

אין שיין פֿון דער „הגשמה עצמית", אין שיין פֿון די יסורים באהבה, וואָס חיים גרינבערג האָט דורכגעלעבט אויף זיין קראַנקן־בעט, באַקומט דער אַפּאָ־טעאָז פֿון ליידן אין דער עסיי „מיתת נשיקה" אַן אַנדערן גלי, אַ גלי וואָס ברענט העלער און טיפֿער ווי דער פֿלאַם פֿון וואָרט און זעט ווייטער און וואָרער ווי די זעאונג פֿון געדאַנק.

און דאָס אויסנעמלעכע און אויפטרייסלענדיקע אין דער געשטאַלט פֿון חיים גרינבערג איז אויך געווען וואָס ער האָט נישט בלויז באַגלייך מיט אַלע מאמינים געחלומט וועגן הייליקייט, נאָר וואָס ער האָט אַלע פּסיכאָלאָגישע

ווייסעניישן צום טראָץ, געהאַט דעם מוט צו לעבעדיקער פּערזענלעכער בענקשאַפט נאָך איר.

די דאָזיקע בענקשאַפט, די התפּעלות פאַר פּאָטענציעלער און אוודאי פאַר דער מינדסטער וואָר־רעאַליזירונג פון היילעקייט, האָט אַרויסגערעדט, און אַפילו געצוימט אַרויסגעשריגן פון גרינבערגס עסייען און פון זיינע פּריוואַטע שמועסן, סיי אין געדאַנקלעכער פּאָלעמיק מיט אַנדערע און סיי אין מאָראַליש־אויטאָ־קריטישע איבערפרעגענישן מיט זיך אַליין.

„שנים מהלכין בדרך״ (צוויי זיינען געגאַנגען אין וועג), ברענגט די גמרא, און איינער פון זיי האָט געהאַט אַ קרוג וואַסער. ווער פון זיי זאָל טרינקען און בלייבן לעבן? בן פּטורא האָט געדרשנט: זאָלן זיי בײדע טרינקען און נישט צוזען ווי דער אַנדערער שטאַרבט. ר׳ עקיבא האָט געפּסקנט: חייך קודמין, ד״ה אַז דיין לעבן קומט פריער און דער אַנדערער זאָל שטאַרבן.

גרינבערג האָט אַרום אָט דער גמרא, וואָס איז פאַר אחד־העמען געווען אַ יסודותדיקער ביישפּיל פון יידישן צדק, אויסגעמאָלן זיבן אַנדערע מאָראַלישע מעגלעכקייטן צווישן די „צוויי וואָס זיינען געגאַנגען אין וועג״.

אַלע זיבן מעגלעכקייטן זיינען, ווי גרינבערג באַצייכנט זיי, „טראַגישע עפּילאָגן, וואָס ווערן נישט געלייזט, נאָר „אויפגעלייזט״ מיטן כוח פון טראַ־געדיע״. אָבער פינף פון די זיבן, וואָס גרינבערגס פאַנטאַזיע האָט פאַר אונדז אויסגעמאָלן, אָטעמען מיט בענקשאַפט נאָך היילעקייט, מיט „חיי חברך קודמין״, און זיינען פול מיט חלום אַרויסצופירן דעם מענטשן מיטן כוח פון קדושה און פון מסירות נפש „פון זיינע גרענעצן און באַגרענעצקייטן, פון די דלד אמות פון מענטש און צופיל מענטש״ (זע: די עסייען „גליך און אומגלייך״ און „מענטש, און וואָס ווייטער?״).

בענקשאַפט נאָך היילעקייט און קולטור־רייפקייט שעפּן אוודאי נישט אויס די אינטעלעקטועל און מאָראַליש פּילפּאַרביקע פּערזענלעכקייט פון חיים גרינבערג, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז זיי זיינען די גייסטיק העלסטע ליכטער זיינע. זיי זיינען געווען די אויגן פון זיין נשמה.

(1956)

III

מיין ווערק מיינט גאָר נישט. נישט איך שרייב מייסטערווערק און נישט דורכאויס שלעכטע ביכער. אַז די לייענער זאָגן ס'איז גוט, ווערט עס גוט, אַז זיי זאָגן ס'איז שלעכט ווערט עס שלעכט. אָבער שרעקן, שרעקט מיך וואָס ערגעצוואו אין דער וועלט איז פאַראַן אַ גאָט. איאָ, ער איז דאָ?! (פון דער דערציילונג „וויאָנס וויב" פונעם יאַפּאַנישן שרייבער דאַזאַי אָסאַמו (1909—1948

די דערציילערישע קונסט באַשטייט דערין — מיטן קלענסטן באַנוץ פון דרויסנדיקן לעבן צו באַוועגן אויפן שטאַרקסטן אופן דאָס אינעווייניקסטע, וואָרים דאָס אינעווייניקסטע איז אין תוך דער אָביעקט פון אונדזער פאַראינטערעסירטקייט. (אַרטור שאָפּענהאַוער: פּארערגא אונד פּאַראַלי־פּאָמענאַ II, צור מעטאַפיזיק דעס שענען אונד עסטעטיק, פּאַראַג. 232

אברהם רייזען

א.

צווישן אַלע קלוגע בעלי־בתיש־נגידישע און חסידיש־לומדישע יידן פונעם ר׳ איציקל־שולעכצן, וואו מיין משפחה האָט געדאַוונט, איז דער קלוגסטער געווען ר׳ פּנחס.

איך בין געווען זיכער אין דעם דעמאָלט, מיט קנאַפּע פופציק יאָר צוריק, ווען איך האָב די דאָזיקע יידן געזען פון דער נאָענט מיט די אויגן פון אַ בר־מצוה־בחור, און נישט אַנדערש דאַכט זיך מיר היינט, ווען איך קוק אויף יענע געשטאַלטן פון דער ווייט דורך די ברילן פון רייפן געמיט.

ר׳ פּנחס איז דווקא נישט קיין ייד, אַ נגיד. ער איז בלויז אַ בעל־מלאכה, אַ שפּאַניע־מאַכער. ער אַרבעט אויס די זילבערנע און גילדענע עטרות צו די טליתים.

און ביי די שמועסן איז ער אויך תמיד דער עטרה־מאַכער. פירט זיך אַ שמועס, — אַ ברייטער, רחבותדיקער טלית. קומט ר׳ פּנחס מיט זיינע רייד, און זיינע רייד זיינען אַלעמאָל דאָס זילבערנע אויסהעפטעכץ, וואָס מאַכט נישט נאָר שענער דעם טלית, נאָר מאַכט אים אויך רעאַלער. דער טלית ווערט אויס סתם קלייד און איינהיל. ער זונדערט זיך אָפּ פון אַלע איינהילן און ווערט דער טלית פון אַ ייד אַ בעל־תורה און אַ בעל מידות אין חשיבותדיקן ר׳ איציקל שולעכצן.

וויפיל מאָל איך געדענק אַ שמועס צווישן יידן אין ר׳ איציקל שולעכצן, אָדער אַרום דעם דעמבענעם טיש ביי מיין זיידן אין דער מעבל־שטוב, איז פּנחס שפּאַניע־מאַכער אַלעמאָל געווען דער פּאַרענדיקער — דער זיגער.

אַזוי געדענק איך ווי דער שפּאַניע־מאַכער ווענדט זיך ביי איינעם אַ שמועס צום הויפּט־רעדנער, צו ר׳ יהושע העשל דיין, דעם גרויסן למדן און דעם גרויסן ירא־שמים —

„איר וואָרנט אונדז ר׳ יהושע העשל נישט צו פאַרגעסן, אַז ראשית חכמה יראת ה׳ — זענט איר טאַקע אַוודאי גערעכט, אָבער וואָס איז דער ראשית פון יראת ה׳?

„וועל איך אייך זאָגן, ר׳ יהושע העשל — דער ראשית פון יראת ה׳ קען נישט זיין עפּעס אַנדערש ווי „ואהבת לרעך כמוך”.

אָט דעם אורשפּרינגלעכן עטישן ראשית האָט קיינער ביים וויכוח נישט געהאַט דערמאָנט, אָבער אַלע האָבן זיך צופרידן צעשמייכלט ווען פּנחס שפּאַ־ניע־מאַכער האָט אים אונטערגעטראָגן מיט אַזאַ גרינגשאַפט און זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט.

ווען איך טראַכט וועגן די פונדאַמענטן־לייגער פון דער יידיש־ליטעראַטור קומט מיר אויפן זינען דער „ראשית חכמה יראת ה׳״ מיט דעם שפּאַניע־מאַכערס תוספות.

מענדעלע דאָס איז די חכמה אין אונדזער ליטעראַטור. די גרויסע און צומאָל אויך אַביסל פּריקרע קלוגשאַפט פון לעבנס־קריטיק און פון געזעל־שאַפט־רעפאָרם.

פּרץ דאָס איז די ברוּיזנדיקע יראת הד׳ אין אונדזער מאָדערנער יידיש־שאַפונג. פּרץ האָט מיט זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ און מיט זיין „חסידיש״ געגעבן אַ ספר תורה און, דאַכט מיר, די ערשטע ספר תורה, אין דער שול פון יידיש־ליטעראַטור.

אברהם רייזען האָט מיט זיין ווערק, מיט זיין דערציילונג און מיט זיין ליד, אַריינגעבראַכט אין דער יידיש־ליטעראַטור דעם בראשית פון אַלע ראשיתן — דעם „ואהבת לרעך כמוך״.

און דערפאַר קומט מיר אויס, אַז הגם כראָנאָלאָגיש געהערט אברהם רייזען צו דער גענעראַציע פון די זין אין דער יידיש־ליטעראַטור, איז ער אָבער אין תוך, וואָס שייך נשמה־שטימונג און שרייבערישן געמיט, בלי ספק, נישט נאָר עלטער פון די אייניקלעך, נאָר אויך היפּשלעך עלטער פון זיינע פאָרגייערס — די טאַטעס פון אונדזער ליטעראַטור.

די טאַטעס האָבן פאַרמאָגט אַ יונגן, האָפערדיקן און שטורמישן געמיט. הייס און אויפרייסנדיק איז געווען דעם זיידע מענדעלעס בריענדיקע קריטיק פונעם יידישן לעבן; מיט יונגשאַפט און פאַרשייטקייט האָט געשוימט שלום־עליכמס געלעכטער און יוגנט האָט געשטורעמט אין פּרצעס חסידישן פּאַטאָס און אין דעם פייער פון זיין פאָלקסטימלעכער ראָמאַנטיק.

עס איז אָנגענומען צו באַצייכענען די נאָר וואָס דערמאָנטע „גרויסע דריי״ פאַר די קלאַסיקער פון דער יידיש־ליטעראַטור. אָבער צי איז די דאָזיקע באַצייכענונג אַחוץ אָנגענומען אויך ריכטיק? דאָס הענגט אָפּ דערפון וואָס פאַר אַ מיין מיר לייגן אַריין אין דעם וואָרט: קלאַסיקער. אויב מיר ווילן דערמיט זאָגן אַז מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם זיינען דער יסוד פון אונדזער ליטעראַרישן בנין און אונטערשטרייכן, אַז זייערע ווערק בלייבן סאַמע ערשטראַנגיקע מוסטערן פון אונדזער נאַציאָנאַלער שאַפערישקייט, דאַן איז די באַצייכענונג אַ פּאַסיקע. זי וועט אויך זיין פּאַסיק ווען מיר וועלן

דעם אַדיעקטיוו „קלאַסיש" אָנווענדן אויף מענדעלעס שפּראַכלעכן נוסח, וואָס האָט געהאָט אין זיך דעם כּוח צו ווערן דער פונדאַמענטאַלער אַלף־בית־פורעם פאַר דער קונסט פון שרייבן אויף יידיש.

אויב אָבער דאָס וואָרט קלאַסיש זאָל אין אונדזער באַנוץ אויך אַרייַנ־נעמען אין זיך יענע זעלישע אויסגעגליכנקייט און יענע געלאַסנקייט פון געשטאַלטערישן ריטם און טאָן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ דיכטעריש געמיט וואָס בונטעוועט זיך ניט קעגן זיינע לעבנס־צוואַונגען און אַקצעפּטירט פרידלעך דאָס אָנטפּלעקטע וועלט־בילד, — אויב דאָס איז דער עיקר־זין פון קלאַסיש, דאַן איז דער קלאַסיקער אין דער יידיש־ליטעראַטור נישט קיין אַנדערער ווי אברהם רייזען.

צו דער דאָזיקער קלאַסישקייט פון זיין געמיט און צו דער האַרמאָנישער פּשטות פון זיין קינסטלערישער געשטאַלטונג האָט רייזען נישט געדאַרפט ערשט דערקלעטערן אין ערשט זיך דערראַנגלען, ווארום ער געהערט צו יענעם לפי־ערך קליינעם געזעמל דיכטער אין גאָטס פּאָעטישן גאַרטן, וואָס ווערן שעפעריש געבוירן אָפּגעקלערטע און באַרואיקטע און זיינען פּטור פון מלחמות מיט זיך און פון נצחונות איבער זיך.

דער פּאָעטישער קאַמף וואָס רייזען האָט יאָ געמוזט פירן איז געווען נישט אויף צו דערגרייכן דעם פרידן פון זיין געמיט, נאָר אים נישט אָנצוואווערן. אַריינגעבוירן אין אַ צייט, וואָס האָט ליטעראַריש און געזעלשאַפט־לעך געברויזט מיט „שטורעם און דראַנג", האָט דער קלאַסיקער רייזען געמוזט קעמפן אויף אָנצוהאַלטן זיין קלאַסיציזם.

דער נצחון איז געווען אַ פולשטענדיקער. אינמיטן פון אַ ליטעראַטור, וואָס האָט געשוימט מיט קריטישן און ראָמאַנטישן אָפּטימיזם און אינמיטן פון אַ געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס איז נאָר וואָס גלויביק אויפגעשטורעמט גע־וואָרן פון „בונד" און פון ציוניזם און האָט געשמאַיעט מיט אידעאַלן און מיט פּראָגראַמען, איז רייזען געבליבן געטריי זיין פּעסימיסטישן וועלט־בילד.

אויף אָט דעם קאַמף און זיג זיינעם צו בלייבן דיכטעריש געטריי צו דער אייגענער שטילער און שמייכלענדיקער קוהלתדיקייט האָט רייזען אַליין סימבאָליש אָנגעוואונקען אין זיין דערמאָנונג פון די קינדער־יאָרן: „מיינע ערשטע האָנאָראַרן".

זיינע ערשטע פּרוואוון האָט דער צעניאָריקער דיכטער געלאָזט אָפּ־מבינען פון דער באָבען.

— אַ ליד געמאַכט... אייגער אַליין...

— גאַנץ פיין! — לויבט די באָבע נאָך איידער וואָס ווען — אדרבא, לאָמיך הערן...

אָבער אַז די באָבע דערהערט דאָס ליד גופא:

פאַר אַ גראָשן געלט
ענדיקט זיך די וועלט...

ווערן איבעריק אַלע אירע באָבעשע אַוואַנסן פאַרן אייניקל. אין עמבריאָן איז אין יענע שורות פון דעם יינגל־פּאָעט שוין פאַראַן דער טאָן פון טרייסטנ־דיקן פּעסימיזם וואָס רייזען האָט אים פונאַנדערגעזונגען אין זיינע לידער צום געזאַנג פון זיין לעבן, צום געזאַנג פון אַ פאָלק.

די אַלטע פרוי, וואָס נעמט אויף אין זיך די ערשטע קלאַנגען פון איר אייניקלס ליד, ווערט אויס באָבע; זי ווערט סימבאָליש דערהויבן צו פאָלק, וואָרום זי איז די אָנהייב־געשטאַלט אין דער איבער דורות לאַנגער שערענגע פון באָבעס, מאַמעס און שוועסטער, וואָס דער טרויער פון רייזענס ליד איז פאַר זיי געווען היילונג און זיין קוהלתדיקער שמייכל — טרייסט.

די ערשטע צוויי צײַלן, — דערציילט רייזען, — געפעלן איר שטאַרק. זי קאָן זיך ניט איינהאַלטן און ווענדעט זיך צום אויוועלע, וואו דער זיידע זיצט, ווי ניט אים מיינט מען.

— דו הערסט מאַשע, מאַשע דו הערסט, וואָס זאָגסטו אויף זיין קעפּעלע?

און אָט דיזעלבע ליבשאַפט פון חידוש און באַוואונדערונג, מיט וועלכער די באָבע האָט אַזוי ספּאָנטאַניש אויפגענומען די שורות פון רייזענס ערשטן ליד, האָבן דערנאָך צוויי דורות יידיש פאָלק, פון ערב קעשענעוו ביז ערב מאַידאַנעק, אַנטקעגנגעטראָגן אַלע שורות פון אַלע זיינע לידער.

איך שטרייך אונטער צוויי זאַכן: 1) די באַוואונדערונג צו אַלע שורות און 2) די גרויסע פאַרוואונדערונג מיט וועלכער ס'פאָלק האָט באַגלייט רייזענס ווערק.

די באַוואונדערונג איז געווען אַ דורכאויסיקע צום דיכטערס אַלע גע־זאַנגען — ווייל רייזען איז, ווי שוין דערמאָנט, געבליבן געטריי צו זיך און צו זיין ליד איבער דער גאַנצער לענג פון זיינע זעכציק שאַפערישע יאָרן. בלויז איינמאָל האָט דער פּאָעט געפּרואווט אַ פעלש־טאָן. דעמאָלט האָט זיך דאָס פאָלק „צעגעגעצט און געזאָגט”:

— דאָס ליד געפעלט מיר עפּעס ניט, ביסט, זונעניו, קאַליע געוואָרן...

אָבער דאָס איז געווען נאָך העט ביים סאַמע אָנהייב, ווען דאָס פאָלק איז באַשטאַנען בלויז פון דער באָבען אַליין און דער צעניאָריקער דיכטער איז געווען להוט נאָך דער קאָפּיקע האָנאָראַר וואָס די אַלטע האָט געצאָלט פאַר יעדן ליד און — ער האָט איבערגעשריבן פרעמדע שורות און זיי אויסגעגעבן פאַר זיינע אייגענע. דאָס איז געווען רייזענס ערשטער און לעצטער נסיון אַוועקצוגיין פון זיך.

און די גרויסע אַלגעמיינע פאַרוואונדערונג, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער קאָלעקטיווער ליבשאַפט צום דיכטער, האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אין רייזענס ליד און אין רייזענס דערציילונג האָט דאָס פאָלק צום ערשטן מאָל דערהערט דאָס געזאַנג פון זיין אייגענעם געמיטצושטאַנד און דערזען די קינסטלערישע געשטאַלטונג פון זיין אינטימען וועלט־בילד.

ב.

איז רייזען, הייסט עס, אַ פאָלקס־דיכטער? ניין. ער איז אָן אַן ערך העכער דערפון. ער איז דער ערשטער וואָרער יידיש־דיכטער פונעם פאָלק. דער אונטערשייד צווישן די צוויי באַגריפן איז נישט קיין קלענערער ווי דער חילוק צווישן אַ בעל־דרשן, וואָס איז מסביר אַ שאלה אָדער אַ פאַראַנען פירעכץ צווישן יידן, און דעם בעל־המשנה, וואָס האָט פאַרפיקסירט אַלע פאַראַנענקייטן און האָט אויפגעשטעלט דעם קאָדעקס פון דינים און מנהגים.

רייזען האָט אין זיינע ווערק צונויפגעזאַמלט, אַזוי צו זאָגן, די געמיטס־אויסשטראַלונגען פונעם גראָען טאָג־טעגלעכן לעבן אין יידישן תחום־המושב. די דאָזיקע אויסשטראַלונגען טויכן אויף אין די „קליינע דראַמעס" פון זיינע דערציילונגען און זיי לאָזן זיך פילן אין די עלעגישע טראַכטענישן פון זיינע לידער. און פון אָט די אַלע „קליינע דראַמעס" און „קליינע טראַכטענישן" באַקומט זיך דאָס רייזענס גרויסע משנה פון אַ לעבנסשטייגער מיט אַ טראַגישער גרונט־שטימונג.

די געמיט־טראַגיק פון רייזענס ליד און פון רייזענס דערציילונג איז ניט קיין רעזולטאַט פון מעטאַפיזישע צוזאַמענשטויסן. נישט דער דיכטער און נישט זיינע געשטאַלטן „פליען אין די הימלען". דאָ אויף דער ערד אין גאַנג פון זייער שטילן לעבן האָבן זיי אָנגעזאַמלט די דערפאַרונגען וואָס זייער קלאָרער אויספיר איז, אַז —

איך זוך שוין אין לעבן קיין וועג
מיר דאַכט שוין: דאָס בלאָנדזשען איז ריכטיק,
איך בענק שוין ניט מער נאָך דער זון —
אַ שטערנדל מאַכט מיר שוין ליכטיק.

דער דאָמינאַנטער געמיטס־עלעמענט, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין די ציטירטע שורות, איז דאָס געפיל פון רעזיגנאַציע, אָבער דאָס ספּעציפיש רייזענישע, און צו דערזעלבער צייט אויך דאָס ספּעציפיש יידישע אין דער דאָזיקער רעזיגנאַציע, איז וואָס זי קלינגט ניט אויס אין עפּעס אַ מידן, אָפּגעלאָזענעם פאַטאַליזם, נאָר זי פאָרט זיך גליקלעך מיט אַ סענטימענט פון שטענדיק וואַכער לעבנס־אַקטיווקייט. דער יידישער פאָלקס־פּעסימיזם אין

רייזענס קינסטלערישער געשטאַלטונג האָט רעזיגנירט פון „בענקשאַפט נאָך זון", וואָרום זי וואָלט, לויט די טרויעריקע לעבנס־דערפאַרונגען, געווען אַזוי אומרעאַליסטיש, אַזוי קינדיש־ראָמאַנטיש, ווי ס'איז געווען די בענקשאַפט פון דעם קליינעם לייזערל, דעם העלד פון רייזענס דערציילונג „אויפן בוידעם". „איינע פון די דערהאַבענע זאַכן, צו וואָס לייזערל, אַ זעקס־יאָריק יינגעלע, האָט געשטרעבט, איז געווען דער בוידעם פון דעם איינשטאָקיקן שטיבל וואו זיין טאַטע־מאַמע האָבן געוואוינט". און אַז לייזערלס טרוים איז מקוים געוואָרן און טאַטע־מאַמע האָבן אים, „אין אַ שיינעם העלן מיטן טאָג" אַרויפגעטראָגן אויפן בוידעם, האָבן זיך פון דער גאַס געהערט „שרעקלעכע קולות, יאָמערייען ווי פון טויזנטער לויות". עס איז קיין יום־טוב נישט געווען. טאַטע־מאַמע און קינד האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון אַ שוידערלעכער יידישער לעבנס־דערפאַרונג: פון אַ פּאָגראָם.

דאָס וואָס אַ „שטערנדל מאַכט מיר שוין ליכטיק" — דאָס פאַרהיט די רעזיגנאַציע פון פאַרצווייפלונג און פון פאַטאַליסטישער מרה־שחורה; עס עפנט אַ זעלישע שפּאַרונע צו רעאַליסטיש־באַזירטער לעבנס־פרייד און עס רופט און מונטערט איינצופאַנגען דאָס ביסל פרייד און דאָס ביסל גליק וואָס קען דערגרייכט ווערן.

דער ראשית פון אַלע עטישע ראשיתן וואָס הייסט „ואהבת לרעך כמוך", איז לויט זיין עצם מהות נישט נאָר נישט שרייעריש, נאָר אויך נישט קעמפעריש.

דער „דו זאָלסט ליב האָבן דיין מיטמענטש" מיינט נישט רעבעלישקייט, נאָר עס מיינט, וואָלט איך געזאָגט, דער „מתן בסתר" פון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, וואָס איז בכח צו לינדערן, צו טרייסטן און אויך צו היילן אַזוי פיל צערן און אוממענטשלעכע שוועריקייטן פון לעבן.

„דו זאָלסט ליב האָבן דיין מיטמענטש", דאָס איז דאָס פּינטעלע יום־טוב אין דער גרויער וואָכעדיקייט, דאָס קערנדל פרייד אין דעם תהומיקן טרויער. און אין אָט דעם פּינטעלע יום־טוב און אין אָט דעם קערנדל פרייד, וואָס שטייט לויט דער לאַנגער דערפאַרונג פון מענטשלעכן געמיט פאַר חכמה און פאַר גאָטפאַרכטיקייט, פאַר אַלע פּראָגראַמען, פאַר אַלע איינשטעלונגען און פאַר אַלע שטייגערן פון לעבן, האָבן מענטשן צום שאָדן פון זייער אייגענעם לייב און לעבן פאַרגעסן.

דאָס יום־טובדיקע פּינטעלע פון מענטשלעכער סאָלידאַרישקייט איז ערגעצוואו פאַרלייגט געוואָרן אונטער דיקע שיכטן פון לעבנס־געוואוינהייטן און פון טפלדיקע לעבנס־אידייען.

שרה די קנעטערין — דערציילט אברהם רייזען אין איינער פון זיינע קורצע דערציילונגען, וואָס אַ טייל פון זיי שטייט, לויט דער דערגרייכטער

האַרמאָניע פון פאָרם און אינהאַלט און לויט דעם אַזוי וויניק גערעדט און אַזוי פיל געזאָגט, כ׳מיין, לויט דעם קינסטלערישן צמצום, אין סאַמע פראָנט פון דעם ליטעראַרישן זשאַנר — שרה די קנעטערין, „וואָס איז ביי יעדער באַלעבאָסטע אַ דינסט, וואָס האָט ביי קיינעם קיין ווערדע נישט" איז מחמת אָפּגעהאַרעוועטקייט און מידקייט נישט אימשטאַנד געווען ריין צו מאַכן די אייגענע שטוב אויף פסח און זי האָט באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו כאַשע דער אלמנה, וואָס איז אַ דינסט ביי שטעטלשע באַלעבאָסטעס, אַז זי זאָל איר פאַר געצאָלטס באַהילפיק זיין ביי דער אַרבעט. לכתחילה האָט זיך די קנעטערין געשעמט מיט דעם געדאַנק צו דינגען אַ „מענטשן" פאַר זיך און לכתחילה האָט די אלמנה געמיינט, אַז מען מאַכט פון איר חוזק. אָבער דערנאָך, אַז כאַשע, די אלמנה, האָט זיך געשטעלט העלפן שרהן, דער קנעטערין, פסחדיק מאַכן די שטיבער, האָבן ביידע פרויען געאַרבעט „מיט דעמזעלבן חשק, אויס־ריידנדיק איינע פאַר דער אַנדערער די טרויעריקע הערצער". שרה האָט אפילו פאַרגעסן אין איר מידקייט און „אין אַלע אירע ווייטיקן" און האָט געאַרבעט צוגלייך מיט איר דינסט. און זעענדיק — פאַרענדיקט אברהם רייזען זיין דערציילונג וועגן די צוויי פאַרמאַטערטע און דערשלאָגענע יידישע פרויען — ווי זיי אַרבעטן ביידע, וואָלט שווער געווען צו דערקענען ווער ס׳איז דאָ די באַלעבאָסטע און ווער די געדונגענע.

קלאַנגען, טענער און האַלבע און פערטל־ניגונים פון דער דאַזיקער ליכ־טיקער פאָלקס־דערפאַרונג וועגן דער רפואה וואָס הייסט „העלפט אייך מענטשן און מאַכט אייך לייכטער", האָבן דורות לאַנג אַרומגעוואַנדערט איבער די סטרונעס פונעם שעפערישן פאָלקס־פידעלע און זיך געלאָזט הערן מיט אַ קרעכץ און מיט אַ זיפץ אונטער די צעבראָכענע שינדל־דעכער פונעם יידישן לעבן אין תחום המושב.

ס׳האָט געמוזט קומען אונדזער ראשון סאָלאָ־זינגער און צו דער זעלבער צייט אַזאַ ווירטואָז פון קינסטלערישע מיטלען ווי דער פּאָעט, און פאַר אַלעמען דער דערציילער, אברהם רייזען, כדי דאָס יידישע פאָלק, און אַ גרויס שטיק וועלט מיט אים, זאָל קענען דערהערן דאָס גרויסע געזאַנג פון „ואהבת לרעך כמוך", וואָס האָט פון דור צו דור געברומט אין געמיט פון עלנטע יידישע מענטשן ווי אַ ליד פון ליכטיקער דערפאַרונג, אַ ליד פון לעבנס־טרייסט און פון לעבנס־היילונג.

און ווייל דער מאָטיוו פון רייזענס שאַפונג האָט אויפגעזונגען דעם זמר פון אַזאַ ראשית פון אַלע ראשיתן ווי „ואהבת לרעך כמוך", האָט אים דער־הערט נישט בלויז זיין אייגן פאָלק, נאָר אויך אַ גרויסע שטיק וועלט. רייזענס ליד און דערציילונג זיין דערעיקרשט האָבן געהאַט אַן אוניווערסאַלן עכאָ. רייזענס העלדן, ווי יידיש זיי זאָלן נישט זיין, לויט זייער סביבה, זיינען זייערע

איבערלעבענישן און טראַכטענישן אַלמענטשלעך. זיי שטאַמען פון אַל־עלנט און ציען זיך צו אַל־טרייסט.

זייער עלנט און זייערע איבערלעבענישן לאָזן זיך גרינג איבערזעצן אויף אַלע לשונות און אויף אַלע געמיטער.

די המצאה צו לינדערן מיט אַ ביסל מענטשלעכער אחדות אַ שווערן מאָמענט פון הילפלאָזיקייט (איך רייד בלויז פון דעמדאָזיקן הויפּט־מאָטיוו, וואָס איז אויך דער צומייסט כאַראַקטעריסטישער פאַר רייזענס שאַפונג) שמייכלט אַרויס מיט אַלע חנען פון אײדלקייט און פון הומאָר פון דער עלנט־געדיכטעניש פון רייזענס העלדן.

אַ סך מאָל האָט מען דעם איינדרוק גלייך דער גרעסטער איינפאַל פון סאָלידאַרישקייט זאָל זיך חידושן איבער זיך אַליין און זאָל זיך מיט אַ פאַר־שעמטער גוטמוטיקייט פאַרענטפערן, הלמאי ער האָט זיך פריער נישט דער־טראַכט צו זיך אַליין און צו דעם ביסל פרייד, וואָס ער קאָן באַשאַפן.

פון אָט דער שטוינונג און זעלבסט־איראָניע פון דער פאָלקס־קלוגשאַפט איבער זיך אַליין אין רייזענס דערציילונגען נעמט זיך, ווי מיר דאַכט, די אויסנעמלעך, ליריש־צאַרטע און וואַרעמע אַטמאָספער פון פילאָסאָפישער פאַרשטענדעניש, וואָס הילט אַרום זיינע העלדן און מאַכט זיי און זייער דיכטער־באַשאַפער, אַזוי נאָענט צום געמיט פונעם פאָלק און אַזוי באַליבט ביים לייענער.

ג.

רייזענס עלענט פראָטעסטירט נישט און רייזענס ביסעלע פרייד פאַרגייט זיך נישט פּאַטעטיש. אָבער בײדע, אי דער מעט־לעת פון געדיכטן גראָען עלנט אין לעבן פון זיינע העלדן און אי די שעה זייערע, וואָס ווערט דורכ־געליכטיקט פון יום־טוב, האָבן אינזיך עפּעס אַזאַ טיפע מאָנערישע איינ־טענסיווקייט און עפּעס אַזאַ מונטערן קלאַנג פון אָנזאָג, וואָס האָט גורם געווען אַז דווקא רייזענס ליד זאָל ווערן קאַמף־לאָזונג און דווקא זיין דערציילונג — מאַניפעסט פון מענטשלעכקייט. צי עס איז דאָס רייזענס באַרימט ליד מיט דער אָנפאַנג־שורה פון „אַך, וואָס קלינגט איר קירכנגלאָקן!", צי דאָס נאָך באַרימטערע, וואָס הייבט זיך אָן מיט דעם פערז: „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן" — בײדע זיינען זיי געוואָרן דער שלאַכט־רוף פון קאַמף פאַר סאָ־ציאַלער באַפרייאונג און פון נאַציאָנאַלן אויפלעב און בײדע זיינען זיי אין תוך שטילע לידער אָן דעם מינדסטן אַקצענט פון האָפערדיקן אויפברויז און פון אויפרייצנדיקן צאָרן. דער גלאָק וואָס דער דיכטער האָט אויפגעהאַנגען אין זיין ליד וועגן די „קירכנגלאָקן" אויף „ביט צו שרעקן נאָר צו וועקן", לאָזט זיך הערן מער מיט זיין נאָגנדיקן טרויער איידער מיט זיין פריילעכן

געקלאַנג. און דער „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן״ ענדיקט זיך מיט אַזעלכע פעסימיסטישע שורות ווי:

לאַנג וועט דויערן דער ווינטער
זומער איז נאָך ווייט!

און אויב די דאָזיקע לידער זיינען פונדעסטוועגן געוואָרן אפשר די סאַמע פּאָפּולערסטע וועק־ און רוף־לידער ביים יידישן פאָלק, איז דאָס דערפאַר וואָס זיי האָבן אַזוי קינסטלעריש פּינקטלעך איבערגעגעבן דעם געמיט־צו־שטאַנד פון דער לעבעדיקער יידישער אָרעמשאַפט, טרוימערשאַפט און קעמ־פערשאַפט אין תחום המושב, און אַזוי געטריי אַרויסגעבראַכט די געזונטע לעבנס־עקשנות און די טרויעריק־פעסימיסטישע קלוגשאַפט און געדולדיקייט פונעם יידישן פאָלקס־מענטש.

די פעסימיסטישע קלוגשאַפט פון רייזענס ליד און דערציילונג באַפּוצט ניט דעם עלנט און פאַרהוילט ניט דעם טרויער. זי ווינקט בלויז אָן, אַז מען קען דאָס עלנטע און טרויעריקע לעבן פאַרשענערן און דערהייבן און אפשר אויך אַנדערש מאַכן מיט דער הילף פון אַזעלכע אַלטע, אָבער אַזוי אָפט פאַרגעסענע מיטלען ווי אַ ביסעלע ליבשאַפט, אַביסעלע רחמנות און אַ ביסל מענטשלעכע סאָלידאַריטעט צווישן מענטשן.

אַט דער קעמפערישער אָפּקלאַנג פון דער סאַמע שטילקייט און דער אויפּלויכט פון אָפּטימיזם אין דער סאַמע טרויעריקער און פעסימיסטישער טונקלקייט קען, פאַרשטייט זיך, אויך באַצייכנט ווערן ווי ראָמאַנטיק. אָבער די ראָמאַנטיק קומט נישט פון די שטורמישע הימלען פון יידישן גייסט און יידישער היסטאָריע. זי שטייגט אויף פון רעאַליסטישן לעבן גופא און איז דערפאַר ווי דער וואָלקן, וואָס וועגן אים ווערט דערציילט אין ספר בראשית אַז „ער פלעגט אויפגיין פון דער ערד און פלעגט אָנטרינקען דאָס גאַנצע געזיכט פון דער ערד״. טאָקע צוליב זיין ערדישקייט, צוליב זיין סאָלידן אָפּשטאַם האָט רייזענס טראָפּן אָפּטימיזם אַזוי געווירקט און אַזוי געמונטערט און אַזוי וואַך געהאַלטן דעם גלויבן ביי אַלע יידישע מענטשן מיט און אָן געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן.

„אין הימל פליט ער ניט, אָבער אויף דער ערד איז ער דער גרעסטער״, האָט פרץ געזאָגט וועגן יונגן רייזען. און דאָס פרצשע וואָרט איז וואָר גע־וואָרן. ווארום וואָס קאָן זיין גרעסער ווי דאָס גרעסטע וואָס רייזען האָט דערגרייכט: זיין ליד האָט אַריינגעדרונגען און איז געוואָרן דאָס געזאַנג אונטער דער סאַמע אָרעמסטער סטריכע, און זיין ווערק איז געוואָרן אַ געזעלשאַפט־לעכע מאַכט, אַן אָנשפאַר פון גלויבן און פון טרייסט פאַר טויזנטער פון זיין פאָלק.

25 יאָר יידיש-פּראָזע אין אַמעריקע*)

מעסטן די צייט און בינדן פון אירע יאָרן פּערטל, האַלבע און גאַנצע יאָרהונדערטער איז אַ שפּיל פאַרן בעל־הלוח און נישט פאַרן היסטאָריקער.

פּרואוון איינצופאַנגען היסטאָרישע געשעענישן און צו מאַכן פון זיי קאַלענדאַריסטישע בינטלען, מיט אַ פּלעטעקל און אַ נאָמען פאַר יעדן, איז אין תוך נישט מער ווי אילוזיע, נישט מער ווי וויסנשאַפטלעך־קאָנווענציאָנעלער שקר.

נאָך מער איינרעדעניש און זעלבסטנאַרעריי ווערט דער דאָזיקער קאַלענדאַריסטישער פאָרמאַליזם ווען מען טראַגט אים איבער פונעם שטח פון דרויסנדיקע פּאָליטישע פאַקטן אויפן פעלד פון פנימיות, אויפן פעלד פון גייסטיקער שעפערישקייט. וואָרום דאָ, אין דער פילאָסאָפיע, אין דער קונסט און אין דער ליטעראַטור, איז נאָך שווערער, נאָך ריזיקאַלישער און נאָך אילוזאָרישער ווי אין דער פּאָליטישער געשיכטע צו וועלן אויפכאַפּן אַ געשעעניש און עס צו פאַרפיקסירן על פּי לוח ווי אַן אָנהויב, אַ מיט און אַ סוף פּסוק, אָדער גאָר ווי אַ סיבה און אַ פועל יוצא.

ס׳איז דערפאַר אויך נישט שייך צו ריידן אין די טערמינען און אין די גרענעצן פון לוח וועגן 25 יאָר יידיש־פּראָזע. און איך בין זיך מודה פון לכתחילה, אַז איך וויס נישט וויפיל יאָרן אַקוראַט עס גייען אַריין אין די באַמערקונגען, וואָס איך וועל פּרואוון מאַכן וועגן דער אַמעריקאַנישער יידיש־פּראָזע. מיין קריטעריע איז, ווי געזאָגט, נישט דער קאַלענדאַר, נאָר די אייגענע וואַכע און געדויערדיקע באַוואוסטזיניקייט פון דער צייט, וואָס איך האָב אין אַמעריקע, און אין די ערב־יאָרן, אָנגעשפּיצט אויף אַמעריקע, מיטגעלעבט ווי אַ קורא ותיק מיט אונדזער קינסטלערישער פּראָזע צווישן די טאָוולען פון ביכער, אין זאַמלביכער, צייטשריפטן און אויך אין די פון וואָך צו וואָך המשכים אין דער טאָג־פּרעסע.

איך זאַמל אויף אין געמיט און אין זכרון די ליך־באַגעגענישן מיט דער יידיש־בעלעטריסטיק אין אַמעריקע, נעם דורך קריטיש מיינע אימפּרעסיעס און סדר זיי אין שייכות מיט טעמאַטיק און אידיי און על פּי קינסטלערישער דערגרייכונג, און עס באַקומט זיך פאַר מיר אַ גאַנצע מסכתא צום לערנען, צום פאַרטיפן זיך און צום נתפּעל ווערן.

אָט זיינען קורצע ראשי פּרקים פון דער דאָזיקער מסכתא, ווי איך האָב זי געלערנט:

---

*) געלייענט ביים יום־טוב פון 25 יאָר ייד.־פּען־קלוב, 14־טן נאָוועמבער, 1953.

א.

טעמאַטיק

דריי זיינען די הויפּט־טעמעס פון דער יידישער־בעלעטריסטיק אין אַמעריקע:

א) דאָס יידיש לעבן אין דער אַלטער היים ווי דער שרייבער געדענקט עס;

ב) היסטאָריש־קינסטלערישע עקספּעדיציע צום ווייטן און נאָענטן יידישן עבר;

ג) אויספאָרשונג פון דער יידישער פאָלקס־עקזיסטענץ, ווי זי האָט זיך איבערגעפלאַנצט און איינגעפלאַנצט אין אַמעריקע.

וואָס שייך דעם שרייבערס פּסיכישן צוגאַנג צו די אָנגעמערקטע דריי טעמעס, שיילט זיך אַרויס אַ שטריך, וואָס איז אַ בשותּפותער פאַר כמעט דורכאויס דער גאַנצער אַמעריקאַנער יידיש־בעלעטריסטיק.

דער בשותּפותער שטריך באַשטייט אין דעם, וואָס אונדזער אַמעריקאַנער יידיש־בעלעטריסטיק האָט געקוקט אויפן יידישן לעבן און עס געזען פון אַ מעבר לים־פּאָזיציע. דער באַגריף „מעבר לים־פּאָזיציע" שטאַמט, אויף וויפיל איך ווייס, פון דעם קריטיקער ב. ריוווקין ז"ל. אָבער איך אַליין האָב נאָך מיט אַ יאָר פריער איידער ב. ריוווקין האָט אין אָפּאַטאָשו־לייוויקס „זאַמלביכער" [ניו־יאָרק, 1936] אָפּגעדרוקט זיינע „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", געשריבן אין מיינער אַן עסיי צו פּרצס צוואַנציקסטן יאָרצייט (נישט נוצנדיק דעם טערמין „מעבר לים־פּאָזיציע"), אַז דער פּרץ־אויפבּרויז אין אַמעריקע נעמט זיך דווקא דערפון, וואָס דער אַמעריקאַנישער ישוב איז נישט באַשווערט מיט קיין אייגענער יידישער שטייגער־טראַדיציע און דער יידיש־שרייבער האָט דאָרט געהאַט די נויטיקע געאָגראַפישע און פּסיכישע דיסטאַנץ זיך אויסצוהיטן פון צו פאַרבייטן די ספר־תורה מיטן סאַמאָוואַר, כ'מיין, צו פאַרבייטן די טראַגישע יום־טוב־אידיי פון יידישער געשיכטע מיט דער צומאָל נישט מער ווי מעלאָדראַמע פון יידישער שטייגערישקייט.

הייַנט, נאָך באַלד צוויי צענדליק יאָר זינט דעמאָלט, דאַכט מיר, אַז די קריטישע פאָרמולע פון אַ „מעבר לים־פּאָזיציע" איז, נישט בלויז נאָך אַלץ גילטיק פאַר דעם מיין, וואָס ב. ריוווקין דאָ אין ניו יאָרק און איך ערגעץ דאָרט אויף דער ווייטער יידיש־פּעריפעריע אין בוקאַרעשט, האָבן אין איר אַריינגעלייגט, נאָר אַז דער באַגריף דאַרף אויסגעברייטערט ווערן. ער דאַרף היקפּדיקער און טיפער פאַרשטאַנען ווערן.

פאַר אַלעמען מוז אין דער קאָנצעפּציע פון מעבר־לים אַריינגעטראָגן ווערן די קאַראַקטער פון קעגנזייטיקייט. נישט בלויז האָט דער שרייבער אין אַמעריקע געזען דאָס יידישע לעבן פון יענער זייט ים מיט די אויגן און מיט דער דערפאַרונג פון זיין נייער היים, נאָר די איבערלעבענישן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, האָבן משפיע געווען און געפורעמט זיין בליק אויף דעם ווערנדיקן יידישן לעבן אין אַמעריקע.

מיט אַנדערע ווערטער: דאָס געמיט פונעם יידישן בעלעטריסט, וואָס די יאָרן פון זיין לעבן האָבן זיך געטיילט אויף מזרח־אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע, האָט געהאַט צוויי היימען און האָט שפּעריש געקוקט מיט צוויי פּאָר אויגן.

דאָס איז חל אויף די מייסטע שרייבער אומאָפּהענגיק פון זייער שעפערישן טעמפּעראַמענט. די צוויי פּאָר אויגיקייט, איך וואָלט געזאָגט, די שעפערישע צוויי פּאָר תפילינדיקייט, האָט געהאָלפן סיי דעם פּאָעטיקער און רעאַליסט און סיי דעם סאַטיריקער.

אָט די איינזאַמלונג נישט בלויז פון כמה וכמה יידישע שבטים אַרום דעם שרייבער אין אַמעריקע, נאָר דערעיקרשט דער צונויפקום פון טאָפּלטער יידישער דערפאַרונג און פון צווייערליי גייסטיקער לאַנדשאַפט אין איין און דעמזעלבן שעפערישן געמיט, האָט דעם אַמעריקאַניש־יידישן שרייבער אַוועקגעזעצט ווי עפּעס אויף אַ העכערער טריבונע און אים געלאָזט שאַרפער, איינדרינגלעכער און ברייט־קאָנוועדיקער זען דעם גאַנג פון יידיש לעבן, די צורה פון יידישער געשטאַלט און דעם וואוהין־פייל פון דער יידישער אידייע.

פון דאַנען, פון אַמעריקע, מיט דער פיר־אויגיקייט פון שעפערישער יידישער דערפאַרונג, האָט דער פּאָעטיקער שלום אַש געזען דערהויבענער די געשטאַלט פונעם גאָסטינענער תהלים־ייד, דער ראָמאַנטישער רעאַליסט יוסף אָפּאַטאָשו טיפער די יידיש־היסטאָרישע איינגעוואָרצלטקייט פון זיינע מלאָווער געשטאַלטן. דער הומאָריסט משה נאַדיר נענטער דעם טרויעריקן גראָטעסק פון נאַראַיעוו און דער סאַטירישער רעאַליסט י. י. זינגער שאַרפער און אומדערבאַרעמדיקער דעם ניעשאַווער הויף.

און פאַרקערט, אַז ס׳קומט צו דער טעמע פון יידיש לעבן און פון אַלגעמיינער סביבה אין אַמעריקע, האָט א. ראַבאָי געזען און אויסגעזונגען זיינע יידישע „קאָובאָיס" מיטן קול פון זיין בעסאַראַבישן געמיט און די סאַטיריקער לאַמעד שאַפּיראָ און דער, אויב נישט אַמעריקאַניזירטסטער פון אַלע אונדזערע שרייבער, ברוך גלאַזמאַן, האָבן קריטיש באַלויכטן זייער „ביו־יאָרקיש" און דעם „גאָלדענעם זומפּ" מיטן ליכט און מיט דער מאָס פון זייערע מעבר־לים׳דיקע אַלטע היים־איבערלעבענישן.

דאָסזעלבע גילט פאַר די רעאַליסטיש־סאַטירישע שילדערונגען פונעם אַמעריקאַניש־יידישן לעבן, אַנהויבנדיק מיט ש. מילער, פישל בימקאָ, יעקב גלאַטשטיין, בנימין רעסלער און ל. טריסטער און ביז צום פיין־איראָנישן ב. אַלקוויט און ביז צום סאַמע יינגסטן חנן איאַלטי. די שילדערונגען זיינען געשריבן מיט צוויי פאַר אויגן און זיינען מחמת דעם אָפט צו גרעל און צו אַנטבלויזנדיק, אָבער זיי פאַרמאָגן דערפאַר בישט וויניקער אָפט די וואָג און מאָס פון דער טאָפּלטער יידישער דערפאַרונג, וואָס גיט דער סאַטירע אַ ניגון פון אַל־יידישן צער.

און ב. דעמבלין אין זיין גרעסערער דערציילונג „וועסט־סאַיד", וואו עס ווערט געשילדערט אַלגעמיין־אַמעריקאַנישע סביבה אויפן הינטערגרונט פון דער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע אָנהויב די דרייסיקער יאָרן, מאָלט דעם אויפ־קום פון דעם בײדלעך־ישוב ביים ברעג פונעם האָדסאָן מיט היסטאָרישער אַלטער־היים־דערפאַרונג און זינגט אויס די געשטאַלט פון דזשים וואָס האָט אויפן קול פון פרום־יידישן און אידעאַליסטיש־יידישן איינשטעל צום לעבן.

פון אַט דער געמיט־טריבונע מיט די אָפענע ווענט צו די צוויי העלפטן פונעם אייגענעם לעבן, וואָס זיינען געווען צוויי פאַרשידענע סביבה־ און גייסט־פּייזאַזשן, האָט דער אַמעריקאַניש־יידישער שעפער געהאַט אַ פרייער אויג נישט בלויז פאַר דער קעגנוואַרטיקער אַל־יידישקייט, נאָר אויך אַ פרייערן אויסבליק צו די יידיש־היסטאָרישע האָריזאָנטן.

פּרצעס חלום וועגן דעם „הויך־פּונקט, פון וועלכן דאָס אַלץ זאָל געזען ווערן", איז צום גרויסן טייל מקוים געוואָרן אין דער אַמעריקאַנישער יידיש־בעלעטריסטיק.

עס זיינען דאָ אין דער אַמעריקאַנער יידיש־דערציילונג די ספרדישע יידן, ווי פּרץ האָט געטרוימט, און די אַרגענטינער און פּאַלעסטינער קאָלאָ־ניסטן און אַפילו דער ענטפער אויף דעם „וואָס מאַכט ראָטשילד אין פּאַריז?"

עס האָבן צו דער דאָזיקער טעמאַטישער אויסברייטערונג צווישן אַנדערע בייגעטראָגן שמואל איזבאַן (ספרדים), ב. רעסלער (קיבוץ אין ארץ־ישראל), יהודה עלבערג (חורבן) און י. י. טרונק און מ. י. שעליובסקי (מעשה־ביכל).

אָבער אַ היפּשער טייל פון אונדזערע סאַמע בעסטע בעלעטריסטן, פּוילישע און ליטווישע יידן, וואָס לויט די יאָרן זיינען זיי די יינגערע און נאָך יינגערע ברידער פון די וועטעראַנען־דערציילער אברהם רייזען ז"ל און דוד פּינסקי, האָבן מיט זייער שעפערישן אויג געגרייכט צו די וויטערע און נענטערע האָריזאָנטן פון יידישער היסטאָריע.

יוסף אָפּאַטאָשו האָט אין זיין ראָמאַן אַרום חורבן ביתר אויפגעלעבט

פאַר אונדז דעם פיזישן און גייסטיקן העראָאיזם פון אַ צייט, וועגן וועלכער מיר וויסן פון געשיכטלעכע קוואַלן וויניק אָדער כמעט גאָר נישט.

משה־יונה כאַימאָוויטש און שלום אַש האָבן פאַר אונדז היסטאָריש־קינסטלעריש געשטאַלטיקט די צייט און דעם מאַן פון נצרת.

נישט נאָר וועל איך מוזן אַנטווישן יענע, וואָס וואַרטן אפשר ביי דער געלעגנהייט אויף אַ בייז־קריטיש וואָרט אויפן חשבון פון שלום אַשן, נאָר פאַרקערט, איך פיל דאָס באַדערפעניש זיי צו לאָזן וויסן, אַז מיר איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו פסלענען קינסטלעריש דאָס דאָזיקע ווערק, בלויז דער־פאַר ווייל מיר פּערזענלעך איז אידייאיש ניתאער און מאָראַליש אמתער אַן אַנדערע סאַגאַ וועגן דעם מאַן פון נצרת.

נעענטער מיט יאָרהונדערטער אין דער געשיכטע האָט אונדז אַפּאַטאָשו אַריינגעפירט אין די טרינק־שטובן פון דער יידן־גאַס אין דער מיטלאַלטער־לעכער רעגענסבורג, זלמן שניאור האָט פאַר אונדז ברייטקאַנווערדיק באַוויזן די צייט און די שטאָט פונעם ווילנער גאון און י. י. זינגער האָט אונדז געגעבן אַ בילד וועגן יידישער אונטערנעמערישקייט אין דעם אויפגעקומענעם אינ־דוסטריע־צענטער לאָדזש.

און מיט י. באַשעוויסן זיינען מיר איצט אין דער סאַמע מיט פון אַ היסטאָרישן ראָמאַן וועגן פונאַנדערוואוקס פון אַ יידישער משפחה אין דער צייט פון נאָכן פוילישן אויפשטאַנד.

דער חורבן פוילן האָט עפּעס אַזוי פאַרכפּלט און אַזוי פאַרפּילפּאַכט דעם שטח צווישן אונדז און אונדזער ערשטער העלפט לעבן אויף יענער זייט ים, אַז טיילמאָל דאַכט זיך, אַז י. באַשעוויסעס ראָמאַן וועגן דער פאַמיליע מושקאַט און בנימין רעסלערס ראָמאַן וועגן יאַנעווקער יידישן פּריץ און י. מעצקערס וועגן די גאַליציש־דאָרפישע „לייבן און בערן" אויפן „זיידעס פעלדער" פאַררעגיסטרירן נישט געשעענישן און איבערלעבענישן פון אונדזער אייגענעם דור, נאָר ערגעץ פון אַ וויטן אַמאָל אין די טיפענישן פון יאָר־הונדערטער. און דאָס דאָזיקע געפיל לאָזט זיכער נישט נאָך, נאָר ווערט מער פאַרשטאַרקט, ווען מען לייענט חיים גראַדעס פאַרכאַפּנדיקע שילדערונגען וועגן „דער מאַמעס שבתים".

די אַל־יידישע און אַל־היסטאָרישע טעמאַטיק פון אונדזערע ראָמאַניסטן און דערציילער ברענגט אונדז צו דער אידייע, אָדער ריכטיקער צו די

ב.

הויפּט־אידייען

פון דער אַמעריקאַנער יידיש־בעלעטריסטיק.

טאַקע ווייל דאָס געמיט פונעם אַמעריקאַנער יידיש־דערציילער האָט געוואוינט אין צוויי היימען, האָט עס שעפעריש פריער און צוגעשפּיצטער דערשפּירט יענע טראַגעדיע, וואָס אַ דייטש־עסטרייכישער דיכטער האָט זי אַמאָל אַזוי סוגעסטיוו פאָרמולירט אין דעם פערז „צוויי לענדער אונד קיין פאַטערלאַנד".

על רגל אחת וואָלט איך די הויפּט־אידייען אָנגערופן מיט דעם שם־הכולל „ובא לציון גואל".

קודם האָט אין דער אַמעריקאַנישער יידיש־בעלעטריסטיק געהערשט דער הומאַניכטישער „ובא גואל", וואָס איז אין פאָלקיש־יידישן גאולה־זינען געקומען צום אויסדרוק אין דער אידייע פון אַ היסטאָריש־גייסטיקן לעבנס־שטייגער. די דאָזיקע אידייע פון יידישער איינוואָרצלונג אין אַ לעבן, וואָס האָט זיך זינט יאָרהונדערטער געהאַלטן אויף דעם יסודותדיקן און אַזוי ממשות־דיקן שפּינוועבס פון גייסטיקייט, פון שבת אינדערוואָכן, פון, איך וואָלט גע־זאָגט, עשרת־הדברותדיקן שטייגער, ווערט אַרויסגעבראַכט אין די ווערק פון די מייסטע יידיש־דערציילער און ראָמאַניסטן. קינסטלערישע עדות פאַר אָט דער אידייע זיינען שלום אַשס „תהלים ייד", אָפּאַטאָשוס מלאַוועך און היסטאָרישע דערציילונגען, י. י. זינגערס „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער", און יעקב גלאַטשטיינס רייזע־ראָמאַנען „ווען יאַש איז געקומען" און „ווען יאַש איז געפאָרן".

די גאולה־אידייע, ניין, טאַקע דער גאולה־אידעאַל פון אַזאַ מין כנסת ישראלדיקן לעבנס־שטייגער צווישן די פעלקער איז דער מוסר־השכל פון י. באַשעוויסעס „דער שטן אין גאָריי" און די אידייע ווערט אויך אָנגעווייעט פון די מאַסיווע הלכה־געשטאַלטן, וואָס חיים גראַדע האָט פאַר אונדז לעצטנס אָפּגעמאָלן.

דעם פאָלקישן גאולה־טעם פון ערד און ערד־אַרבעט האָט אין אונדזער בעלעטריסטיק, דאַכט זיך צום ערשטן מאָל דערשפּירט דער וואונדערלעכער א. ראַבאָי. ער האָט נאָך מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק געשפּונען אַ מעשהלע וועגן דעם הער גאָלדענבאַרג אויף רחבותדיקע ברייטע ראַנטשן אין דער וויטער וועסט און דערנאָך אונדז דערציילט וועגן דער בענקשאַפט פון די בעסאַראַבער יידן צו „אייגענער ערד". אין איינער פון ראַבאָיס לעצטע דערציילונגען שטעלט דער העלד חיים פּאָווידלע אַוועק, אַזוי צו זאָגן, אידעאָ־

לאַגיש דעם ענין פון „דת־אדמה" און „דת־עבודה". „און איך דענק פאַר־קערט", לאָזט ראַבאָי זאָגן חיים פאָווידלען, „מען איז מתקן גאָטס וועלט מיט דעם וואָס מען בויט אַ ישוב".

ראַבאָיס תיקון־מעלאָדיע וועגן ערד האָט זיך פונדאַסניי פונאַנדערגע־קלונגען אין י. מעצקערס האַרציקן און דערביי רעאַליסטיש־ניכטערנעם געזאַנג וועגן די „לייבן און בערן" אויף די גאַליציש־פּאָדאָליער פעלדער.

אָבער ראַבאָיס מזמור ל'ערד איז, ווי מיר דאַכט, ערגעצוואו אויך דער פאָרגייערישער מאָטיוו צו דער „לציון"־אידייע, וואָס איז פאַר אונדזערע אויגן אַריינגעוואַקסן אין אונדזער אַמעריקאַנישער יידיש־בעלעטריסטיק.

צום דירעקסטן און צום קלאָרסטן האָבן די „לציון"־אידייע קינסטלעריש צום אויסדרוק געבראַכט אָפּאַטאָשו אין זיין היסטאָרישן ראָמאַן אַרום רבי עקיבאַן און בר־כוכבאַ'ן, וואָס זיינען בלי ספק די אַקטועלסטע געשטאַלטן אין יידישן געמיט פון אונדזער צייט, און דערנאָך בנימין רעסלער אין זיין ראָמאַן וועגן יאַנעווקער פריץ מרדכי לייב בערגמאַן און זיין זון און אייניקל, די חלוצים.

אָבער אויך אין י. באַשעוויסעס „פאַמיליע מושקאַט" ווערט די פּאָזיטיווע גאולה־אידייע פונעם ראָמאַן פאַרקערפערט אין די חלוצים־געשטאַלטן, וואָס גייען דורך אין די סוף־קאַפּיטלען פונעם סיפור־המעשה.

און וואָס שייך י. י. זינגערן איז ביי אים דער „לציון" דער סוף־פסוק פון זיין חשבון מיט דער פאַלש־נביאישקייט, מיט דער אַסימילאַציע אין דער „משפחה קאַרנאָווסקי", און מיטן סאָוועטיזם אין „חבר נחמן". אויב עמעץ האָט נאָך געקאָנט צווייפלען וועגן זינגערס קינסטלעריש־אידייאישן „וואוהין" נאָך די דערמאָנטע צוויי ראָמאַנען, האָט י. י. זינגער, גלייך ער זאָל געוועזן פאָרויספילן, אַז בעלעטריסטיש איז אים שוין נישט געבליבן גענוג צייט עס צו זאָגן, מיט חדשים פאַר זיין פּריצייטיקן טויט אונדז דאָס מסביר געווען אין אַ לענגערער עסיי וועגן דעם „צוויי טויזנט־יאָריקן טעות".

פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל טעמאַטיק און אידייען פון דער אַמעריקאַנער יידיש־בעלעטריסטיק, ווי איך האָב דאָס אויפגענומען אין דער צייט פון מיין קורא־ותיק־באַגעגעניש מיט איר, בלייבט מיר נאָך קורץ צו רעזומירן איר

ג.

קינסטלערישע דערגרייכונג

ליטעראַטור־קריטיק מעג מען אַמאָל אויך לערנען ביי פילאָסאָפן און בפרט ביי אַזאַ איינעם ווי אַרטור שאָפּענהאַוער, וואָס איז נישט בלויז געווען

אַ וויכטיקער פילאָסאָף, נאָר אויך אַ הויך־באַגאַבטער שריפטשטעלער און איינער פון דייטשלאַנדס אמתע סטיל־מייסטער.

האָט ער, שאָפּענהאַוער, מיט איבער הונדערט יאָר צוריק אין זיינע „פּאַרערגאַ און פּאַראַליפּאָמענאַ" אַזוי פאָרמולירט די דערגרייכונג־קריטעריע פון קינסטלערישער פּראָזע —

„אַ ראָמאַן וועט זיין פון וואָס העכערן און אידעלערן מין, וואָס מער אינעווייניקסט און ווייניקער דרויסנדיק לעבן ער ברענגט אַרויס" און „די דערציילערישע קונסט באַשטייט דערין—מיטן קלענסטן באַנוץ פון דרויסנדיקן לעבן צו באַוועגן אויפן שטאַרקסטן אופן דאָס אינעווייניקסטע, וואָרים דאָס אינעווייניקסטע איז אין תוך דער אָביעקט פון אונדזער פּאַראינטערעסירט־קייט."

וועל איך זיך דאָ אויף דעם באַגרעניצטן שטח פון מיין עסיי נישט אונטערנעמען צו ווייזן מיט וויפיל גראַד דער אָדער יענער פון אונדזערע בעלעטריסטן האָט אין דעם זין מער דערגרייכט ווי די אַנדערע.

פאַר מיר שטייט די גאַנצקייט. און דעם אויפטו פון דער גאַנצקייט לעב איך איבער אין ערשטער ריי דורך די ראָמאַן־ און דערציילונג־געשטאַלטן, וואָס רינגלען מיך לעבעדיקע אַרום און אַנטפּלעקן דורך דעם שמאָלן רוים פון זייער מענטשלעכער עקזיסטענץ גאַנצע יריעות פון אינעווייניקסט יידישן לעבן, פון יידישע ראַנגלענישן מיט גאָט און מיטן שטן און פון יידישע גבורה־און קדושה־דערגרייכונגען.

פון דער גאַנצער אַמעריקאַנישער יידיש־בעלעטריסטיק קאָן מען צונויפ־שטעלן אַ קאָלעקציע פון ביכער, וואָס וואָלט פאַרנומען דעם ביבליאָטעק־שטח פון עטלעכע גרויסע צימערן און העכסטנס פון איין מיטל־גרויס הויז, אָבער די געשטאַלטן, וואָס שפּאַנען אַרויס פון דער דאָזיקער ביבליאָטעק, באַווייזן אַ ווייטע און דערהויבענע יידישע לעבנס־פּאַנאָראַמע איבער אַזויפיל לענדער פון דער וועלט און איבער אַזויפיל צייטן פון אונדזער אייגענער היסטאָריע.

אַשס גאָסטינינער רבי דאָס איז יידישער גאָט־פּלאָקער; שניאורס פּאַנדרע, אָפּאַטאָשוס קיווקע גנב און יוחנן פון כפר חרובא דאָס איז גבורה און מסירות נפש אין רעוואָלט קעגן שנאה און רציחה. רעסלערס יאַנעווקער פריץ מרדכי לייב און גלאַטשטיינס געהויבענער ייד שטיינמאַן — חשיבות אין דער שליטה איבערן לעבן, און שיינקייט אין געראַנגל מיטן טויט; אַבראַם

שאַפּיראָ פון באַשעוויסעס „פאַמיליע מושקאַט" — סינטעטיזירטע גוט־ברוי־דערישקייט, לעבנס־קלוגשאַפט און וועלטישע לעבנס־פרייד פון דורות; פּנחס מענדעל, דער לעגטשיצער רב אין זינגערס „פון אַ וועלט וואָס איז מער נישטאָ" — יידישער בטחון און באַהעמיעניש־אידעלע מרידה קעגן עול פון פרנסה; חיים גראַדעס הלכה־יידן — יידיש לעבן אונטער דער שווערער און גלויביק־פריידיקער דיסציפלין פון מצווה און דין; פּאַפּיאַס פון אָפּאַטאָשוס „דער לעצטער אויפשטאַנד" און עוזר העשל פון באַשעוויסעס „פאַמיליע מושקאַט" — די יידישע אינטעליגענץ איבער דורות אין שאַרפן און סקעפּטישן באַקלער פון וועלטישן, פון יידישן און פון אייגן יחידישן גורל.

וואָס שייך אַ צווייטן הויפּט־עלעמענט פון קינסטלערישער דערגרייכונג — סטיל, האָט יידיש אין דער אַמעריקאַנער בעלעטריסטיק געהאַט נישט אַנ־דערש ווי שעפערישע קפיצת־הדרך. אַזאַ מין אויפטועלישקייט אין שפּראַך, אַזאַ מין פאַרפיינערונג און אין דערזעלבער צייט באַרייכערונג פון וואָרט, זאַץ און בילד — האָט, דאַכט מיר, נישט באַוויזן קיין שום אַנדערע ליטע־ראַטור אין אַזאַ קורצער צייט פון עטלעכע צענדליג יאָר.

און וואָס פאַר אַ שפע פון סטיל־ניואַנסן, וואָס פאַר אַ רעגנבויגן פון סטיל־קאָלירן אויף דעם לפי־ערך קליינעם שטח פון אונדזער בעלעטריסטיק!

פון שלום אַשס פּראָזע־מזמור מיט זיין דראַמאַטישער רעזאָמאַטיוועקייט און דעקלאַמאַטאַריש־פייערלעכן ריטם פון ביבלישן לשון ביז צו לאַמעד שאַפּיראָס סטיל פון שטעכיק־ראַפינירטער פּאָלעמיק און איראָנישער רעזאָ־נירונג אין זיין „ביו־יאָרקיש";

פון יוסף אָפּאַטאָשוס דינאַמישן און סאָלידן סטיל פון צייטווערטער ביז צו ברוך גלאַזמאַנס און ש. מיללערס בויערנדיקער שפּראַך פון פּרטימדיקע פּסיכאָלאָגישע גריבלענישן;

פון י. י. זינגערס בכיוונדיק ניכטערער נוסח־אַנאָנימקייט אין זיינע ראָמאַנען ביז צו משה נאַדירס נייער וואָרט־סטראַטעגיע און יעקב גלאַט־שטיינס סטיל פון אידיאָמאַטיש־קלוגער און אינטעלעקטואַליסטישער זאָגעניש;

און פון א. ראַבאַיס פאַסטעכדיקן דאַינע־געזאַנג ביז צו י. באַשעוויסעס דינער און באַרוישנדיקער קאַמער־מוזיק —

אַ גאַנצע פּראָזע־סימפאָניע פון וואָרט, קלאַנג און בילד האָט דער געניוס פון יידיש אויפגעשפּילט לעיני כל העם פון אונדזער דור איבער גאָר דער וועלט.

אַוודאי איז פאַרשטענדלעך, וואָס מיר קוקן פאַרזאָרגטע דעם שר־האומה אין די אויגן און בעטן אַן ענטפער אויף דער גורל־פראַגע פון אונדזער שאַפונג, אויף דעם „וואָס וועט זיין?"

מען דאַרף אָבער בפירוש זיין היסטאָריש טויב אָדער מאַכן דעם אָנשטעל פון טויבקייט, כדי נישט צו הערן ווי עס רעדט צו אונדז דער שר־האומה און זאָגט: שאָף שאַפער, לא עליך לגמור! די יידיש־שאַפונג וועט לעבן אַזוי לאַנג ווי יידיש וועט לעבן און זי וועט קיינמאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון אייביקן בוך פון יידישער גייסטיקייט.

◆

נאַציאָנאַלע מאָמענטן אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור

דריי הונדערט יאָר, כמעט צום טאָג און צום חודש, נאָכדעם ווי דער צורר כמעלניצקי האָט גוזר געווען זיינע גזירות ת״ח אויפן יידישן פאָלק, זיינען אויף דערזעלבער ערד פון אוקראַינע און רייסן געקומען אין תש״ח די גזירות פונעם צורר סטאַלין אויפן יידישן וואָרט און אויפן יידישן שעפער.

דער היסטאָרישער פּאַראַלעל אָטעמט, בלי ספק, מיט אַ געוויסער מאָס פון דערמוטיקונג און בטחון. די געשיכטלעכע דערפאַרונג באַרעכטיקט אונדזער יידישן גלויבן, אַז פּונקט ווי כמעלניצקיס גזירה מיט צען דורות פריער וועט אויך די סאָוועטישע גזירה אין אונדזער דור נישט קענען האָבן קיין קיום.

אָבער מיר מינערן זיכער נישט פון אונדזער „בכל דור ודור״־דערפאַרונג און האָפענונג, ווען מיר אָנערקענען דעם פאַקט, אַז אין יאָר תש״ח, אין דעם יאָר 1948 לויט דער אַלגעמיינער צייט־רעכענונג, האָט זיך פאַרענדיקט דאָס קורצע קאַפּיטל פון יידישער קולטור־געשיכטע אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַ קאַפּיטל וואָס זיין וויכטיקסטער, געדויערדיקסטער טייל איז געווען די יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור.

מיר ווייסן איצט, ווען די האַק פונעם קרעמלין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט איר אכזריותדיקער דעפיניטיווקייט אויפן יידישן שעפער און זיין וואָרט. אָבער ווען הויבט זיך אָן דער פּרק דיכטונג און פּראָזע, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור?

אויב אונדזער מאָס זאָל זיין אַ ריין געאָגראַפישע, דאַן איז אַלץ וואָס ס'איז געשאַפן געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע יידיש־סאָוועטיש. ווען מיר זאָלן זיך אָבער האַלטן בלויז ביי אָט דער געאָגראַפישער קריטעריע, וואָלט דעם וואָרט סאָוועטיש פאַרפעלט

דער באַגריף פון דער באַזונדערער אידעאישער אָריענטירונג על פי דעם באַפעל פון אויבן, על פי די פּאָליטישע באַדערפעניש פון „קאַזנאַ", וואָס ערשט אָט די אָריענטירונג, אָט די סאָציאַלע באַשטעלונג (סאָצבאַשטעלונג לויט דעם אָפיציעלן ווערטערבוך פון קיצורים) פאַרבט די ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד סאָוועטיש.

אַזויווי דער מענטשלעכער געדאַנק און די מענטשלעכע מאָראַל, ס'הייסט, סיי דאָס וואָרע און דאָס אומוואָרע און סיי דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, הויבן זיך אין תוך אָן נישט פון דער גראַבקאַנטיקער ליניע, נאָר פון אירע אָפּנויגן און ניואַנסן, דאַרף מען אויך די סאָצבאַשטעלונג משפטן לויט אירע ניואַנסן און פרטים.

ערשט איר ספּעציפישער פרט מאַכט די סאָוועטישע סאָצבאַשטעלונג כפל כפליים ערגער ווי סתם עפּעס אַ קונסט־דירעקטיוו אונטער אַ טאָטאַליטאַרישן רעזשים.

דאָס ספּעציפיש־שלעכטע פון דער סאָוועטישער סאָצבאַשטעלונג איז נישט באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס זי האָט געפּענטעט די קינסטלערישע שאַפונג מיט אַן אָפיציעלן „אוקאַז", מיט אַן אָנזאָג: דאָס איז דער וועג, וואָס דו דאַרפסט גיין, נאָר נאָך מער, אָן אַן ערך מער, דערין וואָס ס'איז דעם שעפער באַפוילן געוואָרן, אַז ער זאָל פאַרניכטן אין זיך און אויסוואָרצלען פון זיך מיט פיינפולער חרטה און פיינלעכער ווידוי די סטעזשקעס פון געדאַנק און געפיל, אויף וועלכער ער איז געגאַנגען ערשט נעכטן מיט דער פולער הסכמה, אָדער מיט אַ האַלבוועגס פרייַנטלעכן צוזאָגונג פון מלכות.

אפשר דער פיינלעכסטער מוסטער פון אויפן וואונק אָוועקגעלייגט זיך און אָפּגעשמיסן ביז בלוט דעם אייגענעם ליטעראַרישן נעכטן אַן דער פּרי־ווילעגיע אַפילו פון אַ פרעמדער האַנט, וואָס זאָל געבן די שמיץ, איז מן־הסתם די ווידוי, וואָס ס'האָט אָפּגעדרוקט אין 1932 דער באַגאַבטער יידישער ליטעראַטור־היסטאָריקער מאַקס עריק.

מאַקס עריק איז אָנגעקומען פון פוילן קיין סאָוועט־רוסלאַנד אין סעפּ־טעמבער 1929 און האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ היפּשן באַגאַזש פון ליטע־ראַטור־היסטאָרישער פאָרשונג, וואָס מען האָט אויף איר סיי אין די לינק־געזועלשאַפטלעכע קרייזן פון פוילן און סיי אין די קרייזן פון דער יידיש־סאָוועטישער וויסנשאַפט געקוקט מיט אַן אויג פון סימפּאַטיע און פרייַנט־לעכקייט. אָן דער דאָזיקער פולער, אָדער האַלבוועגס הסכמה וואָלט עריק גאָר נישט געקאָנט אָנקומען אַרבעטן אין ראַטן־פאַרבאַנד אין אַ צייט, וואָס איז, ווי ער זאָגט אַליין, געווען „דער אָנהויב פון ליקווידאַציע פון לעצטן עקספּלאָאַטאַרישן קלאַס — דעם בעל־גופטום — און אַ פעריאָד פון גרויסע קלאַסן־שלאַכטן אויך אויפן אידעאָלאָגישן געביט..."

אָבער דריי יאָר שפּעטער האָט מען עריקן אין נאָמען פון דעם „אָנהויב פון ליקווידאַציע”, וועגן וועלכן נישט נאָר די זעלבסט־שמייסער, נאָר אויך די זעלבסט־שמייס־באַפעלער, האָבן נעכטן נאָך נישט קלאָר געוואוסט און זייַנען דערפון ערשט היינט געוואויר געוואָרן — אין נאָמען פון אָט דעם „ליקווידאַציע־אָנהויב” האָט מען עריקן געהייסן און ער האָט זיך אַליין אַריינגעהאַקט מיטן קאַנטשיק למאי ער האָט זיך אין אַ רעצענזיע איבער מאַקס ווייַנרייכס בוך וועגן דער אַלט־יידישער ליטעראַטור נישט אָפּגעגרע־נעצט פון זיין אייגענער „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור” און האָט נישט אַטאַקירט ווייַנרייכן „מיטן מאַרקסיסטישן וואָפן”; און למאי ער האָט מיט נאָך צוויי חברים צונויפגעשטעלט אַן אַנטי־רעליגיעזן ליטעראַרישן לייען־בוך, וואָס איצט זעט ער, אַז עס איז געווען נישט מער ווי אַן אויפקלערעריש בוך אַנשטאָט אַ קעמפעריש פּראָלעטאַריש־אַטעאיסטיש לייען־בוך.

און נאָך וועגן איינעם אַ שרעקלעכן חטא איז זיך מאַקס עריק מתוודה, דהיינו, ווען ער האָט אַנאַליזירט טאָלסטאָיס השפּעה אויף שלום אַשן, האָט ער נישט מער און נישט ווייניקער ווי געפירט אַ פאַרגלייך פון דעם גרויסן רוסישן קינסטלער מיטן „דעגראַדירטן כאַלטורענדיקן טרובאַדור פון פאַשיזם אין דער יידישער סביבה”.

איך שטרייך אונטער מאַקס עריקס לעצטע צוויי צווישן אַנדערע „על חטאס”, ווייל דער ערשטער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ספּעציפיש ביוראָ־קראַטישער סאָצבאַשטעלונג אין ראַטן־פאַרבאַנד. צווישן דער אַלגעמיינער ליניע פון אַן „אַנטי־רעליגיעזן ליטעראַרישן לייען־בוך” און דער ספּעציפישקייט פון אַ „קעמפערישן פּראָלעטאַריש־אַטעאיסטישן לייען־בוך” ליגן זיבן פונעם פאַרשערס און שעפערס געמיט אַראָפּגעשונדענע הויטן.

פון סתם סאָצבאַשטעלונג קאָן אויך אַרויסקומען אַ גרויס און שעפעריש ווערק (האָבן דען די פּויפּסטן און אַנדערע פּאָליטישע און רעליגיעזע מאַכט־האָבער נישט סאָציאַל באַשטעלט ביי דער ליטעראַטור און ביי דער קונסט?) אָבער פון דער סאָצפאַרניכטונג, צוליב דער ניואַנס באַשטעלונג פון היינט, פון דעם וואָס דער קינסטלער האָט געטרוימט און דערגרייכט נעכטן קאָן נאָר אַרויסקומען רק ורק די צעשטערונג פון דער שעפערישער פּערזענלעכקייט. וואָרעם דער תמצית פון פּערזענלעכקייט סיי אין כללישן און סיי אין יחידישן באַדייט איז קודם כל המשך, קאָנטינואיטעט פון געמיט און שעפערישקייט. און אין דעם המשך גייען אַריין אי די אַזוי גערופענע זינד פון נעכטן און די נישט ווייניקער אַזוי גערופענע מצוות פון היינט. רייסט מען אַרויס פונעם שעפערישן געמיט די זינד פון נעכטן, מאַכט מען דעם שעפער פאַר נאָך מער קאַליקע ווי מיט די באַשטעלטע מצוות פון היינט.

און וואָס שייך עריקס שלאָגן זיך אין האַרץ אויף דער זינד פון האָבן

פאַרגליכן דעם גרויסן רוסישן קינסטלער טאָלסטאָי מיט שלום אַשן, דעם, ווי ערליך זאָגט, דעגראַדירטן טרובאַדור פון פּאַשיזם אין דער יידישער סביבה — באַווייזט דער דאָזיקער אַריינדיקטירטער „על חטא״, אַז דער ציל פון דער סאָציאַלער באַשטעלונג איז געווען באַוואוסטזיניק צו צעשמעטערן אויפן יידישן פראָנט דעם היסטאָרישן המשך פון פאָרשונג און שעפערישקייט. די סאָוועטישע סאָציאַלע באַשטעלער און פאַרניכטער האָבן געוואוסט דעם גרויסן אַנטשיידנדיקן ווערט פון גייסטיקן המשך. זיי האָבן איבער דעם המשך געוואַכט אין געציטערט אין דער סאָוועטיש־רוסישער ליטעראַטור. זיי האָבן אים געזוכט אויסצורייסן און צו פאַרניכטן אין דער סאָוועטיש־יידישער שעפערישקייט.

אָט די נאַציאָנאַלע פאַרניכטונג איז, ווי געזאָגט, נאָך מער הויפּט־עלעמענט פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור ווי די סאָציאַלע באַשטעלונג.

ווען־זשע הויבט זיך אָן די דאָזיקע יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור, וואָס דאַרף דעפינירט ווערן נישט לויט איר געאָגראַפישן שטח, נאָר לויט דער ספּעציפישקייט פון איר ניואַנסירטער סאָציאַלער באַשטעלונג, וואָס מאַכט זי ערשט פאַר סאָוועטיש?

לענין האָט שוין ניט געלעבט און די יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור אין דעם פריער דערמאָנטן זינען האָט זיך אַלץ נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן.

וואָס שייך די ערשטע יאָרן פון נאָך דער רעוואָלוציע איז אָפּגערעדט. אין יענע יאָרן איז אין קיעוו דערשינען דאָס זאַמלבוך „אייגנס״, וואו ס׳האָבן זיך געדרוקט אַזעלכע „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע״ ווערק ווי בערגעלסאָנס ראָמאַן „אָפּגאַנג״ און דעם נסתרס „בבא מעשה״. אין די לידער, וואָס האָבן געפונען פּלאַץ אין יענעם זאַמלבוך, קומט שוין טאַקע צום אויסדרוק די רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק, אָבער זי, די רעוואָלוציע־ראָמאַנטיק, איז געמישט מיט אבלות אויף די פּאָגראָם־קרבנות. עס איז נאָך נישט פאַראַן די כאַציאַלע באַשטעלונג אויף האָפערדיקייט און גדלות, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די שפּעטערע יאָרן, ווען איציק פעפער האָט אַ זינג געטאָן זיין טרויעריק־באַרימט געוואָרענעם „זאָג איך סטאַלין, מיין איך זון״ און האָט דערמיט היפש פאַראומזיניקט דאָס זינפולע יידיש־פּאָעטישע וואָרט.

און ווען איזי כאַריק, דער יידישער פּאָעט פון מינסק, האָט אין זיין לידער־בוך „אויף דער ערד״, וואָס איז דערשינען אין 1926, גענומען אַ האָפערדיקן טאָן, האָט זיך געווענדט צום שטעטל און גערופן „פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס״ און האָט געשיר־השירים׳ט וועגן זיין אייגענער פרייד, דער פרייד פונעם אייניקל, וואָס קיינער זאָל איצט נישט וואַגן אויסצולעשן, וואָרים ער, כאַריק, האָט „אַ האַרץ מיט זומערדיקע שויבן״ —

איז כּאַריקס פּרייד ערשטנס געווען עכט דערמיט, וואָס זי איז אויסגעוויקט אין טרערן איבער דעם אָפּגאַנג פון די „אומעטיקע זיידעס". און צווייטנס האָט די דאָזיקע האָפענונגספולע פרייד פון כּאַריקס „האַרץ מיט זומערדיקע שויבן" געשוימט מיט יענעם ראָמאַנטיש־וואָלילויבגעריש סענטימענט פון קעמפעריש־רעוואָלוציאָנערן הערואיזם, וואָס ווי אויבנאויפיק און קינסט־לעריש נישט פאַרטיפט ער זאָל נישט זיין, איז ער אָבער דאָך געווען דער עכטער געמיט־אויסדרוק פון אַ געוויסן טייל פון דער יידיש־שטעטלשער יוגנט, וואָס איז מחמת סאָציאַלער פאַרצווייפלונג געווען גרייט זיך אַריינ־צוּוואַרפן האָפערדיק און פריילעך און מיט פאַרוויינטע אויגן אין יעדער בייקיט־האָפענונג און אין יעדער באַפרייאונגס־אילוזיע.

און דאָס זאַמלבוך „אָקטיאַבר" איז שוין אַלט געווען אַ יאָר, ווען ס'איז אין 1926 דערשינען אין קיעוו איציק קיפּניסעס „חדשים און טעג", וואָס איז אַ מין אידילישע כראָניק פונעם יידיש־גאַרבערישן שטעטל סלאָוועשנע. דאָס אידילישע בילד אַרום דעם יונגן פאַרפאַלק אייזיק און בוזי איז דער הינטער־גרונט פון די געשעענישן. די געשעענישן אַליין, די פּעטליורע־פּאָגראָמען, די רעוואָלוציע און די פּליטים־וואַנדערונגען צעוואַקסן זיך אין קיפּניסעס ראָמאַן צו אַ מגילה צווישן די היסטאָרישע מגילות פון יידישן צער און פּיין.

און עס איז, דאַכט מיר, דערפאַר אַ היפּש ביסל דרויסנדיק און מעכאַניש, צו ווען אָפּשליסן מיט די חודש־העפטן „שטראָם", וואָס זיינען דערשינען אין מאָסקווע צווישן 1922 און 1924 דעם, אַזוי צו זאָגן, נאָך פרייען, אידעאָ־לאָגיש נישט געפּענטעטן ליטעראַרישן אָפּשניט אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אַוועקצושטעלן דאָס זאַמלבוך „אָקטיאַבער", וואָס איז אַרויס אויך אין מאָסקווע אַ יאָר שפּעטער אין 1925, ווי דעם אָנהויב פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, דער ליטעראַטור פון סאָצבאַשטעלונג און, לויט מיין צוגאָב־דעפיניציע, פון נאַצפאַרניכטונג.

אַזאַ היסטאָרישע איינטיילונג וואָלט געווען מעכאַניסטיש. וואָרום איך רעד שוין נישט דערפון, אַז סיי די קריטישע פּאָלעמיק, וואָס ס'האָט פאַרפירט אין „אָקטיאַבער" דער יונגער מאַרקסיסטישער נאַשפּיץ יאַשע בראָנשטיין קעגן די „אינטעליגענטישע רעאַקציאָנערע פאָרמאַליסטישע פּראָזן" פון דעם „שטראָם"־קריטיקער יחזקאל דאָברושין, און סיי דער קריטישער עקספּאָזע פון דעם געוועזענעם נעאָ־חסיד אברהם וועוויורקאַ וועגן די „נייע פּראָ־לעטאַרישע וועגן פון אונדזער ליטעראַטור" האָבן נישט געהאַט דעם כּוח פון אידעאָלאָגישער דעקרעטירונג ווי די שפּעטערע אַרויסטריטן פון אַ זשדאַנאָוו און אַ איליאַ ערענבורג. בראָנשטיין און וועוויורקאַ האָבן מיט זייער מאַרק־סיסטישער קריטיק אַפילו נישט געהאַט דעם כּוח פון פּאָליציייאישן אַטמאָספער־באַשאַף, ווי ס'האָבן דאָס שפּעטער, בלי ספק, יאָ געהאַט אַזאַ מין שוין

דערמאָנטע ווידוי פון מאַקס עריק, אָדער איציק פעפערס „צום ווענטל״־לידער און זיינע ברוטאַלע אַטאַקעס קעגן די יידישע שרייבער אין די קאַפּי־טאַליסטישע לענדער.

דערוויל אונטערן רעזשים פון דער יעווסעקציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז צום סאַמע וועגד פון די דרייסיקער יאָרן, זיינען די אַלע קריטישע וכוחים צום קליינעם טייל געווען טעאָרעטישע קאָנסטרוקציעס פון יידן מיט פאַר־שפּיצטע בעז, וואָס האָבן דערשמעקט די נייע לופט, וואָס וועט נעמען ווייען מאָרגן אָדער איבערמאָרגן און האָבן זיך צו איר געוואָלט צופּאַסן שוין היינט.

צום גרעסטן טייל זיינען די אַלע קריטישע וכוחים, אין וועלכע עס זיינען געווען אַריינגעטאָן ליטוואַקאָוו און וועוויורקאַ און דאָברושין און אויס־לענדער, געווען דער אויסדרוק פון דער באַוואוסטער רוסיש־פּאַרטייאישער דיסקוטיר־ליידנשאַפט, אין וועלכער עס האָט נאָך געטליעט צער־דערטע זוכעניש.

אַפילו משה ליטוואַקאָוו, וואָס רעדט אין זיין צווייטן עסייען־באַנד „אין אומרו„ (אַרויס אין מאָסקווע אין 1926 אַ יאָר נאָך דעם זאַמלבוך „אָקטיאַבער״) שוין היפש אין נוסח פון אַ פּויפּסט עקס קאַטעדראַ — אַפילו ער, ליטוואַקאָוו, איז על פּי געמיט ווייט פון יענער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, וואָס אַנטפּלעקט זיך צו אונדז שפּעטער אין עריקס ווידוי און אין אַ טייל פון פעפערס לידער.

ליטוואַקאָוו [דער טראַכטעריש און שרייבעריש אפשר סאַמע באַגאַבטסטער קריטיקער פון דער יידיש־ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד] אָפּערירט מיט אַ בייזער און שאַרפער קריטישער רוט און ער איז אַ מאַדים אויף צו נוצן דעם גאַנצן דיאַלעקטישן קלאַפּערגעצייג פון סאַמע כשרסטן היסטאָריש־מאַ־טעריאַליסטישן אַנאַליז, און דער אַרבעטער־קלאַס און די אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע זיינען ביי אים דער סאַמע עיקר פון די עיקרים ביים באַנעמען און באַרעכטיקן די יידיש־ליטעראַטור. אָבער פונדעסטוועגן, זאָג איך, איז אויך ליטוואַקאָוו נאָך נישט יידיש־סאָוועטיש. ער איז נאָך סיי אידעאָלאָגיש און סיי אַטמאָספעריש מחוץ פון יענער יידיש־סאָוועטישקייט, וואָס האָט גענומען פירן די ממשלה אין ראַטן־פאַרבאַנד מיט עטלעכע יאָר שפּעטער.

ליטוואַקאָוו איז נאָך על פּי אידייע און על פּי געמיט אין גדר פון אַ יידישער פאָלקס־גאַנצקייט. ער פאָדערט, אַז די יידישע ליטעראַטור אין אויסלאַנד זאָל אַרויף אויפן וועג פון מאָסקווע, אַז זי זאָל אָננעמען מאָסקוועס נייע אידייאישע אָריענטאַציע. און ער איז מבטיח, אַז דאָס וועט שוין מיט זיך ברענגען אי ליטעראַרישע קוואַנטיטעט און אי קוואַליטעט. מיט אַנדערע ווערטער: ליטוואַקאָוו שטעלט זיך איין פאַר דער אידייאישער העגע־מאָניע פון מאָסקווע אויפן שטח פון וועלט־יידנטום, אָבער זיינע ליטעראַרישע

האָריזאָנטן זיינען נאָך ייִדיש־פאָלקישע, אפילו ייִדיש־וועלט־פאָלקישע. ליט־וואָקאָווס חקירות און פלפּולים דרייען זיך אַרום העגעמאָניע און נישט אַרום איבעררייס.

די ייִדיש־סאָוועטישקייט אָבער פון די דרייסיקער יאָרן נאָך דער אויפ־לייזונג פון דער יעווסעקציע — זי איז לגמרי אַנדערש. זי קער זיך אידייאיש וויניק וואָס אָן מיט ליטוואָקאָווס חקירות וועגן העגעמאָניע אין אַ ייִדישער וועלט־ליטעראַטור. די ייִדיש־ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס איך באַציייכן זי מיט דעם שם־התואר סאָוועטיש, האָט זיך באַפרייט, ד. ה. מען האָט זי פון „קאָזנאַ״ באַפרייט, פון דעם מינדסטן ייִדיש־פאָלקישן און אוודאי שוין וועלט־פאָלקישן אויסבליק. די ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראַטור האָט על פּי דעקרעט איבערגעריסן מיטן ייִדישן אויסלאַנד, זי האָט איבערגעריסן אַלע פאַרבינדונגס־פעדעם מיט דער ייִדישער וועלט־שעפערישקייט. זי איז געוואָרן ליטעראַטור אויף ייִדיש בלויז אין די גרענעצן פונעם ראַטן־פאַרבאַנד.

אין וועלט־פאָלקישע פּריווילעגיע איז דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטע־ראַטור באַוויליקט געוואָרן. זי האָט געמעגט, זי איז געווען מחויב צו זידלען דאָס ייִדיש־ליטעראַרישע אויסלאַנד.

מען מוז מודה זיין, אַז אין אָט דעם „פּריווילעגיום אָדיאָזום״, אין אָט דער באַוויליקטער באַזונדערקייט פאַרגנבעט זיך קעגן דער כוונה פון די סאָצבאַשטעלער אַ נאַציאָנאַל־ייִדישער מאָמענט, אַ מאָמענט פון ייִדישן וועלט־פאָלקיזם. וואָרום מכלל לאו אתה שומע הן. אין דעם נעגאַטיוון ליגט אַ שטיק פּאָזיטיווקייט. אויב זידלען, מוז דאָך זיין וועמען צו זידלען, כ׳מיין עס מוז פאַראַן זיין אַ קרובהשאַפט, וואָס מען האַלט זי אין איין צערייסן און זי לאָזט זיך נישט. זי איז פונדעסטוועגן אַלץ דאָ און עקשנט זיך איין צו באַשטיין. פון דער זידלעריי לשם נעגאַציע קומט אַרויס אַפירמאַציע, קומט אַרויס אָנערקענונג פון דעם נעגירטן פאַקט.

קאָן מען טאַקע נישט לייקענען אָט דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט, וואָס קומט אַזוי גנבה׳ש־גראָטעסק אַרויס פון דער סאָוועטישער נאָצפאַרניכטונג פון דער ייִדישער פאָלקישקייט, ד. ה. פון דער נעגירונג פון יעדער גייסטיק־היסטאָ־רישער קרובהשאַפט צווישן דער ייִדיש־ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד און דער ייִדישער שעפערישקייט אין אויסלאַנד.

אָבער פון דער אַנדערער זייט טאָר מען אויך פאַר קיין פאַל נישט מגזם זיין דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן מאָמענט, וואָס ס׳האָט זיך אַ טייל אויס־געדאַכט, אַז ער איז פאַראַן אין יענער ייִדיש־סאָוועטישער פּאָעזיע און בעלעטריסטיק, וואָס האָט אין די דרייסיקער יאָרן גערופן צו אינדוסטריאַלי־זאַציע, צו קאָלאָניזאַציע און צו ישוב בירא־בידזשאַן, און האָט זיך דערנאָך

אין די פערציקער יאָרן ערב דעם חורבן פון 1948 מתיר געווען אַזאַ יידישן סענטימענט ווי נקמה קעגן די דייטשישע רוצחים.

וואָס שייך ביראָ־בידזשאַן וועל איך דאָ, פאַרשטייט זיך, אויסלאָזן צו דערציילן מיט וואָס דער דאָזיקער פּלאַן פון אַ יידישן ישוב אויף אַ שטח ערגעץ אין וויטן מזרח האָט זיך פּאַקטיש פאַרענדיקט. דאָס איז שוין היינט־צו־טאָג אַ סאָוועטיש־אָפיציעל באַשטעטיקט שטיקל נייעס, וואָס ס'איז איבעריק איבערצוחזרן.

וויאַזוי האָט ביראָ־בידזשאַן אָפּגעקלונגען אין דער יידיש־ליטעראַטור? ביראָ־בידזשאַן האָט אין דער בעלעטריסטיק אָפּגעקלונגען, וואָלט איך געזאָגט, נישט אויסלאַנד־פּאָליטיש, נאָר אינלאַנד־פּאָליטיש. כלפּי חוץ, כלפּי אויסלאַנד, האָט די סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פונעם בירָאבידזשאַן־פּלאַן, וואָס דאַרף נישט אַנדערש ווי זיך פאַרמעסטן מיטן ישוב ארץ־ישראל. אָבער כלפּי פּנים האָבן די אויסטייטשער פונעם ביראָ־בידזשאַן־פּראָיעקט, וואָס איז געווען געדאַכט ווי אַ שרייפל, נישט ווי אַ יידיש־שרייפל, אין דעם געוועדק פונעם סאָוועטישן פינף יאָר־פּלאַן, נישט פאַרהוילן זייערע כוונות. די דאָזיקע כוונות האָבן נישט געהאַט צו טאָן, אָבער טאַקע לחלוטין נישט געהאַט צו טאָן, מיט יידישע סענטימענטן אָדער גאָר יידיש־נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס.

ווען איינער אַ יונגער אויפגייער קיין ביראָ־בידזשאַן פרעגט ביי זיין חבר מאָטל שקלאָווער אין בערגעלסאָנס ראָמאַן „ביראָ־בידזשאַנער" (דערשינען אין מאָסקווע אין 1934) וואָס אַזוינס זיי גייען דאָ בויען אויפן קאַלטן שטח אין וויטן מזרח, ענטפערט אים מאָטל אַז דאָס איז גאָר פּשוט און נישט שווער צו געדענקען: „מיר גייען דאָ — זאָגט מאָטל שקלאָווער — בויען סאָציאַליזם".

דאָס און נישט עפּעס אַנדערש, כ'מיין דאָס — אָן דער מינדסטער יידישער בייזאַך, איז געווען דער זין, די פּאָליטישע כוונה און אויך די ליטעראַרישע סאָצבאַשטעלונג פון דעם ענין ביראָ־בידזשאַן.

און עלקע רודנער, די העלדין פון נטע לוריעס ראָמאַן „דער סטעפּ רופט" [אַרויס אין מאָסקווע אין 1935, מיט אַ יאָר שפּעטער נאָך בערגעלסאָנס „ביראָ־בידזשאַנער"], זי, עלקע רודנער, וואָס דער קריטיקער יחזקאל דאָברושין האָט זי פּראָקלאַמירט פאַר אַ מוסטער פון יידישער העלדישקייט, פאַרמאָגט לחלוטין נישט עפּעס יידישס אין זיך, וואָס זאָל באַרעכטיקן צו באַטראַכטן איר אַרבעט־העראָאישקייט ווי אַ יידישע. זי, עלקע, איז אַ געטרייע קאָמסאָמאָלקע, וואָס היט די פּאַרטיי־געבאָטן. און דער חלום און די פרייד, וואָס איר באַשעפער נטע לוריע באַווייליקט איר, איז דער חלום און די פרייד צו בויען אַ סאָציאַליסטיש דאָרף.

און אַז דער צייטווייליקער היתר פיינט צו האָבן די דייטשן אין דער יידיש־סאָוועטישער מלחמה־ליטעראַטור איז נישט אויסן געווען אַראָפּצונעמען, און האָט טאַקע נישט אַראָפּגענומען, דעם אָפּיציעלן חרם פונעם מינדסטן געפיל פון יידיש־פאָלקישער פאַרבינדונג, דערויף זאָגט עדות די טרויעריק־באַוואוסט־געוואָרענע דאַטע פון יידיש־פאַרניכטונג, דער חודש נאָוועמבער פון יאָר 1948.

ווען מיר יידן זאָלן בכל דור ודור נישט זיין געפּעטעט מיט דער אָפּטי־מיסטישער אילוזיע, אַז „אַזאַ זאַך קאָן נישט געשען", אַז ס׳קאָן נישט פּאַסירן אַזוינס, וואָס ס׳האָט דערנאָך פּאַסירט אין די טעג פון נאָוועמבער 1948, וואָלטן מיר אפשר געווען באַצייטנס דערהערט דעם סיגנאַל פון דעם וואָס גרייט זיך צו קומען אין דעם אינצידענט פון שרייבער איציק קיפּניס מיט אַ יאָר פריער, אין 1947.

איציק קיפּניס האָט אויסגעדריקט אַ וואונטש־געדאַנק, וואָס אים האָט זיך געדאַכט, און ס׳האָט זיך אַלעמען געקאָנט דאַכטן, אַז ער גייט אין שפּאָן מיטן היתר פיינט צו האָבן די דייטשן און ליב צו האָבן זייערע קרבנות, און וואָס מער ליב צו האָבן דעם קרבן, צו וועלכן די דייטשן האָבן אַרויס־געוויזן אַ ספּעציעלע אכזריות.

מען קאָן נישט וויסן, ווי הויך אָדער ווי שטיל איציק קיפּניס האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט וועלן, אַז אַלע יידן, וואָס מאַרשירן איבער בערלינער גאַסן, זאָלן טראָגן צווישן זייערע מעדאַלן אויך דעם מגן־דוד. אָבער מען וויס יאָ, אַז מען האָט קיפּניסן אויסגעשלאָסן פונעם אוקראַאינישן שרייבער־פאַרבאַנד און אַז די פירער פון דער יידישער סעקציע פונעם פאַרבאַנד האָבן זיך, לויט באַפעל, אָפּגעטרייסלט בקול רם פון זייער יידישן חבר, וואָס „וויל זיך נישט אַריינגעמען אין קאָפּ, אַז די סאָוועטיש־יידישע סאָלדאַטן האָבן נישט געקעמפט פאַר דודן פונעם אַלטן טעסטאַמענט און פאַר זיינע אידעאַלן, נאָר פאַר זייער סאָוועטישן שטייגער לעבן, פאַר זייער סאָוועטישער מלוכה, פאַר זייער סאָוועטישן פאָטערלאַנד".

נו, איך גרייט זיך דאָ נישט צו פאַרפירן אַ פּאָלעמיק מיט די אויס־שליסער פון איציק קיפּניסן. פאַרקערט, איך וויל מיט זייערע רייד אונ־טערשטרייכן, אַז אויב דער מגן־דוד איז דער סימבאָל פון יידישער פאָלקיש־קייט, פון יידיש־היסטאָרישער און נאַציאָנאַלער צונויפגעבונדנקייט, האָט ער, דער מגן־דוד, נישט געהאַט קיין פּלאַץ, נישט דאָס מינדסטע שטיקל פּלאַץ אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, אין דעם אָפּשניט פון דער יידיש־ליטעראַרישער שאַפונג אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס שפּרייט זיך איבערן צייט־שטח פון די אָנהויב דרייסיקער און ביז צו דער טרויעריק באַוואוסט געוואָ־רענער דאַטע פון נאָוועמבער 1948.

איך האָב געפּרוּווט צו דעפינירן די אידייאישע און אַטמאָספערישע באַזונדערקייט פון דעם יידיש־ליטעראַרישן צייט־אָפּשניט, וואָס נאָר ער איז, לפי דעתי, באַרעכטיקט צו דעם היסטאָריש־פּיינפולן אַדיעקטיוו: סאָוועטיש, און איך האָב אויך געפּרוּווט אַריינשטעלן די דאָזיקע יידיש־סאָוועטישע ליי־טעראַטור אין אַן ערכ׳דיקער כראָנאָלאָגישער ראַם.

עס לוינט זיך די מי, וואָרים גראָד אין יענער סאַמע פּיינפולער צייט זיינען, ווייזט אויס לויטן דעם אַלטן פּרינציפּ פון אונדזער לאַנגער יידישער געשיכטע, לויט דעם פּרינציפּ „כאשר יענה אותו כן ירבה" געשאַפן געוואָרן די בעסטע, די בלייבנדיקסטע ווערק פון אַלע דרייסיק יאָר פון יידיש־שאַפונג אין ראַטן־פאַרבאַנד.

און ווען מיר ריידן וועגן אַרויסשיילן דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט פון דער ליטעראַרישער שאַפונג אין ראַטן־פאַרבאַנד, מוזן מיר לאָזן אין אַ זייט דאָס געזעלשאַפטלעך־פּראָפּאַגאַנדיסטישע, דאָס אידעאָלאָגיש־דיאַלעקטישע אַרום און אין די ליטעראַרישע ווערק פון די אַן ערך אַכצן יאָר, וואָס מיר באַצייכענען מיטן נאָמען יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור, און זיך אָפּשטעלן בלויז אויף דאָס געשטאַלטערישע, כ׳מיין, אויף דער קינסטלערישער פאַרפיקסירטער געשטאַלטיקונג פון מענטשן און פּאַסירונגען, וואָס שפּאַנט אַריבער די צייט־ווייליקייט פונעם סאָוועטישן רעזשים און גייט אַריין לדורות אין אונדזער נאַציאָנאַל־גייסטיקן פאַרמעג.

עס איז שווער צו וויסן וויפל נאַציאָנאַליזירנדיקע השפּעה די יידיש־ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט געהאַט און צי זי האָט בכלל געהאַט אַזאַ השפּעה אויף די סאָוועטישע יידן. אויב מען זאָל משפּטן אויפן סמך פון די אַלע באַשרייבונגען וואָס מיר האָבן טאַקע אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור וועגן די „נייע יידישע מענטשן", וועגן די כל המינים סטעפּ־גייער און בירא־בידזשאַן־גייער, וואָלט מען געמוזט קומען צום אויספיר, אַז די השפּעה איז געווען זייער אַ מינימאַלע, אַזוי מינימאַל און ווייניק געדויערדיק ווי דער איינפלוס פון דער דערציאונג אין די יידיש־סאָוועטישע שולן. און די באַריכטן פון די זשורנאַליסטן און רבנים, וואָס האָבן לעצטנס באַזוכט סאָוועט־רוסלאַנד, פאַרגרעסערן מיט גאָרנישט די דאָזיקע מינימאַל־קייט. פאַרקערט, זיי מינערן נאָך פון איר.

ווי ווייט מען קאָן זיך שאַפן אַן איינדרוק, סיי פון דעם אַנטי־רעליגיעזן קאַמף אין דער יידיש־סאָוועטישער פּאָעזיע און פּראָזע און סיי פון די באַריכטן פון די סאָוועט־באַזוכער וועגן דעם ביסל יידישקייט, וואָס איז על פּי פאַקט און על פּי סענטימענט פאַרבליבן ביי די סאָוועטישע יידן, איז דער נאַציאָנאַ־ליזירנדיקער פאַקטאָר געווען און איז עד־היום: רעליגיע און ארץ־ישראל.

איך האָב געמאַכט אָט דעם קליינעם אָפּנויג, כדי אונטערצושטרייכן

אַז ווען איך רעד וועגן דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין די ווערק פון דוד בערגעלסאָן, פון משה קולבאַק, פון דער נסתּר און פון פּרץ מאַרקיש — ווערק, געשאַפענע דווקא אין די סאָוועטישע יאָרן צווישן אָנהויב דרייסיקער און נאָוועמבער 1948 — איז דאָס אַ נאַציאָנאַלער מאָמענט, וואָס איז אומאָפּהענגיק פון דער יאָ־ אָדער נישט־השפּעה אויפן יידיש־סאָוועטישן לעבן, וואָרים עס איז אַ גרויס־שעפערישער פלאַם, וואָס באַהעפט זיך איבער די סאָוועטישע גרענעצן, איבערן סאָוועטישן חורבן און איבער אונדזער צייט אַריבער מיט דעם אייביקן יידיש־שעפערישן פייער, וואָס ווי עס הייסט אין איינעם אַ ליד פון אַ לעבן־געבליבענעם יידיש־סאָוועטישן פּאָעט —

„אונדזער פייער טאָר נישט שטאַרבן,
„האַלט עס אויף נאָך וואָרט פון דיכטער."

דוד בערגעלסאָן האָט אין זיין ראָמאַן „ביים דניעפּר" (אַרויס אין מאָסקווע אין 1932) זיך היפּש געמיט צו גיין אין די טריט פון איציק פעפערן, וואָס האָט מיט צוויי יאָר פריער, אין 1930, אין זיין לידער־זאַמלונג „געוועטן", געזען ווי „אין אַלטיטשקע שקראַבעס, אין שווייסיקן קיטל זיך וואַלגערט דער שבת" און ער האָט דעם שבת, און למען אַנטי־רעליגיעזער אָביעקטיווקייט אינאיינעם מיט דעם זונטיק, באַפוילן —

„די טעג, אָט די רו־טעג
צום ווענטל זיי שטעלן."

איציק פעפער האָט צעשאָסן דעם שבת, האָט דוד בערגעלסאָן געפּרואווט אים אַריבעריאָגן מיט אידעאָלאָגישן אייפער און דורך זיין אַלטער־עגאָ פּע־נעק צו נישט מאַכן דעם שבת שבתון — יום־כּיפּור. דורך פּענעקס אויגן מאָלט בערגעלסאָן אַ סצענע ווי דער בית־המדרש ליידיקט זיך אויס אום יום־כּיפּור, יידן צעלויפן זיך, ווייל ס׳איז געשען אַ גנבה אין שטאָט און פּענעק־בערגעלסאָן קומט צו דער מסקנה, אַז דער „פאַרמעגן איז ביי יידן־בעלי־בתּים טייערער פון גאָט, פונעם גאַנצן יום־כּיפּור."

און ס׳איז נישט די איינציקע סצענע וואו פּענעק־בערגעלסאָן וויל מיט חילול הקודש אַריינשפּייען אין אייגענעם יידישן געמיט און עס פאַרנמאַסן ביי זיך און ביי אונדז.

אָבער בערגעלסאָן איז אַ צו גרויסער און טיפער שרייבער, אַז ער זאָל קאָנען קינסטלעריש לאַנג און געדויערדיק אָנגיין מיטן שקר. דער אמת שווימט אַרויס פון די טיפענישן פון שרייבערישער עכטקייט און באַשאַפט פאַר אונדז קעגן בערגעלסאָנס מורא, און אפשר אויך קעגן זיין כוונה, די געשטאַלט פון פּענעקס פאָטער ר׳ מיכאל לעווין — אַ געשטאַלט פון דורות־

דיקער יידישער גבורה און פון דור־תדיקער יידישער גייסט־פארליבטקייט און עקשנות.

וויפיל קליינלעכע רכילותן פענעק זאל פאר אונדז נישט אנריידן אויף זיין טאטן, קאן ער אונדז נישט איבערצייגן אז זיי פאסן זיך קינסטלעריש אריין אין דער געשטאלט פון ר׳ מיכאלן, דעם מענטש פון געדאנק און פון מאראלישער בענקשאפט; דעם יידן, וואס זאגט אכצן בלעטער מורה נבוכים אויף אויסנווייניק און איז אזוי פארגלויבט אין דעם כוח פון מחשבה, אז ער דארף נישט קיין שלאפגעטראנק ביי אן אפעראציע. „כ׳מיין — זאגט ר׳ מיכאל צום כירורג — איך וועל זיך פארטראכטן, וועל איך נישט פילן קיין ווייטיק". און ר׳ מיכאל האלט נישט בלויז, אז דער געדאנק איז בכוח גובר צו זיין די יסורי הגוף, נאר פאר אים איז די מחשבה אויך דער יסוד פון מאראלישן רצון, פון זיין ווילן צו מעשים טובים.

פענעק־בערגעלסאן פרואווט טאקע מיט באהאלטענער און מיט אפענער איראניע אפצושוואכן און אפילו אפצואווישן די כאראקטער־שאפנדיקע ליניעס, וואס אנטפלעקן זיך פאר אונדז אין דער געשטאלט פון ר׳ מיכאלן, ווען ער דיקטירט אריין משה דעם קאסירער אין א בריוו, אז

> „ווען איז גערעדט געווארן אז מעשים טובים זיינען עפעס ווערט — נאר אין פאל ווען זיי קומען פונעם שכל, דהיינו: ווען דאס הארץ הייסט דיר גאר שלעכטס טאן, נאר דו ביסט מיטן שכל גובר דאס הארץ און טוסט גוטס. ווארים אויב אייגער טוט גוטס נאר פונעם הארץ און נישט פונעם שכל איז, וואס איז דער מער מיטן מענטשן אנטקעגן דער בהמה?"

וויפיל בערגעלסאן זאל זיך נישט געוועלן ראנגלען מיט זיינע אפנויג־מוראס און מיט זיינע אידעאלאגישע כוונות איז פון אונטער זיין פעדער ארויסגעקומען א יידישע געשטאלט פון א דור־תדיקן שיעור קומה, וואס פארנעמט א פלאץ אין דער וואונדערלעכער געשטאלטן־גאלעריע פון טויזנט יאר יידיש לעבן אין מזרח־איירפע.

דאס אייביק־נאציאנאלע פון אזא מין געשטאלט באשטייט אין דעם, וואס זי איז א רעזולטאט, ווי דאס פוילישע ווערטל זאגט, נישט פון זאלץ, נאר פון דעם וואס ס׳טוט מיר וויי. כ׳מיין, זי איז נישט אויסגעשמידט געווארן לויט די דירעקטיוון און רעצעפטן פון דרויסנדיקע רעזשימען און ציוויליזאציעס, נאר זי איז ארויסגעוואקסן פון די סאמע טיפענישן פון א יידישן לעבנס־שטייגער, וואס איז גייסטיק און גאזעלשאפטלעך געגאנגען זיין אייגענעם וועג טראץ און קעגן אלע צייטווייליקע רעזשימען און ציוויליזאציעס פון דרויסן.

דעם וועג זיינען טראץ אלע טראצן, אפילו נישט איינמאל, ווי געזאגט, טראץ זייער באשאפער דוד בערגעלסאן, געגאנגען די „ביים דניעפר"־גע־

שטאַלטן ר׳ מיכאל לעווין און זער מיט גרייז־גראָע צרות באַוואָקסענער יהשע פריידעס, וואָס פאַרטיפט זיך אין ספרים און דאָס מאַכט אים פאַרגעסן אַז ס׳זיינען פאַראַן קבצנים און גבירים, און אַלטער מייטעס, וואָס האָט מורא, אַז ער איז נישט גענוג פרום און בעט זיך ביי יעדן מען זאָל אים צוווינטשן ער זאָל זוכה זיין צו זיין אַ פרומער ייד.

און אַפילו יאַנקל פורמאַן ווערט קינסטלעריש בולטער, וואָרער און דערהויבענער, נישט ווען ער טרייבט אינאיינעם מיטן בעל־הבית, מעזיניק, פענעק, לשון־הרע־קאָנספּיראַציע קעגן ר׳ מיכאל לעווין און זיין הויזגעזינט, נאָר גראָד דעמאָלט ווען ער ווייזט אַרויס זיין אַלטע בעלי־בתישע מאָראַל און רוגזט זיך אויף ר׳ מיכאלן —

— בעל הבית, פאַרוואָס פּרואווט איר מיך אויס?
— וואָס נעמט איר נישט צו דעם זשילעט מיטן געלט?
— איך האָב נישט קיין יצר הרע?
— מיין יצר הרע איז פון קלאָטשע?

דעם אייגענעם וועג ווי בערגעלסאָנס, און אפשר נאָך מיט מער התרוממות הרוח, גייען די געשטאַלטן לוזי מאַשבער און סרולי גאָל פון דעם נסתרס ראָמאַן „די משפחה מאַשבער״, וואָס איז אַרויס אין מאָסקווע אין 1939.

איך זאָג מיט מער התרוממות הרוח, ווייל דער נסתר האָט ביים מאָלן זיינע גרויס־יידישע געשטאַלטן נישט גערעדט אויף זיי קיין רכילות צוליב „קאַזנאַ״ און האָט אָן אָן ערך ווייניקער מורא געהאַט ליב צו האָבן, פשוט און פראָסט ליב צו האָבן, זיינע גרויס־יידישע מענטשן.

לוזי מאַשבער, דער ברודער פון משה מאַשבער, דעם שיינעם בעל־הבית, וואָס פירט גרויס־נגידישן שטאָט אין דער שטאָט „ען״ (אונטערן פּסעוודאָנים „ען״ באַהאַלט זיך נישט קיין אַנדערע ווי די עיר ואם בישראל בערדיטשעוו), איז געווען אויסגעטאָן פון עולם־הזהדיקע ענינים. לוזי האָט געפונען זיין וועג צו די בראַצלאַווער חסידים. לוזי איז אַ בעל־תשובה, ער פייניקט זיך ווייל זיינער אַ זיידע איז געווען אַ שבתי־צביניק; לוזי עסט נישט מן החי. ער איז אַ מין וועגעטאַריער על פי תורה. ער האָט זיך פאַרבונדן אין אַ טיפער גייסטיק־מאָראַלישער פריינטשאַפט מיט סרולי גאָל, וואָס „האָט קיינעם נישט, פאַרמאָגט גאָר נישט, קיין אייגענע פאַמיליע, קיין דאַך אויפן קאָפּ און שפּייזט זיך ביי פרעמדע טישן״. אָט דער סרולי, וואָס פירט אַזאַ שלעפּעריש לעבן, האָט אויסער פאַר גאָט אַפילו פאַר צדיקים און רבנים קיין מורא נישט.

משה — דער עולם הזה, דער נגידישער שטאָט פון דער משפחה, קומט אויף און גייט אונטער, אָבער איבערגעדויערן געדויערט דער ברודער לוזי, דער בראַצלאַווער חסיד, וואָס ער פאַרקעפערט דאָס ירושהדיק־גייסטיקע

פון זיין פֿאָטער ר׳ יואל, דעם פּרוש און פֿונעם זיידן, דעם בעל־תּשובֿה, דעם וואָגלער.

דער אונטערשטער סך־הכּל פֿון דעם נסתּרס ראָמאַן און פֿון זיין פֿער־קאָנאַזשן־געזעמל וואָלט, דאַכט מיר, געקאָנט פֿאָרמולירט ווערן אַן ערך אַזוי: משה מאַשבער מיטן האַק און פּאַק פֿון זיין נגידות און געזעלשאַפֿט־לעכער חשיבֿות איז, משפּחה׳דיק־יידיש און היסטאָריש־יידיש געזען, נישט מער ווי עפּעס אַ צופֿעליקער און לגמרי נישט ווירקעוודיקער שפּריץ וואַסער אויף דער ברענענדיקער קויל פֿון גייסטיקן אומרו און פֿון מאָראַלישער ליידנ־שאַפֿט, וואָס וועגן דער קויל האָט לוזי מאַשבערס און סרולי גאָלס רבי, ר׳ נחמן פֿון בראַצלאַוו, געזאָגט, אַז מיין קויל־פֿייער וועט ברענען און נישט פֿאַרלאָשן ווערן ביז משיח וועט קומען.

פֿון אונטער דעם אייזדעק פֿון סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, פֿון אונטער דעם אייזדעק פֿון פֿרעמדס און אָנגעוואָרפֿנס פֿון דרויסן, האָט דער נסתּר אין די געשטאַלטן פֿון לוזי מאַשבער און סרולי גאָל אָפּגעראַטעוועט אייגענע יידישע פֿונקען פֿאַרן אוצר פֿון נאַציאָנאַלע יידישע ווערטן.

אויב דעם נסתּרס סרולי גאָל און לוזי מאַשבער זיינען ניסימדיק אָפּ־געראַטעוועטע ניצוצות פֿון יידישער גייסטיקייט, פֿונעם בראַצלאַווערס קויל פֿייער, זיינען משה קולבאַקס זעלמעניאַנער, כ׳מיין, די געשטאַלטן פֿון זלמן עליע בר׳ לייב כוואַסט און פֿון זיינע פֿיר זין: דער פֿעטער איטשע, אַ שניידער אַ לאַטוטניק מיטן צונאָמען דער מלך אבֿיון; דער פֿעטער פֿאָליע, אַ ייד אַן אכל׳ער, וואָס מען ווייסט נישט וואָס פֿאַרן גערעדנקען ער שאַפֿט מחמת ער זאָגט זיי נישט אַרויס; דער פֿעטער יודע, אַ סטאָליער, אַ פֿילאָסאָף און אַן אלמן און דער פֿעטער זושע, אַ זייגערמאַכער, אַ יחסן, אַ חלוש, אָדער ער מאַכט זיך פֿאַר אַ חלוש — זיינען, זאָג איך, זלמן עליע און זיינע זין, פֿונקען פֿון אַ פֿאָלקיש־יידישן לעבנס־שטייגער, וואָס איז אויף אַזויפֿיל אייביק, וואָס ער איז לגמרי אומאָפּהענגיק פֿון דעם ווער ס׳רעגירט אין „ראַסיי״, אַ שוואַרצער צי אַ רויטער צאַר, און אויך לגמרי נישט אונטערגעוואָרפֿן צו די גזירות און חסדים פֿון די דאָזיקע צאַרן. ווען איך זאָג: נישט אונטער־געוואָרפֿן, מיין איך, אַז וויפֿיל דער דאָזיקער לעבנס־שטייגער פֿון דורות זאָל נישט זיין געפּענטעט דרויסנדיק פֿונעם רויטן צאַרס רשעות און גנאָד און וויפֿיל ער זאָל נישט אָפּגעבן דעם קייסער וואָס דעם קייסער קומט, בלייבט ער לאָיאַל און געטריי צו זיך אַליין, צום אייגענעם אמת און צו די געבאָטן פֿון דעם אייגענעם אמת.

דעם פֿעטער פֿאָליע, דעם אכל׳ער, איז שווער צו פֿאַרשטיין וואָס איינער דאַרט אַ וויכטיקער חבֿר, אַן אָראָפּגעקומענער מיט אַ שליחות, וויל אים איינ־

ריידן, אַז ער, פּאַליע, איז איצט דער בעל־הבית פון דער גאַרבאַרניע וואו ער אַרבעט. אָבער דערנאָך איז אים איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף נאָכגעבן מלכות — און ער האָט זיך פלוצים אַ וועגד געטאָן צו זיין ווייב און איר געזאָגט:

— גיי אַראָפּ אין הויף און גיב איבער, אַז פּאַליע איז שוין געוואָרן אַ באָלשעוויק.

די טרויעריקע ידיעה איז אַראָפּגעגאַנגען, האָט איבערגעגעבן און איז צוריק געקומען.

— נו, איז וואָס־זשע האָבן זיי געענטפערט?

— זיי האָבן געלאַכט — האָט זי געזאָגט טרויעריק.

אַוודאי האָבן זיי געמוזט לאַכן איבער פעטער פּאַליעס באָלשעוויזם, אַזוי לאַכן ווי איך און די יוגנט פון מיין דור האָבן געלאַכט איבער ר׳ אהרן כהן און איבער ר׳ מאָטיע הערמאַן און אַנדערע יידן מיט באָרד און פאות, וואָס האָבן אין מיין גאַליצישער היימשטאָט געשיקט זאָגן דעם סטאַראָסטע, אַז זיי זיינען פּאָליאַקן פון משהס גלויבן.

די זעלמעניאַנער אייניקלעך אונטער באָלשעוויקישן מלכות האָבן נישט ווייניקער געלאַכט ווי מיר, די פרום־יידישע אייניקלעך אונטער מלכות פון פּוילישן פּריץ, ווייל מיר האָבן געפילט אין זיך, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין העכערע און קאָנסטאַנטערע לאָיאַליטעט ווי צו זיך אַליין, צו דעם היסטאָריש געפורעמטן יידישן איך און מיר. דער קל וחומר איז געווען: מאי דאָך מיר — אַ פשיטא שוין זיי.

אָט דעם קל וחומר, וואָס געווינטלעך ווערט ער ליטעראַריש אַרויסגע־בראַכט דורך פּאַטאָס, האָט משה קולבאַק געשטאַלטיקט מיט די שווערסטע, אָבער סאַמע עפעקטיווסטע קינסטלערישע מיטלען — מיט הומאָר.

משה קולבאַקס זעלמעניאַנער־געשטאַלטן זיינען פון גרויסן יידיש־נאַציאָ־נאַלן ווערט, ווייל אין זיי באַווייזט זיך דאָס קאָנסטאַנטע, דאָס יידיש־דורות־דיקע, וואָס טרויערט זיך אַריבער און לאַכט זיך אַריבער איבער דאָס צייט־ווייליקע פון דרויסנדיקע רעזשימען און ציוויליזאַציעס.

דער ברייט־פאַרנעמיקער און שטורמישער פּרץ מאַרקיש האָט אין זיין פּאָעמע וועגן דעם שטעטלשן ייד אַנטשעל, דער זשעליאַזניק, וואָס פּאַרט זיך באַזעצן אויף ערד (די פּאָעמע אונטערן נאָמען „דעם בעל־גופס טויט״ איז אַרויס אין מאָסקווע אין יאָר 1935) געפּרואווט טאָן ווי עס האָט געטאָן דוד בערגעלסאָן אין זיין פּענעק־ראָמאַן — מאַרקיש האָט געפּרואווט צו מינערן פון אַנטשעלס מענטשלעכער און יידישער געשטאַלט.

וואָס אַנטשעל זאָל נישט טאָן, ווייל מאַרקיש זיך און אונדז איינריידן אַז ס׳איז נישט גוט, אַז ס׳שמעקט מיט בעל־גופישקייט, אָבער אויך מאַרקיש

איז צו פיל וואָרער פּאָעט, אַז ער זאָל קענען בלייבן ביים שקר די גאַנצע צייט פון געשטאַלטיקונג. דורך אַלע רכילותן, וואָס מאַרקיש רעדט אָן אויף אַנטשלען, דעם פרום־בעלי־בתישן אייזן־סוחר, וואָס די סאָוועטישע מאַכט האָט אים געצוואונגען צו ווערן אַ קאָלווירטניק און אַ קאָנויך דערצו, רייסן זיך דורך עלעגישע שורות, שורות פון צער אי אויף אַנטשעלס שווערן גורל און אי שורות פון בעל־כרחא־באַוואונדערונג פון אַנטשעלס יידישער עקשנות. וויפיל מאַרקיש זאָל זיך נישט מיען צו כיכיקען אויף אַנטשעלס בענקשאַפט צו די פרייטיקן און שבתים אין זיין אַמאָליקן שטעטל, קאָן ער נישט פאַרהיטן, אַז יענע שיינע טעג זאָלן נישט זיין שיין, טאַקע אַבסאָלוט שיין, און ער קאָן נישט פאַרהיטן, אַז מיר זאָלן נישט דורכגענומען ווערן פון דער טיפקייט פון אַנטשעלס נשמה־פּיין, ווען ער רופט אויס, אַז אויב —

„סיאיז קיין גאָט נישטאָ

„און ס׳איז קיין קינד נישטאָ

„איז וואָס האָט דאָ אַ ייד צו טאָן ?״

אויב אין 1935 האָט מאַרקיש נאָך געהאַט כוח צו פאַרהאַלטן אין זיך זיין יידישן צער און צו פאַרשטעלן זיך די אויגן אַקעגן דער פּיין פון אַ אַנטשעל זשעליאַזניק, האָט ער צען יאָר שפּעטער, נאָך מאַידאַנעק און טרעבּ־לינקע, שוין געוואוסט, אַז ס׳גייט נישט מער, אַז איצט — אַזוי שרייבט ער צו יוסף אָפּאַטאָשון אין אַ בריוו פונעם 20סטן אויגוסט 1945 — „דאַרף קומען אַ וואָרט פון אונדזער ליטעראַטור, נישט נאָר אַ באַשרייבנדיקס, נאָר אַ באַ־זינגענדיקס, און אויף דעם וועט געפּרואווט ווערן דער גייסט פון אונדזער אומגליקלעכן פאָלק״.

„אונדזער ליטעראַטור — האָט מאַרקיש ווייטער געשריבן אין יענעם בריוו (זע: אָפּאַטאָשו־לייוויקס „זאַמלביכער״ נומער 8, ניו יאָרק, 1952) — וועט דאַרפן איצטער אונטערפירן אַ סך־הכל אויפדאָסניי, איבערשאַצן דעם באַגריף „קידוש־השם״ ווי אַן אייביקע נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריע״.

אין דער אַן ערך זיבן הונדערט זייטן גרויסער פּאָעמע „מלחמה״, די אין כמות גרעסטע פּאָעמע אין דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור, האָט מאַרקיש געפּרואווט אונטערציען דעם סך־הכל און דערציילן וועגן דעם נייעם יידישן קידוש־השם אין דעם קריג קעגן היטלערן.

אין דער פּאָעמע, וואָס איז אַרויס אין מאָסקווע אין 1948, חדשים פאַר דעם סאָוועטישן מאַידאַנעק אויף יידיש און יידיש־שעפער, האָט מאַרקיש פּאָעטיש גבורהדיק און עכט אויסגעשריגן דאָס יידישע נקמה־געפיל קעגן „גערמאַניע — דער מאַלצייט פון מאַידאַנעק״, קעגן „גערמאַניע — די קללה פון דער ערד און דער רויבזאַק פון תלינים״, און האָט מיט אַ סך דיכטע־

רישער ווירטואָזיטעט געזונגען וועגן דער הייליקייט פון דער גרויזאַמער „רויט־אַרמייער־שווערט, וואָס גייט דעם הענקער־לאַנד אין יום־הדין דער־מאָנען".

מאַרקישעס „מלחמה" איז אַ מעכטיקער עפּאָס פון גרויזאַמער העלדיש־קייט און פון תהומיקער שנאה. אָבער די אייביקע נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריע, וואָס מאַרקיש זוכט זי אין זיין בריוו צו אַפּאַטאָשו, רייסט זיך דורך דע־מאָלט, ווען אין די יידישע העלדן אין דער פּאָעמע גייט אויף די דערקענטע־ניש, אַז דער יידישער גורל וואַקסט אַריבער די גרויזאַמע סאָוועטישע העלדיש־קייט און די צעברויזטע שנאה צום דייטש — כ'מיין, דעמאָלט, ווען אַבראַם אָוואַדיס דערזעט אין די אָנהויב־קאַפּיטלען, אַז „שלאָגן שלאָגט ער איצט נישט בלויז זיך מיטן דייטש, נאָר אויך מיט דעם (סאָוועטישן פּאַטריאָט), וואָס פרעגט: צי ביסטו אַ ייד דען?", און ווען ביים יידישן פּאַרטיזאַן און גיבור גור־אריה האָט נאָכן אַריינמאַרש קיין בערלין זיך געריסן די פראַגע צום קאָמאַנדאַנט סאַדאָווסקי:

— פאַר וועלכע מעשים טובים, האַ? צו וועלכע שוואַרצע יאָר זייט איר צום שלאַנג אַזוי ג'טהאַרציק און וואַרעם?

און גור־אריה ענטפערט זיך אַליין — „איך ווייס איר קאָנט מיר זאָגן קורץ און שאַרף: אין שלאַכט אַ קויל און ברויט נישט זשאַלעוועט דער זיגער."

פאַר סאַדאָווסקין איז דער דייטש אַ באַזיגטער, פאַר גור־אריהן בלייבט ער אַ תלין.

די פאָרמולע איז קורץ און איר נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריע אַ דורותדיקע: סאַדאָווסקי איז אַ זיגער, גור־אריה איז אַ קרבן.

בלויז עטלעכע חדשים שפּעטער איז די דאָזיקע פאָרמולע אין איר פולער יידיש־נאַציאָנאַלער קאַטעגאָרישקייט וואָר געוואָרן.

פּרץ מאַרקיש, דער טרובאַדור פון „דער הייליקער סאָוועטישער גרויזאַמ־קייט", האָט אינאיינעם מיט זיינע חברים יידיש־שרייבער געמוזט איבערשאַצן פונדאַסניי דעם באַגריף פון יידישן קידוש־השם. דער זיגער סאַדאָווסקי האָט זיין פולע גרויזאַמקייט אַקעגנגעשליידערט זיינע יידישע מיטקעמפער אַבראַם אָוואַדיס, גור־אריה און זייער באַשאַפער און באַזינגער פּרץ מאַרקיש.

דער זיגער סאַדאָווסקי האָט אומגעבראַכט די יידיש־שעפער און האָט פאַרשטומט דאָס יידישע וואָרט, אָבער די באַשאַפענע געשטאַלטן, אין וועלכע דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, משה קולבאַק און פּרץ מאַרקיש האָבן אַריינ־געוועבט דעם שם־המפורש ייד — די געשטאַלטן בלייבן לדורות נאַציאָנאַלע יידישע ווערטן. אָט דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור קאָן קיין שום גרויזאַמע שווערד נישט צעשטערן. אפשר האָט

אַט די זיכערקייט וועגן געדויער פון די נאַציאָנאַלע ווערטן פון יידישן וואָרט אַרויסגעזונגען פון דעם פּאָעט איזי כאַריק, ווען ער האָט נאָך אין 1926 אין שורות געשריבענע אין דעם בטחון־געמיט פון אַן אברהם רייזען גע־זונגען —

„און כ׳וועל געוויס נאָך לעבן זייער לאַנג
„און אפשר לענגער נאָך אַפילו פון מיין זיידן;
„און וועט אַ קויל מיך טרעפן שטילערהייט
„וועט מיך די קויל געוויס נישט קענען נעמען.״

(1957)

◈

יוסף אָפּאַטאָשו

ו

ניגון פון צייטן

א

דער פּאָעט און דער רבי האָבן זיך באַגעגנט אין אַ ניו־יאָרקער אַכסניה.

ביידע — לייבלעכע אוראייניקלעך פונעם טשעכאַנאָווער צדיק ר׳ אברהמל און ביידע — צוויי אַנדערע וועלטן.

פאַרשיידן איינס פון ס׳אַנדערע אין דרויסנדיקן אויסזען און ווייט פונאַנאַנדער על־פּי געמיט, מחשבה און שטייגער לעבן.

מע האָט זיך שווער צונויפגערעדט און זיך גיך אָפּגעזעגנט.

דער רבי „האָט געגעבן וואָלפן שלום, געזאָגט אַ פּאָר ווערטער און איז אַריין אין זיין חדר מיוחד מיטן טשעכאַנאָווער ניגון״.

„און אַז וואָלף איז אַראָפּ די טרעפּן, איז שוין געווען אויף העברי־סטריט, איז דער טשעכאַנאָווער זמירות־ניגון ווידער אין אים אויפגעגאַנגען, און ער האָט אים אַוועקגעטראָגן איבער די ניו־יאָרקער גאַסן״.

אין די מייסטע פון די עטלעכע צענדליגג דערציילונגען אין אָפּאַטאָשוס בוך „יידן־לעגענדע״, וואָגלט פון ערגעץ אַ געמיט־טיפעניש און פון ערגעץ אַ צייט־ווייטקייט אַ ניגון פון יידיש־גייסטיקן פּאַרמעסט, אַ ניגון פון יידישן יחוס, פון יידישער בענקשאַפט נאָך אייגנס, און זאָגט אָן דעם נס פון יידישן פאָלקס־געדויער, פון יידישער אייביקייט.

אויך אַזעלכע נשמה־געזאַנגען ווי דער אויבנדערמאָנטער טשעכאַנאָווער זמירות־ניגון, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין דעם ניו־יאָרקער יידיש־שרייבער וואָלף, אָדער די יינגלשע ליבע צו קרובים, אומגעקומענע אויף קידוש־השם, וואָס האָט זיך אַ וועק געטאָן אין דעם שיקאַגער אינזשעניר ענגעלמאַן פון דער דערציילונג „קדושים”, פאַרמאָגן זייער קיום־אַנזאָגערישן פּאַטאָס.

אָבער וואָלפס און ענגעלמאַנס ניגונים זיינען נאָענטע און קלאָרע מוזיק. זיי זיינען פאַרשטענדלעכע, רעאַליסטישע בענקשאַפט־מעלאָדיעס, וואָס רייסן זיך פון נישט ווייטער ווי פון אונטער איין שיכט, און געווייינטלעך אַ נישט צו דיקן שיכט, פון פאָלקישער און קולטורעלער אָפּגעפרעמדקייט. און אויך דאָס שוועבעלע, וואָס צעצינדט דאָס דאָזיקע בענקשאַפט־געזאַנג געהערט צו דער וועלט פון רעאַליזם. ביי וואָלפן, דעם שרייבער פון ניו־יאָרק, איז עס די באַגעגעניש מיט זיין גליד־שוועסטערקינד, דעם חסידישן רבי פון פוילן; ביי ענגעלמאַנען, דעם אינזשעניר פון שיקאַגע — דער באַזוך ביי זיין אַלטן פעטער אויף דער ניו־יאָרקער „איסט־סייד”.

וואָלפס און ענגעלמאַנס אויפגעפלאַמטע בענקשאַפטן זיינען, אויב מען קען אַזוי זאָגן, רעאַליסטישע אימפּאָנדעראַביליען. אויף דער סתם שווערער וואָג פון לעבנס־ממשותן וועגן זיי טאַקע נישט, אָבער זיי האָבן זייער וואָג אויף די „אַפּטייקער־וואָגלעך” פון נאָרמאַלער פּסיכאָלאָגיע.

אומרעאַליסטיש ווערט דער ניגון און ער באַקומט דעם שאַרפן ריח פון ספּעציפיש־יידישער נס־מיסטעריע און פון ספּעציפיש־יידישן קיום־אַטאַוויזם, ווען ער גייט אויף אין אַ העלענאַ וויעזשינסקאַ, דער טאָכטער פון דורות אַסימילאַטאָרן און אַליין אַ משומדת, און — נאָך אומרעאַליסטישער, ווען דאָס „פּינטעלע ייד” פּרוּווט זיך דורכרייסן שטאַמלעריש און אומ־באַהאָלפן דורך אַזאַ נשמהדיקן פרעמדלאַנד ווי דער אַלטער פישער ניומען פון אַרום „שאַרק לעיק”, וואָס זיין גאַנצער יידיש־פּסיכישער פאַרמעג באַ־שטייט פון עפּעס אַ הונדערט יאָר אַלטער מעשה וועגן אַ זיידן, אַ „יידישן ראַבאַי”, וואָס האָט זיך דאָ ביים ברעג פון ניו־דזשורזי געראַטעוועט פון אַן אונטערגייענדיקער עמיגראַנטן־שיף אין זכות פון אַ וואונדער־קמיע.

די משומדת וויעזשינסקאַ זוכט דערנענטערונג צו יידן אין ניו־יאָרק, ווייל עס לאָזט זי ניט רוען די דערמאָנונג וועגן צעשטערטן מאַוזאָליי פון איר עלטער־זיידן ר' אברהם פּרוסאַק אויפן לאָדזשער בית־עולם.

און נאָך מיסטעריעזער, ווי געזאָגט, ווירקט דאָס דאָזיקע אַטאַוויסטישע אומרו־פּינטעלע ביים אַלטן פישער ניומען פון אַרום „לייק שאַרק”. דער אַלטער ניומען איז אַפילו נישט קיין משומד. ער איז פון תמיד אָן אַ פּראָטעס־טאַנט באַגלייך מיט אַלע פישערס אין דאָרף. און דאָס יידישע פּאָר־פּאָלק העלער, וואָס האָט ביי אים געדונגען אַ שטוב איבער זומער, האָט ביי אים

נישט אַרויסגערופן קיין נאָענטקייט. פאַרקערט. די שטאָטישע התנהגות פון די דאַטשניקעס איז אים געווען פרעמד און דערווידער.

דערוועקט דעם יידישן אומרו אין דעם ניו־דזשוירזער פישער האָט די מורא פאַרן שטורעם, וואָס האָט זיך צעשפּילט. כדי איינצושטילן דאָס געוויטער האָט דער פישער אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם די קמיע, וואָס איר זכות איז, על־פּי־לעגענדע, בייגעשטאַנען זיין יידישן עלטער־זיידן.

און אַז דער שטורעם האָט זיך געלייגט האָט דער פישער דערציילט די דאַטשניקעס זיין „יידישע מעשה" און מיט צעטראָגנקייט געפרעגט ביי העלערן:

— איז וואָס בין איך, מיסטער העלער, אַ פּראָטעסטאַנט, צי אַ ייד?

— אַ ייד.

דער זקן — פאַרענדיקט אַפּאַטאָשו די דערציילונג וועגן ניו־דזשוירזער פישער — האָט אַ ציִ געטאָן דעם יונגנמאַן צו זיך און אים איינגערוימט:

— זאָג עס נאָכאַמאָל, מיסטער העלער.

און וואָלט מאַרטשין קוויאַטעק, דער העלד פון דער דערציילונג „יידן־לעגענדע", וואָס אויף איר נאָמען הייסט דאָס גאַנצע בוך, געהאַט ביי וועמען צו בעטן, אַז מען זאָל אים „זאָגן נאָכאַמאָל" וואָלט ער אין אַ געוויסער מאָס געווען פּסיכיש באַרעכטיקט דערצו. וואָרעם אויך דער גרייז־גראָער מאַרטשין קוויאַטעק, וואָס איז אַ פרומער קאַטאָליק אָן דעם מינדסטן שמץ פון אַ „יידישער מעשה" אין זיין פּוילישער משפּחה־כראָניק — אויך ער, מאַרטשין קוויאַטעק, איז ערגעץ־וואו „פאַרסמט" געוואָרן פון בענקעניש נאָך „יידן־לעגענדע". אַ לעבן־לאַנג געווען דער שומר און דער קברים־גרעבער פונעם יידישן בית־עלמין אין מלאַווע, זיצט דער אַלטער קוויאַטעק איצט אויף די חורבות פון דער צעשטערטער יידישער קהילה און דערציילט די פּוילישע קינדער, וואָס געדענקען נישט קיין לעבעדיקן ייד אין שטאָט, אַ „יידישע מעשה" וועגן אַ לעבן, וואָס איז נישט געווען זיינס, אָבער האָט דורך דעם בלויז דרויסנדיקן באַריר מיט זיין גורלדיקייט איבערגעלאָזט אין דעם זקנס געמיט אַן אומרואיקע בענקעניש ווי נאָך עפּעס טיף אייגנס.

ב

די מייסטע פון די יידישע צייטן־מעלאָדיעס, ווי אַפּאַטאָשו האָט זיי אויפגעכאַפּט און גיט זיי אונדז איבער אין אַזעלכע דערציילונגען ווי „בן סיראס אייניקל", „אַ שבת נאָכמיטאָג", „עלטער־זיידעס", „דער לייפּניקער רבי" און אַנדערע, זיינען נישט קיין געזאַנג בציבור, נאָר סאָלאָ־ניגונים און דערצו, וואָלט איך געזאָגט, פּריוואַטע ניגונים פון זייערע זינגערס.

ווען אליעזר בן ישוע, דער חזן און סופר פון דער גרויסער אַלעקסאַנד־

ריער סינאַגאָגע, ראַנגלט זיך מיט דער איבערזעצונג פון „משלי בן סירא" אויף גריכיש און פּרוּווט „איינקנייטשן" דעם עפּיקורעאישן פּסוק אַזוי, אַז ער זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער יידישער מסורה — איז דאָס דעם אַלעקסאַנדריער חזנס אַ פּריוואַטע ליטעראַרישע פּראָבלעם.

דאָס זינגט אליעזר בן ישוע זיין העכסט-פּערזענלעכן געזאַנג פון כבוד צו זיין זיידן בן־סירא, ווייל ער איז אויסן מיט דעם מסורהדיק אויסגע־טייטשטן פּסוק, אַז ווען „מען וועט פאַרהייליקן אַזעלכע ספרים ווי ׳איוב׳, ווי ׳שיר השירים׳, ווי ׳מגילת אסתר׳ זאָל מען דיין ׳משלי בן סירא״ אויך נישט פאַרזען".

און ווען דער אַכצן-יעריקער פּוילישער עלוי אליקום געץ האָט געביטן זיין שבתדיקע גאַסט-דרשה אין דער שול פון דער ווינער „יודענשטאָט" כדי צו באַווייזן די גרויסקייט פון רבה בר־בר־חנא׳ס גוזמאות, וואָס דער קריסטלעכער געלערנטער און אוהב ישראל, וואַגענזייל, האָט פון זיי אָקאָרשט מיט אַ שעה צוריק געטריבן קאַטאָוועס ביי אַ תורה-שמועס אין דר. ווינקלערס שטוב — איז דאָס אויך געווען נישט מער ווי אַ „פּריוואַטער ווייסנשאַפט־לעכער ענין" פונעם פּילער עלוי. דער יונגער גאַסט-דרשן פון דער ווינער שול „האָט צו זיבעצן יאָר געהאַט אָנגעשריבן אַ פּירוש אויף די אגדות" און „אים האָט ווי געטאָן פאַר רבה בר־בר־חנא׳ן".

די עקשנות ווידער פון דעם לייפּציקער רב ר׳ ברוך פרענקעל-תאומים, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט צופּאַסן צו זיינע „יאַהודימשע" בעלי־בתים און אויף אַ קול געהייסן דעם שמש, ער זאָל אים ברענגען דעם ליולקע-ציבעק און נישט דאָס „פייף־ראַר" ווי מע זאָגט דאָ אויף דייטש אין לייפּציק, ווייל —

„אַ כפּרה זאָל זיין דאָס גאַנצע לייפּציקער רבנות, אויב כ׳זאָל דאַרפן בלויז איין וואָרט משנה זיין פון מיין לשון, וואָס כ׳האָב גערעדט אין זאַוויכ־וואָסט!" — די דאָזיקע עקשנות איז אַוודאי נישט מער ווי דעם רבס אַ גייסטיקער קאַפּריז.

אָבער אָט די אַלע העכסט-יחידישע גייסטיקע עקשנותן, די אַלע לער־נערישע און משפּחהדיקע געטריישאַפטן לויכטן אַריין מיט זייערע פלעמלעך אין דער רעטעניש פון יידיש-פאָלקישן געדויער.

על־פּי שכל וואָרט דאַדורך די רעטעניש פון יידישן קיום נישט קלערער און אַוודאי נישט פאַרענטפערט. אָבער אינאיינעם באַהעפטן זיך אָט די אַלע באַלאַדישע פייערלעך צו איין לאַנגער ליכט-שערענגע איבער אַן ערך טויזנט יאָר יידיש לעבן און אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַ היסטאָרישע זעאונג פון דורות און יאָרהונדערטער, וואָס זיינען גובר פינצטערניש און ווינט מיט דעם כוח פון דאָ אַ גייסטיקער איינגעשפּאַרטקייט און דאָרט אַ מאָראַלישער וועלעניש.

ג

וועט מען פרעגן: זיינען די דערמאָנטע געשטאַלטן פון דעם בוך „יידן־לעגענדע", סיי יענע אָפּגעפּרעמדטע, וואָס ס'באַאומרואיקט זיי אַ סודותדיקע בענקשאַפט נאָך יידישקייט, און סיי די אַנדערע, די היסטאָריש־איינגעוואָרצעלטע, וואָס טראָגן דעם ניגון פון גייסטיקן פאַרמעסט איבער די צייטן — איז דען דער מין געשטאַלטן עפּעס נייעס פאַר אָפּאַטאָשון, דעם דערציילער און ראָמאַניסט?

אין וואָס־זשע באַשטייט דאָס נייע? עס באַשטייט אין דעם, וואָס אין „יידן־לעגענדע" האָט אָפּאַטאָשו, ווי איך זע עס, די צעוואָרפענע „משנהס" צונויפגעזאַמלט און זיי „קאָדיפיצירט" און אָפּגעשלאָסן ווי אַ טייל פון זיין קינסטלערישער היסטאָריאָסאָפיע וועגן גאַנג, ריכטונג און קיום־רעטעניש פון יידיש לעבן און יידיש פאָלק.

דער „קאָדעקס", וואָס מיט אים איז דער אַלעמאָל היסטאָריש־וואַכער און דער אַלעמאָל נאַציאָנאַל חשבון־הנפשדיקער שרייבער, אָפּאַטאָשו, קינסטלעריש אַנטקעגן געטרעטן דעם יאָרצענדלינג פון שוידערלעכסטן אומקום און פון גרויס־ניסימדיקן אויפקום, איז געוווען אַ טרילאָגיש ווערק: אַ בוך וועגן פוילן, אַ בוך וועגן ארץ־ישראל און אַ בוך וועגן „יידן־לעגענדע".

דער ערשטער באַנד פון דער טרילאָגיע „ווען פוילן איז געפאַלן" איז דער קינסטלערישער באַריכט וועגן געראַנגל פון „אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט מיט נאַגאַנעס אין די הענט". עס איז דער באַריכט וועגן קאַמף מיט אומקום.

דאָס צווייטע בוך פון דער טרילאָגיע, דער עקיבא־ראָמאַן, דערציילט דעם סיפור המעשה פון דעם געראַנגל פאַר אויפקום. עס איז ראַפּאָרט און חשבון־הנפש פונעם ווידערשטאַנד און פונעם באַפרייאונגס־קאַמף קעגן אַלביאָן, איבערגעגעבן אין די געשטאַלטן, אין די געשעענישן און אין דער אַטמאָספער פונעם ווידערשטאַנד און קאַמף קעגן אדום.

די וואָרע עפּאָפּייע אָבער, די עפּאָפּייע פונעם וואונדערלעכן יידישן געדויער, איז דער דריטער טרילאָגיע־באַנד „יידן־לעגענדע". די וואָרע עפּאָפּייע, ווייל עס איז די געשיכטע פון מלחמה פאַר קיום מיט אַזעלכע סודותדיקע וואָפן און מיט אַזאַ אַנדערער סטראַטעגיע, וואָס זיינען נישט באַקאַנט צו קיין שום אומה ולשון אויף גאָטס ערד.

ד

דער כוח פון יוסף אָפּאַטאָשוס ווערק ליגט נישט בלויז אין דער גרויסער געשטאַלטן־גאַלעריע, אין דעם רוב עם פון ליטעראַרישע העלדן פון אַלע יידישע צייטן און פון אַלע יידישע לענדער, נאָר אין דעם

לייענערס זעאונג פון אָפּאַטאָשוס לעבעדיקער געשטאַלט אין דער מיט פון זיינע ליטעראַרישע געשטאַלטן.

וויפיל די און יענע פון אָפּאַטאָשוס געשטאַלטן זאָלן מיט זייערע רייד און מיט זייערע זשעסטן און מעשים נישט האָבן איבערגעגעבן צום לייענער אָפּאַטאָשוס קינסטלערישע קאָנצעפּציע וועגן אייביקן יידישן וועלט־פאָלק און וועגן זיין אידייאישן גלויבן אין דער דאָזיקער אייביקייט, איז די זעאונג פון אָפּאַטאָשון אין דער מיט פון זיינע העלדן געווען דער ועל כולם־אַרגומענט, וואָס האָט דעם לייענער און דעם צוהערער אַנטשיידנדיק איבערצייגט און מיטגעריסן.

איך זאָג: לייענער און צוהערער, ווייל אויך אין שמועס וועגן דער און יענער קאָנצעפּציע זיינער מכוח יידיש לאַנד און יידישע לענדער אָדער מכוח קיום און אונטערגאַנג, איבערצייגט אָפּאַטאָשו ווייניקער מיט לאָגישער ראיה, ווייניקער מיטן עפעקטיוון וואָרט־אַרגומענט, און מער מיט דעם אינעווייניקסטן ניגון פון זיינע רייד, מיט דער היסטאָרישער זעאונג, וואָס שוועבט איבער זיי.

אין זיין ווערק, און אַ סך מאָל אויף דער וואָר פון לעבן, צווינגט זיך אַרויף די זעאונג פון אָפּאַטאָשון וואָס שטייט האַנט ביי האַנט מיט „אומעטום קרובים, אומעטום פזיון שבויים, אומעטום — לומדישער אויפטו און חריפות. די זיידעס און די פעטער׳ס מיט פנימער ווי שווערע בלעטער גמרא. אין די אויגן — חכמה און טרויער. די בערד — שוואַרצע, בלאָנדע, רויטע. די זיידענע קאַפּאָטעס האָבן געפינקלט, די סויבלענע שטריימלען האָבן צוגעגעבן גדלות“.

דאָס דאָזיקע בילד, וואָס איז נישט איינמאָל אויפגעגאַנגען פאַר אָפּאַ־טאָשוס לייענער און צוהערער איז אויך אָפּאַטאָשוס וויזיע פון זיך אַליין.

אין איינער פון זיינע זעלטענע אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען, וואָס אָפּאַטאָשו האָט אָנגעשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן (די דאָזיקע ערשטע־פּערזאָן־פאָרם איז מן הסתם אויסן געווען צו באַקרעפטיקן און אונטערצו־שטרייכן די אויטאָביאָגראַפישע אויטענטישקייט) האָט אָפּאַטאָשו אונדז געגעבן, אַזוי צו זאָגן, דעם שליסל צו צוויי סאַמע וויכטיקסטע מאָמענטן פון זיין ווערק.

דער ערשטער מאָמענט איז, כ׳וואָלט געזאָגט, די יידן־לעגענדע פון אייגענעם משפחה־יחוס, וואָס איז איבער דער לענג פון אָפּאַטאָשוס ווערק געוואָרן יידישער יחוס און יידישער געדויער פון דורות אָן איבעררייס.

„כ׳האָב די זיידעס און פעטערס — שרייבט אָפּאַטאָשו — געזען אין מיין טאַטן, כ׳האָב זיי געזען אין מיין פעטער אדם, וואָס האָט נאָך די שבע ברכות איבערגעלאָזט ס׳יונגע ווייב, אַריינגעלייגט אין זיין טלית־זאַק, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, אַ ברויט, מען זאָל זיך גלייך נישט כאַפּן,

אַז ער איז נישטאָ, און מיט טלית און תפילין האָט ער זיך צופוס געלאָזט גיין קיין קאָצק".

אין טאַטן האָט אַפּאַטאָשו דערזען די זיידעס און פעטערס, און אין די זיידעס און אין די פעטערס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט די לעגענדע פונעם גאַנצן יידן־פאָלק, וואָס זיינען אין פאַרשידענע פאָרמען געווען „גייערס קיין קאָצק" איבער צייטן און לענדער.

און דער צווייטער מאָמענט איז נישט ווייניקער און אַנטשיידנדיק פאַר אַפּאַטאָשון, זיינע געשטאַלטן און זיין סיפּור־המעשה.

„ווען עס איז געוואָרן פינצטערער — גיט איבער אַפּאַטאָשו אין דער דערמאָנטער אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג — האָט דער טאַטע גענומען שפּרייזן פון איין צימער אין אַנדערן, געשפּרייזט און געשוויגן. און פון דעם שפּרייזן און פון דעם שוויגן האָט זיך געטראָגן אַ געשריי, אַז ס'איז ענג, אַז כאָטש די אָפענע פענצטער גיין אַרויס אויף די ברייטע פלאַצקער פעלדער, איז נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען."

דאָס פערצן־יאָריקע בחורל יוסף אַפּאַטאָווסקי, האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם טאַטענס געשריי און אַליין געוואָלט אַזאַ געשריי טאָן מען זאָל דער־הערן אין אַלע זיבן הימלען.

אָט דער געשפּרייז און אָט דער געשריי איז אַריין אין ווערק פון דעם שרייבער יוסף אַפּאַטאָשו פון דעם סאַמע ערשטן ראָמאַן פון אַ פערד־גנב ביז צו זיין „יידן־לעגענדע" און עקיבא־ראָמאַן. דער דערציילער שפּרייזט איבער לענדער, היימישע און פרעמדע, איבער צייטן, נאָענטע און ווייטע, און פון זיינע געשטאַלטן און פון זיין סיפּור המעשה רייסט זיך ווי זעלטן ביי אַן אַנדערן יידיש־שעפער אַ געשריי. ס'איז דאָס געשריי פון קאָכעדיקן בלוט און פון עקשנות צו לעבן. ס'איז דאָס געשריי פון יידישן קיום, וואָס איז איינס מיט דער גרויסער און אויסטערליש־שיינער האָפענונג פון הומאַניזם.

ה

די אַן ערך זעכציק דערציילונגען פון „יידן־לעגענדע", זיינען צום סאַמע גרעסטן טייל געשריבן געוואָרן אין די לעצטע צוואַנציק יאָר. אָבער עס זיינען אויך פאַראַן צווישן זיי אַ טייל, וואָס טראָגן אַזעלכע פריע דאַטעס ווי 1929, 1928, 1920 און אַפילו 1914.

ביי אַזאַ לאַנגן שטח פון שאַפונגס־דאַטעס איז באַרעכטיקט די פראַגע, אויף וויפיל איז אַפּאַטאָשו, דער מייסטער פון דער קורצער דערציילונג, געבליבן דער זעלביקער און אויף וויפיל איז ער אַנדערש געוואָרן.

מיין ענטפער אויף דער פראַגע איז, אַז פון דער דערציילונג „1919־1918", וואָס טראָגט די דאַטע פון 1920 און ביז צו „ס'איז ביים וועג", וואָס איז

געשריבן געוואָרן אין 1950 — איבער אַלע די דרייסיק יאָר האָט אָפּאַטאָשו אָנגעהאַלטן די גבורה פון טעמע־באַהערשונג. פון דעמאָלט מיט דרייסיק יאָר צוריק און ביז היינט — אַ דירעקטער, אַן אכזריותדיק־דירעקטער צוגאַנג צום טעמאַטישן רוישטאָף און דער זעלביקער אופן פון עפּעס אַזאַ ספּאָנטאַנער באַמייסטערונג, וואָס לאָזט דער טעמע נישט פאַרלירן קיין איין טראָפּן פון איר סיפּור־המעשהדיקייט. אָפּאַטאָשו האָט קיינמאָל נישט אָפּגעצאַפּט ביי זיין טעמע דאָס דערציילערישע בלוט דורך פּסיכאָלאָגישע אָפּעראַציעס. אָפּאַטאָשוס דערציילונג איז קודם־כל סיפּור־המעשהדיק דינאַמיש ווי קורץ אָדער ווי לאַנג דער סוזשעט זאָל נישט זיין.

אַזוי אין 1920 און אַזוי אין 1950.

אָבער פון דעמאָלט ביז היינט איז אָפּאַטאָשוס פּען בלי־ספק געוואָרן דינער און פאַרשפּיצטער און זיין אַלעמאָל סאָליד און דינאַמיש וואָרט האָט גענומען טרעטן און רעדן שטילער ווי פריער. אַדאַנק אָט דער פאַר־פיינערונג פון זיינע קינסטלערישע כלי־זין האָט אָפּאַטאָשו אין אַ סך פון די שפּעטערע נאָוועלן אין „יידן־לעגענדע" געקאָנט דערגרייכן יענע גע־שטאַלטונגס־קאָמבינאַציע פון דינאַמישער פאַבולע מיט פּסיכאָלאָגישער פּרע־ציזירונג פון סיטואַציעס, ווי אין דער דערציילונג וועגן דער פלאָצקער גבירנטע חיהלע בליאש, וואָס איז געקומען פאַרלייגן דעם בעזוינער רב ר׳ מאירל אַ שידוך מיט זיך אַליין.

1952

II

אונדזער גואל

יוסף אָפּאַטאָשוס חלום איז געווען (ער האָט וועגן דעם אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן נישט איינמאָל גערעדט מיט נאָענטע חברים און פריינט) אָנצושרייבן דעם ראָמאַן פון יידישן וועלט־פאָלק. ער האָט אין זינען געהאַט, אָפּאַטאָשו, אַ ראָמאַן, וואָס זאָל זיך שפּרייטן מיט זיינע געשעענישן און געשטאַלטן איבער פּוילן, אַמעריקע און ארץ־ישראל און זאָל אַרויס־ברענגען, דערעיקרשט, דעם משיחישן אָטעם, דעם גלי פון איין און דער זעלביקער בענקשאַפט ביי אַלע יידישע ישובים נאָך גאולה, נאָך „אונדזער גואל".

דער אומגעריכטער טויט האָט צונישט געמאַכט דעם טרוים פונעם קינסטלער, און אָפּאַטאָשוס ליטעראַריש ווערק האָט זיך אַזוי אַרום אָפּגע־שלאָסן מיט אַ צוויי־בענדיקן ראָמאַן וועגן אויפשטאַנד פון ביתר, וואָס איז אין תוך נישט מער ווי דער היסטאָרישער פּראָלאָג צו דער ברייט־פאַרמאָסטענער וועלט־פאָלק־טרילאָגיע, וועגן וועלכער יוסף אָפּאַטאָשו האָט אַזוי אינטענסיוו געחלומט.

קיין שום אַנדער עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע האָט נישט געווימלט אַזוי שפּעדיק מיט די אַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען אַקטועל געוואָרן אין אונדזער צייט פון יידישן אומקום און אויפקום, ווי די זעקס צענדליגג יאָר צווישן חורבן בית שני און דעם טראַגישן „לעצטן אויפשטאַנד" פון ביתר. ווילן צו קיום און גלוסט צו אַסימילאַציע, די גאַרונג נאָך מדינהשן אויפלעב און דער טרוים וועגן וועלט־פאָלקישקייט און גייסטיקער שליחות — אַלע האָבן זיי געברויזט נעבענאַנאַנד און נאָכאַנאַנד אין געמיט פון דער שארית הפליטה אין ארץ־ישראל און האָבן זיך פון דאָרט מיטן געוואוינטן ברען פון יידיש־אידעאישן וויכוח געטראָגן צו די גלות־צענטערן אין רוים, אין מצרים און אין צפון־אַפריקע. און דער קאַמף האָט געשטורעמט נישט בלויז וועגן דער אַנדערשקייט פון די גאולה־צילן, נאָר אויך וועגן אַנדערע קאַמף־מעטאָדן אַרום איין און דעם זעלביקן ציל. און — וואו איז נאָך אַ צייט ווי יענע בית־שני און ביתר־צייט, וואו ס'זאָלן זיך פון אַזויפיל וויכטיקע און גרויסע געשטאַלטן אַרויסהייבן אַזעלכע צוויי גרעסטע ווי דער תנא ר' עקיבא און דער גענעראַל בר־כוכבא?

יענע תקופה פון חורבן בית שני ביז צום „לעצטן אויפשטאַנד" איז פאַר אונדז יידן אַ מין אַרסענאַל פון פּאָליטישע, סאָציאַלע און גייסטיקע אידייען עלעהיי די גרויסע רעוואָלוציע ביים סוף פונעם אַכצעטן יאָרהונדערט פאַר די פראַנצויזן.

איך זאָג: עלעהיי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, אָבער די גרויסע סאָציאַלע און גייסטיקע איבערקערעניש אין פראַנקרייך איז אָפּגערוקט פון אונדז סך־הכל הונדערט און זעכציק יאָר. דאָס לעבן אָבער און די לעבנס־אויפטרייסלונג פון ערב ביתר זיינען אָפּגעשיידט פון אונדזער צייט מיט מער ווי צען מאָל אַזויפיל יאָרן. און מיט דער אויפהיטונג פון היסטאָרישע מקורות, פון וועלכע מען זאָל קענען שעפּן ידיעות וועגן אַזאַ לאַנג שוין פאַרגאַנגענעם לעבן; קאָנען מיר יידן זיך נישט איבערנעמען. די היסטאָרישע קוואַלן זיינען נישט קיין סך און היפּש טרוקן.

ווען מען ווייסט דאָס מוז מען אין ערשטער ריי באַוואונדערן ווי אַזוי אָפּאַטאָשו האָט אויפן סמך פון דאָ אַ דעטאַל אין דער גמרא און דאָרט אַ פּרט אין מדרש באַוויזן אויפצושטעלן אַ היסטאָרישע אַטמאָספער פון אַזאַ קינסטלערישער וואָרהייט.

דעם דאַזיקן באַזונדערן חוש צו דערשפּירן און אַרויסצוברענגען היס־טאָרישן סביבה־ און לעבנס־אַראָמאַט האָט אָפּאַטאָשו שוין אַנטפּלעקט אין אַ טייל פון זיינע דערציילונגען אויף געשיכטלעכע טעמעס פון מיטלאַלטער, און דערעיקרשט אין זיין „אַ טאָג אין רעגענסבורג".

אָבער דאָ אין די צוויי ראָמאַנען וועגן ביתר־אויפשטאַנד ווערט דער

אויפטו פון היסטאָרישער אַטמאָספער־געשטאַלטיקונג נאָך וואָגיקער, ווייל אָפּאַטאָשו האָט דאָ נישט געקאָנט אָפּערירן מיט די מיטלען פון סטיליזירטער שפּראַך־אַרכאַאישקייט, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט פאַר אונדז געמאָלן דעם לצים־שפּיל אין דער רעגענשפּורקער טרינק־שטוב, אָדער ווען ער האָט אונדז געוויזן ווי אליהו בחור גייט פאַרקויפן אַ בוך דער פּאַטראָנעסע פּעסלין.

ביים געשטאַלטיקן די העלעניזירטע סביבה פון דער יידישער ערב־ביתר אינטעליגענץ און פון דעם אַראַמעאיש־רעדנדיקן פאָלקס־אַרום אין יענער צייט פון נאָכן חורבן בית שני האָט יידיש, אין זינען פון אַטמאָספער־שאַפונג, דעם קינסטלער, פאַרשטייט זיך, מיט גאָרנישט געקאָנט אַרויסהעלפן.

פאַרקערט. יידיש האָט ביים מאָלן די וועלט פון די לוליאַנוסעס און בר־קבוסהס, די וועלט פון בר־כוכבא און פון זיינע קאָמענדאַנטן און דאָס לעבן פונעם פויערים־פאָלק אין גליל, זיכער לייכט געקאָנט קאַליע מאַכן די אַטמאָספער, ווען דער קינסטלער זאָל נישט געווען האָבן די פולע סואווערעניטעט פון טאַקט סיי נוגע דעם באַנוץ פון די פאַסיקע ווערטער און ווערטער־גרופּעס און סיי נוגע דער טעמפּעראַטור פון דער שפּראַך.

אָפּאַטאָשו האָט אין דעם פּרט אַזוי מייסטעריש געהאַלטן די לייצעס אין האַנט, אַז ס'איז ממש נישט צו געפינען אַ וואָרט, וואָס זאָל דאָס מינדסטע זינדיקן קעגן דער היסטאָרישער אַטמאָספערישקייט, מיט אַן אַנאַכראָניסטישן פּגם.

אין ערשטן פון די צוויי ראָמאַן־בענד, „ר' עקיבא", איז דער קינסטלער מער פאַרטאָן אין אָפּמאָלן סצענעס פון קולטור־היסטאָרישן הינטערגרונט. אין צווייטן: „בר כוכבא", קערט זיך אָפּאַטאָשו אום צו דער געוואוינטער דינאַמישקייט פון זיין סיפּור־המעשה, אַ דינאַמישקייט, וואָס איר וואונדער באַשטייט (זאָל מיר דערלויבט זיין מיך אַליין צו ציטירן) אין דער „לייכטקייט, מיט וועלכער עס באַוועגט זיך די שווערקייט".

כדי נאָכאַמאָל און פונדאַסניי צו באַוואונדערן דעם צמצום אין אָפּאַטאָשוס רחבותדיקער פּלאַסטישער שילדערונג דאַרף מען לייענען דאָס פערטע קאַפּיטל, אין וועלכן דער „ייד פון אַ גאַנץ יאָר" יוחנן, דער שמיד פון כפר־חרובא, האָט זיך אַריינגעשלייכט „ווי אַ פלינקע רויב־חיה, וואָס וויס נישט פון קיין שרעק" אין רוימישן לאַגער, האָט דאָרט דערהרגעט דעם וואַך־זעלנער, האָט צוגענומען זיין פערד און אַוועקגעפּאַטשט דערמיט צום לאַנגן אבא אין סוסיתא און פון דאָרט קיין בני־ברק, צום „הויפּט־קוואַרטיר" פונעם אויפשטאַנד.

און נאָך ברוויזנדיקער איז די דינאַמיק, און דערפאַר נאָך וואונדערלעכער די געצוימטקייט פון בילד און שפּראַך, אין די קאַפּיטלען זיבן און דרייסיק

און נײַן און דרײַסיק, וואו אַפּאַטאָשו דערציילט אונדז ווי אַזוי יוחנן דער שמיד און בר־כוכבאס אַדיוטאַנט פּאַפּיאַס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין דער שטאָט גרש אונטערצוצינדן די רוימישע תבואה־שפּייכלערס און האָבן מצליח געווען.

בדרך כלל איז דער דיאַלאָג זיכער נישט די שטאַרקע זייט פון אַפּאַטאָשוס דערצייל־קונסט. און אויך דאָ אין דעם „בר־כוכבא"־ראָמאַן איז דער אַפּאַטאָשו־דיאַלאָג נישט פריי פון זיינע בלויזן, דערעיקרשט נוגע די ענטפערס.

אָבער דווקא אין דער אינטענסיווער געשפּאַנטקייט פון די רגעס ווען יוחנן און פּאַפּיאַס זיינען אויפן וועג צום שפּייכלער, און אַט ווערט יוחנן אַ זאָג טאָן צו פּאַפּיאַסן: „וואַרף אַריין דעם שטורקאַץ אין איינעם פון די מיטלסטע שפּייכלערס, וואַרף אים אַריין דורכן לופט־לאָך" — דווקא דעמאָלט איז פּאַפּיאַסעס דיאַלאָג מיטן רוימישן זעלנער, וואָס מיינט, אַז ער פירט אייגענע שפּיאָנען, אַ קורצער, עפעקטיווער און רעאַליסטיש וואָרער.

עס ווייזט אויס אַז גראָד אין אַזעלכע שווערע מאָמענטן פון עמאָציאָנעלער שפּאַנונג גיט זיך אַפּאַטאָשו איין צו באַוואָפענען זיינע העלדן מיט אַ מער שלאָגעדיקן, רעאַליסטיש־וואָרן און סוגעסטיוון פרעג און ענטפער ווי דעמאָלט ווען זיינע געשטאַלטן געפינען זיך אין אַ לפי ערכדיקער סיטואַציע פון רו.

וואָרים אויך דער דיאַלאָג צווישן פּאַפּיאַסן און זיין פעטער הורקנוס, ווען ער, פּאַפּיאַס, איז זיך אין זיין פעטערס פּאַלאַץ אין גרש מודה אַז ער האָט דאָס אונטערגעצונדן די תבואה־שפּייכלערס — אויך אַט דער דיאַלאָג פאַרמאָגט קיצור, ספּאָנטאַנישקייט און אין אַ היפּשער מאָס יענעם פיינעם ריח פון נישט־דערזאָגטקייט, וואָס איז אַ סימן טוב פאַר יעדן דיאַלאָג אין לעבן און אין דער ליטעראַטור.

דער ערשטער באַנד „ר' עקיבא" פאַרענדיקט זיך דערמיט, וואָס ר' עקיבא פּראָקלאַמירט בר־כוכבאן אויף דער פאַרזאַמלונג פון די אַנגעזעענסטע קאַרטאַגער יידן ביים רייכן חנן אין פּאַלאַץ פאַר „אונדזער גואל".

ר' עקיבא „האָט אַרומגענומען בר־כוכבאן, זיך צעקושט מיט אים און אונטערגעכאַפּט ס'געשריי פון עולם:

— אונדזער גואל! אונדזער גואל!"

אָבער איז טאַקע בר־כוכבא די „אונדזער גואל"־געשטאַלט פונעם „לעצטן אויפשטאַנד", וואָס ווערט געשילדערט אין דעם צווייטן באַנד פון אַפּאַטאָשוס ראָמאַן?

נישט וועגן דעם גייט עס וואָס יוחנן, דער שמיד פון כפר־חרובא, איז אין פרט פון געשטאַלטונג אַרויסגעקומען בולטער, לעבעדיקער און פולער

ווי בר־כוכבא, דער קאַפּיטאַן פון די רוימישע לעגיאָנען, וואָס איז פון דער פרעמד געקומען ווערן דער גואל פון זיין פאָלק.

עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס וואָס גייט טיפער און דהיינו: אין וועמען האָט דאָס געמיט פון אָפּאַטאָשון, דעם קינסטלער, געזען אונדזער גואל, אין דעם אָפּגעפרעמדטן מיליטערמאַן פון קאַרטאַגע, צי אין דעם אייגענעם שמיד פון כפר־חרובא?

מיט אַנדערע ווערטער: איז דער פאַקט וואָס די געשטאַלט פון יוחנן פון כפר־חרובא וואַקסט איבער דער לענג פונעם „בר־כוכבא"־באַנד אַריבער דעם העלד בר־כוכבא בלויז צופאַל, אָדער געשעט דאָס דערפאַר, וואָס אָפּאַטאָשו, ווי יעדער אמתער קינסטלער, האָט געמוזט גיין אין שפּאַן מיט זיין אייגענער זעאונג און האָט נישט געקאָנט אָפּנויגן פון איר צוליב דעם אָדער יענעם פּרק פון זיין היסטאָריאָסאָפישער משנה.

מיר דאַכט, אַז נאָכן איבערלייענען די ראָמאַנען פון „לעצטן אויפשטאַנד" און נעמענדיק צו הילף כך וכך אָפּאַטאָשוס דערציילונגען אויף היסטאָרישע טעמעס, האָט מען נישט קיין איבעריקע שוועריקייטן צו ענטפערן אַז דער שמיד פון חרובא איז געשטאַלטעריש אַריבערגעוואַקסן דעם גענעראַל פון קאַרטאַגע נישט על פּי צופאַל, נאָר על פּי דעם קינסטלערס אייגענער וויזיע.

אַ גאַנצע ליטעראַטור איז אָנגעוואַקסן וועגן דעם מאַן „וואָס זיין נאָמען וועט זיין פּיר און פּערציק", וואָס דער דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש האָט אים אין זיין דמיון געזען אויפגיין ווי פּוילנס „אונדזער גואל". כמעט אַלע מפרשים פון מיצקעוויטשעס טונקל־נבואהשע שורות האָבן די געשטאַלט פון דעם דיכטערס זעאונג געטייטשט ווי דאָס „פאָלק אַליין".

אויך אָפּאַטאָשוס זעאונג פון „אונדזער גואל" איז געווען — נישט קיין מיליטערמאַן און נישט קיין נביא פון דער פרעמד, נאָר דאָס „פאָלק אַליין".

און דאָס „פאָלק אַליין", וואָס אָפּאַטאָשו איז אין אים אַריינגעטאָן געשטאַלטעריש אין זיינע ביידע ראָמאַנען — דאָס איז יוחנן דער שמיד פון כפר־חרובא. ער איז עס פון דעם קאַפּיטל ביין און דרייסיק אָן אין ערשטן באַנד, ווען ער קומט אין דער „עליה" צו ר' עקיבאן זיך קלאָגן אויף די רשעותן פון די רוימער און ביז דעם לעצטן קאַפּיטל פון צווייטן באַנד, ווען ביתר איז געפאַלן, בר־כוכבא איז טויט, און אָפּאַטאָשו לאָזט זאָגן דורכן מויל פון יהושען צום שמיד פון כפר־חרובא, אַז —

„יוחנן, וואו ס'זיינען דאָ יידן, דאָרט איז משיח".

פּאַפּיאַס, וואָס איז אַ שטיק „אַלטער עגאָ" פונעם ראָמאַניסט, דערציילט פאַר מרימען, ברוריהן און צפורהן אַזוי וועגן יוחנן דעם שמיד: „דער שמיד גלייבט מיט לייב און לעבן אַז מיר וועלן געווינען די מלחמה און איז גרייט יעדער רגע צו שטאַרבן פאַר יידן און יידישקייט. קיינער פון אונדז, אַחוץ

ר׳ עקיבאן, קען נישט ס׳אייגענע פאָלק, קען נישט די אמתע פאָלקס־קינדער. מיר קענען די אייגענע שטאָט־טאַטעס, די רייכע לאַנד־באַזיצערס, די שופטים און די פרושים. מיר קענען אויך די סיריער, די גריכן, די רוימער, אָבער מיר קענען נישט דעם ייד פון אַ גאַנץ יאָר. איר וועט באַלד זען אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, אַ ייד אַן עם־הארץ. און איר וועט מוזן צוגעבן, אַז מיר יידן זיינען אַ גרויס פאָלק און זעלטן ווער פון אונדז קען דאָס פאָלק״.

מיט אַנדערע ווערטער: זיי ווילן דערזען יוחנן „דאָס פאָלק״, וואָס זיין „נאָמען איז פיר און פערציק״.

און נאָך איין געשטאַלט, הגם אַ זייטיקע, און לגמרי עפּיזאָדישע, וויל איך דאָ דערמאָנען און נישט בלויז דערפאַר, ווייל זי איז אויף קנאַפּע אַנדערטהאַלב בוך־זייטלעך אַרויסגעקומען אַזוי פריש, לעבעדיק און וואָר, נאָר ווייל זי איז אין תוך אַ שטיק פון דער הויפּט־געשטאַלט, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון אַפּאַטאָשוס קינסטלערישער זעאונג און הייסט „פאָלק אַליין״.

איך מיין דעם פּויער פון גליל, וואָס איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געקומען צו רייטן אין דער ווייטער שטאָט גרש אין עבר הירדן און האָט אויף צומאָרגנס נאָך דער שפּייכלער־שריפה, ווען די „לופט (איז געווען פול מיט נעפּל (און) האָט געוואָרזאָגט (וואָס פאַראַ חידושלעך און גוט צוגעפּאַסט יידיש וואָרט! — ש. ב.) אויף רעגן״ אָפּגעשטעלט פּאַפּיאַסן און זיך ביי אים נאָכגעפרעגט נאָך דער כנישתא, און דערביי אַ פרעג אַהער אַן ענטפער אַהין, האָט ער זיך פאַר פּאַפּיאַסן אַראָפּגערעדט פונעם האַרץ וועגן דער לאַדעניש, וואָס ער האָטביים גרשער בית־דין.

אַ שכן־רע האָט דעם פּויער פון גליל גערופן צום גרשער בית־דין פאַר עפּעס אַ סכסוך מכוח אַ „שור שנגח״, און דער פּויער איז געפאָרן דעם ווייטן וועג, הגם ס׳איז אַ מיטן־וואָך־טאָג און די אַרבעט אינדערהיים ברענט.

פּאַפּיאַס האָט דעם פּויער פאַרזיכערט, אַז ער וועט די לאַדעניש געווינען. און אַז דער פּויער איז פאַרשוואונדן אין הינטערשטן חצר פון דער כנישתא, האָט פּאַפּיאַס, וואָס איז ווי געזאָגט, אין ביידע בענד פון אַפּאַטאָשוס ראָמאַן, מער ווי יעדער אַנדערער דער וואָרטזאָגער פונעם מחברס וועלט־פאָלק־אידייע, צו זיך אַליין גערעדט און זיך געפרעגט: „דעם כוח, וואָס בית־דין האָט געהאַט האָט שוין קייסער האַדריאַן ביי אים לאַנג צוגענומען. און בית־דין אַליין שטעלט איין ס׳לעבן, ווען ער קומט זיך צונויף. ווער־זשע צווינגט אַזאַ פאַרשוין ווי אָט דעם פּויער צו קומען? אַ כנישתא פון עבר הירדן רופט אַ פּויער פון גליל און ער קומט. האָבן די ריכטער אין אַטען געהאַט דעם כוח צו רופן אַ בירגער פון ספּאַרטאַ? ניין. ווייל אַטען און ספּאַרטאַ זיינען ביזן אונטערגאַנג געבליבן שטעט פאַר זיך. זיי האָבן נישט געהאַט דעם כוח

פון אַ פאָלק, פון אַ גאַנץ גריכיש פאָלק. אָבער אין יעדן ייד שטעקט דער כוח פון דער גאַנצער ייִדישער אומה".

פּאַפּיאַס פאָרמולירט די „אונדזער גוואלדיקע" וועלט־פאָלק־אידייע אין אָפּאַטאָשוס ראָמאַן. דער שמיד פון כפר חרובא און דער פויער פון גליל זיינען מיט זייערע געשטאַלטן אָפּאַטאָשוס לעבעדיק־קינסטלערישע ראיה פאַר אָט דער אידייע.

1955

◈

י. י. זינגער

א.

פון אַלטשטאָט ביז די ברידער אשכנזי

סטיליסטיש איז י. י. זינגער פון „אַלטשטאָט" און „פּערל" אַנדערש פון י. י. זינגערן, דעם מחבר פון „יאָשע קאַלב" און „ברידער אַשכנזי". אמת איז אַז אין דער דערציילונג „אַלטשטאָט", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין 1922, ווייעט אייך אַקעגן דערזעלביקער ווינט פון אַנטי־ראָמאַנטישקייט און פון קריטיש־ראַציאָנאַליסטישער אַנטפּלויזונג ווי אין „ברידער אַשכנזי", וואָס האָט זיך געדרוקט אין 1937; און וואָר איז אויך אַז איבער דער גאַנצער לענג פון זיין כמעט דרייסיקיאָריקער ליטעראַרישער שאַפונג, וואָס איז אַזוי אומגעריכט און פאַר דער צייט איבערגעריסן געוואָרן אין אָנהייב פון 1944, איז זינגערס סטיליסטישע הויפּט־דאגה געבליבן אין און דיזעלבע: אויסהיטן די שפּראַך פון יעדער מינדסטער עמאָציאָנעלער גוזמא און אָנהאַלטן אַ ריטם, וואָס זאָל זיין פריי פון פּאָעטישער האַסטיקייט און פון ליידנשאַפט.

און דאָך איז פאַראַן אַ סטיליסטישע אַנדערשקייט צווישן די צוויי צייטן פון זינגערס שאַפונג. אין וואָס זשע באַשטייט זי? זי באַשטייט קודם כל אין דעם וואָס אין „אַלטשטאָט" האָט זינגער געפּרואווט צו דערגרייכן דעם באַלאַנס פון שפּראַך און געשטאַלטונג דורך אַקטיווער סטיליזירונג, בעת אין „ברידער אַשכנזי" האָט ער דאָסזעלבע געוואָלט אַרויסבאַקומען דערמיט וואָס ער אַליין האָט זיך דווקא אָוועקגעשטעלט אין אַ זייט און בלויז מיט אַן אָנזאָג צו זיין שפּראַך אויף וואָס מער איינגעהאַלטנקייט, זי געלאָזט גיין אויפן ברייטן שליאַך פון נוסח־אַנאָנימקייט.

אין „אַלטשטאָט" ווערט יעדעס בילד אָפּגעשפּילט גלייך איינגעשטודירט.

זינגער דערציילט און כאַפּט אַלעמאָל אַ קוק אין רעזשי־העפט און זאָגט זיך פון דאָרט אַליין אונטער דעם וואָס ווייטער, כ׳מיין, דעם וואָס ווייטער פון באַוועג, פון ריטם און פון טאָן.

אַז דער העלד פון „אַלטשטאָט״, פּאַביאַן רייצעס, האָט זיך אײַנדערפרי נאָכן אויפשטיין אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער עבודה פון צוואָגן און וואַשן זיין הינטל „פּודעל״, האָט ער זיך גענומען לערנען און רייניקן די קאַץ „באַל־טאַזאַר״ און די פּאַפּוגייען. איז, איידער זינגער הויבט אָן צו דערציילן דאָס נייע קליינקונסט־בילדל סופלירט ער זיך אויף צו געדענקען: „ער איז ביז אויף זיי״. אונטער אָט דעם מאָטאָ ווערט די שפּראַך אין דער נייער סצענקע אַ שפּאָר ביסל באַוועגלעכער ווי פריער און דער ריטם אירער אַ גיכערער. זי גייט חלילה נישט אַראָפּ פון די רעלסן, נאָר וואָדען? דער קלאַנג פון די ווערטער, פון די קללות, און די גאַנצע שפּראַך־שטימונג ווערט לעבעדי־קער ביז — ביז אָט דער אָנגעהאַלטענער טאָן ווערט אויך שוין צו נידעריק און זינגער סופלירט זיך די דערמאָנונג אַז

„איצט הויבט זיך ערשט אָן די „לערע״.

און עס נעמט ווערן היפּשלעך דראַמאַטישער. דער טאָן גייט אַרויף אַלץ העכער און העכער אַזוי ווייט, אַז ביים סוף פונעם קאַפּיטל הויבט אָן די שפּראַך זיך באַוועגן אין ריטם פון דזשאַז. עס איז אַ זאָרגעוודיק אָרקעסט־רירטער, אַ סטיליזירטער דזשאַז און די כוונה אַז די שפּראַך זאָל נישט אַריינ־פאַלן אין צו רעשיקע קולות איז בולט, אָבער נאָך בולטער איז דאָ די גיכקייט פון דזשאַזישן ריטם.

אָן אַנדערשמאָל ווידער פּאַסירט אַז זינגער דאַרף זיך נישט מונטערן צו מער לעבעדיקייט אין דער דערציילונג, נאָר פאַרקערט, אים דאַכט זיך, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, אַז ער איז שפּראַכלעך געוועזן אויף אַ צו הויכן שטאָק.

ס׳איז זונטיק פאַרמיטאָג, פּאַביאַן רייצעס דערוואַרט געסט. דערווייל איז נאָר דאָ דער גלח גענסטי, און פּאַביאַן האַלט מיט אים און מיט דעם געבראָטענעם האָז אויפן פּאַלומעסיק אַ וואוילוונגעריש־רעשיקן שמועס. און אָט נעמען קומען די איבעריקע פאַרבעטענע און עס הויבט זיך אָן אַ נייע גוט איינגעשטודירטע סצענקע. דעמאָלט סופלירט זיך זינגער ווי פון הינטער די קוליסן אַ לעצטמינוטיקע דערמאָנונג:

„תחילת זיצט דער עולם שטייפלעך, „געסט־מעסיק״,

און די דערציילונג האַלט איין דעם טראָט, און דער באַוועג־טעמפּאָ פון די ווערטער און פון די זאַצן ווערט אַ פאַרזיכטיקער, אַ פּאַוואָליעדיקער און ווי די זשעסטן פון די שטייפע געסט אַביסל אַ מאַנעקענישער.

וואָס שייך די טעכניק פון פאַרגיכערן דעם דערצייל־ און שילדערונגס־

אָטעם מוז מען געווייגטלעך אָנקומען צום כוח פונעם ציטוואָרט. אויך זינגער טוט עס. איינמאָל מיט ער זיך דאָס צו דערגרייכן מיט דער רעפלעק־סיוקייט פונעם ווערב, אָן אַנדערשמאָל ברענגט ער אַריין האַסטיקייט אין סיפור המעשה דערמיט, וואָס ער שטעלט דאָס ציטוואָרט וואָס ווייטער אַוועק אין זאַץ.

אַ ביישפּיל פאַר אַ ביסל מער סטיליסטישער באַוועגלעכקייט מיטן כוח פון רעפלעקטיוון ציטוואָרט:

„ פון דער צעלייגטער ווייסל וואו די גאַס וואַשט אירע שטיינערנע טריט, ציען זיך פייכטע נעפּלען און לייגן זיך אויף לויטערע שויבן און געלאַטעטע ציגל־דעכער. פּיעשטשענדיקע פייגל שניידן זיך זיגזאַגיש אין דער לופט און זוכן קלויסטערישע צלמים און אָפּגעבראָכענע רינער. בלויז פון ווייט טראָגן זיך פאַבריקישע פייפלעך און פון דער אייזערנער בריק קייקלען זיך שווערע הילכן.“

דער רעפלעקטיווער „זיך“ פון די ציטווערטער ברענגט אַרויס די קאָנ־טינואירלעכקייט פון די באַוועגונגען און דינאַמיזירט עטוואָס די פאַרשלאָ־פענע פּאַנאָראַמע. איך האָב אונטערגעשטראָכן אויך דאָס וואָרט „זוכן“ אין דעם נאָר וואָס ציטירטן פּאַראַגראַף, ווייל הגם עס שטייט אויסערלעך אָן אַ „זיך“, פאַרמאָגט עס אינערלעכע רעפלעקסיוקייט און שטייערט ביי באַ־גלייך מיט די אַנדערע ווערבן צו דעם געוואָלטן ביסל אומרו אין דעם בילד ביי דער ווייסל.

און דער ביישפּיל פאַר האַסטיקערן שפּראַך־אָטעם מיט דער הילף פון וואָס ווייטער אַוועקרוקן דעם פּרעדיקאַט אין זאַץ:

„טאַקע אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס, פּונקט אַנטקעגן הונצעס הויז, וואו שמחה מאיר האָט געהאַט אַ פּאַרטרעטונג, האָט דער ברודער זיינער אַ רייזיקן לאַגער פאַרלייגט, מיט ברייטער פאַרשווענדערישקייט אַ קאַנטאָר אויסגעשטאַטעט. גרויסע גאָלדענע שילדן מיט פלידער־בוימס אַלע מעדאַלן און מיט דער פאַבריק־מאַרקע — אַן אַנקער מיט אַ שליסל איבערגעקרייצט — איבער דעם גאַנצן הויז אויפגעהאַנגען און אַפילו ביי דער טיר אַ דינער מיט אַ יוניפאָרם אַוועקגעשטעלט, ווי ביי אַ באַנק. אויך האָט זיך דער פאַרטרעטער אַ קאַרעטע אַן אייגענע געקויפט אַזן, ווי מערסטע יונגע פאַבריקאַנטן, אַליין די פערד געטריבן, אַוועקזעצנדיק דעם קוטשער אויבן־אָן“.

און מיר דאַכט אַז ווען אין דעם צווייטן ציטאַט זאָלן ניט זיין אַזעלכע סיפור־המעשהדיקע סימנים וואָס באַווייזן באַשיינפּערלעך אַז ער איז אַרויס־געגומען פון די „ברידער אַשכנזי“ איז פונדעסטוועגן ריין סטיליסטיש לייכט צו דערקענען, אַז דאָס ביסל אומרו דורך רעפלעקסיווע ציטווערטער געהערט צו „אַלטשטאָט“ און די האַסטיקייט פון אַוועקגעשפּאַנטן פּרעדיקאַט באַלאַנגט צום נוסח פון זינגערס ראָמאַנען. דער פונאַנדערוואָרף פון רעפלעקסיווע

ציטווערטער אויף צו דינאַמיזירן אַ סטאַטישע פּאַנאָראַמע־שילדערונג מיינט אייגענע סטיליסטישע דערפינדערישקייט, וואָס דערגרייכט די געוואָלטע מאָס אינערלעכע אומרואיקייט אין בילד, בעת דאָס אָפּגערוקטע ציטוואָרט איז אַ פּאַרטיקער רעקוויזיט פון דער נוסח־אַנאָנימקייט, וואָס דעקט בלויז אױ־סערלעך־דערציילערישן שטח. און די עובֿדה פון אַזאַ נוסחדיקן גיכער ענדיקט זיך ניט דעמאָלט, ווען דער דערציילער וויל, נאָר ווען עס שטעלט אים אָפּ אַ זאַץ מיט ווייניקער ווינט אין די פּאָלעס, ד. ה. אַזאַ וואָס אין אים פּלאָנטערט זיך אַריין עפּעס אַ דערגאַנצערישער נעבן־פּסוק. און אַזאַ פּסוק איז ווי בליי אויף די פיס פון אַ גיך לויפנדיקן פּרעדיקאַט. אין פאַל פון דעם ציטירטן פּאַראַגראַף פון די „ברידער אַשכּנזי” איז דאָס בליי וואָס פאַרהאַלט מיט זיין שווערקייט — דער „אַוועקזעצנדיק דעם קוטשער אויבן־אָן”.

פאַרוואָס איז זינגער אַריבער פון זיין פּערמאַנענטער סטיל־רעזשי אין „אַלטשטאָט” צו דער נוסח־אַנאָנימקייט פון זיינע ראָמאַנען?

עס איז מעגלעך אַז זינגער, וואָס האָט אין זיינע דערציילונגען געזען נישט ווייניקער שאַרף און קריטיש די מאָראַלישע שוואַכקייטן און פאַרקרומט־קייטן ביים אַנטיקן־הענדלער רייצעס און ביים צירונג־סוחר שפּילריין ווי שפּעטער אין „יאָשע קאַלב” ביים ניעשאַווער רבין און ביי זיין גבאי סרולוויג־דער, האָט דעמאָלט נאָך ניט געהאַט די זעלישע דרייסטקייט און תּקיפֿות פון פולשטענדיקער און אויך אום־פּסיכאָלאָגישער אַנטבלויזונג פון זיין פּאַרשוי־נען־גאַלעריע. דער דאַזיקער „מאַנגעל פון קוראַזש” איז זינגערן בייגעשטאַ־נען און ער האָט געקאָנט אַרויסברענגען זיין אייגענעם סטיל און זיין אייגענע שפּראַך מיט דעם בפירושן קינסטלערישן ציל אויסצוגלייכן אַ ביסל דאָס פאַר־קרומטע, אַוועקצושטעלן האַלבוועגס אויף די פיס דאָס גראַטעסק וואַקלדיקע און אויב ניט אָפּוואַשן די מיאוסקייט, איז כאָטש דינער מאַכן איר ריח מיט דער שטילקייט פון וואָרט און מיט דער געדעמפּטער מוזיק פון בילד. פּאַביאַן רייצעסעס ציניזם ווערט מיט געמיט און מיט הומאָר אַריינציזילירט אין זינ־גערס שפּראַך־כּלי. דעם ניעשאַווערס ציניזם ווערט איבערגעגעבן ברייט און, אַזוי צו זאָגן, אָן שום סטיליסטישע פליטערלעך. און אין דער שילדערונג פון זיינע ניט שיינע מעשׂים און ניט שיינע טראַכטענישן איז שפּראַכלעך פאַראַן מאָראַלישע פּאָלעמיק — די פּאָלעמיק וואָס עס נוצט געוויינטלעך די נוסח־אַנאָנימקייט אויף צו דערציילן וועגן דעם מיט־מענטשנס „שלעכטע מעשׂים און שלעכטע מחשבֿות”.

אַוודאי, אויך פּאַמפלעטאַרישקייט קאָן ווערן העכסט־אייגענער פּערזענ־לעכער סטיל, אָבער דאָס קאָן געשען ניט ווען דער דערציילער בלייבט עמאָציאָנעל אין אַ זייט און זיין שפּראַך, ווי זינגערס, באַמיט זיך אָנצוהאַלטן אַ רואיקן טעמפּאָ פון אָביעקטיוויקייט, נאָר דווקא דעמאָלט ווען עס דערהערט

זיך אין לשון דעם שרייבערס סוביעקטיווער אויפברויז און עס נעמט בריען זיין ליידנשאַפט — צו אומגערעכטיקייט. נאָר דער אימפּעט פון ריטם און די שטורמישקייט פון בילד קאָן דעם אַלגעמיינעם מאָראַליש־פּאָלעמישן נוסח אַרויסרייסן פון אַנאָנימקייט און אים געבן אַן אינדיווידועל־קינסטלערישן נאָמען.

איך האָב גערעדט וועגן דעם, אַז זינגערס „מאַנגל פון קוראַזש" צו אַנט־בלויזן צופיל זיינע העלדן איז אים בייגעשטאַנען אין זיינע דערציילונגען און אים געהאָלפן שאַפן זיין אייגענעם סטיל, זיין אייגענע דערצייל־פאָרם. דאָס איז אַן השערה. זיכער אָבער איז אַז די דאָזיקע אייגענע פאָרם זיינע איז זינגער ניט געווען בכוח אָפּצוראַטעווען פאַר זיך ווען ער איז אַוועק אויף די פעלדער פון ברייטער ראָמאַן־טעמאַטיק.

1944

ב.

דער לענטשינער רב

וועגן יעדן פון די מענטשן פון גייסט, וואָס איז געשטאָרבן איידער עס האָט זיך אויסגעלאָשן זיין שאַפונגס־כוח, גילט די ביאַליקשע קינה, אַז —

ושירת חייו באמצע נפסקה
וצר! עוד מזמור אחד היה לו —
והנה אבד המזמור לעד,
אָבד לעד.

אָבער ביי קיינעם ווי ביי י. י. זינגערן איז עס נאָך זיין טויט נישט אַזוי גיך און נישט אַזוי פּאַר אַלעמען קלאָר און בולט געוואָרן אַז דאָס געזאַנג פון זיין שעפערישקייט איז איבערגעהאַקט געוואָרן אין דער מיט, אַז אַ נייער מזמור האָט זיך פון זיין האַרץ געריסן און איז דורך אַ פריי־צייטיקן טויט ברוטאַל פאַרשטומט געוואָרן.

זינגערס אויטאָביאָגראַפיש בוך „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער", וואָס איז אַרויס נאָכן טויט פונעם מחבר, זאָגט עדות אויף דעם נייעם ווענד אין זיין שאַפן. דער אופן דערציילונג און געשטאַלטיקונג אין דעם נישט פאַרענדיקטן אויטאָביאָגראַפישן ווערק איז אַ היפשער אָפּווענד פון דעם דרך, וואָס זינגער האָט פאַר זיך אויסגעלייגט אין די ראָמאַנען וועגן יאָשע קאַלב, וועגן די ברידער אשכנזי, און צום טייל אויך וועגן דער משפחה קאַרנאָווסקי, וואָס האָבן אים באַרימט געמאַכט צווישן יידן און גויים.

איבער די געשטאַלטן און איבער דעם מייסטערהאַפט־אַרכיטעקטאָניש

אויפגעבויטן און אויסגעבויטן סיפור המעשה פון זינגערס ערשטע גערעטענע דערציילונגען „אַלטשטאָט" און „פּערל" און פון זינגערס ראָמאַנען האָט געבלאָזן אַ שאַרפער ווינט פון אַנטי־ראָמאַנטישקייט און פון קריטיש־ראַציאָ־נאַליסטישער אַנטבלויזונג.

אין זינגערס לעצטן בוך „פון אַ וועלט, וואָס איז נישטאָ מער" האָט זיך דער שרייבערישער קלימאַט לגמרי געביטן. דער קריטיש־ראַציאָנאַליס־טישער ווינט האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעשטעלט, און די געשטאַלטן און די געשעענישן וואַרעמען זיך אין דער זון פון אַ וואַרעמען געמיט און פון אַ שטילן ליבעפולן הומאָר, וואָס מיר האָבן ביי זינגערן פריער נישט געקענט.

אין צענטער פון זינגערס געשטאַלטן־גאַלעריע אין „אַ וועלט, וואָס איז נישטאָ מער" שטייט דער לענטשיצער רב ר' פּנחס מענדל.

דער לענטשיצער רב געהערט צו דעם מין ליטעראַרישע פיגורן, וואָס דער לייענער לאָזט נישט זיצן רואיק ביי זייער באַשעפער אין בוך. דער לייענער פירט אַזעלכע געשטאַלטן באַלד אַרויס פון בוך און נעמט זיי מיט מיט זיך אויפן יאַריד פון לעבן. אַזעלכע ליטעראַרישע פיגורן זעצט דער לייענער אַוועק ביי זיך אין געמיט אויף שטענדיק קעסט. ער לאָזט זיך דערפאַר באַצאָלן דערמיט וואָס ער עצהט זיך און עדותט זיך מיט זיי; דערמיט וואָס ער רעדט נאָך זייערע רייד און מאַכט נאָך זייערע תנועות, און דער עיקרשט דערמיט וואָס ער לייגט זיי אין מויל אַריין ווערטער כדי מיט זייער פּרעסטיזש צו באַרעכטיקן אייגענע מעשים און בעסער אויסצונוצן ביי לייטן.

אַזעלכע געשטאַלטן, וואָלט איך געזאָגט, ווי טביה, ווי מנחם מענדל, ווי באַנציע שוויג און אויך ווי דער לענטשיצער רב מעגן זיין ווי שלימותדיק און פאַרטיק אין בוך, בלייבן זיי אין לייענערס געמיט עפּעס אייביק נישט פאַרענדיקטע. די געשטאַלט, וואָס דער קינסטלער האָט זי געפורעמט לויט אַ לעבעדיקן מאָדעל פון זיין זכרון, קערט זיך אום און ווערט צוריק לעבעדיקער מאָדעל פאַר דער שאַפונגס־באַדערפעניש פון די קונסט־געניסער. דער לייע־נער האָט אַלעמאָל וואָס מוסיף צו זיין פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע און פון זיין אייגענער דערפאַרונג צו דער פיגור, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט אין בוך. וויפיל לייענער — אַזויפיל וואַריאַנטן וויקלען זיך אַרום דער געשטאַלט. און די געשטאַלט נעמט אויף די אַלע צוגאָבן און שנויים, ווי ס'נעמט אויף דעם ים די טייכן און זי — ווערט דאַדורך מעכטיקער, פּאָפּולערער און — אומאָפּהענגיק פון איר באַשאַפער. אַזאַ געשטאַלט שפּאַנט אַריין אין לשון פון פאָלק, ווערט אידיאָם, ווערט שפּראַך־נמשל און וואַקסט אַריבער איר האַר און באַשעפער מיט לאַנג לעבן און מיט גרויס־נאָמענדיקייט.

און ס'מוז נישט דווקא זיין דעם קינסטלערס אַ גרויסע אָדער גרעסטע

געשטאַלט, בכדי זי זאָל האָבן דעם כוח זיך אָפּצורייסן פון אים און זעלבסט־שטענדיק צו לעבן. עס מוז נישט זיין, נישט די ביבלישע יוסף־פיגור, נישט סאָפאָקלעסעס עדיפּוס, נישט סערוואַנטעסעס דאָן קיכאָט, נישט שעקספּירס האַמלעט — און אויך נישט שלום־עליכמס טביה. אָט איז אַזאַ קינסטלעריש בלייבער פאַרשוין, ווי נאַמבערגס פליגעלמאַן, און אָט איז באַנציע שוויג, וואָס איז פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט זיכער איינע פון פּרצעס היפּשלעך אומגעראָטענע געשטאַלטן. באַנציע איז ווייט אַריבערגעוואַקסן זיין אומגע־ראָטנקייט און איז געוואָרן אַ שם דבר אין אונדזער אַלעמענס געמיט און אין אונדזער אַלעמענס פאַנטאַזיע. ער איז געוואָרן, באַגלייך מיט טביהן און באַגלייך מיט מנחם מענדלען, אַ שפּראַך־מעטאַפאַר ביי אונדז — אַן אַנגעלאָ־דענע און אַן אָנגעהייצטע מיט אַן אַ שיעור מענטשלעכע און יידיש־מענטש־לעכע אַסאָציאַציעס.

אויך דער לענטשינער רב וועט בלי ספק נישט פאַרעכנט ווערן צו די קינסטלעריש־וויכטיקסטע געשטאַלטן אין זינגערס בעלעטריסטיק. אין פרט פון מאָלערישער ווירטואָזיטעט, פון דערציילערישער קאָנסטרוקציע און פון פּסיכאָלאָגישער מאָטיווירונג קאָן דער טייערער און האַרציקער רב פון לענ־טשין נישט פאַרגליכן ווערן מיט די בייזע און העכסט־אומסימפּאַטישע יידן פאַביאַן רייצעס און דעם צירונג־סוחר שפּילריין פון זינגערס נאָוועלן „אַלט־שטאָט" און „פּערל" און אויך נישט מיט די דראַמאַטישע ברידער אַשכנזי פון דעם ראָמאַן אונטער דעם זעלבן נאָמען.

דער לענטשינער רב, זינגערס אייגענער טאַטע, איז אין תוך דערציי־לעריש נישט מער ווי אַן אַנגעוואָרפענע סקיצע פאַר אַ קינסטלערישער געשטאַלט. דער מעמואַריסט האָט פונעם זכרון אויפגעקליבן דעטאַלן פון כאַראַקטער און פון געשעעניש אַרום אַ לעבעדיקן מאָדעל און זיי אונדז דער־לאַנגט, אַזוי צו זאָגן, אין אַ רויען צושטאַנד. ער אַליין האָט דערצו נישט מוסיף געווען פון זיין קינסטלערישער פאַנטאַזיע. און מע מעג זיך פאָרשטעלן, אַז אַפילו פון די פאַרגעדענקטע דעטאַלן וואָס האָבן געקאָנט זיין נוציק פאַר דער פּסיכאָלאָגישער אויסאַרבעטונג און פאַרטיפונג פון דער געשטאַלט, האָט זינגער נישט איין פרט בכיון אויסגעלאָזט. עס זיינען דאָך געווען פאַרשטענדלעכע העמונגען. דער לענטשינער רב איז געווען זינגערס אַ צו נאָענטער מענטש, אַז ער, זינגער, זאָל זיך קאָנען דערלויבן צו פאַרצייכענען אונטער דעם מענטשנס אמתן נאָמען אַלץ, וואָס ער געדענקט וועגן אים. אַחוץ דעם האָט אַ פּריציייטיקער טויט איבערגעריסן די פאַרצייכענונגען פון זינגערס זכרונות. „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער" איז געבליבן נישט פאַרענדיקט.

און פונדעסטוועגן — הגם די געשטאַלט פונעם לענטשינער רב איז אין

זינגערס מעמוארן־בוך בלויז אַ סכעמאַטיש־סקיצירטע און איז ווייט פון אַ סינטעטיזירטער קינסטלערישער אויסאַרבעטונג, פאַרמאָגט זי אין זיך, ווי מיר דאַכט, יענעם עפּעס פון געמיט, וואָס צוליב אים האָבן אַזעלכע געשטאַלטן ווי טביה, ווי מנחם מענדל און ווי באַנציע דעם כוח אַרויסצוגיין פונעם בוך כדי צו ווערן אויפסניי שאַפונגס־מאָדעלן אין לעבן.

אַזעלכע געשטאַלטן רירן ערגעץ אָן איינע פון יענע גאָענטסטע שטייגער־אידייען, אַרום וועלכע דאָס געמיט פון פאָלק שפּינט אַזוי גערן דער־פאַרונגען און קינסטלערישע געשטאַלטונג. אין שייכות מיט אַזאַ אידייע איז דער קינסטלער אָפט בלויז אַ ראשון, וואָס האָט מיט זיין ליטעראַרישער געשטאַלט אָוועקגעשטעלט דאָס שפּינראָד און אַרויסגעבראַכט דאָס ערשטע שטיק געוועב.

טביה איז געוואָרן דער ליטעראַרישער וועבשטול פאַר דער אידייע פון „נישטאָ קיין ברירה, דער גורל איז שטאַרקער"; מנחם מענדל — פאַר זעלישן אומרו און דערפאַלג־חלום; באַנציע שוויג — פאַר אויטאָ־סאַטירישער רעפלעקסיע אויף דער טעמע פון השגחלאָזיקייט און אידעאַל־קליינקייט. דער לענטשינער — רעגט אָן צו ווייטער־געשטאַלטיקונג אַרום דער פיגור פון אַ פרום־יידישן אינטעלעקטועלן באַהעמיען וואָס האָט פיינט געהאַט דעם עול פון פרנסה, האָט פיינט געהאַט דאגות, נישט געקענט פאַרטראָגן טראַכטענישן און זאָרגעענישן. ער האָט ערנסט גענומען בלויז דעם גייסטיקן אויפטו, בלויז אַזאַ זאַך למשל ווי, „פאַרענטפערן רשי'ן אין גאַנץ ש"ס קעגן די בעלי־מחלוקת זיינע וואָס האָבן געפרעגט קשיות אויף אים און אַרויסגעשטעלט טענות קעגן אים", און הגם דער לענטשינער רב האָט געוואוסט ווי שווער עס איז אויסצופירן אַזאַ אַרבעט, איז ער געווען גליקלעך זי אונטערצונעמען.

ער האָט געהאַט זיין סיבה דערפאַר — „אַז איך וועל קומען אויף יענער וועלט און די מלאכי חבלה וועלן מיך וועלן וואַרפן אין גיהנום פאַר מיינע גרויסע זינד — וועל איך האָבן אַ מליץ יושר אין רשי'ן, וואָס איך האָב אים פאַרענטפערט און זיין זכות וועט מיך באַשיצן."

און וואָס שייך דעם „כל זמן מען לעבט" האָט דער לענטשינער רב האָלד געהאַט די וועלט נישט ווייניקער ווי דעם חלום פון עולם הבא. ער האָט ליב געהאַט צו פּראַווען „חסידישע סעודהלעך און אויף ימים טובים אָפט געפאָרן צום רבין קיין שיניאַווע, וואָס איז געלעגן איבער דער גרענעץ"; און „אויף אַזעלכע נסיעות פלעגט ער אָפּזיצן וואָכן לאַנג. ער פלעגט אויך אָפט זיך אַריבערכאַפּן צו זיינע עלטערן קיין טאָמאַשאָוו און פאַרברענגען מיט די חסידישע יונגעלייטלעך".

און פונקט ווי ער האָט זיך פאַרזיכערט מיט אַ באַשיצער אויף יענער

וועלט, האָט דער לענטשינער רב אויך נישט געלאָזט אומבאַשיצט זיין „די וועלט". פון אַזעלכע שוצמיטלען ווי אויסלערנען רוסיש און זיך שטעלן פאַרן גובערנאַטאָר, כדי צו באַקומען מלוכהשע אָנערקענונג פאַר זיין רבנות, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. רוסיש האָט דער לענטשינער רב נית געקאָנט לערנען ווייל „מע האָט געזאָגט אין שטאָט, אַז דעם לערערס ווייב טראָגט נישט קיין שייטל. נאָר זי גייט אין די אייגענע האָר" און וואָס שייך דעם גובערנאַטאָר — „ס'איז אומזיסט, שווער, איך וועל שוין מיטן גובערנאַטאָר נישט רעדן".

און ס'איז פאַרשטענדלעך. אַ באַגעגעניש מיט מלכות וואָלט געווען עפּעס ווי אַן אַריינגעוואָרפענער שטיין אין דעם כּלים־שענקל מיט די איידעלע לעבנס־אידייען און לעבנס־חלומות, וואָס דער לענטשינער רב האָט אויפ־געשטעלט ביי זיך אין דמיון. און די עיקר לעבנס־אידייע פונעם לענטשינער רב האָט זיך אויסגעדרוקט אין דעם ווערטל: „ס'עט שוין זיין, מיט גאָטס הילף, רעכט". און נישט נאָר מיט גאָטס הילף. אויך מיטן רבינס הילף און אַפילו מיט דער הילף פון גאָט ברוך הוא'ס אַזאַ קליינעם שליח ווי דער קאַמאַשנמאַכער חיים יוסף, וואָס האָט אויסגעליגן ביים רב די עטלעכע הונדערט רובל ירושה־געלט, האָט אים דערפאַר געמאַכט פאַר אַ שטילן שותף צו זיין לעדער־קראָם און — אים קיינמאָל קיין גראָשן נית צוריקגעגעבן.

ביי דער דאָזיקער צעבראָכענער אילוזיע פונעם לענטשינער רבנישן דאָן קיכאָט ווערן איבערגעריסן זינגערס זכרונות און מיר ווייסן נישט ווי דער רב האָט זיך אָפּגערופן דערויף. אָבער מיר קאָנען זיך משער זיין אַז די זיכערקייט פון „ס'עט שוין זיין, מיט גאָטס הילף, רעכט" האָט דערפון קיין שאָדן נישט געליטן.

די השערה איז זיך סומך נישט בלויז אויף דער אייגענער לאָגיק פון דאָן קיכאָטיזם, נאָר דערעיקרשט אויף די מענטשלעכע וואַריאַנטן, וואָס אַ יעדער פון אונדז וואָלט געקאָנט און האָט אַ באַדערפעניש צוצושטעלן צו דער געשטאָלט פונעם לענטשינער רב.

די געשטאַלט פון אַ היימישן אינטעלעקטועלן באָהעמיען און דאָן־קיכאָט האָט געפעלט אין דער גאַלעריע פון אונדזערע ליטעראַרישע געשטאַלטן. די פיגורן, וואָס די יידיש־בעלעטריסטיק האָט ביז איצט געפורעמט לויט די מאָדעלן פון דער אינטעלעקטועלער פרום־יידישער וועלט, זיינען דורכאויס פּאַטעטיש. עס זיינען גייסטיקע רעבעלן, הייליקע, מענטשן פון גרויס־געזעל־שאַפטלעכער ענערגיע און אידעאַליזם און אַמאָל — פּראַקטישע און עגאָאיס־טישע לעבנס־געניסער (אַזאַ מין פּראַקטישער איז ער, דער ניעשאַווער רבי, אין זינגערס ראָמאַן „יאָשע קאַלב").

אָבער דער לענטשינער איז געווען אַ רב נישט קיין גאון און נישט קיין

הייליקער, נישט פּרצעס בריסקער רב, נישט אַשס תהלים־ייד און נישט אָפּאַטאָשוס סראַצקער רב. נאָר אַ קליינשטעטלדיקער מורה־הוראה וואָס איז „קיין גרויסער חריף נישט געווען. ער איז געווען מער מענטש פון האַרץ ווי פון מוח. ער האָט געגומען זאַכן גוטמוטיק און נישט ליב געהאַט אַריינצודרינגען צו טיף אין ענינים". אַזאַ רב וואָס האָט זיין מאַטעריעלע וועלט געבויט אויף דעם בטחון און זיין גייסטיקע וועלט אויף שפּיל, אַזאַ פרום־יידישער אינטעלעקטואַל מיט אַ באַהעמיעניש־דאָן־קיכאָטישער־פילאָסאָפיע און לעבנס־פירונג — אַזאַ געשטאַלט איז, אויף וויפיל איך וויים, אַן ערשטלינג אין אונדזער ליטעראַטור. זי איז עלול אַנטערן נאָמען פון לענטשינער רב צו ווערן איינע פון יענע נאָענטע, גוט־ברודעריש־היימישע געשטאַלטן, וואָס דאָס פאָלקס־געמיט שפּינט זי אַרום מיט זיין פאַנטאַזיע און מיט זיין דערפאַרונג און מאַכט זי פאַר אַ וואָרט־זאָגער.

אַזעלכע טביה־ און לענטשינער רב־געשטאַלטן ווערן, פאַרשטייט זיך, ליטעראַריש נישט געבוירן אין אַ דערציילערישער אַטמאָספער ווי די, צו וועלכער מיר זיינען געוואוינט געווען ביי זינגערן אין זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען פון „פּערל" ביז „משפחה קאַרנאָווסקי". יענער ראַציאָנאַליסטיש־אָביעקטיווער, כמעט וויסנשאַפטלעכער געשטאַלטונגס־מעטאָד האָט זינגערן פאַרהאָלפן צו שאַפן גוט־געפורעמטע, פּסיכאָלאָגיש־אינטערעסאַנטע און אָפט־מאָל אויך פאַרביקע ליטעראַרישע העלדן, וואָס האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג און אין תוך טאַקע אפשר נישט מער ווי קינסטלעריש אַמוזירט (די אַמוזירונג־טעאָריע פון ליטעראַטור האָט טאַקע ביי אונדז זינגער אויפגעשטעלט).

אין „פּערל" און אין „אַלטשטאָט", אין „יאָשע קאַלב", אין „ברידער אַשכנזי" און אַפילו אין „חבר נחמן" און אין „משפחה קאַרנאָווסקי" איז זינגער דער געניטער היסטאָריקער־פּראָקוראָר אָדער היסטאָריקער־אַדוואָקאַט פון זיינע העלדן. ער איז דער אָביעקטיווער „דריטער" מחוץ פון די צדדים, וואָס מאַכט אַ חריפותדיקן עקספּאָזע, אין וועלכן עס ווערט באַוויזן די נויטווענדיקייט פון דער געשעעניש, און די מענטשן ווערן על פּי פּאַקט און געזעץ איינגעגלידערט אין זייער צייט און אין זייער סביבה. אין „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער" הערט זינגער אויף צו זיין אַן אָביעקטיווער דריטער, ער איז אַליין אַ צד. ער טענהט נישט פאַר אַ קליענט, נאָר פאַר זיך. און די טענה האָט אין זיך ווייניקער יורידישע עקזאַקטקייט און מער האַרץ און — רחמנות.

אין „פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער" האָט זינגער צום ערשטן מאָל שעפעריש אַ ציטער געטאָן מיט רחמנות צו זיין געשטאַלטן־וועלט. ער האָט דאָדורך נישט באַוויזן מער קינסטלערישע ווירטואָזיטעט, אָבער ער האָט

אַנטפּלעקט מער דיכטערישע טיפקייט. און דאָס איז חל נישט בלויז אויף דער געשטאַלט פונעם לענטשינער רב, וואָס האָט אין זיך, ווי געזאָגט, דעם שטאָף צו אַ גרויסער פאָלקס־געשטאַלט, נאָר אויך אויף די קלענערע און מער עפּיזאָדישע פיגורן פונעם בוך. אַ שפּע מיט געמיט און מיט מענטש־לעכער וואַרעמקייט שטראַלט אויס פון זינגערס „אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער" און לאָזט אונדז אַנען, אַז דער מלאך המות וואָס האָט פאַרשניטן דעם קינסטלערס לעבן פון בלויז פופציק יאָר, האָט אויך איבערגעשניטן זיינעם אַ נייעם וועג צו זיך און צו טיפער יידישער געשטאַלטערישקייט.

(1947)

◈

ש. מיללער

צוויי זיינען זיי געזעסן אין דער זוניקער קאַליפאָרניע און האָבן עוסק געווען אין דער מלאכת הקודש פון יידיש־דאָכטונג: לאַמעד שאַפּיראָ און, דער יינגערער פון אים מיט אַכצן יאָר, ש. מיללער.

ביידע זיינען זיי געווען שוואַך אויפן גוף, שאַרף אויפן מוח און טרעפיק אויף דער צונג. איך האָב זיי ביידע אינאיינעם נישט באַגעגנט; שאַפּיראָן האָב איך געטראָפן דאָ, אין ניו־יאָרק, קורץ פאַר זיין אַריבערפאָרן קיין קאַליפאָרניע, און דערנאָך זיך מיט אים בלויז עטלעכע מאָל דורכגעשריבן; מיללערן האָב איך קיינמאָל נישט געזען.

אָבער איך האָב זיך אָנגעהערט דערציילן וועגן די צוויי און זייערע שיחות חולין, און כ'האָב זיך אַריינגעלייענט אין די דיאַלאָגן, וואָס עס פירן צווישן זיך די העלדן אין שאַפּיראָס און אין מיללערס דערציילונגען, דערעיקרשט אין שאַפּיראָס „ניו־יאָרקיש" און אין מיללערס לעצטן בוך „נעכטן", און איך האָב פאַר מיר געזען דאָס בילד פון די צוויי קלוגע און וויכטיקע יידיש־שעפער אַריינגעטאָן אין דער הנאה און אין דער פּיין פון זייערע דיאַלעקטיש ווירטואָזע וויכוחים. דאָס בילד פון די צוויי שמועס־ווירטואָזן שמעקט אי מיט דער וועלט־פרעמדער „על־פּי שכלדיקייט" פון שטעטלשע חכמים, און אי מיט דער וועלטמענישער ניכטערקייט פון וואָרט, וואָס איז מיד פון דעם „שכלס שמד־שטיק". כ'מיין יענע ניכטערקייט, וואָס איז אויסן נישט לשמה, נאָר לשם נאָענטער וויסיקייט פון לעבן קלאָר צו מאַכן די פאַרוואָסן פונעם מענטשנס טואונגען און די מיינען פון פאַקטן און געשעענישן און, אויב

נויטיק, פאַר קלאָרקייט וועגן, אַפילו מודה זיין, אַז זיי זיינען נישט צום פאַרשטיין.

אין די טעג פון מיט־זומער, 1948, האָט זיך לאַמעד שאַפּיראָ פון אונדז אָפּגעטאָן און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער לעבעדיקער איבערשמועס צווישן די צוויי שווער־קראַנקע און חריפותדיק־קלוגע פון לאָס־אַנדזשעלעס. אָבער ש. מיללער האָט דעם דיאַלאָג ביז צו זיין פּריצייטיקן טויט ממשיך געווען, קודם אין דעם ביאָגראַפיש־קריטישן אַריינפיר צו שאַפּיראָס פאַר־בליבענע כתבים, וואָס ער האָט זאָרגעוודיק צונויפגעקליבן און אַרויסגעבראַכט אין אַ באַנד פון פיר הונדערט זייטן, און דערנאָך — אין זיינע לעצטע אייגענע דריי ביכער, וואָס ער האָט אין משך פון צען יאָר באַוויזן אַרויס־צוגעבן, דערעיקרשט אין זיין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „דור המדבר", און נאָך מער דערעיקרשט, אין דעם נאָוועלן־באַנד „נעכטן".

איך שטרייך אונטער דעם נאָוועלן־באַנד „נעכטן" און וואָלט מוסיף־געווען דערצו די טרויעריק־שיינע מעשה „דער אַלטער נאַר", וואָס איז געווען געדרוקט, נאָך מיללערס טויט, אין נומער 30 פון דער תל־אָביבער פערטל־יאַרשריפט „די גאָלדענע קייט", ווייל אין אָט־די סאַמע לעצטע דערציילונגען אָטעמט מיללערס בדרך כלל קלאָרע און ניכטערע פּראָזע ערגעצוואו מיט אַ ניעפּ ראָמאַנטישקייט, מיט צער און אַפילו מיט אַ לירישן אונטערטאָן.

דאָס ניעפּ ראָמאַנטישע (און דאָס ראָמאַנטישע האָט צומאָל אומגעאָנטן קינסטלערישן איבערצייגונגס־כוח) אין דער קלאָרער ניכטערקייט פון ש. מיללערס פּראָזע איז דאָס געפּיל פון צער און ווייטאָג, וואָס די סואוועדענע דערפאַרונג און רעזיגנירטע קלוגשאַפט פון זיין סטיל קאָנען עס ביי אים נישט תמיד צונעמען.

ווען מיללער נעמט ריידן וועגן דער „מעלה פון דער זוניקער קאַלי־פאָרניע, וואָס דאָ איז גרינג צו זיין אַ קבצן"; אָדער ווען ער גיט־איבער דעם געמיט־צושטאַנד פון אַלימלכן, „דער אַלטער נאַר", וואָס איז געלעגן קראַנק אין בעט און האָט "אָפּגעשוירן שטיקלעך צייט, אָבער די צייט האָט, ווי אַ לאַנגער פּראַכט־צוג פאַרן אויטאָמאָביל־פאָרער, זיך געצויגן אָן אַ סוף, און נאָך איר האָט זיך נאָכגעשלעפּט לאַנגווייליקייט, נערוועזיטעט" — פאַלט, חלילה, מיללערס פּראָזע דערמיט נישט אַריין אין עמאָציאָ־נעלער שיברות, נאָר זי ווערט בלויז אַביסל בגילופינדיק, אַביסל וואַרע־מער, אַביסל אָנגעהויכטער מיט פאַרבאָרגענע סענטימענטן.

איך האָב געהערט אַזויפיל מאָל זאָגן, אַז ש. מיללער איז שפּעריש געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון זיין עלטערן חבר ל. שאַפּיראָ, און איך האָב געהערט, אַז ש. מיללער האָט אַליין האָלד געהאַט צו באַשטעטיקן

די דאָזיקע השפּעה. מיר דאַכט אָבער, אַז מיללערס תּלמידשאַפט ביי שאַפּיראָן גייט מער אַריין אין גדר פון חברישער שיחת חולין, איידער פון רעאַלע ליטעראַרישע פאַקטן.

אויב עס איז שרייבעריש פאַראַן אַן ענלעכקייט צווישן די ביידע חברים דיאַלאָג־פירער פון לאָס־אַנדזשעלעס, באַשטייט זי קודם כל אין דער ערגעצוואו צונויפגעשמועסטער מסקנה וועגן יידישן מענטש און יידישן לעבן אין אַמעריקע.

ווען מיללער דערציילט אונדז אין זיינע ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן ל. שאַפּיראָן, אַז ער איז געווען אַ — „מענטש, דאָס מיינט, אַ פאַרפלאָנ־טערטער קנויל, מיט אַ סך לויזע עקן, און וועלכן עק מ׳זאָל אָננעמען, קאָן מען, מיט אַ סך געדולד, אַמאָל אפשר אויפפּלאָנטערן דעם קנויל און אַמאָל אים נאָך מער פאַרפּלאָנטערן״, — איז עס, גלויב איך, נישט שווער צו זען, אַז דאָס איז נישט בלויז מיללערס מיינונג וועגן זיין פּסיכיש־קאָמפּלי־צירטן חבר ל. שאַפּירא, נאָר אַז דאָס איז געווען זייער ביידנס מסקנה וועגן דעם מין מענטש בכלל — אַ מסקנה, וואָס קומט אַזוי אָפט צום אויסדרוק סיי אין שאַפּיראָס און סיי אין מיללערס דערציילונגען.

ביידע האָבן זיך אין זייער געשטאַלטיקונג פון מענטשן און געשעע־נישן „איבערגענומען״ דערמיט, וואָס זיי זיינען גאָרנישט אויסן אויפצו־פּלאָנטערן דעם פּלאָנטער, וואָרעם „איך גופא גלויב נישט אין דעם ענטפער, קאָן נישט אָנווייזן אויף דער אורזאַך און האַלט נישט פון דעם אמת״ (מיללער אין די דערמאָנטע ביאָגראַפישע נאָטיצן).

און וואָס שייך דאָס אַמעריקאַנער יידישע לעבן, האָבן זיי דורך זייערע געשטאַלטן ביידע דערזען, אַז דאָס איז אַ מאָדנע געזעלשאַפטלעך באַשע־פעניש.

„דאָס אַמעריקאַניש־יידישע לעבן, ווי עס ווערט געשילדערט אין שאַפּיראָס „ניו יאָרקיש״ און אין מיללערס אַן אַ צאָל דערציילונגען וועגן דער יידישער אַמעריקע, — ציטיר איך פון מיינער אַן עסיי וועגן ל. שאַפּיראָן מיט אַן ערך פופצן יאָר צוריק, — איז יונג און ליאַרעמדיק, ווי אַ שטיפעריש חדר־יינגל און, צו דער זעלבער צייט, מוטלאָז און פילאָסאָפיש אָפּגעבליאַקעוועט, ווי אַ געוועזענער רעוואָלוציאָנער. עס שפּרו־דעלט, דאָס דאָזיקע אימיגראַנטיש־יידישע לעבן אין אַמעריקע, מיט קאַריערע־גלוסטעניש און מיט תּאווה צו דערפאָלג, און גלייכצייטיק שמייכלט עס רעזיגנירט מיט אַנונגען פון אַ פריצייטיקן טויט. עס עקספּערימענטירט נאָך מיט זיך אַליין — דאָס אַמעריקאַנער יידישע לעבן; עס רייצט־אַן אויף זיך דעם כּעס פון סאַטירע און עס דרייט זיך אַרויס פון זיך אַליין מיט באַוואָרענישן פון צווייפל״.

ביידע, — אי שאַפּירא און אי מיללער, — שטייען געשטאַלטעריש פאַר אַט־דער פאַרפּלאָנטערניש, וואָס קאָן נישט „פאַרענטפערט ווערן דורך אמת", און פאַר אַט־דער מאָדנער גרזעלשאַפטלעכער באַשעפעניש, וואָס הייסט יידיש לעבן אין אַמעריקע.

ביידע לאָס־אַנדזשעלעסער דיאַלאָג־פירער זיינען שרייבעריש מחותנים אויף דער זעלבער חתונה. דער חילוק צווישן זיי איז, אָבער, אַ גרונטאָוונער; עס איז דער חילוק, וואָלט איך געזאָגט, צווישן אבי הכלה און אבי החתן.

אי דער כלה'ס און אי דעם חתנ'ס טאַטע שטייען ציטערדיקע און דער־שראָקענע פאַר דער אומבאַקאַנטער גורלדיקייט, וואָס צו איר גייען זיי אָקאָרשט איבערענטפערן זייערע קינדער. אָבער עס איז פאָרט נישט דאָס זעלבע. דער אבי הכלה איז צעבראָכענער, נעענטער און הכנעהדיקער צום גורל. ער איז דאַדורך ממילא מער וויזיאָנעריש, עמאָציאָנעל טיפער און עמאָציאָנעל פריינגיביקער. מיט אַנדערע ווערטער: דער ייד מיט דער טאָכטער, אין אַנגעזיכט פון גורל, איז, ווי פאַרהאַרטעוועט ער זאָל נישט וועלן זיין און זיך באַוויזן, אין עצם אַ בעל־רחמים.

דער אבי החתן, דאַקעגן, האָט, אין אַנגעזיכט פון דעם זעלבן גורל, דעם כוח זיך צו דינגען און זיך אויסצונעמען נייע תנאים. ער איז, על־פּי זיין געמיט, אַ דעמאָסקירער פון פאַרנעפּלטע סיטואַציעס, אַ פּינקטלעכער פאַרשרייבער, אַ בעל־דין.

דער דאָזיקער אבי החתן ביים שילדערן דאָס אַמעריקאַנער יידישע לעבן, איז געווען — ש. מיללער. ער איז דאָס געווען אי סיפור־המעשהדיק און אי סטיליסטיש. וואָס שייך דעם סיפור־המעשה, האָט ש. מיללער היפּש באַוואוסטזיניק געשריבן די געשיכטע פונעם יידיש־אַמעריקאַנישן לעבן. זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען זיינען אין אַ געוויסער מאָס די היסטאָריע פון יידיש־אימיגראַנטישער אינטעגראַציע אין אַמעריקע אָביסל געזען דורך די געשטאַלטן פון „אייערנעכטן", אָבער דערעיקרשט פון „נעכטן".

דעם עלפטן בוך זיינעם (עס איז געווען דאָס לעצטע, וואָס איז אַרויס ביי זיין לעבן), האָט ש. מיללער אַ נאָמען געגעבן „נעכטן". די באַציִענונג „נעכטן" האָט ביי מיללערן אַ טאָפּלטן באַטייט — אַ היסטאָרישן און אַ פּסיכיש־אַנאַליטישן.

מיט „נעכטן" איז דער בעלעטריסט־היסטאָריקער אויסן געווען זיך טעמאַטיש אָפּצוגרענעצן פון דעם יידיש־עמיגראַנטישן „אייערנעכטן" און אָנצוזאָגן אַז זיינע העלדן זיינען נישט די יידן פון די שוויצשעפּער און נישט קיין פּעדלער און אויך נישט קיין אויסצאָלער פון שיפסקאַרטן פאַר ווייב און קינדער, נאָר יידן האַלבוועגס עקאָנאָמיש אַרויפגעאַרבעטע און

אויך האַלבוועגס אַמעריקאַניזירטע; יידן וואָס פאַרן אין אייגענע אויטאָ־מאָבילן און שאַפן צדקה־אָרגאַניזאַציעס פאַר די ברידער אויף יענער זייט ים; יידן, וואָס האָבן צום טייל שוין הינטער זיך אַ מין צווייטע עמיגראַציע, כ׳מיין, די וואַנדערונג פון די גרויסע שטעט פון אַמעריקעס מזרח און מיטל־מערב צו דעם „גאָלדענעם שטאַט אין דער גאָלדענער מדינה", צו דער זוניקער קאַליפאָרניע.

מיט איין וואָרט: ס׳איז נישט די וועלט פון קאַברינס און ליבינס העלדן, נאָר די יידישע עמיגראַנטן־סביבה פון אַ האַלבן און אַפילו אַ גאַנצן דור שפּעטער, די סביבה פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס זי איז אין תוך ערשט דאָס מאָדנע געזעלשאַפטלעכע באַשעפעניש אין דער סטאַדיע פון עקספערימענטן מיט זיך אַליין.

אָבער „נעכטן" האָט ביי מיללערן, ווי געזאָגט, דערעיקרשט אַ רייך־פּסיכישן, אַ פּסיכאָ־אַנאַליטישן אינהאַלט. פּסיכאָ־אַנאַליטיש אין זינען, וואָס די זעלישע צושטאַנדן פון זיינע געשטאַלטן ווערן פאָרמולירט מיט אַ פּרעציזקייט, וואָס גרענעצט זיך מיט וויסנשאַפט און פּרווידיש אויף אַזוי פיל וואָס דאָס „אָדם און חוהשע" איז ביי מיללערן דער יסוד פון אַלע נשמה־פּלאָנטערן און וואָס צווישן „אָדם" און „חוה׳ן", און בכלל צווישן מענטשן, איז נישט פאַראַן קיין צופעליק וואָרט אָן אַ טיף פאַרבאָרגענער כוונה. הינטער יעדן וואָרט וואָס מיללערס מענטשן זאָגן אַרויס היינט, שטייט אַ סוד פון נעכטן.

און אָט דאָס סודותדיקע, וואָס מיללער פאָרמולירט עס אויף זיין אומבררחמנותדיק־פּרעציזן אופן, איז, ווי ער גיט איבער, וועגן מנשה שטערן, דעם העלד פון איינער פון זיינע טיפּסטע און אינטערעסאַנטסטע דערציי־לונגען „שטילע וואַסער", עפּעס אַזוינס, וואָס „ער האָט אַליין ניט גע־וואוסט, אַ טונקעלע אַנונג האָט ער יאָ געהאַט, עפּעס אַן עכאָ פון אַ ניגון אַמאָל געהערט, וואָס קלינגט־אויף און בלייבט ניט. אויסזינגען דעם ניגון האָט ער ניט געקאָנט".

די אמתע מאָדים׳ס אויסצוזינגען דעם פאַרבאָרגענעם און סודותדיקן ניגון פון נעכטן, און זיך אַליין און דעם צד שכנגד צו פאַרסמען מיט דעם „געזאַנג", זיינען ביי מיללערן די פּרויען, וואָס די באַציאונג צו זיי שמעקט ביי אים ערגעצוואו סטרינדבערגיש.

אויף דעם סודותדיקן פון נעכטן, וואָס שטייט הינטער דעם וואָרט פון היינט, געלינגט מיללערן אויסצובויען מיט אַ מייסטערשאַפט, וואָס איז אַ זעלטנקייט אין דער יידיש־פּראָזע, דעם בנין פון חשד און פון אייפערזוכט. פּריקרע־קלאָר און דיאַלעקטיש־דין ברענגט מיללער אַרויס דאָס געפיל פון אייפערזוכט, וואָס וועגן איר זאָגט אַ דייטש ווערטל, אַז „די אייפערזוכט איזט

איינע ליידענשאַפט, די מיט אייפער זוכט וואָס ליידן שאַפט".

און נישט בלויז איז מיללער אַ מייסטער אויף צו מאָלן דעם חשד אין זיין אַקוטן צושטאַנד, כ'מיין, אין צושטאַנד פון קרענקלעכקייט, נאָר מיללער פאַרשטייט אַנצולאָדן זיין שפּראַך מיט חשד אויך דעמאָלט, ווען זיינע העלדן זיינען נאָך, אַזוי צו זאָגן, ביים בעסטן געזונט.

די רייד פון מיללערס מענטשן ענדיקן זיך קיינמאָל נישט מיט די רייד גופא. נאָך די ווערטער קומט נאָך אַ קוק, אַ שמייכל, אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ צי מיט דער ברעם. און דער נאַראַטאָר, דער דערציילער מיללער, נעמט דעם לייענער אויף אַ זייט און טייטשט פאַר אים אויס די „געדאַנקן־צויטן", וואָס זיי זיינען עס דער אמתער מיין פון די ווערטער און נישט די ווערטער גופא.

אַט דער שטענדיקער איבערוואונק מיטן לייענער הינטער די פּלייצעס פון זיינע העלדן איז אפשר אַ חסרון פון מיללערס פּראָזע. אַ חסרון אין דעם זינען, וואָס עס מינערט די דיסטאַנץ צווישן דעם דערציילער און דעם לייענער, וואָס מיללער מיט זיך אַנצוהאַלטן. דער חסרון איז אפשר נאָך גרעסער דערמיט, וואָס ער פאַרקלענערט טאַקע דעם שטח צווישן לייענער און דערציילער, אָבער קיין וואַרעמקייט צווישן זיי ווערט דורך דער דאָזיקער נענטערשאַפט נישט געשאַפן.

די הויפּט־מעלה פון מיללערס פּראָזע איז, בלי־ספק, די כמעט אומ־אויסשעפּלעכע שפע פון פאָלקסווערטלעך און אידיאָמען און, קודם כל, די פון אים אַליין באַשאַפענע גלייכווערטלעך און שטייגער־פּראַזן, וואָס וואַקסן מיט עפּעס אַ קולטיווירטער גלייכמעסיקייט אַרויס פון מיללערס לשון. די דאָזיקע קאָנסטרואירטע, אָבער דאָך אַזוי אָרגאַנישע, ווערטלעך און אידיאָמען, שפּרייטן איבער מיללערס דערציילונגען דאָס קלאָרע, דאָס צומאָל פיינלעך־קלאָרע, ליכט פון רייפער קלוגשאַפט און שאַפן ערגעצוואו אָפּ די מחיצה צווישן מיללערס אייגענער קלוגער דערפאַרונג און דער דורותדיקער פאָלקס־חכמה.

אַט די קינסטלערישע באַוואוסטזיניקייט, וואָס צעשטעלט מיט אַזאַ געניטשאַפט די שאַרפזיניקע גלייכווערטלעך און בילדערישע שטייגער־פּראַזן איבער דער ברייט פון די דערציילונגען, דיזעלבע באַוואוסטזיניקייט איז אויף דער וואָך ווען ש. מיללער וויקלט אָפּ מיט אַ זעלטענער דיאַלעקטישער ווירטואָזיטעט די דיאַלאָגן צווישן זיינע העלדן. עס איז דאָ אין מיללערס דיאַלאָגן אַ גוט אויספּרובירטער ספּאָרטישער „גיב און נעם", וואָס דערמאָנט אין באָקס־קאַמף.

שלום־עליכמס אידיאָמען און גלייכווערטלעך האָבן זיך זייער אייגענעם כישוף־רעצעפּט און גאָרנישט קאָן זיך מיט זיי פאַרגלייכן. אָבער מען מעג

זיך משער זיין, אַז די קלוגע זאַגעכצער און ווערטלעך, וואָס אין זיי קומט צום אויסדרוק די דערפאַרונג פון דורות, זיינען נישט געשאַפן געוואָרן פון שלום־עליכמס כישוף־שפּרוכן, נאָר זיי זיינען נאַכטראַכטעריש און באַוואוסט־זיניק אַרויסגעוואַקסן פון די חריפותדיקע נאָך־הבדלה־שמועסן אין סוחרישע און לומדישע שטובן פון אונדזער אַמאָליקן תחום־המושב. עס האָבן זיי געשאַפן די ניכטערע און שאַרף־צונגיקע מיללערס פון יענעם דור.

ווען ש. מיללער האָט אין אַן אָנהויב־וואָכעדיקן שמועס, שבת־צו־נאַכטס, דעפינירט דעם סאָציאַל־ביאָלאָגישן חילוק צווישן אַ ייִנגל און אַ מיידל לאמור, אַז „אַ בחור איז אַ גלאָז — אַ שווענק און ווידער ריין; אַ מיידל איז אָבער אַ זיידן טיכל, אַ ריר — בלייבט אַ פלעק"; אָדער ער האָט דאָ, אין אַמעריקע, אַ שפּאַס־געטאָן וועגן די יידישע צדקה־חברות, אַז „נעכטן איז אויסגעוואַקסן אַ פאַראיין, היינט האָט ער געשריגן געוואַלד, מאָרגן איז ער געגאַנגען טאַנצן" — זיינען דאָס געווען זאָגענישן, וואָס האָבן זיך געטראָגן, זיינען ראוי געווען געטראָגן צו ווערן, פון מויל צו מויל זונטיק אויף די ירידים אין די פּוילישע שטעטלעך און אויף די מיטינגען פון די אַמעריקאַנישע „איסט־סאַידס".

און די באַוואוסטזיניקייט און פּרעציזקייט פון מיללערס סטיל איז חל, נישט בלויז אויף דער דראַמע פון זיינע גלייכווערטלעך און פון דיאַלאָגן, נאָר אויך אויף דער דראַמאַטישער איינאָרדענונג פונעם סיפור־המעשה גופא.

כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז די שוין דערמאָנטע דערציילונג „שטילע וואַסער". אין דעם חשד־קאַמף צווישן די הויפּט־העלדן, וואָס הויבט זיך אָן מיט מירלס סוד פון איר קינד, וואָס איז די פּרוכט פון אַן ערב־חתונה ליבע מיט איינעם אַ בחור מולי, ווערט קודם באַזיגט מירל. זי ווערט פאַרכאַפּט פון חשד צו איר מאַן מנשה, וואָס איר סוד האָט אים געטריבן צו אַ לינקער ליבע מיט זיין קליענטקע מרס. שפּיגעל. מירל גייט אַראָפּ פון זינען ווען איר קינד מאַרווין שטאַרבט פּלוצים פון פּאָליאָ.

דערנאָך קומט די ריי אויף מנשהן. ער פאַרלירט איבערנאַכט זיינע מסחרים אין דעם בירזשע־קראַך, פּרוּווט ראַטעווען מירלען און באַגייט זעלבסטמאָרד ווען די קראַנקע מירל איז אים, אין אַ מינוט פון אַמפּערניש וועגן פאָטאָגראַפיעס פונעם פאַרשטאָרבענעם קינד, מגלה, אַז מאַרווין איז נישט געווען זיין זון.

די גאַנצע דראַמע, (איך האָב זי געפּרוּווט איבערדערציילן אין עטלעכע שורות) אָטעמט מיט פאַטאַליסטישער טראַגיק און גיט אַ בילד פון דער קינסטלערישער געניטשאַפט, מיט וועלכער מיללער קאָן קערעווען געשעענישן און זיי צושפּיצן צו דראַמע מיט ניכטערער קלוגשאַפט און מיט ביידלעכער און קילער (אַמאָל אַפילו קאַלטער) געדולד.

ברוך האַגער

ווען איך האָב אָנהויב 1939 פאַרלאָזט רומעניע, איז ברוך האַגער, וואָס האָט געהערט צו אונדזער יידיש־קרייז אין בוקאַרעסט, שוין געווען אַ בן־אַרבעים — אָבער ניט קיין שרייבער.

איך מוז זיך באַלד באַוואָרענען קעגן צופיל זיכערקייט פון מיין זייט. וואָרים ס'איז דאָך מעגלעך, אַז ברוך האַגער האָט בלויז נישט געדרוקט, אָבער במיסתרים האָט ער יאָ געשריבן פאַר זיך און פאַר זיין אייגענעם שופלאָד.

ווי ס'זאָל נישט זיין, אונדזער בוקאַרעסטער יידיש־קרייז האָט געקענט ברוך האַגערן נישט פאַר קיין שרייבער, נאָר בלויז פאַר אַ ראַפינירטן ליטעראַטור־געניסער און ליטעראַטור־מבין. האַגערס ליטעראַטור־מבינות האָט, ווי איך געדענק, געהאַט אַ טאָפּעלטן אַראָמאַט. זי האָט געשמעקט מיט דער טרויעריקער פּיקחות פון אַ רבישן זון, וואָס זיינע זיידעס, אָנגעהויבן פון ר' מענדעלע קאָסאָווער און ר' ישראלציע רוזשינער און ביז זיין אייגענעם טאַטן, דעם סטאָראָזשניעצער, און זיין לייבלעכן פעטער, דעם וויזשניצער רבין, זיינען דורות לאַנג געווען פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור־שעפער בעל־פּה און, צום טייל, אויך בכתב. און האַגערס מבינות האָט אויך געהאַט דעם ריח פון דער גערעכטער פאַראַדאָקסישקייט און פון דער פאָרם־עלעגאַנץ, וואָס איז אין דער דייטשישער ליטעראַטור פאַר און תיכף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען דער קנין פון דער „ווינער שול". ברוך האַגער האָט היפּשע יאָרן פאַרבראַכט אין ווין און האָט דאָרט אין חברשאַפט מיט די ווערק פון פעליקס סאַלטען און ראַול אַוערנהיימער, פון הערמאַן באַר און פּעטער אַלטענבערג און אין דעם קרייז אַרום זיי און אַרום דעם פּרוש קאַרל קראַוז זיך געפורעמט גייסטיק און ליטעראַריש.

איך שטרייך דאָ אונטער די תמציתן פון האַגערס ליטעראַרישער מבינות, ווייל אָט די פּסיכישע עלעמענטן באַווייזן זיך דערנאָך אין די ביכער חסידישע דערציילונגען „אויפן וועג..." (בוקאַרעסט, 1946) און „אויף דער קאַטש" (בוקאַרעסט, 1947), מיט וועלכע ברוך האַגער האָט אונדז איבערראַשט נאָך זיין אומקער פון גלות טראַנסניסטריע.

ערשט טראַנסניסטריע האָט ברוך האַגערן אַ שטויס געטאָן אויפצושרייבן אַ טייל פון די מעשיות, וואָס ער האָט געהערט דערציילן אין הויז פון זיין פאָטער און אין הויף פון זיינע פעטערס און אַרויסצוגעבן אַ בוך „גע־קליבענע חסידישע סקיצן".

כל זמן האַגער איז געזעסן אין ווין און דערנאָך אין בוקאַרעסט און די צייטן האָבן אויסגעזען צו זיין האַלבוועגס נאָרמאַל, זיינען יענע „גוטע

יידן" און זייערע חסידים ערגעץ דאָרט אין גאַליציע, אין בוקאָווינע און אין מאַרמאַראָש געווען אַ יידיש־גייסטיקער פאָלקס־פאַרמעג, וואָס אין שעהן און אין טעג פון אַנטוישונג האָט מען זיך אין דעם דאָזיקן אוֹצר געקענט נאָסטאַלגיש אָנוואַרעמען און אין דעם „זכות אָבות" זיך דערפילן אַפילו זיכערער מיט דער אייגענער וועלטלעכער יידישקייט.

אין יענער אַטמאָספער פון בענקשאַפט און פון גייסטיקער אַנטוישונג האָט האַגערס געמיט געקענט אָפּקומען מיט איבערדערציילן אַ חסידישע מעשה, אָדער מיט איבערגעבן בעל־פּה אַ דערמאָנונג פון „יענער צייט" און — זיך באַרואיקן.

אַריינגעשטעקט די פעדער אין האַנט און געצוואונגען האַגערן צו פאַר־צייכענען די זכרונות און געשטאַלטן פון די חסידישע הייף האָט ערשט די אויפמרייסלענדיקע איבערלעבעניש פון טראַנסניסטריע.

דאָרט, אין לאַנד פון יידישן גירוש, פון יענער זייט בוג און דניעסטער, אויף די וועגן צו טויט און פאַרניכטונג, האָט ברוך האַגער דערזען חסידים און רבנים, וואָס זיינען אַזוי פלוצלינג פאַרכאַפּט געוואָרן, אַז זיי האָבן שוין קיין צייט נישט געפונען דעם שבת אויף איינדערוואַכן צו פאַרבייטן. (הקדמה צו דער זאַמלונג חסידישע סקיצן „אויפן וועג").

עס זיינען דאָס געווען „פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלטן אין פאַרצייטיקע שבת־יום־טובדיקע מלבושים" וואָס, אַז מ'האָט זיך פאַרגעסן אויף אַן אויגנבליק, „האָט מען געקענט גלויבן, אַז דאָס גייען יידן, ווי אין אַלטע גוטע צייטן, אויף אַ חתונה אָדער אויף אַן אַנדערער יידישער שמחה".

און אָט די געשטאַלטן, וואָס האָבן געווירקט „ווי אַ לעצטער וואונק, ווי דער אויפשטראַל ביי זונפאַרגאַנג", האָט ברוך האַגער געפּרוּווט אויפ־כאַפּן אין זיינע זאַמלונגען „אויפן וועג" און „אויף דער קאַטש".

אַן ערך דרייסיק סקיצן און קלענערע דערציילונגען האָט ברוך האַגער אויפגעזאַמלט אין די נאָר־וואָס דערמאָנטע צוויי ביכער, וואָס ער האָט מיט ניין און מיט צען יאָר צוריק אַרויסגעגעבן אין בוקאַרעסט.

איצט וואוינט האַגער אין בוענאָס־איירעס און ער האָט דאָרט איבער־געדרוקט יענע דריי צענדליק סקיצן און דערציילונגען אין אַ בוך מיט דעם נאָמען „מלכות חסידות".

ער איז אַ וואונדערלעכער בעל־צמצום, ברוך האַגער, און אָפט אַן אויס־געמלעכער פאַרגעדענקער פון יידיש־חסידישע און סתם יידיש־שטייגערישע אידיאָמען, וואָס וועלן זיכער באַרייכערן דאָס געפּלאַנטע יידישע ווערטערבוך.

אַ מוסטער פון אַ געפּרעסט צמצומדיק בילד ביי האַגערן: „ס'רויכערט זיך מיט וואָלקנס פון הייסע פערדישע מאָרדעס און ס'שפּיגלען אָפּ פערדישע

רוקנס דעם צעגליטן בלענד פון אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן. אַנגעפּעלצטע אין שאָפּענע און אין בערענע בורקעס מיט ברייט אַראָפּהענגענדיקע קעלנער, און אין הויכע געוואַטעוועטע שטיוול, טאָפּטשען די קאָסאָוועטער אַרום אין דרייען געשפּאַנטע שליטנס. די זאַווערוכע יאָגט פון הויכע, אין ווייסן אַנגעצויגענע בערג, און אַ פייפנדיק צעכעסטער ווינט ראַנגלט זיך מיטן התלהבות פון חסידישן געזאַנג. ר׳ מענדעלע קאָסאָווער פאָרט צו זיין שוואָגער ר׳ אורי, קיין סטרעליסק.״

און האָגערס אידיאָמען צום באַצייכענען: „ס׳ווערט תיל און תל פון דער האָרעוואַניע״, „ס׳ווערבלט אַ היץ״, „דער אַנדערער איז געווען פון גאָר אַן אַנדער געבלי״, „ס׳וואַקסט אים די העזה איבערן ווערעך״, „ס׳שלום בית איז ביי אים נישט פאַדער״.

סיי דאָס וויניק דערציילן (דרייסיק קורצע דערציילונגען אין משך פון צען יאָר), סיי די פראַגמענטאַרישקייט פון בילד און פון סיפּור המעשה און סיי דער סטיליסטישער צמצום זיינען ביי האָגערן אַלע אין בעסטן נוסח פון דער גוטער און סאָלידער קורץ־דערציילונג אין אונדזערע ביידע ליטע־ראַטורן און אין דער דייטשישער ליטעראַטור.

האָגער בלייבט אָבער הינטערשטעליק דערמיט וואָס אין זיין צמצום פון פאָרטרעטירונג און אין זיין פראַגמענטאַרישקייט פון סיפּור המעשה פעלט צומאָל יענע אינעווייניקסטע הרחבה און גאַנצקייט, וואָס באַרעכטיקט דעם צמצום פון סטיל און דעם פראַגמענטאַרישן אופן פון דערציילן.

אין האָגערס צמצומדיקייט בלייבט דער פּאָרטרעט און עס בלייבט די געשעעניש דאָ און דאָרט פאַרנעפּלט און אומבאַגרינדעט. איך לייען די „פאַרשפּעטיקטע מחותנים״, און איך קען אין דעם געדרענג פון דערציילונג נישט כאַפּן ווער איז שמעון יאַראָסלאַווער, פאַרוואָס טרעט מען אים, דעם „זקן פון די צדיקים״ נישט אָפּ קיין פּלאַץ, און פאַרוואָס דער רוזשינער כאַפּט גראָד א י ם אַריין אין דער קאַרעטע און דערציילט א י ם אַ מעשה. דער אַנעקדאָטישער סוף פון דער געשיכטע קויפט אָביסל אויס די נעפּלדיקייט און די פאַרשפּעטיקונג צו דער חתונה, אָבער סוף־כל־סוף איז עס אַן אַנעקדאָט (און ערשט ביים סוף), פון וועלכן מע שטויסט זיך אָן, אַז דער רוזשינער האָט קודם געמוזט מנצח זיין „עמלקן״, איידער ער איז געקומען צו דער חתונה.

פרצעס רמז האָט געשטאַלטיקונגס־כוח. ער סוגעסטירט שוין היפּש פון פאָרנט אי די געשטאַלט און אי דעם דערהויבנדיקן מיין פון דעם סיפּור המעשה.

אָבער האָגערס גרויסע מעלה איז וואָס ער איז כמעט דורכאויס נישט

פּרציש. עס בליצט צומאָל אויף אַן אַסאָציאַציע צו פּרצעס שרייבערישן מאַניער און צו פּרצעס קאָנצעפּציע פון חסידות. אָבער בדרך כלל נעמען האָגערס מעשיות דווקא דערמיט, וואָס ער מאַכט אַן ערנסטן פּרוּוו צו דער־ציילן אַ חסידישע געשיכטע אַנדערש, לגמרי אַנדערש, ווי פּרץ.

האָגער איז אַ רעאַליסט. זיין סוזשעט איז נישט אַזוי חסידות און אַפילו נישט חסידיש, נאָר חסידים.

און צום רעאַליזם פאַרהעלפט האָגערן דער פאַקט, וואָס זיין טעמע איז נישט קאָצק און נישט גער און וואָרקע מיט זייער קאָוואַלעריע פון גע־הויבענע חסידים. נאָר זיין „מלכות חסידות" זיינען די הייף פון וויזשניץ און סאַדאַגערע מיט זייער חסידישער פּיעכאָטע פון רומעניע, פון בוקאָווינע און פון געבערג.

די הויפּט־טעמע פון האָגערס דערציילונג איז די געזעלשאַפטלעך־גייס־טיקע לאַנדשאַפט פון די גאַליציש־בוקאָווינישע „הייף", און אין דעם פּרט איז די צומייסט כאַראַקטעריסטישע און אויך די סאַמע גראַטנסטע מעשה — די מעשה מיט די אייניקלעך שמעון דער בערציעכעס און יאַנקל חיה קונהס, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין „הויף", פאַראוּוען די אמתע הויף־אינטריגעס און ציען זייער חיונה פון אַ סגולה און פון אַ קמיע, וואָס זיי פאַרקויפן הינטער דעם „אַלטנס" אויגן.

די הקדמה איז איינס און די עצם געשטאַלטיקונג פון די העלדן און געשעענישן אין בוך גופא איז אַ צווייטע זאַך. נישט תמיד ווערט דעם מחברס ענטוזיאַסטישער בליק אויף זיינע געשטאַלטן אין פּראָצעס פון באַשאַף מקוים אין די באַשאַפענע.

דער „געוואָלט" פונעם קינסטלערס אינספּיראַציע בלייבט זייער אָפט ניט דער „געמוזט" פונעם געשטאַלטיקערס ענדגילטיקער וויזיע.

פון האָגערס הקדמה צו דער ערשטער זאַמלונג „אויפן וועג" ווייסן מיר, אַז עס האָבן פאַר זיין אינעווייניקסטן אויג אויפגעלויכטן די יידן פון שבת און יום טוב, וואָס האָבן, ווי האָגער דריקט זיך אויס, נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרבייטן דעם שבת אויף אינדערוואָכן.

געוואָלט האָט, הייסט עס, האָגער ווייזן אונדז די גבורה אין דער „ספר תורה" פון חסידות, די גייסטיקע גבורה פון די „גוטע יידן", אָבער באַוויזן האָט ער אונדז בדרך כלל מער דעם כח פונעם „סאַמאָוואַר" פון חסידות, דעם כח, וואָס ליגט אין דער אמונה פון די פּראָסטע יידן, די בוקאָווינער און רומענישע חסידים.

וואָס שייך די „גוטע יידן" זיינען זיי אין האָגערס בוך, צום גרויסן טייל, געשטאַלטן מיט אַן אינעווייניקסטער האַמלעטישער וואַקלדיקייט. זיי

זיינען „גוטע יידן", וואָס די מייסטע פון זיי וואָלטן געקענטריידן מיטן לשון פון פּרצעס רבי ר' משה אין דריטן אַקט פון די „גאָלדענע קייט" און זאָגן —

„געגומען אַ ייד אַ קראַנקן
וואָס אָטעמט קוים:
פּיר אַ וועלט!"

טענהט ר' חיים קאָסאָווערס יורש, דער רבי ר' ברוכל אין האַגערס דערציילונג „דער בן־יחיד": „דער מנהיג מוז קודם כל זיין אַ בעל־כוח — אַ גבר!... כ'האָב קיין כוח נישט". און דעם רוזשינערס איניקל, דער יונגער שטעפּאַנעשטער רבי ר' מאַטעסל, גיט נישט קיין הבטחות. „שווער ביז נישט איבערצוטראָגן דריקט אויף אים דער עול, וואָס איז אויף אים אַזוי אומגעריכט אַרויפגעפאַלן."

און דער דריטערביישפּיל פון צווישן אַ שפּאַר ביסל אַנדערע ביישפּילן. אין דעם פּרט אין האַגערס „מלכות חסידות", איז דער שינעווער רבי ר' יחזקאלע פון דער דערציילונג „כ'גלויב נישט", וואָס זינגט אויף זיין שטייגער דעם זעלביקן ניגון וואָס ר' ברוכל און ר' מאַטעסל —

„וואָס גייט עס מעך אָפּ? וואָס האָט עץ ענק אויף מיין לעבן אָנגעזעצט?"

די „גוטע יידן", וואָס האַגער מאָלט פאַר אונדז אין זיין „מלכות חסידות" זיינען כמעט דורכאויס עפּיגאָנען, אייניקלעך, וואָס אַליין פאַרמאָגן זיי ווייניק און די ירושה פון זכות אָבות קאָנען זיי קוים דערטראָגן. זיי פאַלן גייסטיק פון די פּיס, די אייניקלעך, נישט ווייל זיי זיינען מחמת טיפקייט סקעפּטיש, נאָר ווייל זיי זיינען וועלט־אָפּגעשיידט צוליב זייער כאַראַקטער־שוואַכקייט.

דאָ און דאָרט פּרוּווט האַגער צו רעטושירן, ווי מען זאָגט אויף פאָטאָגראַפישן לשון, דעם פּאָרטרעט פון די אייניקלעך דערמיט וואָס ער פאַרפּיעשטשעט זיי מיט ענוות (ר' ברוכל), אָדער מיט תמימות (ר' יחזקאלע), אָבער די רעטושירונג העלפט נישט אויף צו פאַרדעקן דעם טיפּישן „אייניקל" אין זיי און אין די זייערסגלייכן „גוטע יידן".

קאָכן קאָכט מיט פולער פאַרע דער „סאַמאָוואַר" פון חסידות אין האַגערס דערציילונגען.

די „גוטע יידן", וואָס אויף זייער ברויזנדיקער און שפּערישער אמונה האַלט זיך דאָס חסידות פון די „אייניקלעך" אין האַגערס בוך, זיינען גאָר די פּראָסטע יידן. עס איז דאָס פּסח העדשל דער רויטער פון דער דערציילונג „דאָ וויזשניצע" (קיין וויזשניץ), וואָס באַשאַפט מיט זיין עקשנותדיקן גלויבן און ווילן דעם רבינס מופת; עס איז דאָס שמעון בער טרושעשטער, וואָס צווינגט אַרויף אויפן שוואַכן רבין ר' מאַטעסל די הבטחה אַז „ער וועט... ער וועט העלפן!!!"; עס איז דאָס יידל, וואָס פאַרעט מיט רציחה און סטראַשעט דעם שינעווער רבין, אַז —

„כ׳על אייך אייערע אַלע כתבים צערייסן אויף אשר יצר, עץ הערט ?"

עס זיינען דאָס די וויזשניצער חסידים, וואָס זייערע „קולות גייען אַלץ העכער, עזותדיקער און טראָגן אונטער דאָס גאַנצע הויז" און זיי רייסן אויף די טיר און צווינגען אַרויף די רבישאַפט אויף ר׳ מענדעלע וויזשניצערס בן־יחיד.

זיי, אָט די פּראָסטע יידן פון בוקאָווינע און אונגאַרן, וואָס האָבן זעלטן ווען צייט געהאַט אויסצוטאָן זיך פון אינדערוואָכן, האָבן געשאַפן און געהאַלטן מיט זייער עקשנותדיקער אמונה דעם יום־טוב פון חסידות ביי די „אייניקלעך".

די רעאַליסטישע שילדערונג פון אָט די פּראָסט־יידישע געשטאַלטן און אויך די געשטאַלטיקונג פון דער וואָכעדיקייט אין די „הייף" — זיי זיינען דאָס קינסטלעריש געראָטנסטע אין ברוך האַגערס בוך, וואָס הייסט „מלכות חסידות" און האָט פּינקטלעכער געדאַרפט הייסן „מלכות אייניקלעך".

(1956)

◈

ש. בערלינסקי

איך האָב געזוכט ביאָגראַפישע דאַטעס וועגן שלמה בערלינסקין, וואָס איז שוין געווען אַ יידיש־בעלעטריסט מיט אַ נאָמען אין פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות.

זלמן רייזענס לעקסיקאָן פאַר דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע האָט בערלינסקין נישט פאַרצייכנט. דער ערשטער באַנד פון רייזענס לעקסיקאָן (א—י) איז אַרויס אין ווילנע אין 1926 און בערלינסקי איז, ווייזט אויס, נאָך געווען ליטעראַריש צו יונג צו פאַרנעמען דאָרט אַ פּלאַץ אָדער אַפילו בלויז אַ פּלעצל.

דער פינפטער באַנד פון דער „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע" אויף יידיש (ניו יאָרק, 1944), וואָס איז דערווייל דער לעצטער לויטן אַלף בית, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי „בית־עין־למד" (בעלי־חיים) און איז בכן צו בערלינסקין אויף „בית־עין־ריש" נישט דערגאַנגען.

אויך אין דעם „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", באַנד א־ב (ניו יאָרק, 1956), איז שלמה בערלינסקיס נאָמען נישט בנמצא. די סיבה? מען מעג זיך משער זיין, אַז דער שרייבער בערלינסקי געהערט צו יענע, וואָס האָבן „פאַרבאָטן" צו דרוקן זייערע ביאָגראַפיעס, אָדער האָבן

סתם קיין אינפאָרמאַציע־מאַטעריאַל נישט צוגעשיקט, און די רעדאַקציע האָט זיך, צום באַדויערן און צום שאָדן פונעם לעקסיקאָן, געדעכנט דערמיט וואָס אַ מחבר האָט „פאַרבאָטן", אָדער האָט נישט צוגעשיקט קיין אינפאָרמאַציע, און האָט דערפאַר אַרויסגעלאָזט זיין נאָמען פון דער יידיש־ליטעראַטור.

נו, אין דעם „ווער איז ווער אין וועלט־יידנטום" (ענגליש, ניו יאָרק, 1955), וואו ס'זיינען פאַרטראָטן אַ טייל יידיש־ און העברעאיש־שרייבער, איז בערלינסקיס נאָמען אויך נישט פאַראַן.

די איינציקע צוויי רעפערענץ־ביכער, וואו כ'האָב געפונען ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע דאַטעס וועגן דעם מחבר פון דער זאַמלונג דערציילונגען „ירושה", זיינען מלך ראַוויטשעס „מיין לעקסיקאָן" (מאָנטרעאָל, 1945) און די „אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער פּראָזע אין פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות", וואָס אהרן צייטלין און י. י. טרונק האָבן צונויפגעשטעלט (ניו־יאָרק, 1946).

פון ראַוויטשעס „מיין לעקסיקאָן" דערוויסט מען זיך אַז ש. בערלינסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1896 אין אַ שטעטל לעבן קעלץ און אַז (ציטירט ראַוויטש בערלינסקין) „איך האָב מיך געהאָדעוועט צווישן פרויען מיט הענט אויפגעלאָפענע מיט בלאָזן פון כלאָריק, עסענדיקער זאָדע פון דרענגען און רייבן אויף סענקעוואָטע וואַש־ברעטלעך".

פון דער צייטלין־טרונק אַנטאָלאָגיע ווערט מען געוואויר אַז ש. בערלינסקי האָט דערנאָך געוואוינט אין לאָדזש און אין ווילנע, האָט צווישן 1930 און 1939 אַרויסגעגעבן דריי ביכער דערציילונגען און איז ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַוועק קיין רוסלאַנד און האָט דאָרט דורכגעמאַכט די שבעה מדורי גיהנום פון וואָגלעניש אין הונגער און אין נויט איבער די צענטראַל־אַזיאַטישע מדינות פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ס'איבעריקע ווייסן מיר שוין אַליין: זיך אומגעקערט נאָך דער מלחמה אין דער „באַפרייטער" פּוילן און פון דאָרט אינאיינעם מיט אַ טייל פון דער שארית הפליטה געוואַנדערט קיין דייטשלאַנד אויפן וועג קיין ארץ ישראל. אין מינכען אַרויסגעגעבן צוויי נאָוועלן־זאַמלונגען, וואָס זיינען ווייניק באַמערקט געוואָרן.

היינט איז בערלינסקי אַ תושב אין ישראל און זיין ניי בוך דערציילונגען איז דערשינען אין פאַרלאַג פון די פּוילישע יידן אין בוענאָס איירעס.

איך האָב נאָכגעזוכט און צונויפגעזאַמלט די עטלעכע ביבליאָגראַפישע דאַטעס, ווייל איך האָב געפילט, אַז ס'איז נייטיק צו האָבן וואו מעגלעך דעם פסיכישן הינטערגרונט פונעם מחבר גופא ווען מען שרייבט וועגן זיין באַנד דערציילונגען, וואָס זייער צענטראַל־מאָטיוו איז דער באַליידיקטער מענטש.

די ביאָ־ביבליאָגראַפישע דאַטעס דערציילן וועגן בערלינסקיס ביטערן יידישן גורל — אַ גורל, וואָס איז נישט עפּעס אומגעוויינלעכס צווישן די יידיש־פּוילישע שרייבער פון אונדזער דור. זיי דערציילן אָבער אויך, אַז ער האָט געהאַט אַ סך אַ קלענערע מאָס אָנערקענונג ווי ער האָט פאַרדינט — און דאָס איז שוין וויניקער געוויינלעך. וואָרים ש. בערלינסקי פאַרמאָגט שרייבערישע מעלות, וואָס שטעלן אים אַוועק צווישן אונדזערע בעסערע און אַפילו טיילמאָל בעסטע דערציילערס. בערלינסקי, דער דערציילער, האָט זיין אייגנס אַן אָריגינעלע און פרישע בילדערישקייט און זיין דערציילונג אָטעמט מיט אינטענסיווער איבערלעבעניש. ער איז אַ שרייבער מיט היפּש שטאָטישע ראַפינירטקייטן און דערביי אַזאַ היימישער, אַזאַ צאַרט־היימישער אין מלכות פון בוים און גראָז. מען דאַרף לייענען בערלינסקיס דערציילונג „אַנטוישונג", כדי צו זען ווי אייגן עס איז דער וואַלד דעם געמיט פונעם שרייבער און מיט וואָס פאַראַ צאַרטקייט עס גייט זיין פען אַרום דעם „בעריאָזע־וועלדל מיט די ווייסע שלאַנקע ביימעלעך", וואָס האָט „אַנטקעגן געטאַנצט מיט אַזאַ פרישקייט, ווי דאָס זאָל זיין אַן אוראייניקל פון דעם זקן, דעם אַלטן וואַלד".

ביטערניש קלעפּט זיך צו בערלינסקיס פען, אָבער ווי איידל און שטיל שוועבט זי דערביי, דעם שרייבערס פעדער, איבער געשטאַלטן און געשעענישן. „די אָפּגעזונדערטע שטילקייט", זאָגט בערלינסקי אין דער אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „צווי גאַסן", „פלעגט לעשן מיינע פאַרדראָסן".

פאַרדראָסן ציען זיך איבער כמעט אַלע אַן ערך פינף און צוואַנציק דערציילונגען און מיניאַטורן פון בערלינסקיס בוך, אָבער זיי פלאַמען נישט צו העל, זיי גליען שטיל און האַלב־אויסגעלאָשענע. זיי זיינען נישט אַזוי פסיכאָלאָגיש שאַרף און מאָגעריש, בערלינסקיס פאַרדראָסן, און די פאַר־דראָסן פון זיינע געשטאַלטן, ווי, למשל, ביי יונה ראָזענפעלדן, וואָס קער זיך שרייבעריש אָן אַ קרוב מיט בערלינסקין.

איך רעד וועגן די פאַרדראָסן פון בערלינסקיס געשטאַלטן און וועגן זיינע אייגענע, ווייל אַ טייל פון די דערציילונגען זיינען געשריבן אויטאָ־ביאָגראַפיש אין דער ערשטער פּערזאָן.

און עס געשעעט אַזוי, אַז דאָרט וואו בערלינסקי קאָן קינסטלעריש וויני־קער גובר זיין דעם פאַרדראָס און שרייט אים אַרויס — דאָרט דערציילט ער אין דער דריטער פּערזאָן וועגן אַנדערע און נישט וועגן זיך. אַזוי איז עס מיט דעם אינוואַליד, וואָס האָט זיך צום שרעק פון די אַרומיקע אַרויפגעכאַפּט אויף אַ קאַרוזעל און די הושטאַווקע האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין גאַלאָפּ. הונ־דערטער פאַרזאַמלטע מענטשן האָבן איבערגעלעבט פחד פאַרן גורל פונעם אינוואַליד, אָבער טאַקע דער פחד האָט דעם מלחמה־קריפּל געוואַרעמט.

„אַלע ציטערן, פלאַטערן פאַר זיין גורל. ער האָט צוריק עפּעס אַ ווערט באַקומען, ער גייט ווייטער ווענען אָן.‟ און אַז דער אייגנטימער פון דער קאַרוסעל האָט געבראַכט פּאָליציאַנטן און זיי האָבן אים מיט כוח אַרונטער־געטראָגן פון פּאַרק, האָט דער אינוואַליד געשריגן: „דאָס איז מיין רעכט צו לעבן און צו שטאַרבן אַזוי ווי איך וויל.‟

און אַזוי איז עס מיט דער יונגער שוישפּילערין, וואָס דעקלאַמירט און שפּילט פאַרן טעאַטער־דירעקטאָר און פאַרן רעזשיסאָר און ווערט אַנגאַ־זשירט, ווייל „אַ שיינע פיגור ביי איך, פריילין‟. אַז נינאַ איז אַהיימגעקומען — פאַרענדיקט בערלינסקי די דערציילונג „די יונגע שוישפּילערין‟ — און די מאַמע און די שוועסטער, וואָס האָבן אויף איר געוואַרט, האָבן זי אַ פרעג געטאָן: „מען האָט דיך אַנגאַזשירט? בלייבסט אין טעאַטער?‟ האָט זינאַ זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער סאָפע, האָט זיך צעוויינט און געכליפּעט: „יאָ, מען האָט מיך אַנגאַזשירט, כ׳בין געפעלן, כ׳האָב אַ שיינע פיגור, כ׳האָב אַ שיינע פיגור.‟

דאָ, אין אַזעלכע דערציילונגען ווי וועגן אינוואַליד און וועגן דער יונגער שוישפּילערין, שרייט בערלינסקי אַרויס די אומטאַקטישקייטן, פאַר־דראָסן און עוולות, וואָס בריען זיין געמיט. ער שרייט זיי אַרויס היפּש דורכנעמענדיק אין דער מעשה וועגן אינוואַליד און אָן אַן ערך ווייניקער קרעפטיק אין דער געשיכטע וועגן דער שוישפּילערין. צו דעם געשריי נייטיקט ער זיך אין דריטע פּערזאָנען, וואָרום ער אַליין, זיינע אייגענע איבערגעלעבטע באַליידיקונגען דערציילט שטיל. ער דאַרף אַפילו קוים וואָס אַ סיפּור המעשה צו זיי. ער שניידט בלויז אַריין מיט אַ דערמאָנונג אין אייגענעם זכרון און דער „באַליידיקטער מענטש‟ אין אָן אַ שיעור וואַריאַציעס מינעט זיך פאַר אונדז אין צער, אין פּיין און אין טרויער.

אין דער דערציילונג וועגן דער יונגער שוישפּילערין דערפילט, ווייזט אויס, בערלינסקי אַליין, אַז ער האָט זיך עפּעס נישט אויף זיין שטייגער אומקינסטלעריש צעשריגן וועגן דער נעוורטאַטישער סענסיטיווקייט פון אַ מיידל און, אַז דאָס געשריי האָט קיין פליגל נישט. ווייל ער עס פאַרריכטן מיט אַ צוגאָב פון סיפּור המעשה און דערציילט אונדז וועגן דעם ווי אַזוי זינאַ האָט פּסיכיש פאַרבראַכט דעם לעצטן אָוונט פאַר איר פּרעמיערע. אָבער דער צוגאָב איז דערציילעריש אַן אַנטי־קלימאַקס און מאַכט לגמרי קאַליע די קאָמפּאָזיציע פון דער נאָוועלע.

פון די דערציילונגען אין דער דריטער פּערזאָן איז איינע פון די שענסטע די מעשה וועגן זעליג וואַלקער, וואָס דאָס לעבן מיט אַ קראַנק וויב האָט אין אים אָנגעזאַמלט אַ וואַכיקייט צו קראַנקהייט און אַ מורא פאַר אַ קראַנקן מענטש לעבן זיך, און ער האָט דערפאַר ביי די „באַשויאונגען‟

פון די אלמנות, גרושות און עלטערע מיידלעך, מיט וועלכע די שדכנטע האָט אים צונויפגעפירט, „זיך צוגעהערט צו זיי ווי אַ מוזיקער צו זיין אינסטרומענט, צי עס סקריפּעט נאָר נישט עפּעס, צי דאָס קול וואָס קומט פון אינעווייניק, איז גאַנץ." און אַז זעליג וואלקער האָט נאָך דער חתונה מיט דער געזונטער, פליישיקער סאַלטשע איינמאָל דערזען איר געוועזענעם מאַן „איז עפּעס די פרוי אין זיינע אויגן דורכגענומען געוואָרן מיט דעם דאָזיקן פאַרשויך, ווי פליישן, וואָס קאָכן זיך אינאיינעם. מיט דעם־אָ — האָט אין זעליגן אַ ציטער געטאָן די מורא און דער אומצוטרוי — האָט זי געוואוינט העכער צען יאָר ? מיט דעם־אָ האָט זי געהאַט אַ קינד ?". און זעליג כאַפּט זיך אָן אין דעם ערשטן בעסטן אויסרייד זיך צו גטן מיט סאַלטשען. אָבער אויך אָט די מעשה וועגן דעם וואונדערלעך פּסיכיש־דין אָנגעסטראָיעטן זעליג וואַלקער ענדיקט זיך אויף אַ העכערן טאָן ווי בערלינסקיס אויטאָביאָגראַפישע דערציילונגען, און ערגעצוואו באַשטייט דער געשריי אין דעם צו לאַקאָנישן, און איך וואָלט געזאָגט — צו פּראָזאַאישן סוף פון גט, וואָרים די פּאַרטיפּטע פּסיכאָלאָגיע פאַרלירט דורך דעם „זיי האָבן זיך אין אַ פּאָר טעג אַרום געגט" פון איר פּאַרטיפּטקייט.

איך טראַכט, אַז פּונקט ווי דער קינסטלערישער פּרוּווּשטיין פון מעמואַריסטיק איז, אַז זי זאָל מיט שינויים קענען דערציילט ווערן אויך אין דריטער פּערזאָן וועגן אַנדערע, אַזוי איז איינע פון די ווערט־קריטעריעס פון קינסטלערישער פּראָזע, אַז זי זאָל קענען אַריינגעשטעלט ווערן אין דער אַטמאָספער פון זכרונות און איבערדערציילט ווערן אין דער ערשטער פּערזאָן מיטן אַ סך מאָל אָטעם־רויבנדיקן ריח פון אויטאָביאָגראַפיע. על כל פנים איז אויטאָביאָגראַפישע פּראָזע, פּראָזע אין דער ערשטער פּערזאָן, אין קינסטלערישן זינען שווערער צו דערגרייכן ווי אין דער דריטער פּערזאָן.

דער פּראָזע שרייבער אין ערשטער פּערזאָן פאַרמעסט זיך צו דערגרייכן קינסטלערישע האַרמאָניע מיט אַזאַ אומהאַרמאָנישן אינסטרומענט ווי דער אינהאַלטלעכער און פאָרמעלער „איך". די פאָרם „איך" איז דער אינסטרומענט פון פּאָעזיע, און אויך דאָרט אָפט אַ סכנהדיקער אינסטרומענט.

ביי בערלינסקין זיינען, לפי דעתי, דווקא יענע דערציילונגען די גרעסטע, אין וועלכע דער צענטראַל־מאָטיוו „באַליידיקטער מענטש" ווערט אויסגעשפּילט אויף דעם סכנהדיקן אינסטרומענט „איך", כ׳מיין, אין ערשטער פּערזאָן.

דאָס ביז קרענקלעכקייט שאַרפע געפיל פון מענטשלעכער ווערדע, וואָס איז ביי בערלינסקין, ווי ער דערציילט אונדז, אַ ירושה פון זיין פאָטער, און וואָס איז דורך די קלעפּ פון לעבן נאָך שפּירעוודיקער געוואָרן צו די עוולות פון גורל, ווערט אין ערגעץ נישט אַזוי שטיל, אַזוי האַרמאָניש און מיט

אַזאַ סימבאָלישער דערהויבנקייט אַרויסגעבראַכט ווי אין די דערציילונגען „צוויי גאַסן" און „אַ געשריי".

אין „צוויי גאַסן" דערציילט בערלינסקי וועגן דער צייט ווען ער איז געווען אַ לערן־יינגל ביי אַ היטל־מאַכער אין אַ גרעסערער שטאָט אין פּוילן.

אַלע דריי פּאַסירונגען, וועגן וועלכע עס גיט איבער בערלינסקי, וואַקסן אַריבער אים, דעם יחיד, דאָס אָרעמע לערן־יינגל ביים היטל־מאַכער דוד גאָלדשפּיץ, און נעמען בליען סימבאָליש. סיי די חוזק־סצענע, וואָס ס׳האָבן געטריבן מיט דעם יידישן לערן־יינגל די פּוילישע פּריצים אין „האָטעל פּאָלסקי", און סיי די סצענע מיטן פּרוואו אים אַפּצושמדן אין גלחים־סעמינאַר, און אַפילו דער עפּיזאָד מיט דער רוסיש־גענעראַלסקער טאָכטער, וואָס האָט דערזען ווי דאָס לערן־יינגל, „דער יעוורעיטשיק! ער טרינקט דאָך דאָס ליכט מיט די אויגן, פון אים וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער פּאָעט" — אַלע דריי פּאַסירונגען אָטעמען מיט יידישן גורל. עס איז גלייך דאָס לערן־יינגל ביי דעם היטל־מאַכער דוד גאָלדשפּיץ זאָל זיין דער סימבאָלישער ישראליק, וואָס דער אָרום וויל אים בייקומען מיט חוזק, מיט שמד און מיט חצי באַוואונדערונג און חצי מורא פאַר זיין גייסטיקן געניוס.

און דאָס געשריי ווידער פון דעם אָרעמען קיעלע ערגעץ אין אַ הויף אין דער אוזבעקישער שטאָט טאַשקענט — דאָס געשריי פון סעקסועלער נויט פון דעם קיעלע, אויף דעם הויף צווישן פּליטים אַן פּרויען, און יונגע אָרטיקע פּרויען אָן ידיעות פון זייערע מענער אויף די מלחמה־פראָנטן, וואַקסט אויס און ווערט דאָס געשריי פון דעם געפּייניקטן בן־אדם, געפּייניקט פון זיין אייגענער נאַטור און געקרייציקט פון דער רשעות און טפּשות פון אַ געזעלשאַפט, וואָס פירט מלחמות און פאַריאָגט מענטשן פון זייערע היימען. „זי, דאָס קיעלע", פאַרענדיקט בערלינסקי זיין דערציילונג, „האָט אין דעם מאָמענט עפּעס פאַרלאָרן פון איר בהמהשן אויסזען, נענטער געוואָרן צום מענטש, וואָס טראָגט זיין פאַרלאַנג שטילערהייט און וויינט אים אויס מיט טרערן."

אין אָט דיביידע געשיכטעס, ווי אין אַ סך אַנדערע, קומט צום אויס־דרוק בערלינסקיס כוח צו דערציילן אָן צופיל סיפור המעשה, און צו פאַר־כאַפּן דעם לייענער בלויז מיט דער פרישקייט פון זיינע בילדער און מיט דער אינטענסיווקייט פון זיינע איבערלעבענישן.

1957

ב. רעסלער

בנימין רעסלער איז, אויף וויפיל איך ווייס, דער ערשטער יידיש־ראָמאַניסט פון גאַליציישן שטעטל.

וועגן יידישן לעבן אין די דערפער פון גאַליציע האָבן געשריבן גוטע און אינטערעסאַנטע דערציילונגען: א. מ. פוקס און רחל קאָרן, און י. מעצקער איז דער מחבר פון אַ קינסטלעריש־סאָלידן ראָמאַן: „אויפן זיידנס פעלדער״, וועגן יידן אין אַ מזרח־גאַליציישן דאָרף.

רעסלערס ראָמאַן „דער וועג צו ישראל״ איז אָבער נישט בלויז ביי דערמיט, וואָס ער איז דאָס ערשטע מעשה־בוך וועגן גאַליציש־יידישער שטאָטישקייט, נאָר אויך ביי מיט דער צייט, וואָס ווערט איבערגעגעבן אין יעם סיפור המעשה.

דאָרף צי שטאָט — האָבן אַלע אַנדערע דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס איך האָב געלייענט אויף יידיש וועגן יידיש־גאַליציע, צו טאָן מיט דער צייט פון מלכות קירה ערב און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

רעסלער, דער ראָמאַניסט, מאָלט פאַר אונדז אַ בילד פון יידיש לעבן אין מזרח־גאַליציע אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן ווען היטלער איז געשטאַנען אויף דער סאַמע שוועל פון מאַכט אין דייטשלאַנד, און אויך אין פוילן האָט מען מיטן בלויזן אויער שוין געקאָנט הערן די אומהיימלעכע טריט פון דעם אָנלויפנדיקן אומגליק.

און אַ נייס אין רעסלערס גאַליציע־ראָמאַן זיינען אויך די יידן וואָס ער דערציילט וועגן זיי. אַזעלכע געשטאַלטן ווי דער רייכער פריץ פון מילקעוויסק, דער געהויבענער טשאָרטקעווער חסיד ר׳ מרדכי לייב ראַפּאָפּאָרט, זיין איידעם ר׳ שמריה, וואָס אַרבעט איבער אַ חיבור וועגן אַ היתר אויף אַ „מקווה מיט אַן אויטאָמאַטישן, שטאָלענעם שפּריץ״, זיין אייניקל, דער סטודענט לוי ברוידעס (דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן), איציקל לאַנדע, וואָס איז אַ „פּאַן מעצענאַס״ אין טאַרנאָפּאָל און אַ הייסער פּוילישער סאָציאַליסט, און ר׳ מרדכי לייבס יינגסטער זון דוד, וואָס איז אַ קיבוצניק אין ארץ־ישראל און קומט צו גאַסט קיין יאַנעוויקע — אַזעלכע געשטאַלטן האָבן מיר נישט באַגעגנט נישט אין די דערציילונגען פון א. מ. פוקס און רחל קאָרן און אויך נישט אין י. מעצקערס ראָמאַן.

ר׳ מרדכי לייב ראַפּאָפּאָרט פון מזרח־גאַליציישן שטעטל יאַנעוויקע, דער גבירישער ייד, דער למדן, דער חסיד און בעל־צדקה איז געקומען געוואָרן פון יענעם יידישן געשטאַלטן־שטאָף, פון וועלכן שלום אַש האָט אויסגעקנאָטן זיין ר׳ שלמה נגיד און זיין ר׳ יחזקאל גאָמבינער פונעם פּויליש־יידישן שטעטל.

דער קינסטלערישער הומאר איז דער זעלביקער אָבער די „יד היוצר״ איז לגמרי אַן אַנדערע. וואָס שייך די „יד היוצר״ קער זיך רעסלער אָן קרובהשאַפט צום באַוואוסטן מיט שלום עליכמען. ווי ביי שלום עליכמען איז אויך דער עיקר געשטאַלט־עלעמענט ביי רעסלערן, דעם העלדס כוח הדיבור. רעסלער איז אַ געניטער באַשרייבער פון מענטשן און פון סביבהס, אָבער דער באַשריבענער מענטש באַקומט ביי אים לעבן צומייסט דעמאָלט ווען ער נעמט ריידן מיט זיין אייגענעם ספּעציפיש־פּאַרביקן לשון, וואָס דער קינסטלער לייגט אים אין מויל אַריין.

דעם לעבעדיקסטן און סוגעסטיוווסטן איינדרוק פון רעסלערס העלדן און אויך די ראַיעלסטע פּסיכישע אינפאָרמאַציע וועגן זיי באַקומען מיר דעמאָלט ווען מיר הערן זיי ריידן מיט אַנדערע, אָדער אַנדערע דערציילן וועגן זיי.

דער דיאַלאָג פון רעסלערס העלדן און די רכילותן, וואָס ער לאָזט די זייטיקע פאַרשויבען דערציילן וועגן זיי, זיינען רעסלערס שאַרפסטע און עפעקטיווסטע פּאָרטרעטירונגס־כלי־זין.

און טאַקע דערפאַר איז דווקא דער הויפּט־העלד, דער סטודענט לוי ברוידעס אין פּרט פון לעבעדיקער און פּאַרטיפטער פּאָרטרעטירונג אפשר די צום ווייניקסטן געראָטענע געשטאַלט אין רעסלערס רייכער מענטשן־גאַלעריע. ער, לוי ברוידעס, פּירט איבער דער גאַנצער לענג פונעם ראָמאַן אַ ליבע מיט הענעך שוסטערס טאָכטער קלאַראַ ווינאָקור און ער, לוי, טראָגט אויף זיינע פּלייצעס די אידייע פונעם ראָמאַן, די אידייע פון אין ברירהדיקן „וועג צו ישראל״.

אָבער גראָד ער רעדט נישט מיט קיין אייגענעם ספּעציפיש־פּאַרביקן לשון און זיין פּסיכישע געשטאַלט איז דערפאַר נישט אַזוי קאָנטיק ווי עס זיינען די געשטאַלטן פונעם פריץ ר׳ מרדכי לייב ראַפּאָפּאָרט, פון דוד, דעם קיבוצניק, פון הענעך שוסטערס אַמעריקאַנער זון, פון משולם בעל־עגלה און אַפילו פון אַזעלכע גאַנץ זייטיקע פאַרשויבען ווי ליפּא לייב, דעם טשאָרט־קעווער רבינס גבאי, ר׳ משהלע קעשענעווער, דער טשאָרטקעווער חסיד און נחמן לייזער, דער מעקלער פון יאַנעוורקע.

די שפע פון עכטן אידיאָמאַטישן לשון, וואָס רעסלער קלייבט עס צו מיט אַזאַ קינסטלערישער ראַפינירטקייט פאַר כמעט יעדן פון זיינע פאַר־שויבען, אַזוי, אַז וויבאַלד איינער פון זיי עפנט נאָר דאָס מויל אָטעמט ער מיט לעבעדיקייט און אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז — אָט דאָס דאָזיקע געשמאַקע גאַליצישע ייִדיש מיט זיין פּיקאַנטער בילדערישקייט פאַרפעלט רעסלערן ווען ער פּרעזענטירט אונדז דעם סטודענט לוי ברוידעס אָדער ווען ער באַקענט אונדז מיט דעם פאַרהוילענעם ל״וניק, גאָדל, דעם טרעגער.

מע קאָן פאַרשטיין פאַרוואָס גראָד ביי לוי ברוידעסן און ביי גאָדל טרעגער האָט רעסלער נישט ס'נויטיקע לשון צו דער האַנט. לוי ברוידעס איז אין אַ געוויסער מאָס אַ שטיק פון דעם מחברס „אַלטער עגאָ" און אַז ס'קומט צו די אייגענע נשמה־ווינקלען ווערט דער בעלעטריסט געוויינטלעך פאַרכטיקער און היט זיך צו דערלאַנגען אַהין מיט זיינע שאַרפסטע געשטאַל־טערישע כלי־זין. און רעסלערס שטאַרקסטער מיטל פון געשטאַלטונג איז, ווי געזאָגט, דאָס לשון אין מויל פון זיין העלד.

און וואָס שייך גאָדל טרעגער — וואָלט עס דען נישט געווען קיין סתירה צו פרואוון געשטאַלטיקן דעם שוויגער דורך באַרעדעוודיקייט ?

אָבער דאָרט וואו דער העלד „האָט אַ מויל" און רעסלער האָט נישט קיין מורא אַריינצולייגן אין דעם מויל דאָס ריכטיק צוגעפּאַסטע לשון — דאָרט זיינען באמת נישט נויטיק מער ווי עטלעכע געציילטע זאַצן און די געשטאַלט וואַקסט אויס פאַר אייך ווי מיטאַמאָל אין דער גאַנצער גרויס מיט אַלע אַנווינקעניש אויף דעם, וואָס זי וועט האָבן דורכצוגיין אין ראָמאַן.

איינע פון די מעלות פון באַשאַפן געשטאַלטן דורכן כישוף פון זייערע רייד איז, דאַכט מיר, דאָס, וואָס אויב דער שרייבער האָט אַפילו אַ פול האַרץ מיט כוונות צו אידעאַליזירונג, וויאַגען די דאָזיקע כוונות אונטער זיינע הענט. די רייד פונעם העלד, וואָס זיינען אויסן אויטאָ־כאַראַקטעריסטיק, פאַרהיטן, ווי גוזמאדיק זיי זאָלן נישט זיין, פון אידעאַליזירונג און שטעלן אַוועק די געשטאַלט אין אירע ריכטיקע פּראָפּאָרצן.

אַפילו אַזאַ פיגור ווי דער פריץ ר' מרדכי לייב ראַפּאַפּאָרט, וואָס רעסלער האָט געהאַט די בפירושע כוונה אים צו מאַכן שענער, גרעסער, מאָנומענטאַ־לער, קומט אַרויס נישט אידעאַליזירט, נאָר בלויז באַענט, אייגן און וואַרעם.

דער ראָמאַן הייבט זיך אָן אין יאַנעוועקע אין אַ שפּייסעגאַכטס (ווי מע רעדט אַרויס אין גאַליציע שבת צו נאַכטס) נאָענט צו פּורים ווען ר' מרדכי לייב איז מודיע זיין ווייב הינדע, אַז „אם ירצה השם דינסטיק אויף דער נאַכט פאָר איך קיין ווין".

עס איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דודן, דעם יינגסטן זון, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אַוועק קיין ארץ־ישראל און איז דאָרט אַ חבר אין קיבוץ גבעוניה. האָט ר' מרדכי לייב באַשלאָסן צו פאָרן זיך בארעטן מיטן טשאָרטקעווער רבין אין ווין ווי זאָל ער טאָקע טאָן, ווי דער מעזינעק עצהט אים אין בריוו, דהיינו, אַז ער זאָל פאַרקויפן אַלץ און קומען קיין ארץ־ישראל און דאָרט איינהאַנדלען אַ נחלה, בויען אַ הויז און לעבן ווי אַ ייד ביי זיך אין דער היים און ער זאָל קומען כל־זמן מען קאָן, ווארום „עס רוקט זיך אַ כמאַרע אויף דער וועלט".

און פון אָט פון דעם ערשטן קאַפּיטל „אַ בריוו פון עמק" קאָן מען שוין זען וואָס פאַר אַ אויסנעמלעך געניטער פּלאַנירער און קאָנסטרוקטאָר רעסלער איז. אין דעם ערשטן קאַפּיטל איז שוין פאַראַן דער גאַנצער אַנסאַמבל פון ר' מרדכי לייבס משפּחה. עס זיינען אַנגעוואָרפן ערשטע ליניעס צו די געשטאַלטן און צו די געשעענישן אין ראָמאַן און — מע פילט שוין די דושנעקייט פון דער כמאַרע, וואָס רוקט זיך אָן אויף דער וועלט, אויף יידן און אויף ר' מרדכי לייבס שטוב.

עס איז נישט שווער צו דערשפּירן אין רעסלערס ראָמאַן, רעסלערן, דעם דראַמען־שרייבער. דער סיפּור־המעשה פון „דער וועג צו ישראל" איז אויסגעפּלאַנירט ווי אין אַ דראַמע און ער לויפט ווי אויף גוט־באַפעסטיקטע רעלסן צו זיינע הויכע פּונקטן און — צום אַראָפּפאַל פון דעם פאַרהאַנג.

די געניטע דראַמאַטישע אויספּלאַנירונג פונעם ראָמאַן און דער דורכ־אויסיקער מאַנגל פון לאַנגווייליקייט איבער דער גאַנצער לענג פון די ניין און דרייסיק קאַפּיטלען, וואָס גיבן איבער דעם סיפּור המעשה פון יענעם שבת צו נאַכטס, ווען ר' מרדכי לייב האָט באַשלאָסן זיך צו באַראָטן מיטן טשאָרטקעווער רבי וועגן דעם „בריוו פון עמק" און ביז צום טאָג, ווען לוי ברוידעס איז אויף דער פראַנצויזישער שיף „אַזיא" אָנגעקומען צום „גע־לוסטיקן לאַנד" ישראל — זיינען בלי ספק גרויסע מעלות.

אָבער טאַקע די מעלות זיינען אַזוי גרויס, מעג מען זאָגן אָן מורא פאַר מיינערונג, אַז די דערמאָנטע מעלות זיינען אויך צום טייל חסרונות פון רעסלערס פּראָזע.

די פּערמאַנענטע אינטערעסאַנטקייט פונעם סיפּור המעשה גייט צומאָל אויפן חשבון פון דעם נישט גענוג פאַרטיפטן געזעלשאַפטלעך־אידייאישן הינטערגרונט. און וואָס שייך די ממש שלימותדיקע אויספּלאַנירונג פון באַגעגעניש און צונויפשטויס צווישן געשעענישן און געשטאַלטן מינערט דווקא די דאָזיקע שלימות ערגעץ־וואו דעם גלויבן אין דער קינסטלערישער וואָרהייט פון די דראַמאַטיש צוגעשפּיצטע פּאַסירונגען.

שפּאַצירט לוי ברוידעס מיט קלאַראַ ווינאָקור און מיט נחמן איינבינדערס זון, אבא, אין יאַנעווקע און האָט מיט זיי אַ וויכוח וועגן בלייבן אויף די ערטער אָדער עולה זיין קיין ארץ־ישראל, קומט אים צו הילף אַ דראַמאַטיש באַשטעלטער אַנטיסעמיטישער איבערפאַל מיט „זשידעס! איר פאַרעיפּושט אונדזער ערד".

פאָרט ווידער דוד, דער גאַסט פון גבעוניה, אין דער באַן אויפן וועג קיין יאַנעווקע, און דערציילט יידן וועגן ארץ־ישראל, קומען אים אויך צו הילף, כאָטש ער דאַרף עס נישט, אַ „דריי־פּיר פּאַליאַקן, וואָס זיינען געזעסן

אין אַ ווינקל״ און האָבן געבורטשעט „זשידעס... רוחות... פּאַרפּעסטן דאָס לאַנד...״

און דאָס זײַנען נישט די אײנציקע צוויי מאָל וואָס רעסלער, דער דראַמע־שרײַבער טוט אומנוציקע טובות רעסלערן, דעם ראָמאַניסט, און שאַפט פאַר אים דראַמאַטיש־צוגעשפּיצטע עפעקטן.

די טובות זײַנען אומנוציק. רעסלער, דער ראָמאַניסט, נויטיקט זיך נישט אין זיי, וואָרום זײַן דערציילערישקייט פאַרמאָגט בדרך כלל אַן אייגענע אינעווייניקסטע דראַמאַטישע שפּאַנונג, וואָס מאַכט איבעריק אַלע הילפס־עפעקטן.

די געשטאַלטן זײַנען לעבעדיק. דער שמועס עכט און פאַרביק און וואָס שייך דעם באַשרײַבערישן טייל פון רעסלערס סיפור המעשה איז ער אָפט אַביסל האַסטיק־נערוועז, אָבער ער לויכט אַ סך מאָל מיט יענעם פײַנעם ליכט, אין וועלכן עס קרײַצן זיך שטיל־דראַמאַטיש צער מיט הומאָר.

(1952)

◈

י. מעצקער

אויף איבער פינפטהאַלבן הונדערט זײַטן האָט י. מעצקער אָנגעשריבן די כראָניק פון אַ ייִדישער פויערים־משפּחה אין גאַליציש־פּאָדאָליע. די כראָניק נעמט אַרײַן אַ צײַט פון קנאַפּע פערציק יאָר. זי הויבט זיך אָן ערגעץ אין די אַכציקער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט ווען די געשוועסטערקינדער לייב און ריווע האָבן חתונה געהאַט, האָבן זיך אַרײַנגעצויגן צום זיידן בער אין דער ירושה־שטוב און האָבן איבערגענומען די אַרבעט „אויפן זיידעס פעל־דער״, און זי ענדיקט זיך צוויי, דריי יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען לייבס קינדער זײַנען אַוועק פון דער היים, ווער צו אייגענער באַלעבאַ־טישקייט אין יאַנאָוויץ, אָדער אין אַ שכנותדיקן דאָרף, ווער קיין אַמעריקע און ווער קיין ארץ ישראל, און לייב, צוויי מאָל אַן אַלמן, איז פאַרבליבן איינער אַליין אין דער ירושה־שטוב און האָט באַשלאָסן צום דריטן מאָל חתונה צו האָבן און אָנצוהייבן דאָס שווערע לעבן פון אַרבעט פונדאָסנײַ.

„דער געדאַנק, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט דער יונגער מאַכלע״ — צייכנט פאַר אונדז מעצקער דעם לעצטן שטריך צום כאַראַקטער־פּאָרטרעט פון זײַן צענטראַלן העלד לייב — „האָט אים ווי אָנגעפילט מיט נײַער גבורה

און ביז שפעט אין דער נאַכט אים געהאַלטן וואַך. ער האָט אַ באַלעבטער מיט ברייט־צעעפנטע אויגן זיך אַרומגעקוקט אויף זיין באַלעבאַטישקייט און איינ־געאָטעמט די אויפגעפרישטע נאַכטיקע ריחות, וואָס זיינען אויפגעגאַנגען פונעם גאָרטן און פון די היי־פעלדער".

לייב איז נישט בלויז די צענטראַלע פיגור אין מעצקערס ראָמאַן, נאָר אויך ליטעראַריש די גרעאָטענסטע, געראָטן אי צוליב דעם וואָס די עלעמענטן פון זיין כאַראַקטער זיינען דורכאויס בולט, איבערצייגנדיק, און גיסן זיך צונויף אין אַ פולער, האַרמאָנישער גאַנצקייט, און אי דערפאַר, וואָס לייבס געשטאַלט וויקלט אַרום זיך אַזוי באַטירלעך און אַזוי לעבעדיק די מענטשן און די געשעענישן פונעם ראָמאַן.

די גוט פאַרפיקסירטע צענטראַלקייט פון לייבס געשטאַלט שאַפט ליכט און אויסבליק איבער די שאָטנדיקע ווינקלען פונעם סיפור המעשה און אויך איבער די נישט געגנוג באַלויכטענע פיגורן אין דער רייכער מענטשן־גאַלעריע פונעם ראָמאַן.

איך וויל דערמיט זאָגן, אַז לייב, דאָס אייניקל פונעם זיידע בער פון דער ירושה־שטוב, דער זון פונעם שענקער חיים משה, דער מאַן פון ריווען און פון ליפשען, דער איידעם פונעם פעטער יאַנקל, דעם זאַהאַרער, און פונעם ראַגאַטניק משה אהרן, דער ברודער פון יוסף, דעם פריץ, און פון סענדער, דעם אַמעריקאַניעץ, דער שוואָגער פון נאָטע, דעם רוסישן, דער טאַטע פון יאַנקלען, וואָס איז „סענדערל מיט די ביינער", פון דער יוצא דופנדיקער לבנה־גייערין בלומעלע, פון דעם קראַנקן מלחמה־וועטעראַן בער און פון דעם חלוץ בנימין, דער שווער פון אסתרן און דער שכן פון מאַצעק, דעם סטראַזשניק — ער, לייב, איז נישט בלויז די וויכטיקסטע און אַנזעעוודיקסטע געשטאַלט אין ראָמאַן, נאָר אויך דער הילפס־מיטל אויף בעסער צו דערזען און אַמאָל אויך בכלל צו דערזען די איבעריקע „דראַמאַטיס פּערסאָנע" אין דער מעשה וועגן „זיידנס פעלדער". לייב איז אי דער אויסנעמלעך געראָטענער פראָ־טרעט־געמעל און אי דער אַרכיטעקטאָנישער אויפטו און די עפעקטיווע סצענע־באַלויכטונג אין מעצקערס ראָמאַן.

סענדער, וואָס איז צוריק געקומען פון אַמעריקע און וואָלט זיך וועלן צוריק איינוואָרצלען אין יאַנאָוויץ, און נאָטע, דער רוסישער, וואָס קויפט זיך אַלץ מער איין אין דאָרף, אָבער לעבט מיט דער אילוזיע אַז ער זיצט דאָ אויף דערוויל — ביידע דערקענען זיך און לאָזן זיך צו אונדז דערקענען אין ליכט פון דער לייב־געשטאַלט.

„לייב" — האָט נאָטע, דער רוסישער, מסביר געווען דעם ענין פאַר סענדערן — „איז פון די נאַסיניע־קערנדלעך, וואָס גראָבן זיך איין אין דער

ערד דאָרטן, וואו זיי פאַלן. איך און דו זיינען פון די קערנדלעך, וואָס לאָזן זיך טראָגן פון ווינט פון איין אָרט אויפן צווייטן".

און סענדער ענטפערט דערויף: „דער זיידע זאָגט ,אַז דאָס איז אַ קללה."

אָבער ווייסט דען דער מענטש אויף אַן אמת וואָס ס'איז פאַר אים אַ קללה און וואָס — אַ בענטשונג? פרעגט די שטומע צייט! זי שווייגט אַ'יס אירע מיינונגען, וואָס גייען אָפּט, זייער אָפּט להיפוך צו די איינריידענישן און וואונטש־געדאַנקען פון דעם מאָראַליש־פּאַראינטערעסירטן מענטש.

און דאָס שטיק צייט פון זינט יענעם זומערדיקן טאָג „פאַר שניט" נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען לייב האָט נאָך אַלע פּערזענלעכע און יידיש־כללישע איבערלעבענישן, חתונה געהאַט מיט דער יונגער מאַכלע און זיך געשטעלט פונדאַסניי באַלעבאַטעווען „אויפן זיידנס פעלדער" — אָט די צייט פון דעמאָלט ביז היינט האָט, דאַכט זיך, באַוויזן אַז דער זיידע, בער, איז געווען שרעקלעך אומגערעכט.

און לייב'ס עקשנותדיק־פּאַטעטישע רייד וועגן דעם, אַז „מע זאָל מיך אַפילו האַקן און בראָקן און וועל איך די ירושה־שטוב מיטן זיידנס היי־פעלדער נישט פאַרקויפן. כל־זמן איך לעב וועט אַ פרעמדער דאָ נישט באַלעבאַטע־ווען", פאַרטיפן און מאַכן נאָך שווערער די אבלות אויפן אומקום פון אונדזער פאָלק אין „יאַנאָוויץ". די אבלות ווערט נאָך שווערער און פריקרער, ווייל מיר דערפילן דעם עלעמענט פון זעלבסטמאָרד אין דעם טויט פון אונדזערע דאָרפישע לייבס, שטאַטישע ר' לייבס און פאַרגויאישטע לעאָנס.

די איינגעוואָרצלטקייט אין דער יאַנאָוויצער ערד האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ קללה.

אָבער לייב פון „אויפן זיידנס פעלדער", ווי מעצקער האָט אים קינסט־לעריש געשטאַלטיקט, איז נישט קיין אילוסטראַציע פאַר דער גערעכטיקייט אָדער אומגערעכטיקייט פון היסטאָרישע אידייען. ער איז דער היפוך דערפון. ער איז בלויז נאַטור. ער פרעגט גאָרנישט אָפּ און פאַרענטפערט גאָרנישט. ער איז בלויז. ער איז אַ זאָמען־קערנדל, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין יאַנאָ־וויצער ערד, האָט זיך דאָרט אָנגענומען און — עס איז אויסגעוואַקסן אַ בוים, אַ פעסטער, אַ ברייט־פאַרוואָרצלטער, וואָס גאָרנישט קאָן אים אַרויסרייסן פון דער ערד סיידן אַ שטורעם־ווינט, אָדער די האַק פון בייזן מענטש. ווען דער בוים זאָל קאָנען ריידן וואָלטן מיר פון אים געהערט די זעלביקע עקשנות־דיקע רייד ווי פון לייבן וועגן דעם אַז „כל־זמן איך לעב וועט אַן אַנדערער דאָ נישט באַלעבאַטעווען".

י. מעצקער, על פי זיין געמיט אַליין אַ נאַטורהאַפטיקער, אַ פאַרליבטער און באַהעפטער אין נאַטור, האָט אין זיין ראָמאַן וועגן די „לייבן און די בערן"

אויפגעזונגען פאַר אונדז אַ מין זמר פון „מה נאה אילן זה". דאָס געזאַנג איז נישט קיין דבקותדיק געזאַנג. מעצקער דערציילט וואָרעם אָבער רעאַליסטיש ניכטער. ער פאַלט נישט אַריין אין התפּעלות ווי אַ שטאָטישער, וואָס איז געקומען אויף וואַקאַציע אין דאָרף אַריין און עס האָט אים פאַרשמעקט דער זיס־האַרבער ריח פון נאַטור און פון נאַטור־מענטש. ער אַליין, דער דער־ציילער, איז אַ תושב „אויפן זיידנס פעלדער" און ער דערציילט געטריי און זאַכלעך און וואָר וועגן יידן און גויים און פּריצים אין יאַנאָוויץ, וועגן דער קנאה־שנאה און גוט־שכנהשאַפט צווישן זיי. ער דערציילט וועגן פעלד און וואַלד, וועגן יאָרן פון טריקעניש און גערעטעניש און וועגן יאָרן פון פרידן און מלחמה. מעצקער פּסיכאָלאָגיזירט נישט וועגן די מענטשן און ער דראַ־מאַטיזירט נישט די געשעענישן. ער גיט אונדז, אַזוי צו זאָגן, דעם נאָרמאַלן גאַנג פון יידישן לעבן און גורל אין יאַנאָוויץ.

מיט אַן ערך צוואַנציק יאָר צוריק האָט די באַגאַבטע דיכטערין און דערציילערין רחל קאָרן אַרויסגעפּירט אין איר בוך דערציילונגען „ערד" (וואַרשע, 1935) געשטאַלטן פון יידיש־גאַליציש פּויערים. אָבער ביי רחל קאָרן האָט דער ענין ערד און ערד־אַרבעט אַרומגעוועבט אירע העלדן מיט פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען. די האָרעוואַניע און די אָרעמקייט האָבן רחל קאָרנס העלדן ערגעצוואו פּסיכיש פאַרקרומט, זיי אַראָפּגעפירט פונעם נאָר־מאַלן פּויעריש־נשמהדיקן דרך.

אָבער מעצקערס הויפּט־העלד לייב — ער איז מיט זיין פיזישער גבורה און פרום־קינדישן געמיט, מיט זיין צוגעבונדנקייט צו ערד און צו ערד־אַרבעט, מיט זיין לויטערן בטחון אין יידישן גאָט און מיט זיין גויאישער פאַרגלויבטקייט אין סגולות און אין זאַבאַבאָנעס, מיט זיין מענטשלעכער הכנעה און מיט זיין יידישן שטאָלץ זיכער די נאָרמאַלסטע און וואָרסטע געשטאַלט פון יידיש־גאַליצישן פּויער אין יענע פערציק יאָר פון מלכות קירה, וואָס צוואַנציק פון זיי האָט אונדזער דור (מיין און מעצקערס דור) אַליין אויפן אָרט דורכגעלעבט.

לייב איז בלי ספק אַ שיינער און ווערטפולער צוגאָב צו דער יידיש־ליטעראַרישער געשטאַלטן־גאַלעריע. אָבער נישט ווייניקער שיין און ווערטפול איז דער צושטייער פון מעצקערס פּראָזע אין פּרט פון נאַטור־שילדערונגען און אין פּרט פון פאָלקלאָריסטישער עשירות.

אָט, למשל, באַשרייבט מעצקער אַ טריקעניש אין דאָרף, וואָס האָט אין איינעם אַ זומער אָנגעטאָן אַ סך שאָדן אויף די פעלדער —

„די היצן זיינען צוגעפאַלן באַלד נאָך פּסח און דער הימל האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין ביסל רעגן. די זון האָט געשאָטן מיט פייער, געשרפהט

די גערטנער און פֿאַרפֿרי אויסגעבּרוינט די מאָגערע און פֿאַרשמאַכטע זאַנגען אין פֿעלד. דאָס גראָז אויף די פּאַסטוויסטעקעס האָט געוויאַנעט און די בהמות האָבן נישט געהאַט גענוג פּאַשע. זיי זײַנען אין די פֿאַרנאַכטן אַהיימגעקומען פֿון די דאָלינעס מיט אײַנגעפֿאַלענע באַקעס און קליינע אייטערס, און נישט זיי האָבן געגעבן מילך און נישט זיי זײַנען געוואָרן קאַלביק.״

דאָס זײַנען, אַזוי צו זאָגן, די פֿיזישע פּרטים פֿון דער „פּסעכע״ — די פּרטים וועגן דעם שאָדן, וואָס די טריקעניש האָט געטאָן צו דעם חי און צומח, צו די בהמות און צו די פֿעלדער.

אָבער נאָך מאַלערישער גיט מעצקער איבער וויאַזוי די „פּסעכע״ שפּיגלט זיך אָפּ אין דער אַטמאָספֿער פֿונעם דאָרף און אין געמיט פֿון די אײַנוואוינער: גויים און יידן.

ביי די גויים פֿירט „דער גלח, אָן אויסגעפּוצטער אין דער טענדע־זוע־רענדע אַ פּראָצעסיע מיט צלמים צו דער קאַפּליצע פֿון דער „מאַמע מיטן זון״.

די יידן זײַנען סקעפּטיש. זיי ווייסן אַז מע „מעג גיין מיט די פּראָצעסיעס פֿון היינט ביז מאָרגן. ס׳עט גאָר נישט העלפֿן״. די עטלעכע מנינים יידן אין דאָרף האָבן זיך זייערע אייגענע מיטלען וויאַזוי אָפּצושטעלן די „פּסעכע״ —

„אברהם אַליניק מיטן שוחט און נאָך עטלעכע עלטערע יידן האָבן געפֿאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. מען האָט געזאָגט תהלים, מען האָט געגעבן מער צדקה און מען איז אויך געווען מער געהיט גאָרנישט איבער־צוהיפּן ביים דאַווענען״.

אַזוי פֿלעכטן זיך נאַטור־באַשרײַבונג מיט שטייגער־שילדערונג און עס קומט אַרויס אַ בלאַט האַרציקע און פּשוטע און צו דער זעלבער צייט פֿיינע און סאָלידע פּראָזע, וואָס איז ראוי פֿאַר שול־כרעסטאָמאַטיעס און אויך פֿאַר אַנטאָלאָגיעס פֿון ליטעראַרישן ניווא.

און רייך איז מעצקערס לשון מיט נאַטירלעכער, אומגעקינצלטער ביל־דערישקייט, מיט אָן אַ שיעור פֿאַרביקע לאָקאַליזמען, מיט שטייגער־שמועסן און מיט רעטעניגשן און צויבערשפּרוכן, וואָס דער שפּראַך־ און פֿאָלקלאָר־פֿאָרשער וועט אים נישט קענען גענוג אָפּדאַנקען, וואָס ער האָט דאָס דאָזיקע שטיק גאַליציש־יידישע פֿאָלקס־שאַפֿונג אַרײַנגעבראַכט אין זײַן פּראָזע און עס אַזוי אַרום פֿאַרהיט פֿון פֿאַרגעסעניש.

רחל קאָרן

געווען אַמאָל יידישער גורל און עס זיינען געווען יידן, וואָס האָבן גענומען דעם גורל אין די הענט אַריין און אים געקערעוועט מיט דער האַרטנעקיקייט פון זייער ווילן. עס זיינען געווען יידן, זין פונעם עם קשי עורף.

דערנאָך איז געקומען אַ צייט, ווען דער גורל, דער גורל פון יידן איז ערגעצוואו אויסגערונען. נישטאָ קיין גורל, מען קאָן זיך אים נישט אַנטקעגן שטעלן, וואָרים דער גורל האָט אויפגעהערט צו האָבן קאָנטאַקט מיט דעם יחיד. דער גורל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כללישן גזר און פאַר דעם יידישן יחיד איז איבערגעבליבן נישט מער ווי אַביסל באַשערטקייט, וואָס מיינט, אַז מיט דעם און יענעם יחיד האָט זיך געטראָפן עפּעס אָן אַפּנויג פונעם כללישן גזר. אָן אַפּנויג, וואָס איז נישט געווען אונטער דער שליטה פונעם יידנס ווילן און שטייט מחוץ פון זיין באַנעמונג.

וועגן אָט די צוויי יידישע צייטן האָט צו דערציילן דאָס בוך „ביין דער־ציילונגען", פון דער דיכטערין רחל קאָרן.

מיר האָבן פאַר זיך אין דעם בוך די דערציילערין רחל קאָרן אין איר גאַנצקייט. אין די ערשטע פיר דערציילונגען, געשריבן צווישן די יאָרן 1928 און 1934 און איבערגעדרוקט פון איר ערשטן בוך „ערד" (וואַרשע, 1936), שטייען אַלע מענטשן, אַזוי צו זאָגן, מיט אָן אַנטבלויזטער ברוסט קעגן גורל. רחל קאָרנס מענטשן האָבן פאַר זייער גורל קיין מורא נישט, זיי ראַנגלען זיך מיט אים און ווערן באַזיגט, אָבער די באַזיגטע פאַרבלייבן מיט מוטיק דרייסטע פנימער און מיט אינערלעך נישט געבויגענע פּלייצעס.

אַלע העלדן אין רחל קאָרנס דאָרף־דערציילונגען האָבן איין גרויסע ליידנשאַפט, די ליידנשאַפט צו ערד און זיי שטעלן זיך איין פאַר אָט דער ליידנשאַפט מיט האַרטנעקיקייט, מיט כוח און מיט מוט.

די בענקשאַפט נאָך מיין שטיקל ערד, נאָך מיין נחלה, וואָס איך קאָן זיין איר האַר מיט מיין אַרבעט — אָט די בענקשאַפט צו ערד פילט אויס סיי מרדכין, דעם העלד פון דער דערציילונג „ערד", וואָס קאַרגט זיך און דער משפּחה דעם גראָשן, קאַרגט דער טאָכטער דעם נדן, אַבי אָפּצוקויפן ביי דער פּריצה אַ שטיק פעלד, וואָס וועט געהערן אינגאַנצן צו מיר, צו מיין מי און צו מיין האָפענונג. די ליידנשאַפט פילט אויך אויס פראַאימען אין דער דער־ציילונג „אַ שד אין פעלד".

פראַאים וויל נישט אַוועקגיין פון זיין פעלד, וואָס די שנור האָט עס פאַרקויפט צו צוויי גויים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט מיט געלט פון אַמעריקע, און פון דער ליידנשאַפט צו ערד איז דורכגעדרונגען אויך דער אַמעריקאַנער

גוי גופא, וואָס האָט אין אַמעריקע געשפּאָרט פון מויל, כדי צו קענען אַהיימ־קומען צוריק קיין גאַליציע און דאָרט צו רעאַליזירן זיין בענקשאַפט צו ערד.

און דיזעלביקע ערד־לײדנשאַפט און צו אַרבעט אויף דער ערד באַהערשט אויך דעם אוקראַינער יאָקים און דעם ייד שלמה נוזשדע, וואָס זיינען ביידע גובר זייער פויערישע הכנעה און זייער מורא פאַר מלכות און זיינען גרייט צו צאָלן מיט בלוט, מיטן לעבן פאַר זייער לײדנשאַפט צו ערד.

דער ערד־מאָטיוו אין רחל קאָרנס דאָרף־דערציילונגען פאַרמאָגט אין זיך נישט וויניקער כוח, ווי דערזעלביקער מאָטיוו ביים פּוילישן ראָמאַניסט באָלעסלאַוו פּרוס, וואָס איז געווען דער באַליבטער שרייבער פון דער גאַלי־צישער גימנאַזיע־יוגנט אין די גוטע צייטן פון אונדזערע יונגע יאָרן אונטערן מלכות חסד פון פראַנץ יאָזעפן.

ביי פּרוסן איז דער הייבער פון יענער לײדנשאַפט, וואָס הויבט זי אויף צו פּאָעטישע היוכן, דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו. ביי רחל קאָרן איז עס צום טייל דער סאָציאַלער מאָטיוו, ווי אין דער דערציילונג „שלמה נוזשדע״ און צום טייל נאָך טיפער: דאָס ערגעצוואו דורות לאַנג טליענדיקע און אַלעמאָל פונדאָסניי אויפפלאַקערנדיקע אור־געפיל, אַז בלויז ערד מיינט זיכערקייט און געדויער, וואָרים בלויז על „האדמה הזאת״, אויף דער דאָזיקער ערד, ווי עס הייסט אין דער פינפטער פון די עשרת הדיברות, איז געמאָלט לאַנג לעבן און ס׳איז געמאָלט אויך דער זין פון אריכות ימים.

מיר האָבן מיטן יונגן געמיט פון גימנאַזיע־שילער נישט געקאָנט פאַרגעסן די דערהויבנדיקע פּאָעטיק פון די העלדישע פּויערים, וואָס באָלעסלאַוו פּרוס האָט זיי געשטעלט קעמפן פאַר זייער ערד קעגן די פּרייסישע „האַקאַטיסטן״. און מיר קענען אין עלטער פון עצה און זקנה, כ׳מיין פון רייפקייט און איבער־רייפקייט, נישט אַריבערהיפּן דעם טיפן פּאַטאָס פון דעם דאָרפס־ייד פראָאים, וואָס ווען די אַמעריקאַנער גויים האָבן איבערגענומען זיין ערד איז ער געבליבן וואוינען אין דאָרף און האָט אין די נעכט מיט די הענט געפּרואווט בעסער איבעראַקערן די ערד, וואָס די נייע באַלעבאַטים האָבן זי אין משך פון טאָג פלאַך און נישט־טויגעוודיק צעאַקערט. פראָאים האָט געפּרואווט נישט לאָזן קאַליע מאַכן די אַרבעט אויף זיין פעלד ביז ער איז געפאַלן פון דער ביקס, וואָס האָט געלויערט אויפן „שד אין פעלד״.

רחל קאָרן איז אָפּגעגאַנגען אַ גרויס שטיק וועגס אין איר דערציילונגס־קונסט פון יענע איבערגעדרוקטע פיר דאָרף־מעשׂות ביז צו די פינף חורבן־געשיכטעס, וואָס זי האָט אָנגעשריבן צווישן די יאָרן 1948 און 1957.

קודם כל איז דער מהלך קענטיק אין דער שפּראַך־טעכניק און אין דער אַרכיטעקטור פון די דערציילונגען. די אַרכיטעקטאָנישע בלויזן, למשל, פון אַזאַ דערציילונג ווי „שלמה נוזשדע״ זיינען אין די חורבן־געשיכטעס כמעט

נישטאָ. עס איז אויך שוואַכער געוואָרן, אָן ערך אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דער דערציילערינס נטיה צו נאַטוראַליסטישער אַנטבלויזונג פון אירע געשטאַלטן. די חורבן־דערציילונגען, דער עיקרשט די געשיכטע וועגן בלומע זעליגגער און די מיניאַטור־בילדער פון די „שאָטנס", זיינען געצייכנט נישט מיט אַ קויל, נאָר מיט אַ דינער פּעדער, וואָס קאָן אָנהאַלטן די פּרעציזקייט און גלייכווירע־דיקייט פון די קאָנטורן. די ליניעס זיינען דערפאַר אידעלע, שוועבנדיקע, אָבער דערביי פעסטע.

ס׳קאָן זיין, אַז דאָ און דאָרט פעלט אין די חורבן־געשיכטעס די קראַפט פון ליידנשאַפט, וואָס רייסט מיט דעם לייענער, אָבער דערפאַר פאַרמאָגן די חורבן־דערציילונגען אַ גרינגע און אין דערזעלבער צייט אַ זיכערע קאָנסטרוק־ציע ; זיי פאַרמאָגן דין־געפּעדעמטע פסיכאָלאָגיע און קלאָרקייט פון געשטאַלט, וואָס באַפרידיקט קינסטלעריש דעם קריטישן לייענער.

דאָס איז נישט חל אויף אַזאַ חורבן־געשיכטע ווי „הענט", וואָס דער מאָטיוו אירער איז טאַקע אַ טראַגיש־שיינער און דערהויבנדיקער, אָבער די קאָנסטרוקציע איז אַ היפּש כאַאָטישע, עלעהיי אין דער דאָרף־מעשה וועגן „שלמה נוזשדע", וואו אַ טייל געשטאַלטן און געשעענישן זיינען איבעריק און פון דעם סיפּור־המעשהדיקן שטאַנדפּונקט אומבאַרעכטיקט.

אין די דאָרף־מעשות שטייט די דערציילערין אין דער מיט פון די געשעענישן און העלפט אירע געשטאַלטן, וואָלט איך געזאָגט, מיטקערעווען דעם קאַמף קעגן גורל. און עס טרעפט דערפאַר אָפט, אַז די מעטאַפאָרן, וואָס זי נוצט רעדנדיק וועגן מענדל סאַדאָווניקס ווייב, דהיינו, אַז „די ווערטער, ווי אַראָפּגעריסענע באַנדאַזשן, האָבן אַנטבלויזט אַ וואונד" — אַז די דאָזיקע מעטאַפאָרן פּילט זיך אויף דער וואָר אין אירע געשטאַלטן.

אָבער אין די חורבן־געשיכטעס האָט דאָס רייפע געמיט פון דער קינסטט־לערין אָן אַן ערך מער פסיכישע דיסטאַנץ צו די געשטאַלטן און צו די געשעענישן, הגם זיי זיינען איר און אונדז אַלעמען אַזוי פיינפול, אַזוי צערדיק נאָענט. זי קען וועגן די חורבן־געשטאַלטן און זייערע באַשערטקייטן דערציילן ווי אַ באַרואיקטע וועגן באַרואיקטע. אירע ווערטער פון געשטאַלטיקונג רייסן דאָ נישט אויף באַנדאַזשן אויף צו באַווייזן די וואונדן, נאָר זיי בינדן זיי בלויז איבער אויף איינצושטילן די פיזישע פּיין, און זיי דערציילן זיך איבער די באַשערטקייט און פרואוון אָנכאַפּן די פעדעם פון איר מיסטעריע, כדי צו פאַרשטיין, וואָרים פאַרשטיין העלפט צו פסיכישער באַרואיקונג.

אַזוי — בראָניע אין דער געשיכטע אונטער דערזעלבן נאָמען און אַזוי די מייסטע געשטאַלטן אין דער זאַמל־דערציילונג „שאָטנס". און אַזוי, דער־עיקרשט, די סאַמע גראַנטסטע געשטאַלט, די שוחטקע בלומע זעליגגער.

אפשר איז די דאָזיקע קינסטלערישע דיסטאַנץ פאַר דער דערציילערין

מעגלעך געווען, ווייל די דאָרף־מעשות האָט זי פון דער נאָענט מיטגעלעבט, בעת די חורבן־געשיכטעס האָט זי בלויז אין דמיון איבערגעלעבט. עס קומט מיר אויס מאָדנע דאָס ווערטל „בלויז", וואָס איך נוץ דאָ. אָבער אין קינסטלע־רישן זינען איז דער „בלויז" כולל אַן אַלטן אמת, דעם אמת, אַז בלויז פּסיכישע איבערלעבונג פון דער ווייטנס האָט שוין אַ סך מאָל געשאַפן מער וואָרהייט, ווי נאָענטע מיטלעבונג.

רחל קאָרנס דאָרף־מעשות פאַרמאָגן אַ שפע פון פּאָעטיש־אָריגינעלע מעטאַפאָרן און אימאַזשן. ווען עמעצער זאָל נישט וויסן, אַז רחל קאָרן האָט אויף איר ליטעראַרישער קאָנטע פיר לידער־זאַמלונגען, וואָלט ער פון די פאַר־גלייכן און נאַטור־אימאַזשן אין די דאָרף־מעשות געוואוסט אויף זיכער, אַז די דערציילערין קאָרן איז קודם כל אַ באַגאַבטע און וויכטיקע פּאָעטעסע.

עס גלוסט זיך צו ציטירן פון די דאָזיקע אימאַזשן. איך וועל מיין גלוסט גובר זיין און בלויז ברענגען צוויי בילדער. איינס איז נוגע דעם אויסזען פון דער קרעטשמע, וואָס יאַנקל אין דער דערציילונג „מגפה אין דאָרף" איז זי פאַרבייגעגאַנגען אויפן וועג אין שטאָט אַריין מיטן טויטן קינד אונטער דעם אָרעם.

„די קרעטשמע", גיט איבער די דערציילערין, „איז געשטאַנען ווי אַן אַלטע שקאַפּע מיט איינגעפאַלענע זייטן און געקוקט מיט די בעלמע־פאַר־צויגענע שייבלעך".

קאָן מען דעם טרויער אַרום דער געשטאַלט פון יאַנקלען פולער און וואָרער דערזען ווי דורך דעם אומעט־בליק פון בעלמע־פאַרצויגענע שייבלעך פון אַן אַלטער חרובער קרעטשמע ביים וועג ?

דאָס צווייטע בילד מאָלט מיט אַ באַזונדערער סוגעסטיווקייט די אָוונט־מיסטעריע אַרום וואַלד און פעלד : „פון וואַלד זיינען אַרויסגעקראָכן פיאָלעטע פאַרנאַכט־שאָטנס און (האָבן) באַטאַפּט, ווי די הענט פון אַ בלינדן, וואָס אַמאָל אַן אַנדער שטיק פעלד".

און איך וויל דערמאָנען אַ דריט בילד, דאָס בילד פון דער גבירענטע מאַכלע, דער בעל־הביתטע פון דעם טאַבאַק־סקלאַד, וואָס האָט מיט איר ברייטן אויפן זיצן אין דעם שוואַרץ־אַטלאַסענעם קלייד „יעדן פּראָסטן מאָנטיק געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ יום־טוב".

דאָס בילד איז אַן און פאַר זיך שיין און איבערצייגנדיק. אָבער אַחוץ דעם ווינקט עס סימבאָליש אָן אויף דער תמצית־אידייע פון יום־טובדיקייט. יום־טוב איז ווי שעפערישקייט די טייטש זעלישע קאָנצענטראַציע, קאָנצענטראַציע אויף צו באַשאַפן און צו אָרגאַניזירן אַ באַשטימטע געמיט־אַטמאָספער. וואָך איז צופעליקייט, אומאָרגאַניזירטקייט פון זשעסט און קלאַנג. דער סוד פון דער דערציילונגס־קונסט איז אין תוך די קונסט פון דער סאַמבערער בעל־

הביתטע מאַכלע שוואַרץ. עס איז די קונסט צו פאַרוואַנדלען יעדן פּראָסטן מאָנטאָג אין אַ יום־טוב מיטן כוח פון אַזאַ קליינקייט, פון אַזאַ רעקוויזיט, ווי בלויז אַ שוואַרץ־סאַמעטן קלייד.

די דאָזיקע יום־טובדיקייט האָט רחל קאָרן צום טייל דערגרייכט אין אירע חורבן־געשיכטעס, דער עיקרשט אין אירע „שאָטנס" און אין דער געשטאַלט פון דער שוחטקע בלומע זעלינגער, וואָס אַפילו יעדעס אומגליק אירס שמעקט מיט יום־טוב, מיט חשיבות, מיט דערהויבנקייט.

(1958)

◈

י. באַשעוויס

א.

די זינד פון פּראָמעטעאישקייט

שוין אין סאַמע ערשטן פון זיינע ביז איצט דערשינענע דריי ביכער, אין דעם דעביוט־בוך „דער שטן אין גאָריי", אַנטפּלעקט זיך אין איר פולער מאָס די קינסטלערישע צורה פון דעם דערציילער, יצחק באַשעוויס.

וואָרים ראשית קומט שוין אין יענער „מעשה פון פאַרצייטנס" בולט צום אויסדרוק די צענטראַל־אידיי פון אַנטי־פּראָמעטעאישקייט וואָס אויף איר שפּאַרט באַשעוויס קינסטלעריש אָן זיין גצועלשאַפטלעכן קאָנסערוואַטיזם. און שנית — שנית איז אַלץ וואָס באַשעוויס האָט שפּראַכלעך און געשטאַלטעריש דערגרייכט אין די שפּעטערע מעשות פון פאַרצייטנס און אין זיינע רעאַליסטיש געשריבענע ביכער: דער ראָמאַן וועגן „די פאַמיליע מושקאַט" און די מעמואַריסטישע דערציילונגען פון „מיין טאַטנס בית־דין־שטוב", שוין צום גרויסן טייל פאַראַן אין „שטן אין גאָריי".

דער „שטן אין גאָריי" איז אפשר, וואָלט איך געזאָגט, די סאַמע אויסגעשפּראָכנסטע אַנטי־פּראָמעטעאישע שריפט אויף יידיש. באַשעוויס פאַרניינט קאַטעגאָריש דאָס פּראָמעטעאישע אין דער מענטשלעכער קולטור. ווי אַזוי פּראָמעטעאוס זאָל זיך ניט גרימירן, צי אין דער מאַסקע פונעם פּרוש איטשע מאַטעס, וואָס וויל דערנענטערן דאָס פייער פון גאולה קלעטערנדיק איבערן אויבערן וועג פון סיגופים און טבילות, צי אין דער געשטאַלט פון גדליה שוחט, וואָס וויל דערגרייכן דאָסזעלבע איבער אַן אונטערשטער סטעזשקע פון סטרא־אחראדיקייט — די פּראָמעטעאישע כוונה איז אַלעמאָל זינדיק, ווייל רעבעליש כלפי שמים...

פּרק אין „די גאָלדענע קייט" ברענגט צום משפּט דעם אומגלויבן און

דעם אומווילן פון דעם געזעלשאַפטלעכן אַרום, וואָס דערלאָזט ניט אַז זיין העלד ר׳ שלמה זאָל קענען רעאַליזירן דעם ברויזנדיקן פאַרלאַנג צו אויסלייז. באַשעוויס אין „דער שטן אין גאָריי״ פּראָוועט גערעכט איבער זיינע העלדן גופא, איבער דעם מילדן פרוש איטשע מאַטעס, איבער דעם שטורעמדיקן כעסן מרדכי יוסף און איבער דעם וועלטיש־געניטן שוחט גדליה, וואָס זייער ליידנשאַפט האָט זיך געיאָגט נאָך די פאַרהוילענע ברעגעס פון גאולה און דערגרייכט האָבן זיי צעשטערטע זעלישע רו און צעבראָכענע מאָראַלישע שליוזן.

דאָס וואָס פּראָמעטעאוס איז ווי אין פאַל פון גדליה שוחט („שטן אין גאָריי״) און פון שלמהלען („חורבן פון קרעשעוו״) נאָך אַ „גנב״ אויך, ד. ה. ער פלאָנטערט זיך אין דער דראַמע פון גיין צו גוטס דורך שלעכטס, דאָס איז, ווי מיר דאַכט, אַ סעקונדערער מאָטיוו אין באַשעוויסעס דער־ציילונגען. מיט דעם מאָטיוו איז ער אויסן בלויז קאָנקרעטער און גע־דיכטער צו מאַכן דעם מוסר השכל פון זיין אַנטי־פּראָמעטעאישקייט כדי עס זאָל ממש בחוש זיין אָנצוטאַפּן „דאָס גאָט ברוך הוא זאָל קיינער דער־צערענען, דער טויט וועט דאַן ווערן פאַרמיטן און לילית ווערט פאַרשניטן, צום גלות וועט קומען אַן ענד און דער שטן וועט ווערן פאַרלענדט און יעקב וועט אויפריכטן זיין געצעלט און דאָס ליכט פון דער שכינה מעכט אָנפילן גאָר די וועלט״.

און „לילית און שטן״ זיינען ניט בלויז די אונטערזאָגעכצער פון האַסטיקער ליידנשאַפט און פון צעפיבערטן געמיט, נאָר אויך די הסברות פונעם געזונטן שכל־הישר וואָס וועגט קיל און פּראַקטיש די פּערספּעקטיוון פון פּראָמעטעאישע פּלענער.

ווי אַזוי זשע קען מען אויסמיידן „ליליתן און דעם שטן״ אויף די וועגן פון לעבן און גאולה? כ׳מיין, איז פאַראַן אין באַשעוויסעס דערציילונגען אַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע? מיר דאַכט, אַז יאָ. און דעם ענטפער דאַרף מען זוכן אין אַזאַ געשטאַלט ווי ר׳ ביינוש אשכנזי.

קיין געהויבענע מיינונג וועגן דער מענטשלעכער טבע האָט ניט באַשעוויס. דאָס ווערט קלאָר אי פונעם סיפור־המעשה וועגן „שטן אין גאָריי״, וואָס טייטלט דירעקט און מיט פרומען ערנסט אויף די זינד פון אַ גדליה, און נאָך מער פון די אַלגעמיינע איראָניש־שטעכיקע באַמערקונגען, וואָס זיינען שפּעדיק צעוואָרפן איבערן בוך. איינע אַזאַ באַמערקונג כאַראַקטע־ריזירט דעם „דאָס איז דאָך דער שטייגער פון דער וועלט״ אַזוי: „יעדן פאַר־פסח פלעגט ווערן אַ צאַנקעריי אין גאָריי צוליב דעם יום־טובדיקן ווייץ, וואָס קהל פלעגט פאַרפאַכטן צו אַ תקיף, און יענער האָט געגעבן מעל געמישט מיט קלייען. ס׳רוב פלעגט מען אים פאַרשעלטן און ער האָט נישט

אויסגעלעבט דאָס יאָר. פונדעסטוועגן איז איבעראַיאָר אַ צווייטער להוט געווען נאָך דעם פאַרדינסט״.

אַזוי זעט דעם מענטש און די געזעלשאַפטלעכקייט באַשעוויס, דער 31־יעריקער מחבר פון זיין ערשטלינג־בוך „דער שטן אין גאָריי״, און דער רייפער קינסטלער פון מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער מינערט גאָרנישט פון דער דאָזיקער זעאונג. פאַרקערט. אין איינער פון זיינע אויטאָביאָגראַפישע מעשות דערציילט אונדז דער 52־יעריקער באַשעוויס בשם „מיין טאַטנס בית־דין שטוב״ און בשם זיין אייגענער מאָראַלישער איינזעעניש, אַז „די פאַרשטעלטע האָט מען ביי אונדז גיך אָפּגעפּטרט, ווייל דאָס טראָגן אַ מאַשקאַר אויפן פּנים און זינגען לידער שמעקט מיט טעאַטער, און טעאַטער איז טריף. ביי אונדז אין שטוב איז די וועלט געווען טריף. ס׳האָט געדויערט אַ סך יאָרן ביז איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין וויפיל אמת ס׳איז דערין פאַראַן״. (אונטערגעשטראָכן פון מיר. — ש. ב.)

און הגם אַזוי אָרום ווערט, הייסט עס, דעמאַסקירט דער מין מענטש אויך דעמאָלט ווען ער איז לגמרי ניט פּראָמעטעאיש געשטימט, כ׳מיין, אַפילו ווען ער איז ניט פאַרכאַפּט פון גאולה־ליידנשאַפט, נאָר ער לעבט, אַזוי צו זאָגן, אין דער וועלט און אין איר שטייגער אַריין, באַיאָט פונדעסט־וועגן באַשעוויס קינסטלעריש דעם דאָזיקן שטייגער דערפאַר, ווייל ער איז מן הסתם דאָס בעסטע פון אַלע שלעכטסן.

דער דאָזיקער שטייגער לעבט אויף דער געזונטער הנחה פון זעלבסט־דערקענטעניש אַז אין די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש און פון מענטש צו געזעלשאַפט גילט דער „יצר לב האדם רע מנעוריו״, און אויף דער נאָך געזונטערער טראַדיציע פון גלויבן אַז דעם מענטשנס שכל און געפיל גרייכן נישט צו באַנעמען און צו פאַרשטיין גאָטס פאַרבאָרגענע דרכים.

דעם מענטשנס סאָציאַלן יצר הרע פּענטעט די געזעלשאַפט אויף וויפיל זי קען מיט איר דיסציפּלין פון מאָראַלישע נאָרמעס און סאַנקציעס. וואָס שייך ווידער דעם בין אדם למקום איז פאַר מענטש און געזעלשאַפט די זיכערסטע באַוואָרעניש קעגן זינד די אַבסאָלוטע הכנעה צו גאָט און צו זיינע מעשים און דער אָפּהיט פון זיינע געבאָטן אַן דעם מינדסטן רעבעלישן איבערפרעג.

אָט די אָרדענונג פון שטרענגסטער אַנטי־פּראָמעטעאישקייט רעפּרעזענ־טירט אין „שטן אין גאָריי״ דער רב ר׳ ביינוש אשכנזי. ער איז נישט נאָר די פונדאַמענטאַלע פיגור פון דער מעשה פון פאַרצייטנס, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין גאָריי, נאָר אויך פון די מעשיות פון אונדזערע טעג, וואָס באַשעוויס דערציילט אין „די פאַמיליע מושקאַט״ און אין „מיין טאַטנס בית־דין שטוב״.

וואָרום די געשטאַלט פונעם גאָרייער רב חזרט זיך איבער אין באַשע־וויסעס אַנדערע צוויי ביכער. אין דעם ראָמאַן וועגן דער „פאַמיליע מושקאַט" איז דאָס דער זיידע פונעם הויפּט־העלד עוזר העשל, דער טערעשפּאָלער רב ר׳ דן קאַצענעלבויגן, און אין די מעשׂות פון „מיין טאַטנס בית־דין שטוב" זיינען דאָס דעם דערציילערס אייגענע טאַטע־מאַמע, דער פאַנטאַס־טיש־פרומער מורה הוראה מענדל פּנחס און די ניכטער־פרומע רביצין בת־שבע, די טאָכטער פונעם בילגאָרייער רב.

דער בילגאָרייער רב האָט, אויף וויפיל מע קען זען פון די בילדער, וואָס עס מאָלן פון אים זיינע ביידע אייניקלעך יצחק באַשעוויס און זיין ברודער י. י. זינגער ע״ה, געדינט באַשעוויסן ווי אַ לעבעדיקער מאָדעל אי פאַר רב ר׳ ביינוש אשכנזי אין „שטן אין גאָריי" און אי פאַרן רב ר׳ דן קאַצענעלבויגן אין „די פאַמיליע מושקאַט".

אָט די געשטאַלט פונעם זיידן, דעם בילגאָרייער רב, איז פאַר באַשעוויסן אַלעמאָל דער ליטעראַריש־סטראַטעגישער היגעל, וואָס פון זיין הויך זעט דאָס אייניקל, דער קינסטלער, לויפן די אַנדערע געשטאַלטן זיינע, און די געשעענישן אַרום זיי, צום תהום פון טראַגישן מוסר־השכל. באַשעוויס קוקט מיט די אויגן פון ר׳ ביינושן אויף גאָריי און מיטן כוח פון ר׳ ביינושן נעמט זיך אונטער דער מחבר פון דער פאַרצייטישער מעשׂה, וואָס קאָן אויך זיין אַ הייַנטצייטישע, צו פאַרהיטן, אַז אין „גאָריי" זאָל מען „קיין עבודה זרה נישט דינען".

ר׳ ביינוש אשכנזי איז די סאָלידע רעאַליסטישע געשטאַלט אין „גאָריי" וואָס איז געשטעלט געוואָרן צו קעמפן דעם מחברס קאַמף פאַר יידישן לעבנס־רעאַליזם.

דער גאָרייער רב ר׳ ביינוש, דער טערעשפּאָלער רב ר׳ דן און אויך דער וואַרשעווער מורה הוראה ר׳ מענדל פּנחס (דעם לעצטנס קאַמף־מעטאָד איז נישט לומדישע תקיפות, נאָר מענטשלעכע הכנעה) שטעלן זיך איין פאַר דער דיסציפּלין פון מצוות ווי דעם איינציקן מאָראַלישן קאָמפּאַס אין לעבן און זיי זוכן עוקר צו זיין יעדע אומפּראַגמאַטישע בויערניש פון געפיל און פון שׂכל, וואָס, מיט גוטע און מיט שלעכטע כוונות, פירט זי בלויז צו זינד פון פראָמעטעאישקייט.

ערשט ווען די ר׳ ביינושס קאָנען נישט גובר זיין די צערודערונג פון די נשמות און פון די מוחות, וואָס דער שווערער געזעלשאַפטלעכער קריזיס האָט אָנגעיאָגט, און זיי פאַרלירן דעם רודער פון דער האַנט — ערשט דעמאָלט הויבן זיך אָן די פאַנטאַסטישע פּאַסירונגען אין דער מעשׂה פון פאַרצייטנס און די רעאַליסטישע געשעענישן, וואָס זיינען אין תוך נישט ווייניקער פאַנטאַסטיש, אין דעם הייַנטצייטיקן ראָמאַן. די געשעענישן

אַרום די געשטאַלטן אין וואַרשע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זיינען נישט ווייניקער פאַנטאַסטיש ווי די פאַסירונגען אַרום די פאַרשוינען אין גאָריי מיט דריי הונדערט יאָר פריער, וואָרים עס איז דורכגעבראָכן געוואָרן דער צוים פון דער לעבנס־דיסציפּלין, וואָס ר׳ ביינוש און ר׳ דן זיינען געווען זיינע היטערס. ווי אין דער פאַרצייטישער מעשה נאָך גזירות ת״ח, אַזוי אין דעם הייטנצייטישן ראָמאַן אין די יאָרן ערב און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען יידישע מענטשן אויף יענער זייט גדר פון דער מצוות־דיסציפּלין אַריינגעפאַלן אין זינד און האָבן געבלאָנדזשעט אָן אַ מאָראַלישן קאָמפּאַס אין תוהו ובוהו פון לעבן.

ב.

די מוזיק פון בלאָנדזשעניש

באַשעוויסעס סיפּור־המעשה וועגן די דאָזיקע פאַרצייטישע און הייננט־צייטישע יידישע מענטשן איז די מוזיק פון זייער בלאָנדזשעניש און פון זייער פאַרבלאָנדזשעטקייט.

די סטיליזאַציע איז ביי באַשעוויסן נישט אַ מיטל אַרויסצוברענגען דעם צייט־קאָלאָריט ווי אין אַפּאַטאָשוס נאָוועלע „אַ טאָג אין רעגענסבורג״, נאָר דער אופן ווי אַזוי ליטעראַר־כעמיש צו באַהעפטן די רעאַליסטישע דעטאַלן מיט די עלעמענטן פון פאַנטאַסטיק, פון אומהיימלעכקייט און פון כישוף.

די פּראָזע אין „שטן אין גאָריי״, דערעיקרשט אין ערשטן בוך פון דער דערציילונג, איז אַ מעלאָדיש־באַרוישנדיקע. כמעט יעדער פּרק פון בוך פאַרענדיקט זיך מיט אַ מוזיקאַלישן סוף־פּסוק, וואָס סומירט, אַזוי צו זאָגן, דעם ריטם פון די זאַצן און אויך דעם באַוועג־טעמפּאָ פונעם סיפּור־המעשה, פון די פאַרשוינען און פון די געשעענישן.

דאָס ערשטע קאַפּיטל, וואו עס ווערט דערציילט וועגן דעם גביר ר׳ אלעזר באַבאַד, וואָס האָט אין די כמעלניצקי־שחיטות פאַרלוירן ס׳רוב און צוויי קינדער און איז אַ צערודערטער צוריקגעקומען קיין גאָריי מיט זיין זיבעצן־יעריקער טאָכטער רעכעלע, וואָס האָט געקוקט מיט אויגן „ברייט צעעפענטע, שאַרף־צעבליצטע, גלייך זי וואָלט געזען זאַכן פון אַלעמען פאַר־הוילענע (און) ווי וואויל זי האָט געהאַט אַ מום, זיינען מאַנסלייט דורך איר געקומען צו זינדיקע געדאַנקען״ — פאַרענדיקט זיך מיט צוויי ריטמישע שורות ווי פון אַ ליד:

— אָן עלנטע יתומה, נעבעך, און אַ שלאָפע...

— אַ מרה־שחורה׳ניצע...

אין דער אינטענסיווער מוזיק פון אָט די שורות מיט אַ ניגון, וואָס

ווייבער רוימען זיך איין אין אויער וועגן רעכעלן; אין דער נישט וויניקער הייסער ריטמיק פון די ווערטער

— וואָס וועט זיין דער תכלית, אַ?...

— וואָס וויל ער, דער איבערשטער?...

מיט וועלכע ר׳ ביינוש שליסט אָפּ זיינע פאַרצווייפלטע טראַכטענישן אין קאַפּיטל „אויסטערלישע שמועות", און אויך אין דעם סוף־פּסוק, וואָס שפּיצט צו דעם לאָמען מרדכי יוסף׳ס גאולה־היסטעריע ביים אויסהערן שבתי־צבי׳ס שליח צו די יללה־ווערטער

— געוואַלד! ער חלשט!... —

די דאָזיקע מוזיקאַלישע סוף־שורות, נישט בלויז סומירן זיי דאָס ביז איצט דערציילטע, נאָר זיי אַטעמען אויך מיט אָנזאָג פון די אַלע אומהיימלעכע און פאַנטאַסטישע פּאַסירונגען, וואָס עס טראָגט אין זיך דער וויטערער סיפּור־המעשה.

און איך טראַכט אַז די אָרגיע־מוזיק פון באַשעוויסעס שפּראַך, וואָס ווערט אַזוי הייס אויפגעשפּילט אין „שטן אין גאָריי", אין „אַ טאָג־בוך פון אַ נישט־געבוירענעם", אין „דער חורבן פון קרעשעוו" און אין אַ שפּאַר ביסל אַנדערע פאַנטאַסטישע דערציילונגען — זי, באַשעוויסעס אינטענסיוו־מוזיקאַלישע שפּראַך, איז שולדיק, וואָס דער קינסטלער איז אַזוי אָפט צו גאַסט אין שלאָפצימער פון זיינע העלדן און האָט אַזוי האָלד צו דערציילן וועגן זייערע סעקסועלע אַוואַנטיורעס און אָרגיעס.

אַ חתונה אָן כלי־זמר, זאָגט ס׳יידישע ווערטל, איז טאַקע קיין חתונה נישט, אָבער אַ חתונה מיט צופיל מוזיק, מיט צו הייסער, מיט צו באַרוישנדיקער מוזיק, איז זיכער נישט קיין סגולה צו צניעות. און די אַ סך מאָל צייבערדיקע מוזיקאַלישקייט פון באַשעוויסעס שפּראַך האָט נישט איין העלד זיינעם אַראָפּגעפירט פון דעם געצוימטן, יידיש־מאָראַלישן לעבנס־דרך, וואָס באַשעוויס, דער קינסטלער, גלויבט אין אים אין תוך נישט וויניקער ווי דער גאָרייער רב ר׳ ביינוש, ווי דער טערעשפּאָלער רב ר׳ דן און ווי זיין אייגענער טאַטע, דער מורה הוראה, ר׳ מענדל פּנחס.

און עס איז בפירוש פאַראַן ערגעצוואו אַ סתירה צווישן באַשעוויסעס אידייאישן וועלט־בילד, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף זיינע עקשנותדיק פרום־יידישע געשטאַלטן, און דער מוזיק פון באַשעוויסעס שפּראַך, וואָס רייסט מיט איר כישוף אַרויס דעם סיפּור־המעשה פון אונטער דער שליטה פון די ר׳ ביינושס און ר׳ דנס און ענטפערט אים איבער צום גרעסטן טייל צו גדליה שוחט אין „שטן אין גאָריי" און צו דעם טראַגיש פאַרבלאָנדזשעטן פאַרפאַלק עוזר העשל און הדסה באַרנעט און צו דער קינסטלעריש שעדעווערדיקער געשטאַלט אַבראַם שאַפּיראָ אין „די פאַמיליע מושקאַט".

אין דער מוזיק פון באַשעוויסעס שפּראַך ליגט דאָס שדישע, דאָס קרענק־לעכע, וואָס וועקט אַזויפיל זינדיקע לײדנשאַפט אין באַשעוויסעס העלדן, אָבער אין אַט דער אויסנעמלעך מוזיקאַלישער פּראָזע־שפּראַך ליגט אויך באַ־שעוויסעס גרויסער געשטאַלטערישער כוח און זיין נטיה צו פאַנטאַסטיק.

נישט פון פאַנטאַסטיק צו מוזיק פירט באַשעוויסעס געשטאַלטערישער וועג, נאָר פאַרקערט פון מוזיק צו פאַנטאַסטישקייט.

ווען די פאַרצייטישע מעשה וועגן „שטן אין גאָריי" פאַרלירט אין אירע לעצטע קאַפּיטלען דעם טראַגישן אָטעם ווייל דער פרוש איטשע מאַטעס און דער גאולה־היסטעריקער, דער לאָמער מרדכי יוסף, ניכטערן זיך אויס אין אַנגעזיכט פון משיחס שמד, איז אין דעם, ווי מיר דאַכט, שולדיק דער פאַקט, וואָס באַשעוויסעס לשון האָט אין צווייטן טייל פונעם בוך פאַרלוירן די באַרוישענדיקע מוזיקאַלישקייט און איז היפּשלעך אַריבער צו דער נאָר־מאַלער טעמפּעראַטור פון תחינה־סטיליזאַציע. און אין דער נאָרמאַלער תחינה־טעמפּעראַטור איז שוין מעגלעך, אַז אַזעלכע פּראָמעטעאיש אָנגעצונ־דענע העלדן ווי דער שטורמישער פאַנטאַזיאָר מרדכי יוסף און דער אַסקעט איטשע מאַטעס זאָלן זיך דערשרעקן פאַר אַ רעאַליסטישן פאַקט און זאָלן זיך „אומקערן פון זייער שלעכטן וועג כדי זיי זאָלן לעבן".

ג.

אַטמאָספער־בילדער און דיאַלאָג

אַ חוץ דער באַדלערישער ליריק פון גופישן פאַנאַנדערפאַל, פון מענטש־לעכער חורבה און פון פיזישער מיאוסקייט, וואָס מיר געפינען זי אין דער פולער מאָס אין באַשעוויסעס ערשטלינג־ווערק, זיינען אין „שטן אין גאָריי" אויך שוין פאַראַן די צוויי הויפּט־עלעמענטן פון באַשעוויסעס סטיל: דאָס באַנאַנד־שטעלן פון רעאַליסטישע שטייגער־פּרטים, פון וועלכע עס וואַקסן אַרויס 1) גרויסע בילדער פון אומהיימלעכקייט און 2) מאָנאָלאָג, און דערעיקרשט דיאַלאָג.

דאָס געזאַנג פון גופישן פאַנאַנדערפאַל, וואָס באַשעוויס האָט אַרויס־געזונגען אין „שטן אין גאָריי" אין דער סצענע ווען מע געפינט רעכעלען אַ פאַרחלשטע נאָך דער באָבעס טויט, און דערנאָך ווען זי „ווערט מעוברת פונעם שטן" — אַט די באַדלערישע בילדער פון פיזישער מיאוסקייט חזרן זיך איבער אין כלערליי מינים ניואַנסן דערהויפּט אין זיינע פאַנטאַסטישע דערציילונגען, וואָס זייער טאָפּאָגראַפיע איז אַ סך מאָל דער הקדש.

די אַטמאָספער־געמעלן און די מאָנאָלאָגן קומען אין די רעאַליסטישע צוויי ביכער נאָך בולטער, שטאַרקער און פולער צום אויסדרוק ווי אין „שטן אין גאָריי".

אַזעלכע קאַשמאַר בילדער, צונויפגעשטעלטע פון רעאַליסטישע דעטאַלן, ווי איטשע מאַטעס, וואָס טובלט זיך ביינאַכט אין מקוה, אָדער ווי דער רעגן, וואָס האָט אַראָפּגעגנידערט אויף גאַריי און „געגאָסן דורכאַנאַנד דריי טעג און דריי נעכט", זיינען בפירוש וויכטיקע קינסטלערישע דערגרייכונגען, אָבער די געמעלן זיינען עפּעס ווי איינגעהילט אין אַ נעפּל פון מוזיקאַליש־קייט. מע הערט מער דאָס געזאַנג פון די בילדער און מע זעט ווייניקער די פּלאַסטיק פון זייער סינטעטיזירטער צורה.

אין „פאַמיליע מושקאַט" און אין „מיין טאַטנס בית־דין־שטוב" ווערן די אַטמאָספער־געמעלן דערנענטערט צו אונדזער געמיט נישט דורך פינצ־טערן געזאַנג, נאָר דורך דעליקאַטן ריח.

מענדעלע, דער זיידע האָט קינסטלעריש אָפּערירט מיטן אויג, שלום־עליכם, דאָס איניקל — מיטן אויער. דאָס אוראייניקל באַשעוויס איז לעבן דוד בערגעלסאָנען דער מאַדים צו נוצן דעם חוש־הריח ווי אַ קינסטלערישן מאַל־אינסטרומענט.

דער חילוק צווישן דיביידע וויכטיקע שעפער אונדזערע באַשטייט אין פּרט פון די ריח־געמעלן, דאַכט מיר, אין דעם, וואָס בערגעלסאָנס בילד ווערט דאַדורך נאָך שטילער, נאָך קלוגער און נאָך עלעגישער, בעת באַ־שעוויסעס „נאָז" האָט, אַזוי צו זאָגן, טראַנסצענדענטאַלן כוח. זי ברענגט אַריין אין דעם בילד יענוועלטישע, מיסטישע ריחות, וואָס אַמאָל וואַרפן זיי אַן אַ פּחד און אַמאָל רופן זיי אַרויס אַ ציטער פון דערהויבענער דערוואַרטונג און התרוממות הרוח. און עס טרעפט אַז באַשעוויסעס ריח־בילדער וועקן ביים לייענער ביידע אינאיינעם: אי שרעק און אי דערהויבנקייט.

קיין שענערן און סטיליסטיש מער וואָרן מאַנאָלאָג ווי דער מומע יענטלס אין באַשעוויסעס „מיין טאַטנס בית־דין־שטוב" איז מיר נאָך די מאַנאָלאָגן ביי שלום־עליכמען זעלטן ווען אויסגעקומען צו לייענען.

איך שטרייך אונטער די שיינקייט פון דער מומע יענטלס מאַנאָלאָג, וואָרום די רייד פון דער מומע יענטל ביי באַשעוויסן בלייבן סוף כל סוף שטעקן אין ראַמען פון שטייגערישקייט. באַשעוויס האָט דער מומעס רייד אויסטערליש גוט אויפגעהיט אין זיין זכרון און ער האָט זיי פאַר אונדז מיט אמתער קינסטלערישער ווירטואָזיטעט איבערגעזאָגט. אָבער עס פעלן אין דער מומעס רייד יענע פּסיכישע קנייטשן פון ווערטער און זאַצן וואָס דערהויבן שלום עליכמס אַ מאַנאָלאָג איבער דער ווירטואָזישקייט אַריבער צו די הויכן פון תפילה און פון טראַגישער גורל־באַגעגעניש.

אָבער אַז ס'קומט צו דיאַלאָג איז, דאַכט מיר, באַשעוויס אַן אמתער מאַדים. אויך אַנדערע יידישע פּראָזע־שרייבער נוצן מיט מייסטערשאַפט די קונסט פון דיאַלאָג, ווי אַ מיטל פון געשטאַלטיקונג. עס זיינען צווישן זיי פאַראַן

אזעלכע, וואָס זיינען אַזוי דערפינדעריש און קלוג אין זייערע דיאַלאָגן, אַז דאַדורך ווערט דער קאָנסטרואירטער שמועס זייערער אויך נאַטירלעך. איינער פון די ווירטואָזע דיאַלאָג־קאָנסטרואירער איז, לפי דעתי, געווען ש. מיללער.

באַשעוויסעס דיאַלאָג איז פון גאָר אַן אַנדערן, פון אַ פּונקט פאַרקערטן, מין. די איבערשמועסן צווישן די העלדן שטייגן אויף אין באַשעוויסעס זכרון מיט זייער נאַטירלעכער און קוואַליקער שטייגערישקייט. און דערנאָך גייען זיי, ווי ביי שלום־עליכמען, דורך דעם פּילטער פון גרויס־סטיליזאַציע און ווערן, מיט זייער סינאָנימען־רייכקייט און מיט זייער דינער אויסגעשניצט־קייט, די שפּראַך פון אים אַליין, דעם קינסטלער, וואָס קיינער האָט אויף איר נישט געקאָנט אַזוי רעדן אַחוץ ער.

חיים גראַדע

ווען חיים גראַדע האָט געדרוקט „דער מאַמעס שבתים" אין המשכים אין באַניטן „מאָרגן־זשורנאַל" קורץ פאַר דער צונויפגיסונג מיטן „טאָג", האָט מען גלייך געזען, אַז דאָ שפּאַנט אַריין אין דער יידיש־ליטעראַטור אַ וואָרער פּראָזע־מייסטער מיט אַ וויכטיק ערשטלינג־ווערק.

עס האָט איבער די וועכנטלעכע המשכים אין „מאָרגן־זשורנאַל" מאַר־שירט אַ גאַלעריע געשטאַלטן, וואָס האָבן מיט זייער בייקייט, מיט זייער קינסטלערישער בולטקייט און מיט דער הויכער דראַמאַטישער טעמפּעראַטור ממש פאַרכאַפּט דעם אָטעם ביים לייענער.

מען האָט געמוזט זיין בלינד נישט צו באַמערקן דעם אויסטערלישן ספּעקטאַקל פון סיפּור המעשה און געשטאַלטן, וואָס דער דיכטער חיים גראַדע האָט אַרויסגעבראַכט אין די דערציילונגען וועגן „דער מאַמעס שבתים".

אָבער די טבע פון אַ קריטיקער איז ווי די טבע פון אַ פּובליציסט. רק עס דאַכט זיך אים, אַז אַנדערע גייען פאַרביי גלייכגילטיק אָדער שענקען נישט גענוג אויפמערק צו אַ דערשיינונג, וואָס לויט זיין, דעם קריטיקערס איינדרוק, פאַרדינט די דערשיינונג, אַז אַלע זאָלן אויף איר אָנשטעלן די אויגן מיט חידוש און באַוואונדערונג.

וואָס ווייטער און וואָס מער איך האָב געלייענט גראַדעס דערציילונגען אין „מאָרגן־זשורנאַל", איז מיין איינדרוק געוואָרן אינטענסיווער. דער איינ־

דרוק איז געוואָרן אַן איבערלעבעניש און איך האָב דערפילט, אַז איך מוז אַרויסשרייען מיין חידוש און באַוואונדערונג נאָך איידער גראַדע האָט אויפגעזאַמלט די דערציילונגען אין אַ בוך. איך האָב עס געטאָן מיט אַן ערך פערטהאַלבן יאָר צוריק אין „אידישן קעמפער".

די קריטישע דערפאַרונג לערנט אָבער, אַז נישט איין מאָל ווערט דער גינציקער איינדרוק קאַליע, ווען מען האָט פאַר זיך אינאיינעם צווישן די טאָוולען פון אַ בוך די אַלע געשטאַלטן און מעשות, וואָס האָבן אַיעדע פאַר זיך, אַרויסגערופן באַוואונדערונג.

איך דערמאָן די דאָזיקע קריטישע דערפאַרונג אַקעגן דעם, וואָס חיים גראַדעס ערשט פראָזע־ווערק, וואָס הייסט „דער מאַמעס שבתים" אויפן נאָמען פון דעם ערשטן טייל פון בוך און וואָס האָט אַחוץ דעם נאָך אַנדערע צוויי טיילן, „עק וועלט" און „די זיבן געסלעך", איז אַן אויסנעמלעך גוט אָרגאַניזירט בוך.

מען לייענט גראַדעס בוך און מען באַוואונדערט פונדאָסניי די שאַרף־געצייכנטע געשטאַלטן און די דראַמאַטישע שילדערונג פון געשעענישן נישט אַנדערש ווי דעמאָלט אין די וועכענטלעכע צייטונג־המשכים, אָבער נאָך מער ווי דאָס בלייבט מען שטיין אין באַוואונדערונג פאַר דער רייפקייט פון דער קינסטלערישער אָרגאַניזירונג, פאַר דער מוטיקער אַנטשלאָסנקייט, מיט וועלכער דער מחבר האָט עלימינירט אַ היפש ביסל קאַפּיטלען, וואָס ווי שיין און גוט און אינטערעסאַנט זיי זאָלן נישט געווען זיין, זיינען זיי אָבער געווען נישט גענוג אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער צענטראַל־געשטאַלט אין בוך, און האָבן זיך, וואָלט איך געזאָגט, נישט גענוג קינסטלעריש הכנעהדיק אונטער־געאָרדנט צו איר, צו דער וואונדערלעך־דערהויבענער מאַמע צווישן מאַמעס, דער אויבס־פאַרקויפערקע ווערלע. די דאָזיקע געשטאַלטן זיינען אַליין געווען צענטראַלע און האָבן מיט דער רחבות און מיט דער פסיכאָלאָגישער פאַר־טיפקייט פון זייערע פאָרטרעטן קעגן דעם ווילן פון זייער באַשאַפער גריילעך געקאָנט פאַרשאָטענען די הויפט־געשטאַלט און דעם הויפט־סוזשעט: די מאַמע ווערלע און אירע שבתים.

אין דעם בוך וואָס איז אַרויסגעקומען פון אונטער גראַדעס פעסטער און ציל־באַוואוסטער האַנט פון אַ ליטעראַרישן בוימייסטער, באַוועגן זיך די מענטשן און דער סיפור המעשה אין אַלע טיילן פונעם ספר אַרום דער הויפט־געשטאַלט פון דער מאַמע ווערלע. אין די „שבתים" איז די שייכות פון די געשילדערטע מענטשן און געשעענישן צו דער אויבס־פאַרקויפערקע ווערלע אַ געאָגראַפיש־נאָענטע און אַ רעאַליסטישע. „עק וועלט", אויפן וואַנדער איבער די מרחקים פון דער אַזיאַטישער רוסלאַנד און דערנאָך ביים אומקער צו די חרובע „זיבן געסלעך" פון ווילנע, ווערט די שייכות אַ נאָסטאַלגישע,

אַן עלעגישע און דער פאַרמיטלער צווישן דער מאַמע וועלע און דעם דער־ציילערישן אַרום איז כמעט אויסשליסלעך דאָס פאַרבענקטע און פאַרצערטע געמיט פון דעם דערציילער.

„דיין לעבן, דיין טויט, דיינע פרומע געבאָטן
„איך האָב אויסגעוויינט אין מיין איטלעכער שורה.
„אַז דו זאָלסט ניט אומוואָגלען שטום ווי אַ שאָטן,
„האָב איך דיך אין לידער געבראַכט צו דער קבורה."

אין „עק וועלט" און אין „די זיבן געסלעך", ד"ה אין צווייטן און אין דריטן טייל פון זיין פּראָזע־בוך, האָט חיים גראַדע מקיים געווען, וואָס ער האָט זיך פירגענומען אין די פיר אַריינפיר־שורות צו זיין לידער־סעריע „דער מאַמעס צוואה" (ניו יאָרק, 1949), דהיינו, ער האָט, אַזוי צו זאָגן, אין די הפסקות צווישן געשטאַלטן און געשעענישן ליריש אויסגעזונגען און צערדיק אויסגעוויינט זיינע מאַמע־דערמאָנונגען.

אין ערשטן טייל אָבער, אין די „שבתים", וואָס פאַרנעמט מער ווי אַ העלפט פונעם בוך, האָט גראַדע די מאַמע זיינע געשטאַלטיקט רעאַליסטיש אין דער מיט פון אַ ברייטן געמעל פון סאָציאַלער סביבה און פון אַ גייסטיק טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער.

און גראַדעס פּראָזע איז אַ ניכטערע, אַ קלאָרע, אַ פּראָזע אין פּינטל אַריין, מיט איין וואָרט, אַ מענדעלישע פּראָזע. אָבער מענדעלע, דער זיידע, האָט זיך געמוזט אייגנס אַ קנייטש טאָן ליריש, ספּעציעל נעמען אַ לירישן טאָן, כדי צו באַווייזן זיין גערירטקייט און כדי מיר, די לייענער, זאָלן ווערן גערירט.

חיים גראַדע, דאָס יינגסטע אייניקל פונעם גרויסן פּראָזע־ראשון, האָט דעם כוח פון ליריק אין דער מיט פון ניכטערער פּראָזע, דעם כוח פון עלעגישער ווייכקייט אין דער סאַמע מיט פון קריגערישן דיאַלאָג און פון שאַרף־קפּדנישער פּאָרטרעט־מאַלעריי.

דעם דאָזיקן זעלטענעם פּענאָמען פון ניכטערער, דינאַמישער און, ווי געזאָגט, קפּדנישער פּראָזע, וואָס אָטעמט אַזוי ליריש, האָט מען אין תוך שוין געקאָנט מערקן אין גראַדעס פּאָעמעס וועגן די „מוסרניקעס", וועגן „ר' אהרן מאַליאַטער" און וועגן די „תלמידי חכמים אין ליטע". מען האָט עס דאָרט געקאָנט מערקן אויף דער פּאַרקערטער זייט, וואָרים דאָרטן שפּאַנט דער דיכטערישער אימאַזש און דער פּאָעטישער פּאַטאָס איינאיינעם און אינאַנאַנד מיט גרויס גבורה פון ניכטערער דערציילערישער געשטאַלטיקונג און זאָגט אָן די פּאַראַנענקייט פון אַ חיים גראַדע, וואָס אָט וועט ער זיך

אַ נעם טאָן שרייבן פּראָזע און וועט ווערן איינער פון אונדזערע וויכטיקסטע פּראָזע־קינסטלער. וכך הוה, און אַזוי איז עס טאַקע געשען.

דער קלימאַט פון חיים גראַדעס פּראָזע איז אַ דיאַלעקטיש־זאַווערוכע־דיקער. אַ גרויסער טייל פון די פּאַרשוינען, וואָס גראַדע ברענגט אַריין אין גיט זיי אַ וואָרט אין „דער מאַמעס שבתים", זיינען אין תוך מוסרניקעס. מוסרניקעס אין זינען וואָס זיי שטעלן זיך נישט צופרידן מיט דעם פריינטלעך־פרומען פנים פון דער בעל־הביתישער מאַראַל, נאָר זיי פּרוּוון, איעדער אויף זיין אופן, דורכצודרינגען די אויבנאויפיקע מאַסקע פון דער מאַראַל און זי אָפּצופרעגן מיט דיאַלעקטיש שאַרפע און נאָך שאַרפערע קשיות סיי וואָס שייך זייערע מיטמענטשן און סיי וואָס שייך זיך אַליין.

עס איז אַ שטיק מוסרניק וועלוול שניידער, ווען ער לייגט אויס זיין ביטערן מענה־לשון פון חוזק קעגן זיך און איז מסביר חיימען פאַרוואָס ער אַליין זעט איין, אַז אים, וועלוולען, קומט, נישט נאָר נישט קיין עולם הזה, נאָר אויך נישט קיין ברעקל עולם הבא.

אָט ווי עס שמייסט זיך אַליין פּראָקוראָריש וועלוול דער שניידער — „די תורה, וואָס איך לערן און די צדקה, וואָס איך גיב, קאָנסטו נאָך פאַר־ענטפערן: אַן אָרעמאַן און אַן עם־הארץ. אָבער ווער לאָזט מיך ניט זיין קיין רך־לבֿ, און אַ נוח לבריות, ווי עס איז געווען ר' ברוכל?"

און נישט ווייניקער מוסרניק איז, פאַרשטייט זיך, זלמן דער זאָקן־הענדלער, דער לץ, וואָס רופט אויס זיין סחורה אויף די גאַסן מיט סאַר־קאַסטישע און אָפּטמאָל אויך ציניש קופּלעטן. זלמן איז נאָך אַ לעבן פון אידעאַל־איינרעדעניש און פון דערפּאָלג־חלומות פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער דערגאַנגען צו דער געוויסהייט אַז — „ווען מען ווייס שוין דאָס וואָס איך ווייס, אַז מען וועט די פאַרקערטע וועלט נישט אַוועקשטעלן אויף די פיס, שטעלט מען זיך אַליין אויפן קאָפּ".

און אַ מוסרניק, אויף זיין שטייגער, איז אַפילו אַלטערקע, דער געגנדזלער. דער פאַרגרעבטער אַלטערקע גייט טאַקע נישט צום דין מיט זיך אַליין ווי וועלוול דער שניידער, און זלמן דער זאָקן־הענדלער. אָבער אויך ער, אַל־טערקע, לעבט ערגעצוואו ערנסט איבער דעם „נאָוואָראָדעקער ענין" פון צדקות, וואָס איז, אין איר ניטגעלייטערטקייט, אין תוך אַ שטיק רשעות געמילדערט און פאַרשטעלט דורך צבֿועות. „דו ווייסט, ליזע", גיט אַלטערקע, דער געגנדזלער, צו פאַרשטיין זיין פרוי, „פאַרוואָס די וועלט האָט אַזוי פיינט אַ קאַץ און האָט האָלט אַ הונט? ביידע האָבן נעגל, נאָר די קאַץ באַהאַלט זיי אין די סאַמעטענע קישעלעך און דער הונט ווייזט זיי אָפן".

אָבער מער ווי אין אַלע ביז־איצט אויסגערעכנטע געשטאַלטן פון „דער מאַמעס שבתים" ברענט „נאָוואָראָדעק" אין איר אַליין, אין חיימס מאַמע,

וועלע, דער אויבס־פּאַרקויפּערקע. אין איר, אין וועלען, איז דער מוסר, פאַרשטייט זיך, פריי פון וועלוול דעם שניידערס פאַרביטערטער זעלבסט־קריטיק און אַוודאי און אַוודאי פריי פון זלמן דעם זאָקן־הענדלערס פאַר־צווייפלטער לצנות.

וועלע, די אויבס־פּאַרקויפּערקע, איז אַ פרומע ביז גאָר און זי איז אַריינגעטאָן אין גאָטס געבאָטן אָן איבערפרעגענישן און אָפּפרעגענישן. אָבער זייט ביי זייט מיט אָט דער, וואָלט איך געזאָגט, קאָנפאָרמיסטישער פרומקייט, ברויזט אין איר געמיט אַ היפּש דיגע און אַ היפּש שאַרפע מוסר־דיאַלעקטיק. וואָס שטייט אויף דער וואָך, אַז אַנדערע און טאַקע זי אַליין זאָלן נישט אַריינ־פאַלן אין עבירות און דערביי נישט וויסן, אַז זיי שטעקן אין עבירות, אָדער נאָך ערגער — גאָר האָבן די צופרידענע אויסדוכטעניש, אַז זיי טוען מצוות.

וועלעס מוסר־טעמפּעראַמענט פייניקט זי אָפט מיט אַ שולד־געפיל קעגן איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, קעגן איר בן־יחיד און אויך קעגן אירע שכנים. אָבער וועלע איז נישט בלויז זעלבסט־קריטיש, נאָר זי האָט אויך גענוג קריטישע שאַרפקייט אויף צו דערזען די מיאוסע רשעות, וואָס באַהאַלט זיך צומאָל אויס אין דער צדקות פון די שטאָטישע בעלי־בתים.

אָט האָט וועלע שבת נאָך פורים גענומען לייענען די געשיכטעס וועגן די טעג פון אַחשורושן און „גראָד די שיינע געשיכטעס פון תרגום שני ברענגען די מאַמע צו טרויעריקע מחשבות״. די מעשות וועגן די מלכים און מלוכות, וועגן נמרודן און פרעהן ברענגען אַרויף אין וועלעס געמיט די איבערלעבעניש מיט אַ רוסישן זעלנער, וואָס האָט אָפּגעשטעלט אַ יידן און ביי אים אַראָפּגענומען דאָס זייגערל פון דער האַנט. איז גראָד אָנגעקומען אַ קאָמיסאַר אויף אַ פערד. דערציילט אים דער ייד, וואָס ס׳האָט פּאַסירט און דער קאָמיסאַר פוילט זיך נישט, קריכט אַראָפּ פון פערד און דערשיסט דעם סאָלדאָט. עס האָבן נישט געהאָלפן דעם זעלנערס רחמים־געבעטן, אַז ער האָט אַ ווייב מיט קינדער.

„דער מאַמעס קול,״ דערציילט אונדז גראַדע, „ווערט שרייאיק, דאָס פּנים אויסגעצויגן, אירע אויגן ברענען מיט אַ גרין פייער —״

„איך ווייס ניט צי דער ייד, וואָס האָט געמסרט דעם סאָלדאָט, האָט דערנאָך חרטה געהאַט אָדער ניט, נאָר אַז יידן קרעמער זיינען געווען צו־פרידן — דאָס האָב איך אַליין געזען״.

און וועלע דער אויבס־פּאַרקויפערינס געוויסן קאָן זיך איצט אין מיטן די מעשות פון תרגום שני, פּופּצן יאָר נאָך דער געשעעניש, נישט באַרואיקן און זי איז אויסער זיך פאַר כעס און שרייט אויס —

„גוואַלד, גוואַלד, וואָס פון יידן איז געוואָרן! יידן זאָלן שטיין אין גאַס און עס זאָל זיי נישט אַרן אַ האָר, וואָס מען שיסט אַ מענטשן צוליב אַ זייגערל,

דער קאָמיסאַר איז אַן ערלעכער שופט, זאָגן זיי. און איך האָב געקלערט, אַז דער שופט, וואָס הרגעט אַ מענטשן, ווייל ער האָט געגנבעט אַ זייגערל, איז טויזנט מאָל ערגער פון דעם גנב. און יידן, וואָס קאָנען אָנקוועלן פון אַזאַ משפט, פון אַזאַ רציחה, האָבן גזלנישע הערצער!״

איך האָב געבראַכט אָט דעם לענגערן ציטאַט פון וועלעס דערמאָנונג וועגן דעם „גערעכטן משפט״ איבער דעם זעלנער, ווייל אָט די סצענע צווישן מאַמע און זון אין קאַפּיטל „תרגום שני״ איז, ווי מיר דאַכט, אַ סאַמע תמציתדיקער מאָמענט אין גראַדעס פּסיכישן מאַמע־פּאָרטרעט.

פון יענעם געדויערדיקן פייערל פון געוויסן, וואָס גראַדעס מאַמע אַנט־פּלעקט פאַר אונדז אין דער סצענע ביים לייענען דעם תרגום שני, וואַקסט אַרויס, ווי מיר דאַכט, איר מוט, איר געטריישאַפט, איר הכנעה און דער־עיקרשט די מאָס און וואָג פון איר מאָראַלישן שכל הישר, וואָס מיינט נישט בלויז גוטסקייט און גערעכטיקייט צו מענטשן, נאָר נאָך מער ווי דאָס. עס מיינט: אַזאַ איידעלער טאַקט און אַזאַ דינע פּסיכאָלאָגישע שפּירעוודיקייט אין דער באַציאונג צו מענטשן, וואָס איז מאָראַליש נאָך וויכטיקער ווי די גוטסקייט און גערעכטיקייט אַליין.

אַלע, כמעט דורכאויס אַלע, געשטאַלטן אין „דער מאַמעס שבתים״ לעבן, ווי געזאָגט, אויף דער שווערד פון דער מוסר־דיאַלעקטיק. אַפילו ביי מאַריאַשען, דער רכילותניצע (אַ געשטאַלט, וואָס הגם זי באַוועגט זיך אויף דער גרעניץ פון שאַרזש, איז זי דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ פולער קינסטלערישער אויסגעהאַלטנקייט), אַפילו ביי איר, ביי מאַריאַשען, איז נישט שווער אויסצוגעפינען די פעדים פון דער מוסר־דיאַלעקטיק.

עפּעס אַ מין מוסרניקעשער מאַסן־פּסיכאָז הויערט איבער די מענטשן אין גראַדעס דערציילונגען. אָבער טאַקע אויף דער קאַנווע פון אָט דעם מאַסן־פּסיכאָטישן געמיט באַווייזט גראַדע זיין כוח פון קינסטלערישער ניואַנ־סירונג. אַלע זיינע געשטאַלטן ריידן און אַמפּערן זיך, ווער מער און ווער ווייניקער, אויף דעם זעלבן „נאָוואַראַדעקער״ לשון.

און פון דעם איינעם „לשון״ האָט גראַדע באַוויזן צו מאַכן אַזוי פיל לעבעדיקע, באַזונדערע, אייגענע און אייגנאַרטיקע לשונות, איעדעס לשון מיט זיינע געמיט־וויבראַציעס, מיט זיין חתוך־הדיבור און מיט זיין ספּע־ציפישער מוזיק. אַזאַ נאַענטקייט, אַזאַ מין מאַסן־פּסיכאָטישע נאָענטקייט פון געמיט און פון מאָראַלישער אַטמאָספער און דערביי אַזאַ מין דינע און שאַרפע וואַריאירטקייט פון שפּראַך, פון זשעסט און פון אויסדרוק.

אַ מייסטער אויף אָט דער וואַריאירונג אין דער מיט פון מאַסן־פּסיכאָ־טישער דערזעלביגקייט איז אין אונדזער יידיש־ליטעראַטור געווען דוד בערגעלסאָן. אין דער „נאָך אַלעמען״ און „אָפּגאַנג״־אַטמאָספער, וואָס אין

איר האָט בערגעלסאָן איינגעהילט כמעט דורכאויס אַלע זיינע ליטעראַרישע העלדן פון זיין פאַר־סאָוועטישן שאַפונגס־פעריאָד, האָט ער באַוויזן אויסטער־ליש צו ניואַנסירן דאָס זעלבע „אָפּגאַנג"־געמיט און „אָפּגאַנג"־קול פון זיינע העלדן און צו שאַפן אַ וואונדערלעך־רייכע גאַלעריע פון געשטאַלטן, וואָס זיינען אַי, דאַכט זיך, אַזוי נאָענט אין דער שטימונג און אין אויסדרוק, און דאָך נישט בלויז, ווי מע זאָגט דאָס, גרונטפאַרשיידן, נאָר טאַקע פאַרשיידן מיטן גאַנצן לייב און לעבן. און די דאָזיקע פאַרשיידנקייט האָט דער קינסטלער דורכגעפירט בלויז מיט איין אַביסל אַנדערשדיקן קנייטש פון דעם זעלבן אַטמאָספערישן ניגון.

חיים גראַדעס קונסט פון וואַריאירונג פון דערזעלבער געמיט־ און קול־אַטמאָספער איז אפשר, טראַכט איך, נאָך מער אויפטו ווי בערגעלסאָנס. וואָרים בערגעלסאָנס געשטאַלטן לעבן אין אַ סטאַטישער לופט. זיי באַוועגן זיך פּאַוואָליע און ריידן שטיל. בערגעלסאָן דאַרף זיך נישט יאָגן נאָך זיינע געשטאַלטן, כדי איבער זיי דורכצופירן די פּסיכאָלאָגישע און שפּראַכלעכע אָפּעראַציע פון ניואַנסירונג. בערגעלסאָנס פאַרשווינען שטייען, אַזוי צו זאָגן, אין וואַרטן געדולדיק אַז דער קינסטלער זאָל זיי טאָן זייער רעכט פון דינער און פון נאָך דינערער ניואַנסירונג.

די אַטמאָספער אָבער פון גראַדעס פּראָזע איז אַ דינאַמישע. דער פּסיכי־שער וועטער אַרום די געשטאַלטן און געשעענישן אין „דער מאַמעס שבתים" איז אַ זאַווערוכעדיקער. מען גייט דאָרט גיך, מען יאָגט זיך און ריידן רעדט מען הויך, אויף אַ קול, מען טענהט זיך אויס מיטליידנשאַפט און מען קריגט זיך אַ שפּאַר ביסל.

אין אַזאַ אַטמאָספער איז עס, פאַרשטייט זיך, נישט בלויז אָן אַן ערך שווערער צו ניואַנסירן דעם ניגון פון געמיטער און קולות, נאָר אַפילו צו וואַריאירן צורות און פּנימער.

ווי ווייט גראַדע איז אַ מאַדים אויסצוטיילן פּנימער און קולות אינ־מיטן פון אַ דינאַמישער, זאַווערוכעדיקער מאַסן־סצענע קאָן מען צום בעסטן זען אין דעם קאַפּיטל „דער טאָג פון די בעטלער".

כּאַיקע, די מויד, און ראַספּוטין מיט די זיבן ווייבער, די צוויי שוואַרצע, אויסגעמאַגערטע יידן ווי די מלאכי חבלה און די יידענע, די זאַגערקע, וואָס זאָגט אין נוסח פון די הייליקע ספרים; דער הויכער יונג אין דער לעדער־נער קורטקע און דער ייד, דער נייער צדקה־קלייבער; דער רומל־סוחר און דער יונגערמאַנטשיק אָן באָרד און פּאות, נאָר מיט אַ פּושקע — אַן אַרמיי פון קבצנים און שנאָרער, וואָס באַפאַלט די גאַס ווי אַ מחנה היישעריקן. איין שטיק שוואַרצקייט, אַ ליאַרעמדיקער געזשום פון קולות און איין גרויסע אויסגעשטרעקטע בעטלער־דלאָניע.

אונטער גראַדעס קינסטלער־האַנט טיילט זיך דער קנויל פון צורות און געשטאַלטן פאַנאַנדער און מען דערזעט מענטשן — יעדער מענטש אַ כאַראַקטער. עס לייזט זיך אויף דער געשריי און עס דערהערן זיך קולות — יעדער קול מיט זיין באַזונדערן ניואַנס. דער סתם גראָער ליאַרעם ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גוט דיריגירטן אָרקעסטער פון שטימען.

דאָס קאַפּיטל „דער טאָג פון די בעטלער" איז איינס פון די בעסטעביישפּילן פאַר גראַדעס כוח פון קינסטלערישער געמעל־קאָמפּאָזיציע, אָבער נישט דער איינציקער.

אין די אַנדערע צוויי טיילן פונעם בוך, אין „עק וועלט" און אין „די זיבן געסלעך", זיינען צומאָל די לירישע אינטערמעצאָס אַ שטער צו דער שלימות־דיקער קאָמפּאָזיציע און דערעיקרשט צו דעם מאָלערישן צונויפשטעל פון די דעטאַלן.

אָבער אין „דער מאַמעס שבתים", וואָס הויבן זיך אָן מיט ר' ברוכלען און בלומעלען ווי „מיט צוויי בעריאָזקעלעך אויפן שיידוועג ביים אַריינפאָר אין שטעטל" בליען ממש די שיינע געמעל־דעטאַלן איבער דער לענג פון דעם רחבותדיקן און גיך יאָגנדיקן פּייזאַזש פון גראַדעס דערציילונגען.

און אַדאַנק אַט דער וואונדערלעכער קאָמבינאַציע פון דערציילערישער דינאַמישקייט מיט פּרעציזקייט פון מאָלערישן דעטאַל איז גראַדעס „דער מאַמעס שבתים" נישט בלויז אַ ווערק פון פאַרטיפטער פּסיכאָלאָגישער לעבן־און חורבן־דאָקומענטאַציע, און נישט בלויז אַ בוך פון גרויס־טראַגישע געשטאַלטן (די קינדער־דאָקטערשע, דער שוסטער באַלבערישקין פון די „זיבן געסלעך", מישע טרוימאַן פון „עק וועלט") און פון גרויס־יידישע געשטאַלטן (די מאַמע ווערע, דער מחותן און דער חלוץ פון „די שבתים"), נאָר עס איז אויך גראַדעס פּראָזע־ערשטלינג, אַ זייער וויכטיקע פאָרעם־דערגרייכונג אין דער יידיש־בעלעטריסטיק.

(1956)

פאַרצייכענונגען

שלום אַשס סטיל

איך האָב אַ סך מאָל געהערט זאָגן, אַז אַש האָט נישט קיין סטיל. דער פאַרביינער פון אַשס סטיל איז מיר אויסגעקומען ווי יענער טוריסט, וואָס האָט פאַרמשפּט דעם באַרג, ווייל עס זיינען אים נישט וואוילגעפעלן די שטעכלינקעס וואָס וואַקסן אויף אים.

און שטעכלינקעס־ווערטער און זאַצן, וואָס בריען מיט זייער קרומען סינטאַקס ווי מיט קראָפּיווע, זיינען פאַראַן לרוב ביי אַשן. אָבער זיי קענען נישט מינערן דאָס, וואָס הייסט סטיל ביי אַ שרייבער, פּונקט ווי די פאַרוואָרלאָזטקייט פונעם באַרג קאָן ביי אונדז גאָרנישט צונעמען, נישט פון זיין גרויס און נישט פון די האָריזאָנטן, וואָס עפענען זיך פאַר אונדז.

> „נישט די ווערטער נאָר דער באַלעבטער טאָן, די פלאַקערדיקע אויגן פונעם יינגל, האָבן דעם פּאָטערס האַרץ צעטרייסלט״.

אַזוי דערציילט אונדז אַש וועגן דעם געזעגענונג־געשפּרעך צווישן דעם לערער הורוויץ און זיין יונגן זון דוד, איידער מען האָט אים, דודן, אַוועקגעפירט שיסן. און מיר דאַכט, אַז דער „באַלעבטער טאָן״ און דער „פלאַקער פון די אויגן״, וואָס לעבן זיי ווערן ווערטער גופא ערגעצוואו אַ טפל, כאַראַקטעריזירן נישט בלויז די שפּראַך פון איינעם פון אַשס העלדן אין ראָמאַן „וואַרשע״, נאָר אויך שלום אַשס דערציילערישן סטיל בכלל.

עס איז שטענדיק דאָ אין אַשס סטיל עפּעס אַזוינס, וואָס דינאַמיזירט און צעטרייסלט דאָס געפיל ביים לייענער. דער „עפּעס״ בלייבט אָפט שורות־וויז, זייטן־וויז פאַרבאָרגן ביז פּלוצים גיט זיך אַ ריס אויף אַ שפּראַכווענדונג, אַ מעטאַפאָר, אַ בילד, אַ רעפלעקסיע, און דער „עפּעס״ גיט אַ בליץ אויף מיט ליכט און דערעיקרשט מיט עמאָציאָנירנדיקן פּאַטאָס. און דאָס אויסטערלישע דערביי איז וואָס דער ניגון באַלאַנגט שוין איצט נישט בלויז צו די ווערטער און צו די שורות וואו איר האָט אים אַרויסגעהערט. די מעלאָדיע שפּרייט זיך אויף צוריק און באַלעבט מיט איר פּאַטאָס אויך די פּאַראַגראַפן און זייטלעך, וואָס האָבן צו אייך פריער נישט געלויכטן און נישט געזונגען. אמת איז — קיין ניסים געשען נישט. דאָס שפּראַכלעך פאַרגרייזטע און סינטאַקטיש אומבאַהאָלפענע און פאַרקרימטע, וואָס האָט דאָ און דאָרט אַזוי פיל מאָל געשטערט דעם קריטישן לייענער,

גלייכט זיך טאַקע נישט אויס, אָבער עס ווערט זייטיק און אומוויכטיק. עס פאַרשווינדט אונטערן פּאַטאָס פון בילד און קלאַנג.

וואָס באַטייט שוין די פּלאַנטערניש פון אַזעלכע היפּשלעך אומבאַהאָל־פענע זאַצן, ווי —

„מען האָט געוואוסט אַז ער דאַרף איצט קלערן וועגן עפּעס אַנדערש, אַז באַלד וועט מיט אים געשען אַזעלכעס, וואָס וועט אַן ענדע מאַכן צו אַלעם דעם, וואָס איז געווען ביז איצט, און עס וועט זיך אָנהויבן גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש, נאָר דאָס אַנדערע, פון וועלכן ער דאַרף איצט קלערן, צוגרייטן זיך, איז געווען ווי אַן אומאָנגענעמער חוב, אַן וועלכן מען וויל פאַרגעסן,"

וואָס מיט זיי פּרוּווט אונדז אַש איבערגעבן דוד הורוויצעס טראַכטע־נישן וועגן טויט אויפן קורצן וועג פון דער טורמע צום עקזעקוציע־פּלאַץ? וויפיל אויפמערקזאַמקייט קאָן שוין ביי אונדז אַוועקרייסן די פּלאָנטערניש פון די עטלעכע שורות אַז אַט האָט אונדז אַש מיט איין גבורהדיק־פּאַטעטישן מעטאַפאָר ווי מיט אַ טשוואַק אַריינגעשלאָגן אַן אויפטרייסלענדיק בילד אין געמיט אַריין? דעם טויט, דעם „אומאָנגענעמען חוב" — גיט אונדז אַש אַ זאָג — האָט דוד „געהאַט אין זיך איבערלעך אַריינגעשטעקט ווי אַ מעסער אין לעבעדיקן לייב אַריין און דאָך האָט ער געלעבט מיט דעם אין לייב..."

דער „טויט ווי אַ מעסער אין לייב" האָט אַזאַ שאַרף, אַזאַ בליציק און אַזאַ הייס ליכט אין זיך, אַז עס העלט אויף פאַר אונדז מיטאַמאָל דעם אינעווייניקסטן חוש, נישט נאָר פון איצט ,נאָר אויך פון פריער, כ'מיין, איצט אויפן וועג צום שיסן און פריער ביים געשפּרעך מיטן פאָטער און מיט זייטלעך צוריק אין דער אַליינקייט פון תפיסה און מיט קאַפּיטלען צוריק ביים אַרעסט.

אַש איז ווייט, זייער ווייט פון אַפאָריסטיק אין זיין פּראָזע. נישטאָ ביי אים דער ווילן געדאַנקלעך אָדער בילדעריש צוּצושפּיצן זאַצן און ווערטער. ער איז בטבע שפּראַך־אומזאָרגעוודיק און עס פעלט אים לחלוטין די וויר־טואָזיטעט פון „טרייבערן דאָס שפּראַך־פליישׂ", וואָס ס'פאַרמאָגן, למשל, אַזעלכע מייסטערס, ווי אַפּאַטאָשו און שאַפּירא. מען האָט נישט דאָס געפיל אַז אַש זאָל מיטגעבן זיינע שפּראַכוועגדונגען, זיינע אידיאָמען און זיינע סתם זאַצן, צופיל אינטעלעקטועלע באַוואוסטזיניקייט אין וועג אַריין, די איינציקע צידה לדרך, וואָס אַשס קאָמפּאָזיציע־עלעמענטן טראָגן שטענדיק אין זייער „טרייסטע", זיינען דער פיל־געריכטער ראָמאַנטישער חן און אַ גרויסע פּאַרציע פון לירישער וואַרעמקייט.

און פונדעסטוועגן זיינען אָן אַ צאָל די זאַצן ביי אַשן וואָס הגם, דאַכט זיך, כלאחר יד אַריינגעשיקט אין קאָנטעקסט פון דער דערציילונג, שפּרינגען זיי דעם לייענער אין געמיט אַריין מיט עפּעס אַ באַזונדערן כוח פון דראַ־

מאַטישער רעזומאַטיווקייט. עס זײַנען זאַצן אָן שום אויסערלעך סטי־ליסטישן גלאַנץ, אָבער אינערלעך פאַרמאָגן זיי די מוזיקאַלישע קאָנצענ־טרירטקייט פון אַ ביבלישן סוף פסוק.

ווען אַש דערציילט אונדז, ווי זלאַטקע די רויטע, וואָס איז געווען מעוברת מיט מאַטקע גנב, האָט זיך פאַרדונגען פאַר אַן אַם ביי דער זשאַכלינעריך, און —

„נאָך יענעם טאָג האָט זלאַטקע גענומען האַנט־געלט אויף דער מילך, מיט וועלכער די נאַטור האָט זי באַשאָנקען פאַר איר קינד״.

ווייעט אויף אייך אָן דער דאָזיקער זאַץ עפּעס פון דער אמת־מאָנומענטאַ־לישקייט פון די חומש־דערציילונגען און גראָבט זיך אין אייך איין מיט דער צודרינגלעכקייט פון אַ מוזיקאַלישן לייטמאָטיוו, וואָס איר קענט אייך פון אים נישט באַפרייען. ווי דער טאָן פון אַלע קלאַסישע און ביבלישע פסוקים, אַטעמט אויך דער טאָן פון דעם נאַר וואָס ציטירטן זאַץ מיט עפּישער רחבות און פאַרמאָגט טראַגישע קוואַליטעט. שוין דער קאַדאַנס פונעם זאַץ, זיין „מהפך פשטא״־טענאָר רעזומירט טראַגישן קאָנפליקט, איז טראַגעדיע־אָנ־זאָגעריש. און פאַר אַזאַ זאַץ פון טראַגישער אָנגעשפּיצטקייט און פון ביבלי־שער מוזיק איז כאַראַקטעריסטיש וואָס עס גייט אין אים פאַרלוירן, אָדער עס ווערט אין אים, לכל הפּחות, נישט גענוג שאַרף דערפילט דער מאָראַליש־שטראָפערישער עוקץ פון די ווערטער און פון דעם בילד. ווי אין דער חומש־לופט ווערט אויך דאָ דאָס צייטלעך־סאָציאַלע פאַרטויבט דורך דעם העכערן ניגון פון טראַגיק.

און אַ שייכות מיט תנכישקייט האָט אַש׳ס סטיל נישט בלויז דערמיט וואָס ער דערמאָנט שוין ריין זדרויסנדיק אין דער ביבלס דערציילערישער רחבות, אין דער דעקלאַמאַטאָרישקייט פון דער ביבל־שפּראַך און אין איר טעאַטראַלישן דיאַלאָג, און נישט בלויז מיט דעם נאַר וואָס דערמאָנטן ביבלישן רעזומיר־כוח פון די זאַצן, נאַר אויך דערמיט, וואָס אַש׳ס סטיל פאַרמאָגט, ווי איך גלויב, די אָרגאַנישע טענדענץ פונעם תנכישן דערציילער אַרויסצו־פירן זיינע ווערטער און בילדער וואָס גיכער פון שאָטן צו ליכט, פון זעלישן קלעם אויף די העלע פעלדער פון בטחון און נס.

אַש׳ס אַ בילד פאַרחלומט זיך אָפט מיט ריאַליסטישע פּרטים — אַמאָל מיט היפּשלעך פאַרבלאָזע דעטאַלן פון טאָג־טעגלעכן לעבן, אַן אַנדערש מאָל מיט פאַרביקע שטיקלעך פון שטייגערישן דיאַלאָג — און נישט איינמאָל דער־חלומט זיך אַש׳ס בילד צו טערפּקער אַנטוישונג און צו בלינדער אויסגאַנג־לאָזיקייט. אָבער אין דער סאַמע לעצטער מינוט יאָוועט זיך ריין סטיליסטיש אַ „הייליק שניידערל״ און אַש׳ס העלד אינאיינעם מיט אַש׳ס שפּראַך פון העלד־געשטאַלטיקונג קאָנען זיך אויפכאַפּן פון זייער טרוים מיט אַ לייכט

געמיט. דאָס „הייליקע שניידערל" וואַכט איבער דער „העפּי ענד" פון דעם חלום. און דאָס „הייליקע שניידערל" פון „קידוש השם" קען אין דעם חלום זיין אַ פּראָסטער שטומער שטוב־חפץ און אין יענעם — גאָט, ברוך הוא, אַליין.

אַנשעל בעל־קורא פון אַש'ס ראָמאַן „די מוטער" פאָרט קיין אַמעריקע. און נישט גלאַט ער פאָרט, נאָר ער פאָרט אין טראַנס פון אַ באַזונדער מין אויפגעריכטקייט, וואָס דער גורל האָט אים, נאָר אים, באַשערט. אָבער אויף דער שיף האָט אַנשעל דערזען אַז ער האַלט אין פאַרלירן זיין איינגערעדטע אויסנעמלעכקייט. ער איז געוואָרן אויס מיוחס, וואָרים יעדער איז געפאָרן צו „עמעצן" און „יעדער האָט געהאַלטן אַמעריקע פאַר זיין אַמעריקע". עס שטעלן זיך אויס איינער לעבן אַנדערן פאַרשווינען מיט קרובים און אַפילו מיט זיין אין נייעם לאַנד, און אָט צעקוועטשן זיי אַנשעלס לאַנגן און מיט אַזויפיל האַרץ געכאָוועטן חלום וועגן זיין זונס פּאַלאַצן. עס רוקט זיך טונקלקייט אויף אַנשעלס חלום אָבער אין דער לעצטער מינוט קומט אויף אַ העלער פלעק וואָס פירט אַרויס פון זעלישן קלעם, עס קומט צום וואָרט דאָס שוסטערל און ער —

„...האָט אין אַמעריקע אַן אייגענעם, וואָס איז רייכער פאַר אַלע זין מיט אַלע ברידער און פעטערס און דאָס איז דער רבונו של עולם וואָס געפינט זיך אין יעדן לאַנד."

דער פּלוצעם אויפגעלויכטענער פאַקט פונעם רבונו של עולמ'ס עקזיסטענץ „אין יעדן לאַנד" צעשטויבט די גרויקייט פון אַנטוישונג און דער חלום קאָן זיך פאַרענדיקן העל — תנכיש.

און אויך אַן אַנדערש מאָל, אין דעמזעלבן ראָמאַן „די מוטער", ווען אַש אַ בילד צעחלומט זיך מיט פאַרביקן שטייגער־דיאַלאָג צווישן אַנשעל בעל־קורא און זיין וויַיב שרה רבקה וועגן אַ ציג אויף פרישער מילך און וועגן „העכטן אויף צו שעכטן, צו קאָכן אָדער צו בראָטן" אויף וועטשערע, און עס איז פאַראַן די סכנה אַז דער טרוים זאָל זיך ענדיקן מיט אַ רעאַליסטישן סקאַנדאַל, יאָוועט זיך אַ „הייליק שניידערל" און ראַטעוועט דעם חלום.

דער טרוים האַלט ביים צונישט ווערן דורך דעם זון, דעם קאַמאַשניק, וואָס זאַמלט געלט אויף אַ שיפסקאַרטע און גיט דערפאַר שווער אַרויס אַ גראָשן פון קעשענע. דאָס „הייליקע שניידערל" ווערן אין אָט דעם קריטישן מאָמענט דער מאַמעס שוואַרץ־פאַרסאַזשעוועטע טעפּ, און זיי באַוויַיזן עס דעם נס פון נישט לאָזן פאַרזינקען דאָס חלום־בילד אין קאַשמאַרישקייט.

דאָס געזאַנג צו דער „מאַמעס טעפּ" וועל איך עפּעס לענגער ציטירן וואָרום איך וויל עס זאָל מיר העלפן עדות זאָגן אויף אַש אין דער יידישער ליטע־ראַטור, דאַכט זיך, נישט איבערגעטראָפענער מייסטערשאַפט צו פאָעטיזירן די מאַטעריע.

פעמינינע סטיל־עלעמענטן זיינען אין אַש׳ס סטיל זיכער פֿאַראַן. זיי קומען צום אויסדרוק אין דער מעלאָ־דראַמאַטישקייט פֿון נישט איין ראָמאַן־קאַפּיטל און אין דעקאָראַטיווע און צומאָל סענטימענטאַלע דעטאַלן פֿון זיין בילדערישקייט. אָבער דווקא די מאַטעריע־פּאָעטיזירונג איז ביי אַשן פֿריי פֿון יעדער שפּור פֿון ווייבערישקייט. עס קלינגט נישט אָפּ אין אַש׳ס ליבגעזאַנגען צו דער מאַטעריע קיין איין תחינה־טאָן, נייערט עס הערט זיך פֿון זיי אַלעמאָל אַרויס אַ טיף־ברוסטיקער געזאַנג פֿון „ברכי נפשי״.

צי אַש נעמט זיך באַשרייבן „די מוטער״ שרה רבקהס „ערדישע, שוואַרץ־פּאַרסאַזשעוועטע, אין פֿייער אויסגעקאָכטע טעפּ״ וואָס זיינען „געווען אַנדערש ווי אַלע טעפּ״; צי ווען ער שילדערט די סצענע פֿון מאָטקע גנבֿ מיט דער זשאַבלינערינס אייניקל חנהלע, אָדער גאָר ווען ער דערציילט אונדז וועגן דער פֿרילינג־נאַכט, ווען דערזעלבער מאָטקע האָט זיך מתוודה געווען פֿאַר זיין כלה, מלך קאָפּע־מאַכערס טאָכטער — אַלעמאָל איז דאָרט פֿאַראַן דער ריטם פֿון ליבגעזאַנג, אַלעמאָל ווערט די באַשרייבונג פֿאַרוואַנדלט אין אַ מזמור.

דער „מזמור־לטעפּ״ —

„עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פֿאַרמאָגן שוין גאַרנישט אויף זייער באָדן און אין זייערע ראַנדן — האָט דאָך די מאַמע געקאָנט אַרויסקריגן פֿון זיי אַן אונטן־עסן. די מאַמע האָט געקענט „מעלקן״ אירע טעפּ, אַזוי ווי מען מעלקט, להבדיל, אייטערס פֿון אַ קו. קיינמאָל האָבן איר די טעפּ נישט אָפּגעזאָגט. זי האָט זיי געגעבן וואַסער — און די טעפּ האָבן איר צוריקגעגעבן זופּ, נעכטיקן באָרשטש; געזאָטן וואַסער — און זיי האָבן איר צוריקגעגעבן מאכלים מעדני מלכים. איין סגולה האָט די מאַמע געהאַט צו די טעפּ — אַ קרעכץ. אַזוי ווי די טעפּ האָבן נאָר געהערט די מאַמע קרעכצן, איז עס געווען ווי די מאַמע וואָלט איבער זיי אַ געהיימען שפּרוך געזאָגט, מיט וועלכן זי האָט באַשוואָרן די טעפּ אַרויסצוגעבן פֿון זיך דאָס ביסל בידנע חיונה, וואָס זי האָט געדאַרפֿט מפֿרנס צו זיין אירע נפשות״.

די באַשרייבונג איז דאָ געמאַכט ווי אין מענדעלעס נוסח, אַש׳ס סטיל איז בלויז אין געזאַנג, וואָס שוועבט איבער די פֿרעמדע ווערטער. עס קומט אויס גלייך אַש זאָל האָבן געשריבן מוזיק צו מענדעלעס אַ טעקסט און געוויזן דערמיט דעם חילוק צווישן באַשרייבערישן נוסח, וואָס דאַרף זיין אַלעמענס און אַש׳ס מזמור אין פּראָזע, וואָס קאָן נאָר זיין אַש׳ס אייגענער סטיל. אויב עס איז טאַקע גערעכט בעל־מחשבֿות דערמיט, וואָס ער פֿאַררעכנט אַשן פֿאַר מענדעלעס אַ ליטעראַריש אייניקל, דאַן באַשטייט די קרובֿהשאַפֿט צווישן זיי דערעיקרשט אין דעם וואָס אַש האָט דעם זיידנס קולטור־היסטאָרישע באַשרייבונגען פֿאַרטאָנט, זיי פֿאַרוואַנדלט אין ברויזנדיקע „אַז ישיר״־אָדעס.

קיינמאָל, דאַכט זיך מיר, ביז צו אַשן האָט מען אויף פּראָזע־יידיש אַזוי

ניט געזונגען. און איך בין ניט זיכער, צי איך וועל טאָקע באַגיין אַ זינד פון גוזמא, אויב איך וועל זאָגן, אַז מען מוז אויך אין העברעאיש, וואָס שייך געזאַנג אין פּראָזע צוריקגיין אין דעם פּרט ווייט ווייט ביז צו די גאָר אַלטע צייטן. ווי אין יענע גרויסע שריפטן אונדזערע פון די אַלטע צייטן, איז אַשס טבע זיך אָפּצורוען צווישן דערציילערישקייט און פון דערציילערישקייט מיט אַזאַ מין פּראָזע־ליד ווי דער מזמור צו שרה רבקהס פּאַרסאַזשעוועטע טעפּ — דעם סימבאָל פון אָרעמשאַפט און פון העלדישן קאַמף מיט איר.

(1945)

◆

דער יידיש־שרייבער ז. שניאור

איך בין ממש איבערוועלטיקט פון וואונדער און התפעלות, וואָס מיר יום־טובן אַ ליטעראַרישן מיטשעפער פונעם דור פון מענדעלע און פּרץ, פון ביאַליק און שלום־עליכם, אַ מיטשעפער זייערן, וואָס איז נאָך יונג, אינגאַנצן אָקאָרשט געוואָרן זיבעציק יאָר, און איז עלטער נישט מער ווי מיט צען יאָר פון אונדז, וואָס האָבן אין גימנאַזיסטישע שטודיר־קרייזלעך געלייענט, געלערנט און געלערנט אויף אויסווייניק זיינע „עם צלילי המנ־דולינה”.

אין דער וואונדער־געשיכטע פון פולע פינף און פערציק יאָר ליטע־ראַרישע שאַפונג אויף די הויכן פון העברעאישער דיכטונג און בעלעטריסטיק, אין דער דאַזיקער וואונדער־מעשה, וואָס הייסט זלמן שניאור, זיינען אַריינ־געשריבן אויך אַ באַנד יידיש־לידער און פּאָעמען און אַ גאַנצע ריי פּאַר־נעמיקע און ברייט־קאַנוועדיקע ראָמאַנען, וואָס שטייען אין דער מזרח־וואַנט פון דער יידיש־פּראָזע.

אין די יידיש־לידער, וואָס דער פּאָעט האָט ערשט אין לעצטן יאָר פון דער צווייטער וועלט־מלחמה צונויפגעזאַמלט פון זייער פאַרשפּרייטקייט און זיי אַרויסגעבראַכט צווישן בוך־טאָוולען, אין ניו־יאָרק, קומען אונדז אַנטקעגן פולע פערציק יאָר געשיכטע פון אונדזער יידישן און מענטשלעכן געמיט.

מיר הויבן אָן ווי יינגלעך מיטן האָפערדיקן געזאַנג פון די מאַרגאַריט־קעלעך, פאַרכלינען זיך מיט מיידלשע „אויגן פיל שוואַרצער פון קאַרשן” און דערציילן זיך מיט דער איראָניע פון שוין דערוואַקסענע בחורים די פאָלקסליד־מעשה וועגן דעם מיידל איטע פון אַ שטעטל אין דער ליטע,

וואָס האָט געהאַט „אויגן — בלויע, הענטלעך ווייס און די צעפּ — ווי שוואַרצע שלאַנגען".

טעג גייען און יאָרן לויפן און שניאורס ליד וואַקסט אינאיינעם מיט אונדז אַרויס פון די האַפערדיק־זיסע ראָמאַנסן, און עס נעמט אונדז פירן איבער מאָטיוון פון עלנט און וואָגל, איבער אַ פּאָעטישער קנעלונג פון מענטשלעכער עקשנות און פאַרביטערונג, וואָס האָט אויף איר פּאַן אָנגעשריבן אַזעלכע שורות ווי —

„מאָרגן שלום... קיין מאָל היינט!..."

און ווי —

„זיי ווילן פאַרשטעלן מיט קליינינקע גליקן דיין וועג...
האָב פיינט!",

איבער הייסע אָדעס פון באַוואונדערונג און ליבשאַפט צו יידישע קהילות, צו וואַרשע און צו ווילנע, איבער ראַפינירטע נאַטור־לידער וועגן די בערג אין דער סאַקסישער שווייץ, איבער גלות און גאולה מאָטיוון, איבער שטימונגספולע דערמאָנונגען וועגן געשטאַלטן פון אַמאָל און איבער שניידיק־שאַרפע סאַטירעס וועגן מאָנטפּאַרנאַס־פאַרשוינען, און זיי דערפירן אונדז, שניאורס יידיש־לידער, ביז צום לעצטן חורבן און צום באַרדיטשעווערס נייעם דין תורה מיט דער אַרויסרופערישער טענה —

„באַצאָל דיינע קינדער
און גלייך אויף אָן אָרט!
אָדער מודה זיי זיך בפרהסיא,
פאַרן גאַנצן הייליקן קהל,
אַז דו ביסט אָרעם געוואָרן, כביכול,
פון דיינע גרויסע גיטער אַראָפּ."

פערציק יאָר פון זיסער יונגשאַפט און פון ביטערע פיינפולע דערפאַרונגען, פערזענלעכע און כללישע, פערציק יאָר פון אונדזער אויסגערייפטן יידישן געמיט ווערן פאַרקערפּערט אין דער באַנד פון שניאורס לידער.

ווען איך טראַכט צו זלמן שניאורס פּראָזע אין יידיש, וואָס אין איר פאַרנעמט ער אַ חשוב אָרט, ציט זיך די אַסאָציאַציע צום גרויסן פראַנצויזישן שרייבער באַלזאַק און צו מיין קלוגן פעטער ר' משה.

צו באַלזאַקן דערפאַר, ווייל ווי ער, דער מחבר פון „לאַ קאָמעדי אימען" אין דער פראַנצויזישער בעלעטריסטיק, אַזוי האָט אויך זלמן שניאור, דער

מחבר פון אַזעלכע ברייטע ראָמאַן־געמעלן ווי „נח פּאַנדרע״ און „קייסער און רבי״ אַריינגעוואָלגערט, אַזוי צו זאָגן, אין דער יידישער דערציילונגס־קונסט גרויסע באַלעמס פון נאַראַטיוון און געשטאַלטערישן שטאָף — אַזעלכע גרויסע, שווערע און טייערע באַלעמס סחורה, וואָס זיי אַליין פּאַרוואַנדלען אַ קליין געוועלב אין אַ הורטאָוונע סקלאַד און ברענגען צו טראָגן דעם ריח פון ווייטע שטעט און פון פלוצים נאָענט געוואָרענע פרעמדע מענטשן.

און מיין קלוגער פעטער ר׳ משה הי״ד קומט מיר אויפן זינען ווייל ער האָט מיר מיט זיינס אַ גוט און ריכטיק וואָרט וועגן אַ שטאָטישן בעל־תפילה בלא יודעים פירגעזאָגט און קלאָר געמאַכט אַ קריטישע פאָרמולע וועגן אונדזער בעל־היובלס אופן פון בעלעטריסטישער געשטאַלטיקונג *).

אַ גרויסער בעל־תפילה געווען ר׳ משולם וואָלף, דער שניט־קרעמער. ער האָט יום־כיפור ממש צעגומען די מתפללים און די עזרת נשים האָט ער אַריינגעוואָרפן אין היסטערישע געוויינען.

אין אַזאַ מאָמענט פון זעלישער געשפּאַנטקייט, ווען די גרויסע יום־כיפור דראַמע האָט געהאַלטן אין איבערגיין אין סענטימענטאַלער, זעלבסט־רחמנות־דיקער מעלאָדראַמע, האָט מיין פעטער משה נישט פאַרלוירן, אָדער אפשר גאָר צוריקגעוואונען, די רעאַליסטישע סאָוועראַניטעט פון געמיט און אַ געשריי געטאָן אַרויף צו דער עזרת נשים: פאַרגעסט נישט, ווייבער, אַז דער בעל־תפילה איז נישט קיין אַנדערער ווי משולם וואָלף, דער שניט־קרעמער.

זלמן שניאורס געשטאַלטערישער כוח באַשטייט, ווי מיר דאַכט, אין דעם, וואָס ער שאַפט גרויסע געשטאַלטן און פאַרגעסט דערביי קיינמאָל נישט אין זייער רעאַליסטישער וואָכיקייט. זיין רעאַליזם האָט שוואונג, האָט פּאַטאָס, אָבער ער שפּאַנט קיינמאָל נישט אַריבער די דינע גרענעץ, וואו אַ נח פּאַנדרע זאָל אָנווערן די דראַמאַטישקייט פון זיין גבורה אין טומל פון אונדזער סענטימענטאַלער באַוואונדערונג, און וואו דער ווילנער גאון „הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס״ אין צווייטן באַנד פון „קייסער און רבי״ זאָל ווערן אויס דראַמאַטישער גיבור פון תורה און קדושה אין דעם נעפּל פון יראת הכבוד צו עפּעס אַן אויסגעטראַכטער געשטאַלט און נישט צו זיין אייגענער רעאַליסטישער, מענטשלעכער געשטאַלט.

אויף די ברייטע שטחים פון שקלאָווער יידן, פון דער נח פּאַנדרע־סאַגאַ

---

*) דאָס קלוגע וואָרט פון מיין פעטער משה ווערט דערמאָנט אין דער אינטערעסאַנטער און אינהאַלטרייכער אַרבעט פון מיין פעטערס בן־עיר, דער שרייבער יחזקאל קייטעלמאַן, וועגן „די יידישע קהלה אין מעליץ״, אין ערשטן זאַמלבוך „פון נאָענטן עבר״, פאַרלאַג: יידישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1955. איך אַליין נוץ דאָ אַ וואַריאַנט, וואָס איך האָב געהערט נאָכדערציילן אין מיין זיידנס שטוב.

און פון דער שפּע׳דיקער געשטאַלטן־גאַלעריע אין „קייסער און רבי״ איז זלמן שניאור אַלעמאָל און דורכאויס געבליבן דער לאַנג־אָטעמדיקער רעאַ־ליסטישער דערציילער, וואָס פאַרשטייט ווי אַזוי אָפּצורוקן פון זיך און פון אונדז די מענטשן באַשאַפענע פון זיין דמיון, כדי צו געווינען פּלאַץ פאַר דראַמאַטישער מאַנעווורירונג און כדי — זיי צו דערנענטערן צו אונדז.

מע דאַרף לייענען די באַשרייבונג פון יענער שרעקלעכער ווינטער־נאַכט ווען סענדער פּאַרדאָן און נח פּאַנדרע זיינען געפאָרן מיט זייער דריי־געשפּאַן קיין אָרשע און „צווישן די סאָסנעס, ביים עק פון דעם זייטיקן פעלד־און־וואַלד זיינען אַרויסגעשפּרונגען צוויי גרינע שוועבלדיקע פייערלעך״ און ווי אַזוי פּאַנדרע גיבור האָט זיך ספּראַוועט מיט דער וועלפיכע. און מער באַך דאַרף מען לייענען די באַשרייבונג פון דעם צומאַרגנס אין שקלאָוו, ווען „לעבן בעל־עגלהשן צעך, אויפן ברודיקן שניי איז געלעגן אויסגעצויגן אַ גרויסע גרויע חיה מיט דעם גרעלן בויך אַרויף״, און די שטאָט איז גע־גאַנגען אויף רעדלעך מיט פּאַנדרעס שמשון הגיבור־העלדישקייט, כדי צו זען ווי אַזוי דער דערציילער שניאור דערלאָזט נישט אויף קיין איין מאָמענט, אַז די גרויסע דראַמע פון פּאַנדרעס גבורה און העלדישקייט זאָל קאַליע ווערן דורך עפּעס אַ צעיאַכמערטן געוויין פון באַוואונדערונג און פון זעלבסט־באַוואונדערונג. די אויסצייכענונג, וואָס דער בעל־עגלה צעך האָט געגעבן דעם העלד פּאַנדרע איז געווען וואָס ער האָט זיי מכבד געווען און „מען האָט אים אַריינגענומען אין „חברה בייטש״ און ער איז געוואָרן אַ „זייעריקער״.

כדי נישט מעלאָדראַמאַטיש צו מינערן פון דער דראַמע, ווענט שניאור גיכער אַריבערבייגן זיין געשטאַלטערישע פּען אויף דער זייט פון נאַטוראַ־ליסטישער באַשרייבונג. אָבער די נאַטוראַליסטישע סצענעס ווערן ביי אים צום גרויסן טייל לירייש געלייטערט ווי אין דעם אומפאַרגעסלעכן בילד פון דער שריפה ביים נייעם נגיד, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַן אומעטיקער רעפּ־לעקסיע וועגן „דעם שרעק פון אַ שוואַכינקן מענטשן אין דעם ים פון נאַכט״ און ענדיקט זיך מיט דער גרעאַטעוועטער קו, וואָס „האָט זיך מיט גרויס התפּעלות און דאַנקבאַרקייט צעמוקעט איבערן גאַנצן הויף. דאָס האָט זי געבענטשט „גומל״... פון איר בהמהשן סידור „גומל״ געבענטשט״.

מע דאַרף דורכגיין די גאַנצע ברייטע קאַנווע פון שניאורס „שקלאָווער יידן״ און „שקלאָווער קינדער״ און די פינף בענד פון דעם היסטאָרישן ראָמאַן „קייסער און רבי״, וואו עס ווערן געמאָלן פיר צענדליק יאָר יידיש לעבן פון ערב נאַפּאָלעאָן און פון דער נאַפּאָלעאָנישער עפּאָכע גופא און וואו די דראַמאַטיס פּערסאָנע זיינען, צווישן אַנדערע, אַזעלכע גרויס־יידישע פיגורן, ווי דער ווילנער גאון און דער ליאַדער רב, כדי אַרויסצוברענגען די שפּע פון זלמן שניאורס געשטאַלטערישע מעלות און אויך דאָס ביסל חסרונות,

וואָס זיינען נישט לייכט אויפצוכאַפּן, ווייל זיי טויכן אונטער און ווערן ערגעצוואו נעלם אין דעם פאַרנעם פון דעם נאַראַטיוון שטאָף און אין דעם שוואונג פונעם סיפּור המעשה.

◆

לייוויקס מהר״ם געשטאַלט

אין דער מהר״ם־געשטאַלט, וואָס לייוויק האָט פאַר אונדז אויפגעשטעלט, קומט צום אויסדרוק דעם דיכטערס דינאַמישער בליק אויף יידישער געשיכטע. די דינאַמישקייט באַשטייט אין דעם וואָס אין די זיבן בילדער פון דער מהר״ם־פּאָעמע זיינען אָרגאַניש אַריינגעוועבט געוואָרןביידע היסטאָרישע אידייען אונדזערע: אי פּאַסיווער קידוש השם און אי אַקטיווע גבורה פון ווידערשטאַנד. אַ פּרואוו צו פאַרקערפּערן די צוויי אידייען אין איין און דערזעלביקער געשטאַלט האָט לייוויק געמאַכט אין זיין „דער נס פון געטאָ״, וואָס איז אין 1945 אינסצעניזירט געוואָרן פון בן־עמין אין ניו־יאָרקער פאָלקס־טעאַטער אויף סעקאָנד עוועניו. די פיגור פון ישראלן אין יענער פּיעסע קען באַטראַכט ווערן ווי לייוויקס אַ ליטעראַרישע סקיצן־צייכענונג צו דער מהר״ם־סקולפּטור. ישראל ווערט פאַרצערט פון אַ טיפער בענקשאַפט צו קידוש השם און עס פלאַקערט אין אים אויך ס׳פייער פון אַקטיוון אָפּוועך. אָבער די צוויי פלאַמען זיינען אין ישראלס געמיט נאָך צייטלעך פאַנאַנדער־געריסן. אין ערשטן אַקט איז ישראל אַ מיטל־אַלטערלעכער פּרוש, וואָס איז גרייט בלויז אויסצושטרעקן דעם האַלדז צום חלף אין קדושה און אין הכנעה; אין דער לעצטער סצענע איז יענער זעלישער צושטאַנד אינגאַנצן אויסגערונען און ישראל איז בלויז אַ באַריקאַדן־קעמפער, בלויז אַ בר־כוכבא־זעלנער אויף די מויערן פון געטאָ.

אין דער פיגור פון ישראלן ווייטיקט לייוויק דורך דיאַלעקטיש דעם ווידערשטאַנד צווישן די צוויי היסטאָרישע אידייען אונדזערע; אין דער מהר״ם־געשטאַלט האָט ער מנצח געווען אין דעם געראַנגל, און ביידע פּרינציפּן זיינען געוואָרן אַן אָרגאַנישער אומצעטיילבאַרער איינס. אין מהר״ם —

> „מוריה, עין־חרוד, נבו, מאַידאַנעק —
> אין פלאַקער־פייער נעמט זיי אַלעמען אַרום״.

די מהר״ם־געשטאַלט אין ליוויקס פּאָעמע איז יידיש־און יידיש־געשיכטלעכע גאַנצקייט. עס סטאַרטשן פון איר ניט אַרויס ווידעראַנאַנדיקע אידייאישע שפּיצן. קידוש השם און אַקטיווער ווידערשטאַנד זייַנען אין מהר״מס געמיט איין פייער, וואָס ברענט מיט דעם זעלבן כוח אין איין און דערזעלבער צייט; עס ברענט אין יעדן מאָמענט פון אונדזער לעבן און פון אונדזער היסטאָריע.

די בענקשאַפט צו זיין דער קרבן, צו זיין הבל און ניט קין, געהערט בלי ספק צו די פסיכישע קאָמפּליצירטקייטן פונעם גייסטיקן מענטש בכלל. דער פּראַקטישער המון חוזקט פון אַזעלכע „דעגענערירטע באַגערן״, אָבער דער חוזק מינערט נישט גאָרנישט פון דער עקזיסטענץ פון די דאָזיקע פאַרלאַנגען און חלומות —

Sagt es Niemand, nur den Weisen
weil die Menge gleich verhoehnet!
Das Lebendige will ich preisen,
das nach Flammentod sich sehnet.

„דאָס לעבעדיקע, וואָס בענקט נאָכן פלאַמען־טויט״ ווי עס הייסט אין די נאָר וואָס ציטירטע פערזן פונעם אָלימפּיקער געטע, איז אין תוך דער פסיכאָלאָגישער קערן פון דער קידוש השם־אידייע און זאָגט ערגעצוואו אויך עדותשאַפט אויף דער גייסטיקער אויסדערוויילטקייט פון אַ פאָלק אויף די שייטער־הויפנס פון דער וועלט־געשיכטע.

ווי אין אַלע ליוויק־געשטאַלטן איז אויך אין מהר״מ וואַך און אַקטיוו די „בענקשאַפט נאָכן פלאַמען־טויט״, וואָרום:

„אַז אַלע ווילן זיך אַרויסדרייען פון גזר,
איז ווער וועט גיין אויף קידוש השם?״

אויב נישט דער גייסטיקער מענטש, אויב נישט ר׳ מאיר פון ראָטענבורג?

פון באַגער און בענקשאַפט צו עקדה חוזקט דער המון; דער „תכלית־לאָזער קאַמף״ ווידער איז אומפאַרשטענדלעך פאַר די ראשי־קהל פון מאַינץ, פון אָפּענהיים, פון וואָרמס און פון קאָנסטאַנצע אין אַלע לענדער און כמעט אין אַלע צייטן, אָבער דער מהר״ם — ער, ווי אַ ליאַדע פאַרטיזאַנער, ווי אַ ליאַדע געטאָ־קעמפער און „הגנה״־חבר פון אונדזער דור, ווייס, אַז —

„נאָר ווען, חלילה, מיר אַליין דערלויבן זיך
אין אונדזער שרעק צו מאַכן פון זיך הפקר.

— — — — — — —

אוי דעמאָלט זייַנען מיר פאַרלוירן, רבותי״.

וואָרום דעמאָלט קאָן דערגרייכט ווערן דער ציל פון אונדזערע שונאים וואָס

„ווילן אומברענגען אויף טויט אונדזער נשמה
נאָך מער ווי אונדזער גוף".

קידוש השם און אַקטיווער ווידערשטאַנד דינען אַזוי אַרום ביידע איין און דעם זעלביקן געטלעכן געבאָט פון אונדזער קיום צו דערהאַלטן לעבעדיק און ריין די נשמה פונעם יידישן מענטש, די נשמה פונעם יידישן פאָלק.

די דאָזיקע גליקלעכע באַהעפטונג פון די צוויי היסטאָרישע פלאַמען צו איין פייער פון געמיט און ווילן האָט לייוויקן געהאָלפן קינסטלעריש אויספורעמען זיין מהר"ם־פיגור און זי צו דערהויבן צו אַ געשטאַלט פון יידישער אַל־געשיכטלעכקייט. אַזויפיל סוּווערענע איבערצייטלעכקייט ווייעט פון איר און דאָך גליט אין יעדן וואָרט אירן אַ לעבעדיקער פונק פון היינט, אַ פונק פון מאַידאַנעק און פון עין־חרוד.

1946

◈

נבואה און ליריק

אין תוך גייען נבואה און ליריק אַריין אין דעם זעלבן גדר פון בן־אדמס עמאָציאָנעלער קאָנצענטרירונג אינעווייניק אויף זיך, אָבער פונדעסט־וועגן איז נייטיק אַ דיפערענצירונג צווישן זיי ביידע.

דער חילוק צווישן נבואה און ליריק ווערט, דאַכט מיר, צום בעסטן פאָרמולירט אין די ווערטער פונעם נביא ירמיה —

„דער נביא, וואָס ביי אים איז אַ חלום זאָל דערציילן אַ חלום און דער וואָס מיין וואָרט איז ביי אים, זאָל רעדן מיין וואָרט וואָרהאַפטיק" (הנביא אשר אתו חלום, יספר חלום ואשר דברי אתו ידבר את דברי אמת).

די נביאישע ליריק איז נישט פערזענלעך־דיכטערישער טרויס און פערזענלעך־דיכטערישע ליידן־געקלאָג, וואָס דער פּאָעט גיט איבער און זינגט אויס פאַר זיינע צוהערער און געניסער פון זיין קונסט. די ליריק פונעם נביא וועגן זיין אייגענער פרייד און לייד איז בלויז סימבאָל, בלויז צייכן פון אַ שליחות אויף צו רעדן, צו אילוסטרירן דאָס אמתע וואָרט פון גאָט.

וואָס שייך דער נביאישער פאָרם איז איר עיקר זיכער נישט די דרויסנדיקע סטיל־מאַניער פון נאום הד׳, אַזוי האָט גאָט געזאָגט. ביאַליק נוצט גאָרנישט אַזוי אָפט די דאָזיקע פאָרם. דער תמצית פון נביאישער פּאָעזיע, וואָלט איך געזאָגט, באַשטייט גיכער אין דעם וואָס זי איז מער אָנגעלאָדן מיט קול ווי מיט זעאונג.

כאַראַקטעריסטיש פאַר הערונג ווי דער צייכן פון נבואה איז יענע דראַמאַטישע סצענע אין ספר שמואל א׳, וואו עס ווערט דערציילט ווי דאָס יינגל שמואל וועקט דעם אַלטן עלי און פרעגט אים: „האָסט מיך גערופן, האָר?״

דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען, אַז נבואה קומט אויף אין דעם יונגן שמואל. ער האָט אים צוריקגעשיקט צו זיין געלעגער און אָנגעזאָגט: אַז דו וועסט דערהערן אַ רוף, זאָלסטו ענטפערן: „רעד, גאָט, ווייל דיין קנעכט הערט״.

עס איז דערפאַר נישט ריכטיק צו באַצייכענען דעם נביא פאַר אַ חוזה, פאַר אַ זעער. דער נביאישער פּאָעט איז צום אונטערשיד פון די אַנדערע מינים פּאָעטן נישט דער זעער פון חזיונות, נאָר דער הערער פון אינעווייניקסטע קולות. און ווייל ער איז אַ הערער, דערפאַר איז ער אויך מער טריבון, מער אויסלאָדער פון געפילן, מער איבערזאָגער פון אינעווייניקסטע געהערטע שטימען, איידער דער איבערמאָלער פון אינעווייניקסטע געזעענע בילדער.

די ליריק פונעם בעל־התהלים, פונעם נעים זמירות ישראל, איז קאָנצענטרירטע מן־המיצר תפילה אויף דערהערט צו ווערן פון גאָט: די ליריק פונעם נביא, פון ישעיה, פון הושע און פון יונה, דעם אַנטלויפער פון גאָטס שטים, איז די וואָכע ממעמקים־אינטענסיווקייט אויף צו דערהערן גאָט.

דער לירישער אָנשטרענג דערהערט צו ווערן פון גאָט לעבט אין דער אַטמאָספער פון רחמים און פון תפילה; די נביאישע וואַכקייט צו דערהערן גאָט קומט אויף און לעבט זיך אויס אין דער אַטמאָספער פון שליחות און פון פיינפולער וואָרהאַפטיקייט.

דער חלום איז צומייסט זעאונג, נישט הערונג. און יחזקאל, דער טרוים־דערציילער איז מן־הסתם אַ פאַרבלאָנדזשעטער צווישן די נביאים. ער איז אַ פּאָעט־זעער.

ערגעצוואו האָט נאָך דער קריטיקער בעל־מחשבות מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק באַמערקט, אַז ביאַליקס גרויסע פּאָעמעס, וואָס האָבן אויפגע־טרייסלט, צערודערט, אָבער אויך דערמוטיקט אונדזער דור, צייכענען זיך אויס ווייניקער מיט זעערישער בילדלעכקייט און מער מיט געוואַלדיקער

לײדנשאַפט פון געפיל און מיט אַ מאָראַליש־אױפגעבראַזטער שטים, װאָס באַפליגלט און טראָגט דעם דיכטערס רייד — װי אַ שליחות.

ביאַליק מוז נישט רעדן הױך, כדי מיר זאָלן דערהערן דעם הױכן שליחות־טאָן פון זיינע רייד. מיר פאַרנעמען און נעמען אויף דעם דאָזיקן הױכן טאָן אויך דעמאָלט װען ביאַליק אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם קװאַל פון זיין ליד (התדע מאין נחלתי את שירי ?, װען ער דעקט אויף דעם מקור פון דער גייסטיקער גבורה פון די דורות (אם יש את נפשך לדעת) און אַפילו דעמאָלט װען ער זינגט פאַר אונדז אַן עלעגיש ליד װעגן דער אומשייכות צו זיין פאָלק.

אויך אין אַזאַ עלעגישן ליד װי „צנח לו זלזל״ (עס איז אַראָפּגעפאַלן אַ צװייגל), װאָס איז, אגב, פון שטאַנדפּונקט פון װאָרט, ריטם און גראַם איינס פון ביאַליקס סאַמע שענסטע און שטילסטע לידער, פילט מען דעם אינער־װייניקסטן נביאישן קלאַנג פון „גיי און זאָג און באַװייז זיי דיינע רייד מיט אַ צייכן״.

1954

פרידריך שילער און אונדזערע יידישע מאַמעס

אין ביידע דייטשלאַנדס, סיי אין דער אומאָפּהענגיקער מערב־דייטשער רעפּובליק און סיי אין דער סאָװעטיזירטער מזרח־דייטשער „פאָלקס־רעפּוב־ליק״, האָט מען געפּראַװעט מיט גרויס פּאָמפּ און פייערלעכקייט דעם 150טן יאָרצייט פון דעם פּאָעט פרידריך שילער, װאָס איז געשטאָרבן אין װיימאַר, אין 1805, אין עלטער פון זעקס און פערציק יאָר.

אין מערב־דייטשלאַנד, אין דער װירטעמבערגער שטאָט שטוטגאַרט, זיינען די רעדנער ביי דער שילער־פייערונג געװען דער מלוכה פּרעזידענט און דייטשלאַנדס גרויסער שרייבער טאָמאַס מאַן.

אין מזרח־דייטשלאַנד, װידער, אין דער שטאָט װיימאַר, װאו שילער איז נאָך פאַר געטען געקומען צו קבורה אין די „קברי מלכות״ פון די העסישע פירשטן, האָט מען אַ װאָך לאַנג, טאָג־איין, טאָג־אויס, געשפּילט בעטהאָװענס ניינטע סימפאָניע, װאָס דער טעקסט פון איר כאָראַלן פינאַל זיינען די װערטער פון שילערס באַרימטער „אָדע צו דער פרייד״.

דעם פּאָעטס הויז אין װיימאַר, װאָס איז צעשטערט געװאָרן אין דער איצטיקער װעלט־מלחמה, האָט מען אויפן חשבון פון מלוכה־קאַסע צוריק אויפגעבויט און געעפנט װי אַ שילער־מוזעאום.

די דייטשע מינצערייַ אין באָן האָט געמינצט אַ ספּעציעלע מטבע מיט דעם בילד פונעם דיכטער.

מיט איין וואָרט: דער 150טער יאָרצייט פון פרידריך שילער איז גע־פּראַוועט געוואָרן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב איןביידע דייטשע מדינות, אי פאָלקיש און אי מלוכיש.

און ס'איז אַוודאי נישט קיין חידוש. וואָרים שילער ווערט אין דער דייטשער ליטעראַטור פאַררעכנט ווי אַ פּאָר צו נישט קיין קלענערן ווי געטע.

געטע און שילער, ווי מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי אין דער פּוילישער ליטעראַטור, ווי ביאַליק און טשערניכאָווסקי אין דער העברעאישער, און פּרץ און שלום עליכם אין דער יידיש־ליטעראַטור.

געטע און שילער — זייערע גופים האָט מען אַוועקגעלייגט איינס לעבן ס'אַנדערע אין די „קברי מלכות" אין ווייַמאַר און זייערע נעמען ווערן אַרויס־גערעדט אין איין אָטעם.

פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אין דייטשלאַנד אַזעלכע, וואָס פּראָטעסטירן קעגן דעם „אין איין אָטעם" צווישן געטען און שילערן. עס זייַנען פאַראַן פּראָטעסטירער, וואָס דער יסוד פון זייער פּראָטעסט איז אַן אידייאישער, און פאַראַן אַנדערע, וואָס זייַנען נישט סובל, אַז מען זאָל פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט פאַרגלייכן שילערן מיט דעם איינמאָליקן ריז געטע.

צווישן אַנדערע האָבן דעם קינסטלערישן פאַרגלייך צווישן שילערן און געטען נישט אָנגענומען דער פילאָסאָף ניטשע און אויך דער יונג־פאַר־שטאָרבענער אָטאָ ווייַנינגער, וואָס האָט, אַ חוץ זייַן וויסנשאַפטלעך און פילאָסאָפיש זייער קאָנטראָווערסאַלן בוך „געשלעכט און כאַראַקטער", איבער־געלאָזט אויך עטלעכע שאַרפזיניקע ליטעראַטור־קריטישע עסייען, און איינע פון זיי וועגן שילערן.

די הויפּט־קריטישע טענה קעגן שילערן, דעם פּאָעט, איז זייַן רעטאָריק. דער מייסטערהאַפטער מגיד אין גראַמען איז אין אַ טייל פון שילערס דראַמען, און דערעיקרשט אין זייַנע אויסנעמלעך פּאָפּולער־געוואָרענע באַ־לאַדן, אַריבערגעוואָקסן דעם פּאָעט.

אָבער דווקא שילערס מעכטיקער רעדנערישער פּאַטאָס, געפּאָרט מיט דער מאָראַליש־מענטשלעכער קראַפט פון זייַנע געשטאַלטן און מיט זייער עטיש־העראָאישן חיתוך הדיבור, האָבן שילערן באַענט געמאַכט צו ווייטע לייענער־קרייזן און טעאַטער־גייער אין דייטשלאַנד און ווייט איבער די דייטשע גרענעצן.

וואָס פאַרא מחותנים זייַנען מיר, יידן, און מיר, יידיש־שרייבער און לייענער, מיטצופּראַוועט דעם יאָרצייט פון אַ דייטשן דיכטער?

דער ענטפער: מיר זיינען טאַקע נישט קיין שום מחותנים אויף דער „חתונה". מיר האָבן עס אפשר נאָך געקאָנט זיין מיט פופציק יאָר צוריק, ד. ה., צום הונדערטסטן יאָרצייט, אין 1905, און צום הונדערט און פופציקסטן געבוירנטאָג אין 1909. מיר האָבן זיך נאָך געקענט ווייזן ביי אַ דייטשער פייערלעכקייט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, ד. ה., צום דיכטער שילערס הונדערט און פינף און צוואַנציקסטן יאָרצייט, אין 1930.

אָבער היינט, נאָך מאַידאַנעק און טרעבלינקע, ווען פון אונדז ליגט נאָך אין אויער שילערס געזאַנג צו דער „טאָכטער דעס עליזיום" און שילערס רוף „זייט אומשלונגען מיליאָנען"? ווען מיר הערן היינט אויף דייטש שילערס ווערטער ביים סוף פון בעטהאָווענס ניינטער סימפאָניע, ווילען מיר נישט איינמאָל שרייען און נישט אויפהערן שרייען: „ס'איז ליגן! ס'איז דער גרעסטער ליגן, וואָס מען האָט ווען עס איז געוואָגט אונטערצוטראָגן דער וועלט!"

מיר הערן נישט בעטהאָווענס מוזיק און נישט שילערס דערהויבנדיקע ווערטער. ס'איז היטלערס גערעווע איבער דער ראַדיאָ, היטלערס אָנזאָג פון טויט צו מיליאָנען. און די „טאָכטער דעס עליזיום" איז גאָר די בוכנ־וואַלדער בעסטיע עלזע קאָך מיט איר קאָמאַנדע־שטים פון אכזריות און זנות.

און מיר נעמען נישט אָן די איינלאַדונג פון דייטשן דיכטער צו —

„...בעטרעטן פרוידע־טרונקען
געטלעכע, דיין הייליקטום."

שילערס הייליקטום פון וואָרט און בעטהאָווענס הייליקטום פון קלאַנג איז אויפגעגאַנגען און צעשטויבט געוואָרן אין רויך פון די טרעבלינקער און אוישוויצער גאַז־אויוונס.

מיר פּראַווען נישט מיט קיין דייטשע ימים טובים און מיר האָבן אויס־געמעקט פון אונדזער זכרון זייערע יאָרצייטן, אַפילו ווען עס גייט וועגן דעם יאָרצייט פון אַ פּאָעט ווי פרידריך שילער.

אָבער די דיכטונג פון פרידריך שילער איז אין דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט און אין די יאָרן פון ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַ שטיק יידיש־וועלטלעך לעבן. זי האָט משפיע געווען דאָס געמיט פון דורות יידישע טעכטער און אויך פון יידישע זין, אויף וויפיל זיי, די זין, זיינען געקומען אין באַרירונג מיט וועלטלעכער בילדונג.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, אין זינען אין דער ערשטער ריי גאַליציע, בוקאָווינע און אויך די טיילן פון אונגאַרן, וואָס ביי יידן דאָרט און דעמאָלט איז בילדונג געווען אידענטיש מיט דייטש.

ווערט מען פרעגן: נישט היינע, נאָר גאָר שילער איז געווען דער גרויסער פּאָעטישער בעל־השפּעה אין יענע מקומות ביי יידן?

וועל איך דערויף ענטפערן, אַז היינע האָט משפּיע געווען אַלע די, וואָס האָבן באַגערט אַליין צו שרייבן פּאָעזיע. און יעדער ייד, וואָס האָט נאָר גענומען אַ פּאָעטישע פעדער אין דער האַנט אַריין, האָט אָנגעהויבן „בעקבות היינע" (אין די טריט פון היינען) און די מייסטע זיינען איבער היינעס טריט נישט אַריבער און האָבן דעריט פאַרענדיקט זייער דיכטערישע קאַריערע.

היינריך היינעס השפּעה איז קודם כל באַשטאַנען דערין, וואָס דיכטער און „דיכטער" האָבן אים נאָכגעמאַכט. היינע האָט באַווירקט אין דער ערשטער ריי שרייבער און אַזעלכע, וואָס האָבן געפּרואווט ווערן שרייבער.

און אויב געלייענט און ציטירט היינען, האָבן דאָס אויך געטאָן שרייבער מיט און אָן געגנדזענע פּיסלעך און לייענער פונעם מין זכר.

היינע איז געווען צו ריזיקאַליש אין אויסדרוק און אַמאָל טאַקע צו פּריוואַל, אַז יידישע טעכטער, ווי אונדזערע באָבעס און מאַמעס (אונדזערע שוועסטער אין גאַליציע האָבן שוין געלייענט מיצקעוויטשן און סלאָוואַצקין) זאָלן זיך געווען דערלויבן צו ציטירן זיינע פערזן.

פרידריך שילער איז מיט זיין בירגערלעך־אידעאַליסטישער וועלט אַנ־שויאונג און מיט זיין רעדנעריש־דעקלאַמאַטאָרישער שורה געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַרן געמיט פון יענע יידישע טעכטער, וואָס האָבן געזוכט יידישע פּרינציפּן פון איידלקייט און פון מאָראַל ביי אַ גויאישן פּאָעט.

שילערס דראַמעס, „די רויבער" און „קאַבאַלע און ליבע", וואָס מען האָט מיידלווייז געלייענט, אָדער גאָר געזען שפּילן אין טעאַטער, זיינען פּונקט געווען געגנוג אויף אויסצושטורעמען דעם יוגנטלעכן „שטורעם און דראַנג" קעגן דער געזעלשאַפטלעכער צביעות און אויף אויסצודריקן דעם פאַרדראָס, למאי דאָס דערהויבענע און איידעלע ליגט אין אונדזער פאַרדאָרבענער וועלט אונטער דעם קנאַפּל פון געמיינקייט און רשעות.

דערנאָך, אַז מען האָט זיך אויסגעשטורעמט און מען איז געוואָרן גע־זעצטער און אַ מאַמע פון קינדער, האָט מען מיט אידעאַליסטישער בענק־שאַפט און מיט אַ געוויסער פילאָסאָפישער רואיקייט געקענט נעמען ציטירן פון שילערס באַלאַדן, אָנגעהויבן פון דעם „רינג דעם פּאָליקראַטעס" (געבויט אויף דעם גריכישן מאָטיוו, אַז די געטער פאַרגינען נישט דעם מענטשן זיין ביסל מזל) און איבער „די קראַניכע דעס איביקוס" (אויך אַ גריכישער סוזשעט: דער דיכטער איז אַ באַזונדערער ליבלינג פון די געטער און זיי נעמען נקמה פאַר זיין טויט), און איבער דער „בירגשאַפט" (די געטריישאַפט פון אַ פריינד איז גובר אַלע מכשולים), ביז צו דער באַרימטסטער פון שילערס באַלאַדן, „דאָס ליד פאַן דער גלאָקע", וואָס אין אים זאָגט דער

גלאָקן־גיסער אַרויס אין משך פון זיין אַרבעט טראַכטענישן וועגן מענטשנס לעבן און וועגן מענטשנס גורל אויף אונדזער ערד.

כמעט יעדע שורה פון אַט די דערמאָנטע באַלאַדן איז געוואָרן אַ ציטאַט, איז געוואָרן דער מאָמעס ווייבערישער פסוק, וואָס האָט געפּרוּווט האַלטן שריט מיט דעם מאַנסבּיליש־העברעאישן פסוק פונעם טאַטן.

און אָפט האָט געטראָפן, אַז די טאַטעס זיינען געווען קנאַפּע לערנערס, און דער העברעאישער פסוק איז זיי נישט אַזוי גרינג, אָדער בכלל נישט, אָנגעקומען — און דער פסוק פון מענטשלעכער און משפּחהדיקער מאָראַל איז געבליבן דער וואויל־קענעוודיקער מאָמעס ציטאַט פון אַ שילערישער באַלאַדע.

דער ייד מאַטיק, וואָס איז געווען פרידריך שילערס מיטשפּאַצירער איבער די לאָנקעס פון דעם דאָרף באָוערבאַך, וואו ער האָט געלעבט אַ שטיק צייט אין הויף פון דער פראַו פאָן וואָלצאָגען, האָט, וויזט אויס, ריכטיק פאַראויסגעזען, אַז פון דעם דאָזיקן יונגן פּריצישן דיכטער וועלן יידישע קינדער שפּעטער נהנה זיין.

ווען שילער האָט פאַרלאָזט זיין שטעלע פון רעגימענט־כירורג און האָט נאָך עטלעכע חדשים וואוינשאַפט אין מאַנהיים און אין אָגערסהיים אָנגענומען די איינלאַדונג פון פראַו פאָן וואָלצאָגען, איז ער געווען אַ יונגערמאַן פון 24 יאָר. אין הויף פון פראַו וואָלצאָגען האָט ער אין די פאַרמיטאָגן געאַרבעט איבער זיין דראַמע „קאַבאַלע אונד ליבע" און אין די נאָכמיטאָגן פלעגט ער איינזאַם שפּאַצירן איבער די פעלדער. די איינזאַמקייט האָט אים דערעסן און ער האָט געזוכט קאָמפּאַניע, דערעיקרשט פאַר די שווערע ווינטערדיקע נעכט. דער ייד מאַטיק איז אַלעמאָל געווען צו דער האַנט, ווען שילער האָט אים אַ רוף געטאָן שפּילן שאָך אָדער קאָרטן.

לויט דעם 25טן יאָר־באַריכט פונעם „שוואַבישן שילער־פאַראיין", האָט שילער דעם ייד מאַטיק גערן געהאַט צוליב זיין אָנשטענדיקייט, צוליב זיין היפּשער בילדונג און, פאַר אַלעמען, צוליב זיין וויציקייט.

מאַטיקס פרוי איז נישט איינמאָל ברוגז געווען וואָס איר מאַן לאָזט איבער זיינע געשעפטן און גייט פאַרברענגען מיט עפּעס אַן אָרעמען יונגן פּריץ.

אָבער מאַטיק האָט איר געענטפערט:

— אשה, שוויג בעסער און רעד נישט, וואָרים איך ווייס אַליין נישט וואָס ס'מאַכט מיך איך זאָל גיין, ווען ער רופט מיך. ער איז אַ בראַווער מאַן און מען ווייסט נאָך נישט וואָס ס'שטעקט הינטער דעם.

ס'האָבן געשטעקט הינטער דעם די באַלאַדן, וואָס שילער האָט גענומען שרייבן כמעט אַ יאָרצענדליק שפּעטער. און די באַלאַדן זיינען געווען דער שכר, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאַר דער דינסט־גרייטקייט פונעם ייד מאַטיק.

וואָרים פון אַט די באַלאַדן זיינען דאָס געקומען די העראָאיש־אידעאַליס־טישע און רעדנעריש־עפעקטיווע ציטאַטן, וואָס זיינען אין משך פון צוויי דורות נישט אַראָפּ פון די ליפּן פון יידישע טעכטער פון קראָקע ביז יאַס, און וואָס אויך אַ היפּש ביסל יידישע מאַנסבילן האָבן זיי געהאַלטן אין איין איבערזאָגן.

פונעם קדוש, דעם דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, גייט מיר נאָך איינער פון זיינע שטיפעריש־טרויעריקע פערזן וועגן דעם דיבסט־מיידל, וואָס „שפתה סירים ושרה שירים" (זי האָט געריבן טעפּ און געזונגען לידער).

נו, עס זיינען געווען בלי ספק צוויי דורות יידישע פרויען אין גאַליציע און אין בוקאָווינע, וואָס האָבן געריבן טעפּ, געררוקט ברויט אין אויוון, געפּליקט פעדערן און געטאָן אַנדערע שטוביקע מלאכות און דערביי נישט געזונגען קיין יידישע לידער, נאָר געזאָגט זאָגענישן פון שילערס באַלאַדעס.

שילער איז געווען דער שעקספּיר פון יענע צוויי דורות באָבעס און מאַמעס אונדזערע, און איך אַליין, נישט נאָר אין מיין אייגענער משפּחה, נאָר אין אַזויפיל יידישע שטובן אין גאַליציע און אין בוקאָווינע, הער איך עלטערע און אויך יינגערע פרויען רעדן מיט שילערשע פּסוקים.

איך פאַרצייכן די פּסוקים פונעם זכרון אַזוי ווי זיי באַמבלען זיך אין מיין געמיט מיט דער ליאַרעמדיקער אָרנאַמענטיק פון מאַנסבילשער רעדנעריי און מיט דעם ליריש־דעקאָראַטיוון קלאַנג פון צניעותדיקע פרויען־שטימען.

דונערט אַ מאַנסביל־קול:

„פאָן דעס לעבענס גיטערן אַלען
איז דער רוהם דאָס העכסטע דאָך;
איזט דער לייב אין שטאַוב צערפאַלען
לעבט דער גראָסע נאַמע נאָך."
(דאָס ווערטפולסטע פון אַלץ איז די גלאָריע, וואָרים ווען דער גוף איז שוין נישט מער ווי שטויב, לעבט נאָך אַלץ דער גרויסער נאָמען)

און די לירישע פרויען־שטים סעקאַנדירט:

„וואָהל דעם, דער פריי פאָן שולד אונד פעהלע
בעוואַהרט די קינדליך ריינע זעלע."
(וואויל צו דעם, וואָס איז פריי פון שולד און זינד און האָלט אָן זיין קינדיש ריינע נשמה)

איןביידע, אי מאַנסבילשע און אי פרויאישע קולות, הער איך אין מיר אַריינדעקלאַמירן פּערזן פון דעם ליד „ליד פאָן דער גלאָקע" —

„דאָס אוגע דעס געזעצעס וואַכט.
אַרבייט איז דעס בירגערס צירדע,
זעגען איז דער מיהע פּרייז."
(דאָס אויג פונעם געזעץ איז וואַך. די אַרבעט באַשיינט דעם בירגער און דער פּרייז פון מי איז ברכה.)

און צום סוף קלינגען נאָך אין מיין געמיט פּערזן פון שרעק פון דעם־זעלבן „ליד פונעם גלאָק". איך הער די דאָזיקע פּחד־פּערזן קומען פון טויזנטער און אָבער טויזנטער יידישע מיילער —

„געפערליך איזט דען לעוו צו וועקען,
פערדערבליך איז דעס טיגערס צאַהן;
יעדאָך דער שרעקליכסטע דער שרעקען
דאָס איז דער מענש אין זיינעם וואַהן."
(אַ סכנה איז צו וועקן דעם לייב, טויטלעך איז דער צאָן פונעם טיגער, אָבער דער שרעקלעכסטער פון אַלע שרעקנס איז דער מענטש אין זיין שגעון.)

האָבן די יידן פון גאַליציע און בוקאָווינע, מאַנסבילן און פרויען, וואָס האָבן אַזוי אָפט ציטירט אָט די שילערשע פּערזן, געאַנט אַז ס'איז אַזוי נאָענט דער שרעקלעכסטער פון אַלע שרעקן, דער מענטשלעך־חיהשער שגעון אין שילערס לאַנד?

איינער אַ דייטשער ליטעראַטור־היסטאָריקער האָט אַמאָל געשריבן אַז פרידריך שילער איז, אַ דאַנק דער עטישער גרויסקייט און ריינקייט פון זיין ווערק, געוועזן איינער פון די וויכטיקסטע דייטשע פאָלקס־דערציער.

אין אַנגעזיכט פון מאַידאַנעק קלינגט די דאָזיקע באַהויפּטונג ווי ביטערער חוזק.

אפשר זיינען די איינציקע, וואָס האָבן יאָ געגנאָסן פון דעם דערציערישן ווערט פון שילערס פּערזן, געווען יענע צוויי דורות יידישע פרויען, וואָס איך האָב דערמאָנט. זיי האָבן אין שילערס באַלאַדן דערשמעקט אַ זיטלעך־יידישן קערן. די דייטשע שאָלעכץ האָבן זיי נישט אָנגענומען אָדער באַצייטנס אַוועקגעוואָרפן.

(1955)

סיבורג, קראַוז און היינע

פאַר אַ נאַווינע — אַן אַטאַקע אין דייטשלאַנד אויף היינריך היינע. אָבער די אַטאַקע פון פּראָפ׳ פרידעריך סיבורג איז בפירוש אַ נייע, אַן אַנדערשדיקע. ביז איצט האָט מען אין דייטשלאַנד אַ גאַנץ ליב יאָר און אויך ביי דער געלעגנהייט פון די דענקמאַל־פּלענער פאַרן דיכטער, אַטאַקירט היינען אַן ערך אַזוי ווי מיר לייענען דאָס אין הערמאַן קלוגעס זייער פּאָפּולערן שול־טעקסט־בוך פאַר „געשיכטע דער דויטשן נאַציאָנאַל־ליטעראַטור״ —

„...קיין שום ראָמאַנטיקער האָט נישט אויסגעגאָסן די ראָמאַנטישע איראָניע מיט אַזאַ ברענענדיקן, בייסנדיקן גייסטיקן שפּאָט איבער זיינע אייגענע ווערק ווי היינע און אַזוי האָט היינע, וואָס האָט זיך אַלץ מער און מער אַנטפּלעקט ווי אַ כאַראַקטער צום פאַראַכטן, וואָס האָט שענדלעך געזידלט זיין פאָלק און זיין פאָטערלאַנד, אויך סוף כל סוף צומייסט גורם געווען די פאַרניכטונג פון דער ראָמאַנטיק״.

איך ציטיר פון אַ טעקסט־בוך פאַר שולן בימי ווייִמאַר־רעפּובליק און נישט פון ריכאַרד וואַגנערן אָדער פון דעם היסטאָריקער טרייטשקען און פון אַנדערע קינסטלערישע און געלערנטע אַנטיסעמיטן, ווייל איך בין אויסן, אַזוי צו זאָגן, די „דורכשניט־מיינונג״ פון דער דייטשער ליטעראַטור־קריטיק. און די דאָזיקע „דורכשניטלעכע מיינונג״ האָט בדרך כלל נישט אָנגערירט היינעס גרויס־פּאָעטישן כוח, נאָר האָט געפּרואווט צו מינערן דעם ווערט פון דער היינישער פּאָעזיע דאַדורך וואָס „היינע איז געווען אַ כאַראַקטער צום פאַראַכטן און האָט שענדלעך געזידלט דאָס דייטשע פאָלק און דאָס דייטשע פאָטערלאַנד״.

פרידעריך סיבורג איז דער ערשטער דייטש וואָס וויל צונישט מאַכן היינען נישט דערפאַר וואָס ער „האָט געזידלט דאָס דייטשע פאָלק און דאָס דייטשע פאָטערלאַנד״, נאָר ווייל היינעס פּאָעזיע טויג נישט, ווייל היינע איז געווען אַ קליינער דיכטער אָדער גאָר קיין דיכטער נישט.

אַזוי האָט קיין שום דייטשער קריטיקער און קיין שום דייטשער פּראָפעסאָר נאָך נישט גערעדט וועגן היינען. דעם ערשטן פּרואוו צו מינערן היינען נישט פון מאָראַליש־פּאַטריאָטישן, נאָר פון אַ ריין ליטעראַריש־קריטישן שטאַנדפּונקט האָט געמאַכט דער באַוואוסטער יידיש־עסטרייכישער דיכטער און סאַטיריקער קאַרל קראַוז (1874—1936).

פּראָפ׳ סיבורג איז זיך אין זיין אָנגריף אויף היינען סומך טאָקע אויף קאַרל קראַוזן.

דער ייד קאַרל קראַוז איז ווי דער ייד היינריך היינע געווען דורכאויס אַ דייטש, אַן אַריינגעטוועגער אין דייטשער שאַפונג מיטן גאַנצן האַרץ און מיטן גאַנצן באַגער. אָבער באַגלייך מיט היינען האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן די דייטשע גאווה, די דייטשע קאַזאַרמע־דיסציפּלין און דעם זעלישן באַרבאַריזם פונעם דייטשן פאָלק, וואָס האָט זיך על פּי געמיט אַלעמאָל מער אַנגעקערט מיטן קאַנטשיק פון זיינע סערזשאַנטן איידער מיטן וואָרט פון זיינע דיכטער און געלערנטע.

ווי היינע, איז קאַרל קראַוז געווען אַ „לעסטערער" פון דייטשן פאָלק און פאָטערלאַנד. איך וועל אין דעם פּרט ברענגען בלויז איין ציטאַט, וואָס ווייזט גענוג קלאָר און שאַרף קראַוזס „לעסטערונג":

ביים סוף פון זיין עסיי „אַפּאָקאַליפּסע", וואָס איז די ערשטע אין דער עסייען־זאַמלונג „אונטערגאַנג דער וועלט דורך שוואַרצע מאַגי (ווין־לייפּציג, 1925), באַגרינדעט קאַרל קראַוז זיין וואונטש זיך אַריבערצוציען פון עסט־רייך קיין דייטשלאַנד אַזוי —

„איך האָב געוואָלט אַריבערפאָרן קיין דייטשלאַנד, ווייל אַז מען לעבט צווישן עסטרייכער לערנט מען זיך נישט אויס אַזוי פיינט צו האָבן די דייטשן וויפיל ס'איז אומבאַדינגט נויטיק".

וואָס שייך קאַרל קראַוזעס באַציאונג צו יידישקייט, איז זי טאַקע ווייט נישט געווען אַזוי תוכיק, אַזוי תמציתדיק און אַזוי עמאָציאָנעל ווי ביי היינען. אָבער אויך קאַרל קראַוז, וואָס האָט ווי היינע און ווי בערנע „אויסגעביטן ס'רענדל" (אמת, בלויז אויף אַ קורצער צייט) איז געווען אָנגעשטעקט פון יידישן גייסט און האָט אין זיך געטראָגן יידיש־גייסטיקע ירושה, וואָס איז ביי אים געקומען צום אויסדרוק אין דעם נביאיש ברענענדיקן מוסר און אין דעם סאָציאַלן שפּאָט פון זיינע סאַטירעס.

ווי לודוויג בערנע, זיין גרויסער פאָרגייער אויפן געביט פון געדאַנק־לעך־פילאָסאָפישער פּראָזע, איז אויך קאַרל קראַוז נישט גערן געווען וואָס מען האָט אים שטענדיק דערמאָנט און פאָרגעוואָרפן זיין יידישקייט. קראַוזעס יידישע וואָרצלען האָבן נישט געשטעקט אין פראַנקפורטער געטאָ און זיין יידיש געמיט איז דערפאַר נישט געווען אַזוי סענסיטיוו צו די עוולות קעגן יידן, און קראַוז האָט אויך נישט אַזוי אָפט און מיט אַזאַ ברויזיקן „אוודאי בין איך אַ ייד!" רעאַגירט אויף די דערמאָנונגען וועגן זיין יידישקייט, ווי בערנע.

פונדעסטוועגן האָט ער נישט איין מאָל דירעקט אָדער אומדירעקט אויסגעדריקט זיין זעלישע פאַרבונדנקייט מיט דער יידישער ירושה.

אויף אַ פראַגע פון אַ לעזער צי קראַוז האַלט, אַז „צו אים האָט זיך נישט צוגעקלעפּט קיין איינע פון די יידישע אייגנשאַפטן", ענטפערט קאַרל קראַוז

אין זײַן פּאַלעמישער עסײ „ער איז דאָך אַ ייד״, פון װעלכער איך ציטיר די עטלעכע װײַטערע זאַצן —

„איך װײס נישט צי ס׳איז אַ יידישע אײגנשאַפט, װאָס ס׳װילט זיך לייענען דאָס ספר ׳איוב׳ און צי מען קען עס באַטראַכטן פאַר אַנטיסעמיטיזם װאָס שניצלערס אַ בוך װילט זיך אַװעקװאַרפן אין אַ װינקל פון צימער. איך װײס נישט צי ס׳הײסט יידיש געפילט אָדער דײַטש געפילט װען מען זאָגט, אַז די שריפטן פון די יידן עלזע לאַסקער־שילער און פּעטער אַלטענבערג שטײען נענטער צו גאָט און צו דער שפּראַך, װי אַלץ װאָס די דײַטשע ליטעראַטור האָט אַרױסגעבראַכט אין די לעצטע פופציק יאָר. איך װײס נישט צי דאָס הײסט אַנטיסעמיטישער קאַריעריזם װען מען האַלט אַז אַ ייד פון דער ׳רינג־שטראַסע׳ (אײנע פון די װינער הױפּט־גאַסן, װאו עס האָבן געװאױנט רײַכע יידן — ש. ב.), װאָס גײט קײנמאָל נישט אין טעמפּל, אָבער דערפאַר דעם 18טן אױגוסט אין אישלער קלױסטער (דעם 18טן אױגוסט איז געװען פראַנץ יאָזעפס געבוירנטאָג און דאָס אַלפּן־שטעטל אישל איז געװען דעם קײסערס זומער־רעזידענץ — ש. ב.) איז אַ װײניקער סימפּאַטישע דערשײנונג װי דער הער ביעלאָלאַװועק (אַנטיסעמיטישער מיטגליד פונעם נידער־עסטרײַכישן רעגיאָנאַל־פּאַרלאַמענט, װאָס האָט אױסגענומען מיט זײַן שאַרף־װיציקער צונג — ש. ב.), און איך װײס נישט צי דאָס איז אַ יידישע אײגנשאַפט צו האַלטן, אַז דער אַלטער בראַנפן־שענקער אין אַ קאַ־פּאָטע פאַרמאָגט מער קולטור װי דער מיטגליד פונעם דײַטש־עסטרײַכישן שריפטשטעלער־פאַרבאַנד אין אַ טאַקסידאָ״.

אָט דער לענגערער ציטאַט פון קאַרל קראַוזעס עסײ „ער איז דאָך אַ ייד״ האָט אין זיך נישט, װי געזאָגט, דעם ברי און דעם פּאַטאָס פון לודװיג בערנעס טיפער אינעװײניקסטער באַהעפטונג צו יידישקײט װי זי קומט צום אױסדרוק אין זײַן באַרימטן זעקס און צװאַנציקסטן בריװ פון פּאַריז פון 7טן פעברואַר, 1832.

דאָס, װאָס אַ װיציקער אַנטיסעמיטישער „פאָלקס־מענטש״ ביעלאָלאַװועק האָט געקאָנט אַרױסרופן צו זיך אַ פּאָזיטיװע באַציאונג מצד אַ שרײַבער װי קאַרל קראַוז, האָט זיך גענומען פון דעם מאָדנע טראַגישן טעות צו אידענ־טיפיצירן קולטור אַפילו מיט ביעלאָװעקשער עכטקײט, װיבאַלד אומ־עכטקײט איז דער סימן מובהק פון אומקולטור.

און דער ייד פון דער „רינג־שטראַסע״ איז טאַקע מיט זײַן שטײַגער פון רוטינאָװער רעגירונגס־לאָיאַליטעט און מיט זײַן סאָציאַלן סנאָביזם, װאָס האָט אים אײנמאָל אין יאָר געפירט אין קלױסטער אַרײַן און קײנמאָל ניט פאַרפירט אױך אין אַ טעמפּל, בפירוש אַן אַנטי־קולטור דערשײנונג. אָבער דערפאַר װערט ניט דער מאַן פון דער װינער פאַרשטאָט, הערמאַן

ביעלאָלאַוועק, וואָס האָט פון דער פּאַרלאַמענט־טריבונע גערעדט עכטע רייד פון שנאה און פון אַנטיסעמיטישער פאַרקרומטקייט — אַ קולטור־דערשיינונג.

אלו ואלו זיינען דער היפוך צו קולטור, וואָס פאַרטראַגט פונקט אַזוי ווייניק, און נאָך ווייניקער, ווי רוטין און סנאָביזם, דאָס „עכטע" חיהש־פּאַר־אומרייניקטע געפיל פון פּרימיטיוון יידן־האַס.

אָבער פונדעסטוועגן זיינען די ווערטער, וואָס איך האָב ציטירט פון קראַוזעס עסיי „ער איז דאָך אַ ייד" און אויך פון זיין עסיי „אַפּאָקאַליפּסע" געצוג באַוויז, אַז קאַרל קראַוז האָט ניט געהערט צו יענעם טיפּ דייטשישע שרייבער, וואָס האָבן מורא געהאַט צו רעדן וועגן זייער יידישקייט, און אויך ניט צו יענעם מין יידיש־דייטשע שריפטשטעלער, וואָס האָבן געשלונגען דייטשקייט אויפן פּוד, האָבן זיך מיט איר פּאַסמאַקעוועט און האָבן גע־מאָלדן דער וועלט, אַז ס'איז גוט צו זיין אַ דייטש — אַ מחיהניש.

קאַרל קראַוז האָט, ווי לודוויג בערנע, וואָס אים האָט ער הונדערט פּראָצענטיק אָנערקענט און געהאַלטן פאַר זיין פאָרגייער, און ווי היינריך היינע, וואָס אים האָט ער ניט אָנערקענט און געפּרואווט דיכטעריש צונישט מאַכן, ניט פאַרלייקענט זיין יידישקייט, און ווי ביידע האָט ער ביטער גע־לעסטערט און „געזידלט דאָס דייטשע פאָלק און דאָס דייטשע פאָטערלאַנד".

דער דייטשער פּראָפעסאָר פרידעריך סיבורג, וואָס וויל לויטן נאַצישן שטייגער מאַכן דעם אָנשטעל פון אַן אומשולדיקן, ריינעם ליטעראַטור־קרי־טיקער, וואָלט קודם באַדאַרפט עפנטלעך דערקלערן צי ער אָנערקענט דעם „זידלער פון דייטשן פאָטערלאַנד", קאַרל קראַוז, פאַר אַ ליטעראַרישן עקס־פּערט.

אָבער לאָמיר לאָזן אין אַ זייט דעם דייטשן פּראָפעסאָר, וואָס זיינע מיינונגען האָבן פאַר אונדז ווייניק אינטערעס, און הערן וואָס עס האָט אויסצוזעצן קעגן דעם דיכטער היינע דער קריטיקער קראַוז, וואָס זיין מיינונג קאָן אונדז בפירוש אינטערעסירן.

קאַרל קראַוזעס אַנטי־היינע־עסיי הייסט „היינע אונד די פאָלגן". די עסיי האָט קראַוז אָנגעשריבן אין פרילינג, 1910, און האָט זי איינאיינעם מיט אירע צוויי הוספות „נאָכוואָרט צו היינע אונד די פאָלגן" (זומער 1911) און „צווישן דען לעבנס־ריכטונגען" (פרילינג 1917) אַריינגענומען אין זיין עסייען־זאַמלונג „אונטערגאַנג דער וועלט דורך שוואַרצע מאַגיע" (ווין־לייפּציג, 1925).

די וויכטיקסטע פיר טענות קעגן היינען זיינען (איך וועל פּרוּוון איבער־געבן קראַוזעס אַנטי־היינע־טעזיסן ווי מעגלעך אָן פּירושים און אָן קרי־

טיק. איך וועל אַזוי פּרוּווּן טאָן דערפאַר, ווייל, מיר דאַכט, אַז ס׳איז כדאי צו הערן קראַוזעס און צו לאָזן ווירקן אָן שום פאַרמיטלונג זיינע אַרגומענטן אויפן יידישן לייענער, וואָס פון צווישן אַלע וועלט־לייענער איז ער אין משך פון איבער הונדערט יאָר און אין אַלערליי שפּראַכן געווען היינעס געטרייס־טער, היינעס געבוירענער לייענער):

א) „היינעס ליריק — דאָס איז די שטימונג אָדער די מיינונג מיט דעם ׳הערט נאָר, הערט׳ געקלינגל פון גלעקלעך. היינעס ליריק איז מעלאָדיע, אַזוי אינגאַנצן מעלאָדיע, אַז ס׳איז נויטיק געווען צוצופּאַסן צו איר מוזיק. און דער דאַזיקער צוגעפּאַסטער מוזיק פאַרדאַנקט היינעס ליריק מער ווי זיך אַליין איר גליק ביים פיליסטער. וויפיל דייטשע פיליסטער וואָלטן דען געוואוסט, וואָס היינע זאָל באַדייטן, ווען ניט די מעלאָדיע, וואָס דער הער זילבער האָט צוגעפּאַסט צו „איך ווייס ניכט וואָס זאָל דאָס בעדויטן?״ וואָלטן די דאָזיקע קונים אויך דאַן באַגערט היינעס ניט שווערע פּאָעזיע, ווען זי וואָלט זיי ניט צוגעשטעלט געוואָרן אויף די פליגלען פון געזאַנג?״

ב) „אַלע יענע, וואָס אַ ליד מיינט פאַר זיי געגראַמטער הסכם מיטן דיכטער, יאָגן זיך נאָך היינען. ווער עס וויל פּאַקן דעם דיכטער ביי דער זוכעניש פון עובר לסוחרדיקע אַלעגאָריעס און ביים אָנקניפּן פון באַצי־אונגען מיט דעם אָרום, דער וועט היינען האַלטן פאַר אַ גרעסערן ליריקער ווי גּעטען. ווער אָבער עס נעמט אויף אַ ליד ווי די אַנטפּלעקונג פונעם דיכטער, וואָס איז פּאַרזונקען אין נאַטור־זעאונג, דער וועט ביי זיך אָפּמאַכן, אַז היינע איז ניט מער ווי אַ געניטער פרייד־ און לייד־טעכניקער, ניט מער ווי אַ פלינקער באַקליידער פון פאַראַנענע שטימונגען. ווי אַזוי ס׳איז רואיק איבער אַלע באַרג־שפּיצן, גיט געטע איבער אונדז און זיך אַליין אין אַזאַ גרויס געשפּירטער נאָענטקייט, אַז די שטילקייט לאָזט זיך הערן ווי אַן אַנונג״.

„אָבער ווען אַ סאָסנע בוים״, דערקלערט קאַרל קראַוז אויף זיין כאַראַק־טעריסטיש־שאַרפן שטייגער, „שטייט ביי היינען אויף אַ נאָענטן באַרג אין צפון און חלומט וועגן אַ פּאַלמע אין לאַנד פון מזרח, איז דאָס אַ באַזונדערע אָנשטענדיקייט מצד דער נאַטור, וואָס זי קומט אַנטקעגן אַלעגאָריש היינעס בענקשאַפט. ווער עס האָט אַמאָל געזען אַ קונציקע בילד־אימיטאַציע אין דער וויטרינע פון אַ צוקער־בעקער אָדער פון אַ פּעליעטאָניסט, דער קען נתפּעל ווערן, אויב ער איז אַליין אַ קינסטלער. אָבער ווערט צוליב דעם אויך דער באַשאַפער פונעם בילד אַ קינסטלער?״

ג) „אין תוך איז עס ניט עפּעס אַנדערש ווי סקאַנדירטער זשורנאַליזם, וואָס לאָזט וויסן דעם לעזער וועגן זיינע (היינעס) שטימונגען. היינע אינ־פאָרמירט אַלעמאָל און אויף אַ בולטן אופן. צומאָל זאָגט ער עס אין דער שפּראַך פון אַ בלאָער בלום, וואָס איז ניט אין זיין גאָרטן געוואַקסן, און

צומאָל דירעקט. וואָלט דאָס זאַכלעכע ליד וועגן ‚די דריי הייליקע מלכים' געווען געשריבן פון אַ דיכטער, וואָלט עס געווען אַ ליד. „דאָס עקסעל האָט געמרוקעט, דאָס קינד האָט געשריגן, די הייליקע דריי מלכים האָבן גע־זונגען". דאָס וואָלט געווען די שטימונג פון דער זאַכלעכקייט. אַזוי אָבער ביי היינען איז עס בלויז אַ באַריכט".

נאָך קלאָרער ווערט היינעס „באַריכט־פּאָעזיע", לויט קראַוזן, אין דער פּאָעמע „וויצליפּוצלי", וואו דער דיכטער מעלדעט אין פּרוזע, אַז —

„הונדערט זעכצן שפּאַניער האָבן געפונען
זייער טויט אין יענעם טאָג;
איבער אַכציק זיינען אַריינגעפאַלן לעבעדיק
אין די הענט פון די אינדיאַנער.
פאַרוואונדעט געוואָרן זיינען אַ סך
וואָס זיינען ערשט שפּעטער אומגעקומען.
כמעט אַ טוץ פערד איז געוואָרן
צום טייל געטויט, צום טייל געפאַנגען".

און קראַוזעס פירוש צו די פּערזן איז, אַז עס קלינגט ווי אַ אינדיאַנישע לאָקאַל־קאָרעספּאָנדענץ. „און אַזוי ווי די זאַכלעכקייט, אַזוי איז דאָס געפיל, אַזוי איז די איראָניע: ניט דירעקט, נאָר אַלץ מיט דער האַנט גענומען, פון יענער צווייטער האַנט, וואָס דירעקט איז זי בלויז משיג דעם שטאָף".

און וואָס שייך היינעס וויץ, איז קראַוז זיכער, אַז היינע איז אַפילו „קיין וואָרער ציניקער ניט געווען", וואָרום „אַ דיכטער קאָן ניט רעדן צו אַ מיידל, וואָס באַוואונדערט געריירט דעם זון־אונטערגאַנג, און צו איר זאָגן ווי היינע" (איך איבערזעץ אין פּראָזע) —

„מיין פריילין פאַרלירט ניט אייער גוט געמיט
עס איז אַן אַלטע מעשה,
דאָ פאַרענט גייט זי (די זון) אונטער
און קומט פון הינטן צוריק".

אַ דיכטער — פאַרזיכערט אונדז קראַוז אַבעראַמאַל — קען אַזוי ניט רעדן „ניט מחמת רעספּעקט פאַרן מיידל, נאָר מחמת רעספּעקט פאַרן זונען־אונטערגאַנג. היינעס ציניזם שטייט אויפן ניוואָ פון דעם מיידלס סענטי־מענטאַליטעט".

ד) ווען איפיגעניע (אין געטעס „איפיגעניע אויף טאַוריס") בעט

ביים קיניג אַ ליב וואָרט פון געזעגענונג און דער קיניג זאָגט צו איר ׳זיי געזונט׳, איז דאָס גלייך מען וואָלט זיך צום ערשטן מאָל אין דער וועלט געזעגנט, און דאָס דאָזיקע ׳זיי געזונט׳ איז שקול קעגן היינעס ׳בוך דער לידער׳ און דערצו נאָך קעגן זיינע אַ הונדערט זייטן פּראָזע. דער סוד ווי אַזוי עס ווערט געבוירן אַן אַלט וואָרט איז אים געוועזן פרעמד. די שפּראַך איז אים געווען וויליק, אָבער זי האָט ביי אים קיינמאָל ניט אַרויסגערופן קיין שוויגנדיקן עקסטאַז. ער האָט ניט דערפילט דעם צוואַנג צו קניען פאַר דער שפּראַכס חסד, און ער איז איר קיינמאָל ניט נאָכגעגאַנגען אויף סטעזש־קעס, וואָס דעם לעזערס אויג קען זיי ניט טרעפן, און אַהין, וואו עס הויבט זיך ערשט אָן די ליבע״.

ס׳וואָלט אונדז צו וויט פאַרפירט איבערצוגעבן מער ווי די פיר חטאים, וואָס קראַוז געפינט ביי היינען. איך האָב אויסגעקליבן די פיר פון צווישן נאָך אַנדערע אי, ווייל זיי זיינען, לפי דעתי, די וויכטיקסטע און אי, ווייל מיר דאַכט, אַז דער יידיש־לייענער וועט אין זיי געפינען היפּש קלאָרע ענ־לעכקייטן צו די קריטישע תרעומות פון איין דיכטער־גרופּע צו דער אַנ־דערער אין אונדזער אייגן ליטעראַריש וועלטל.

„באַקליידער פון פאַראַנענע שטימונגען״ זיינען לויט די „יונגע״ גע־ווען אַלע סאָציאַלע דיכטער און אויך אברהם רייזען, וואָס האָט אין זיין יחידישן ליד אויסגעדריקט די אַלגעמיינע געמיט־שטימונג פון דער יידי־שער אָרעמשאַפט.

די „יונגע״ און זייערע נאָכפאָלגער האָבן געהאַלטן די„אינזיכיסטישע״ גרופּע פאַר „געניטע פרייד־ און לייד־טעכניקער״ און פאַר מייסטער פון „סקאַנדירטן זשורנאַליזם״.

און די „אינזיכיסטן״ זיינען געווען, און, מיר דאַכט, צום טייל גע־בליבן פול חשד קעגן דער ליריק פון איציק מאַנגער, מאַני לייב און זישע לאַנדוי וואָס איז „מעלאָדיע, אַזוי אינגאַנצן מעלאָדיע״.

די מלחמה, וואָס מיר פירן אין אונדזער אייגענער יידישער און העברע־אישער ליטעראַטור, איז אַ טייל פון דעם סדר המלחמות אין די ליטע־ראַטורן פון איבער גאָר דער וועלט.

די ליטעראַטור־קריטיק איז וויט ניט קיין עקזאַקטע וויסנשאַפט, און דער קריטישער „וואָס איז גוט״ און „וואָס איז שלעכט״ הענגט דער־עיקרשט אָפּ פון דעם קריטיקערס, דעם דיכטערס און דעם סתם ליטעראַטור־געניסערס געשמאַק.

און דער עסטעטישער געשמאַק — ער איז אַ רעזולטאַט פון אַ סך באַ־וואוסטזיניקע און אומבאַוואוסטזיניקע „לשם שמים״־מאָטיוון, אָבער אויך פון אַ היפּש ביסל פּראָזאאישע סיבות.

דאָס וואָס אַזאַ דייטשער פּאָעט צווישן אַ סך דייטשע פּאָעטן, ווי ריכאַרד דעמעל, האָט געהאַלטן, אַז היינע „האָט אונדזער מוטער־שפּראַך גערעדט מעכטיקער ווי אַלע מילערס און שולצעס", האָט אויף קאַרל קראַוזן קיין איינדרוק ניט געמאַכט. ער איז אויך ווייניק וואָס נתפּעל געוואָרן דערפון, וואָס כמעט דורכאויס די גאַנצע דייטשע און אויך די וועלט־קריטיק האָט היינען באַטראַכט פאַר אַ דיכטער, וואָס האָט געגעבן אַ נייע פאָרעם דעם לירישן ליד.

אָבער אַ חידוש איז קראַוזן געווען, וואָס אַ דיכטער אַ פילאָסאָף און אַ סטיל־מייסטער ווי פרידריך ניטשע האָט געפלאַמט מיט באַגייסטערונג פאַר היינען און זיך איבערגענומען דערמיט, וואָס זיין נאָמען וועט באַגלייך מיט היינעס גיין איבער די יאָרטויזנטער.

היינעס נאָמען איבער די יאָרטויזנטער?! און פאַר ניטשען איז עס אַ כבוד, וואָס זיין אייגענער נאָמען וועט גיין באַגלייך מיט היינעס איבער דער געשיכטע?! ווי אַזוי האָט ניטשע געקענט זיין אַזוי „באַשיידן" אין זיין בוך „עקצע האָמאָ", וואָס ווערט פון אַ סך, אויב ניט פון די מייסטע, באַטראַכט פאַר אַ בוך וואו ס'בושעוועט אָפן דער גרויסקייט־שגעון?

קאַרל קראַוז פאַרטייטשט ניטשעס „באַשיידנקייט" דערמיט, וואָס ניטשע האָט אין היינען געפונען אַ שותף צום האַס קעגן דייטשלאַנד און ער, דער מחבר פון „אַזוי האָט געזאָגט זאַראַטוסטראַ", איז געווען להוט נאָך אַזאַ שותפות און האָט דערפאַר איבערגעשאַצט היינען.

(אגב, האָבן די נאַציס זיך ווייניק וואָס געמאַכט פון ניטשעס דייטשלאַנד־האַס, וואָס האָט אים דערפירט אַזש אַזוי ווייט ווי צו „איבערשאַצן" דעם יידישן פּאָעט היינע. פאַרקערט, זיי האָבן גאָר ניטשען געמאַכט פאַר זייערס אַ פאָרגייער אין דייטשלאַנד־ליבשאַפט).

אָבער אויב מיר זאָלן טאַקע לאָזן גילטן קראַוזעס פירוש צו ניטשעס הויכער מיינונג וועגן היינען, וואָלטן מיר, דאַכט זיך, דעם זעלביקן טייטש געקענט אַנווענדן אויך אויף קראַוזעס נידעריקער מיינונג וועגן היינען.

קראַוז האָט מיט אַ וואַכן געפיל פון ממש מיטצייטלערישער אַקטועל־קייט איבערגעלעבט סיי דעם לשם שמים־סכסוך און סיי דעם פּערזענלעכן קאָנפליקט צווישן זיין פאָרגייער לודוויג בערנע און דעם דיכטער היינריך היינע. קראַוז, דער „מוסרניק", איז געווען פול מיט לויב פאַר בערנעס גע־זעלשאַפטלעך און פּערזענלעך־עטיש־הויכער האַלטונג און האָט געפלאַמט סאַטיריש ווען ער האָט געלייענט היינעס היפּשלעך מערקאַנטילישע הקדמות צו זיינע לידער־ביכער און נאָך מער היינעס פּאָליטיש־זיגזאַגישע אַרטיקלען און באַמערקונגען וועגן פאַר און קעגן פרייהייט־קאַמף אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך, און ועל כולם, ווען ער האָט געבלעטערט היינעס ניט גע־

שמאַקע (זייער ניט געשמאַקע!) פּערזענלעכע פּאָלעמיק קעגן בערנען.

בערנען האָט קראַוז אַזוי ליב געהאַט, אַז ער האָט אים אַפילו מוחל געווען וואָס ער, בערנע, האָט זיך אונטערגענומען, ניט מער און ניט ווייניקער, ווי געזעלשאַפטלעך־מאָראַליש, און צום טייל אויך ליטעראַריש, אַ תל צו מאַכן פון געטען.

בערנע — האָט קראַוז געשריבן — איז געווען דער לעצטער, וואָס האָט דאָס געמעגט פּרוואוון.

היינע איז קראַוזן מאָראַליש אַזוי ניט געווען צום האַרצן, אַז ער האָט לייכט געקענט דערזען די שוואַכע פלעצער אין זיין „בוך דער לידער" און „ראָמאַנצעראָ", און די דאָזיקע שוואַכקייטן גענעראַליזירן און זיי מאַכן פאַרן יסוד פון אַ דיאַלעקטיש־שאַרפער, קריטיש־פאַרניכטנדיקער מיינונג וועגן היינען.

אין תוך האָבן אָבער די צוויי גרויסע יידיש־דייטשע שריפטשטעלער לודוויג בערנע ביים אָנהייב ניינצנטן און קאַרל קראַוז ביים אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קיינמאָל אַזוי ניט געגרייזט ווי דעמאָלט, ווען זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן קריטיש צו מינימיזירן די פּאָעטישע ווערק פון געטען (בערנע) און פון היינען (קראַוז).

(1953)

וועגן פּאַמפלעט־שרייבער

די פּאָלעמישע קריטיק וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען פּאַמפלעט קען נאָר דעמאָלט האָבן ליטעראַרישן טעם און געזעלשאַפטלעכע באַרעכטיקונג ווען הינטער איר שטייט דעם שרייבערס ספּאָנטאַנער מאָראַלישער אימפּולס און אויפברויז. בלויז דעמאָלט ווען דעם לייענערס געמיט דערשפּירט הינטערן פּאַמפלעט אַ מאָראַליש אויפגעשטורעמטע און צעוויטיקטע שרייבער־געשטאַלט, איז דער לייענער בכוח אויפצונעמען און צו אַקצעפּטירן דעם פּאַמפלעטאַרס גוזמאדיק סאַטירישע בילדער און פּאָלעמישע שאַרפקייטן. וואָרום נאָר דעמאָלט זיינען די דאָזיקע גוזמאות און שאַרפקייטן געזיכערט קעגן דעם ריח פון רשעות און וואולגאַריטעט.

און עס קען זיין אַז ווייל דער שעפערישער קלימאַט פון פּאַמפלעט איז נישט קילער ישוב הדעת, נאָר הייסער מוסר־טעמפּעראַמענט, איז דער פּאַמפלעט־זשאַנער ווייניקער אין דער היים ביי די אַנגלאָ־סאַקסן און מער ביי די וואַרעם־בלוטיקע און מאָראַליש סענסיטיווע פראַנצויזן און — יידן.

פאַר די גרעסטע פּאַמפלעטאַרן אין דער געשיכטע פון דער מענטש־

לעבער קולטור מעגן בלי ספק פאַררעכנט ווערן די יידישע נביאים. און וואָס שייך אונדזער צייט — איז די פּאַמפלעטאַרישע גבורה אין משך פון די לעצטע הונדערט יאָר איינגעשטאַנען ביים פראַנצויז האַנרי דע ראָשעפאָר און ביים עסטרייכישן ייד קאַרל קראַוז.

ראָשעפאָר און קראַוז האָבן פאַרמאָגט אַ גייסטיקן שפּאָט נישט צום אויס־לעשן, אַ סאַטיריש בילד נישט צום אָפּמעקן און זייגען דערביי — די היס־טאָרישע דיסטאַנץ וואָס טיילט אונדז אָפּ פון זיי גיט אונדז ס׳רעכט דאָס צו זאָגן מיט זיכערקייט — געווען מער ווי אַ סך מאָל אומגערעכט.

דער פּאַמפלעטאַר מוז נישט זיין גערעכט. ער מוז זיין באַרעכטיקט. און באַרעכטיקן באַרעכטיקט אים די עכטקייט פון זיין מאָראַלישן אויפברויז און די פּיין פון זיין טראַגישער איבערלעבעניש וואָס דער אויפברויז איז גורם.

און טראַגיש איז דער פּאַמפלעטאַר דערפאַר, ווייל אין תוך איז ער אַ מילדער, אַ גוטהאַרציקער און פאַרמאָגט אַלע מעלות וואָס עס דאַרף האָבן אַ מענטש כדי פאַררעכנט צו ווערן פאַר אַ נוח לבריות. דער פּאַמפלעטאַר איז גובר אין זיך אַלע מילדקייטן, ווייל דער סאַטירישער אָביעקט מיט זיינע טואונגען און טראַכטונגען האָט אים מאָראַליש פאַנאַנדערגעשטורעמט און פאַר אים אַנטפּלעקט סכנות וואָס לאָזן אים נישט רואיק איינזיצן. קעגן זיין ווילן און קעגן זיין אייגנטלעכן געמיט וואַרפט זיך דער פּאַמפלעטאַר אויף זיין קרבן אים צו פאַרניכטן מיט שפּאָט און מיט סאַטירע.

דער טראַגישער העלד פון דער ביבלישער מעשה זמרי איז נישט דער נבלה־טוער זמרי, נאָר דער מאָראַליש אויפגעברויזטער פּנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, וואָס וואַרפט זיך אים דורס צו זיין.

עס איז דערפאַר קיין חידוש נישט וואָס, לייענענדיק די ביאָגראַפיעס פון די גרויסע פּאָלעמישע קריטיקער און פּאַמפלעטאַרן פון אַלע צייטן, איינגעשלאָסן די לעבנס־באַשרייבונגען פון אונדזערע נביאים אויף וויפיל זיי האָבן געקאָנט רעקאָנסטרואירט ווערן, געפינט מען אויס אַז די מייסטע פון די דאָזיקע שאַרפע סאַטירישע אַטאַקירער פון מענטשן, פון מענטשלעכע טואונגען און פון געזעלשאַפטלעכע צושטאַנדן, זייגען גאָר געווען די סאַמע צערטלעכסטע און גוטמוטיקסטע מענטשן וואָס האָבן נישט געקאָנט, ווי מען זאָגט דאָס, אָנרירן אַ פליג אויף דער וואַנט.

עכטער פּאַמפלעט — דאָס איז די טראַגישע איבערלעבונג פונעם פּאַמ־פלעטאַר אַרויסגעשריען אין סאַמע זאַט פון מאָראַלישן אויפברויז. און ווייל עס רעדט צו אונדז טראַגישע איבערלעבעניש, מעג זי זיין ווי „אומגערעכט״ — דערגרייכט זי יענעם הויכן ציל וועלכן אַריסטאָטעל האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דער טראַגיק אין דער קונסט און אין דער ליטעראַטור.

מיר ווערן מאָראַליש געררייניקט און דערהויבן פון די אויסגעדוכטע

און וואָרע אומגערעכטיקייטן וואָס עס באַגייען קעגן אונדזער אהבת ישראל אַזעלכע אומברחמנותדיקע פאַמפלעטאָרן ווי ישעיה און עמוס. עס האָבן אַ היפשע ווירקונג פון מאָראַלישער רייניקונג אויף אונדזער געמיט די שטורעם־ווינטיקע פאַמפלעטאָרן פונעם מין האַנרי דע ראָשעפאָר און קאַרל קראַוז ווען זיי זינדיקן אונטער מיט גוזמאלשאַפטלעכער רעאַקציאָנערישקייט און פאַרזינדיקן זיך מיט בפירושער אומגערעכטיקייט קעגן אונדזערע אידעאַלן און אידעאַליסטן פון יושר און פּראָגרעס.

דער זיידענער עדות

גבית עדותן וועגן די געשעענישן און איבערלעבענישן אין פּוילן, אין די יאָרן פון היטלעריסטישן גרויל, האָבן מיר אַ סך, אָבער קיינע פון די עדותשאַפטן איז נישט געווען שאַרפער און עפעקטיווער ווי לייב ראָכמאַנס אין זיין בוך „אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן" (דאָס איינציקע בוך, וואָס ראָכמאַן האָט בכלל אָנגעשריבן.)

לייב ראָכמאַנס עדותשאַפט איז די שאַרפסטע און עפעקטיווסטע, אָבער אויך די זיידענסטע גבית עדות, וואָס מיר פאַרמאָגן אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור וועגן אַ גראָבער, וועגן דער גרעבסטער און בלוטיקסטער פון אַלע צייטן. די גראָבע און אַכזריותדיקע צייט און אירע בלוטיקע תלינים האָבן נישט באַוויזן קאַליע צו מאַכן די טייערע בן־טובים־איידלקייט פון דעם יידישן יונגנמאַן לייב ראָכמאַן פון מינסק־מאַזאָוויעצק. אַזוי ווי ראָכמאַן האָט נאָך, דאַכט זיך, קיין שום קרבן נישט גערעדט וועגן אַ תלינישער צייט, וועגן אירע מערדער און געהילף־מערדער, סיידן ער איז ביודעים און ברצון געווען אַ קאַנדידאַט אויף הייליקייט, אויף רעליגיעזער בעאַטיפיקאַציע און קאַנאָניזירונג.

אָבער ראָכמאַן איז נישט קיין הייליקער דערציילער און פאַרגיבער. עס פעלן אין זיין באַריכט און אין זיין שפּראַך די אַלע פּאַטשערקעס פון הייליקייט און פון מחילה, וואָס קאָנען צומאָל אויך זיין עכט, אָבער זייענען צומייסטן פאַלש און אַ סך מאָל נאָך פאַלשער, ווייל עס צירט זיך מיט זיי אויך דער תלין. ראָכמאַן האָט בלויז געהאַט דעם כוח נישט צו פאַרלירן די לשון נקיה פון אַן איידעלן יידישן בן־טובים. און ראָכמאַן האָט זיך נישט אויסגעלערנט צו ברענגען אַ מיאוס וואָרט און אַ מיאוסע מחשבה איבער די ליפּן אויך דעמאָלט, ווען ער ליגט אין צואה פון דער צייט און אונטער איר מערדערישער האַק. אויך פון דער בלאָטע און פון דער בלוט־קאַלוזשע אַרויס איז זיין געשריי נישט העכער און זיין וואָרט נישט גרעבער ווי דער באַרימטער אַנעקדאָטישער „שעמט אייך הער קאָזאַק". יאָ, שעמט אייך הער

קאָזאַק, די דאָזיקע הויכע מאָראַלישע ריינקייט, די דאָזיקע גרויסע מאָראַלישע גבורה פון דער שוואַכקייט, וואָס מיר האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַן אַנעקדאָט, ווייל מיר האָבן זיך געשעמט און מיר האָבן עס נישט געהאַלטן פאַר נוציק איר אַרויסצווייזן בפרהסיה אונדזער גאַנצע און פולע פאַרבאָרגענע ליבשאַפט — זי איז דער גרונט־טאָן פון דעם באַריכט, וואָס ס'האָט געשריבן דער קרבן לייב ראָכמאַן וועגן דער תלינישער צייט.

„איך זאָג קאָן איך זיך עפּעס נישט גלויבן — פאַרצייכנט ראָכמאַן אין איינעם אַ טאָג אין זיין טאָגבוך — איך קאָן נישט גלויבן, אַז ס'וועט אַמאָל זיין אַנדערש, אַז דאָס קאָן זיך גוט ענדיקן. ווייטער גלויבן מיר אין אַלץ, מיר גלויבן אין ניסים, אין השגחה פּרטית און אַפילו אין חלומות". די גזלנים זעט ראָכמאַן פאַר די אויגן און עס וואָלט געוועזן נאַריש, אַז ער זאָל זיך מאַכן אילוזיעס, אָבער ניסים, חלומות און גלויבן אין השגחה — דאָס האָט ער נישט פאַרלוירן אַפילו שטייענדיק איינגעפּרעסט אונטער דעם הילצערנעם ווענטל ביי פעלעק גנב אין שטיבל.

די דאָזיקע טאָג־בוך־פאַרצייכענונג, וואָס אָטעמט מיט עכטקייט און מיט וואָרהייט איבער אַלע בלעטער פון ראָכמאַנס באַריכט, איז נאָך וואָרער דערמיט, וואָס זי איז אין תוך ווי אַרויסגענומען פונעם דורותדיקן טאָגבוך פונעם יידישן פאָלק. איבער אַלע דורות האָט דער יידישער מענטש געזען, אַז עס קאָן נישט זיין אַנדערש און קאָן זיך נישט ענדיקן גוט, נאָר ער האָט געגלויבט אין ניסים און אין חלומות, אין אייגענע און — אין דעם גויאישן שכנס חלומות. ווי ראָכמאַן, וואָס האָט אונטערגעהערט ווי די „טשאָטקע" האָט דערציילט דער פּאַני לעווינסקאַ דעם חלום פון די „טויטע יידן, וואָס זייבען געוואָרן אָפּיצירן מיט לאַנגע בערד און האָבן גענומען יאָגן דעם דייטש און אים פאַרטיליקט", אַזוי האָט אַ פאָלק אין קלעם איבער דורות אונטערגעהאָרכט דעם גלויבן אין חלומות נישט בלויז אין אייגענעם געמיט, נאָר אויך אין געמיט פונעם גויאישן שכן.

עס איז דער יידישער גלויבן, אַז דער מענטש וועט און מוז ווערן בעסער, ווייל ער וועט סוף כל סוף אויפגעשרעקט ווערן דורך דעם חלום פון זיין אייגענער רשעות און אָפּגעשרעקט ווערן פון צו טאָן בייז דורך דעם חלום פון גליק און אויפקום, וואָס איז באַשערט דעם קרבן. אין קיין שום יידישן צייט־באַריכט איז דער דאָזיקער גלויבן נישט אַזוי אויפגעהיט געוואָרן, ווי אין דעם בוך פון לייב ראָכמאַן, דעם יידישן יונגנמאַן, וואָס ער און אַ קליינער טייל פון זיין משפחה, זיינען ניצול געוואָרן דורך אויסבאַהעלטעניש אין דער שטוב פון אַ גנב און פון אַ זונה.

אין קיין שום אַנדערן פון די חורבן־באַריכטן איז נישט פאַראַן קיין מער שאַרפע און מער גרונטאָווע קריטיק און קיין מער ביטערע סאַטירע אויף דער

מאַראַל פון דער צייט, ווי אין דעם באַריכט פון דעם סאַמע, אַזוי צו זאָגן, בנעימותדיקסטן און שטילסטן עדות און קרבן, לייב ראַכמאַן. ווארים וואָס קאָן זיין מער ווי דער באַוויז, אַז דאָס ביסל מאַראַל, אויף וויפיל עס האָט ערגעץ וואו נאָך געזשיפּעט, איז דאָס געווען אין האַרץ פון פּעלעק, דעם גנב און פון זיין שוועסטער, דער זונה?

צוויי זיינען זיי געווען די צדיקים אין סדום:

אַן איינזאַמע זונה, וואָס האָט געבענקט נאָך מענטשלעכער נאָענטקייט און געטריישאַפט און איז געווען להוט נאָך געלט. זי האָט געהאַט דעם כוח צו ריידן צו ראַכמאַנען און צו זיין משפחה, אין אַן אַנטשיידנדיקער שעה פון רעטונג, רייד, וואָס האָבן געהאַט אין זיך עפּעס פון דעם גרויס־מענטשלעכן טעם פון די ווערטער, וועלכע מיר האָבן געהערט פון מויל פון דער ביבלישער העלדין רות.

„יאָ, קינדערלעך — האָט געזאָגט די „טשאַטקע" אין יענער שעה פון סכנה צו יונגע יידישע מענטשן, וואָס האָבן געפּרוּווט צו אַנטרינען פון דייטשישער רציחה — פון איצט אָן אַרט מיך גאָר נישט. איך בין אייער מאַמע, מיין לעבן גיב איך איבער, פּונקט ווי אייערס אין גאָטס הענט, וואָס ער וועט מאַכן מיט אייך, זאָל ער מאַכן אויך מיט מיר!" און זי האָט געהאַלטן וואָרט. זי האָט זיך געלאָזט צאָלן פאַר איר וואָרט, אָבער האָט עס געטריי געהאַלטן.

און פּעלעק דער גנב, — פאַרן טויט האָט ער נישט מורא געהאַט, נאָר געשראָקן האָט ער זיך, אַז זיין משפּחה זאָל חלילה אים נישט נאָכזאָגן, אַז ער איז געהרגעט געוואָרן פאַר אויסבאַהאַלטן יידן, וואָרים דאָס וואָלט אים די משפּחה קיינמאָל, אויך נאָכן טויט, נישט מוחל געווען. אָבער דער זעלבער פּעלעק איז פונדעסטוועגן געווען איבערצייגט, אַז דער „לא תרצח" איז חל אויף אַלע מענטשן, אויך אויף יידן. ער האָט איינגעטענהט מיט זיין שוואָגער זשעלעבנסקי אַזוי: „איך ווייס איינס: „הרגע נישט!" — קיינעם נישט! און ווען ס'וואָלט געווען אַ מצווה — פאַרוואָס האָבן אונדזערע עלטערן זיי נישט אינגאַנצן אומגעבראַכט, נאָר פּונקט מיר? — ניין, גאָט הייסט עס זיכער נישט!"

קאָן זיין, טראַכט איך, אַז ווייל פּעלעק האָט אַזוי ריכטיק אויסגעטייטשט גאָטס רצון, האָט גאָט באַוויליקט, אַז ער זאָל געהרגעט ווערן טאַקע פאַר גניבה און נישט, חלילה, פאַר אויסבאַהאַלטן יידן.

פּעלעקס נאָמען איז געבליבן אַ ריינער ביי זיין משפּחה. אָבער, איך כאַפּ זיך, אַז מיט אָט דעם פּרוּוו פון סאַרקאַזם קעגן גאָט און זיינע מעשים, האָב איך מן הסתם גענומען אַ צו הויכן טאָן, אַ צו היסטערישן טאָן פון וואָרט.

דער קרבן אַליין, לייב ראַכמאַן, פאַלט אין זיין גבית־עדות־בוך קיינמאָל

נישט אַרויס פון דער וואָרט־שטילקייט. ער לעסטערט נישט. דאַרף איך זיך אין מיין לויב־וואָרט וועגן אים אויך דערפון אָפּהאַלטן.

(1950)

פריד ווייַנינגער

ס׳איז אין פריד ווייַנינגערס ערשטע צוויי לידער־ביכער: „נאַרציסן״ (טשערנאָוויץ, 1936) און „אָוונט ביים פּרוט״ (ניו־יאָרק, 1942) נישט געווען די לאַנדשאַפט ביים פּרוט און עס איז אין זיין דריטן בוך נישט פאַראַן די לאַנדשאַפט ביים האָדסאָן.

ווי אין „אָוונט ביים פּרוט״ אַזוי האָט דער דיכטער פריד ווייַנינגער אויך אין „אַ פּאַסטעך אין ניו־יאָרק״, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אויף זיין וואַנדריוּוקע צווישן די ברעגעס פון האָדסאָן און לאַ־פּלאַטאַ —

„איינגעשפּאַנט צו דער נסיעה
די לעצטע פליענדיקע פערד״.

און

„אַ, זייט געזונט איר אויף דער ערד״.

„ביים פּרוט״ און „אין ניו־יאָרק״, זיינען, אַזוי צו זאָגן, בלויז די נעמען פון די ערדישע פלי־פּלעצער, וואָס פון זיי הויבט זיך דער דיכטער אויף און פליט אַוועק צו די „הימל־קרעטשמעס״, וואו אַ פאַרבליבענער וואָלקן פאַרשיכורט זיין לעצט שטיקל בגד און אין די „הימל־שטאָלן״, וואו —

„אַ שטערן־קו, אַ שטערן־קו,
מעריקעט אויס איר זילבער־מו.״

ס׳איז אַ זעלטנקייט ביי אונדז אַ דיכטער, וואָס זאָל זיין אַזוי אויסגעטאָן פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה און פון אירע געשעענישן און אויך פון זיין אייגענער יידישער און בשר ודמ׳שער אויטאָ־ביאָגראַפיע ווי דער פּאָעט פריד ווייַנינגער.

זינט פריד ווייַנינגערס דעביוט אין די „טשערנאָוויצער בלעטער״ מיט איבער אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר צוריק, און ביז איצט, האָט זיך נישט קשה עפּעס אָפּגעטאָן אין דער וועלט, און אין דער יידישער וועלט, און מע קאָן זיך משער זיין, אַז די געשעענישן זיינען צוגעקומען גאַנץ נאָענט צו דעם יונגן טשערנאָוויצער פליט און האָבן זיך אַריינגעשניטן מיט זייער שרעק און פּיין אין זיין דיכטעריש געמיט — אָבער פונדעסטוועגן וועט מען אין

פריד וויניגערס לידער קוים געפינען אַ זכר און אַן אָפּקלאַנג פון די פּופּצן יאָר לעבן.

אין „אוונט ביים פּרוט" איז יאָ פאַראַן אַ פּאַעמע לזכר די בוקאַרעשטער פּאָגראָמען פון 1941, אָבער זי איז מיט איר טאָן און ריטם פון אַ רומעניש פאָלקס־ליד אַ יוצא דופן צווישן וויינינגערס לידער און סאָנעטן. אין „אַ פּאַסטעך אין ניו־יאָרק" איז דער איינציקער צייט־אָפּקלאַנג, וועלכן איך האָב אויסגעפונען, דעם דיכטערס איראָנישע תרעומה, אַז ער האָט געזוכט די שטערן און זיי געמוזט אָנטאָפּן אין דער בלינד מיט אַ שטעקן, ווייל —

„מע קאָן מסתם צוליב מלחמה־צוועקן,
מער ניט קיין שוועבעלעך אין הימל קריגן."

עס איז נישט קיין טענה פון מיין זייט צום דיכטער ווען איך ווייז אָן אויף אָט דעם פולשטענדיקן מאַנגל פון צייט־אָפּקלאַנגען אין זיין ליד. איך פאַרצייכן אָט די אָפּגעריסנקייט פון צייט, סביבה און אויטאָ־ביאָגראַפיע, ווייל זי איז דער בולטסטער קען־צייכן פון פריד וויינינגערס דיכטונג.

פריד וויינינגער איז אַ דיכטער אויף די אייביקע סוזשעטן פון פּאָעזיע. זיי, די צייטלאָזע פּאַסטעך־מאָטיוון פון רו, בענקשאַפט און אומעט, האָבן פאַרכאַפּט דאָס מוזישע געמיט פונעם צוואַנציק־יעריקן בחור, וואָס האָט זיך מיט נאַרציסישער צאַרטקייט געטוליעט צו דער גרופּע יידיש־דייטשע דיכטער אין דער בוקאָווינע און זינט דעמאָלט, וואו ער זאָל זיך נישט געפינען אין צייט און אין רוים —

„. . . ווי אַ פּאַסטעך טראָג איך אין מיין בליק,
די זאַפטיק־גרינע לאַנדשאַפט, אַ, וואוהין
איך וועל אַמאָל דערבענקען זיך צוריק."

דער איינציקער אויטאָ־ביאָגראַפישער עלעמענט אין פריד וויינינגערס ליד איז זיין יידיש־לשון. מיטן כוח פון יידיש איז אים נישט בלויז געלונגען צו אַנטרינען פון דער דייטשער קולטור־ספערע, וואָס האָט אויף אים גע־לויערט, נאָר אויך צו געפינען דעם וועג צום היימיש־אייגענעם אימאַזש אונטער דער שווערער לאַסט פון די „אייביקע מאָטיוון".

פריד וויינינגער געהער צו יענעם טיפּ פאַרפאַלענע און פאַרשמאַכטע ראָמאַנטיקער, וואָס —

„אַ ביסן ברויט און אַ געלעגער פאַר מיין קאָפּ
און כ'וואַרף פון זיך די גרויע זאָרג אַראָפּ.
נאָר הימלען דאַרף איך זיבן האָבן."

אָבער ווי אומפאַרשטענדלעך עס זאָל ניט זיין די „עלפענביינטורעמדיקייט" פון פריד ווייניגערס פּאָעזיע אין אַזאַ צייט, איז מען פונדעסטוועגן צופרידן מודה צו זיין, אַז פון די „סאָנעטן און לידער" רעדט אַרויס אַ דיכטעריש געמיט, וואָס די ראָמאַנטישע פאַרכלינעטקייט זיינע איז נישט קיין אָנשטעל נאָר אייגן און עכט.

1952

גראָסבאַרדס רעציטאַציעס

פון אַלע מינים קונסטן, אין וועלכע עס לאָדט זיך אויס דעם מענטשנס שעפערישקייט, איז מן־הסתם די קונסט פון וואָרט די העכסטע מדרגה. די וואָרט־קונסט איז, אַזוי צו זאָגן, נישט בלויז דער „חי", נאָר טאַקע די לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צום שפּעטסטן, פריייטיק פאַרנאַכט — זי איז דער „מדבר", דער מענטש, דער אויסדערוויילטער צווישן די באַשאַפענע.

די קונסט פון וואָרט איז כולל אין זיך אַלץ וואָס די פּלאַסטישע קונסט פאַרמאָגט, און זי האָט דערצו נאָך לשון אויך — זי קאָן רעדן.

רעדן איז דאָס שווערסטע. און דערפאַר טאַקע לייענט מן הסתם דער לייענער בלויז מיט זיין אינעווייניקסטער שטים — בלחש. ער פילט אַז ער טאָר נישט רעדן הויך, ווייל אַנדערע און ער אַליין קאָנען הערן און דערהערן ווי ער פעלשט אין דער מוזיק פונעם קינסטלערישן וואָרט.

יעדעס געשריבענע וואָרט ווערט געבוירן מיט זיין מוזיק, מיט זיין אָרי־גינעלן טאָן. יעדעס ליד, יעדע דערציילונג האָט אַן אייגענעם ניגון. יעדע ליטעראַטור האָט איר באַזונדערע מעלאָדיע.

און עס געשעט מיט דעם יידיש־וואָרט ווי מיט אַלע אַנדערע ווערטער, ווי מיט דער מענטשלעכער שפּראַך בכלל.

דעם מענטשנס רעדן, דעם מענטשנס לייענען און דעם מענטשנס זינגען, איז אַ פּערמאַנענטע פעלשונג אין דער אור־מוזיק, אין דעם אור־קלאַנג פונעם וואָרט, אין דער אור־פאַרב פונעם קלאַנג.

און וואָס איז דען די קונסט פון וואָרט עפּעס אַנדערש ווי די פּערמאַנענטע הייליקע עבודה פון צוריקשטעלן דאָס וואָרט אין זיין ריכטיקער, אָריגינעלער פּאָזיציע פון אידיי, פאַרב, קלאַנג, ריטם און טעם?

קונסט, דאָס איז די שווערסטע האָרעוואַניע פון צוריקשטעלן אַלץ אויף זיין ריכטיקן אָרט אין דער גאַנצקייט. די יוריסטן נוצן פאַר אַזאַ טוּאונג דעם באַגריף: „רעסטיטוציאָ אין אינטעגרום". אויפן פּלאַן פון קונסט מיינט

דאָס צוריק באַשאַפן דאָס וואָרט, באַפרייען עס פון אַלע קלאַנג־פאַרב־און טעם־פאַרגרייזטקייטן און פון אַלע אַנדערע פעלשונגען.

ווען דער גרויסער ענגלישער שוישפילער קין איז איינמאָל געווען צו גאַסט אין „האָוז אָף קאָמאָנס”, האָט דער ספיקער, וואָס האָט קינען באַגריסט זיך געווענדט צו די פאָלקס־פאַרטרעטער און צו זיי געזאָגט —

„לאָמיר אַלע אויפשטיין און אָפּגעבן כבוד דעם, וואָס לערנט אונדז רעדן ענגליש”.

קין, דער גרויסמייסטער פון דער בינע האָט מיט זיין דיקציע, מיט זיין אופן רעדן באַפרייט דאָס ענגלישע וואָרט פון זיינע קלאַנג און פאַרב־פעלשונגען און אים צוריקגעגעבן זיין מוזיקאַלישן בראשית.

דער מייסטער קין פונעם יידיש־שעפערישן וואָרט, דער מייסטער־זאָגער פונעם יידישן ליד און פון דער יידישער דערציילונג איז הערץ גראַסבאַרד.

איך האָב אים געהערט צום ערשטן מאָל ביי זיינע וואָרט־קאָנצערטן אין די שטעט פון רומעניע מיט פינף און צוואַנציק און מיט צוואַנציק יאָר צוריק. עס זיינען געווען שיינע צייטן — די יידישע יוגנט האָט געשטורעמט די זאַלן צו הערן ווי גראַסבאַרד גיט צוריק מיט זיין רעציטאַציע דעם ליד און דער דערציילונג דעם דיכטערס מוזיקאַלישע כוונה.

און אַלע פלעגן מיר זיך אויפהויבן מיט פרייד און באַגייסטערונג און אָפּגעבן כבוד גראַסבאַרדן, וואָס האָט אונדז מיט זיין חיתוך־הדיבור, מיט זיין וואָרט־ריטם און מיט זיין געזאַנג פון די טיפענישן, געלאָזט הערן די נישט־געפעלשטע קלאַנג־כוונה, די נישט־געפעלשטע מוזיק פונעם יידיש־שעפערישן וואָרט.

די יידישע אַמעריקע האָט היפש געזינדיקט קעגן גראַסבאַרדן. אָבער איך בין דאָ איצט ניט אויסן אויפצומאָנען באַגאַנגענע זינד. אין ערגעץ ראַנגלט זיך נישט אַזוי בולט דער גרויסער אויפטו פון יידיש־שעפערישקייט מיט דער זינד קעגן יידיש און קעגן יידיש־שעפערישקייט ווי אין אַמעריקע.

זיכער איז, און עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן לדורות, אַז ווי אין פוילן און אין רומעניע פון אַמאָל, אַזוי אויך איצט אין אַמעריקע און אין מדינת ישראל — פילן אַלע, וואָס האָבן ליב דאָס יידיש־וואָרט און דאָס יידיש־וואָרט איז אַן עיקר פון זייער גייסטיקן לעבן, די גרויסע זכיה, וואָס די יידיש־ליטעראַטור פאַרמאָגט גראַסבאַרדן, איין איינציקן גראַסבאַרד, און אַלע פילן די דאַנקשאַפט, וואָס זיי זיינען אים שולדיק פאַר לאָזן אונדז הערן די נישט־געפעלשטע אור־מוזיק פונעם יידיש־שעפערישן וואָרט.

(1953)

קללה און ברכה

קללות האָבן בטבע אַ לאַנגן אָטעם. ברכה איז קורץ. יעדעס וואָרט איז אָנגעלאָדן מיט אַ שפע פון נישט־דערזאָגטקייטן, וואָס מען דאַרף זיי נישט אַרויסברענגען, ווייל ס'פאַרשטייט זיך אַליין.

„גוט" איז אַזאַ סינטעטיש וואָרט, וואָס שעפּט אויס דאָס גוטע. אָבער שלעכט — שלעכט דאַרף מען ערשט פאַרטייטשן מיט ל"ב פּירושים.

שעפערישער מענטש און געשיכטע

דער שעפערישער מענטש קאָן נישט בלייבן שטיין ביים סאַמע ברעג פון עפּעס אַ געשיכטלאָזן ים און מוזן נעמען אַ שיף אויף צו דערגרייכן ערגעצוואו אַ שטיקל היסטאָרישע יבשה אַזוי ווייט ווי אויף יענער זייט פון צוויי טויזנט יאָר.

דער גייסטיקער מענטש, אויך דער יידיש־שעפערישער מענטש, קאָן נישט לעבן אין אַזאַ היסטאָרישער ענגעניש. דעם שעפערישן מענטש מוז די היסטאָריע זיין אַזוי באַענט, אַז ער זאָל קאָנען צו איר צוגיין צו פוס און גרייכן צו איר מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

און דער שעפערישער מענטש קאָן זיך נישט באַנוגענען בלויז מיט די עבאָס פון קולות פון יענער זייט ים פון אַ ווייטער, רומפולער געשיכטע. זיין געמיט און זיין אויער נייטיקן זיך אין די שטימען פון דער היסטאָרישער נאָענט, כדי צו קאָנען זיין אויף אַן אמת אינדערהיים, אינדערהיים ביי זיין פאָלק און אין זיין לאַנד, און אויך ביי זיך אַליין, אין זיין אייגענעם איך.

⁂

גאולה איז נישט קיין נסיעה פון איבערנאַכט, וואו דער פאָרער נעמט מיט אין טשעמאָדאַן בלויז דעם און יענעם טייל פון זיין היסטאָרישער גאַרדעראָבע, וואָס געפעלט אים גראָד בעסער. גאולה, פּאָליטישע און קולטורעלע, און בכן אויך מדינה־אויפקום, איז אַ יאַזדע אין דעם געדויער פון צייטן. און אַ פאָלק נעמט מיט אויף אַזאַ רייזע דעם גאַנצן היסטאָריש־גייסטיקן באַגאַזש.

⁂

ישראל און די גולה זענען קיינמאָל נישט געווען קיין געגנט פאַרפאָלק. און מיר זענען נישט באַרעכטיקט צו האָבן די קאָמפּלעקסטן פון קינדער פון צעשיידטע טאַטע־מאַמעס.

⁂

דער עקסטרעמיסטיש פאַרשפּיצטער געדאַנק איז אין עצם פראַגמענ־טאַריש און נישט כוללדיק. דער עקסטרעמער רעיון קאָן קיינמאָל נישט זיין מער

ווי אַ טייל פון דער מחשבה, וואָס איז אויסן צו באַגרינדן און מסביר צו זיין אַן אידייע.

מיט דער עקסטרעמקייט פון אורטייל און געדאַנק דערגייט דעם מענטשנס מוח בלויז צו תשבורת און פאַרבייט די גאַנצקייט פון דער צאָל מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער דעצימאַל־ציפער.

***

דעמב און ווערבע —
בוים זיי ביידע.
אָבער נישט דערזעלבער פלאַקער
פאַר עקידה.

***

אַ מאָראַלישע אידייע, וואָס באַוועגט זיך צו פיל אין גדר פון „נאה דורש", פאַרלירט קודם דעם גלויבן און נעמט איראָניש שמייכלען, דערנאָך ווערט זי אָן די עכטקייט פון פּאַטאָס און ווערט צביעותדיק און — ציניש.

***

פאַר דער מאָראַל איז אומעכטקייט — אַ זינד; פאַר דער קונסט איז עכטקייט — אַ דערגרייכונג.

ביכער פון שלמה ביקל

אינזיך און אַרומזיך (ליטעראַרישע און אַנדערע עסייען), בוקאַרעסט, 1936

אַ שטאָט מיט יידן (זכרונות און געשטאַלטן), ניו־יאָרק, 1943

דעטאַלן און סך־הכלען (ליטעראַרישע עסייען), ניו־יאָרק, 1943

יידן דאַוועגען (ניו־יאָרקער בילדער), ניו־יאָרק, 1948

עסייען פון יידישן טרויער, ניו־יאָרק, 1948

דריי ברידער זיינען מיר געווען (אויטאָביאָגראַפישע דער־ציילונגען און עסייען), פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1956

שרייבער פון מיין דור (ליטעראַרישע עסייען), פאַרלאַג מתנות, ניו־יאָרק, 1958